STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07518

GEVEHLTE VERK

Emile Zola

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עמיל זאָלאַ.

געזאַמעלטע ווערק

פיערטער באַנד.

היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני
52-50 עלדרידזש סטריט, ניו יאָרק.

אינהאַלט־פערצייכניס:

1. נאנא.
2. דער פערגיפטעטער קוס.

נאנא.

1.

ניין א זייגער איז דאָס „ווארייעטי" טהעאטער נאָך געוועזן לעדיג. דיא באַלקאָן און אָרקעסטער זייצען געוועזן כמעט וויא לעער, דיא עטליכע פּערזאָנען וואָס האָבען זיך דאָרטען געפונען, האָבען זיך פערלאָהרען אין דיא דונקעלע ליכט צווישען דיא לעדיגע שטוהלען, וואָס זיינען געוועזן בעשלאָגען מיט רויטען סאמעט. איבער דעם גרויסען רויטען פאָרהאנג האָבען ארומגעשוועבט שאָטענס און הינטער איהם איז געוועזן שטיל. די פוס־לעמפּלאָך האָבען געשיקט זעהר א שוואכען שיין, און דיא פּלעצער פאר דיא מוזיקאנטען זיינען געוועזן נים פער־נומען. און אויף ד'ער דריטער גאלעריע איז געוועזן אביסעל לעבעדיגער, פון דאָר־טען האָט זיך געהערט א פרייליכער געלעכטער און א הויך רעדען, און פון דיא קעפּקעס, וואָס דיא מענער און פרויען האָבען געטראָגען, איז געוון צו זעהן, אז דאָרטען האָבען זיך געפונען ארבייטער.

אין טהעאטער זיינען אריין צוויי יונגע לייט. זיי האָבען זיך געשטעלט מיט'ן רוקען צו דער ביהנע.

— וואָס האָב איך דיר געזאָגט, העקטאָר? האָט אויסגעשריען דער עלטער־רער, א הויכער יונגער מאן מיט דינע, שווארצע וואָנסען. מיר זיינען געקומען צו פריה דוא האָסט מיר געמאָגט ערלויבען אויסצורויכערן מיין סיגאר.

אין דער מינוט איז פארביי זיי דורכגעגאנגען אן אַשער.

— אַ, מאָסיע פּאַשערי, עס וועט נאָך געדויערן א האלבע שטונדע, איידער דער פאָרהאנג וועט זיך אויפהויבען.

— אויב אזוי פאר וואָס שרייבען זיי, אז ניין אוהר פאנגט זיך אָן? האָט געפרעגט העקטאָר, וועמעס דיקע געזיכט האָט אויסגעדריקט אן אונצופרידענ־הייט. היינט אין דער פריה האָט מיר קלאַריס, וואָס שפּילט אין דער שטיק, גע־זאָגט, אזפונקט ניין וועט זיך דער פאָרהאנג אויפהויבען.

פּאַשערי האָט א ציה געטאָהן מיט דיא אקסלען און געזאָגט:

— אויב דו שעפּסט דיינע נייעס פון אזעלכע קוועלען, דארפסטו ווייטער זיין פאָרזיכטיגער, ווייל זיא קאָן דיר נאָך מאכען זעהן וויא מלאכים טאנצען.

זיי זיינען ביידע א ווײַלע שטיל געוואָרען און האָבען בעקוקט דאָס טהעַ־אטער.

— דיר איז געלונגען צו קריעגען פאר לוסי'ן דיא ערשטע לאָזשע ? האָט העקטאָר געפרעגט, אומקעהרענדיג זיך מיט'ן געזיכט צו דער ביהנע.

פּאַשערי האָט א קוק געטאָהן אויף דיא ערשטע לאָזשע רעכטס און האָט געענטפערט :

— יאָ, אָבער מיר איז דאָס ניט אָנגעקומען אזוי גרינג. נאָר לוסי וועט אזוי גיך ניט קומען.

ער האָט מיט דער האַנד פערהאַלטען א געגעץ און געפרעגט :

— דוא ביזט נאָך קיין מאָל ניט געוועזן ביי א ערסטע פאָרשטעלונג ?

— ניין, איך בין ניט מעהר וויא דריי וואָכען אין פאריז.

—אויב אזוי האָסטו גליק, ווייל דיא „בלאָנדע ווענוס" וועט מאכען א רעש הײַנטיגעס יאָהר. דיא לעצטע זעקס מאָנאַטען האלט מען נאָר אין איין ריידען פון דער שטיק. אָ, דו האסט קיינמאָל אזא מוזיק ניט געהערט. באָרדענאָוו פער־שטעהט א געשעפט און האָט איהר אבזיכטליך איבערגעלאָזט פאר דער אויס־שטעלונג.

העקטאָר האָט זיך דורשטיג צוגעהערט צו זיין פריינד'ס ווערטער, און ווען יענער איז אנשוויגען געוואָרען, אום אָבצוציהען דעם אָטהעם, האָט ער געפרעגט:

און נאַנא, דער נייער שטערן, וואָס וועט שפּילען דיא ראָלע פון ווענוס, דוא קענסט איהר ?

— גערעכטער גאָט! האָט פּאָשערי אויסגעשריען, מאכענדיג ווילד מיט דיא הענד. איך בין שוין היינט טויב געוואָרען פון דיא פראגען וועגען נאַנא. וואו מען געהט, הערט מען ניט קיין אנדערע פראגען, וויא נאַנא און נאַנא. וואָס דענקסטו, אז איך קען אלע פרויען אין פאריז ? איך קאָן נאָר זאָגען, אז ווען באָרדענאָוו מאכט פון איהר אזא ווערען, דאַרף זיא זיין עפּעס רעכטס.

נאכדעם איז ער אביסעל רוהיגער געוואָרען, אָבער דיא לעדיגקייט פון טהעאטער, דיא דונקעלע בעלייכטונג, דאָס אָפטע עפענען און פערמאכען פון דיא טהירען, דאָס שטיל רעדען, וויא אין א קלויסטער האָט איהם אויפגערעגט, און ער האָט פּלוצלונג געזאָגט.

— איך קען דאָס ניט אריבערטראָגען און איך מוז פון דאנען ארויסגעהן. קום, פיליינט וועלען מיר אבזוכען באָרדענאָוו'ן און מיר וועלען פון איהם עפּעס אויסגעפינען.

ביים אריינגאנג איז ביסלעכוויז, ביסלעכוויז געוואָרען געדיכטער. אלע דריי טהירען זיינען געווען אָפען און צו צוויי דריי מיט א מאָל זיינען אריין דורך יעדע טהיר. פאר דיא אָפּישען, איז געשטאנען א רעדעל און מען האָט דיסקוטירט זעהר ווארעם. פון דער קאסע האָט זיך געהערט א גראָבער קול:

— דאָס איז בארדענאוו! האָט פּאַשערי געזאָגט צו העקטאָר.

דער דירעקטאָר פון טהעאטער האָט זיי בעמערקט.

— איהר זייט א פיינער חברה־מאן! האָט ער אויסגעשריען. אזוי האָט איהר דאָס מיר געגעבען א נאָטיץ! היינט אין דער פריה עפען איך אויף דיא „פיגאַ־ראָ“ *) ערשט איין וואָרט איז ניטאָ. נישקשה, וועגען דער יאפּאנישער געזאַנד־שאפט האָט איהר געהאט גענוג וואָס צו שרייבען.

— איהר ווילט כאפּען דיא פיש פאר׳ן נעץ, האָט פּאַשערי געענטפערט. ערשטענס מוז איך פריהער זעהן נאנא און צווייטענס האָב איך אייך גאָר ניט פערשפּראָכען.

און אום איבערצוהאקען דעם געשפּרעך, האָט ער פאָרגעשטעלט זיין קו־זין העקטאָר דע פאלואז, וואָס איז ערשט געקומען אין פאריז פערפאָלקאָמענען זיין בילדונג. דער דירעקטאָר האָט איהם אָבגעמאָסטען מיט א בליק, העקטאָר האָט אויך אויף איהם א קוק געטאָהן מיט א געוויסע ערעגונג. אָט דאָס איז באר־דענאוו, דער אויסשטעלער פון פרויען, וועלכע ער האָט בעהאנדעלט וויא ארעס־טאנטען, און וועמעס מארך איז שטענדיג געווען פערנומען מיט פּלענער, וויא צו מאכען געלד. ער האָט שטענדיג געהאלטען אין איין שרייען און שפּייען, איז מיט יעדען געווען פאמיליאר און געשאטען מיט גראָבע וויצ׳ען, וויא א פּאָליסמאַן. העקטאָר האָט געוואָלט מאכען א גוטען איינדרוק און האָט געזאָגט:

— אייער טהעאטער....

בארדענאוו האָט איהם רוהיג איבערגעהאקט און, מיט דיא קאלטקייט פון איינעם, וואָס האָט ליעב יעדע זאך אָנצורופען ביי איהר נאָמען, האָט ער גע־זאָגט:

— פאר וואָס רופט איהר עס ניט מיין עפענטליכע הויז?

פּאַשערי האָט זיך צולאכט, נאָר העקטאָר האָט זיך ביז א געוויסע שטופּע פערלאָרען און האָט ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגען.

*) פיגארא איז איינע פון דיא גרעסטע פראנצויזישע צייטונגען אין פאריז.

דערוויל האָט דער דירעקטאָר דערזעהן א דראמאטישען קריטיקער פון א צייטונג, וואָס האָט געהאט א גרויסען איינפלוס. ער איז צו איהם צוגעלאָפען און געוויטעט זיך מיט איהם. ווען ער איז צוריק צוגעקומען צו דיא צוויי יונגע לייט, האָט העקטאָר, אויס פורכט מען זאָל איהם ניט בעטראכטען אלס א פראָווינציאל, געזאָגט:

— מען זאגט, אז נאנא האט א פראכטפאלע שטימע.

זיא! האָט דער דירעקטאָר אויסגעשריען און האָט א ציה געטאָהן מיט דיא אקסלען. זיא האָט גאָר קיין שטימע ניט.

אום עפּעס פאָרט צו זאגען, האט דער יונגער מאן געאיילט צו בעמערקען:

— אבער זיא איז א גרויסארטיגע אקטריסע.

— זיא א גרויסארטיגע אקטעריסע! זיא איז ניט מעהר ווי א פּעקעל שמאַ־טעס. זיא ווייס ניט, וואָס צו טאָהן מיט דיא הענד און מיט דיא פיס.

העקטאָר איז רויט געוואָרען און האָט ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגען ווייטער, נאָר פאָשערי וואס איז דיא גאנצע צייט געשטאנען און האָט נאָכגעקוקט דיא פרויען, וויא זיי זיינען אריינגעקומען פון גאס, איז געקומען צו הילף זיין קוזין און געזאָגט:

— אויב אייער נאנא קען ניט זינגען און קען ניט שפּילען, וועט איהר חיינטיגע נאכט דורכפאלען.

— דורכפאלען! האָט דער דירעקטאָר געזאָגט בייז. מיין גוטער יונג, איהר זייט נאָך אביסעל נאריש איז דען פאר א פרוי נעטהיג צו קענען זינגען אָדער שפּיעלען? נאנא פארמאָגט עטוואָס, וואָס שטייגט איבער אלעס. פערלאָזט זיך אויף מיר, איך פערשטעה זיך מעהר אויף דעם, און אויב איך וועל היינט מאכען א פעהלער, קענט איהר מיך אָנרופען וואָס איהר ווילט. איהר וועט זעהען, זיא דארף נאָר ערשיינען און דאָס גאנצע טהעאטער וועט זיין אויסער זיך פאר ענטציקונג.

ער האָט אויפגעהויבען זיינע הענד, וואָס האָבען געציטערט פאר ענטהוזי־אזמוס, און האָט צו זיך אליין געזאָגט:

— זיא וועט ווייט אוועק! א לייב האָט זיא, אָ, א לייב!....

אויף פּאָשערי'ס ביטע, האָט ער זיי געגעבען איינינגע איינצעלהייטען וועגען נאנא. ער האָט דערצעהלט, אז ער האָט געזוכט א פרוי פאר ווענוס'ס ראָליע אין דער נייער שטיק. ער האָט ניט ליעב לאנג זיך צו האלטען ביי א פרוי. פער־קעהרט, ער גיט זיי וואָס גיכער איבער דעם פּובליקום. נאָר זינט ער האָט אריינ־

געבראכט נאנא, האט זיך א גאנצער שטורם פון אייפערזוכט אויפגעהויבען צווי־שען די אקטריסעס. ראָזא מיגנאָן, די בעסטע אקטריסע און זינגערין אין זיין טרופע, דראָהט איהם יעדע מינוט אוועקצואווארפען. זי האָט מורא פאר א קאָנ־קורענטין, אבער ער וועט זיך פאר די נאָז ניט לאָזען פיהרען, און ווען איינע פון זיינע ווייבער, וויא ער האט זיינע אקטריסעס גערופען, הויבען אָן צו מאכען אן אנשטעל, קלאפט ער איהר דורך, ווייל אנדערס קען מען מיט דעם פאָלק ניט אויסקומען.

— קוקט! האָט ער פלוצלונג געזאָגט. אָט געהט מיגנאָן און שטיינער. וויא איהר ווייסט, איז שוין ראָזא שטיינערן מיאוס געוואָרען, און דער מאן היט איהם, ער זאָל פון איהר ניט ענטלויפען.

מיגנאָן א הויכער ריעז, מיט א פיער קאנטיגען קאָפּ האָט זיך דורכגעשטופט דורדך דער מענגע און האָט מיטגעשלעפט פאר דער האנד דעם באנקיר שטיי־נער. דער באנקיר איז געווען א נידעריגער מיט א דיקען בויך און זיין קיילעכדיג בערדעל האָט שוין אָנגעהויבען גרוי צו ווערען.

— איהר האָט איהר נעכטען באגעגענט אין מיין קאבינעט, האָט דער די־רעקטאָר געזאָגט צום באנקיר.

— אָח, איז דאָס געווען זי! האט שטיינער אויסגעשריען. איך האב טאָ־קע אזוי געדענקט, נאָר איך האָב ניט געהאט קיין צייט איהר אָנצוקוקען, ווייל זי איז אריינגעקומען ווען איך האָב געהאלטען ביים ארויסגעהן.

מיגנאָן האָט זיך צוגעהערט צום געשפרעך מיט אָנגערוקטע ברעמען און האָט פערשטאנען, אז דאָס רעדט מען פון נאנא. און זעהענדיג, אז ביים באנקיר צוברענען זיך די אויגען, האט ער דעם געשפרעך איבערגעריסען:

— קומט, ליעבער, עס איז ניט ווערטה צו ריידען וועגען דער גאסען מיידעל. מיין פרוי ווארט אויף אייך אין מיין גארדעראָב.

ער האָט איהם געוואָלט אוועקשלעפען, אָבער שטיינער האָט זיך ניט גע־לאָזט. ביי דער קאסע איז געוואָרען א געדרענגניס און מען האָט נאָר געהערט „נאנא, נאנא!“ קיינער האט ניט געוואוסט, ווער זי איז און פון וואנען זי האָט זיך גענומען. מען האָט וועגען איהר דערצעהלט פערשידענע געשיכטען. דער נאָמען האָט געקלונגען זעהר שעהן און יעדער האָט איהם געטראגען אויף די ליפען. יעדער האָט געברענט פון נייגיערדע צו זעהן נאנא, ביי איין דאמע האָט מען אין שטופעניש אָבגעריסען דאָ שלעפע און א הערר האָט פערלאָרען זיין הוט.

— איך מוז געהן, האָט דער דירעקטאָר געזאָגט צו א גרופּע יונגע לייט, וואס

האבען איהם געפרעגט וועגען נאנא. האָט געדולד נאָך א ווײלע און איהר וועט איהר באלד זעהן.

מיגנאָן האָט דערמאָנט שטײנער'ן, אז זײן פרוי וויל איהם ווײזען דאס קלייד וואָס זיא וועט טראָגען אין ערסטען אקט.

— זעה, דאָרטען שטײגט ארויס לוסי פון קארעטע, האָט געזאָגט העקטאָר פאלואז צו פאָשערי.

לוסי איז אָנגעקומען, זיא איז שוין געווען א פרוי פון א יאָהר פערציג, קליין און מיאוס, מיט א מאָגערען געזיכט און א לאנגען האלז, נאָר זײענדיג זעהר לעב־עדיג און גראציעז, האָט זיא געהאט ביי יעדען חן. מיט איהר איז געקומען קאַ־ראָלין העקע און איהר מוטער. קאראָלין איז געווען א קאלטע שעהנהייט און דיא מוטער האָט ניט געהאט קיין טראָפּען לעבען אין זיך.

— דוא געהסט מיט אונז, האָט לוסי געזאָגט צו פאָשערי. איך האָב רע־זערווירט פאר דיר א פּלאַץ.

— געוויס אזא, אז איך זאָל גאר ניט קענען זעהן, האָט ער געענטפערט. איך האָב א זיץ אין אָרקעסטער, דאָרטען וועל איך קענען בעסער זעהן.

לוסי האָט געשיינט צו פיהלען זיך בעליידיגט. וואָס איז? ער האָט מורא מיט איהר זיך צו ווײזען? זיא איז אבער גליך ווייכער געוואָרען און געפרעגט:

— פאר וואָס האָסטו מיר ניט געזאָגט, אז דוא קענסט נאנא?

— נאנא? איך האָב איהר קיין מאָהל ניט געזעהן, האָט ער געענטפערט.

— ווירקליך? און מיר האָט מען געזאגט, אז דו ביזט גוט בעקאנט זאָ־גאר מיט איהר שלאָף־צימער.

אין דיזען אויגענבליק האָט מיגנאָן צוגעלייגט דעם פינגער צו דיא ליפּען צום צייכען, אז זיי זאָלען שווייגען און אין דער שטיל האָט ער געזאָגט צו לוסי'ן, ווייזענדיג אויף א יונגען מאַן:

— דאָס איז נאנא'ס ליעבהאָבער.

אלע האָבען מיט נייגיערדע נאָכגעקוקט דעם יונגען מאַן. ער איז געווען א שעהנער יונג, פאָשערי האָט איהם דערקענט; ער האָט געהייסען דאגענע און האָט אויף פרויען פערשוועגדעט דריי הונדערט טויזענד פראנק. איצט האָט ער זיך ארומגעדרעהט אויף דער בערזע און האָט פערדיענט קוים אזוי פיעל, אז ער האָט נאָר געקענט בעצאָהלען פאר זייערען א דינער און קויפען פאר זיי א בוקעט. לוסי'ן זיינען זיינע אויגען זעהר געפעלען געוואָרען.

— אַט איז בלאַנש ! האָט זיא אויסגערופען. זי האָט דאס מיר דערצעהלט, אז דו ביזט ביי נאַנא אין שלאָף־צימער אַזוי היימיש.

בלאַנש, א הויכע און פעטע בלאָנדינע מיט א געפּארבטען, שעהנעם גע־זיכט, איז געגאַנגען געאָרמט מיט'ן גראַף וואַנדערוואָר. ער האָט זיך פערנייגט פאַר דיא שטעהענדע און איז אוועק ווייטער.

— מען קלינגט שוין ! האָט זיך דערהערט א געשריי און עס האָט זיך אָנ־געהויבען א שטופּעניש.

— וויא גראָב דיא מענער זיינען ! האָט לוסי געזאָגט.

פּאַשערי און פאלואז זיינען ווידער געשטאַנען נעבען זייערע שטוהלען אין אָרקעסטער. דאָס טהעאַטער איז געוואָן העלל בעלויכטען, דיא מוזיקער זיינען שוין געוועזען אויף זייערע פּלעצער, דיא שטופּעניש אין געוועזען גרויס און אַלע האָבען גערדט.

אויף דיא גאַלעריע איז דיא געדרעננגניס געוועזען שרעקליך. דיא היץ איז געוועזען אונערטרעגליך. פּאַשערי און פאלואז האָבען גענומען מיט דיא אויגען זוכען בעקאַנטע אין דיא לאָזשען.

— ווער איז יענע דאמע אויף'ן באַלקאָן, וואס זיצט נעבען יונגען מיידעל אין בלויען ? האָט פאלואז נעפרעגט און האָט אָנגעוויזען אויף א דיקע פרוי, וואָס איז געשוואוּמען אין איהר אייגענע פעט, און וועמעס קליידער האָבען שיער ניט געפּלאַצט. א מאָל איז זיא געוועזען א בלאָנדין, נאָר איצט האט זיא דיא האאר געפּארבט געל און זיי האָבען ארומגערינגעלט אין קליינע לאָקען איהר דיקע און געפּארבטע געזיכט.

— דאָס איז גאַגא ! האָט פּאַשערי געענטפערט. זיא האָט א מאָל געשפּיעלט א גרויסע ראָלע אין דער צייט פון לואי פיליפּ, נאָר איצט פיהרט זיא זיך ארום מיט איהר טאָכטער.

פאלואז האָט נאָר געהאַט אויגען פאַר דער מוטער. זיא האָט אין זיינע אויּ־גען געהאַט דעם זיעבעטען חן, נאָר ער האָט זיך דאָס געשעמט צו זאָגען.

דיא מוזיק האָט אָנגעהויבען צו שפּילען. דיא געדרעננגניס איז נאָך געוועזען זעהר שטאַרק. גאַנץ פּאַריז איז דאָ געוועזען, יענער פּאריז וואָס בעזוכט יעדע ער־סטע פּאָרשטעלונג, דער פּאַריזער ליטעראַטור, פינאַנץ און פערגניגען, א זעהר אויסגעמישטע געזעלשאַפט, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען מעהר אויס־געלאַסענע פרויען, וויא אַנשטענדיגע.

פּאַשערי האָט זיין קוזין אָנגעוויזען אויף דיא דראַמאַטישע קריטיקער און נאָך אויף אַזעלכע, וואָס האָבען איהם אינטערעסירט. פּלוצים האָט זיך פּאַשערי

אבגעשטעלט אין מיט'ן רעדען, ווען ער האט דערזעהן, אז זיין קוזין האט זיך פארנייגט פאר א געזעלשאפט, וואס איז געזעסען אין א לאזשע אנטקעגען דער ביהנע.

— וויא? האט ער געפרעגט איבערראשט. דו קענסט דעם גראף מופפא דע בעוויל?

— א, איך קען זיי שוין פון לאנג! האט העקטאר געענטפערט. זיי האבען א גוטעס ניט ווייט פון אונז. איך קום אפט אין זייער הויז. דיא דאמע איז דיא גרעפין, און דער אלטער מאן איז איהר פאטער, מארקיז סואר.

און זעהר שטאָץ איבער דער בעקאנטשאפט האט ער דעם קוזין איבערגעגע־בען מעהר איינצעלהייטען וועגען דער פאמיליע. דער מארקיז איז א מיטגליעד פון דעם מיניסטעריום, און דער גראף איז ערסט געווארען קאמער־הערר ביי דער קייזערין. פאשערי האט בעטראכט דורך דעם אפערא־גלאז דיא גרעפין, א בילד שעהנע פרוי מיט שווארצע אויגען און ווייסע לייב, און ער האט געזאגט:

— צווישען די אקטען ווערסטו מיך זיי פארשטעלען, איך וואלט וועלען זיין איינגעלאדען צו זייערע דינסטאג אבענדען.

פון דער אויבערסטער גאלעריע האט זיך אנגעהויבען א פייפעריי. דאס פובליקום האט זיך נאך אלץ געשפארט און פון דיא טונקעלערע טהיילען פון זאל האט זיך געהערט א געשריי: „זעצט זיך אנידער!" א ציטער איז דורכגעגאנ־גען דורך דער מענגע, ענדליך ווען מען קענען זעהן דיא „נאנא", פון וועלכע פאריז רעדט שוין גאנצע אכט טאג. דער געשפרעך איז אלע מאל שטילער געווא־רען, און נאר איינצעלנע שטימען האבען זיך געהערט. דיא מוזיק האט געשפיעלט א פרייליכען וואלץ. דיא קלאקיארען אין דיא ערסטע רייהען האבען אפלאדירט און געקלאפט. דער פארהאנג האט זיך אויפגעהויבען.

— קוק! האט פאלואז געזאגט צום קאזין. עפעס א יונגער מאן איז ביי לוסין אין לאזשע.

ער האט געקוקט אין לוסי'ס לאזשע, וואו איצט איז געזעסען א הויכער יונגער מאן, מיט שעהנע בלאנדע האר און עלעגאנט געקליידעט.

— דאס איז לאבארדעט, האט פאשערי געזאגט מיט א זארגלאזען טאן, גלייך וויא זיין אנוועזענהייט אין לוסי'ס לאזשע איז געווען גאנץ פערשטענד־ליך.

הינטער זיי האט מען גענומען שרייען עס זאל ווערען שטילער, און זיי האבען געמוזט אויפהערען צו ריידען.

דער ערסטער אקט פון דער „בלאַנדע ווענוס“ האָט זיך אָפּגעשפּיעלט אויפ'ן אָלימפּ. דיא קוליסען האָבען פאָרגעשטעלט וואָלקען. רעכטס איז געשטאַנען יו־פּיטער'ס טהראָן.

אויף דיא ביהנע איז געשטאַנען א כאָר פון מלאכים, וועלכע האָבען גע־זונגען און צוגעגרייט פאר'ן געטליכען ראטה פּלעצער צום זיצען. דאָס פּובליקום האָט זיך נאָך געהאַלטען רוהיג און געוואַרט. נאָר פּאלואז האָט אַפּלאָדירט קלאַ־ריסאַ'ן, וועלכע איז געווען געקליידעט אין א בלויען קאָסטיום און האָט פאָרגע־שטעלט דיא געטין אירים.

ווען ראָזא מיגנאָן איז ערשינען, אלס געטין דיאַנא איז דאָס פּובליקום גע־וואָרען אביסעל בעלעבט, נאָר באַלד האָבען אַלע ווידער אָנגעהויבען צו לאַנגווייַ־לען און אין זאַל איז איבערגעגאַנגען א מורמעל פון אונצופרידענהייט.

— איהר וועט זעהן, האָט הערר מיגנאָן געזאָגט צו שטיינער. איהר וועט זעהן אז דיא שטיק וועט מיאוס דורכפאַלען.

אין דיעזען אויגענבליק האָבען זיך דיא וואָלקען צוטהיילט און נאַנא איז דער אַלע פון ווענוס איז ערשינען. נאַנא איז געווען צו הויך און פול פאר איהרע אכטצעהן יאָהר. זיא האָט געטראָגען א בלויען טוניק און איהרע שעהנע בלאָנ־דע האָאר זיינען געווען צולאָזט איבער דיא אקסלען. זיא איז צוגעגאַנגען ביז צום ראַנד פון דיא ביהנע און האָט אָנגעקוקט דאָס פּובליקום מיט א זעלבסט צופריי־דענעם שמייכעל. זיא האָט אָנגעהויבען צו זינגען איהר גרויסע אריע, נאָר ביים צווייטען פערז האָבען דיא צושויער אָנגעהויבען צו קוקען איינער אויפ'ן צוויי־טען. וואס איז דא געווען א שפּאַס אָדער א וועט פון דעם דירעקטאָר. מען האָט נאָך אין א טהעאַטער קיין מאָהל ניט געהערט אזא פאַלשע און אונגעשוהלטע שטימע. איהר דירעקטאָר האָט געזאָגט, אז איהר זינגען דערמאָנט דעם שפּריץ פון א קליסטיר. זיא האָט זיך ניט געוואוסט, וויא צו האַלטען. זיא האָט געמאַכט מיט דיא הענד און געשאָקעלט זיך מיט'ן גאַנצען קערפּער. אין פּאַרטער און אין דיא אויבערסטע רייהען האָט מען שוין געגומען שרייען „אחא!“ פון איינינגע ער־טער האָט זך געהערט א פייפעריי, ווען פּלוצים האָט זיך דערהערט א קוויטשעדי־גער קול פון אָרקעסטער:

— ווי רייצענד!

דאָס גאַנצע הויז האָט זיך אומגעקוקט אויף דעם פּונקט, פון וואַנען דיא ווערטער האָבען זיך דערהערט. דאָס איז נאָך געווען א יונגער אינגעל מיט א קינדעריש געזיכט, וועלכער האָט מיט גרויסע אויגען זעהר בעוואונדערט נאַנא. ווען ער האָט דערזעהן, אז אַלע קוקען אויף איהם, איז ער געוואָרען רויט פאר

שאנדע. ראגענע, וואָס איז געזעסען לעבען איהם, האָט אויף איהם א קוק געטאָהן מיט א שמייכעל, און דאָס גאנצע פובליקום האָט זיך צולאכט אויס'ן קול און האָט פערגעסען וועגען דעם אויספייפען, וואָס איז יעדען געלעגען אויף דיא ליפען. און דיא יונגע לייט, וועלכע איז געפעלען געוואָרען נאנא'ס פרעכע ערשיינונג, האָבען זאָגאר אנגעהויבען אפלאָדירען:

— בראוואָ, זעהר גוט!

וויא נאנא האָט דערזעהן אז דאָס פובליקום לאכט, האָט זיא זיך אויך צו־לאכט און דאָס האָט נאָך פערגרעסערט דיא הייטארקייט. נאנא איז געווען א זעלטענע שעהנהייט, אין דעם האָט קיין צווייפעל ניט געקענט זיין און ביים לאכען איז ביי איהר געוואָרען א חן־גריבעלע אין קין־באק, וואָס האָט איהר צו־געגעבען א גרויסען רייץ. דאָס האָט איהר געשטעלט אויף א פריינדשאפטליכען פוס מיט'ן פובליקום און מיט א ווינק האָט זיא געשיינט איהם צו זאגען: איך וויים, אז איך האָב ניט קיין ברעקעל טאלאנט, נאָר דאָס מאכט גיט אויס. איך האָב דערפאר עפּעס אנדערס. זא האָט דעם קאפּעלמייסטער געמאכט א צייכען, וואָס האָט געהייסען אזוי גוט וויא: "פּאָרווערטס, מיין ליעבער" און זיא האָט אָנגעהויבען צו זינגען דעם צווייטען קופּלעט.

דיא שטימע איז געווען דיא זעלבע קוויטשערדיגע, נאָר זיא האָט שטארק געקיצעלט דאָס פובליקום. פון צייט צו צייט איז צווישען פובליקום דורכגעגאנגען א שטילער ציטער. נאנא האָט נאָך אלץ געשמייכעלט. דער שמייכעל האָט גע־שפּיעלט אויף איהר רויטען און שעהנעם מיילכעל און בעלויכטען איהרע העל־בלויע אויגען. ביי געוויסע פערזען, וואָס האָט געהאט א דאָפּעלטע מיינונג, האָט זיא געקנייטשט מיט'ן נעזעל, דיא נאָז לעבער האָבען געציטערט, און דיא בעק־לאַך האָבען אויפגעפלאמט. זיא האָט זיך אלץ געשאָקעלט מיט'ן גאנצען קער־פּער, נאָר איצט האָט דאָס אָנגעהויבען געפעלען ווערען דעם פובליקום. די הערר־ן האָבען פון איהר דיא אָפּערא־גלעזער ניט אראָפּגעלאָזט. ביי דער ענדע פון קופּ־לעט האָט זיך איהר שטימע איבערגעריסען. זיא האָט פערשטאנען, אז ווייטער וועט זיא ניט קענען געהן, נאָר דאָס האָט איהר ניט אָנגעהויבען צו אארען. זיא האָט אדרעה געטאָהן מיט די היפטען, דיא קיילעכדיגקייט פון וועלכע האָט זיך אדויסגעזעהן פון אונטער דעם דינעם טוניק. א שטורם פון אפּלאָדיסמענטען האָט אויסגעבראָכען. איצט האָט זיא זיך אומגעקעהרט מיט'ן רוקען צום פובליקום און איז אבגעגאנגען און האָט דערביי בעוויזען איהרע פּראכטפאָלע רויט־בלאָנ־דע האָאר. דאָס פובליקום האָט ווילד אפּלאָדירט.

דער שלום אקט איז בעגעגענט געוואָרען קיהלער און דאָס פּובליקום האָט זיך אָנגעהויבען צו שפּארען צו דיא טיהרען. איבעראל האָט זיך געהערט איין פראזע: דאָס איז א אידיאָטישע שטיק. א קריטיקער האָט בעמערקט, אז אזא שונד דארף מען אָהן רחמנות צוקלאפּען. דאָס פּובליקום אָבער האָט זיך ווענינ געקימערט וועגען דעם שטיק, מען האָט נאָר גערעדט וועגען נאנא.

— איך קען איהר! האָט שטיינער אויסגעשריען, וויא נאָר ער האָט דער־זעהן פאשערי ביים ארויסגאנג. איך געדענק ריכטיג, אז איך האָב איהר ערגעץ בעגעגננט, און איך בין זיכער, אז דאס איז געווען אין דער קאזינא. נאָך מעהר, איך גלויב, אז זיא איז געווען שכור.

— איך פיהל דאסזעלבע, וואס איהר, האָט פאָשערי געענטפערט. איך האָב איהר ערגעץ געטראפען. ער האָט זיין שטימע אראָבגעלאָזט און געזאגט אין דער שטיל: מיר דאכט, אז ביי מאדאם טריקא.

— אלענפאלס אין א שמוציגען פּלאץ האָט מיגנאָן אויסגעשריען, אין צאָרן. און עס איז עקעלהאפט צו זעהן, וויא דאס פּובליקום בעגעגענט מיט אויס־געשטרעקטע ארעמס יעדע דירנע, וואס קומט. באלד וועט מען שוין ניט קענען געפינען קיין אנשטענדיגע פרוי ביים טהעאטער און עס וועט קומען אזוי וויט, אז איך וועל מעהר ניט דערלאזען מיין ראזע צו שפּיעלען.

דער זשורנאליסט פאשערי האָט זיך געמאטערט איינצוהאלטען ניט אויס־צושיסען מיט א געלעכטער.

דער ליארעם פון דיא גראבע שיך, וואס דיא אראָבשטייגענדע פון דיא טרעפּ האָבען געמאכט, האָט נאָך אָנגעהאלטען. א נידריגער מענשעל מיט א מיץ אויפ'ן קאָפּ האָט געזאָגט.

— אויף מיינע נאמנות, זיא איז א פעטער ביסען. מען קען זיך מיט איהר ניט דערווערגען.

אין קאָרידאָר האָבען צוויי יונגע לייט, מיט פריזירטע האָר און פיין געקליי־דעט געפיהרט א חיסע דעבאטע נאָר געענדיגט האָבען זיי מיט דעם, אזביידע האָבען צוגעגעבען, אז איהרע אויגען זיינען זעהר שעהנע.

— מען קען גאר ניט וויסען, האָט שטיינער געזאגט. מען דארף זעהן, וואס דער צווייטער אקט וועט ווייזען.

מען האָט אנגעהויבען צו קלינגען. און דער קאָרידאָר איז גיך לעדיג געוואָ־רען. ווען פאָשערי און זיין קוזין זיינען אריינגעגאנגען, האָט זיך דער פאָרהאנג אויפגעהויבען.

פאלוּאז האָט מיט דיא אוינגען אַבגעזוכט דיא פעטע נאנא און צו זיין ער־שטוינגען האָט ער געבען איהר דערזעהן זיצען דעם הויכען יונגען מאן מיט דיא בלאָנדע האָר, וואס איז געזעסען אין דעם ערסטען אקט מיט לוסי אין לאָזשע.

— וויא איז דער נאָמען פון דעם העררן ? דוא האָסט מיר שוין איין מאָל געזאגט, נאָר איך האָב פערגעסען.

פאַשערי האָט א קוק געטהאָן און געענטפערט, וויא פריהער מיט דעם זעלבען זאָרגלאָזען טאָן :

— אה, יא, דאס איז לאַבאָרדעט.

אין דעם צווייטען אקט איז נאנא ערשיענען אלס א פרוי - פיש, מיט א מיכעל איבער'ן קאָפּ און איהר קיילעכדינע האלז און בלויזע ברוסט בעדעקט מיט גאָלד - שמוק. זיא איז געווען אזוי ווייס און גוט געפּאָרעמט, אזוי נאטירליך, אז זיא האָט גלייך געוואונען דיא סימפאטהי פון גאנצען פובליקום. צוליעב איהר האָט מען ראזא מיגנאָן אין גאנצען פערגעסן. איהר האָט מען אלעס ערלויבט, איהר שלעכטע האלטונג אויף דער ביהנע, איהר פאלשען זינגען און נים וויסען די ראלע. זיא האָט נאָר געדארפט ווענדען זיך צום פובליקום מיט א שמייכעל און מען האָט איהר גלייך אפלאָדירט.

ביים שלוס פון צווייטען אקט, האָט דאָס פובליקום ארויסגערופען אלע שוישפּיעלער. זייא זיינען אלע ערשיענען, האלטענדיג זיך פאר דיא הענד און אין מיטען זיינען געווען נאנא און ראזא מיגנאָן.

— איך מה ארויפגעהן בענריסען דיא גרעפין מופפא, האָט לא פאלואז געזאגט.

— גאנץ רעכט, דוא וועסט מיך בייא דיזער געלעגענהייט איהר פארשטעלען, האָט זיין קוזין דער זשורנאליסט געענטפערט.

עס איז נים געווען אזוי לייכט צו צוקומען צו דיא לאָזשעס אויפ'ן באלקאָן. מען האָט געמוזט שווער ארבייטען מיט דיא עלענבויגענס, אום צו מאכען זיך א וועג.

וועהרענד פאשערי האָט געזוכט דיא ערטער פון דער לאָזשע, איז צו איהם צוגעגאנגען גראף וואנדערוור, און אויסגעפינענדיג, אז זיי זוכען נומער 7, פון וואנען ער איז ערסט ארויסגעגאנגען, האָט ער זיי געוויזען, און געזאגט צום זשורנאליסט אין דער שטיל :

— זאגט, איז דיא נאנא נים יענע מיידעל, וואס מיר האָבען אמאָל אנגע־טראָפען אין עק פון רוע פּראווענס ? ...

איהר זיים נערעכם, האָם פּאַשערי אויסגעשריען. מיר האָם זיך אַלע געפּלאָנטערט אין קאָפּ, אַז איך האָב איהר ערגעץ געזעהן.

פּאַלואַז האָט זיין קוזין פאַרגעשטעלט פאַר׳ן גראף מופּפּא דע בעוויל, וועלכער האָט אויסגעזעהן צו זיין זעהר א קאַלטער מאַן. דיא גרעפין האָט מיט איהם א ווײַלע גערעדט און האָט זיי איינגעלאַדען אויף׳ן קומענדען דיענסטאג. זייער געשפּרעך האָבען זייא װעגען דער נייער שטיק נאָר ניט גערעדט און נאַנאַ׳ס נאָמען איז ניט דערמאָהנט געוואָרען. דער גראף האָט אין מיטען, וויא פאַרענטפערענדיג זיך פאַר זייער אַנוועזענהייט, בעמערקט אַז זיין שוויגער־פאָטער איז א פריינד פון טהעאטער. דער מאַרקיז שואַר איז געשטאַנען אין טיהר און בעטראַכט דיא פרויען וואָס זיינען פערביי איהם דורכגעגאַנגען?

ארויסגעהענדיג פון דער לאָזשע, האָט פּאַלואַז ווידער בעמערקט דעם הויכען בלאָנדען, וויא ער האָט זיך פריינדליך אונטערגעהאַלטען מיט בלאַנש.

— מיר שיינט, האָט ער געזאָגט צו זיין קוזין, אַז דיזער לאַבאָרדעט קען אַלע פרויען. איצט זיצט ער שוין מיט בלאַנש.

— קען אַלע פרויען! געוויס קען ער זיי, האָט פּאַשערי געענטפערט. פאַר וואָס זאָל ער זיי ניט קענען?

אין קאָרידאָר אין א ווינקעל איז געשטאַנען א יונג מיידעל, קוים אכטצעהן יאהר אַלט. איהרע אויגען זיינען געווען ווייך וויא א סאַמעט און ריין וויא דער טאג איהר בליק איז געוועזן זאַנפט און אונשולדיג איהר קלייד פון גרינעם זיידענס איז געווען אַבגעבלאַקירט און איהר הוט איז געווען איינגעשלאָגען קענטיג פון א קלאַפּ. זיא איז געווען בלייך פון קעלט.

— דאָס איז סאַטין! האָט פּאַשערי געזאָגט, ווען ער האָט איהר דערזעהן.

ער האָט איהר א ווינק געטאָהן, זיא זאָל צו איהם צוגעהן אָבער זיא האָט ניט געוואָלט.

— ווער איז זיא אזוינס? האָט פּאַלואַז געפרעגט.

— ניט מעהר וויא א שטראָסען־מיידעל, אָבער זיא איז זעהר קלוג און עס איז אַמוזאַנט מיט איהר צו רעדען.

— מיגנאָן איז פון דעם באַנקיר שטיינער ניט אָבגעטראָטען און זעהענדיג, אַז ער רעדט זעהר וואַרעם פון נאַנאַ, האָט ער צו איהם געזאָגט:

— איך וועל אייך מיט איהר בעקענען, אָבער מיין ראַזאַ דאַרף דער פון ניט וויסען.

— דער פארהאנג האט זיך אויפגעהויבען און דיא קלאקליארען האבען אפ־לאדירט דיא דעקאראציאנען. דיא סצענע האט פארגעשטעלט א זילבער־מינע און דיא ווענד האבען געשימערט, וויא זייא וואלטען געווען אויסגעשלאגען מיט נייען זילבער. אין דער סצענע האט דיא געטין דיאנא איינגעשמועסט דעם גאט וואלקאן אז ער זאל זיך אוועקלאזען אין א רייזע, אום צו מאכען פלאץ פאר ווע־נוס מיט מארס'ן. קוים איז דיאנא געבליעבען אליין, איז ווענוס אריינגעקומען. א קעלט איז דורכגעלאפען איבער'ן גאנצען פובליקום, נאנא איז געווען נאקעט. זיא איז אריין מיט א רוהיגע עזות, זייענדיג זיכער אין דער אלמעכטיגקייט פון איהר לייב. זיא איז געווען איינגעהילט אין א איינפאכע גאזע־שלייער. איהר קיי־לעכדיגע אקסלען, איהר פולע ברוסט מיט דיא ראזיגע שפיצען, וואס זיינען גע־שטאנען פעסט וויא דיא עקען פון שפיזען איהרע ברייטע לענדען, קורץ איהר גאנצער קערפער האט זיך געזעהן פון דעם לייכטען שלייער. דאס איז געווען ווע־נוס וויא זיא שפרינגט ארויס פון דער ים ־ פיענע און האט ניט קיין אנדער קלייד, וויא איהרע אייגענע האר. ווען נאנא האט איהרע הענד אויפגעהויבען האבען זיך ארויסגעזעהן איהרע גאלד ־ פארביגע האר פון אונטער דיא פאכוועס. אבער ביי קיינעם האבען זיך דיא הענד ניט געהויבען צו אפלאדירען; קיינער האט ניט געלאכט. ביי דיא מענער זיינען דיא געזיכטער געווארען לייגגער און ערנסט; דיא נעזער אויסגעצויגען, דיא מיילער האבען געציטערט און דיא לי־פען זיינען געווארען טרוקען. עס האט געשיינט, אז אויף זייא האט א בלאז גע־טאהן א וויכער און צארטער ווינטעל, אבער וואס טראגט מיט זיך א פערבאר־גענע געפאהר. נאנא'ס קינדישע גוט ־ מוטהיגע געזיכט איז איצט פערשוואונדען געווארען; זיא האט נאך איצט אויך געשיינט, אבער דאס איז שוין געווען דער גרויזאמער שמייכעל פונ'ם ווייב וואס פערטיליגט דיא מענער.

וויא דיא געטין דיאנא איז ארויסגעגאנגען, האט ווענוס צוגערופען מארס'ן צו איהר בעט און האט איהם ארומגענומען. קיין מאל האט נאך א דירעקטאר ניט גע[illegible]ט אזא סצענע צו שטעלען אויף דער ביהנע. א מורמעל איז דורכגע־לאפען דאס גאנצע הויז. יעדער אפערא ־ גלאז איז געווען אנגעשטעלט אויף נאנא. זיא האט בעזיגט דאס פובליקום. דער דירעקטאר איז געווען גערעכט, ווען ער האט געזאגט, אז זיא דארף זיך נאר ווייזען פאר'ן פובליקום. פאשערי האט בעטראכט דאס פובליקום. דאס איינגעל, וואס האט איהר דער ערסטער אפלאדירט, האט ניט געקענט איינזיצען. גראף וואנדעוור איז געזעסען זעהר בלייך מיט צוזאמענגעפרעסטע ליפען; דער דיקער באנקיר שטיינער איז געווען אזוי רויט, אז מען האט געקענט מורא האבען, ער זאל דיא אפאפלעקסיע ניט בע־

ומען. ביי דאגענע האבען דיא אויגען געפלאמט. פאשערי האט איצט זיין בליק געווענדעט אויף מופא'ס לאזשע. דער גראף איז געזעסען הינטער דער גרעפין און האט זיך מיט דיא אויגען איינגעגראבען אין וועגוס, זיין בלייכע געזיכט איז געווען בעדעקט מיט רויטע פלאמעס. פון אלעמען האט זיך געגאסען דער שווייס און יעדער איז געווען אנגעצונדען מיט ליידענשאפט.

ווען דיא שטיק האט זיך געענדיגט, האט מען ארויסגערופען דעם אויטאר און גלייך האט מען גענומען שרייען: „נאנא! נאנא!"

— דיא שטיק וועט געהן דעם גאנצען סעזאן, האט פאלואז געזאגט צום דירעקטאר פאר'ן ארויסגעהן. גאנץ פאריז וועט איבער זיין אין אייער טהעאטער.

באָרדענאוו האט געענטפערט מיט כעס:

— צום שווארץ יאהר! פאר וואס קענט איהר ניט זאגען אין מיין באָרדעל?

2.

אויף מארגען אין דער פריה איז נאך נאנא געשלאפען. זיא האט פער־וואוינט דעם צווייטען עטאזש פון א גרויסע הויז אויפ'ן בולווארד האסמאן. א רייכער מאסקווער קויפמאן, וואס איז אראבגעקומען אין פאריז צו פערברייגגען א ווינטער, האט פאר איהר געדונגען דיזע וואוינונג און האט איינגעצאהלט פאר זעקס מאנאט פאראויס.

דער וואוינונג איז געווען צו גרויס פאר איהר און איז ניט געווען אין גאנ־צען מעבלירט. א טויזענד קלייניגקייטען האבען געגעבען צו וויסען, אז דער ערסטער ליעבהאבער האט איהר אוועקגעווארפען, און זיא איז איבערגעגאנגען פון האנד צו האנד און האט געדארפט פיהרען א ביטערן קאמפף מיט דיא קרעדיטארען, וועלכע האבען געדארפט אוועקנעהמען ביי איהר אלעס.

נאנא איז געשלאפען. זיא איז געלעגען אויפ'ן בויך און האט מיט ביידע הענד געהאלטען ארומגענומען דיא קישען. איהרע טואלעטען אין שלאפצימער זיינען געווען איהר איינציגע גוט מעבלירטע צימערן. דיא פארהאנגען זיינען געווען פון געשטריקטען בלויען דאמאסט און דא מעבעל איז געווען בעצויגען מיט דעם זעלבען שטאף. נאנא האט זיך אויפגעכאפט מיט א צאפעל, וויא דער־שראקען פאר דיא רוהיגקייט פון צימער. זא האט א קוק געטאהן אויפ'ן צווייטען קישען וואס איז געלעגען נעבען איהר און האט קיינעם ניט געפונען. זי האט

א דריק געטאָהן דעם קנעפּעל פון עלעקטרישען גלעקיל) וואס האָט זיך געפּרנען ביי איהר צוקאָפּענס.

— איז ער שוין אוועק, זאָג? האָט זיא געפרעגט ביי איהר דיענסט.

— יא מאדאם, הער דאגענע איז מיט צעהן מינוט צוריק אוועק.

זיא האָט ארויפגעצויגען דעם פאָרהאנג און אריינגעלאזען דאס העלע ליכט פון דער זון און האָט וויטער געזאגט:

— ער האָט מיר געהייסען, איך זאָל איהך ניט וועקען און זאגען איהך אז מאָרגען וועט ער ווידער זיין.

זאָג איז געווען א שווארץ מיידעל מיט שווארצע האָר און מיט שטענדיגע בעוועגטע אויגען.

— מאָרגען! . . . מאָרגען! . . . האָט נאנא ווידערהאָלט. איז דען מאָרגען זיין טאָג?

— יא, ער פלעגט דאָך שטענדיג קומען מיטוואָך.

אָה, יא איך ערינער מיך, האָט נאנא געזאגט און האָט זיך געזעצט אין בעט.

אבער איצט האָט זיך אלעס געענדערט.... איך האָב דאס איהם היינט געוואָלט זאגען. מאָרגען וועט ער זיך צוזאמענטרעפען מיט'ן „ציגיינער" און דאס וועט זיין א פיינע געשיכטע.

— דיא מאדאם דארף מיר פריהער זאגען, ווען זיא ענדערט איהרע טעג, וויל איך דארף דאָך וויסען, וואו איך בין און דער וועלט.... דער אלטער פילץ קומט שוין מעהר ניט דינסטאג?

צווישען זיך האָבען נאנא און דיא דיענסט גערופען דיא צוויי מענער וואס האָבען איהר אויסגעהאלטען, איינעם „ציגיינער" און דעם צווייטען אלטער פילץ. דער „ציגיינער" איז געווען א וואלאך און האָט זיך ארויסגעגעבען פאר א גראף. און דער אלטער פילץ איז געווען א קארגער קויפמאן פון דער פאָרשטאדט. ווען פילץ פלעגט אכט א זייגער אין דער פריה פערלאזען נאנא, פלעגט דאגענע, וואס האָט געדולדיג אבגעווארט אין קיך, אריינכאפּען זיך אין דעם ווארעמען בעט, און זיי האָבען דאס ביידע געפונען פאר גאנץ בעקוועם.

— איך וועל איהם היינט נאכמיטאג שרייבען, האָט נאנא געזאגט. און אויב ער וועט דעם בריעף ניט ערהאלטען, זאָלסטו איהם מאָרגען אין דער פריה ניט אריינלאָזען.

זאָע איז ארומגעשפרונגען, צוראמענגריג דאס צימער און האָט דערביי גע־רעדט פון נאנא'ס ערפאָלג. דיא מאדאם האָט ארויסגעוויזען אזא וואונדער־באַרען טאלאנט און האָט אזוי שעהן געזונגען, אז זיא דארף זיך מעהר נים שרע־קען פאר איהר צוקונפט.

נאנא, ביי וועלכע דאס העמד האָט זיך אראָבגעגליטשט און דיא האָר האָ־בען זיך צולאָזט, האָט נאָר צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— געוויס, געוויס, האָט זיא געמורמעלט, נאָר וויא קומט מען איבער ביז דאמאלס? איז דער פערוואלטער פון הויז שוין געווען?

נאנא האָט מיט דער דיענסט גענומען ריידען פון ערנסטע זאכען. מען איז שולדיג פאר דריי חדשים דירה געלט און דער ווירטה פון הויז דראָהט איהר ארויסצוזעצען. אויסער דעם פרעסען איהר שטארק דער שניידער, דער קוילען־הענדלער, דער ליווערענט און דאס גלייכע, נאָר מעהר פון אלץ האָט איהר בע־זאָרגט איהר קליינער לואי, וועלכען זיא האָט געבאָרען צו זיעבצעהן יאהר און וועלכען זיא האָט אָבגעגעבען צו איין אם אין א דאָרף. זיא האָט זיך בדונגען מיט דער אם צו געבען איהר דריי הונדערט פראנק ווען זיא וועט איהר דאס קינד צוריקבערענגען. צייט פון איהר לעצטען וויזיט צום קינד, האָט זיך ביי איהר ער־וועקט איהר מוטער ־ ליעבע און זיא האָט איהר לואי געוואָלט אָפּנעהמען פון דער אם און איבערגעבען איהם צו איהר מומע לעבאן, וועלכע וואוינט אין פאריז און וואו זיא וואָלט דאס קינד געקענט זעהן, ווען זיא וויל. אויף זאָע'ס פראגע, פאר וואס זיא האָט זיך נים אנפערטרויט דעם אלטען קארגען, האָט נאנא גע־ענטפערט:

— איך האָב איהם שוין אלעס געזאגט, נאָר מעהר וויא טויזענד פראנק א מאָנאט וועט מען פון איהם נים ארויסרייסען.

דער „ציניינער" וויא עס וויזט אויס, האָט אויך קיין מזל נים געהאט ביי קארטען און מען האָט פון איהם קיין פראנק נים געקענט ארויסרייסען. דעם ארי־מען דאנגעגע האָט מען אויך געדארפט לייהען א ביסעל געלד, ווייל דיא לעצטע צייט האָט איהם אויף דער בערזע נים געגליקט און ער קען איהר אפילו קיין בלומען נים קויפען. דיא דיענסט האָט איהר געפרובט אויפמערקזאם מאכען אז איצט וועט איהר שוין נים זיין אזא זאָרג מיט געלד, זיא דארף נאָר זאָגען א וואָרט און געלד וועט ווערען.

— דאס פערשאפט מיר אָבער אויך נים דיא דריי הונדערט פראנק, האָט נאנא געענטפערט. איך מוז דיא דריי הונדערט פראנק האָבען נאָך היינט באלד, און וויא דום דאס איז, וואס איך קען זיי ערגעץ נים קריגען...

זיא האָט געוואָלט שיקען איהר מוהמע לעבא נאָכ'ן קינד, און דער געדאַנ־קען, אז זיא קען דיא נויטהיגע סומע ניט שאפען, האָט איהר פערדאָרבען איהר נעכטיגען ערפאָלג. צווישען אלע מענער, וואס זיינען נעכטען געווען אין טהעאטער זאָל זיך ניט געפינען איינער וועלכער זאָל איהר ברענגען דיא דריי־הונדערט פראנק.

אין דיעזען אויגענבליק האָט א קלונג געטהאָן דאס עלעקטריק גלעקיל, און זאָע האָט איהר באלד געמעלדעט, אז א פרוי וויל איהר זעהן. זיא האָט שוין דיא פרוי געזעהן אמאָל צוואנציג, נאָר זיא האָט זך געמאכט, אזו וויא זיא וויים ניט, וואס פאר א געשעפט דיא פרוי פיהרט מיט דיא מיידלאָך, וואס געפינען זיך אין א געלד־פערלעגענהייט.

זיא האָט מיר געזאָגט איהר נאמען, זיא הייסט מאדאם טריקאָן.

זאָע האָט אריינגעפהרט אן אלטע הויכע פרוי מיט קליינע לאָקען זיא האָט אויסגעזעהן וויא אן אלטע אָבגעקומענע גרעפין, וועלכע האלט אין איין פיהרען פראָצעסען און האָט שטענדיג צו טאָהן מיט דיא אדוואקאטען. זאָע איז אונ־בעמערקט פערשוואונדען געווארען פון צימער, וויא זיא פלעגט עס טאָהן, ווען א הערר פלעגט אריינקומען.

דיא פרוי טריקאָן האָט זיך ניט געזעצט און האָט גלייך געזאָגט:

— אך האָב היינט פאר איך איינעם, ווילט איהר?

—פיער הונדערט פראנק.

—וויא פיעל א זייגער?

— דריי. געהט איהר איין?

— יא.

דיא פרוי טריקאָן איז באלד ארויסגעגאנגען, און נאנא איז באלד ווידער איינגעשלאָפען און האָט געטרוימט פון איהר נעכטיגען ערפאָלג.

ארום עלף א זייגער איז געקומען פרוי לעבא, ביי איהר אריינקומען האָט נאנא ערוואכט.

— דו וועסט היינט פאָהרען נאָך'ן קינד, האָט נאנא צו איהר געזאגט.

— איך בין דאריבער געקומען, האָט געענטפערט דיא מוהמע. איך וועל פאָהרען מיט'ן צוג, וואס געהט אב נאָך צוועלף.

— איך וועל אבער דאס געלד ניט האָבען ביז שפעטער. דו וועסט מיט מיר מיט שפייזען און מיר וועלען וועגען דעם ברייטער ריידען.

זאָע האט איהר אריינגעטראָגען דעם פריזיר־מאַנטעל און האָט איהר גע־זאָגט, אז דער פריזירער וואַרט אויף איהר. נאר נאַנא האָט זיך געפוילט ארויס־געהן און האט א געשריי געטהאן.

— קומט אריין, פראַנסי.

און אנשטענדיג געקליידעטער הערר איז אריינגעקומען און האט מיט א וויר־דיגע מינע אָבגעוואַרט, ביז זאָע האט ארויפגעוואָרפען דעם פריזיר־מאַנטעל אויף איהר האלב נאַקעטע ווירטהין.

— האָט דיא מאדאם געזעהן דיא היינטיגע צייטונגען? האט ער געפרעגט, פריזירענדיג איהרע האר. „דיא פיגאַראָ“ האָט וועגען אייך א גוטען ארטיקעל.

מאדאם לעבא האט אָנגעטהאן איהרעברילען און גענומען לעזען דיא צייטונג. פאַשערי האָט ניט געקאַרגט און האט אָנגעשריבען גאנצע צוויי שפאלטען. דער ארטיקעל איז געווען פול מיט בייזקייט געגען דער קינסטלערין און ברוטאלער בעוואונדערונג פאר דיא שעהנע נקבה.

אויסגעצייכענט! האט פראַנסי בעמערקט עטליכע מאָל.

נאנא האָט זיך לוסטיג געמאכט איבער דיא קאָמפּלימענטען, וואס דער זשור־נאַליסט האט געשענקט איהר שטימע.

— פאשערי איז א גאַנץ פיינער יונגער מאַן, האט נאנא געזאגט, און איך וויל איהם בעדאַנקען.

— איך וועל היינט אכטונג געבען אויף דיא אַנדערע בלעטער האט דער פריזירער געזאָגט פאר זיין אוועקגאנג. זאל איך קומען וויא געוועהנליך האלב נאָך פינף?

— ברייננגט מיר א טעפּיל פּאָמאדע און א פונט קאָנפעקטען, האט זיא איהם נאכגעשריען. ראזא מיגאָן וועט היינט האבען א ביטערען טאָג, האט זיא געזאגט צו איהר טאַנטע.

זיא האט איהר דערצעהלט, וואס נעכטען איז פאָרגעקומען אין טהעאַטער און דערנאך האבען זיי גענומען ריידען וועגען דער פערגאַנגענהייט. דיא טאַנטע האט זיך פערענטפערט, פאר וואָס זיא האָט איהר ניט בעזוכט אזוי לאַנג; דיא פאַמיליע זאָגט אז עס איז אן ערנידריגונג צו בעזוכען איהר. נאָר זיא גלויבט אויף איהר ניט קיין שלעכטע זאכען, פאר איהר איז גענוג, וואס זיא געפינט איהר איצט אין א גוטע לאַגע און וואָס זיא איז א צערטליכע מוטער צום קינד. קיין בעסערע זאך וויא עהרליכע ארבייט און זיין אנשטענדיג איז גאָר ניטאָ אויף דער וועלט.

— ווער איז דער פאָטער פון דיין קינד? האט זיא פּלוצים געפרעגט.

נאנא האָט איהר פערוואונדערט אָנגעקוקט אי האט איהר ניט באלד גע־ענטפערט. ענדליך האט זיא געזאגט:

— דער פאטער איז א פיינער מאן.

זעהסט, און געזאגט האָט מען אז דער פאָטער פון קינד איז א ברוקירער, וואָס פלעגט דיך שלאָגען. דוא וועסט דאס מיר א מאָל בריימער דערצעהלען. איך וועל דיין קינד ערציהען, וויא א פרינץ.

טאַנטע לעבא האט זיך צוריקגעצויגען פון איהר געשעפט אלס בלומענמאַ־כערין און האָט געהאט פראַצענטען פון איהר געלד זעקס הונדערט פראנק א יאהר. נאנא האט איהר איצט צוגעזאגט צו געבען פאר איהר א גוטע וואוינונג און צאהלען הונדערט פראנק א מאנאט. לעבא איז געווען אויסער זיך פאר פרייד. זיא האָט איהר עטליכע מאָל ארומגענומען און געזאָגט, אז זיא זאָל אויך דיא מענער קיין רחמנות ניט האָבען און זאָל זיי צושטיקען, ווען זיא וועט זיי האלטען אין דיא הענד.

צום דינער איז מיט זיי געזעסין אן אלטע פרוי, מאַלוא, וועלכע האט געדי־ענט נאנא אלס אן עלטערע פריינדין און האט מיט איהר אנשטענדיג אויסזעהן צו־געגעבען א געוויסען רעספעקט דעם הויז. דערזעהענדיג פרוי לעבא, האָט זיא זיך אנפאנגס דערשראָקען, נאר ווען זיא האָט אויסגעפונען אז דאס איז א טאַנטע און איז ניט געקומען צונעהמען איהר פלאץ, איז זיא רוהיגער געוואָרען. ביים עסען האט זיך נאנא אפילו ניט צוגעריהרט צו דיא קאטלעטען, זיא האָט נאָר גע־זויגען דיא ביינער, און פון דיא אנדערע שפייזען, האט זיא אויך גאר ניט אָנגע־ריהרט אויסער דיא קאנפעטורען. ביים דעזערט האט נאנא געדרויבערט און דער גע־שפרעך צווישען דיא פרויען האט זיך פערצויגען זעהר לאַנג. פלוצלים איז נאנא ארויס פון געדולד און האָט א געשריי געטאהן צו דער טאַנטע, זיא זאָל זיך ניט שפיעלען מיט דיא מעסערס, ווייל דאָס מאכט איהר נערוועז. אָבער דיא אורזאכע איז געווען ניט דאס. זיא איז געווען זעהר אבערגלויביש און האט זיך געשעמט דאס צו זאָגען. דער שלעכטער טאָג פרייטאג האט איהר ניט אזוי שטארק געארט. אויך האָט איהר ניט געקימערט פערשיטען זאלץ, אָבער מאכען מיט דיא מעססער איז געווען א שלעכטער סימן.

— שוין צוויי א זייגער, האט זיא געזאָגט געגעצענדיג. איך מוז געהן....

ביידע עלטערע פרויען האבען זיך אָנגעקוקט און זייערע בליקען האָבען אזוי גוט, וויא געזאָגט:

— געוויס איז דאס ניט שטענדיג אנגענעהם.

— ביז זיא וועט צוריק קומען וועלען מיר שפּיעלען א פּארטיע, האט גע־זאָגט מאלוא צו לעבא.

נאנא האט געבעטען איהר עלטערע פריינדין מאלוא, זיא זאָל איהר אנ־שרייבען א קאַרטעל, איידער זיא זעצט זיך שפּיעלען, ווייל זיא לענט אוים זעהר שלעכט. דער בריעף איז געווען צו דאגענע און האט איהם געשריבען, אז ער זאָל מאָרגען ניט קומען.

א בעדיענטער פון טהעאטער איז דערווייל נעקומען און האט איהר דער־צעהלט, אז דער דירעקטאר באָרדענאַוו איז זעהר צופריעדען און זיי האבען שוין אויספערקויפט בילעטען פאר א גאנצע וואך.

— איהר קענט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, וויא פיעל הערען האָבען אויף אייך געפרעגט, האט ער צו איהר געזאָגט.

נאנא האט אנגעזאָגט, אז זיא וועט זיך מעהר ניט פערזאמען וויא א האלבע שטונדע און אויב עמיצער וועט קומען, זאָל מען בעטען ווארטען. נאר זיא איז גע־ווען אזוי פויל, אז זיא האט זיך נאָך אלץ ניט געריהרט פון אָרט.

— דער ליוועראנט איז שוין ווידער געקומען נאך געלד, האט זאָע בעמערקט. ער קען זיצען ביז ביי נאכט.

דריי א זייגער האט געשלאָגען.

— נאָט מיינער! איך האב שוין נעדארפט זיין דארטען, האט נאנא אויס־געשריען.

— מאך דאס גיכער, האט דיא טאַנטע לעבא געזאָגט, און איך וועל אייך קענען פינף א זייגער פאהרען,

— איך וועל ווערען גיך פארטיג, האט נאנא געענטפערט.

אין צעהן מינוט צייט איז זיא געווען פארטיג, דערווייל איז אָנגעקומען דער קייהלענהענדלער, און זיא האט געמוזט ארויסגעהן דורך דער הינטער טיהר. אום זיי זאָלען איהר ניט דערזעהן דאָס איז שוין ביי איהר ניט געווען דאס ערשטע מאָל און זיא האט נאר בעמערקט, אז איצטער וועט איהם ניט זיין אומעדיג, און ער וועט קענען דיא צייט פערטרייבען מיט'ן ליוועראנט

ביידע עלטערע פרויען זיינען געבליבען זיצען ביים טיש און פאָרטגעזעצט זייער שפּיעל. דער טיש איז געבליבען ניט אבגעראמט, דאס צימער איז געווען פול מיט רויך פון דעם פּאפּיראָס וואס נאנא האט גערויכערט. זיי זיינען אזוי גע־זעסען צוואנציג מינוט, ביז עס האט אָנגעפאנגען צו קלינגען איין מאָל נאָכ'ן צווייטען

דריי מאָל נאָך אנאנד. זאָע איז ארויסגעלאָפען און גאר אהן צערעמאָניעס געזאָגט:

— איהר קענט דא ניט בלייבען לעננער.... ווען פיעל בעזוכער קומען מוז איך האָבען אלע צימערען. נעהמט געשווינד ארויס פון דאנען!

פרוי מאַלוא האט זיך ניט געוואָגט אויפהויבען פון אָרט, ביז זיא וועט ענ־דיגען די פּאַרטיע, נאר זעהענדיג אז זאָע האט בדעה ארויפוואָרפען זיך אויף די קאָרטען, האט זיא די קאַרטע צוגענומען פון טיש אזוי, אז זיא זאָל זיי ניט פער־מישען און לערא האט גענומען דאס פּעשיל קאָניאַק, די גלעזער און די פּושקע צוקער און זיי זיינען ארויס אין קיך. וואו זיי האבען זיך געזעצט פאַר׳ן שמוציגען טיש און האבען זיך ווייטער פערטיעפט אין שפּיעלען.

— ווער איז דאס געקומען? האט געפרעגט מאַלוא ביי דער דיענסט, ווען זיא איז אריינגעקומען אין קיך.

— א איינגעל, נאָך נאר א קינד, איך האב איהם ניט געוואלט אריינלאָזען, נאר ער איז אזוי שעהן, אז איך האָב אויף איהם רחמנות געקריגען און האב איהם געהייסען ווארטען.... ער האלט א גרויסען בוקעט און וויל איהם פון די הענד ניט ארויסלאָזען.... מען בעקומט השק איהם אנצושמייסען, ער איז מסתמא אנ־טלאָפען געוואָרען פון שולע

לערא האט אָנגעהויבען צוגרייטען א פּונש, און זאָע האט געזאָגט, אז זיא וועט אויך טרינקען א גלאָז, ווייל אין מויל איז איהר ביטער, וויא א גאַל.

— וואו האָסטו איהם היינגעטאהן?

— איך האָב איהם אריינגעשטופּט אין א לעדיג צימער, האט זאָע געענט פערט.

זיא האט אָנגעהויבען זים מאכען איהר פּונש, און עס האט זיך ווידער דער־הערט א קלונג־

— עס ווערט דאָך ניט אויסצוהאַלטען, האט זיא אויסגעשריען. וואס וועט זיין שפּעטער, ווען עס מאָרדעוועט מיך זיי אזוי פריה.

זיא איז ארויס און באַלד צוריקגעקומען.

— עס איז נאָר א בוקעט, האט זיא געזאָגט.

ווען זיי זיינען פאַרטיג געוואָרען מיט׳ן טרינקען, האט זיא גענומען אבראמען דעם טיש אין עס־צימער און האט אלע ווייטע געמוזט אוועקוואַרפען איהר ארבייט און לויפען עפענען די טהיר, נאר דאס האט מען אלץ געבראכט בוקעטען.

— די צוויי קרעדיטאָרען ווערען דאָרטען שיער משוגע קוקענדיג אויף זיי.

דיא מאדאם וועט טרעפען דיא בוקעטען אויפ'ן טיש. נאר צו וואס נוצען זיי? דאס געלד, וואס מען גיט אויס אויף זיי, איז ארויסגעווארפען.

— איך וואלט זיך געוואונשען צו פערמאגען דאס געלד. וואס מענער גיבען אויס א טאג אויף בלומען אין פאריז, האט מאלוא געזאגט.

— און איך וואלט זיך געוואונשען צו פערמאגען צוואר, וואס עס קאסט אב דיא פאדים צו פערבינדען זיי, האט לערא געזאגט.

דערווייל האט שוין דער זייגער געוועזען דריי פיערטעל אויף פיער, און זאנע האט זיך געוואונדערט, וואס דיא מאדאם קומט נאך ניט. געוואוינליך פטר'ט זיא אב זעהר גיך אזעלכע וויזיטען.

עס האט זיך פון דאס ניי דערהערט א קלונג. זאע איז צוריקגעקומען זעהר פריילין.

— דער דיקער שטיינער איז געקומען האט זיא געמעלדעט. איך האב איהם אריינגעפיהרט אין קליינעם זאל.

פרוי מאלוא האט דערצעהלט נאנא'ס טאנטע, ווער דער שטיינער איז און האט געפרעגט ביי זאע, צו זיא דענקט, אז ער האט שוין ראזע'ן אוועקגעווארפען.

נאר זאע האט ניט געקענט ענטפערן, ווייל מען האט ווידער אנגעקלונגען.

— דער ציגיינער האט קיין צייט ניט געהאט און איז שוין געקומען. מען האט איהם ערסט ערווארטעט אין בענד. ער איז אריין אין שלאף-צימער.

א פיערטעל אויף פינף איז נאנא נאך ניט געוועזען וואס קען דאס זיין? אפשר האט מיט איהר אן אונגליק געטראפען? האלב פינף איז זיא נאך אלץ ניט געקומען, עס זיינען צוגעקומען נאך צוויי בוקעטען. פלוצים האבען זיך דערהערט האסטיגע טריט אויף דיא הינטער טרעפ, און נאנא איז אריינגעקומען. זיא איז געוועזען זעהר רויט און אויפגערעגט. איהר שלעפע איז געוועזען פערשמירט.

— א דאנק גאט, וואס דוא ביזט ענדליך געקומען! האט אויסגעשריען טאנטע לערא. דוא לאזט דיא לייט לאנג ווארטען.

— דיא מאדאם האנדעלט ניט גוט, האט פון איהר זייט געזאגט זאע.

נאנא איז פון דעם מוסר נאך מעהר אריין אין כעס.

— לאזט מיך צורוה! האט זיא אויסגעשריען.

— שטיל, מאדאם! דארטען זיצען מענשען! האט זאע געזאגט.

נאנא האט אראבגעלאזט איהר קול און פארטגעזעצט.

— וואס דענקט איהר, אז איך בין געגאנגען פאר פערגניגען? איך האב זיך קוים ארויסגעריסען... און וואלט איך געוואונשען צו זיין אויף מיין ארט... איך

בין נעווען אויסער זיך און האָב נעהאַט חשק צו געבען פעטש. צום אונגליק נאָך האָב איך קיין קאַרעטע ניט נעקענט קריגען און האָב נעדאַרפט נעהן צו פוס.

זיא האָט פון בוזים אַרויסגעשלעפּט א קאָנווערט, אין וועלכען איז געווען א גרויסער ריס, וואָס זיא האָט געמאַכט אום איבערצוציינגען זיך, אויב דאָס געלד ליגט דאָרטען.

עס איז שוין געווען שפּעט און לעבאַ האָט שוין היינט ניט געקענט פאָהרען, און מען האָט דיא רייזע אָבנעלעגט אויף מאָרגען. נאַנאַ האָט נאָך לענגער געוואָלט רעדען פון דער רייזען נאָר זאָע האָט איהר איבערגעריסען.

— מען וואַרט אויף אייך, מאַדאַם.

נאַנאַ האָט זיך ווייטער אָנגעצונדען פאַר כעס.

— זאָלען זיי וואַרטען. איך דאַרף פריהער פאַרטיג ווערען מיט מיינע אייגענע געשעפטען.

לעבאַ האָט אויסגעשטרעקט דיא האַנד נאָכ'ן געלד.

— ניין, דאָ איז פאַראַן פיער הונדערט פראַנק; דריי הונדערט פאַר דער אַם פּופּציג פאַר דיר אויף רייזע קאָסטען און פופציג פאַר מיר.

נאָר וואו בייט מען אום א הונדערט פראַנק שטיק? ענדליך איז זאָע אוועק, און איהר צימער און האָט געבראַכט קליין-געלד פאַר הונדערט פראַנק.

ווען לעראַ האָט בעקומען דאָס געלד, איז זיא אוועק, צוזאָגענדיג, אז מאָרגען וועט זיא ברייננען דאָס קינד.

— ווער איז דאָ פאַראַן? האָט נאַנאַ ענדליך געפרעגט.

— דריי פּערזאָן, האָט זאָע געענטפערט און האָט דעם באַנקיר אָנגערופען דעם ערסטען.

נאַנאַ האָט געמאַכט א גרימאַסע.

— ער האָט א טעות, ווען ער מיינט, אז זיא וועט זיך מיט איהם לאַנגווייל... צוליעב דעם בוקעט, וואָס ער האָט איהר געבטען נעוואָרפען. איבריגענס, פאַר מיר איז שוין היינט נענוג. איך וועל היינט קיינעם ניט עמפּפאַנגען. זאָג זיי, אז איך וועל היינט א היים ניט קומען.

— איהר וועט זיך נאָך בעדענקען און עמפּפאַנגען דעם באַנקיר, האָט זאָע געזאָגט אין כעס, וואָס איהר ווירטהין וויל ווידער בעגעהן א נאַרישקייט.

דערנאָך האָט זיא דערמאָנט דעם ציגיינער, וועלכען איז געווים שוין אויך מאוס געוואָרען צו וואַרטען. דאָס האָט נאַנאַ אויפגעבראַכט מעהר וויא אַלץ.

— ווארפט אלעמען ארויס! איך וועל בעסער מיט מאדאם מעלוא שפיעלען אין קארטען.

מען האט ווידער אנגעקלונגען.

— נעה ניט! האט נאנא געשריען. נאך אן אנשיקעניס אויף זיין קאפ.

נאר דיא דיענסט האט איהר ניט געהערט און ווען זיא איז צוריקגעקומען האט זיא געבראכט צוויי וויזיט קארטלאך.

— איך האב דיא הערערן געזאגט, אז דיא מאדאם וועט צו זיי באלד ארויס־קומען. זיי זיינען אין דעם גרויסען זאל.

נאנא איז אויפגעשפרונגען פאר כעס. נאר ווען זיא האט איבערגעלעזען דיא קארטלאך, איז זיא ווייכער געווארען.

— מארקיז שואר און גראף מופפא. ווער זיינען דיא לייט? קענסטו זיי?

— איך קען דעם אלטען, האט געזאגט דיא דיענסט, שנירענדיג איהר מויל. איך האב איהם ערגעץ געזעהן.

דאס איינפאכע ווארט איז געוועזן גענוג, און נאנא האט מיט בעדויערען פער־לאזט דיא קיך, וואו ביי דעם גערוך פון דעם קאכעדיגען קאפע, האט מען געקענט אזוי רוהיג פלוידערען.

נאנא איז אריין אין טואלעט צימער און מיט זאעס הילף האט זיא אנגעטהאן דעם פריזיר־מאנטעל און מיט דיא ערגסטע קללות האט זיא געשאלטען דיא מענער. איהר גראבקייט האט אויפגעבראכט דיא דיענסט, וועלכע האט איהר געבעטען, זיא זאל ווערען שטילער. זיא איז געוועזן פערצווייפעלט, וואס איהר ווירטהין קען זיך ניט אבגעוואוינען פון איהרע שלעכטע מאנערען.

— א, זאל דיר דאס ניט אארען! דיא מענער זיינען שווינען און זיי האבען ליעב אזעלכע מאנערען. דאך ווען זיא האט זיך געלאזט געהן אין זאל, האט זיא אנגענומען א מינע פון א פרינצעסין, וויא זיא האט עס גערופען. נאר זאע האט איהר אבגעהאלטען, זאגענדיג, אז עס איז בעסער דיא הערערן זאלען אריינ־קומען צו איהר אין קאבינעט.

— מיינע הערערן, האט זיך נאנא געווענדעט צום מארקיז און גראף, ווען זיי זיינען אריינגעקומען צו איהר אין קאבינעט. איך בעדויער, וואס איך האב אייך אזוי לאנג געלאזט ווארטען.

זיי האבען איהר בעגריסט און זיך אנידערגעזעצט. א פאָרהאנג פון געשטיק־טען טול האט געהאלטען דעם קאבינעט אין א האלב דונקעלהייט. דאס איז געוועזן דאס עלעגאנטסטע צימער אין גאנצען וואוינונג. דיא ווענד בעצויגען מיט א העלען

שטאָף, מיט א גרויסען מראמאָרנעם טואַלעט טיש, מיט א גרויסען שפּיגעל, און דיא מעבעל בעצויגען מיט בלויען אטלאס. דיא פּיערע בוקעטען, וואָס זיינען געלעגען אויפ'ן טואַלעט טיש, האָבען פערשפּרייט א שטאַרקען גערוך, וועלכער האָט זיך פערמישט מיט'ן גערוך פון פּאטשולי.

נאנא האָט צוזאַמענגענומען איהר שלעכט פערשפּילטען פּריזיר־מאַנטעל און האָט געמאַכט א מינע, וויא זיי וואָלטען איהר איבערראַשט ביים טואַלעט.

— מאדאם, האָט מופּפּא געזאָגט מיט אַן ערנסטען טאָן. איהר וועט ענט־שולדיגען אונזער צודרינגליכקייט.... מיר קומען מיט א ביטע.... דיזער הערר און איך זיינען מיטגליעדער פון דעם קאָמיטעט פאר אָרימע אין דיזען קווארטאל.

דער מארקיז האָט גאלאַנט צוגעגעבען:

— ווען מיר האָבען געהערט אז א גרויסע קינסטלערין וואוינט אין דיזען הויז, האָבען מיר זיך פאָרגענומען צו מאכען איהר א וויזיט און בעטען פאר אונזערע אָרימע. טאַלאַנט געהט שטענדיג האנד אין האנד מיט גוט־הערציגקייט.

נאנא האָט געשפּיעלט דיא בעשיידענע, האָט גראַציעז געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און האָט מיט זיך געטראַכט: דער אלטער האָט מסתמא דעם אַנדערען אַהער געבראַכט... ער האָט צו שעלמישע אויגען... דעם צווייטען איז אויך נישט צוטרויען זיינע שלייפען הויבּען זיך צו שטארק.... ער האָט דאָך געקענט אליין קומען. זיי האָבען זיך מסתמא דאָביידע געטראָפען....

— געוויס מיינע הערען, איהר האָט גוט געטהאָן, וואָס איהר זייט צו מיר געקומען.

עס האָט ווידער א קלונג געטהאָן. זיא האָט א ציטער געטהאָן.... ווידער איינער.... און זאָ ווערט נישט מיעד צו עפענען! אין דער הויף האָט זיא געזאָגט:

— מען איז זעהר גליקליך, ווען מען קען געבען.

זיא האָט זיך אין גרונט געפיהלט געשמייכעלט.

— אח, מאדאם! האָט דער מארקיז געזאָגט. ווען איהר וואָלט וויסען, וואָס פאר אַן עלענד עס איז פאראַן! איהר קענט זיך גאר נישט פארשטעלען, וואָס נויטה איז. הונגעריגע קינדער, קראַנקע ווייבער, אין דיא הייזער קאַלט אָהן א שום הילף...

— נעבאך! האָט נאנא געזאָגט גערירט און טרערען האָבען זיך איהר גע־שטעלט אין דיא אויגען.

זיא האָט זיך ביי דיא ווערטער איינגעבויגען, איהר פּריזיר מאַנטעל האָט זיך צונומען און איהר ווייסע האלז האָט זיך ארויסגעזעהן. דערביי האָט זיא אַזוי אויס־געצויגען דיא פיס, אז דיא פארמען פון איהרע קניע האָבען זיך אָבגעצייכענט פון

אונטער דעם דינעם שטאָף. אויף דעם מארקיז'ס ערד־פארבינע באַקען האָט זיך בעוויזען א רויטער פלעק. דער גראף מופפא, וואָס האָט זיך צוגעקליבען עפּעס צו זאָגען, האָט אראָבגעלאָזט דיא אויגען און האט א פיהר געטהאָן מיט דער האנד איבער'ן שטערן.

אין צימער איז געוועזן חיים דערשטיקט צו ווערען. דערצו האָט זיך נאָך צו־געמישט דער שטאַרקער גערוך פון פּאטשולי און בלומען.

— ביי אזעלכע געלעגענהייטען וואָלט זיך געגלוסט צו זיין זעהר רייך, נאָר יעדער גיט וויא פיעל ער קען.... ווען איך וואָלט וויסען....

זיא איז געוועזן אזוי גערירהרט, אז זיא האָט שיער ניט געזאָגט א נארישקייט. זיא האָט ניט געוואוסט, וואו זיא האָט דאס געלד איבערגעלאָזט. ענדליך האָט זיא זיך דערמאָנט אז ביים אויסטהאָן, האָט זיא עס ארויפגעלעגט אויף'ן טואלעט טיש. ווען זיא האָט זיך אויפגעהויבען צו נעהמען דאָס געלד, האָט זיך ווידער דערהערט א שטאַרקער קלונג. ווידער איינער! עס וועט, דוכט זיך, היינט גאָר קיין ענדע נים נעהמען.

ביידע מענער האָבען זיך אויפגעהויבען. זיי האָבען זיך איינער דעם צווייטען אָנגעקוקט און גלייך אַבגעקעהרט דיא אויגען אין פערלעגענהייט.

— דאס איז פאר דיא אָרימע, האָט זיא געזאָגט, דערלאַנגענדיג זיי דיא פופציג פראנק.

איבערגעבענדיג דאס געלד דעם גראף, איז ביי איהר אין האנד פערבליבען א מטבעה און ער האָט געדאַרפט צו ריהרען זיין האנד צו איהר ווארעמע לייב און ער האָט דערביי א ציטער געטהאָן. דערהערענדיג א נייען קלונג, האָט זיא זיי נאָך פערהאלטען א ווײלע, ווייל זיא האָט ניט ליעב געהאַט, אז מען זאָל זיך ביי איהר בעגעגענען, און האט געוואָלט געבען זאָע'ן צייט, זיא זאָל ערגעץ פערשטעקען דעם נייען גאַסט.

— צום ווידערזעהן, מיינע הערכען, האט זיא געזאָגט, בלייבענדיג שטעהן אויף'ן שוועל פון זאַל, וואס איז געוועזן לעדיג. א צווייטען מאָל וועל איך מעהר געבען.

זיא האט זיי ביידען בעצויבערט מיט איהר לאַכען און מיט איהר בליק. גראף מופפא איז געוועזן וויא בעטרונקען, דער דופט פון דער פרוי און פון דיא בלומען האט איהם שיער ניט דערשטיקט. מארקיז שואר איז איהם נאָכגעגאַנגען, און ווען ער איז געוועזן זיכער, אז יענער קוקט איהם ניט נאָך, האט ער זיך אומגעקוקט אויף

נאנא און האט א פינטעל געטהאן מיט דיא אויגען. זיין געזיכט איז געוועזען פער־קרימט און דיא צונג האט איהר שיער ארויסגעשפארט פון מויל.

ווען זיא איז צוריקגעקומען אין קאבינעט, וואו זאע האט אויף איהר געווארט מיט בריעף און וויזיט קארטען, האט זיא אויסגערופען מיט א געלעכטער:

— דיא צוויי בעטלער האבען אוועקגענומען מיינע פופציג פראנק.

דאס האט איהר ניט געארט, נאר דאך איז דאס געוועזען א שווייגעריי, וואס זיא איז געבליבען אהן א סו.

זיא איז שוין מעהר ניט געוועזען בייז, נאר דיא בריעף און וויזיט קארטען האבען איהר ווידער בייז געמאכט. דיא בריעף זיינען נאך וויא עס איז, זיי קומען פון דיא הערען, וואס האבען איהר נעכטען אפלאדירט אין טהעאטער און איצט שיקען זיי איהר ערקלערונגען אין ליעבע. נאר דיא בעזוכער מוז מען אוועקשיקען און מיט'ן ציגיינער דארף מען מאכען דעם אנהויב.

— דעם האב איך שוין לאנג אוועקגעשיקט, האט זאע געזאגט מיט א געלעכטער. ער איז נאר געקומען זאגען, אז היינט ביי נאכט וועט ער דא ניט זיין.

נאנא האט פאר פרייד אנגעהויבען צו פאטשען מיט דיא הענד. אנפאנגס האט זיא געוואלט שרייבען א צווייטען בריעף דאגעגען, אז ער זאל יא קומען, נאר באלד האט זיא זיך בעטראכט. זיא האט זיך געפיהלט זעהר מיעד. א גאנצע נאכט שלאפען — וויא גוט דאס איז!.... דער געדאנק האט איהר געמאכט פריילך. א מאל קען זיא זיך דאס פערגינען.

— גלייך וויא איך קום פון טהעאטער, וועל איך געהן שלאפען, און מארגען וועסטו מיך ניט וועקען. און איצט טרייב ארויס דיא גאנצע קאמפאניע.

זאע האט זיך ניט געריהרט.

— שטיינער'ן אויך? האט זיא געפרעגט.

— געוויס, האט נאנא געענטפערט. איהם דעם ערסטען. מאך עס געשווינד, זאע, און זאג איהם, אז ער איז פאר מיר צו לאנגווייליג.

— ט וט איהר גוט, וואס איהר שיקט אוועק רא.ע מיגנאן אזא וואויל בע־קאנטען הערען?

נאנא, וואס האט גוט געוואוסט, וואס זיא טהוט, האט זיך איינגעהאלטען, און פלוצים האט זיא מיט א געלעכטער און א מינע פון א שטיפערקע, ווינקענדיג מיט דיא אויגען, אויסגערופען.

— הא, וואס! ווען איך וויל, אז ער זאל זיכער קומען, דארף איך איהם פריהער ארויסטרייבען.

דאָס האָט זאָע'ן איבערראַשט. זיא האָט איהר ווירטהין בעטראַכט מיט פער־וואונדערונג און איז אוועק אויספיהרען נאַנאַ'ס בעפעהל.

נאַנא האָט אָבגעוואַרט א פּאָר מינוט, אום צו געבען זאָע'ן צייט „אויסצר־קערען", און איז דערנאָך אַליין געגאַנגען פון איין צימער אין צווייטען צו זעהן, אויב אַלע זיינען שוין אוועק. דיא צימערען זיינען געווען לעדיג און זיא האָט אָבגעצווינגען דעם אָטהעם פרייער. נאָר קלאַפּענדיג אַזוי מיט דיא טהירען, און זיינענדיג זיכער, אַז מעהר איז שוין קיינער ניט פערבליבען, האַט זיא פּלוצים אין א זייטיגען צימער דערזעהן א איינגעל זיצען אויף א הויכע קאַסטען מיט א גרויסען בוקעט אין האַנד.

— וואָס טהוט זיך דאָ? האָט זיא אויסגעשריען. ניט אַלע זיינען נאָך אוועק!

דאַס אינגעל איז אויפגעשפּרונגען פון זיין געזעס, וויא נאָר ער האָט איהר דערזעהן און איז געוואָרען רויט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט'ן בו־קעט און האָט איהם איבערגעלעגט פון איין האַנד אין דער צווייטער. זיין פערלע־גענהייט, זיין יונגענד האָבען געריהרט נאַנאַ און זיא האָט זיך שטאַרק צולאַכט. וואָס! קינדער קומען שוין אויך? זיא האָט איהם א גלעט געטהאָן אין באַק און געפרעגט:

— ווער ביזטו און וויא איז דיין נאָמען?

— זשאָרזי הוגאָן, האָט ער געשווינד געענטפערט, און האָט איהר דער־צעהלט, אַז נעכטען האָט ער איהר געזעהן אין טהעאַטער און איצט איז ער צו איהר געקומען.

— ברענגען מיר דיא בלומען?

— יא, מאַדאַם.

— פאר וואָס ניסטו זיי מיר ניט, קליינער קאַרנער?

ווען זיא האָט צוגענומען דעם בוקעט, האָט ער געכאַפּט איהר האַנד און בע־דעקט זיי מיט קושען. זיא האָט איהם געזידעלט און האָט געהאַט חשק א פּאַטש טהאָן איהם, נאָר איהר געזיכט האָט א בליץ געטהאָן און זיא האָט געשמייכעלט. זיא האָט איהם דאָך גלייך אוועקגעשיקט און געזאָגט, אַז ער קען ווידער אַמאָל קומען. ער איז געווען צומישט און האָט קוים געטראָפען צו דער טהיר.

ווען זיא איז אריין צוריק אין טואַלעט־צימער, האָט שוין פראַנסי געוואַרט אויף איהר. זיא האָט זיך רוהיג געזעצט פאַר'ן שפּיעגעל און ער האָט גענומען פרי־זירען איהר דיא האָר, זאָע איז אין מיטען אריין און איהר געזיכט האָט געוויזען, אַז זיא איז א פערלעגענהייט.

— דאָרטען זיינען פערבליבען דריי, וואָס ווילען בשום אופן ניט אוועק.

— זעהר גוט, האט נאנא גענטפערט רוהיג, זאלען זייווארטען, און ווען זיי וועלען זיך אויסהונגערען וועלען זיי אוועק.

דער שלעכטער מוטה האט נאנא פערלאזט, און זיא האט געשיינט צו האבען פערגניגען פון דעם געדאנק, אז ביי איהר אין גאסט-צימער, אין זאל שלאגט מען אב דיא שוועלען. דאס גלעקעל האט איצט ניט אויפגעהערט צו קלינגען און נאנא האט שוין אויפגעהערט צו צייהלען. פלוצים האט זיא זיך דערמאנט און געפרעגט:

— וואו זיינען מיינע קאנפעקטען?

פראנסי האט בעקומען פון זיין מאנטעל דיא קאנפעקטען און האט איהר דערלאנגט. זיא האט זיי אנידערגעלייגט אויפ'ן שויס און גענומען עסען.

עס האט ניט אויפגעהערט צו קלינגען און נאכ'ן קלינגען האט מען געקענט פערשטעהן, צו עס קלינגט א נייער אדער א געניטער, נאנא האט זיך געווענדעט צום פריזירער.

— קענט איהר מיר ניט לייען פינף לואי?

— וויא א מאל.

— אה, דוא ווייסט, אז איך האב קיין משכון דיר ניט צו געבען, נאר איך דענק, אז דוא דארפסט ניט זעהר מורא האבען....

און זיא האט איהם מיט'ן פינגער געוויזען אויפ'ן זאל.

פראנסי האט איהר געגעבען דיא פינף לואי און האט געווארט ביז זאע וועט איהר אנטהאן, אום צו קענען דערנאך פעררייכטען איהרע האר. נאר דיא דיענסט האט זיך אלע ווילע געדארפט אברייסען פון דער ארבייט און לויפען עפענען דיא טהיר. איצט האט זיא שוין אבגעגעבען יעדען געדאנק אבצופיהרען פאר יעדען בעזונדער א צימער און געגען איהר ווילען האט זיא געמוזט צונויפשטופען צו פינף און צו זעקס אין איין צימער. זאלען זיי נאר וועלען אויפעסען איינער דעם צווייטען! און נאנא, דערהערענדיג דיא בעמערקונג, האט געזאגט, אז זיא קען שוין הערען, וויא דיא ביינער קנאקען.

זאע האט אריינגעפיהרט לאבארדעט, און נאנא האט אויסגערופען מיט פרייד אז איצט וועט זיא מיט איהם ערגעץ אנטלויפען און וועט מיט איהם צוזאמען עסען מיטאג און דערנאך וועט ער איהר אוועקפיהרען אין טהעאטער.

לאבארדעט האט איהר דערוויל דערצעהלט, אז ער האט איהרע קרעדיטארען אוועקגעשיקט. דאס איז געווען זעהר גרינג אויסצופיהרען, ווייל זיי זיינען ניט געווען נאך געלד, זאנדערן צו גראטולירען איהר און בעטען זיא זאל ביי זיי ווייטער קויפען.

לאמיר געהן! האט געזאגט נאנא, נאר אין דער מינוט איז אריין זאע און געמעלדעט, אז דיא טרעפ זיינען פול מיט בעזוכער.

נאנא איז מיט לאבארדעט'ן ארויס דורך דער הינטער טהיר און געזאגט איהם, אז ער וועט איהר מוזען ברענגען צוריק אהיים, ווייל היינטיגע נאכט וויל זיא שלאפען.

III.

גרעפין סאבינא, וויא מען האט גערופען גראף מופפא'ס פרוי, אום אונטער־צושיידען איהר פון זיין מוטער, וואס איז געשטארבען מיט א יאהר צוריק, פלעגט עמפפאנגען געסט יעדען דינסטאג אבענד אין איהר האטעל, וואס זיי האבען בע־וואוינט פון לאנגע דורות אן, מעהר וויא דריי הונדערט יאהר. פון דרויסען האט ד'א געביידע אויסגעזעהן דונקעל און מעלאנכאליש. דיא פארהאנגען זיינען כמעט שטענדיג געווען אראבגעלאזען. פון הינטען איז געווען א פייכטער גארטען.

אין א געוויסען דיענסטאג, ארום צעהן אוהר זיינען געווען פערזאמעלט א דר־צענד פערזאנען אין דעם גרויסען זאל, און אבוואהל אין אייוען האט געברענט א שטארק פייער, האט דיא פייכטקייט פון גארטען אריינגעדרונגען אין הויז און דער סאלאן האט געהאט א טרויריגען אויסזעהן מיט זיינע דונקעלע מעבעל און טיעף געלע טאפעצירונג. אלעס האט געאטהעמט מיט דער פערגאנגענהייט, מיט רוהיגקייט און גלויבען.

נעבען דעם גרויסען און הארטען פאטעל, אין וועלכען דיא אלטע גרעפין איז געשטארבען, איז געשטאנען א נידריגער און טיעפע שטוהל מיט א ווייכע קישען בעשלאגען מיט רויטען זייד, און דאס איז געווען דיא איינציגע מאדערנע שטיקעל מעבעל.

דיא געזעלשאפט האט גערעדט וועגען דיא פרינצען, וואס וועלען קומען צו דער אויסשטעלונג.

— פילט איהר ניט גוט, מיין טהייערע? האט געפרעגט מאדאם שאנטערא, זעהענדיג, אז דיא גרעפין איז בלייך און ציטערט.

— ניין, מיר איז נאר קאלט; עס געדויערט א לאנגע צייט ביז דער סאלאן ווארעמט זיך אן.

עסטעל, איהר טאכטער, א מיידעל פון א יאהר זעבצעהן, פון נידריגען וואוקס,

איז צוגעגאנגען צום אייזוען און האט פעררוכט דאס האלץ. מאדאם שעזעל, סאַבינא'ס א פריינדין, מיט א יאהר פינף אינגער פון איהר האט אויסגעשריען:

— אח, וויא וואלט איך זיך געוואונשען צו האבען א סאלאן וויא דיזער. דא קען מען צונעהמען געסט! היינטיגע צייטען מאכט מען נאר שטיינלאך. ווען איך זאל זיין אויף דיין ארט....

און זיא האט אנגעהויבען אויסצורעכענען, וואס זיא וואלט געטהאן; וויא זיא וואלט גאנץ פאריז איבעראשט מיט דיא בעלער, וואס זיא וואלט געגעבען. איהר מאן, א ריכטער, האט זיך ערנסט צוגעהערט צו איהר רעדען. מען האט געזאגט, אז זיא נארט איהם אָב גאר אפען, נאר ער שענקט איהר, ווייל ער רעכענט, אז זיא איז אביסעל פעררוקט.

אין מיטען געשפרעך זיינען אין סאלאן אריינגעקומען העקטאר פאלואז און פאשערי. דערזעהענדיג דיא געסט, איינער פון וועלכע איז ביי איהר געוועזן צום ערסטען מאל, האט זיך דיא גרעפין אויפגעהויבען און איז זיי אנטקעגען געגאנגען. זיי האבען זיך אומגעביטען מיט עטליכע פריינדליכע ווערטער און זיי זיינען צוגעגאנגען בעגריסען דעם גראף. צווישען דער גאנצער געזעלשאפט האבען זיי נאר געקענט שטיינערן. און האבען זיך געפיהלט אונבעקוועם, נאר באלד איז צו זיי צוגעקומען נאך א בעקאנטער, דאס איז געוועזען וואנדעוור. ער איז געוועזען דער לעצטער פון א הויכער אריסטאקראטישער פאמיליע, ער האט אין זיך געהאט פיל ווייבליכעס און איז געוועזען קלוג. ער האט געהאלטען אין פערשווענדען א גרויסען פערמעגען. זיינע פערד זיינען געוועזען בעריהמט אין גאנץ פאריז און האבען געקאסט גוואלדיג גרויסע געלד. זיין שפיעלען אין קארטען איז געוועזען שרעקליך און פרויען האבען איהם אויסגעבראכט דאס איבריגע. יעדעס יאהר איז פערשוואונדען א נייער גוט, א נייער וואלד און מען האט שוין געקענט זעהן, אז דיא ענדע איז ניט ווייט. פאשערי האט זיך מיט איהם זעהר דערפרייט און האט צו איהם געזאגט אין דער שטיל:

— איהר ווייסט? דאס וועט זיין מארגען ביי נאכט.

— אזוי?

— יא, נאך האלבער נאכט, אין איהר אייגענעם הויז.

— איך ווייס, איך וועל קומען מיט בלאנש.

ער האט געוואלט אוועקגעהן, נאר פאשערי האט איהם פערהאלטען.

— איהר וועט קיין מאל ניט טרעפען, וועמען זיא האט מיר געהייסען איינלאדען, האט פאשערי געזאגט, און האט געוויזען אויף גראף מופפא, וועלכער האט גערעדט מיט שטיינער'ן.

— אונמעגליך! האט אויסגערופען וואנדעיוור, וויא פון דונער געטראפען גאר צו דער זעלבער צייט האט דאס איהם אמוזירט.

— אויף מיין ווארט, האט פאשערי געענטפערט. איך האב איהר צוגעזאגט, אז איך וועל איהם ברענגען, און דאריבער בין איך אהער געקומען.

ביידע מענער האבען זיך שטיל צולאכט. פאלואז, וועלכער האט געהערט זייער געשפרעך, האט ניט פערשטאנען וואס אזוינס וועט זיין מארגען ביי נאכט ער האט זיך בעשלאסען ניט אראבצונעהמען קיין אויג פון זיין קוזין, און האט זיך געזעצט נעבען איהם.

גרעפין סאבינא האט זעהר אינטערעסירט פאשעריין. דורך א צופאל האט ער פון איהר זעהר פיעל געוואוסט. ער האט געוואוסט, אז זיא האט חתונה גע. האט צו 17 יאהר, אז איצט איז זיא אלט פיער און דרייסיג און האט געפיהרט א לעבען וויא אין א קלויסטער. אין דער געזעלשאפט איז זיא געווען בעקאנט צו איי ניגע פערזאנען, אלס א קאלטע און שטרענגע פרוי. אוניגע האבען איהר בעדויערט און האבען דערמאנט יענע צייט, ווען זיא האט געהאט א פרייליכען געלעכטער און לעבעדיגע אויגען, איידער מען האט איהר פערשפארט אין דיזען קאלטען און אומע־דיגען הויז. פאשערי האט גוט בעטראכט איהר געזיכט און זיך ערלויבט צו צוויפ־לען אין איהר שיינבארע קאלטקייט. איינער פון זיינע פריינד, א קאפיטאן פון דער ארמיי, וואס איז ניט לאנג געשטארבען אין מעקסיקא, האט איהם פאר זיין אוועק־פאהרען דערצעהלט נאך א גוטען דינער איינע פון יענע געשיכטען, וועלכע דיא בעסטע מענער דערצעהלען א מאל איינער דעם צווייטען.... נאר איצט ווען ער האט געזעהן דיא גרעפין צווישען דיזע קאלטע געגענשטענדע אין איהר איינפאכען שווארצען קלייד און רוהיגען שמייכעל, האט ער ווידער געצווייפעלט. פלוצלים האט ער זיך געווענדעט צו זיין קוזין:

— האט דיא גרעפין א געליעבטען?

— וואס רעדסטו? האט פאלואז געשטאמעלט. וויסטו וואו דוא ביזט?

בעטראכטעדיג זיך, אז ער האט זיך צופיעל צוהיצט, האט ער זיך צוריקגע־ווארפען אין זיין שטוהל און געזאגט פויל:

— איך זאג, אז ניט, נאר פערזיכערען דיר קען איך ניט. א געוויסער פא־קארמאן דרעהט זיך שטענדיג ארום איהר, נאר איין זאך איז זיכער, אז אויב דיא גרעפין אמוזירט זיך איז זיא זעהר פארזיכטיג.

אהן ווייטערע פראגעס פון פאשעריס זייט, האט פאלואז אליין גענומען אויסדערצעהלען אלעס, וואס ער האט געוואוסט וועגען דיא מופפאס. זיי האבען

נערעדט שטיל. און זעהענדיג זייערע ערנסטע געזיכטער, זייערע ווייסע שניפּסען אונד האנד־שוה, האט יעדער געקענט דענקען, אז זיי דיסקוטירען איצט וועגען א פּראגע, וואס האט זעהר א וויכטיגע בעדייטונג. אלזא, דעם גראף'ס מוטער איז געווען אן אונערטרעגליכע אלטע פרוי און האט שטענדיג געשטעקט אין קירכע. גראף מופפא איז געוועזן דער זוהן פון א גענעראלין וועלכען נאפּאלעאן דער ערסטער האט געמאכט פאר א גראף, און איז געבוירען געווארען נאכ'ן פאטער'ס טוידט. דער גראף איז געווען זעהר א קלוגער מאן און דערצו זעהר א פרומער, די פרומקייט האט ער געערבט פון זיין מוטער, וועלכע פלעגט איהם פיהרען יעדען טאג אין קירכע. און אום דער פארטרעט פון דעם גראף זאל ארויסקומען נאך קלענער, האט פאלואז אריינגערוימט זיין קוזין עפּעס א סויד אין אויער.

— אונמעגליך! האט דער זשורנאליסט געזאגט.

— מען האט עס מיר געשווארען!.... ער איז נאך געווען נאר אונשולדיג ביי זיין האכצייט.

פאשערי האט א ווייכע בעטראכט דעם גראף. זיין געזיכט האט אויסגעזעהען נאך שטרענגער און שטארקער. פאשערי האט זיין בליק איבערגעטראגען פון דעם גראף אויף דער גרעפין. זיא האט אויסגעזעהען פיעל איינגער פון איהרע יאהרען. זעכסטענס האט מען איהר געקענט געבען אכט און צוואנציג יאהר, איבערהויפּט האט זיך דאס גאנצע פייער פון יוגענד בעהאלטען אין איהרע אויגען. צו זיין איבערראשונג האט ער פּלוצים בעמערקט ביי איהר אויף דער לינקער באק, נעבען מויל א בראדעוועקע, (מאל) פונקט אויף דעם זעלבען ארט, וויא ביי נאנא, נור ביי נאנא האבען געוואקסען אויף דער בראדעוועקע בלאנדע האר און ביי דער גרעפין שווארצע. פאשערי האט בעשלאסען, אז די גרעפין האט קיינע געשעפטען מיט פרעמדע מענער.

— מיר וועלען פון דאנען אוועק אזוי גיך, וויא איך וועל מיין מיסיאן (שליחות) אויספיהרען, האט פאשערי געזאגט.

— וואס פאר א מיסיאן? האט פאלואז געפרעגט נייגעריג.

פאשערי האט ניט געענטפערט. שטיינער איז אין דער מינוט אבגעטראטען פון גראף און צוגעגאנגען צו זיי.

— זאל ער האלטען זיין צונג, אז ער וויל, נאר איך וועל שוין געפינען אזעלכע, וואס וועלען יא רעדען, האט ער געזאגט מיט א צורייצטען קויל.

ער האט אבגעפיהרט דעם זשורנאליסט אן א זייט און האט צו איהם גע־זאגט שוין מיט אן אנדער קול:

— אלזא מארגען....'

— אה! האט פאשערי געמורמעלט ערשטוינט.

— האט איהר דאס ניט געוואוסט? אה, מיר איז אָנגעקומען זעהר שווער צו טרעפען איהר אין הויז, אָבער ענדליך האב איך איהר געטראָפען. מאָרגען פונקט נאָך האלבע נאכט, גלייך נאָכ׳ן טהעאַטער.

דער באַנקיר האט געשטראהלט פאר פרייד און שטאָלץ.

— איהר שטעהט מיט איהר גוט, ניט וואהר? דער באַנקיר האט ביי דער פראַגע צוגעוואונקען.

— וואס? האט פאַשערי געפרעגט און געמאכט זיך, וויא ער פערשטעהט איהם ניט. אה, זיא האט מיך געוואָלט בעדאנקען פאר מיין ארטיקעל און האט מיך איינגעלאַדען.

— יאַ, יאַ.... איהר זייט גליקליכע לייט.... אייך בעלוינט מען.... ווער צאהלט פאר מאָרגעדיגע קאָסטען?

דער זשורנאליסט האט פערנאַנדערגעשפרייט דיא הענד, וואס האט בעדייט אַז ער וויים ניט. אין דעם אויגענבליק האט וואנדעריוור אָבגערופען שטיינער׳ן.

— אלזא, איהר וועט מאָרגען האבען א סאפער ביי א דאמע? זאָג, ווער איז זיא? האט געפרעגט פאלואז.

פאַשערי האט איהם געמאכט א צייכען, אַז ער זאָל שווייגען אוים רעספעקט צום הויז, וואו זיי געפינען זיך.

אין דער מינוט איז אין זאָל אריינגעקומען אן אלטע דאמע מיט א יונגען אינגעל. דער זשורנאליסט האט זיך שטארק פערוואונדערט, ווען ער האט אין דעם יונגען אינגעל דערקענט דעם שילער, וואס האט אויסגעשריען „וויא רייצענד“ אויף נאנא׳ס ערסט פאָרשטעלונג.

דיא גרעפין איז געשווינד אנטקעגען געגאנגען דער דאמע, האט אנגעכאפט איהרע ביידע הענד, האט איהר אָנגערופען: „מיין טהייערע מאדאם הוזשאָן!“

זעהענדיג דיא פערוואונדערונג, מיט וועלכע זיין קוזין בעטראכט דיא סצענע, האט פאלואז איהם ערקלערט.

מאדאם הוזשאן איז אן אלמנה, איהר מאן איז געווען א נאָטאר, זיא בעזיצט א גרויס גוט, וואו זיא וואוינט שטענדיג און האט אויך א הויז אין פאריז, וואו זיא וואוינט צייטענווייז. איצט געפינט זיא זיך אין פאריז און גיט אכטונג אויף איהר איינציגן זוהן, וועלכער פאנגט אן שטודירען אויף אן אדוואָקאט. זיא איז געווען

מארקיזע שואר׳ס בעסטע פריינדין, און אלס קינד האט גרעפין סאבינע ביי איהר פערבראכט גאנצע מאנאטען.

— איך האב געבראכט מיין זשארזש. איז ער ניט אויסגעוואקסען?

דאס איינגעל מיט ליכטיגע האר און בלויע אויגען האט אויסגעזעהן ניכער וויא א מיידעל. ער האט פראנק בעגריסט דיא גרעפין און האט איהר דערמאנט, וויא זיי פלעגען שפיעלען מיט יאהרען צוריק אין פערשיעדענע זאכען.

— איז פיליפ אין פאריז? האט געפרעגט גראף מופפא:

— א, ניין, ער איז אין גארניזאן אין ווערסאיל, האט געענטפערט מאדאם הוזשאן.

זיא האט זיך אנידערגעזעצט און מיט שטאלץ דערצעהלט פון איהר עלטערן זוהן פיליפ, וועלכער איז צו פיער און צוואנציג יאהר געווארען א קאפיטאן נאך דעם איטאליענישען קריעג.

סאבינע האט זיך צוריקגעזעצט אין איהר ווייכען און רויטען שטוהל, און פאשערי האט געטראכט, אז דעם איינציגען מאדערנעם שטוהל האט זיא ווארשיינליך אריינגעבראכט צווישען דיא אלטמאדישע מעבעל. זיין וואונש נעהענטער צו בעקענען זיך מיט דיא מופפאס איז געוועז נאר אויס ברוטאלער נייניערדע. זיין פריינד, דער קאפיטאן, האט זיך קיין מאל ניט צוריקגעקעהרט פון מעקסיקא—ווער ווייס, וואס עס קען זיך מאכען. דאס איז געוועזען א נארישער געדאנק, נאר דיזער געדאנק האט איהם געצייצט און בערפאלגט.

— נעהן מיר שוין? האט פאלואז געפרעגט, וועלענדיג וואס ניכער אויסגעפינען דעם נאמען פון דער דאמע, וועלכע גיט מארגען דעם סאפער.

— באלד, באלד, האט פאשערי געענטפערט, איך האב נאך דא עפעס צו טהאן.

פאלואז האט אלץ געוואוסט, אז זיין קוזין זאל איהם איינלאדען צום מארגעדיגען סאפער, נאר דיא הילף איז געקומען פון אן אנדער זייט. צו איהם איז צוגעקומען וואנדעוור און האט איהם איינגעלאדען, ער זאל מארגען קומען צום סאפער און ברענגען מיט זיך קלארים. פאלואז האט נאך ניט צייט געהאט צו פרעגען, ווער דיא דאמע פון דעם סאפער איז, און וואנדעוור האט געמוזט פון איהם אבטרעטען, וויל דיא גרעפין האט איהם אין דער מינוט צוגערופען און געפרעגט איהם, וויא מען מאכט טהיי אין רוסלאנד, וויל נאר דארטען ווייס מען, וויא דאס צו טהאן.

ווען ער איז ווידער צוגעגאנגען צו דיא צוויי שוועסטער קינדער, האט איהם

פאשערי נעזאגט, אז עס ווערט שפעט און עס איז שוין צייט איינצולאדען דעם גראף.

— מיינסטו דאס ערנסט ? האט וואנדעוור געפרעגט. איך האב געמיינט, אז דוא שפאסט.

— געוויס מיין איך ערנסט, און אויב איך וועל דאס ניט טהאָן, וועט זיא מיר אויסדראפען דיא אויגען.

— אויב אזוי וועל איך דיר העלפען.

עס איז שוין געוועזן עלף א זייגער. דיא גרעפין מיט דער הילף פון איהר טאָכ־טער האט גענומען אָנגיסען טהיי. אזוי וויא קיין פרעמדע זיינען דאָ ניט געוועזן, האָט מען קיין צערעמאָניעס דערביי ניט געמאכט, און יעדער איז געבליבען זיצען אויף זיין אָרט. ווען דיא גרעפין איז צוגעגאנגען צו פאָשערי מיט א גלאָז טהיי, האָט זיא בעמערקט, אז צווישען איהם מיט איהר מאן האָט זיך דער געשפרעך פלוצים איבערגעריסען, זיא איז אוועק ווייטער, און האָט דעם טהיי דערלאנגט זשארזשין.

— א דאמע לאדעט אייך איין צו א סאפער, האָט דער זשורנאליסט געזאָגט געזאָגט פרייליך.

דער גראף האָט דעם גאנצען אבענד אויסגעזעהן זעהר ערנסט אין פינסטער און ביי דיא ווערטער האָט ער א קוק געטהאָן אויף פאשערי מיט פערוואונדערונג און געפרעגט:

— וואס פאר א דאמע ?

— נאנא, האט געענטפערט וואנדעיוור. איהר זייט דאך געוועזן ביי איהר.

— וואָס ? ביי איהר אין הויז ? האט דער גראף געפרעגט און באלד געזאגט: אָ, יאָ, איך געדענק. דאס איז געוועזן א פילאנטראָפישער בעזוך, נאָר איך קען איהר ניט, און קען איהר איינלאָדונג ניט אָננעהמען.

זיין טאָן איז געוועזן קאלט וויא אייז און האָט געוויזען, אז ער בעטראכט דיא גאנצע געשיכטע אלס א שפאס און זאָגאר א שלעכטען שפאָס. א מאָן, וויא ער, איז ניט אויפ׳ן ריכטיגען פלאץ ביי א טיש פון אזא פרוי. וואנדעיוור האָט געענט־פערט, אז דאָס וועט זיין א סאפער פון אָרטיסטען, און קונסט פערדעקט פיעלע זינד, און האָט דערביי דערצעהלט, אז דער קעניגענס זוהן האָט ניט לאנג געשפייזט אין א קאפע הויז ביי דער זייט פון א געוועזענע זינגערין. נאָר דער גראף האט ניט געוואָלט הערען דערפון און האט שוין אָנגעהויבען ארויסגעהן פון זיך.

פאלואז און זשאָרזש האָבען געהערט א טהייל פון דעם געשפרעך, טרינקענ־דיג זייער טהיי.

— אזוי איז דאס! האט געמורמעלט פאלואז. דיא דאמע איז נאנא, אזוי טאקע האב איך געטראכט.

זשארזש האט גאר ניט געזאגט, ער איז גאר שטארק רויט געווארען. אין דיא לעצטע פאר טעג איז ער אוועק ווייט. פאלואז האט געזאגט, אז ער ווייס ניט נאנא'ס אדרעס און זשארזש האט געשווינד אויסגערופען:

— בולוואר האסמאן.

און זעהענדיג פאלואז'ס פערוואונדערונג, האט דאס יונגע אינגעל געזאגט פערשעמט אבער מיט א טאן, וואס איז זעלבסטפערשטענדליך:

— איך געה צום סאפער, זיא האט מיך היינט אין דער פריה איינגעלאדען.

אין סאלאן איז געווארען א גערודער, דער מארקיז שואר איז אריין און איז צוגעקומען מיט שווערע טריט אזוי וויא דאס געהן וואלט איהם געוועזען שווער און פינטלענדיג מיט דיא אויגען, וויא ער וואלט איצט אריין פון דער פינסטער אין דער ליכטיגקייט. אלע האבען זיך אויפגעהויבען און זיינען געגאנגען איהם אנטקעגען.

— איך האב מורא געהאט, טהייערער פאטער, אז איך וועל אייך היינט ניט זעהן און וואלט געוועזען זעהר אונרוהיג ביז מארגען, האט געזאגט דיא גרעפין.

ער האט אויף איהר אקוק געטהאן, וויא ער פערשטעהט ניט אין גאנצען, וואס זיא רעדט. ער איז געוועזען זעהר בלייך, זיין נאז האט אויסגעזעהן וויא געשוואלען און דיא אונטערסטע ליפ ארונטערגעהאנגען. זעהענדיג איהם אזוי פערמאטערט, האט מאדאם הוגאן געזאגט צו איהם מיט מיטלייד:

— איהר ארבייט צו שווער, איהר האט בעדארפט אפרוהען. אין אונזערע יאהרען דארף מען דיא ארבייט איבערלאזען צו אינגערע מענשען.

— ארבייט, יא, ארבייט, האט ער געשטאמעלט, שטענדיג איז דא צופיל ארבייט.

— מיין פאטער, האט דיא גרעפין געזאגט, ארבייט אויס א געזעץ. וועלכען ער וויל דורכפיהרען.

— יא, זעהר א נויטהיגער געזעץ, האט דער מארקיז געזאגט, זעהר א נויטהיגער. עס האט צו טהאן מיט דיא פאבריקען. איך וויל דורכפיהרען, אז זונטאג זאל דיא רוה ווערען מעהר רעספעקטירט, עס איז צו בעדויערען, וואס דיא רעגיערונג קוקט אויף דעם אזוי קאלטבלוטיג. דיא קירכען ווערען אלץ לעבעדיגער און לעבעדיגער און א קאטאסטראפע איז נאהענט.

וואנדעיוור איז צוגעגאנגען צום מארקיז און געפרעגט איהם אין דער שטיל, וויא קען מען אויסגעפינען דיא שעהנע פרוי, מיט וועלכען מען זעהט איהם אפט.

דער מארקיז, וועלכער האט בעמערקט, אז א פּאָר יונגע לייט הערען זיך צו צו זייער געשפּרעך, האט געענטפערט, אז ער קען זיך ניט פאָרשטעלען, וועמען ער מיינט, נאָר פּיעלייכט איז דאס א פריינד פון זייער הויז, מיט וועלכער ער פערברענגט א מאָל א טאָג אָדער צוויי.

וואנדעיוור האט זיך באלד מיט איהם אָבגערעכענט, פרעגענדיג רוהיג:

— וואו האט איהר דאס געקענט זיין? אייער אַרבעל איז בעדעקט מיט שפּינ-וועבאכץ און אויסגעשמירט מיט קאלך.

— מיין אַרבעל? האט דער אַלטער מארקיז געזאָגט אביסעל פערשעמט. איך האב זיך געמוזט פערשמירען, ארויסגעהענדיג פון מיין ארבייטס-צימער.

עס איז שוין געווען באלד האלבע נאכט. דיא געסט האָבען שוין גענומען צו געהן; דיא דיענער האבען אבגעראמט דיא טהיי געשיר. דיא דאמען וואס זיינען געזעסען נעבען פייער, האבען גערעדט נאך פערטרויטער וויא אנהויב אבענד. לאנגע שאָטענס האבען זיך געצויגען איבער'ן סאלאָן, וואס האט אויסגעזעהן האלב פערשלאָפען. פאָשערי האט זיך אויך געקליבען אוועקגעהן, אבער ער איז נאך אלץ געשטאנען און בעטראכט דיא גרעפין. זיא איז געזעסען אין איהר שטוהל און האט זיך אָבגערוהט. איהר געזיכט איז געווען בלייך און צארט. איהר בראדעווקע מיט דיא שווארצע דריי האָר, וואס האבען פאר'ן ליכט איצט געשיינט, וויא גאָלד האט איהם ווידער דערמאנט אן נאנא. ער האָט זיך ניט געקענט איינהאלטען ניט אויפ־מערקזאם צו מאכען וואנדעיוור'ן אויף דיא גרויסע עהנליכקייט צווישען נאנא און דיא גרעפין, דיא זעלבינע ליפּען, דער זעלבינער קינ-באק, נאָר דיא אויגען זיינען אנדערע. אבער נאנא זעהט אוי[illegible] פרייליך און נוטמוטהיג און דיא גרעפין דערמאָנט אן א שלאָפעדיגע קאץ מיט בעהאלטענע נעגעל.

— איך וויים ניט, וואס צו דענקען וועגען איהר, האט געזאגט פאָשערי.

מאכענדיג א צייכען, אז ער זאָל אָבגעהן אן א זייט, אום דיא גרעפין'ס טאכטער זאל זיי ניט הערען, האט ער געזאָגט, אז דיא גרעפין איז דיא בעסטע און ריינסטע פרוי.

זיי זיינען ווידער צוגעגאנגען צום גראף און געבעטען איהם, ער זאל מארגען קומען צום סאפּער. דער מארקיז איז אויך צו זיי צוגעגאנגען, און ווען זיי האבען איהם אויך איינגעלאדען, האט ער א ווארף געטהאן א פער'גנב'עטען בליק אויף זיין איידעם. נאָך א לאנגער פּויזע איז געווען צו בעמערקען, אז דיא צוויי ניבען צו מוטה איינער דעם צווייטען. נאָר פּלוצים האבען זיך דעם גראף'ס אויגען בעגעגענט מיט'ן בליק פון אן אלטען מאן. דער אַלטער מאן איז געווען הערר וועגא, ער איז

שוין געווען א מאן פון א יאהר זעכציג מיט א קלוגען שמייכעל. ער איז געווען אן אלטער פריינד פון זייער הויז און פון גראף׳ס מוטער און האט געהאט א שרעקלי־כע מאכט איבער׳ן גראף. ער האט אויף איהם איצט געקוקט מיט אויפמערקזאמ־קייט. זיין שמייכעל איז אין גאנצען פערשוואונדען, און זיינע שארפע אויגען האבען געגלאנצט וויא שטאהל.

— ניין, האט געזאגט דער גראף מיט אזא שארפען טאן, אז זיי האבען פער־שטאנען, דאס מעהר איז ניטא וואס צו רעדען.

דער מארקיז האט נאך מיט מעהר ענערגיע זיך אבגעזאגט, ערקלערענדיג אז דיא העכערע קלאסע דארף וויזען א גוטען ביישפיל.

פאשערי האט א שמייכעל געטהאן און איז אוועק.

— צוועלף א זייגער ביי נאנא, האט ער געזאגט צו וואנדעיוור.

אנדערע געסט זיינען ארויס גלייך נאך זיי, און עס האט זיך געהערט, וויא איינער צום צווייטען האט געזאגט אין דער שטיל:

— מארגען צוועלף א זייגער ביי נאנא.

IV.

דער סארוועך פון דעם בעריהמטען רעסטאראטאר ברעבאן מיט א גאנצע ארמיע פון קעלנער איז געווען פון אין דער פריה בעשעפטיגט צו מאכען פארבערייטונגען פאר׳ן סאפער אין נאנא׳ס וואוינונג. ברעבאן האט צום סאפער געליפערט יעדע זאך: געשיערי, גלעזער, טישטוכער, בלומען און אפילו שטוהלען. נאנא איז נאך ניט געווען אליין איינגעארדענט אין איהר וואוינונג אזוי, אז זיא זאל אליין קע־נען געבען א סאפער, נאר מאכען איהם אין א רעסטאראן איז איהר ניט אבגעב־שטאנען. און זיא האט דעם רעסטאראן געבראכט צו זיך אין וואוינונג.

דער שפייז צימער איז געווען צו קליין און דעם טיש האט מען געדעקט אין סאלאן און זאגאר דא איז געווען צו ענג פאר פינף און צוואנציג פערזאן.

— איז אלעס פארטיג? האט נאנא געפרעגט, אומקעהרענדיג זיך נאך האל־בע נאכט פון טהעאטער.

— וואס וויים איך? האט זאָ געענטפערט גראב. מיר ארט דער גאנצער סאפער נים, מען קעהרט מיר איבער דאס הויז און דערצו נאך האב איך געהאט א צאנקעריי. דיא צוויי אנדערע זיינען אויך געקומען און אויף מיינע נאמנות איך האב זיי ארויסגעווארפען.

דיא האט נערעדט פון נאנא'ס צוויי ליעבהאבער, פון דעם ציגיינער און דעם קארנען, וועלבע נאנא האט שוין בעצייטענס אבגעזאגט, ווען זיא האט געזעהן, אז איהר צוקונפט איז פערזיכערט. זיא האט געזאגט, אז איצט וויל זיא ווערען נאר און אנדער מענש.

· · אויב זיי וועלען קומען א צווייטען מאל, זאג זיי אן, אז דוא וועסט רופען דיא פאליציי, האט נאנא געזאגט.

ביים ארויסגעהן פון טהעאטער האט נאנא געטראפען זשארזש'ן און דאגענע און האט זיי מיטגעבראכט אין איהר קארעטע. אזוי וויא קיינער איז נאך דערווייל ניט געקומען האט זיא זיי ביידען אריינגענומען אין טואלעט צימער און בלייבענדיג אין דעם זעלבען קלייד, אין וועלבען זיא איז געקומען פון טהעאטער, האט זיא נאר געלאזט פערקאמען דיא האר און בעפוצען דעם קאפ און ברוסט מיט ווייסע ראזען. דער קאבינעט איז געווען פערשטעלט מיט דיא מעבעל פון סאלאן, און ווען נאנא איז שוין געווען פארטיג מיט איהר טואלעט, האט זיך איהר קלייד פערטשעפעט אן א רעדעל פון א שטוהל און א ריס געטהאן זיך. נאנא איז ארוים פון זיך. אזעל-בע זאכען קענען טרעפען נאר איהר. זיא האט אין דער גיך אויסגעטהאן איהר ווייסע זיידענע קלייד, נאר זיא האט עס באלד געמוזט צוריק אנטהאן, ווייל זיא האט קיין אנדערע ניט געפונען. און זיא האט זיך צו וויינט וויא א קינד, וואס זיא געהט אנגעטהאן וויא א שלעפערקע. דאגענע און זשארזש האבען דעם ריס פער-שפילעט מיט שפילקעס און זאג האט איהר אויף דאס ניי פערריכט איהרע האר. דאס איגנעל איז געווען גליקליך, וואס ער האט געקענט ליגען ביי איהר זייט און פורקען זיך ביי איהר קלייד.

— זאג! דוא זאלסט ניט געהן שלאפען, פיעלייכט וועל איך דיר דארפען, האט נאנא געזאגט, פודרענדיג איהר געזיכט.

דערווייל האט דער לאקיי, וועלבען מען האט געדונגען אויף דיא נאכט, אריינגעפיהרט דיא געסט אין דעם קליינעם סאלאן. אין גרויסען זאל האט זיך גע-הערט דאס קלאפען פון געשיר.

— וויא, דוא ביזט דיא ערסטע? האט נאנא אויסגעשריען צו קלאריס'ן, וועלבע איז ערסט אנגעקומען מיט פאלואז.

— אח, ער האט זיך אזוי געאיילט, ער האט אלץ מורא געהאט, אז עס וועט זיין צו שפעט. ווען איך זאל איהם הערען, וואלט איך אפילו דעם פאריק ניט אראבגענומען און דיא פארב ניט אבגעוואשען.

דער יונגער מאן, וואס האט איצט געזעהן נאנא צום ערסטען מאל פון דער

נאהענט, האט איהר אנגעהויבען מאכען קאמפלימענטען און רעדען פון זיין קוזין, אום צו פערבארגען זיין פערלעגענהייט. נאר נאנא ניט הערענדיג, וואס ער רעדט און ניט וויסענדיג, ווער ער איז, האט איהם מיט ווארעמקייט געדריקט דיא האַנד און איז אוועקגעלאָפען צו בעגעגענען ראָזע מיננאָן, וועלכע איז איצט אריינגעקומען, זיא איז מיט אמאָל זעהר העפליך געוואָרען.

— וויא גוט דאָס איז פון אייער זייט, וואס איהר זייט געקומען, האט נאָנאַ צו איהר געזאָגט. איהר ווייסט ניט, פיעל ביי מיר איז ווערט צו זעהן אייך אין אונזער געזעלשעפט.

— איך בין זעהר גליקליך צו נעמען אנטהייל אין אייער פרייד, האט ראָזע געענטפערט.

— זעצט אייך, ווינשט איהר עפּעס?

— איך דאנק. איך וויל גאָר ניט. אה, איך האב פערגעסען מיין פעכער אין מיין מאנטעל. שטיינער, זייט אזוי גוט, ער ליגט אין דער רעכטער טאשע.

הינטער ראָזא זיינען אריין מיננאָן און שטיינער. דער באנקיר האט זיך אומגעקעהרט נאָכ׳ן פעכער. דערווייל האט מיננאָן אקוש געטהאָן נאָנאַ און האָט געהייסען ראָזען טהאָן דאס זעלבע. זיינען זיי דען ניט פון איין טהעאטער, זיינען זיי דען ניט איין פאמיליע? דאַן האָט ער א ווינק געטהאָן צו שטיינער, ער זאָל אויך טהאָן דאס זעלבע, נאָר פיהלענדיג אויף זיך ראָזעס קלאָרען בליק, האט זיך שטייגער בענוגענט מיט דעם, וואס ער האט ביי נאָנאַ א קוש געטהאן דיא האַנד.

אין דיזען אויגענבליק איז ערשיענען גראף וואנדעיוור מיט בלאנש. אלע האָבען זיך פערנייגט און נאנא האט געאיילט אריינזעצען בלאנש׳ן אין א פאָטעל.

דערווייל האט זיך פון פאָרצימער דערהערט לוסי׳ס שטימע, וויא זיא האָט גערופען דעם פערוואלטער פון הויז שווייץ, פאר וואָס ער האט איהר קארעטע ניט אריינגעלאָזט אין הויף אריין. אין זאל אָבער איז זיא אריין לאכענדיג, האט אָנגעכאפּט נאָנאַ פארביידע הענד און דריקענדיג איהר דיא האנד, האט זיא געזאָגט אז זיא האָט איהר ליעב געקריגען פון דער ערסטער מינוט און אז זיא ציינט ארויס א גרויסען טאלאנט.

שטאָלץ און גליקליך אין איהר נייע ראלע אלס ווירטהין, האט איהר נאָנאַ געדאנקט אין פערלעגענהייט. ציט פאָשערי איז אריינגעקומען, האָט איהר בעשעפטיגט איין געדאנק און אזוי ניך, וויא זיא האט געפונען דיא געלעגענהייט, איז זיא צו איהם צוגעגאנגען און האט איהם אין דער שטיל געפרעגט:

— וועט ער קומען?

— ניין, ער האט ניט געוואָלט קומען, האט דער זשורנאַליסט גענטפּיערט קורץ.

ער האט ניט ערוואַרטעט דיא פראַגע, צוואר ער האט אויפ'ן וועג איינגע־שטודירט א גאַנצע געשיכטע אום צו ערקלערען, פאר וואָס דער גראף האט ניט געקענט קומען. אונ בעמערקענדיג, אז זיא איז געוואָרען בלייך, האט ער געוואָלט פערגלעטען זיין שאַרפען ענטפער און האט געזאָגט:

— ער האט ניט געקענט קומען, ווייל ער געהט היינט מיט דער גרעפין צום מיניסטער דעם אינער'ין אויפ'ן באַל.

— גוט האט נאַנאַ געזאָגט מיט כעס צום זשורנאַליסט. דוא וועסט מיר דערפאר בעצאָהלען.

— אָהאָ! האט געענטפערט פאַשערי, בעלייריגט פון איהר דראָהונג. דאס צווייטע מאל וועסטו מיט אזעלכע אויפטראַגען בעגליקען אן אנדערן. ווענד זיך צו לאַבאָרדעט!

און זיי האבען זיך אומגעקעהרט אין כעס איינער צום צווייטען מיט דיא רוקענס.

אין דיזען אויגענבליק האט מיננאָן א שטופ געטהאָן צו איהר שטיינער'ן מיט דער מינע פון א גוטמוטהיגען מענשען, וואס וויל נאָר טהאן גוטס אויף דער וועלט.

— איהר ווייסט, ער געהט אויס נאָך אייך, נאָר ער האָט מורא פאר מיין ווייב. איהר וועט זיך פאר איהם אָנגעהמען, ניט וואָהר?

נאַנאַ האט זיך געמאַכט, אז זיא פערשטעהט גאָר ניט און האט מיט א שמייכעל געקוקט אויף ראָזע'ן, אויף איהר מאן און אויף איהר שטיינער. דערנאָך האט זיא געזאָגט מיט א שמייכעל:

— הערר שטיינער, איהר וועט זיצען נעבען מיר.

אין דער מינוט האט זיך דערהערט א געפּילדער און א גרויס געלעכטער פון פאָרצימער. לאַבאָרדעט האט געבראַכט פינף פרויען.

— און באָרדענאַוו? האט שטיינער געפרעגט. פאר וואָס זעהט מען איהם ניט?

— ער האט אויסגעלונקען א פוס, האט ראָזא מיננאָן געענטפערט, און ער ליידט שרעקליכע וועהטאָגען.

יעדער האָט איצט בעדויערט דעם דירעקטאָר. קיינער האט אזעלכע גוטע סאָפּערס ניט געגעבען וויא באָרדענאַוו, נאָר באַלד האט מען ווענען איהם פערגע־

סען, און דער געשפרעך האט גענומען אן אנדער ווענדונג. פלוצלים האט זיך דער־הערט א הויכער קול:

— אויף מיין ווארט! איך פיהל, וויא מען וואלט מיר איצט בעגראבען.

דאס איז געוועזן באָרדענאוו. ער איז אריינגעקומען, אָנגעשפּארט אָן סימאָנ׳ס אקסעל. דיזע מיידעל איז געוועזן זעהר א דעליקאטע און זיא האָט זיך געבויגען אין דרייען אויטער דעם דירעקטארס שווערע וואָג. נאר אריין איז זיא מיט א שמייכעל.

— איך האב געזאגט, אז איך מוז דא זיין, ווען דאס זאל קאסטען אפילו מיין לעבען, האט באָרדענאוו געזאגט, און אָט בין איך.

סימאָן האט געגעבען א צו גיכען טריט. ער האט איהר געגעבען א שטופּ, נאר זיא האט ניט אויפגעהערט צו שמייכלען, זיא האט נאר אראפגעלאזט דעם קאפּ, וויא א טהיער, וואס האט מורא פאר א קלאפּ און האט אנגעווענדט אלע קרעפטען איינצוהאלטען איהם. מען האט פאר איהם געשטעלט א שטוהל און מיט הויכע קולות אין מויל האט ער זיך אנידערגעזעצט. א צווייטען שטוהל האט מען צוגעשטעלט פאר זיין אויסגעלונקענעם פוס.

דערווייל זיינען אָנגעקומען נאך געסט און דער קליינער סאלאן איז געווארען פול. נאנא האט פערלארען דיא געדולד און האט ניט פערשטאנען פאר וואס ווארט מען, ווען אלץ איז פארטיג.

עס זיינען אנגעקומען נאך געסט צווישען זיי אזעלכע, וועלכע זיא האט קיין מאל אין דיא אויגען ניט געזעהן. זיא האט א פראנענדען בליס געווארפען אויף באָרדענאוו, מיגנאָן און אויף לא־באָרדעט, אבער זיי האבען אויך נאר ניט געוואוסט. זיא האט זיך געווענדט צום גראף וואנדעוור, און ער האט זיך דערמאנט, אז ער האט זיי איינגעלאדען, ווען ער איז געוועזן ביים גראף מופפא. נאנא האט איהם העפליך בעדאנקט און האט אויסגערעכענט, אז מען וועט דארפען צושטעלען נאך זיבען שטוהלען און עס וועט זיין ביים טיש זעהר געדיכט. זיא האט געזאגט צו לאבאָרדעט, אז ער זאל הייסען דעקען דעם טיש פאר זיבען געסט מעהר. נאר קוים איז ער אוועק, זיינען אָנגעקומען נאך געסט. נאנא איז שוין געווארען אין כעס און האט געזאגט, אז דאס איז לעכערליך און עס האט קיין זין ניט. נאר ווען נאך צוויי זיינען אריינגעקומען, האט זיא זיך צולאכט, ווייל דאס האט איהר געשיינט צו זיין נאר ווילד.

— זיינען נאך ניט אלע דא? האט באָרדענאוו געפרעגט.

— אלע זיינען דא! האט נאנא געענטפערט.

ווען זיא האט עס ארויסגערעדט, האט זיא זיך ארומגעקוקט און איז פלוצלים

געווארען זעהר ערנסט און ערשטוינט, ווען זיא האט אויסגעפונען אז עס פעהלט איינער, אויף וועלכען זיא האט געווארט. מען דארף ווארטען נאך א פאר מינוט. באלד האבען דיא געסטע בעמערקט א הויכען מאן מיט א ווייסע הוט און א שעהנע בארד. מערקווירדיג, וואס קיינער האט ניט בעמערקט, וויא ער איז אריינגעקומען — ער האט זיך אריינגעגליטשט דורך א טהיר וואס האט געפיהרט אין שלאף-צימער. אין סאלאן איז געווארען שטיל און מען האט זיך גענומען שושקען. גראף וואנדעיוור האט איהם נעקענט, ווייל ער האט איהם געדריקט דיא האנד, נאר ווען מען האט איהם געפרעגט, ווער ער איז, האט ער נאר געענטפערט מיט א שמייכעל. קאראקין העקע האט אין דער שטיל געזאגט, אז ער איז אן ענגלישער לארד. וועלכער פאהרט מארגען אב נאך לאנדאן, אום חתונה צו האבען; נאר מאריא בלאנד האט געזאגט, אז ער איז גאר א דייטשער געזאנדטער. אלענפאלס איז ער א וויכטיגע פערזאן און וואהרשיינליך האט ער געצאהלט פאר'ן סאפער. פלוצים האט זיך דיא טהיר געעפענט און דער סארוועד האט געמעלדעט, אז דער סאפער פאנגט זיך אן.

נאנא האט אויסגעשטרעקט איהר ארם צו שטיינער, און זיי זיינען אריין אין גרויסען סאלאן. נאך זיי זיינען אריין אלע געסט. נאנא האט זיך געזעצט אין מיטען דער אונבעקאנטער העדר פון איהר רעכטען זייט און שטיינער פון דער לינקער. ווען אלע האבען פערנומען זייערע פלעצער האט מען אויסגעפונען, אז צוויי זיינען געבליבען שטעהן. מען האט פארגעשלאגען, אז צוויי זאלען עסען פון איין טעלער און שטיינער האט העפליך אנגעבאטען זיין שוים פאר נאנא צו זיצען. קלאריס האט ניט געקענט ריהרען מיט איהרע עלענבויגען, און האט געזאגט צו וואנדעיוור, אז ער זאל איהר קארמענען.

מען האט געבראכט דעם זופ און דעם קאנסומע. באררענאוו האט נאר וואס אנגעהויבען צו לויבען דעם קאנסומע, ערסט פון אלע זייטען האבען זיך דערהערט פראטעסטען; אין טהיר האבען זיך בעוויזען נאך דריי פערשפעטיגטע געסט.

דאס איז שוין צופיעל, האט געטראכט נאנא און ניט אויפהויבענדיג זיך פון איהר פלאץ, האט זיא בעטראכט איהרע געסט צו זיא קען זיי. דיא דאמע איז געווען לואיזע וויאליין, דיא הערדען האט זיא קיין מאל ניט געזעהן.

— מיין טהייערע, האט געזאגט וואנדעיוור צו נאנא, דאס איז הערר פאקארמאן, מיינער א פריינד, וועלכען איך האב איינגעלאדען.

— און איך, האט געזאגט פאסארמאן, האט זיך ערלויבט איינצולאדען א נעם פון מיינע פריינד.

— פאַרטרעפליך, האָט נאַנאַ געזאָגט. קלאַריס, גיב זיך אַ רוק אַביסעל, איהר זיצט דאָרט צו בעקוועם.

נאָר ביים בעסטען ווילען האָט מען קיום געמאַכט פּלאַץ פאַר צוויי און איינער איז געבליבען שטעהן, און האָט געגעסען, שטעהענדיג נעבען זיינע פריינד.

— און איך האָב נאָך געוואָלט פערבעטען נאָך דריי פון אונזער טרופּע, פאַנטאַן און דיא אַנדערע צוויי, האָט געזאָגט באָרדענאַוו.

— ווען איך זאָל זיי וועלען האָבען ביים טיש, וואָלט איך זיי אַליין געבעטען, האָט געענטפערט נאַנאַ, איך וואָלט זיי געוויס אַרויסגעשיקט שפּאַצירען. פאַר זיי איז דאָ קיין פּלאַץ ניט.

— דאָס איז אַזוי, האָט מיגנאָן צוגעגעבען.

ביים טיש האָבען זיך אַלע געהאַלטען אַזוי אַנשטענדיג און ערנסט, אַז זשאָרזש האָט זיך זעהר געוואונדערט, ער האָט געמיינט, אַז דער סאַפּער וועט זיך אָנהויבען אַם וויינינגסטענס מיט קוסען.

מען האָט אַריינגעטראָגען דעם פיש, ווען בלאַנש האָט אויסגערופען:

— ליעבע לוסי, איך האָב ניט לאַנג בעגעגענט אייער אַליוויע, ער איז היבש אויסגעוואַקסען....

— יאָ, ער איז אַלט אַכצעהן יאָהר און איך בין אויך ניט אינגער געוואָרען. ער איז צוריקגעפאָהרען, אום פאָרטצוזעצען זיין שטודיום.

אַלע האָבען אָנגעהויבען צו רעדען פון זייערע קינדער, נאַנאַ האָט אויך גערעדט פון איהר קליינעם לואי, וועלכער ווערט ערצויגען ביי איהר מאַנטע און זיא ברענגט איהם צו איהר יעדען פריהמאָרגען עקך אוהר, און ער שפּיעלט זיך ביי איהר אין בעט. מען קען לאַכען צום טוידט, אַזוי קלוג איז ער.

— מיינע קינדער זיינען נעכטען געקומען פון פאַנסיאָן און איך האָב זיי מיטגענומען אין טהעאַטער. איהר האָט בעדאַרפט זעהן, וויא זיי האָבען אַפּלאָדירט, האָט געזאָגט ראָזע מיגנאָן.

איהר מאַנס אויגען זיינען פייכט געוואָרען פון פאָטערליכער צערטליכקייט.

— איהר האָט בעדאַרפט זעהן, וויא זיי האָבען זיך אויפגעפיהרט ביי דער פאָרשטעלונג, זיי האָבען פון דער מאַמען דיא אויגען ניט אַראָבגענומען און האָבען אַלץ געפרעגט, פאַר וואָס געהט דיא מאַמע אַרום מיט נאַקעטע פיס.

דאָס גאַנצע געזעלשאַפט האָט געלאַכט און מיגנאָן האָט געשטראַהלט פאַר פרייד און שטאָלץ. ער האָט פערגעטערט זיינע קינדער און האָט נאָר געטראַכט דערפון, וויא צו פערמעהרען זייער פערמעגען. ער האָט זעהר טריי געהיט דאָס געלד

וואס זיין ווייב האט פערדיענט אין טהעאטער און אנדערסוואו. ווען ער האט מיט איהר חתונה געהאט, איז ער געווען קאפעלמייסטער אין א קאפע קאנצערט, וואו זיא האט געזונגען. זיי האבען זיך דאמאלס געליעבט ליידענשאפטליך, איצט זיינען זיי געווען זעהר גוטע פריינד; זיא האט פערדיענט מיט איהר טאלאנט און שעהנהייט אזוי פיעל, וויא נאר זיא האט געקענט און ער האט זיין פידעל אוועקגעלעגט און האט איהר געהאלפען, פיעל ער האט געקענט. א רוהיגערע און צופריעדענערע פאר איז געווען שווער צו געפינען.

פאלואז, וואס איז געזעסען נעבען נאנא, האט איהר געפרעגט, וואס מאכט איהר טאנטע, און פאר וואס האט זיא איהר ניט מיטגעבראכט. דאס וועט זיא קיין מאל ניט טהאן, זיא איז נאך ערסט דריי חדשים פון פאנסיאן.

— איך האב איהר געוואלט באלד חתונה מאכען, נאר זיא האט מיך צו ליעב און וויל פון מיר ניט אוועקגעהן.

זיא האט גערעדט ווייטער וועגען איהר טאכטער. הייראטהען איז פארט דאס בעסטע. זיא אליין ארבייט נאך אלץ, זיא האט בעקאנטשאפט מיט העררען, מיט זעהר יונגע העררען, אזעלכע ביי וועמען זיא האט געקענט זיין א גראס-מוטער, און האט דאך ניט געקענט אבשפארען קיין סו. דאן האט זיא זיך אנגעבויגען צו פאלואז או האט איהם איינגערוימט אין אויער:

— איך היט איהר אזוי גוט, וויא איך קען.... אויב זיא וועט דאך אריינפאלען, וועט דאס ניט זיין מיין שולד.

דער געשפרעך איז געווארען אן אלגעמיינער. נאנא האט דיא גאנצע צייט גערעדט מיט פאלואז. זיא האט גערעדט מיט איהם וועגען דער אויסשטעלונג און האט געזאגט, אז זיא האפט אויף א גוטען סעזאן. גאנץ פראנקרייך און אויסלאנד וועלען אויפקומען אין פאריז. זיא האט שוין לאנג געווארפען אן אויג אויף א קליין הייזעל ניט ווייט פון פאריז, וואו זיא וועט זיך בענוצען נאך דער אויסשטעלונג, אויב זיא וועט מאכען גענוג געלד.

— וואס זאל מען טהאן? האט זיא געזאגט. ווען מען זאל וועניגסטענס געליעבט זיין.

נאנא האט דערפיהלט דעם יונגען מאנ׳ס קניע אויף איהרען, און זיא איז צערטליכער געווארען. פאלואז איז זעהר רויט געווארען, און זיא האט איהם געוואורנען מיט איהר בליק: ער וועגט ניט פיעל, אבער אין איהר עלטער קלייבט מען ניט.... זיא האט איהם געגעבען איהר אדרעס.

— קוקטן האט וואנדעיוור געזאגט צו קלאריס. נאנא נעהמט ביי איך אוועק אייער העקטאר.

— אה, מיר ארט דאס ניט, האט זיא געענטפערט, ער איז א נאר.

און ווייזענדיג אויף בלאנש, האט זיא געזאגט צו איהם:

— איהר זעהט, אייער בלאנש שפיעלט מיט'ן אונבעקאנטען הערן. מיר דוכט, אז זיא וועט אויך ביי אייך ניט בלייבען.

— מיר אינטערעסירט עס ניט, האט ער געענטפערט. איך וועל איהר ניט שטערען.

איהם האט פיעל מעהר אינטערעסירט דיא אינטריגע, וואס שטיינער האט געפיהרט ביים טיש. דער באנקיר האט געהאט א נאמען מיט זיינע ליעבעס; ער איז געווען א דייטשער איד און האט געפיהרט געשעפטען אין מיליאנען: נאר צו ווייבער האט ער געהאט א גוואלדיגע שוואכקייט, ער האט געוואלט האבען אלע. און אזוי גיך וויא א נייע האט זיך בעוויזען ביים טהעאטער, האט ער איהר באלד גענומען נאכלויפען. זיין אפעטיט נאך מיידלאך האט איהם שוין צוויי מאל שיער רואינירט, נאר ער האט זיך אלע מאל ארויסגעמאכט. ניט לאנג איז ער דורך א גוטע ספעקולאציאן זעהר רייך געווארען. דיא מיגנאנס האבען שוין איהם געצופט צייט צוויי מאנאט, איצט האט נאנא געוויזען איהרע ווייסע צייהנער, זיי זאלען ניט אלעס האבען. ער איז געווען אין איהר נעץ און איז געזעסען ביי איהר זייט, וויא א טוידטער און האט ניט געקענט עסען און ניט טרינקען. זיין אונטערסטע ליפ איז איהם אראבגעהאנגען און דאס געזיכט האט זיך בעדעקט מיט פלעקען. זיא האט נאר געדארפט אנרופען דיא סומע, אבער זיא האט געהאט צייט, ער וועט ניט געהן פערלארען; זיא האט נאך אלץ געהאפט אויף מופפא.

פלוצים האט ער בעמערקט, אז קוסי איז שרעקליך בייז, און אז זיא נעהמט ניט אראב דיא אויגען פון ראזע מיגנאן און פאשערי.

— צום טייוועל! האט ער צו איהר געזאגט. וואס זייט איהר אייפערזיכטיג?

— געוויס! האט לוסי אויסגערופען מיט כעס. ווען ראזע וויל איהם האבען, קען זיא איהם נעהמען. וואס האב איך פון איהם? א בוקעט א מאל אין א וואך און אמאל דאס אויך ניט. נאר דיא אקטריסעס זיינען אלע גלייך, זיא וויל אזא ארטיקעל, וויא ער האט געשריבען פאר נאנא. איך וועל איהם ווייזען דיא טהיר, איהר וועט זעהן.

זיא האט אויסגעטרונקען א גלאז וויין, און האט ווייטער גערעדט.

— איך וועל ניט מאכען קיין געלעכטער, נאר זיא איז א העסליכע דירנע.

אויף איהר מאנ'ס פלאץ, וואלט איך איהר געשפיעלט א פיינעם טאנץ. ער וועט איהר קיין גליק ניט ברענגען.

— קינדער! האט אויסגערופען באַרדענאַוו. טרינקט ניט אזוי פיעל, מארגען שפיעלט מען.

אלע האבען אנגעהויבען צו ווערען שכור. פּאַקאַרמאַן האָט זיך אנגעהויבען צו קריגען מיט פאלואז און נאכצוקרימען זיין נאָמען, און פאלואז האט איהם גע־דראָהט צ ווארפען מיט א פלאש אין קאפּ. וואַנדעיוור האט קוים צווישען זיי גע־מאַכט א שלום, נאר פאקארמאן האט באלד אטאקירט לאבארדעט, רופענדיג איהם דיא גאַנצע צייט „מאדאם". ניט קענענדיג לעננער אריבערטראגען, האט ער זיך געווענדעט צו וואַנדעיוור און געבעטען איהם, ער זאל זיין פריינד מאַכען שוויי־גען, ווייל ער וויל ניט בייז ווערען. און יענער האט געבעטען פאקארמאן, ער זאל לאבארדעט'ן צוריקגעבען זיין געשלעכט. אלע האבען אנגעהויבען צו רעדען מיט א מאל, שרייען און איבערשלאגען איינער דעם צווייטען.

— קעצעלע, נאמיר טרינקען דעם קאפע דא, האט באַרדענאַוו געזאגט צו נאַנאַ. מיר איז שווער אויפצוהויבען דעם פוס.

נאנא איז דיא גאַנצע נאכט געווען אין איין צאָרן, פאר וואָס מען פיהרט זיך אויף אין איהר הויז, וויא אין א רעסטאָראַן און מען קעהרט זיך גאר ניט אום איהר, זיא איז שוין געווען גוט שכור, דער שאַמפּאַניער איז איהר געשטיגען צום קאָפּ. איהר האט אויסגעוויזען, אז דיא פרויען רייצען אן צו קריעגערייען, כדי זיי זאלען דערנאך קענען זאגען, אז מען קען זיך ביי איהר ערלויבען, וואס מען וויל. אמת, זיא איז אפילו בעזויפען, נאר זיא וויים, וויא צו האלטען זיך. זיא האט זיך אויפגעהויבען פון שטוהל און האט שטיל געזאגט צו שטיינער און צום אלטען אונ־בעקאַנטען העררן:

— איך בין דאס ווערט! מיר וועט דאס זיין א גוטע לעהרע. דאס צווייטע מאל וועל איך אזעלכע שמוציגע לייט צו זיך ניט איינלאדען.

דאן האט זיא מיט'ן פינגער געוויזען אויפ'ן טהיר פון שפייזע צימער און גע־זאגט אין דער הויך:

— ווער עס וויל טרינקען קאפע, וועט איהם קריגען דארטען.

דער סאלאן איז באלד געווארען לעדיג, נאר איין באַרדענאַוו איז פערבליבען, האלטענדיג זיך ביי דיא וועגד און פרובענדיג געהן. ער האט מיט טוידטע קללות געשאלטען דיא פרויען, וואס האבען איהם איבערגעלאזט אליין. דיא קעלנער הא־בען אבגעראמט דיא טישען פון סאלאן, ווייל דיא געסט האבען דערנאך געדארפט

צוריק־קעהרען אהיין. און שפּייזע צימער איז געווען קיהל, די פענסטער זיינען גע־ווען אפען. דער קאפּע און ליקערס זיינען געשטאנען אויפ׳ן טיש. קיין שטוהלען זיינען דארטען ניט געווען, און דעם קאפּע האט מען געטרונקען שטעהענדיג. נאנא איז פערשוואונדען געווארען, נאר קיינער האט זיך וועגען איהר ניט געקימערט, יע־דער האט געטהאן וואס ער האט געוואלט.

— אגוסט, דוא ביזט געוויס אויך מיין מיינונג, אז מען דארף איינלאדען הערר פּאשערי צו אונז אויף פריהשטאַק, האט געזאגט ראזע מיגנאָן צו איהר מאן.

מיגנאָן האט א וואָרף געטהאן א שטרענגען בליק אויפ׳ן זשורנאליסט. ראזע איז ווארשיינליך אראב פון זינען, ער וועט דאס ניט דערלאזען. נאר אזוי ניך וויא דער ארטיקעל וועט ערשיינען, וועט ער איהם וויזען די טהיר. נאר וויסענדיג איהר איינגעשפּארטקייט אין געוויסע זאכען, האט ער צייטענוייז געמוזט נאכגעבען איהרע קאפּריזען. אויך איצט האט ער געענטפערט אין א פריינדליכען טאָן:

— געוויס, איך וועל זיך שעצען גליקליך.... קומט מארגען, הערר פּאשערי.

לוסי האט גערעדט מיט שטיינער׳ן און האט געהערט די איינלאדונג. זיא האט צו איהם געזאגט:

— זיי אלע האסען מיך! איינער פון זיי האט ביי מיר אלעס צוגע׳גנב׳עט, אפילו מיין הונד. איז עס דען מיין שולד, וואס איהר ווארפט איהר אוועק?

ראזע האט אומגעקערט דעם קאָפּ און האט מיט כעס א קוק געטהאן אויף שטיינער. איהר מאן האט ניט רעכט, זיא וועט שוין שטיינער ניט איינהאלטען, דערפאר וועט זיא האבען פּאשערי, אפילו ווען ער זאל ניט וועלען ליידען, דאס וועט איהם זיין א לעהרע.

— איהר וועט זיך דאך ניט פּאטשען מיט ראזען? האט וואנדעוור געפרעגט לוסי׳ן.

— האט קיין מורא ניט, האט זיא געענטפערט.

זיא האט צוגערופען פּאשערי און געזאגט:

— דיינע פּאנטאפעל געפינען זיך אין מיין הויז, און איך וועל דיר זיי מאר־גען אבשיקען.

און זיא איז אבגעטראטען שטאלץ, וויא א קעניגין.

לאריסא איז געשטאנען און געלאכט, וואס מען מאכט אזא ווערזען איבער א מאן, און האט דערביי געזאגט צו פּאלואז אז אויב ער האט ליעב פוילע, קען ער צו זיי געהן געזונדערהייר. פאקארמאן האט זיך נאך אלץ צוגעשטאנען צו לאבאָ־רעדט, שרייענדיג, אז ער מוז פּאטשען דעם קנעכט פון פרויען, דעם באסטארד פון

א גרעפין, וועלכער געהט קיין מאל ניט שלאפען און האט שטענדיג פינף און צוואנ־ציג לואי אין טאשע. פלוצלים, מאכענדיג א טריט צו לאבארדעט, איז ער בלייך געווארען און אומגעפאלען. ער איז געווען טוידט־שכור. ווען מען האט איהם אוועק־געטראגען, האט נאנא געזאגט. אז איצט וועט ער שלאפען זעכצעהן שטונדען:

— וואו איז נאנא היננעקומען? האט פלוצלים געפרעגט גראף וואנדעיוור.

שטיינער איז אויך געווארען אונרוהיג, ווייל ער האט בעמערקט, אז דער אלטער אונבעקאנטער הערר איז אויך פערשוואונדען געווארען. דער גראף האט אבער געזאגט, אז ער האט איצט דעם אלטען העררן אוועקגעפיהרט א היים. ער איז א פרעמדער און זיין נאמען איז ניט נויטהיג צו וויסען. ער בעגוגענט זיך דער־מיט, וואס ער בעצאהלט פאר אזעלכע ספפערס. נאך א לאנגען זוכען האט וואנ־דעיוור אבגעזוכט נאנא אין איהר שלאף־צימער. זיא איז געזעסען שטאר און שטייף מיט בלייכע ליפען און זשארזש און דאגנע זיינען געווען נעבען איהר און האבען איהר בעטראכט מיט שרעק.

— וואס איז אייך? האט איהר דער גראף געפרעגט איבעראשט.

זיא האט זיך שרעקליך אנגעהויבען צו זידלען, זאגענדיג, אז מען האט זיך פון איהר אויסגעלאכט.

— דוא ביזט בעזויפען, מיין טאכטער, האט צו איהר געזאגט גראף וואנדעיוור: זיי פערנונפטיגער.

זיא האט זיך דערפון אבגעזאגט.

— מעגליך, אז איך בין בעזויפען, אבער איך וויל, אז מען זאל פאר מיר האַ־בען רעספעקט.

צייט א פערטעל שטונדע האבען איהר זשארזש און דאגנע געבעטען, זיא זאל צוריקגעהן אין שפייז צימער. נאר זיא האט געענטפערט, אז זיא וועט זיך בעסער לאזען שניידען אין שטיקער, איידער געהן אהין.

— דאס איז ראַזע, דער עזעל, וואס האט געמאכט דיא גאנצע אינטריגע.

זיא האט דאס דורכגעפיהרט, אז דיא אנשטענדיגע מאדאם ראבערט זאל ניט קו־מען. אויך האט פאַשערי, צוליעב איהר ניט געבעטען דעם גראף מופפא. פאַשערי איז א וואהרער שלאנג און פול מיט ניפט, און איז פערטיג צו פערניכטען א פרוי, וועלכע ער האסט. זיא וויים, אז זיא איז דעם גראף געפעלען געווארען, און זיא האט איהם געקענט האבען.

— דעם גראף, מיין ליעבע? קיין מאל ניט, האט איהר וואנדעיוור געענט־פערט מיט א געלעכטער.

— פאר וואס דען נים? האט זיא נעפרעגט ערנסט און א ביסעל ניכטערער.

— ווייל ער איז פרום און איז פול אין אלע קירכען. און ווען ער וועט אייך נור א ריהר טהאן מיט א פינגער, וועט ער גלייך לויפען צום גלח מתודה זיין זיך. נעהמט אן מיין גוטען ראטה און לאזט דעם אנדערן ניט ארויס פון דיא הענד.

זיא האט א ווילע נעטראכט, האט זיך אויפגעהויבען און אויסגעווישט דיא אויגען. און אזוי ניך, ווי א וואנדעריוור איז ארויס פון צימער, האט זיא זיך אריינגעווארפען דאגעגען אין דיא ארמען און האט אויסגעשריען:

— אח, מיין ליעבער! דוא ביזט מיר טהייערער פון אלעמען. דיך ליעב איך. וויא גליקליך וואלטען מיר געווען, ווען מיר וואלטען שטענדיג געקענט בלייבען צוזאמען. מיין גאט! דיא פרויען זיינען זעהר אונגליקליך.

און בעמערקענדיג זשארזש'ן, וועלכער איז זעהר רויט געווארען, ווען ער האט דערזעהן, וויא זיי קוסען זיך, האט זיא איהם אויך א קוס געטהאן און געזאגט, אז דאגעגע קען דאך ניט זיין אייפערזיכטיג אויף א קינד און וויא שעהן עס וואלט געווען צו לעבען אלע דריי צוזאמען און אלע זאלען זיך ליעב האבען. פלוצלים האט זיי א זעלטזאמער גערויש איבערגעשלאגען. יעמאנד האט געבראפעט אין צימער. דאס איז געווע בארדענאוו, וועלכער איז געלעגען אויסגעצויגען מיט אן אפענעם מויל אויף צוויי שטוהלען און מיט'ן קאפ אויפ'ן ראנד בעט. זיי זיינען אלע מיט א געלעכטער ארויסגעלאפען פון צימער.

— א, מיין ליעבע! האט זיא געזאגט, אריינווארפענדיג זיך ראזע'ן אין דיא ארמס. איהר קענט זיך נאר ניט פארשטעלען! קוממט, וועל איך אייך עפעס ווייזען.

און נאנא האט איהר אוועקגעשלעפט צו ווייזען בארדענאוו. נאך פרויען זיינען זיי נאכגעגאנגען.

עס איז שוין געווען פיער א זייגער אין דער פריה. מען האט נעפרובט טאנצען, נאר דיא דאמען זיינען געווען צו מיעד דערצו. עטליכע מענער, צווישען וועלכע איז אויך געווען שטיינער, האבען זיך געזעצט שפיעלען אין קארטען. פלוצלים האט זיך דערהערט א גערויש, עלף יונגע לייט זיינען אריינגעפאלען אין צימער מיט א געלעכטער, זיי זיינען איצט צוריקגעקומען פון דעם באל ביים מיניסטער דעס אינערען און זיי זיינען געווען בעפוצט מיט פראנצויזישע און פרעמדע ארדענס. נאנא איז אין בעס געווארען אויף דיא שטערונג און האט אריינגערופען דיא קעלנער, זיי זאלען ארויסווארפען דיא אונגעבעטענע געסט. איהרע פריינד האבען געאיילט איהר צו העלפען, אז מען זאל איהר ניט בעליידיגען. עס האט זיך אנגעהויבען א ידלעריי, און נאנא האט געשווארען אז זיא האט זיי אין איהר לעבען קיין מאל

ניט געזעהן. עס האט געהאלטען ביי א געשלעג. א קליינער בלאנדער הערר האט די גאנצע צייט געהאלטען אין איין רעדען:

— דאך, נאנא, דערמאנט אייך. איהר האט דאך אונז אלעמען איינגעלאדען... אין דעם גרויסען סאלאן ביי פעטערס.

זיא האט זיך פאר קיין פאל ניט געקענט דערמאנען. ווען איז דאס געווען? נאר ווען דער בלאנדער האט געזאגט מיטוואך, האט זיא זיך דערמאנט, אז יענעם אבענד האט זיא דארטען געגעסען סאפער, אבער זיא האט קיינעם ניט איינגעלאדען.

— אפשר ביזטו געווען שכור'לאך? האט איהר געפרעגט לאבארדעט, וועל־כער האט אנגעהויבען צווייפלען אין איהר געדעכטניס.

נאנא האט זיך צולאכט. דאס איז שוין מעגליך. און אזוי וויא זיי זיינען שוין דא, זאלען זיי אריינקומען. זיי זיינען אריין אין סאלאן, וואו יעדער פון זיי האט גע־טראפען בעקאנטע, און דער בלאנדער הערר, וואס האט געטראגען איינעם פון די גרעסטע נעמען פון פראנקרייך, האט געמעלדעט, אז עס קומען נאך אנדערע. אין דער ווירקליכקייט זיינען אנגעקומען אזוי פיעל שווארצע רעק מיט ווייסע שניפסען, אז פאשערי האט מיט א געלעכטער געפרעגט, צו דער מיניסטער אליין קומט אויך ניט. נאנא איז אין כעס געווארען און האט געענטפערט, אז דער מיניסטער געהט צו גרעסערע לייט, וויא צו איהר. דיא דאמען האבען אנגעהויבען צו דערצעהלען זייערע געשיכטען און זיי זיינען געווארען מעלאנכאליש, און נאנא האט זיך אליין געטרייסט מיט דער האפנונג, אז מופפא וועט נאך אויך קומען.

עס האט שוין אנגעהויבען צו ווערען טאג. נאנא האט אויפגעהערט צו קוקען אויף דער טהיר. זיא האט אנגעהויבען צו פערלירען דיא האפנונג. אויפ'ן בופעט זיינען נאך פערבליבען עטליכע פלעשער שאמפאניער. דיא יונגע לייט האבען זיך צו זיי צוגעכאפט און זיי זיינען באלד אלע געווען טוידט שכור. דער בלאנדער האט אויסגעגאסען א פלאש וויין אין פיאנע, דיא איבריגע האבען איהם אנגעהויבען נאכ־צוטהאן, און לאבארדעט האט איינגערעדט טאטאן נענע, אז זיי גיסען דיא וויין אין קלאוויר, כדי עס זאל האבען א בעסערען קלאנג.

דיא ווייבער האבען זיך צווישען זיך אנגעהויבען צו קריגען און זידלען זיך מיט דיא ערגסטע ווערטער. צוויי האבען זיך געקריגט, ווער פון זיי איז שעהנער. לוסי, וועלכע איז געווען העסליך, האט זיי געהייסען שווייגען, ווייל דאס געזיכט איז נאר ניט, דיא הויפט זאך איז דער וואוקס. אויף דער זאפע האט א מיטגליעד פון א געזאנדשאפט געפרובט קוסען סימאן, נאר זיא האט זיך ניט געלאזט און האט איהם שטארק געשלאגען מיט'ן פעכער אין געזיכט. איבערהויפט האט זיך קיינע פון

יי נים געלאָזט אָנריהרען. זיי האבען נים געוואָלט ערשיינען אלס געוואוינליכע דירנען. נאנא האט געהאלטען פאלואז אויף איהר שויס, און קלאריסא האָט זיך געפונען צווישען צוויי הערען, וועלכע האבען איהר אזוי געקיצעלט, אז זיא איז שיער געפאלען פון לאכען.

דער פיאנע האט מען נאָך אליץ נעגעבען צו טרינקען און מען האט עס געפונען פאר זעהר א נוטען שפאס. נאנא איז געזעסען צו זיי מיט'ן רוקען און האט גאָר ניט געזעהן. זיא האט זיך ענדליך בעשלאָסען צו נעהמען שטיינער, וועלכער איז געבען איהר געזעסען. עס איז מופפא'ס שולד, וואס ער האט ניט געוואָלט קומען. איהר גאנצע ווייסע קלייד איז געווען צוקנייטשט, פון דיא ראָזען זיינען נאָר געבליבען דיא שטעקלאך שטיינער האָט פלוצים אנגעכאפט זיין האנד פון איהר קלייד, וויא ער האט זיך פערשטאָכען אן דיא שפילקעס, וואָס זשאָרזש האט פערשפיעלט דעם ריס. א פאָר טראָפען בלוט האָבען אראָבגעקאפעט פון זיינע פינגער און איינער איז אראָבגעפאלען אויף איהר קלייד און האט געמאכט א פלעק.

— איצט איז עס בעזיעגעלט, האט נאנא געזאָגט ערנסט.

אין דרויסען איז געוואָרען טאָג און א בלייכע, טריבע ליכט האט דורכגעדרונגען דורך דיא פענסטער.

אין גרויסער אונאָרדנונג האָבען זיך דיא געסט געלאָזט געהן א היים. מיגנאָן האט ביי דיא קאָרטען אויסגעלעדיגט אין גאנצען וואנדעיוור'ן, און איז מיט זיין ווייב געגאנגען אהיים צופריעדען, פערבעטענדיג פאָשערי צום דינער.

לוסי האט איצט ניט געוואָלט פאָהרען אהיים מיט'ן זשורנאליסט און האט איהם אין דער הויף געזאָגט, אז ער זאָל זיך האלטען ביי דיא קאמעדיאנטען. ראזע האט אויף דעם נאָר צייט געהאט צו ענטפערן „שמוציגע שוויין"; זיא וואלט נאָך מעהר געזאָגט, נאָר דער האט איהר אוועקגעשלעפט. גאגא איז אוועק מיט פאלואז, וועלכער האט געוויינט און געפרעגט אויף קלאריסע, נאָר זיא איז שוין לאנג אוועק מיט איהרע צוויי הערען.

— איך וויל גאָר ניט שלאָפען, האט געזאגט נאנא.

זיא האט אקוק געטהאן אויפ'ן הימעל. דער זיינער האט געשלאָגען זעקס. דיא נאסען־קעהרער האבען ערסט געקעהרט פאריז און ביים אנבליק פון דעם ערוואכענדען פאריז, האט איהר בעהערשט א געפיהל פון צערטליכקייט. זיא האט דערפיהלט א בעדירפניס צו זיין אויפ'ן לאנד. עס האט זיך איהר געגלוסט עפעס אידילישעס, אונשולדיגעס און שעהנעס.

— חייסט איהר וואס ? האט זיא נעזאגט צו שטיינער. לאמיר פאהרען אין באלאניער וואלד און דארטען וועלען מיר טרינקען מילך.

זיא האט פאר פרייד געפאטשט אין דיא הענד, און ניט ווארטענדיג אויף אן ענטפער, איז זיא אוועק נאך א מאנטעל. שטיינער האט איינגעווילינט, נאר ער איז געוועזען בייז, ער האט זיך פארנעשטעלט נאר עפעס אנדערש. אין סאלאן איז געבליבען שטיינער אליין מיט דיא יונגע לייט, וועלכע זיינען ענדליך אויך אוועק, ווען זיי האבען דיא לעצטע פלאש ווייז אויסגענאסען אין פיאנע.

נאנא האט געפונען זאע שלאפען אין טואלעט צימער און האט איהר אויפגעוועקט, זיא זאל איהר העלפען זיך אנטהאן.

— איך האב ענדליך געטהאן, וואס דוא האסט געוואלט, האט זיא געזאגט. שטיינער איז אזוי גוט, וויא יעדער אנדערער.

זאע איז געוועזען אין כעס, וואס מען האט איהר אויפגעוועקט און האט געענטפערט, אז זיא האט דאס שוין פריהער געקענט טהאן.

ביים אריינגעהן אין שלאף צימער האט איהר זאע געפרעגט, וואס זאל זיא טהאן מיט דיא צוויי, און האט איהר געוויזען אויף בארדענאוו און אויף זשארזש, וועלכער האט זיך אריינגעלעגט ביי נאנא אין בעט און איז איינגעשלאפען: ער איז געשלאפען מיט א שטילען רוהיגען אטהעם. נאנא האט איהר געזאגט, אז זיא זאל זיי ביידען לאזען שלאפען.

דערזעהענדיג דאגענע מיט א טרויריגע מינע, איז זיא ווידער צערטליך געווארען. ער איז איהר נאכגעגאנגען פון דער קיך.

— זיי קלוג, האט זיא צו איהם געזאגט און האט איהם ארומגענומען און געקוסט. עס וועט אלעס בלייבען ביים אלטען. דוא ווייסט, אז איך האב נאך דיך ליעב. אזוי האט געמוזט זיין. איך שווער דיר, אז איצט וועט נאך בעסער זיין, וויא פריהער. קום מארגען און מיר וועלען בעשטימען דיא שטונדען. געשווינד, קום מיך! שטארקער! נאך שטארקער!

דערנאך איז זיא ארויסגעלאפען צו שטיינער. זיא איז געוועזען ענטציקט פון דעם געדאנק, אז זיא וועט איצט טרינקען מילך. אין סאלאן איז שוין קיינער ניט געבליבען, אויסער וואנדעיוור און נאך א העער מיט ארדענס. זיי זיינען געזעסען וויא צוגעשמידט צום קארטען טישעל און האבען ניט בעמערקט, וויא עס איז טאג געווארען און האבען ניט געוואוסט, וואו זיי האבען זיך געפונען.

בלאנש איז געשלאפען אויף א קאנאפע. נאנא האט איהר אויפגעוועקט.

— קום טרינקען מילך! ווען מיר וועלען צוריקקומען, וועלען מיר נאך זיי טרעפען ביי דיא קארטען.

בלאנש האט זיך מיעד אויפגעהויבען. דער באנקיר איז בלייך געווארען פאר צארן, ווען ער האט דערזעהן, אז ער וועט מוזען מיטשלעפען דאס מיידעל, וואס וועט איהם שטעהן אין וועג. נארביידע מיידלאך האבען שוין איהם געהאלטען פאר דיא הענד און האבען געשריען:

— פרישע מילך ווילען מיר. פאר אונז אין דיא אויגען מוז עס געמאלקען ווערען!

V.

דיא בלאָנדע וועגוס איז אויפגעפיהרט געווארען אין דעם „וואריעטע" טהעאטער צום פיער און דרייסיגסטען מאָל. דער ערסטער אקט האט געהאלטען ביי דער ענדע. סימאָן אָנגעטהאן וויא א וואשער־פרוי איז געשטאנען און דורכגעקוקט איהר ראָלע.

— איז ער געקומען? האט געפרעגט פרוליע אריינקומענדיג געקליידעט וויא א שווייצארישער אדמיראל.

— ווער? האט סימאָן געפרעגט, לאכענדיג אין שפיגעל צו זעהן איהרע ציינער און ליפען.

— דער פרינץ.

— איך וויים ניט, איך קום ערסט פון דער ביהנע, וועט ער דען קומען יעדען אבענד?

פרוליע האָט זיך אראָבגעלאָזט אויף אַן אָבגעבראָכענעם סאמעטענעם שטוהל. ער איז געזעסען שטאר אונבעוועגט, קוקענדיג אין דער לופט מיט דער רוהיגער מיעדע האלטונג פון אן אקטיאָר, וועלכער איז געוואוינט צו ווארטען אויפ'ן רעזשיסער'ס רוף.

דער אלטער באָסק איז אויך אריינגעקומען און האט אנידערגעשטעלט זיין גאָלדערנע קרוין אויף דער פיאנע און האט אָנגעהויבען צו טראָמבלען אויף איהר מיט זיינע ציטערנדע פון שכרות פינגער.

— איז דאס א שוויינישעס וועטער, האט ער געזאָגט מיט א מינע פון עקעל. דיא אנדערע צוויי האָבען זיך ניט געריהרט. פלוצים האט זיך דערהערט א [illegible] דאס איז געוועזן פאָנטאָן, וואס איז אריינגעקומען געקליידעט וויא א

יונגער עלעגאנט מיט געלע לייקענע האנד-שוה, זיין קאסטיום פאר'ן צווייטען אקט.

— ווייסט איהר, אז היינט איז מיין געבורטס-טאג! האט ער געשריען. איך וועל זאגען מאדאם בראן, זאל צום צווייטען אקט ארייגשיקען שאמפאניער.

פון דערווייטענס האט זיך דערהערט א קלונג. אין דיא קוליסען האט זיך דערהערט א געשריי:

— צום צווייטען אקט! צום צווייטען אקט!

— שאמפאניער? האט זיך אנגערופען פרוליע, וועלכער האט געשיינט ניט צו הערען דעם סוף. דוא כאפסט צו וויט.

סימאן וועלכע איז געווען פון איהם ענטציקט, האט אנגעהובען צו קלאפען מיט דיא הענד און שרייען:

— נאר איין פאנטאן איז דא!

דיא אקטיארען האבען זיך גענומען שיטען פון אלע ווינקלען.

— א, וויא קאלט דא איז! האט אויסגערופען קלאריסע און איז צוגעלאפען צום קאמין, וואו זיא האט געווארעמט דיא פ״ס. דער פרינץ איז דא.

— הא! האבען פיעלע אויסגערופען נייגיעריג.

— איך בין דאריבער געלאפען פאראוים ער זיצט אין דער זעלבער לאזשע, וואו ער איז געזעסען דאנער שטאג. ער קומט שוין היינטיגען וואך דאס דריטע מאל. נו, נאנא האט דאס א מזל!

— דאס איז גוט, האט בעמערקט סימאן דריי מאל.... איהר ווייסט דאך, אז ער נעהמט ניט צו איהר, זאנדערן ער נעהמט איהר צו זיך. דאס מוז איהם קאסטען א שעהנע שטיק געלד!

עס האט ווייטער אנגעהויבען צו קלינגען.

פאנטאן וועלכער האט געוואוסט, וויא אזוי דיא בעקאנטשאפט צווישען פרינץ און נאנא האט זיך אנגעהויבען, האט דערצעהלט דיא געשיכטע פאר ביידע מייד־לאך. יענע האבען שטארק געלאכט יעדעס מאל, ווען ער האט זיין שטימע אראב־געלאזט, אום איבערצוגעבען געוויסע איינצעלהייטען. דער אלטער באסק איז געזע־סען פון דערווייטענס און האט געגלעט א רויטע קאץ, וואס איז געלעגען נעבען איהם. איהם האבען שוין אזעלכע געשיכטען מעהר ניט אינטערעסירט.

— דער צווייטער אקט האט זיך שוין אנגעהויבען! האט זיך נאך ערט ווידער א געשריי.

אין קארידאר האבען זיך דערהערט טריט דורך דיא געעפענטע טהירען האט זיך דערהערט א וויטע מוזיק און עפעס אן אונבעשטימטער גערויש. דיא טהיר

האט זיך מיט א קלאפ צונעמאכט, און עס איז ווידער געווארען שטיל. סימאָן און קלארים האבען געהאלטען אין איין זידלען נאנא. זיא איז נעכטען ווידער נעוועזען שפעט. זיא איז קיין מאל ניט פינקטליך. פלוצים זיינען זיי אנשווינגען געווארען. א הויכע מיידעל האט אריינגעשטעקט דעם קאפ. דאס איז געוועזען סאטין.

— א זויבערע שטיק! האט נעמורמעלט פרוליע, וועלכער האט איהר אפט בענענענט אין דעם קאפע פון טהעאטער.

סימאָן האט דערצעהלט, וויא נאנא, צייט זיא האט דערקענט אין סאטין א יונגענד פריינדין, האט נעבעטען דעם דירעקטאר, אז ער סאל סאטין צולאזען צו דער ביהנע.

— א, גוטען אבענד! האט נעזאגט פאנטאן, דריקענדיג דיא האנד מיננאן און פאשערי, וועלכע זיינען איצט אריינגעקומען.

— איז דאס הויז גוט בעזוכט? האט געפרעגט פאשערי.

— עס קען נאר בעסער ניט נעבען, האט נעענטפערט פרוליע.

אין טהיר האט זיך דערהערט א שטימע:

— באסק! סימאָן!

סימאָן האט ארויפנעווארפען א יאקעל אויף איהרע נאקעטע אקסלען און איז ארויסנעלאפען. באסק האט זיך ניט נעאיילט. ער האט לאנגזאם אראבגענומען זיין קרוין און האט זיך אוועקגעשלעפט.

— פאר וואס האט איהר אריינגעווארפען אין אייער לעצטען ארטיקעל, אז דיא אקטיארען זיינען אייטעל?

— ווירקליך, פאר וואס טהוסט דוא עס? האט אויסגערופען העררער מיננאן, אנכאפענדיג מיט זיינע נעזונדע הענד דעם זשורנאליסט פאר זיינע שוואכע אקסלען און האט איהם אזוי שטארק געטרייסעלט און געקלאפט, אז יענער האט זיך קוים נעהאלטען אויף דיא פיס.

פרוליע און ק אריסע האבען זיך קוים איינגעהאלטען פון לאכען. פאר א נעד וויסע צייט האט זיך דיא גאנצע קאמפאניע אמוזירט פון א קאמעדיע, וואס איז נעשפיעלט געווארען אונטער דיא קוליסען. אונצופריעדען פון זיין ווייב׳ס לעצטען קאפריז, פאר וועלכען זיא האט געקרינען בעצאהלט בלויז מיט א נאטיץ אין צייטונג, האט זיך דער ריעזיגער מיננאן נערעכענט אויף זיין שטיינער מיט׳ן שוואכען פאשערי. ער האט זיך צו איהם פלוצים צוגעבונדען מיט ליבע און מיט לעבען און אויף יעדען טריט און שריט האט ער איהם בעוויזען צייכענס פון פריינדשאפט. יעדען אבענד וויא נאר פאשערי פלעגט זיך בעווייזען, האט איהם מיננאן בענענענט

מיט א פריינדליכען שמייכעל אויף דיא ליפען און מיט א נעזונדען קלאפ אין פלייצע, מיט א שטורך אין הארצען, מיט א זעץ אין זייט, און פון דיא פריינדליכע לאסקעס איז פאשערי געווען צוקיילט און צובייכט פון קאפ ביז דיא פיס, נאר ער איז געווען נעצוואונגען אנצונעהמען פריינדליך דיא לאסקעס, אום ניט צו מאכען א קריעג מיט'ן מאן פון זיין געליעבטע.

— דאס איז געווען א בעליידיגונג פאר פאנטאן! האט מיגנאן פארטגעזעצט ניט אויפהערענדיג איהם צו שטורכען, זיי פארזיכטיג מיין יונג! איינס, צוויי, דריי!

און ער האט איהם געגעבען אזא שטויס אין הארצען, אז ביי פאשערי האט פערפעהלט אטהעם, און ער איז געווארען בלייך וויא קאלך. אין עטליכע סעקונדען שפעטער האט ער דעם אטהעם אבגעכאפט און מיט א שוואכען שמייכעל אויף דיא ליפען האט ער געזאגט, אז מיגנאן האט געזונדע הענד. קלארים האט מיט א ווינק אויפמערקזאם געמאכט דיא איבריגע אויף ראזע'ן, וועלכע איז געשטאנען אויפ'ן שוועל און האט צוגעזעהן דיא גאנצע סצענע. זיא איז גלייך צוגעגאנגען צו פאשערי און וויא ניט בעמערקענדיג איהר מאן האט זיא אויסגעשטעלט איהר שטערן, ער זאל א קוש טהאן.

מיגנאן האט זיך געמאכט, וויא ער האט דעם קוש ניט בעמערקט. אלע אין טהעאטער האבען ראזען געקוסט; נאר ער האט אויפ'ן זשורנאליסט א קוק געטהאן מיט אזא שמייכעלע, וואס האט בעדייטעט: דיר וועט דער קוש קאסטען טהייער.

סימאן איז צוריקגעקומען, וייל איהר סצענע האט זיך געענדיגט.

— באסק האט נעהאט א גוואלדיגען ערפאלג, האט זיא אויסגעשריען. דער פרינץ האט שיער ניט געפלאצט פאר לאכען און האט אזוי שטארק אפלאדירט, פונקט וויא מען וואלט איהם געצאהלט דערפאר. קען וועך פון אייך דעם הויכען מאן, וואס איז מיט איהם אין לאזשע? ער איז א שעהנער מאן, מיט א פארנעמען בליק און פראכטיגע באקענבארדען.

— דאס איז גראף מופפא, האט פאשערי געענטפערט. אלענפאלס ווייס איך, אז דער פרינץ האט נעכטען. ווען ער איז מיט איהם געווען ביי דער קעניגען, איינגעלאדען איהם צו זיך אויף היינט צום דינער, און האט איהם ווארשיינליך געבראכט מיט זיך אין טהעאטער.

— גראף מופפא! מיר קענען זיין פאטער, ניט אמת אנוסט? האט ראזע געפרעגט, ווענדענדיג זיך צו איהר מאן. דוא קענסט דאך דעם מארקיז שואר; דאס איז ער צו וועמען איך בין געגאנגען זינגען. ער איז איצט אין טהעאטער,

איך האב איהם געזעהן אין דער לאָזשע אין הינטער גרונד. ער איז אן אלטער זינ־דער (בעל עב׳רה׳ניק).

דער דיענער האט געפינען פרוליע און ראזען, און זיי זיינען געשווינד אוועק־געלאפען צו דער ביהנע. קלאַריס האט דורך בראן בעקומען א בריף פון פאַל אז. ווייטער פאַלואַז! קען ער ניט פערשטעהן, אז זיא וויל איהם מעהר ניט קענען. און ווען זיא האט דערהערט, אז ער ווארט אויף איהר אונטען, האט זיא אויסגע־שריען מיט כעס:

— זאג איהם, אז איך וועל איהם זעהן נאך דעם פאלגענדען אקט און אז איך האב בדעה איהם אויסצופאטשען.

נאנאַ האט זיך בעוויזען אין קארידאר, אָנגעטהאן אלס א פישער־פרוי. זיא האט א לייכטען שאקעל געטהאן מיט׳ן מאַפּ צו פאשערי און מיגנאן און איז גע־גאנגען ווייטער.

מיגנאן איז איהר נאכגעלאפען, אום צו דריקען איהר דיא האנד. איהר גאר־דעראבער איז איהר נאכגעגאנגען און האט זיך אלע ווײלע געשטעלט אויף דיא קניע צו ברענגען אין ארדנונג דיא פאלבען פון איהר קלייד. סאטין איז נעגאנגען נאך איהר און האט זיך געמאמערט אנצונעהמען א גוטע האלטונג, אבער עס איז געווען קענטיג, אז איהר איז שרעקליך לאנגוויליג.

— וואו איז שטיינער? האט פלוצלים געפרגט מיגנאן.

— שטיינער איז געפאהרען נאך לואר, האט באריל געענטפערט. איך האב געהערט, אז ער איז געפאהרען קויפען א גוט אויפ׳ן לאנד.

— יא, איך וויים, ער האט מיט נאנא גערעדט דאריבער.

מיגנאן איז געווארען זעהר ערנסט. שטיינער האט ראזע׳ן לאנג צוגעזאגט צו קויפען א האטעל.... נאר מאבען איהם פאר א שונא טאר מען ניט, מען קען ניט וויסען.... מיגנאן האט גענומען געהן אויף און אב. אויסער פאשערי איז דא מעהר קיינער ניט געווען. דער זשורנאליסט האט זיך א פערמאטערטער אויסגע־צויגען אין א פאטעל און איז מיט האלב פערמאכטע אויגען געזעסען גאנץ רוהיג און האט דיא מינדסטע אויפמערקזאמקייט ניט גע... נ...ט דיא דורכדרינגענדע בליקען, וואס מיגנאן האט אויף איהם פון צייט צו צייט געווארפען.

ווען זיי זיינען געווען אליין האט מיגנאן זיינע שטיק ניט געטריבען מיט׳ן ...רנאליסט. וואס פאר א נוטס קען דאס ברענגען, ווען קיינער איז ניטא, וואס ... דערפון לאבען פאר איהם אליין איז דיא זאך ניט געווען גענוג אינטערעסאנט. דיא טרעפ אין דיא קארידארען זיינען געווען, וויא אויסגעשטארבען. עס האט גע־

האט יענע שטילקייט׳ וואס איז געוואוינליך פאר א שלוס אקט, ווען דער גאנצע פערסאנאל איז אויף דער סצענע, אום דער פינאל זאל זיין מיט א קנאק.

פלוצלים האט זיך דערהערט בארדעגאוו׳ס הייזעריג קול. ער האט געשריען אויף צוויי פיגוראנטען, וואס האבען פערפעהלט צו מאכען זייער ענטרע. דערזע־הענדיג פאשערי און מיגנאן, האט ער זיי דערצעהלט, אז דער פרינץ האט געבע־טען, נאנא זאל אויף איהם ווארטען אין צווישען-אקט אין איהר גארדעראב.

ער האט מיט׳ן טאשען-טיכעל אבגעווישט זיין ברייטע געזיכט און געזאגט:

— איצט געה איך צו זיין האהייט אין לאזשע.

דער פארהאנג האט זיך אראפגעלאזט און דונערענדע אפלאדיסמענטען האבען זיך דערהערט. אויף דער האלב דונקעלער ביהנע איז געווארען א געלאף, דיא אקטיארען האבען געאיילט אין זייערע אנקליידונג צימערן און דיא טאשינ־סטען האבען אוועקגעשלעפט דיא דעקאראציאנען. סימאן און קלארים זיינען גע־שטאנען אן א זייט און האבען אין דער שטיל גערעדט צווישען זיך. קלארים האט איהם געבעטען, זיא זאל ארויסגעהן זעהן פאלואז און געבען איהם צו פערשטעהן, אז ער זאל איהר לאזען צו רוה און זאל זיך האלטען ביי זיין נאנא.

סימאן האט זיך אונטערגענומען צו ווערען מיט איהם פארטיג און האט אויף זיך ארויפגעווארפען א פעלצענעם יאקיל און האט זיך געלאזט אראבגעהן איבער דיא שמאלע, פייכטע און שמוציגע שווינדעל-טרעפ. זיא האט זיך געלאזט געהן צו יענעם צימער, וואס איז געלעגען צווישען דיא טרעפ, וועלכע האבען געפיהרט צו דיא אקטיארען און צו דיא אדמיניסטראציאן פון טהעאטער. אויף א טאץ זיי־נען דארטען געווען אנגעווארפען בריף און צייטונגען; אויפ׳ן טיש זיינען געווען אנ־געווארפען בוקעטען נעבען שמוציגע טעלער, דא זיינען געזעסע פיעלע הערען, עלע־גאנט געקליידעט און האבען געדולדיג געווארט ביז מאדאם בראן פלעגט אריינקר מען און ברענגען אן ענטפער אויף זייערע צעטלאך.

איין בריף האט זיא ערסט איבערגעגעבען צו א יונגען מאן, וועלכער האט איהם האסטיג אויפגעריסען און איז געווארען בלייך, ווען ער האט איבערגעלייענט דיא בעקאנטע ווערטער, וואס מען לייענט זעהר אפט אין דיעזען צימער:

— מיין טהייערער, היינט ביי נאכט איז אונמעגליך. מען האט מיר שוין אנגאזשירט.

פאלואז האט אויך געווארט אין דעם צימער. ער איז געזעסען נעבען קאמין און איז געווען זעהר אונרוהיג און אויפגערעגט. אן אלטע קאץ איז געזעסען נעבען זיינע פיס און האט איהם אנגעקוקט מיט איהרע געלע אויגען.

— דאס ביזטו, סימאן ? האט איהם געפרעגט מאדאם בראָן. וואס קען איך פאר דיר טהאן ?

סימאן האט איהר געבעטען, זיא זאל ארויסשיקען צו איהר פאלואז.

— איז דאס דער קליינער, שווארצער יונגער־מאן ?

— ניין, ניין, מאַך נאר קיין טעות נ״ט. דער מאגערער, וואס זיצט נעבען קאמין, דער, וואס דיא קאץ קוקט אויף איהם.

אויבען אויף דער ביהנע האט באָרדענאוו געשריען אויף דיא מאשיניסטען, פאר וואס זיי האבען ניט אזוי שנעל אריבערגעפיהרט דיא דעקאראציאנען. עס קען נאך געשעהן, אז א שטיק דעקאראציאן זאל דעם פרינץ פאלען אין קאפ.

ענדליך איז דיא ביהנע געוואָרען פריי און מיגנאָן האט איצט ווידער געפונען א געלעגענהייט אָנהויבען זיין שפאס מיט'ן זשורנאליסט. ער האָט מיט זיינע געזונדע הענד אויפגעהויבען איהם, אָבגעטראָגען א שטיקעל וועג און דערנאָך א שטעל געגעבען מיט אזא מאכט, אז פאָשערי'ן האט אויסגעוויזען, אז ביי איהם אינערוויינג האט זיך עפעס אָבגעריסען

— ניט אכטונג ! האט ער צו איהם געזאָגט. דער מאסט בוים האט אייך געקענט פאלען אין קאָפ.

דיא מאשיניסטען האבען געלאכט. פאָשערי איז געוועזן בלייך און זיינע ליפען האָבען געציטערט. ער האט שוין געהאט בדעה גענען איהם זיך צו שטעלען, ערסט ער האט איהם זעהר גוטמוטהיג דערלענט נאך עטליכע קלעפ איבער'ן אָקסעל און געזאָגט :

— איך מוז אויף אייך אכטונג געבען. איך וויים ניט, וואָס עס וועט זיין, ווען אייך זאָל עפעס געשעהן.

פלוצים איז איבערגעגאנגען א מורמעל : „דער פרינץ ! דער פרינץ !“ און יעדער האָט גענומען קוקען צו דער טהיר. אָנפאנגס האט מען נאָר געקענט זעהן באָרדענאוו'ס קייכעכדיגע פלייצע און דיקע האלז. דאן האט זיך בעוויזען דער פרינץ, א הויכער און שטארקער מאן מיט א בלאָנדע באָרד, ראָזיגע הויט און פון זעהר א פאָרנעהמען אויסזעהן. הינטער איהם זיינע געגאנגען גראף מופפא און מארקיז שואר. דיזער ווינקעל פון דער ביהנע איז געוועזן פינסטער און דיא גרופע האט זיך באַ:ד פערלאָרען אין א גרויסען אונבעוועגליכען שאָטען. וויסענדיג, אז פ. ר איהם שטעהט דער זוהן פון א קעניגין, א קינפטיגער יורש פון א טהראָן, האט באָרדענאוו אנגענומען דיא שטימע פון א בערענטרייבער, וועלכע האט געציטערט פון ערעגונג.

— ווען אייער האָהייט זאָל וועלען געהן אהער.... ווען אייער האָהייט זאָל וועלען דאָ פאָרזיכטיג זיין....

דער פּרינץ איז געגאַנגען גאַנץ בעזאָכט און האָט זיך ניט געאיילט. ער האָט זיך אָבגעשטעלט און צוגעקוקט, וויא דיא מאַשיניסטען האבען געארבייט. מופּפּאַ איז געוועזן דאָס ערסטע מאָל הינטער דיא קוליסען און האָט זיך דאָ געפיהלט ניט אויף זיין פּלאַץ. ער האָט פערריסען דעם קאָפּ א קוק צו טהאָן אין דער הויך און איבער איהם איז וויא דורכגעלאָפען א ציטער.

— עי, עי, פאָרזיכטיג! האָט זיך דערהערט א שטימע.

און דער פּרינץ פון זיין זייט האט אויפמערקזאם געמאכט דעם גראַף, אז מען לאָזט אראָב א שטיק דעקאָראַציאָן.

אונזער טהעאטער איז ניט גרויס, האָט באָרדענאָוו געזאָגט, ניט אויפהערענ־דיג צו נייגען זיך. מיר טהוען, וואס מיר קענען. איצט ווען אייער האָהייט וועט מיר שהאָן דיא גנעדיגקייט מיר נאָכצוגעהן אהער....

גראָף מופּפּא איז שוין געוועזן אין קאָרידאָר. ער איז געגאַנגען מיט אונזיכערע טריט און ער האט געפיהלט, אז דער באָדען אונטער איהם שאָקלען זיך. דורך דיא אָפענע שפּארעס האט מען געזעהן ברענענדע ליכט; דאָרטען איז געוועזן נאָך אן אונטעראירדישעס לעבען, עס האבען זיך געהערט אויסגעמישטע שטימען און עס האָט פון דאָרטען דערגרויכט דיא שווערע לופט פון קעלער. פּאר א קליינער שפּאַרע אין פּאָרטאַ ג זיינען געשטאַנען צוויי קאסטומירטע פיגוראַנטינען און האָבען צווישען זיך גע· עדט. איינע האָט מיט'ן פינגער מעהר אויפגעריסען דיא שפּארע, אום בעסער צו קענע זעהן, און האָט אויסגערופען:

— דאָס איז ער! וואָס פאר א מויל!

באָרדענאָוו איז געוועזן אויסער זיך פון אזא סקאנדאל און האט זיך קוים איינגעהאַלטען ניט צו געבען זיי א גוטען זעץ מיט'ן פוס. דאַגעגען דער פּרינץ האָט זיך אַמוזירט פון דער סצענע און האט דער פיגוראַנטען אריינגעקוקט גלייך אין גע־זיכט. נאָר זיין הויכע פּערזענליכקייט האט געשיינט איהר ווענינ רעספּעקט צו גע־בען, און זיא האָט געלאַכט, אויף איהם קוקענדיג. ענדליך איז געלונגען דעם דירעק־טאָר צו בעוועגען דעם פּרינץ, ער זאָל איהם נאָכגעהן. גראף מופּפּא, בעגאָסען מיט שוויים האט ארונטערגענומען זיין הוט. ווער ער פון אלעס איז איהם געוועזן איבערצוטראָגען דיא שטיקענדע הייסע לופט, מיט וועלכער עס האט זיך נאָך צו־זאַמענגעמישט דער גערוך פון דיא קוליסען, וואָס איז בעשטאַנען פון א שטינקע־דיגען געמיש: פון גאַז, פון דיא פארבען פון דיא דעקאָראַציאָנען, פון דעם שמוץ

אין דיא טונקעלע ווינקלען און פון דיא קוטינע אונטערקליידלאך פון דיא פינר ראנטינען.

ווייטער איז געווען נאך ערגער. פון דיא אקטריסישע גארדעראבעס, האט ארויסגעשטראמט א שווערער גערוך פון דיא עססענסען און זייפען, וואס מען ברויכט ביי דיא טואלעטען. דער גראף האט זיך געאיילט וואס גיכער אריבערגעהן. עס האט איהם געקעהרט אין דיזער פרעמדער לופט.

— א טהעאטער איז א קוריעזע זאך, האט געזאגט דער מארקיז שואר מיט אזא מינע, פונקט וויא ער וואלט זיך דא געפונען גאנץ היימיש.

נאר בארדענאוו האט זיי שוין צוגעפיהרט צו נאנא'ס גארדעראב. ער האט רוהיג געעפענט דיא טהיר און אבטרעטענדיג אליין אן א זייט, האט ער געזאגט:

— וועט אייער האהייט אריינטרעטען?....

עס האט זיך דערהערט דער איבעראשטער געשריי פון א פרוי און זיי האבען געזעהן, וויא נאנא נאקעט ביז'ן גארטעל איז אוועקגעלאפען אונטער'ן פארהאנג. דיא דיענסט ביים טהעאטער האט געהאלטען א האנטוך, מיט וועלכען זיא האט איהר געווישט און איז ביי זייער אריינקומען געבליבען שטעהן מיט דער האנד אויסגעשטרעקט אין דער לופט.

— א, עס איז זעהר נארעש אזוי אריינצוגעהן! האט נאנא אויסגערופען פון אונטער'ן פארהאנג, איהר זעהט דאך, אז מען קען ניט אריינגעהן.

בארדענאוו האט געשיינט צו זיין אונצופריעדען פון איהר אנטלויפען און האט געזאגט:

— בלייב דא, מיין ליעבע. דאס מאכט ניט אויס. זיין האהייט איז דא, זיי דאך קיין קינד ניט.

און זעהענדיג, אז זיא געהט נאך אלץ ניט ארויס פון איהר בעהעלטעניס, באטשע זיא לאכט שוין אונטער'ן פארהאנג, האט ער געזאגט ווייטער אין א פאטערליכען טאן:

— מיין גאט! דיזע הערען ווייסען גאנץ גוט, וויא א פרוי איז געבויט: זיי וועלען אייך ניט אויפעסען!

— דאס איז ניט גאנץ זיכער, האט בעמערקט דער פרינץ.

אלע האבען זיך ביי דער בעמערקונג צולאכט, אום דעם פרינץ צושמייכלען; און בארדענאו האט געזאגט אז דאס איז געזאגט פונקט אין פאריזער סטיל.

נאנא האט מעהר ניט געענטפערט; דיא פארהאנג האט זיך אנגעהויבען צו בעוועגען. עס האט געשיינט, אז זיא האט זיך ענדליך בעשלאסען.

נראף מופפא, ביי וועמע דאס בלוט איז אריין אין געזיכט האט בעטראכט די נארדעראב. דאס איז געוועזן א נידריג פיער קאנט'ג צימער, אין מיטען איבער־געצאמט מיט א ברוינעם פארהאנג. פאר א גרויסען שפיעגעל איז געשטאנען א מארמארנער טישעל, וועלכער איז געוועזן פערדעקט מיט פלעשעלאך פון פערשיע־דענע אוילען און קעסטעלאך פון שמינקע און פודער.

דער גראף איז צוגעגאנגען צום שפיעגעל און האט אויסגעפונען, אז ער איז זעהר רויט און אויפ'ן שטערען שטעהען איהם העלע טראפענס שוויס. ער האט אראבגעלאזט די אויגען און איז צוגעטראטען צום מראמארנעם טישעל, וואו ביים אנבליק פון דעם פולען וואש־בעקען, נאסען שוואם, קליינע בערשטלאך מיט די העלפאנד ביינענע הענטלאך, האט איהם בעהערשט דאס זעלבע געפיהל, וואס ער האט געהאט אין נאנא'ס וואוינונג צום ערסטען בעזוך.

דער דיקער טעפיך איז געוועזן וויא סאמעט אונטער זיינע פיס; די גאז וואס האט געברענט איבער'ן וואש טישעל און שפיעגעל האט אנגעצונדען זיינע שלייפען. ער האט מיט דער האנד א פיהר געטהאן איבער'ן שטערן און איז צוגע־גאנגען צום פענסטער. ער האט זיך אראבגעלאזט אויף א שטוהל, נאר ער האט ניט געקענט איינזיצען און האט זיך גלייך אויפגעהויבען צוריק. ער איז ווידער צוגע־גאנגען צום וואש־טישעל און האט געקוקט אין דער לופט. ער האט זיך דערמאנט אן א בוקעט פון טובעראזען, וואס איז געשטאנען אמאל אין זיין צימער און איז פערוועלקט געווארען; ער האט שיער דאמאלס דעם טוידט ניט בעקומען. ווען טר־בעראזען וועלקען פערשפרייטען זיי א דופט פון מענשליכען לייב.

— מאך ניט קיין שהיות! האט בארדענאוו געזאגט און אריינגערוקט דעם קאפ אונטער'ן פארהאנג.

— איך בעט אום פערצייהונג, מיינע הערען, האט נאנא געזאגט, אבקאסע־רענדיג דעם פארהאנג. איך ביןווירקליך איבערראשט געווארען.

אלע האבען זייערע בליקען געווענדעט אויף איהר. זיא האט זיך ניט פערוויר־קעלט, זאנדערן זיא האט ארויפגעווארפען אויף זיך א דינע לייבעל פון פערקאל וואס האט איהר בוזים פערבארגען ביז עלפט. ווען די הערען זיינען אנגעקומען, האט זיא געהאט אראבגענומען, פון זיך דעם קאסטיום פון דער פישער פרוי. הינטען האט ביי איהר ארויסגעשטעקט א עק פון העמד. מיט די נאקעטע הענד האט זיא נאך געהאלטען דעם פארהאנג, וויא צוגרייטענדיג זיך צו פערשווינדען ווידער ביי דער מינדסטער בעוועגונג פון די בעזוכער.

— יא, איך בין איבערראשט געווארען, האט זיא געשטאמעלט, שפיעלענדיג

דיא שעמעדינע, און א לייכטע רויטקייט האט זיך בעוויזען אין איהרע באקען אז א שעמעדיג שמייכעל האט איהר געשפּיעלט אויף דיא ליפּען.

— איהר זייט וויא עס בעדארף צו זיין, האט בארדענאוו געזאגט. קומט, זאג איך אייך.

זיא האט זיך געמאכט, וויא זיא שלאגט זיך מיט דער דעה און האט זיך וויא געשראקען, אז יעמאנד זאל איהר ניט טהאן קיין קיצעל.

— אייער האהייט ווייזט מיר צופיעל עהרע.... איך בעט אייער האהייט צו ענטשולדיגען מיך, וואס וואס איך עמפפאנג אייך אזוי....

— אין געגענטהייל, איך דארף בעטען אום ענטשולדיגונג, וואס איך בין געקומען ניט אין דער צייט; נאר איך האב ניט געקענט ווידערשטעהן מיין פערלאנג צו מאכען אייך א קאמפּלימענט.

זיא האט דעם פארהאנג ארויסגעלאזט פון דער האנד און איז רוהיג און ביינקליידער געגאנגען מאכען איהר טואלעט. זיא האט געהאט זעהר געזונטע פּאלקעס און דיא ביינקליידער האבען זיך געטרייסעלט, ווען זיא האט געלאכט צו דיא הערען אין בעגריסונג צום צווייטען מאל. ווען זיא איז צוגעקומען צום גראף מופפא, האט זיא איהם אויסגעשטרעקט איהר האנד, וויא צו א בעקאנטען און האט איהם אויסגערעדט, פאר וואס ער איז ניט געקומען צו איהר סאפּער. דער גראף האט א ציטער געטהאן, ווען ער האט איהר קאלטע הענט'ל אריינגענומען אין זיין הייסע האנד. דער גראף האט ביים פּרינץ גוט אריינגעגעסען און גוט אריינגעגאסען, ווייל דער פּרינץ איז געווען א גוטער עסער און טרינקער. און זיי ביידע זיינען טהאטזעכליך געווען אביסעל בעזויפען.

מופפא האט אויף נאנא'ס אויסרייד גאר ניט געהאט וואס צו זאגען און האט גאר געפּונען צו ענטפערן אז דיא היץ איז דא אונערטרעגליך.

— וויא קענט איהר, מאדאם, פערטראגען אזא היץ? האט ער געפרעגט.

פּלוצים האט זיך דערהערט א קלאפּ אין טהיר. בארדענאוו האט ארויסגעקוקט דורך א שפּארינע און האט דערזעהן פאנטאן, פּרוליע און באסק, יעדער מיט פלעשער שאמפּאניער און גלעזער אין דיא הענד.

— דאס בין איך! היינט איז מיין געבורטס-טאג, און איך צאהל אליין פאר דיא שאמפּאניער.

נאנא האט א קוק געטהאן אויפ'ן פּרינץ מיט א פראגענדען בליק. נאר ער האט געענטפערט, אז ער וויל קיינעם ניט זיין אין וועג, און....

נאָר ניט וואַרטענדיג אויף קיין ערלויבניס איז פאַנטאַן אריינגעקומען. ווידער־האָלענדיג דיא ווערטער:

— איך צאָהל פאַר דיא שאַמפּאַניער, אויב דוא, מיין טהייערע, וועסט טרינקען.

פלוצים האָט ער בעמערקט דעם פּרינץ, וועלכען ער האָט ניט ערוואַרטעט צו געפינען דאָ. א רגע איז ער געבליבען שטיל און באַלד האָט ער געזאָגט מיט אן איבערטריבענע ערנסטע מינע:

— קעניג דאַגאָבערט איז אין קאָרידאָר און פרעגט אויב ער קען טרינקען פאַר אייער האָהייטס געזונד.

דער פּרינץ האָט א שמייכעל געטהאָן און האָט עס געפונען פאַר אן אויסגע־צייכענטען שפּאַס. דיא גאַרדעראָב איז דערוויל געוואָרען פול. דיא מענער האָבען ארומגערינגעלט נאַנא, פאַנטאַן, פּרוליע און באָסק האָבען נאָך געטראָגען דיא קאָסטיומען פון צווייטען אקט. באָסק אין זיין פורפור מאַנטעל און בלעכענע קרוין האָט בעגריסט דעם פּרינץ, וויא א מאַנארך וואָלט עמפּפאַנגען דעם זוהן פון זיינען א מעכטיגען נאָכבאָר.

דיא גלעזער האָט מען אָנגעגאָסען.

— איך טרינק פאַר אייער האָהייט! האָט באָסק געזאָגט מיט קעניגליכער ווירדע.

— פאַר דער ארמיי! האָט צוגעגעבען פּרוליע.

— פאַר ווענוס! האָט אויסגעשריען פאַנטאַן.

דער פּרינץ האָט געטרונקען אין איין צוג. גראף מופּפאַ און מארקיז שואר האָבען איהם נאָכגעטהאָן. מען האָט ניט געמאַכט קיין שפּאַס, מען איז געווען ביים האָף. ביים הייסען ליכט פון גאַז האָט דיא טהעאַטער וועלט געשפּיעלט דיא ווירק־ליכע וועלט אין אן ערנסטע פּאָזע. נאַנא האָט פערגעסען, אז פון דיא ביינקליידער שטעקט איהר הינטען ארויס דער עק פון העמד און האָט געשפּיעלט דיא גרויסע דאַמע, דיא קעניגין ווענוס, וויא זיא עפענט איהר פּאַלאַץ פאַר איהרע מיניסטאַרען. צו יעדען זאַץ האָט זיא צוגעגעבען „קעניגליכע האָהייט" און ערנסט פערנייגט זיך פאַר'ן פּרינץ און בעהאַנדעלט באָסק און פּרוליע וויא א קעניגין איהרע מיניסטאַרען. קיינער האָט ניט געלאַכט, קיינער האָט ניט געשיינט אפילו צו בעמערקען דיא וועלטזאַמע ערשיינונג, וויא א וואָהרער פּרינץ, א יורש פון א טהראָן, טרינקט ברוּ־דערשאַפט מיט וואַנדערענדע קאָמעדיאַנטען, און געפינט זיך גאַנץ היימיש צווישען נאַרדעראַביערען, ברעטער־העלדען און פערפיהרער פון ווייבער.

באַרדענאוו האט זיך געפיהלט זעהר צופריעדען פון דער סצענע און איז פער־זונקען געוואָרען אין חשבונות, וואס פאר איינגאַזומען ער וואלט געמאכט, ווען זיין גאהייט וואלט איינגעווילינט אזוי צו ערשיינען אויף דער ביהנע ביים צווייטען אקט פון דער „בלאָנדע וועגוס“.

פאַנטאַן, וועמען נאנא האט פאסט געגעסען מיט דיא אויגען, האט ווייטער אנגענאסען דיא גלעזער און דיא זעלביגע טאָסטען זיינען ווידערהאלט געוואָרען:

— פאר זייער האהייט!

— פאר דער ארמיי!

— פאר וועגוס!

נאר נאנא האט אויפגעהויבען איהר גלאַז און אויסגעשריען:

— ניין, ניין! פאר פאנטאַן. היינט איז זיין געבורטס-טאג. פאנטאַן—האָך!

דער פרינץ האט געזעהן, אז נאנא איז ניט גלייכגילטיג צום פאנטאַן, און האט צו איהם געטרונקען:

— הערר פאנטאַן, האט ער געזאָגט העפליך. איך טרינק פאר אייער ערפאָלג.

אין צימער איז געוואָרען אזוי ענג, אז דער פרינץ און גראף מופפא, צווישען וועלכע איז געשטאַנען נאנא, האבען געמוזט אלע ווייְלע הויבען דיא הענד, אום ניט אנצוריהרען זיך ביי דער מינדסטער בעוועגונג אן איהרע לענדען אדער אן ברוסט. סאטין איז געשטאַנען אין א זייט, און זעהענדיג וויא א ווירקליכער פרינץ פיהרט זיך אויף אין דער געזעלשאפט פון קאמעדיאַנטען און א האלב-נאקעטער אקטריסע, האט אין דער שטיל געטראַכט, אז דיא פאָרנעהמע הערען זיינען ניט פיעל בעסער, וויא דיא געמיינע לייט.

ווען דער שאמפאניער איז אויסגעגאַנגען, זיינען דיא אקטיאָרען ארויסגעגאנ־גען און מיט נאנא זיינען נאָר פערבליבען דער פרינץ, דער גראף און דער מארקיז.

— איהר וועט מיך פערצייהען מיינע הערען, האט נאנא געזאָגט צו איהרע בעזוכער און האט זיך געשטעלט פאר'ן שפיעגעל און אָנגעהויבען צו שמינקען איהר געזיכט און ארמס.

דער פרינץ האט זיך אנידערגעזעצט און נעבען איהם דער מארקיז. דער גראף איז געבליעבען שטעהן. דיא צוויי גלעזער שאמפאניער, וואס ער האט איצט אויס־געטרונקען, האט איהם נאך מעהר פייער צוגעגעבען.

— איהר האט היינט געזונגען פאַרטרעפליך.

— אָ, איהר פיהרט מיך איבער מיט די קאָמפּלימענטען, אייער האָהייט! האט זיא געמורמעלט.

— האט מען ניט געקענט אויספיהרען, אז דער אָרקעסטער זאָל אייך בעגלייטען אביסעל וויכער? האט דער מארקיז געזאָגט.

גראף מופפא האט זיין מויל ניט געעפענט. אין צימער איז געוואָרען שטיל. דיא נארדעראָבערין האט בעמערקט, אז אין דער רעכטער העלפט פון דיא בייגקליידער האט געפּלאַצט דער נאָט, און זיא האט גלייך ארויסגעצויגען א נאָדעל פון בוזים און עס צוגענייט, וועהרענד נאנא איז געשטאנען ביים שפּיעגעל. ווען דער פּרינץ האָט איהר אויפמערקזאם געמאכט, אז אין לאָנדאָן וואָלט זיא געמאכט א גרויסען פוראָר האט זיא אויף איין אויגענבליק אבגעקעהרט פון שפּיעגעל דאס געזיכט, וואָס איז נאָר אויף איין זייט געווען געפּודערט און צו איהם צוגעשמייכעלט.

גראף מופפא האט איצט געטראכט פון זיין יוגענד. דאס צימער, אין וועלכען ער איז ערצויגען געוואָרען, איז געווען קאַלט און אהן ליעבע; ווען ער איז געווען עלטער האבען איהם אין שלאָף פערפאָלגט דיא אייז קאלטע קוסען, וואס זיין מוטער האט איהם געגעבען יעדען אבענד פאר'ן שלאָף.

א מאָל פערביינעהענדיג א האלב אָפענע טהיר, האט ער דערזעהן וויא זיין מוטער'ס דיענסט האט זיך איינגעוואשען, דאס איז געווען דיא איינציגע עראינערונג, וואס האט בעאונרוהיגט זיינע געדאנקען ביז זיין חתונה. זיין ווייב איז געווען שטרענג געהאָרזאם דיא פפליכטען, וואָס א פערהייראטע פרוי האט צו איהר מאן, און ער אבער האט כמעט געפיהלט דערצו אן אבנייגונג פון א רעליגיעזען פאנאטיקער. ער איז אויסגעוואקסען פרעמד פון דיא אלע לייב-פערגניגענס און האט זיך געבויגען אונטער'ן לאסט פון זיין גלויבען, וועלכער האט רעגולירט זיין לעבען און האט איהם אויף יעדען טריט און שריט פאָרגעשריבען, וואס ער זאָל טהאָן, און פלוצים האט מען איהם אריינגעפיהרט אין דער גארדעראָב פון אן אקטריסע, אין דער געגענוואַרט פון א האלב נאקעטע פרוי. ער, וואס האט קיין מאל ניט געזעהן, וויא זיין ווייב האט דיא זאָקען פערבונדען, האט זיך איצט צוגעקוקט צו אלע איינצעלהייטען פון א טואַלעט פון א פרוי. אין דיזער שווערער, פער'שכור'ענדער לופט האט זיין גאנצע זעעלע רעוואָלטירט און ער איז געבליעבען אָבגעשראקען, זעהענדיג, וויא דער שטן איז דער געשטאלט פון דער נקבה נאנא בעהערשט איהם אלץ מעהר און מעהר. ער האט זיך דערמאָנט פון דיא שרעקליכע מעשיות וועגען שטן, וואס ער האט אין זיינע יונגע יאהרען אויסגעלייענט אין דיא פרומע ביכער. ער האט איצט געגלויבט אין שטן. דער שטן איז נאנא מיט איהר לאכען, מיט

איהר פערפיהרערישען הויכען בחים און לענדען. נאָר ער האט זיך געגעבען דעם וואָרט צו האלטען זיך גוט און ניט לאָזען זיך פערפיהרען פון זיין שווארצען מאַיעסטעט.

— אלזאָ, אזוי איז ביי אונז אבגעמאכט, האט געזאגט דער פרינץ. פאָלגענדען יאָהר קומט איהר אין לאנדאָן, און מיר וועלען אייך אזוי עמפפאנגען, אז צוריק אין פראנקרייך וועט איהר ניט וועלען פאהרען. אח, מיין ליעבער גראף, ביי אייך אין פראנקרייך וויס מען ניט, וויא צו שעצען דיא שעהנע פרויען און דארום וועלען מיר זיי פון אייך אוועקנעהמען.

— דאס וועט איהם ווייניג קימערען, האט דער מארקיז געמורמעלט. דער גראף איז דיא טוגענד אליין.

נאנא האט ביי דיא ווערטער אבגעקעהרט דעם קאפ צו איהם און האט אויף איהם אזא קאמישען בליק געטהאן, אז ער איז אריין אין א פערלעגענהייט. באלד איז ער אין כעס געווארען אויף זיך פאר זיין פערלעגענהייט. פאר וואס זאל ער זיך שעמען פאר דער מיידעל, ווען מען זאגט אויף איהם, אז ער איז פרום? ער האט חשק געהאט איהר רורכצופאטשען. נאר אין דיזען אויגענבליק איז ביי איהר פון האנד ארויסגעפאלען א קליין פענזעל נאנא און דער גראף האבען זיך גלייך איינגעבויגען, אום עס אויפצוהויבען, און דאביי זיינען זיי געקומען איינער צום אנדערן אזוי נאהענט, אז זייערע אטהעמס האבען זיך בעגעגענט און נאנא'ס צעלאָזטע האר זיינען ארויפגעפאלען אויף זיין האנד. ער האט דערפון דערפיהלט א פערגניגען און גלייך האט איהם שוין דאס געוויסען געפלאגט דערפאר, פון אונטער דער טהיר האט זיך דערהערט א שטימע.

— מאדאם! זאל איך געבען דעם צייכען? דאס פובליקום ווערט אונגעדולדיג.

— באלד האט נאנא געענטפערט רוהיג.

נאנא האט דעם פענזיל איינגעטונקט אין שווארצע פארב און האט מיט איהם א פיהר געטהאן אונטער'ן אויג. מופפא איז געשטאנען הינטער איהר און האט איהר בעאָבאכטעט. ער האט איהר געזעהן אין שפיעגעל מיט איהרע קיילעכדיגע אקסלען, מיט איהרע הויכע ראָזענברוסט, און טראָץ זיין ווילען האט ער דיא אויגען פון איהר ניט געקענט אָברייסען. ווען זיא האט פערמאכט דאס צווייטע אויג און, א פיהר געטהאָן מיט'ן פענזיל, האט ער דערפיהלט, אז ער איז שוין אין גאנצען אין איהר נעץ.

— מאדאם, האט זיך ווידער דערהערט א שטימע אונטער דער טהיר. דאס פובליקום וועט פאר אונגעדולד צו ברעכען דיא בענק, זאל איך געבען דעם צייכען?

— פון מיינעטוועגען, ניט, האט זיא געענטפערט אונגעדולדיג. אויב איך וועל ניט זיין פערטיג, וועט מען אויף מיר מוזען ווארטען.

און ווענדענדיג זיך מיט א שמייכעל צו איהרע געסט, האט זיא געזאגט:

— מען לאזט ניט א מינוט רוהיג ריידען.

מיט דיא הענד און מיט'ן געזיכט איז זיא ענדליך פארטיג געווארען, און זיא איז אויף א וויילע פערשוואונדען הינטער'ן פארהאנג, ארבצוואווארפען איהרע בײנקליידער און אנצוטהאן דיא נעץ פון וענוס. זיא איז גלייך ארויס צוריק, האט אבגעשפיגעלט איהרע פערקאלענע לייבעל און האט אויסגעשטרעקט דיא הענד, אז דיא גארדעראבערין זאל אויף איהר ארויפווארפען דיא טוניק.

— מאך דאס געשווינד, דאס פובליקום ווערט בייז.

דער פרינץ מיט האלב צוגעמאכטע אויגען האט וויא א קענער בעטראכט דיא פולע ליניען פון איהר בוזים, ווערהענד דער מארקיז האט ניט ווילענדיג צוגע-שאקעלט מיט'ן קאפ. גראף מופפא האט דיא אויגען אראבגעלאזט אויפ'ן טעפיך.

— פארטיג! האט נאנא געזאגט, א קוק טהוענדיג אין שפיגעל.

בארדענאוו איז צוריקגעקומען און האט מיט א בעזארגטע מינע געזאגט, אז דער דריטער אקט האט זיך שוין אנגעהויבען.

— איך געה שוין.

דיא הערען זיינען ארויס פון גארדעראב, אבער זיי האבען קיין אבשיעד ניט גענומען. דער פרינץ האט אויסגעדריקט זיין וואונש, אז ער וועט בלייבען הינטער דיא קוליסען דעם דריטען אקט. ווען זיי זיינען ארויס, האט זיך נאנא אומגעקוקט און געפרעגט:

— וואו איז זיא?

זיא האט געזוכט סאטין. ענדליך האט זיא איהר געפונען זיצען אויף א קאס-טען הינטער'ן פארהאנג.

— איך האב דיר ניט געוואלט שטערען, האט סאטין געזאגט.

זיא האט אויך געזאגט, אז פאר איהר וועט קיין פלאץ ניט זיין ביים טהע-אטער, זיא פיהלט זיך דא ניט היימיש און איהר איז זא אומעדיג. נאר נאנא האט

איהר געהייסען ווארטען און נאָך דער פאָרשטעלונג װעלען זיי אברעדען מיט באר־דענאוו׳ן.

ווען דער פרינץ האט זיך אראבגע׳אזט איבער די קליינע הילצערנע טרעפּ־לאָך האט זיך דערהערט א זעלטזאמער ליארעם — פערשטיקטע קללות און טויבע קלעפּ. עס מוז דארטען עפּעס פּארקומען, ווען אלע אקטיארען שטעהען ארום און זיינען זעהר פערצינטערעסירט. מיגנאן האט זיין שפּאס מיט פּאשערי ווידער אנגע־הויבען. איצט האט ער איהם געשנעלט אין נאז, אום צו פערטרייבען פון איהם די פליגען. דער שפּאס האט אמוזירט די אקטיארען אויפ׳ן העכסטען גראד, נאר די פאנטאזיע האט איהם פערפיהרט צו וויט און ער האט איהם פּלוצים אראב־געלאזט א פּאטש. אבער דאס איז שוין געווען צו פיעל. און פאשערי האט שוין אויף דעם ניט געקענט ענטפערן מיט א שמייכעל. זיי האבעןביידע איצט דעם שפּאס אוועקגעווארפען און זיינען איינער אויפ׳ן צווייטען ארויפגעשפּרונגען מיט א כעס, וואס זיי האבען א צייט געהאלטען פערשטיקט און זיי האבען זיך ביידע גע־נומען קייקלען איבער׳ן באָדען.

— הערר באַרדענאוו ! הערר באַרדענאוו ! האט גענומען שרייען דער רעד־שיסער, וואס האט זיך דערשראקען פון דער סצענע ביז צום טוידט.

באַרדענאוו האט געבעטען דעם פרינץ, ער זאל איהם ענטשולדיגען און איז געשווינד נאכגעגאנגען דעם רעזשיסער.

וויא ער האט דערזעהן, וויא מיגנאן קייקעלט זיך איבער׳ן באָדען מיט׳ן זשור־נאליסט, האט ער זיך אנגעצונדען, וויא א פייער. קיין אנדער צייט האבען זיי ניט געפונען, וויא נאר איצט, ווען דער פרינץ שטעהט אויף דער אנדער זייט. ראזע מיגנאן איז צוגעלאפען אהן א אטהעם. זיא האט איצט געדארפט ארויפגעהן אויף דער סצענע און ענטפער׳ן אויף וואולקאנ׳ס ווערטער, נאר וואס האבען איהרע אויגען דערזעהן ? וויא איהר מאן שלאגט זיך מיט איהר ליעבהאבער און קייקלען־דיג זיך אויפ׳ן באָדען, פערצאמען זיי איהר דעם וועג צו דער סצענע. א מאשיניסט האט פּונקט אין דער צייט געכאפּט פּאשעריי׳ס הוט, וואס האט זיך געקייקעלט צו דער סצענע. וואולקאן האט דערווייל געזוכט פראזען צו אמוזירען דאס פּובליקום, ביז ראזע וועט ערשיינען. נאר די פראזען האבען זיך ביי איהם אויסגענומען און ער האט ווידערהאלט די לעצטע און ראזע איז געשטאנען וויא א פערגליווערטע אויף איהר פּלאץ און האט זיך ניט געקענט א ריהר טהאן. דאס האט נאך צוגע־נאסען בוים־אייל צו באַרדענאוו׳ס פייער.

— נעה! נעה! האט ער צו איהר א געשריי געטהאן. וואס ביזטו פעררינקט? נעה, דוא האסט דא ניט וואס צו טהאן.

ער האט איהר א שטופ געטהאן און זיא איז אריבערגעטראטען איבער דיא צוויי מענער און איז ארויף אויף דער סצענע. זיא האט ניט געקענט פערשטעהן, וואס דער געשלעג בעדייט, און ציטערענדיג פון קאפ ביז דיא פיס, מיט א צומישטען מוח האט זיא אנגענומען א ליעבליכען שמייכעל אויף דיא ליפען און גענומען זינגען איהר אריע מיט אזא פייער, אז דאס גאנצע פובליקום אין טהעאטער האט איהר צפלאדירט. הינטער דיא קוליסען האט זיא געהערט דיא טויבע קלעפ, וואס דיא צוויי מענער האבען איינער דעם צווייטען געגעבען. צום גליק האט דער ארקעסטער פערטויבט דעם גערויש און דאס פובליקום אין טהעאטער האט פון גאר ניט געוואוסט.

בארדענאוו'ן איז ענדליך געלונגען זיי פערנאנדערצוררייסען און ער האט צו זיי געשריען:

— וואס איז דאס מיט אייך? קענט איהר זיך ניט שלאגען ביי זיך אין דער היים? איהר ווייסט גאנץ גוט, אז איך האב פיינד צו האבען אזעלכע סצענעס דא. דוא, מיגנאן, וועסט שטענדיג בלייבען אויף דער זייט, ווען דוא וועסט זיין אין טהעאטער און איהר, פאשערי, אויב איהר ווילט האבען דא אן ארייננאנג זאלט איהר שטענדיג שטעקען אויף דער צווייטער זייט, אז ניט וועל איך פערבאטען ראזען, זיא זאל אייך ברענגען אהער.

— וואס איז דארטען געוועזען אזוינס, האט איהם געפרעגט דער פרינץ, ווען בארדענאוו איז צו איהם צוגעגאנגען.

— אה, גאר נישט, האט ער געענטפערט רוהיג.

נאנא איז געשטאנען איינגעוויקעלט אין א פעלץ און האט געפלוידערט מיט דיא העררען. מופפא איז פון זיי אבגעטראטען און האט בעטראכט דיא ביהנע.

— אט איז טריקאן! האט סימאן געזאגט צו קלאריס.

טריקאן, וואס האט אויסגעזעהן, וויא אן אבגעקומענע גרעפין האט זיך בעוויזען אויף דער ביהנע און, דערזעהענדיג נאנא, האט זיא זיך גלייך געלאזט געהן צו איהר. זיי האבען זיך אין דער גיך איבערגעווארפען מיט א פאר ווערטער און נאנא האט געזאגט:

— ניין, איצט ניט.

טריקאן איז פון איהר אבגעטראטען און האט זיך א ווילע בעדענקט. זיא

האט א צייכען געגעבען צו סימאָן און יענע איז צו איהר צוגעגאנגען. זי האָבען א ווײלע גערעדט און סימאָן האט געע׳טפערט:

— יא, אין א האלבע שטונדע ארום.

מיט דיא ווערטער האט זיא זיך געאײלט צו געהן אין איהר צימער, נאָר אויפ׳ן וועג האט איהר איבערגענומען מאדאם בראָן און האט איהר איבערגעגעבען א בריעף. באָרדענאוו איז צוגעגאנגען צו מאדאם בראָן און האט איהר אָנגעזידעלט, פאר וואס זיא האט אריינגעלאָזט דיא פרוי טריקאָן גראדע היינט. ווען דער פרינץ איז דאָ. פרוי בראָן האט שוין געדיענט ביים טהעאטער דרייסיג יאָהר און האט איהם געענטפערט מיט א פערדריסליכען טאָן. פון וואנען זאָל זיא וויסען? דער דירעקטאר האט איהר שוין בעגעגענט צוואנציג מאָל און האט קיין מאָל קיין וואָרט ניט געזאגט, דיא טריקאָן פיהרט דאָ געשעפטען מיט אלע דאמען פון טהעאטער.

פרוי טריקאָן איז דערווייל געשטאנען אן א זייט און בעטראכט דעם פרינץ. א שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף איהר געזיכט, פאר איהר איז געווען גענוג א בליק צו טהאָן אויף א מאַן און קענען איהם ריכטיג אָבשאצען. דערנאָך איז זיא מיט לאנגזאמע טריט צוגעגאנגען צו סימאָן און געפרעגט:

— איהר קומט דאך באלד?

סימאָן איז איצט געווען אין א פערלעגענהייט. זיא האט איצט ערהאלטען א בריעף פון א יונגען מאַן, וועמען זיא האט צוגעזאָגט היינטיגען אבענד. זיא האט אויף א צייט אנגעוואָרפען עטליכע ווערטער, אז זיא קען היינט ניט, נאר זיא איז געווען אונרוהיג, טאָמער וועט ער אויף איהר וואַרטען ביים אויסגאנג, און אזוי וויא אין דריטען אקט האט זיא גאר ניט געהאט וואס צו טהאָן, האט זיא געוואלט מאַכען זיך גלייך פארטיג צום אוועקגעהן. זיא האט דאריבער געבעטען קלאריס, אז זיא זאָל געוואָר ווערען אונטען, אויב דער וועג איז פריי.

דער פרינץ איז אַלֵיין געשטאנען מיט נאנא און איז פון איהר ניט אָבגעטרא־טען: ער האט איהר געשלונגען מיט דיא אויגען. ניט אנקוקענדיג איהם, האט זיא צו איהם געשמייכעלט און געשאקעלט מיט׳ן קאָפּ. אויף א צייכען, אז יא, דער גראף האט זיך קוים ארויסגעריסען פון דעם דירעקטאר, וועלכער האט איהם גע־געבען געוויסע אויסזיכטען ווענען דער ביהנע, און איז צוגעגאנגען צו נאנא, אום איבערצורייסען איהר געשפרעך מיט׳ן פרינץ. נאנא האט אויף איהם א בליק גע־טהאָן און האט איהם געשענקט דאס זעלבע שמייכעלע, וואס זיא האט פריהער געגעבען דעם פרינץ.

— דער דריטער אקט, גלויב איך איז דער קירצסטער, האט געזאגט דער פרינץ וועמען דעם גראפ'ס געגענווארט האט געשטערט.

נאנא האט ניט געענטפערט. איצט איז געוועז איהר אויפטריט און מיט א רוק פון דיא אקסלען האט זיא פון זיך אראבגעווארפען דעם פעלץ און נאקעט וויא זיא איז געוועז, איז זיא ארויפגעטראטען אויף דיא ביהנע.

אין טהעאטער איז איהר נאקעטע ערשיינען בעגעגענט געווארען שטיל, וויא צום ערסטען מאל; עס האבען זיך נאר געהערט איינגעהאלטענע זיפצער און א ווייטער גערויש פון דעם פובליקום. דער גראף איז געשטאנען בלייך און האט פון אונטער דיא קוליסען געקוקט אויף איהר.

אין דיזען אויגענבליק איז צום גראף צוגעגאנגען פאשערי, וועמען באָרדענאוו האט פערבאטען צו בעטרעטען דיא זייט, וואו דער פרינץ האט זיך געפונען. אום צו געפינען אן אויסרייד פאר זיין קומען אהער, האט ער פארגעשלאגען דעם גראף צו פיהרען איהם ווייזען דיא גאַרדעראָבס. דעם גראפ'ס ווילען איז אלס געווארען שוואכער און ער איז נאכגעגאנגען דעם זשורנאליסט. ער האט מיט דיא אויגען געזוכט דעם מארקיז, אבער ער האט איהם ערגעץ ניט געטראפען. ער פערלאזענדיג דיא קוליסען האט ער געפיהלט צו דער זעלבער צייט אן ערלייכטערונג און אן אונרוהיגקייט.

פאשערי איז געגאנגען פאראויס און דער גראף נאך איהם. זיי האבען זיך אויפגעהויבען אויף דיא אויסגעטראטענע, אלטע שטאפעל פון דיא טרעפ, וואס האבען געפיהרט אין דיא גאַרדעראָבס. ביי יעדען שטאפעל האט דער גראף געפיהלט אלץ מעהר דעם ריח פון פרויען, פון פארבען פון פארפיומען. אלע טהירען זיינען געוועזען נומערירט מיט ווייסע ציפערן. פון איין צימער האבען זיך דערהערט קולות, איינע האט צובראכען א וואש-בעקען און דיא שמוציגע וואסער מיט דיא מולינעס איז ארונטערגעלאפען איבער דיא טרעפ. אין א צווייטען צימער האט זיך א טהיר האסטיג צוגעמאכט, ווען זיי זיינען פערבייגעגאנגען. צוויי פרויען אין קאָרסעטען האבען זיך ארויסגעכאפט פון איין צימער און איבערגעלאפען אין א צווייטען. ווייטער האבען זיי אנגעגענט נאך איינע, וואס האט דעם זוים פון העמד געהאלטען צווישען דיא ציינער און איז אנטלאפען געווארען, וויא זיא האט זיי דערזעהן. דא האט זיך געהערט א געלעכטער און דארטען א קריעגערייא. פון יעדער טהיר האט זיך ארויסגעזעהן א שטיק נאקעטע לייב אדער א שטיק אונטער-וועש. אין איין צימער זיינען צוויי מיידלאך געשטאנען און האבען אין נאר דער צווייטער געוויזען דיא בראָדעווקעס אויף זייערע לייבער. אלע האבען איצט געהאלטען אין אראָבווא

שען דיא פארב און דיא פודער און אומבייטען דיא קליידער. אויפ'ן דריטען שטאק איז מופאַ געווארען אין גאנצען צוטהומעלט. דאָ האבען צוואנציג פיגוראנטען גע־האט איין גארדעראָב. דער צוזאַמענמיש פון נאַקעטע לייבער און דער גערוך פון זייף און פארפיומען האט דערמאָנט א פרייליכע הייזעל אונטער דער שטאָדט. אויפ'ן לעצטען שטאָק איז געווען דערשטיקט צו ווערען. דאָ זיינען אויפגעקומען אלע גע־רוכען און דיא היץ פון אלע עטאזשען.

דער גראף האט זיך געמוזט אָנשפארען און האט מיט פערמאכטע אויגען געשלונגען דעם גאנצען דונסט פון דעם ווייבליכען געשלעכט, וועלכען ער האט נאך ניט געקענט, און וואס האט איצט אין איהם שטארק אריינגעדרונגען.

— קומט שוין! האט אויסגערופען פאשערי. מען דארף אייך האָבען.

אין הינטערגרונד פון דעם קארידאָר האט זיך געפונען דיא גארדעראָב פון סימאָן און קלארים אונטער'ן סאמע דאך. דאס גאנצע צימער איז געווען פערשטעלט מיט אלערליי קריגלאך, טעפלאך און שיסלען מיט שמוציגע וואסער און ד. גל. אלעס איז דא געווען פערשמירט און פערדארבען פון לאנגען געברויך; צובראָכענע וואש־בעקענס, קעמלאך אָהן צייהנער או. אז. וו.

— קומט! האט פאשערי געזאגט מיט א פאמיליארנעם טאָן, מיט וועלכען מענער ריידען צווישען זיך וועגען מיידלאך. קלארים וויל אייך א קוס טהאן.

מופפא איז ענדליך אריינגעקומען, און וויא ערשטוינט איז ער געווארען, ווען ער האט דא געטראפען זיין שווער, דעם מארקיז שואר, וועלכער האט זיך דא גע־פיהלט גאנץ היימיש צווישען דעם שמוץ און אונפערשעמטקייט פון דיא פרויען.

— נעהסטו מיט'ן אלטען? האט קלארים געפרעגט סימאָן אויפ'ן אויער.

— עס הויבט זיך ניט אן! האט סימאן געענטפערט אין דער הויך.

דיא צוויי מיידלאך און דיא גארדעראבערין האבען געשטויסען איינע דיא צווייטע מיט דיא עלענבויגענס און האבען זיך געקייכט פאר געלעכטער.

— קלארים, גיב דעם הערן א קוס, האט פאשערי געזאגט.

קלארים האט אנפאנגס ניט געוואלט, נאר ווען דער זשורנאליסט האט זיך געשטעלט ביי דער טהיר און געזאגט, אז ער וועט איהר ניט ארויסלאזען, האט זיא דעם גראף א קוס געטהאן אין באקענבארד און געזאגט:

— איך טהו דאס ניט פאר אייך, נאָר איך וויל, אז ער זאל מיך לאזען צורוה.

מיט דיא ווערטער איז קלארים ארויסגעלאפען.

דער גראף איז רויט געווארען פאר שאנדע, איבערהויפט אין איהם געווען

מאוס פאר זיין שווער. אונטען אין נאנא'ס צימער, וואָס איז געווען רייך בעפוצט מיט שפיעגלען, פאָרהאנגען און שעהנע מעבעל, האָט ער זיך ניט געפיהלט אזוי ערגעט וויא דאָ, אין דעם עלענדען צימער פון דיאביידע מיידלאך. דער מארקיז איז ארויסגעגאנגען מיט סימאָן און האָט איהר עפּעס איינגערוימט אין אויער, אבער זיא האט געשאקעלט מיט'ן קאפּ. אויף א צייכען אז ניין. פאשערי איז זיי לאבענ־דיג נאכגעגאנגען. דער גראף איז נאך א ווילע פערבליבען און איז באלד אויך ארונטערגעגאנגען מיט אונזיכערע טריט, און ביי זיין דורכגעהן האבען האלב נאקע־טע פרויען פערהאקט דיא טהירען.

דיא שטיק האט זיך ערסט געענדיגט. עס האט זיך אנגעהויבען א לויפעריי איבער דיא טרעפּ. א ע האבען זיך געאיילט אנצוטהאן. אונטען האט דער גראף גע־טראפען נאנא מיט'ן פרינץ. זיא האט צו איהם געזאגט:

— אבגעמאכט. באלד.

דער פרינץ, האט זיך אומגעקעהרט צוריק אויף דער ביהנע, וואו בארדענאוו האט אויף איהם געווארט, און דער גראף איז מיט איהר פערבליבען אליין. ער איז מיט איהר נעגאנגען ביז איהר גארדעראב און אין דעם אויגענבליק, ווען זיא האט נעוואָכט אריינגעהן אינערוויינינ, האט ער איהר א שטארקען קוס נעטהאן אין נא־קען. ער האָט איהר איצט אָבגעגעבען דעם קוס, וואָס ער האָט אויבען בעקומען. נאנאָ האָט מיט כעס אויפגעהויבען דיא האנד און געוואָלט א פּאטש טהאָן. נאָר וויא זיא האָט דערזעהן דעם גראף, האָט זיא א פיין שמייכעלע געטהאָן און געזאגט:

— אָ, איהר האט מיך איבערגעשראקען.

איהר שמייכעל איז געווען פערשעמט, און אונטערטהעניג, וויא זיא וואלט געווען גליקליך צו נעהמען דעם גראפ'ס קוס, אויף וועלכען זיא האט שוין לאנג געווארט. דאך איצט האט זיא ניט געקענט, ניט היינט און ניט מארגען, עס מוז האבען געדולד,, און ווען אפילו זיא זאל קענען, וואלט זיא איהם נאך אויך לאנג געלאזט שמאכטען.... דאס אלעס האט זיך אויסגעדריקט אין איהרע בליקען. ענדליך האט זיא געזאגט:

— איהר מוזט וויסען, אז איך ווער א בעזיצערין פון א גוט ניט וויים פון אָרלעאנס, אין א געגענד, וואס איהר בעזוכט פון צייט צו צייט. דאס האט מיר געזאָגט בעבע, דאס הייסט דער קליינער זשאָרזש הוזשאָן קומט צו מיר מיט א בע־זוך אהין.

דער גראף איז געווען פערשעמט און צושראָקען פאר זיין האנדלונג און האט

זיך פאר איהר העפליך פערנייגט, פערשפרעכענדיג אנצונעהמען איהר איינלאדונג.
ער איז איצט פון איהר אוועק וויא א פערטרוימטער און איז געגאנגען זוכען דעם פרינץ. פלוצים האט זיך דערהערט א שטימע:

— איז דאס אן אלטער שוויין! קאזט מיך צורוה!

דאס האט געשריען סאטין, נאך וועלכער דער מארקיז שואר האט זיך נאכגעיאגט ווען סימאן האט זיך פון איהם אויסגעדרייט. נאנא האט איהר ניט לאנג פארגעשטעלט פאר בארדענאוו און האט איהר אנגעזאגט, אז זיא זאל ניט רעדען, כדי ניט ארויסכאפען זיך מיט א נארישקייט. דאס האט איהר אויפגעבראכט און זיא האט שוין פון דאנען געוואלט וואס גיכער אנטלויפען. איבערהויפט נאכדעם וויא זיא האט דא בעגעגענט צווישען דיא סטאטיסטען א געוועזענעם לעקאך-מאכער, מיט וועלכען זיא האט א מאל געלעבט א וואך, א וואך פון שטארקע ליידענשאפט און קלעפ. זיא האט איצט אויף איהם געווארט און איז געווען שטארק אויפגעבראכט, וואס דער מארקיז האט מיט איהר גערעדט וויא מיט אן אקטריסע פון טהעאטער. זיא האט צו איהם געזאגט מיט שטאלץ:

— אט קומט מיין מאן און איהר וועט פון איהם כאפען א פסק.

דער פרינץ איז נאך אלץ געשטאנען מיט בארדענאוו אויף דער לעדיגער ביהנע, וואו דיא געז איז געווארען אויסגעלאשען איין לעמפ'ל נאכ'ן צווייטען. ער האט געשיקט זאגען דיא צוויי אפיצירען, וואס האבען געווארט אויף איהם אין זיין לאזשע, אז זיי זאלען איהם אבוואַרטען נעבען טהעאטער.

דער פרינץ האט געווארט אויף נאנא. מען האט זיי דורכגעלאזט דורך א זייטיגע טהיר. דיא פרויען, וואס האבען געוואלט אויסמיידען דיא מענער אדער וואס האבען געדארפט פערלאזען דאס טהעאטער מיט געליעבטע זיינען געגאנגען מיט יענעם גאנג. קלארים האט זיך מיט סימאן פון דארטען ארויסגעמאכט, ניט וועלענדיג, אז פאלואז זאל איהר נאכגעהן.

דיא גרויסע קאץ האט מיט איהרע גע'ע אויגען בעטראכט דיא דונקעלע פיגורען פון דיא פרויען, וואס זיינען פערביי איהר דורכגעלאפען.

ווען אייער האהייט וועט זיך בעמיהען צו געהן מיט דיזען וועג, האט בארדענאוו געזאגט, וויזענדיג דעם פרינץ אויף א דונקעלען און שמאלען גאנג.

דער פרינץ איז געגאנגען נאך נאנא; מופפא און דער מארקיז זיינען געגאנגען הינטער זיי. דאס איז געווען א דונקעלער, שמאלער און פייכטער גאנג צווישען דעם טהעאטער און דעם צווייטען הויז, וועלכער האט אויסגעזעהן, וויא אן אונטערערדישער גאנג. צובראכענע ברעטער, גראטעס, בענקלאך זיינען דא געווען אנגע-

ווארפען. נאנא האט אויפגעהויבען איהרע קליידלאך, זיא זאל זיי ניט איינריכטען. אין קארידאר האבען זיי זיך צוטהיילט. ווען בארדענאוו האט זיך בעפרייט פון דעם פרינץ און איז געבליבען אליין, האט ער א ציה געטהאן מיט דיא אקסלען און געזאגט:

— נאך אכעמען איז ער ניט מעהר וויא א פלאקען.

דיא ווערטער האט ער געזאגט צו פאשערי, וועלכען ראזע מיגנאן האט גע־שלעפט א היים צו מאכען א שלום צווישען איהם און איהר מאן

מופפא איז געבליבען שטעהן אליין אויפ'ן טראטואר. דער פרינץ האט נאנא אריינגעזעצט אין איהר קארעטע און האט זיך אומגעקעהרט צו זיינע אפיצירען. דער מארקיז האט זיך געלאזט געהן נאך סאטין און איהר געליעבטען, דענקענדיג, אז זיא וועט אפשר פארט קומען צום שכל און וועט איהר סטאטיסט אווינקווארפען און קומט צו איהם. דאן האט זיך מופפא געלאזט געהן א היים, דער קאפ האט איהם געברענט. ער האט אויפגעהערט צו קעמפפען. א כוואלע פון א נייען לעבען האט דערטרונקען זיין גלויבען און זיינע אידעען, וואס ער האט געטראגען שוין פיערציג יאהר. געהענדיג דורך דיא בולווארען האט ער געהערט צווישען דעם גע־רויש פון דיא קארעטען, וויא מען דערמאנט אהן אויפהער נאנא'ס נאמען. פאר דעם שיין פון דעם גאז האט ער געזעהן נאנא'ס ווייסע אקסלען און ארמען און ער האט געפיהלט, וויא זיא האט איהם אין גאנצען בעהערשט.

ער איז געוועזען פארטיג אבצוזאגען זיך פון אלץ פאר איין שעה זיין מיט איהר. זיין יוגענד האט ענדליך ערוואכט און האט אין גאנצען צושטערט זיין קאלטע פרומ־קייט און זיין מענליכע ווירדע.

VI.

גראף מופפא מיט זיין ווייב און טאכטער זיינען אנגעקומען אויף דער איינ־לאדונג פון מאדאם הוזשאן אין איהר לאנד־הויז, וואו זיא האט זיך געפונען מיט זשארזש'ן. דיא גרעפישע פאמיליע איז געקומען אויף אכט טאג צייט, דאס הויז איז נאך געבויט געווארען אין דער ענדע פון דעם זיבעצעהנטען יאהרהונדערט און איז געשטאנען אין מיטען פון א גרויסען פארק, וועלכער איז געוועזען ניט ארומגעזעהן. נאר דערפאר איז דער גארטען געוועזען א פראכטפאלער מיט געדיכטע בוימער און שעהנע פאנטאנען.

עלף א זייגער אין דער פריה זיינען אלע צום צווייטען קלונג צוזאמענגעקומען

צום פריהשטאק. מאדאם הוזשאָן מיט א מוטערליכען שמייכעל האט א קוש גע־טהאָן דיא גרעפין סאבינא איןביידע באקען און האט איהר געפרעגט:

— האָט איהר גוט געשלאָפען?

און ניט ווארטענדיג אויף איהר ענטפער, האט זיא זיך געווענדעט צו עסטעל און געפרעגט:

— האָסטו, מיין קינד, גוט געשלאָפען? און זיא האט אונטערגעשטעלט איהר באק פאר א קוש.

דער גראף האט געפרעגט, ווען ברענגט דער פּאָסטאליאָן דיא בריעף און סאבינע איז געווען גוט אויפגעלעגט און האט זיך אנגעהויבען עראינערען דיא קינ־דערשע יאהרען און דיא צייט, וואס זיא האט פערבראכט אין דיזען גוט.

זשאָרזש האט בעטראכט דיא גרעפין, וועלכע ער האט שוין ניט געזעהן א לאנגע צייט. ער האט אויסגעפונען, אז זיא האט זיך שטארק געענדערט און עס־טעל איז אזוי שוויינעדיג און אונבערייטענד, וויא שטענדיג.

מאדאם הוזשאן האט ערקלערט, אז אויב דיא געסט וועלען ניט געפינען א גוטען טיש, וועט דאס זיין זייער איינענע שולד, פאר וואס זיי זיינען ניט געקומען אין סעזאָן.

— איך האב אייך ערוואַרטעט דעם גאנצען מאנאט יוני איצט איז שוין אין מיטען סעפּטעמבער. איהר זעהט, אז דיא שעהנסטע צייט איז שוין אריבער, האט זיא געזאָגט, און מיט דער האנד געוויזען אויפ'ן גארטען, וואו דיא בלעטער אויף דיא בוימער האָבען שוין אנגעהויבען געל צו ווערען.

דער טאג איז געווען א וואלקענדינער. א בלוילּיכער נעבעל איז געהאנגען איבער דיא ווייטע בערג, און האט ארויפגעלעגט א טרויריג אויסזעהן אויף אלעס ארום.

— איך האב פערבעטען אהער געסט, האט זיא געזאגט ווייטער, און דא וועט ווערען אביסעל פריילּיכער. זשארזש האט איינגעלאדען צוויי יונגע לייט, הערר פּאַשערי און הערר דאנענע. איך גלויב, אז איהר קענט זיך מיט זיי. הערר וואנ־דעיוור קלייבט זיך שוין אהער צייט פינף יאהר, און פיעלייכט היינטיגס מאָל וועט ער שוין קומען.

— אה, האט דיא גרעפין געזאָגט, לאַכענדיג. הערר וואנדעיוור וועט אהער ניט קענען קומען; ער איז צו בעשעפטיגט אין פאריז. נאָר איהר האט פערגעסען צו רעכענען מ״ין פאָטער, ער קומט מאָרגען.

— און אייער פיליפּ? האט געפרעגט מופּפּא.

— פיליפ האט געבעטען, מען זאל איהם אבלאזען אויף א קורצע צייט, נאר איך האב מורא, אז איידער ער וועט קומען, וועט איהר שוין דא ניט זיין.

מען האט אריינגעבראכט קאפע. עס איז געווארען א רייד וועגען פאריז און עמיצער האט דערמאנט שטיינער'ס נאמען, און מאדאם הוזשאן האט אויסגע־שריען:

— וואס האב איך אייך געוואלט פרעגען? איז ניט שטיינער דער זעלבער דיקער הערר, וואס איך האב בעגעגענט אין אייער הויז? אויב איך האב קיין טעות ניט, איז ער א באנקיר. ניטא וואס צו רעדען. ער איז א פיינער מאן! ער האט ניט לאנג געקויפט א גוט ניט ווייט פון דאנען — פאר אן אקטריסע. דיא גאנצע גע־גענד ארום איז שרעקליך בעליידינט. האט איהר געהערט וועגען דעם?

— ניין, האט מופפא געענטפערט. אזוי? האט שטיינער געקויפט א גוט ניט ווייט פון דאנען?

זשארש האט ביי זיין מוטער'ס רייד ארונטערגעלאזט דיא אויגען און איצט האט ער זיי ווידער אויפגעהויבען און האט פערוואונדערט אנגעקוקט דעם גראף: וויא האט זיך דאס ביי איהם געעפענט דאס מויל צו זאגען אזא ליגען?

דער גראף האט דעם בליק בעמערקט און האט אויף איהם א קוק געטהאן מיסטרויאיש. מאדאם הוזשאן האט איבערגעגעבען ווייטערע איינצעלהייטען וועגען דער אנגעלעגענהייט. דאס גוט הייסט מיניאט און אום צו צוקומען אהין דארף מען דורכגעהן א בריק, אויב מען וויל ניט נאס ווערען, נאר דערפאר דורכ'ן בריק דארף מען אנלעגען א שטיק וועג.

— און וויא הייסט דיא אקטריסע? האט געפרעגט דיא גרעפין, וואס האט זיך רוהיג צוגעהערט.

— איך האב שוין פערגעסען, מען האט מיר ערסט היינט אין דער פריה גע־זאגט. זשארזש, דוא ביזט דאך אויך געוועזען היינט אין דער פריה, ווען דער גערט־נער האט אונז דערצעהלט.

זשארזש האט זיך געמאכט, וויא ער טראכט און מאטערט זיך דערמאנען דעם נאמען. מופפא האט נעדולדיג געווארט און געדרייט דאס טהיי לעפעלע צווי־שען זיינע פינגער.

דיא גרעפין האט זיך געווענדעט צו איהר מאן און האט געזאגט:

— דאס מוז זיין יענע אקטריסע פון דער ווארייעטע, נאנא.

— נאנא! יא, דאס איז דער נאמען, האט אויסגעשריען מאדאם הוזשאן. און זיא וועט וואוינען אין מיניאט. דאס אלעס האט מיר דערצעהלט דער גערטנער.

און זיא דארף קומען היינט ביי נאכט. זשארזש, האט דער גערטנער ניט אזוי געזאגט ?

דער גראף האט א ווארף געטהאן א פערוואונדערטען בליק, און זשארזש האט עס בעמערקט.

— אה, מאמא, האט ער געזאגט פריילִיך. דער גערטנער האט ניט גע־וואוסט, וואס ער האט גערעדט. מען קען זיך אויף איהם וועניג פערלאזען, ער איז א גרויסער נאר. נאר דער קוטשער האט מיר געזאגט, אז פאר איבערמארגען ווערט קיינער ניט ערווארטער אין מיניאט.

ער אט געפרובט אויסזעהן גלייכגילטיג און רוהיג, בעאבאכטענדיג דיא גאנצע צייט דעם גראף, וועלכער איז געזעסען מיט א צופריעדענער מינע און האט זיך געשפיעלט מיט זיין טהיי־לעפעלע.

דיא גרעפין האט געשיינט גאר ניט צו הערען. זיא איז געווען פערזונקען אין דיא געדאנקען וועגען איהר פערגאנגענהייט. עסטעל איז געזעסען אונבעוועגט אויף איהר שטוהל און האט זיך צוגעהערט צום געשפרעך וועגען נאנא, און איהר מינע האט זיך ניט געענדערט.

— מיין גאט! האט מאדאם הוזשאן אויסגערופען אביסעל רוהיגער. איך וויים ניט, וואס מיט מיר איז, דיא זון שיינט גראדע אזוי וויא פריהער. מיר קענען ניט ערווארטען, אז יעדער זאל זיין, וויא מיר ווילען, נאר אויב מיר וועלען צופעליג בעגעגענען דיזע גרויסע דאמע אויפ'ן וועג, וועלכען מיר דארפען אויסזוכען אלע קונ־צען, אום אויסצומיידען איהר צו בעגריסען.

ווען מען האט זיך אויפגעהויבען פון טיש און פערלאזען דאס שפייז־צימער, האט מאדאם הוזשאן ווידער זיך געווענדעט צו דער גרעפין מיט דער פראגע, פאר וואס האבען זיי געלאזט אזוי לאנג ווארטען אויף זיך. דיא גרעפין האט דיא שולד ארויפגעווארפען אויפ'ן מאן. צוויי מאל, זיינען דיא זאכען שוין געווען פערפאקט און ביידע מאל זיינען זיי פערבליבען אין דער היים, ווייל דיא געשעפטען האבען געפאדערט, ער זאל בלייבען אין שטאדט; און פלוצים ווען זיא האט שוין אויפגע־געבען אלע האפנונגען, האט זיך איהם פערגלוסט צו פאהרען.

— דאס זעלבע איז אויך געווען מיט זיזי, האט געזאגט מאדאם הוזשאן, וועלכע האט אזוי גערופען איהר מוזיניק זשארזש. נאר ער איז דאך א טהייער קינד און איז צופריעדען צו פערשליסען זיך אין דארף מיט זיין אלטע מאמע אויף א לאנגע צייט.

נאך האלבען טאג איז איהר פערגעטערטער זוהן פלוצים קראנק געווארען,

האט נעקריגען א שטאַרקען קאָפּ־ווייהטאָג, און האט געבעטען, אז מען זאָל איהם איבערלאָזען אליין אין זיין צימער, און ער וועט דעם ווייהטאָג איבערשלאָפען און וועט אויפשטעהן גאָר א פרישער.

מאדאם הוזשאָן איז אידם נאכגעגאנגען אין צימער, און האט איהם אליי איינגעדעקט. נאָר אזוי ניך, וויא זיא האָט פערמאכט הינטער זיך דיא טהיר, איז ער ארונטער פון בעט און האָט פערשלאָסען דיא טהיר, נאכשרייענדיג איהר, אז ער טהוט עס, כדי קיינער זאָל צו איהם ניט קענען אריינקומען און שטערען איהם פון זיין שלאָף. דערנאָך האָט ער ווייטער געזאָגט מיט אזא שלאָפעדיג קול, אז מאדאם הוזשאָן האט א שמייכעל געטהאָן:

— גוטע נאכט, קליינע מאמע. מאָרגען אין דער פריה וועל איך אויפשטעהן א געזונטער.

ער איז אין בעט ניט צוריקגעגאנגען. זיינע באַקען האבען געברענט, און דיא אויגען האָבען געפינקעלט. ער האָט זיך שטילערהייד אָנגעטהאָן און האט געווארט ביז דער גלאָק האט געקלונגען צו דער מיטאג־שטונדע און אלע זיינען אוועק צום דינער, גראף מופפא מיט זיי. מיט צעהן מינוט שפעטער איז זשאָרזש ארויסגעשפרונגען פון פענסטער און איז אוועק פון הויז. ער האט זיך געהאלטען אין דיא שאָטענס פון דיא בוימער, אום קיינער זאָל איהם ניט בעמערקען, און איז דורך א קליין טהירעל ארויס פון פארק (גארטען) און האָט זיך געלאָזט לויפען איבער דיא וועלדער, הונגעריג אָבער גליקליך. עס האָט אנגעהויבען צו ווערען נאכט און א פיינער רעגענדעל האט געשפריצט.

נאַנאַ איז אין איהר לאַנד־הויז אנגעקומען דעם זעלבען אבענד. עס איז שוין געווען מעהר וויא א מאנאט צייט שטיינער האט געקויפט דאס גוט, און טראָץ איהר שטארקען וואונש וואס גיכער איבערצוציהען זיך אהין האט זיא דאס ניט געקענט דערוויזען, וויל באָרדענאוו האט איהר ניט געוואלט אפּלאָזען אפילו אויף איין נאכט איידער דיא אויסשטעלונג וועט זיך ענדיגען. פריהער האט ער דאס אבגעלעגט אויף סעפּטעמבער, נאר ווען ענדע אויגוסט איז געקומען, האט ער שוין גערעדט פון אקטאבער. אויסער זיך פאר כעס, האט זיא איהם געמעלדעט, אז זיא וועט געהן, צו ער וועט וועלען צו ניט, און האט איינגעלאדען פיעלע געסט אין זיין אנוועזענהייט.

איין טאג ווען מופפא האט איהרע הענד אריינגענומען אין זיינע און האט איהר ליידענשאפטליך אנגעהויבען צו בעטען אז זיא זאל זיך איהם איבערגעבען, האט זיא מיט'ן אינסטינקט פון א פרוי, וואס וויל מען זאל איהר צוואר איין מאל

אין איהר לעבען שטארק ליעבהאבען, איהם געענטפערט, אז ער זאל ווארטען ביז'ן פופצעהנטען, ווען זיא וועט זיין אויפ'ן לאנד.

נאך דריי טעג פאר דעם דאטום האט איהר פלוצים אנגעהאפט א קאפריז און, ניט געבענדיג קיינעם צו וויסען וועגען דעם, איז זיא אליין אוועקגעפאהרען און האט דעם דירעקטאר געשיקט א צעט'ל, וואס זיא האט גענומען ביי איהר דאקטאר אז זיא איז קראנק. זיא האט אויך געלאזט וויסען שטיינער'ן, אז ער זאל ניט קומען ביז איבער מארגען ווייל זיא וויל זיך אברוהען. איהר טאנטע לעבא האט זיא געשריבען, אז זיא זאל ברענגען לואי אזוי גיך, וויא נאר מעגליך. פאר'ן קינד וועט דיא פרישע לופט זיין זעהר גוט, און זיא וועט זיך מיט איהם קענען שפּילען אונטער דיא בוימער. זיא האט איהם פלוצים שטארק ליעב געקראגען, און טרערען האבען זיך איהר געשטעלט אין דיא אויגען, ווען זיא האט פון איהם געטראכט. בלומען, פויגעלאך, גרינע בוימער און איהר קינד האבען זיך אלע געמישט צוזאמען אין איהרע געדאנקען.

נאך א שטונדע זוכען איז איהר ענדליך געלונגען צו קריגען אין ארלעאנס אן אונגעלומפּערטע קארעטע. אויפ'ן וועג האט זיא דעם קוטשער ניט געלאזט צור רוה. איז ער אמאל געווען אין מיניאט? קען מען דאס גוט זעהן פון דאנען? דער קוטשער האט איהר געענטפערט מיט האלבע ווערטער. נאנא איז געווען זעהר אונגעדולדיג, און זאָ איז געזעסען אנגעבקאזען, פאר וואס מען האט איהר אוועקגע ריסען פון פאריז אזוי פלעצליך.

פלוצים האט זיך דאס פערד אבגעשטעלט, און נאנא האט ארויסגעשטעקט דעם קאפּ און געפרעגט:

— זיינען מיר שוין אנגעקומען?

דער קוטשער האט ניט געענטפערט און האט דאס פערד אנגעטריבען ארויף בארג. נאנא האט מיט ענטציקונג געקוקט אויפ'ן גרויסען פעלד אונטער גרויען הימעל, וואו דיא וואלקען האבען זיך צונויפגעזאמעלט אויף א רעגען.

— קוק, זאָע! קוק אויפ'ן גראז — איז דאס ווייץ? וויא שעהן דאס איז!

— עס איז קענטיג, אז דיא מאדאם איז וועניג בעקאנט מיט לאנד, האט געענטפערט זאָע. איך אבער וויים עס צו גוט, היינט איז קאלט און נאס.

ענדליך זיינען זיי אנגעקומען צו א הויז, און דער קוטשער האט מיט'ן בייטש בעוויזען, אז דאס איז דאס גוט.

— וואו, וואו איז עס? האט נאנא געשריען, בלייך און ציטערענדיג פון עררעגונג.

ענדליך האט זיא דערזעהן א שטיק וואנד און האט אנגעהויבען צו שרייען:
— זאע, איך זעה עס! איך זעה עס! קוק אהער, אהער! איך זעה אויך א ווינטער גארטען. אח, וואס פאר א גרויסע הויז. קוק, זאע, וויא שעהן דאס איז!

דיא קארעטע האט זיך אבגעשטעלט ביים טהויער, און דער גערטנער איז ארויס מיט'ן הוט אין האנד און האט איהר געבעטען, זיא זאל קיין פערדרוס ניט האבען פאר דיא אונארדנונג. זיא האט זיך געוואלט האלטען אנשטענדיג, דענקענדיג, אז דער קוטשער לאכט פון איהר, נאר איהרע פיס האבען זיך אבגעזאגט צו געהן לאנגזאם, און זאע האט איהר קוים געקענט נאכהאלטען.

דאס הויז איז געוועזען זעהר א גרויסע, געבויט אין איטאליענישען סטיל. דערביי איז געשטאנען נאך א הויז, וואס א רייכער ענגלענדער האט געלאזט בויען, נאר באלד איז עס איהם נמאס געווארען.

נאנא האט באלד גענומען לויפען פון איין צימער אין צווייטען, פון איין עטאזש אויפ'ן צווייטען. זיא האט אויסגעקליבען פאר זיך א צימער, וועלכער איז געוועזען זעהר רייך בעפוצט. אויסער דעם האט זיא אנגעקליבען צימערען פאר איהרע גוטע פריינד. ענדליך איז זיא ארויף אויפ'ן מיזאנין, און האט געשריען צו זאע. זיא זאל ארויפגעהן זעהן, וויא שעהן דאס לאנד זעהט אויס אונטען. נאר זאע האט ניט געוואלט ברעכען דעם געניק, און איז געבליבען אונטען. נאנא האט זיך אריבערגעבויגען און האט בעטראכט איהר גוט, וואס איז בעשטאנען פון זיבען אקער לאנד. דערזעהענדיג דעם גרינס-גארטען, איז זיא געשווינד אראבגעלאפען אונטען, האט ארומגעכאפט זאע'ן און האט אנגעהויבען שרייען:

— קרויט, קרויט, זאע! סטשאוו, סאלאט און נאך אנדערע זאכען! קום, זעה!

זיא איז ארויסגעלאפען אין גוס רעגען און יעדע זאך, וואס זיא האט דערזעהן, האט זיא געמאכט א געפילדער, און האט געשריען צו זאע, וואס איז געבליבען שטעהן אויפ'ן גאנעק און האט זיך ניט גערירט פון ארט.

— קום, זעה, וואס איז דאס? האט נאנא געשריען. איך וויים ניט, וואס דאס איז.

נאר זאע איז געשטאנען אויפ'ן גאנעק, וויא ניט איהר מיינט מען דאס. דיא מאדאם איז פעררירקט. און זיא וועט זיך צוליעב איהר משוגעת ניט צוקיהלען.

דער ווייסער זיידענער שירעם איז געווארען שווארץ, דיא קליידלאך נאס צום אויסדרייען, נאר זיא האט געקריגען א קוסט אנצוטאפען מיט איהרע הענט יעדע זאך, וואס בעלאנגט איצט צו איהר און פון וואס זיא האט אמאל געטרוימט אין

דיא יונגע יאהרען, ווען זיא איז געווען אן ארימע ארבייטערקע. זיא האט ניט גע־קענט זעהן, נאר איהרע פינגער האבען איהר געדיענט פאר אויגען. פלוצים האט זיא אויסגעשריען: פילעניצעס! דא זיינען פאראן פילעניצעס! איך קען זיי ניט זעהן, נאר איך הער זייער גערוך! זאע! ברענג א טעלער און קלייב אן! און נאנא האט זיך געשטעלט אויפ'ן נאסען גראז אויף דיא קניע, האט א שליידערגעטהאן דעם שירעם און אין נאס רעגען האט זיא גענומען קלייבען דיא פילעניצעס צווישען דיא נאסע בלעטער. נאר זאע האט קיין טעלער ניט געבראכט, און ווען נאנא האט זיך אויפגעהויבען איז עפעס פערביי איהר דורכגעלאָפען און איז פערשוואונדען אין דער פינסטערקייט, און זיא האט דערהערט א ברעכען פון צווייגען.

— א ווילדע חיה! האט זיא אויס געשריען מיט שרעק, נאר זיא האט זיך ניט געקענט א ריהר טהאן פון ארט אום צו אנטלויפען. א סעקונדע שפעטער האט זיא דערזעהן, אז דאס איז א מענש און זיא האט איהם דערקענט.

— דאס איז דאך בעבע! וואס טהוסטו דא?

— וואס טהו איך דא? איך בין צו אייך געקומען מיט א בעזוך.

— נאר פון וואנען האסטו געוואוסט, אז איך בין דא? האט נאנא געפרעגט פערוואונדערט. האט דיר דער גערטנער געזאגט? אינגעל דוא ביזט, דורכגענעצט דורך און דורך.

— איך בין, האט ער געענטפערט. דער רעגען האט מיך געכאפט אין מיטען וועג און דערצו בין איך א יינגעפאלען אין א גרוב פול מיט וואסער.

נאנא האט פון גרויס רחמנות פערגעסען אן דיא פילעניצעס, האט איהם אריינגעפיהרט אין שטוב און געזאגט, אז זיא וועט הייסען גלייך מאכען פייער.

— איהר ווייסט? האט ער געזאגט. איך האב מורא געהאט, אז איהר וועט מיך ווידער זידלען, וויא דאמאלס אין פאריז, און איך האב זיך בעהאלטען אונטער דיא ביימער.

זיא האט געלאכט און האט איהם א קוש געטהאן אין שטערן.

ביז אהער איז זיא זיך מיט איהם בעגאנגען, וויא מיט א קינד זיא האט זיך מיט איהם געשפיעלט און געלאכט פון זיינע ערקלערונגען אין ליעבע. זיא האט איצט אויך ניט געוואוסט, וואס צו טהאן מיט איהם. ענדליך האט זיא איהם אריינגענומען אין איהר שלאף־צימער, און האט געהייסען איינהייצען דעם אייווען. זאע איז געווען געוואוינט צו אלערליי זאכען און האט זיך דאריבער ניט פערוואונ־דערט, ווען זיא האט דערזעהן זשארזש'ן, נאר דער גערטנער, וואס האט אריינגע־בראכט דאס האלץ, האט זיך שטארק פערוואונדערט. פון וואנען האט זיך גענומען

דאס איננעל, פאר וועמען ער האט דעם טהויער ניט נעעפענט. זיי האבען דעם גערטנער אוועקגעשיקט, האבען אנגעצונדען א לאמפ און דאס פייער אין אייוועז האט זיך שטארק צוברענט און האט באלד אנגעוואַרעמט דאס צימער.

— ער וועט זיך נעווים צוקיהלען, האט געזאגט נאנא, זעהענדיג, וויא זשארזש האט געציטערט. וואס קען מען טהאן דערצו?

צום אונגליק זיינען אין שטוב ניט געווען קיין מענער קליידער. זיא האט שוין געוואלט הייסען צוריקרופען דעם גערטנער, נאר איהר איז גלייך איינגעפאלען א געדאנק, פון וועלכען זיא האט זיך צולאכט. זיא האט געשיקט זאע'ן אין דעם אנקליידונגס צימער און האט איהר געהייסען צו פאקען דיא קאסטענס און ארויס־נעהמען אונטערסטע וועש, א העמד, א קליידעל און דאס גלייבען.

— דאס איננעל וועט זיך איבערטהאן, דערווייל וועלען זיינע קליידער אויס־טריקענען, און ער וועט געהן א היים, אום צו פערמיידען א לעקציע פון זיין מאמען.

און ווענדענדיג זיך צו זשארזש'ן, האט זיא געזאגט:

— מאך דאס געשווינד, איך געה זיך אויך איבערטהאן.

מיט צעהן מינוט שפעטער, ווען זיא איז צוריקגעקומען, האט זיא א פאטש געטהאן מיט דיא הענד פאר פרייד.

— אָ, דער ליעבלינג! ער ווארט געווען א שעהן מיידעל!

ער האט אויסגעזעהן אין דיא ווייסע קליידער מיט שפיצען, וויא א שעהן מיידעל מיט ווייסע הענד און העלע געקרייזעלטע האר.

— גיב א קוק, זאע! האט זיא געזאגט, ארומגעהמענדיג איהם. דיא קליידער זיינען געמאכט כמעט אויף זיין מאס, זיי זיינען נאר צו ברייט, וואו מיין ברוסט איז. אויף מיין װאַרט, ער איז נאך קלענער פון מיר.

נאנא האט איהם דיא קליידער פערשפילעט און האט איהם ארומגעדרייט, וויא א ליאלקע.

— איז דיר ווארעם גענוג?

יא, איך וואלט זיי וועלען טראגען שטענדיג, האט ער געזאגט, פיהלענדיג, אז אין דיא קליידער האט ער א שטיק פון נאנא.

דערווייל האט זאע אוועקגעטראגען זיינע קליידער אין קיך און דאס געהייסען, מען זאל זיי אויסטריקענען אזוי גיך, וויא נאר מעגליך.

— איהר ווילט היינט נאר ניט עסען? האט זשארזש געזאגט צו נאנא. איך שטארב פאר הונגער.

נאנא האט איהם אויסגעזידעלט, פאר וואס ער איז אנטלאפען פון דער היים

א הונגעריגער און האט איהם געזאגט, אז זיא איז אויך הונגעריג, נאָר זיא האָט מורא, אז זיא וועט דאָ געפינען וועניג צום עססען. ווייל אין איהר בריעף צום גערטנער, האט זיא וועגען עססען ניט דערמאָנט דאָך האט מען אין צימער אריינגעבראַכט א קליין טישעל און זיי האָבען געהאט אזא משונה'דיגען מאלצייט. וואס עס קען נאָר געבען א פארטינגען זופּ פון קרויט. און דאס איז געוועזען זייער ערסטע געריכט. דערנאָך האט נאנא בעקומען פון איהר רייזע, זעק'ל נאשעריי זאכען, וואס זיא האט אָנגעגרויט אויפ'ן וועג. אין פאל אז מען וועט דארפען, קאָנפעקטען, קאָנפעטורען און אפּעלסינען, זיי האבעןביידע געגעססען מיט אזא אפּעטיט, וואס מען געפינט נאר ווען מען איז אלט צוואנציג יאהר. ווייל אין קעלער האבען זיי געפונען גענוג און זיי זיינען געוועזען פרייליך און גליקליך איינער מיט'ן צווייטענס געזעלשאַפט.

נאנא האט גערופען זשארזש'ן „מיין טהייערער" און איהם האט עס זעהר זיס געקלונגען אין דיא אויערען. ביים דעזערט האבען זיי אויסגעלעדיגט א קריגעלע קאָנפעטורען מיט איין לעפעלע, אום צו פערשפּארען זאָע'ן ארבייט ביים וואשען, דיא א לעפעלע און דערנאך ער.

— אויף מיינע נאמנות, האט נאנא געזאגט, אוועקשארענדיג דאס לעדיגע קריגעלע אן א זייט; איך האב שוין צעהן יאהר אזא מאלצייט ניט געהאט.

נאר עס איז שוין געווארען שפּעט, און נאנא האט געוואלט אוועקשיקען זשארזש'ן וואס גיכער, אום ער זאל ניט כאפּען א פּסק פון זיין מוטער. נאר ער האט ערקלערט, אז ער האט גענוג צייט, אייסער דעם זיינען דיא קליידער געוועזען נאך נאס. זאע האט געזאגט, אז ער וועט נאך דארפען ווארטען א גוטע שטונדע, ביז ער וועט זיי קענען אנטהאן, און אזוי וויא זיא איז געוועזען פערמאטערט פון וועג, האט נאנא איהר געהייסען געהן שלאפען. דער יונג וועט אליין טרעפען דעם וועג אין קיך דארטען אנצוטהאן זיך און אוועקגעהן.

דער אבענד איז געוועזען א שעהנער. דאס פייער אין אייוועזן האט שוין געהאַלטען ביים אויסגעהן, נאר אין צימער איז געוועזען צו ווארעם. דיא היץ האט אוועקגעטריבען נאנא צום פענסטער.

— מיין גאט! וויא שעהן אין דרויסען איז! האט זיא אויסגעשריען, ארויסקוקענדיג פון פענסטער. קום אהער מיין טהייערער און זעה!

זשארזש האט איהר געפאלגט און איז צו איהר צוגעגאנגען. שטעהענדיג נעבען איהר, האט ער איהר ארומגענומען מיט דער האנד ביי דער טאליע און דעם קאפּ אנגעשפּארט אויף איהר אקסעל. דאס וועטער האט זיך געביטען. דיא וואלקענס זיינען זיך צוגאנגען און דער הימעל איז געווארען קלאר און דיא קיילעבדיגע

לבנה האט אבגעטונקט דעם גאנצען אומגעגענד אין א ים פון זילבערנעם ליכט.

נאנא איז געוועזן גערירט. זיא איז ווידער געווען א קינד. זיא האט געטרוימט פון אזעלכע נעכט אין איהרע קינדערשע יאהרען, נאר זיא קען זיך ניט עראינערען, ווען דאס איז געוועזן. אלעס, וואס זיא האט געזעהן, צייט זיא האט פערלאזען דעם וואגאן: דער שעהנער לאנדשאפט, דיא הויז, דיא גרינס, דיא בלומען, האט איהר געמאכט פיהלען, אז זיא איז שוין א צייט מיט יאהרען אוועק פון פאריז.

זשארזש האט איהר האלז בעדעקט מיט קוסען. ער האט איהר געקוסט ווי־דער און אבער זיינע קוסען האבען נאך פערגרעסערט דיא זאנדערבארע אונארדנונג פון איהרע געפיהלען. מיט א ציטערענדע האנד האט זיא איהם אלע וויילע אבגע־שטופט, וויא מען שטופט אב א קינד, וואס דערעסט צופיעל, און זיא האט איהם ווידער דערמאנט, אז פאר איהם איז צייט ווידער צו געהן א היים.

ער האט געענטפערט, אז ער געהט גלייך. א קאנאריק האט פול געמאכט דיא לופט מיט זיינע טרעלען, עס האט געשיינט, אז ער זינגט דא אונטער'ן פענסטער.

— ווארט! האט זשארזש געזאגט. דער לאמפ שרעקט איהם איך וועל איהם אויסלעשען.

און ווען ער איז צוגעגאנגען צוריק, האט ער איהר ווידער ארומגענומען בייַ דער טאליע און געזאגט:

— מיר וועלען באלד דעם לאמפ ווידער אנצינדען.

וועהרענד זשארזש איז געשטאנען צוגעטוליעט צו איהר און דער קאנארעק האט געטריקערט, האט זיך נאנא עראינערט אן איהר יוגענד. יא, זיא געדענקט, אז ערגעץ אין א ראמאן האט זיא געלייענט א סצענע, וויא דיזע. און עס איז גע־ווען א צייט ווען זיא וואלט אלעם אבגעגעבען פאר אזא לבנה, פאר אזא פויגעלע און צו האבען נעבען זיך א יונגען מאן, וואס זאל איהר אזוי שטארק ליעב האבען, וויא זשארזש, פאר וואס האט זיא ניט געלעבט א בעסער לעבען, האט זיא זיך גע־פרעגט, אוועקשטופענדיג זשארזש'ן, וועלכער איז אלס געווארען פרעכער און פרעכער.

— ניין, מיין אינגעל, האט זיא צו איהם געזאגט. איך וויל ניט.... אין דיינע יאהרען איז דאס אבשייליך... איך וועל בעסער בלייבען דיין מוטער, הערסטו?...

איהר געזיכט איז רויטה געווארען, און זיא האט זיך געשעמט, כאטשע קיי־נער האט איהר ניט געקענט זעהן. דאס צימער הינטער איהר איז געווען פינסטער, און אין דרויסען האט זיך געלעגט דיא שטילע, רוהיגע נאכט. ביז איצט האט זיא

זיך קיין מאָל ניט געשעמט.... וואָס ווייטער האָט זיא געפיהלט אלץ מעהר, וויא זיהרע קרעפטען פערלאָזען איהר כאָטשע זיין מיידעלשער קאָסטיום האָט איהר גע־מאַכט לאַכען און עס האָט געשיינט, וויא אַ פריינדין מאַכט מיט איהר שפּאַס.

— אַח, דאָס איז ניט גוט אַזוי! דאָס איז ניט גוט אַזוי! האָט זיא געשטאַ־מעלט, ווען זיא האָט צום לעצטען מאָל געפּרובט ווידערשטעלען זיך איהם.

דאַן האָט זיא זיך געלאָזט פערזינקען, וויא אַן אונשולדיג מיידעל אין דיא אַרעמס פון דעם אינגעל.... דאָס הויז איז געשלאָפען אין דיזער שעהנער און שטילע נאַכט....

אויף מאָרגען אין דער פריה, ווען דער גלאָק האָט געקלונגען צו פריהשטאָג אין מאַדאַם הוזשאָנ'ס הויז, איז שוין דער טיש ניט געווען מעהר צו גרויס. מיט'ן ערסטען צוג זיינען אַנגעקומען פּאַשערי און דאַגינעט. דער צווייטער צוג האָט גע־בראַכט דעם גראַף וואַנדעיוור. דער לעצטער צום טיש איז געקומען זשאָרזש. ער איז געווען אַביסעל בלייך, נאָר אויף אַלע פראַגען, וואָס מען האָט איהם געמאַכט, האָט ער געענטפערט, אַז דער קאָפּ-וועהטאָג איז איהם נאָך ניט אַריבער. זיין מו־טער האָט אויף איהם געקוקט מיט אַן אונרוהיגען שמייכעל, און האָט איהם צוגע־גלעט דיא האָר, וואָס זיינען היינט ניט געווען פערקאַמט אַזוי גלאַט, וויא אַלע מאָל. ער האָט דעם קאָפּ אַבגעדרייט פון איהר גלעטען, וויא ער וואָלט געווען אונצופריע־דען פון איהרע לאַסקעס (ליעבקאָסונגען).

מאַדאַם הוזשאָן האָט זיך געווענדעט צו וואַנדיעוורס און געזאָגט:

— קוים אַ מאָל אין פינף יאָהר האָט איהר זיך אויסגעקליבען. וויא אַזוי איז דאָס אייך ענדליך געלונגען?

ער האָט איהר געענטפערט אין דעם זעלבען פריילעכען טאָן, אַז דיא לעצטע נאַכט האָט ער פערשפּיעלט אַ גרויסע סומע געלד אין קאָרטען, און ער איז געקר־מען מאַכען אַן ענדע מיט זיין לעבען אויף דער פּראָווינץ; סיידען זאָ וועט פאַר איהם געפינען אַ רייכע כלה.

מאַדאַם הוזשאָן האָט בעדאַנקט פּאַשערי און דאַגינעט, פאַר וואָס זיי האָבען אַנגענומען איהר זוהנ'ס איינלאַדונג, און זיא איז געווען שטאַרק צופריעדען, ווען אַ דריטע קאַרעטע איז צונעפאָהרען צום הויז, און מאַרקיז שואַר איז אַריינגעקומען.

— אויף מיין וואָרט, האָט זיא אויסגעשריען. עס זעהט אויס וויא איהר וואָלט זיך אַלע צונויפגערעדט בעגעגנען זיך דאָ היינט אין דער פריה. יאָהרען-לאַנג האָב איך געבעטען און געבעטען, איהר זאָלט קומען אַהער און איך האָב זיך ניט געקענט

דערבעטען, און איצט זייט איהר אלט געקומען אל... ער איך בעקלאג זיך ניט, איהר קענט זיין זיכער.

מען האט געמאכט פלאץ פאר'ן נייען גאסט. פאשערי האט זיך געזעצט נעבען דער גרעפין סאבינא. ער האט שוין איצט אין איהר מעהר ניט געפונען יענע שווייגעדיגע און ערנסטע פרוי, וואס ער האט געזעהן אין סאלאן; אין דער רועמירעמעסניל, און איהר פרייליכקייט האט איהם איבערראשט. דאגענע'ן איז אויסגעקומען צו זיצען נעבען עסטעלא און איהם איז ניט געווען זעהר אנגענעהם די נאכבארשאפט פון דיזער הויכער און שטילער מיידעל. איבערהויפט האבען איהם געשטאכען די אויגען איהרע שפּיציגע עלענבויגענס און פלאכער בוזים. מופפא און שואר האבען זיך אומגעביטען מיט א גע'גנב'עטען בליק. וואנדעיוור האט ניט אויפגעהערט צו שפּאסען איבער זיינע פלענער וועגען הייראטען א רייכע יורש'טע.

— ווייסט איהר, אז איך האב געקריגען א נייע שכנה? האט מאדאם הוזשאן פלוצים געפרעגט. מיר האבען א שכנה וועלכע איהר דארפט קענען. די אקטריסע נאנא.

— וואס? האט וואנדעיוור אויסגעשריען איבערראשט. נאנא וואוינט ניט ווייט פון אייך?

פאשערי און דאגענע האבען אויך געמאכט א מינע פון גרויס פערוואונדערונג. דער מארקיז האט געהאלטען אין קייען א שטיקעל הוהן און האט זיך געמאכט, וויא ער הערט גאר ניט, וואס מען רעדט. קיינער פון די מענער האט ניט א שמייכעל געטהאן.

— יא, האט די אלטע פרוי געענטפערט. און זיא איז שוין געכטען אנגעקומען אין איהר גוט, אזוי האט מיר היינט איבערגעגעבען דער גערטנער.

די מענער ביים טיש זיינען ווירקליך געווארען איבערראשט. אלע האבען געשווינד אויפגעהויבען די קעפּ. וואס! נאנא איז שוין דא, ווען מען האט איהר ערסט מארגען ערווארטעט. זיי האבען גערעכענט צו זיין די ערסטע אויפ'ן פעלד. די איינציגע פערזאן, וואס האט די אויגען ניט אויפגעהויבען איז געווען זשארזש. ער האט די אויגען געהאלטען אראבגעלאזען און געקוקט אויפ'ן גלאז וויין, וואס איז געשטאנען פאר איהם. אויף זיינע ליפּען האט געשפּיעלט א האלבער שמייכעל, נאר די אויגען האבען אויסגעזעהן מיעד און פערשלאפען.

— דיר טהוט נאך אלץ וויה דער קאפּ? האט איהם געפרעגט די מוטער, וואס האט פון איהם די גאנצע צייט די אויגען ניט אראבגענומען.

ער האט א צאפּעל געטהאן און געענטפערט, רויט ווערענדיג, אז ער איז

געזוכט און האט ווייטער אנגענומען דעם מיעדען בליק, וואס מען קען זעהן אין א מ ידעל, וואס האט געטאנצט צופיעל.

— וואס איז דאס ביי דיר אויפ'ן האלז? האט דיא אלטע פרוי געפרעגט דערשראקען. א גרויסער, רויטער פלעק.

ער האט עפעס געמורמעלט אונטער דער נאז. ער ווייס גאר ניט. אז ביי איהם איז עפעס דא אויפ'ן האלז און ער האט א ציה געטהאן דעם קראגען.

— א פליעג ווארשיינליך האט מיר א ביס געטהאן.

דער מארקיז שואר און דער גראף האבען פון דער זייט א ווארף געטהאן, א פערדעכטיגען בליק אויפ'ן רויטען פלעק. דער פריהשטיק האט זיך געענדיגט. מען האט גענומען רעדען, וואס פאר א שפאציר צו מאכען. פאשערי האט בעאבאכ־טעט דיא גרעפין; ווען ער האט איהר דערלאנגט א טעלער מיט פרוכטען, האט זיא אויף איהם אזא קוק געטהאן מיט איהרע סאמעטענע אויגען, אז ער האט זיך ווידער א מאל דערמאנט, וואס זיין פריינד דער קאפיטאן האט איהם דערצעהלט. מיט איהר איז עפעס פארגעקומען א פערענדערונג, און ער האט ניט געקענט פער־שטעהן, פון וואנען דאס איז געקומען. פערלאזענדיג דעם טיש, האט דאגענע גענו־מען שפעטען פון עסטעלא, נאר זיין טאן האט זיך געענדערט, ווען דער זשורנאליסט האט איהם געזאגט, אז זיא האט א נדן אין פיער הונדערט טויזענד פראנק.

— און דיא מוטער, האט געפרעגט פאשערי. דענקסט ניט, אז זיא איז רייצענד?

— געוויס; נאר אויב דוא ציעלעוועסט זיך צו איהר, האסטו ניט געטראפען דעם ארט.

— אזוי דענקסטו? ווער קען וויסען!

פון דעם שפאציר, וואס מען האט פלאנירט, איז גאר ניט געווארען, ווייל דער רעגען האט געגאסען, וויא פון אן עמער. יעדער פון דיא מענער האט געזוכט אויסצומיידען א רייד וועגען נאנא, נאר יעדער האט געוואוסט צוליעב וואס דער אנדערער איז געקומען. עס איז געווען וואהר, אן וואנדערער האט פערלארען א סך געלד און איז דאריבער אוועק פון פאריז און איז געקומען אויפ'ן לאנד, וואו ער האט געוואוסט. עס וועט ניט זיין אומעדיג און ער וועט קענען פערברענגען א גע־וויסע צייט צווישען פריינד.

דאנאנע איז געקומען מיט דער האפנונג, אז אין שטיינער'ס אבוועזענהייט וועט ער עפעס קענען געניסען. פאשערי האט געהאט א וואקאציע, וואס ראזע האט איהם געגעבען, ווייל זיא איז געווען אזוי בעשעפטיגט אין פאריז, אז מיגנאן האט

פערנומען ביידע קינדער און איז מיט זיי אויף אוועק פון פאריז. פאשערי האט אויך געהאפט צו בעשעפטיגען זיך מיט נאנא, אויב עס ווערט זיך מאכען א געלעגענהייט אויך האט דער מארקיז שואר געווארט אויף אזא געלעגענהייט. נאר פון דיא אלע מענער, וואס האבען זיך נאכגעיאגט נאך נאנא. איז געווען דער פערמאכסטער גראף מיפפא. ער איז געווען איבערגעפילט מיט נייע געפיהלען, וואס זיינען געווען אויסגעמישט פון ליידענשאפט, כעס און מורא. זיא האט איהם צוגעזאגט און געהייסען ווארטען. פאר וואס איז זיא געקומען פריהער, וויא זיא האט פערשפראכען? דאס האט ער זיך אונטערגענומען אויסצוגעפינען נאך דעם זעלבען טאג.

נאך דינער איז דער גראף ארויס פון פארק, און זשארזש איז איהם נאכגעגאנגען פון הינטען; נאר ער האט דעם גראף געלאזט געהן מיט'ן גלייכען וועג איבער'ן בריק און אליין האט ער זיך אראבגענומען איבער וועלדער און פעלדער ער איז אנגעקומען פיעל פריהער פון דעם גראף, און ער האט זיך געווארפען נאנא צו דיא פיס מיט טרערען פון כעס און פערצווייפלונג.

— איך פערשטעה, האט ער געמורמעלט. איך פערשטעה, אז דער גראף קומט, ווייל דוא האסט מיט איהם אבגעמאכט.

נאנא האט זיך דערשראקען פון דער אייפערזיכטיגע סצענע און האט איהם ארומגענומען און געזוכט איינצונעהמען איהם אזוי גוט, וויא זיא האט געקענט.

— ניין, האט נאנא געזאגט. איך האב מיט קיינעם ניט אבגעמאכט. אויב ער קומט, קומט ער אליין, און זיא ווייס דערפון ניט. זשארזש איז א נאר, אז ער ווערט אויפגעבראכט פון אזעלכע נארעשקייטען.

זיא האט געשווארען, אז זיא ליעבט נאר זשארזש'ן; זיא האט איהם געקוסט און אבגעווישט זיינע טרערען.

— הער מיך אויס, און דוא וועסט מיר גלויבען, האט זיא ווייטער געזאגט· שטיינער איז שוין געקומען, און ער איז אויבען. דוא פערשטעהסט דאך, אז איהם האב איך דיא טהיר ניט געקענט ווייזען.

— יא, איך ווייס. פון איהם רייד איך ניט, האט זשארזש געזאגט.

— איך האב איהם געזאגט, אז איך בין ניט געזונד, און האב איהם אוועקגעשיקט אין דיא אויבערסטע צימערען, וואו ער פאקט אויס זיינע זאכען. אזוי וויא קיינער האט דיך ניט געזעהן, קענסטו זיך פער'גנב'ענען שטיל אין מיין צימער און בעהאלטען זיך דארטען. נאר מאך דאס אזוי שטיל, וויא נאר מעגליך.

זשארזש האט איהר ארומגענומען און געדאנקט. זיא האט איהם פארט א ביסעל ליעב און ער וועט ווידער קענען אויסלעשען דעם לאמפ און בלייבען מיט

איהר ביז טאג. עמיצער האט א שטארקען ציה געטהאן דאס גלעקעל, [illegible]
איז געשווינד ארויסגעלאפען. אויף דיא ערסטיג טרעפ האט ער אויסגעטהאן דיא שיך און האט זיך שטילערהייד פער׳גנב׳עט אין נאנא׳ס צימער.

נאנא האט בעגעגענט דעם גראף מיט א געוויסע צוריקהאלטונג. זיא האט איהם צוגעזאגט און האט געוואלט האלטען ווארט, נאר ווער האט זיך גערעכענט ריכטען אויף דעם, וואס איז געשעהן נעכטען ביי נאכט און אז דאס אינגעל וועט ווערען איהר געליעבטער? וויא קען זיא איהם אוועקשיקען? געווים איז דאס ניט גוט, וואס זיא פיהרט דעם גראף דריי מאנאט און שפיעלט מיט איהם דיא איינ־געהאלטענע פרוי, פון וואס זיין מארך צינדט זיך אלץ אן מעהר און מעהר. ער וועט מוזען ווארטען, און אז ניט קען ער געהן. לאז ער בעסער געהן, איידער זיא זאל נארען דעם ארימען דשארזש׳ן.

מופפא איז געזעסען מיט דער מינע פון א לאנד־שכן, וואס איז געקומען אב שטאטען א וויזיט, נאר זיינע ציטערנדע הענד האבען ארויסגעוויזען זיינע געפיהלען. דיא ליידענשאפט, וואס נאנא האט אין איהם אזוי צוברענט, האט געמאכט אין זיין היציגע נאטור א טרויריגען חורבן. דיזער ערנסטער און שטאָלצער מאן, דיזער קאמערהערר, וואס איז מיט אזעלכע שטאָלצע טריט געגאנגען איבער דיא סאלאָנען פון דעם קעניגליכען פאלאץ, האט זיינע נעכט פערבראכט אין שרעקליכע קוואלען; נאר ער האט זיך פארגענומען צו מאכען דערפון אן ענדע, און האט דעם גאנצען וועג געטרוימט פון גוואלדהאטען.

ביי דיא ערסטע פאָר ווערטער האט ער שוין געוואלט נעהמען נאנא אין זיינע ארמען.

— ניין! האט זיא געזאגט איינפאך. ניין — זייט פאָרזיכטיג.

ער האט איהר ווידער א כאפ געטהאן מיט צוזאמענגעקריצטע צייהנער און האט איהר אפען געזאגט, אז ער איז געקומען אהער פערברייגגען היינטיגע נאכט.

מיט א צומישטען שמייכעל האט זיא איהם געבעטען, ער זאל איהר פער־לאזען. זיא האט גערעדט ווייך און צארט און האט געהאפט מיט דעם צו מאבען גרינגער איהר אבזאגען.

— שטיינער איז דא, און איהר פערשטעהט, אז דאס איז אונמעגליך.

נאר ער איז געווען וויא פערדיקט. זיא האט נאך קייז מאל ניט געזעהן א מענשען אין אזא צושטאנד. זיא האט ארויפגעלעגט איהר האנד אויף זיינע ליפען און געזאגט:

— ששששא!

שטיינער איז אין דער מינוט ארונטערגעגאנגען פון דיא טרעפ און ווען ער איז אראבגעקומען, האט געטראפען נאנא זיצען אין איהר נידריגען פאטעל, וויא זיא זאגט אין א פוילען טאָן:

— וואס אנבעטרעפט מיך, האב איך זעהר ליעב דיא לאנד.

זיא האט דעם קאָפּ אָבגעקעהרט אין שטיינער׳ס זייט און גע׳זאגט ווייטער:

— גראף מופפא האט דערזעהן ליכט אין אונזער פענסטער, ווען ער איז גע־גאנגען אויף זיין שפאציר און איז אריינגעקומען בעגריסען אונז.

דיא צוויי מענער האבען זיך נעדריקט דיא הענד און גענומען רעדען וועגען פאריז, און וועגען דער בירזע. מיט א פערטעל שעה שפעטער האט זיך דער גראף אויפגעהויבען, און נאנא האט איהם בעגלייט ביז צו דער טהיר, און ער האט אום זיסט איהר געבעטען, זיא זאל מארגען ערפילען איהר פערשפרעכען.

א פאר מינוט שפעטער איז שטיינער אין א שלעכטער לוינע אוועק שלא־פען. נאנא איז אוועק אין איהר צימער, וואו זיא האט געפונען זשארזש׳ן. זיי הא־בען געלאכט און געקוסט זיך, וועהרענד מופפא איז מיט א ברענענדיגען שטערן און לאנגזאמע טריט געגאנגען א היים.

נאנא האט זיך איצט געפיהלט אזוי ווייך און צארט. איהר האט געדוכט אז מיט זשארזש׳ן האבען זיך איהר אומגעקעהרט איהרע יונגע מיידעלשע יאהרען. דאס לאנד האט איהר אין גאנצען איבער געענדערט. אלס א קינד האט זיא געטרוימט פון א לעבען אויף׳ן פעלד און האבען א ציגעלע. איצט איז זיא געווען דיא בעזיצע־רין פון א גרויסע שטיק לאנד, דאס האט איבערגעשטייגט אלע איהרע פאנטאזיעס און זיא האט זיך נאך א מאל געפיהלט א קליין מיידעלע. און נאך א פערבראכטען טאָג אויף דער פרייער לופט, אנגעזעטיגט מיט׳ן גערוך פון דיא ביימער און גראזען איז זיא אריין אין איהר שלאף־צימער, וואו זיא פלעגט געפינען אונטער׳ן פארהאנג זשארזש׳ן. איהר האט געדוכט, אז זיא איז א שוהל־מיידעל און א בייזער פאטער קוקט איהר נאך אויף שריט און טריט, און זיא דארף זיך היטען נים צו מאכען דעם מינדסטען גערויש

אין דיזער צייט איז זיא געווען זעהר סענטימענטאל. זיא פלעגט שטונדען־לאנג קוקען מיט זשארזש׳ן אייף דער לבנה און שלעפען איהם מיט זיך ביי נאכט אין גארטען, וואו זיי פלעגען ארומוואנדערען צוזאמען איבער דיא אלייען אין גראָז. איין מאל האט זיא זיך אריינגעווארפען אין דיא ארמען און האט זיך צוואויינט, אז זיא האט מורא, דאס זיא וועט שטארבען. זיא פלעגט אפט זינגען איהר מאנטעס א ליעדעל וועגען פויגעלאך און בלומען, ביז טרערען פלעגען איהר צוטרעטען צו

דיא אויגען. דערנאך פליגט זיא ליידענשאפטליך ארומכאפען זשארזש'ן און פאדערען ער זאל איהר שווערען אי בונע ליעבע. אין אנדערע צייטען איז זיא געווארען צוריק דיא אלטע נאנא, האט מיט איהם גערויכערט פאפיראָסען און האט מיט איהם געשמועסט, וויא מיט א אלטען קאמעראד.

איהרע געפיהלען זיינען נאך ווייכער געוואָרען, ווען דיא מוהמע לערא האט געבראכט איהר קליינעם זוהן לואי. איהר מוטער-ליעבע האט דערגרייכט ביז וואהנזין. זיא איז מיט איהם ארומגעלאפען אין דער זון, האט זיך געקייקעלט מיט איהם איבער'ן גראָז און האט איהם געפוצט, וויא א קליינעם פרינץ. לואי האט זשארזש'ן ניט געשטערט, ווייל זיא האט זייביידען בעהאנדעלט וויא צוויי קליינע קינדער. יעדע נאכט האט זיא זשאָרזש'ן איבערגעלאזט און איז אריבער אין איהר זוהנס צימער צו זעהן, אויב ער איז צוגעדעקט און צו ער אטהעמט פריי. און ווען זיא איז צוריקגעקומען האט זיא איהם אווקגעגעבען דאס איבריגע פון איהר מוטערליכע צערטליכקייט און ער האט זיך געלאזט וויגען און לאסטשען וויא א קינד. עס האט דערגרייכט צו אזא גראד, אז זיא האט זיך בעשלאסען אלעמען אוועקצושיקען און און בלייבען וואוינען אויפ'ן דאָרף.

דאס סענטימענטאלע לעבען האט אנגעהאלטען א וואָך צייט. גראף מופפא פלעגט קומען יעדע נאכט און אוועקגעהן מיט א פינסטערען געזיכט און ברענענדיגע הענד. איין אבענד ווען שטיינער איז אוועק אין פאריז, האט זיא איהם זאָגאר ניט צוגענומען, און געלאָזט איהם זאָגען, אז זיא איז קראנק. נאנא איז מיט יעדען טאָג מעהר אונאנגענאהם געוואָרען דער געדאנק פון אָבנארען זשאָרזש'ן. ער איז אזוי אונשולדיג און גלויבט איהר אזוי פיעל. אויפ'ן זעקסטען טאָג איז צו איהר אָנגעקומען א גאנצע קאָנפּאניע געסט. זיא האט זיינענדיג אין פאריז, איינגעלאדען א מאַסע בעקאַנטע, ניט דענקענדיג, אז זיי וועלען קומען. און זיא איצט געוועזען זעהר פערוואונדערט, ווען זיא האָט דערזעהן, אז א גאנצער וואָגען מיט געסט זיינען איהר בעפאלען.

— אָט זיינען מיר! האט אויסגעשריען מיגנאָן, וואס איז דער ערסטער אריין מיט זיינע קינדער.

נאך איהם איז אריין לאַבאָרדעט מיט א סך פרויען. פאלואז איז געקומען מיט נאנא און איהר טאָכטער. צוזאמען זיינען זיי געוועזען עלף פערזאָן און זיא האט קוים געהאט פלאץ פאר זיי. אין א שטונדע שפעטער, ווען עס איז געוואָרען א שטיקעל אָרדנונג, איז איהר ערגערניס אריבער, און זיא האָט זיך געפריימ פון דעם געדאנק, אז זיא וועט קענען שפיעלען דיא בעלהבית'טע. דיא דאמען האָבען

מיט זיך געבראכט א שטיק פאריז און האבען איהר דערצעהלט, אז בארדענאוו איז אנפאנגס געווען שרעקליך אויפגעבראכט, וואס זיא, נאנא, איז אנטלאפען און האט געזאגט, אז ער וועט איהר צוריקברענגען מיט דער פאליציי, נאר דערנאך איז ער געווארען רוהיגער און האט איהר ראלע איבערגעגעבען לואיזע וויאלעין און זיא האט געהאט א גרויסען ערפאלג. דיזע נייעס האט נאנא געמאכט ערנסט.

עס איז ערסט געווען פיער א זייגער. זיי האבען זיך געוואלט דורכגעהן.

— איך האב געקליבען קארטאפעל איידער איהר זייט געקומען, האט געזאגט נאנא.

עס האט זיך אלעמען פערגלוסט געהן קלייבען קארטאפעל. זיי זיינען אוועק אין גארטען און זיי האבען גענומען מיט דיא בעדעקטע פינגער אין נאכד און דיאמאנטען גראבען דיא ערד. דיא פרייד איז געווען זעהר גרויס, ווען עס איז עמיצען געראטען אויסגראבען א גרויסע קארטאפעל.

דער דינער איז געווען א ווילד-פרייליכער. דיא געשרייען און געלעכטערס האבען פול געמאכט דיא זומער-לופט, און דיא דארפס-לייט האבען זיך צחאמענגעקליבען און געקוקט פון דערווייטענס אויף דיא ליכטיגע פענסטער.

דער פאלגענדער טאג האט געדארפט זיין זונטאג און זיי האבען אבגערעדט צו מאכען מארגען א שפאציר צו אן איינגעפאלענעם קלויסטער. אבענד-צייט איז גראף מופפא, וויא שטענדיג צוגעקומען צום שטוב און האט געוואלט אנקלינגען, נאר דערזעהענדיג דיא בעלייכטעטע פענסטער און דערהערענדיג דיא געלעכטער און געשרייען, צווישען וועלבע ער האט דערקענט מיננאן'ס שטימע, האט ער פערשטאנען, וואס דא קומט פאר. און ער איז אוועק אין א שרעקליכען צארן, און געגעבען זיך דאס ווארט, אז ער וועט לענגער ניט דולדען.

זשארזש האט מיט זיין שליסעל געעפענט דאס קליינע טהירעל און איז שטיל אריין אין נאנא'ס צימער. זיא איז נאך האלבע נאכט צו איהם געקומען אביסעל בעטרונקען און האט פון איהם געפאדערט, אז ער זאל מיט זיי מיטפאהרען. אבער ער האט זיך אבגעזאגט, מורא האבענדיג, אז מען וועט איהם דערקענען. זיין מוטער האט שוין אויף איהם א חשד און עס וועט זיין א גרויסער סקאנדאל, אויב מען וועט איהם זעהן אין איהר קארעטע. נאר זיא האט זיך צו וויינט מיט דיא טרערען פון א פרוי, וואס פיהלט, אז מען מאכט איהר פאר אן אפפער, און ער האט איהר צוגעזאגט.

— אזוי, האסטו מיך טאקע ליעב? האט זיא געמורמעלט. און ווען איך זאל שטארבען, וועט דיר באנג טהאן.

נאנא׳ס נאכבארשאפט האט געמאכט א גרויסען גערודער אין מאדאם הוזשאָן׳ס הויז. דיא גוטע אלטע פרוי האָט יעדען טאָג גערעדט וועגען איהר ביים טיש און האָט איבערגעגעבען, וואָס דער גערטנער האָט איהר דערצעהלט. איהר הארץ האָט איהר אָנגעזאָגט עפּעס ניט גוטעס און זיא האט געהאט דעם זעלבען געפיהל פון דער נאכבארשאפט, וויא זיא וואלט ערפאהרען, אז א ווילדע טהיר האט זיך ארויסגעריסען פון א מאנאזשעריע און האָט זיך פערקליבען ניט ווייט פון איהר. זיא האָט אויסגערעדט איהרע געסט, אז זיי דרייען זיך ארום צופיעל ארום מיניאט, און האָט זיך געמאכט לאכענדיג ווען נאָך האלבען טאָג פלעגען דיא מע־נער פערשווינדען פון שטוב.

יעמאַנד האָט געזעהן דעם גראף וואנדעיוור לאכען און ריידען מיט א דאמע אויפ׳ן גרויסען וועג, נאָר ער האָט געזאָגט, אז דאָס איז ניט געווען נאנא, און אין דער ווירקליכקייט, איז דאָס געווען לוסי. זיא האט זיך ערסט בעפרייט פון איהר צווייטען פרינץ, און ער האָט געדענקט אומצוקעהרען זיך מיט איהר אין פאריז. דער מארקיז שואר איז אויך זעלטען געווען אין דער היים; זיין דאקטאר, האט ער גע־זאגט, האט איהם געהייסען האבען, וואס מעהר פרישע לופט. נאר געגען דאגענע און פאשערי האט זיא געהאט אונרעכט. דאגענא איז קיין מאל ניט אבגעטראטען פון עסמעלא, און האט דאס הויז ניט פערלאזען. פאשערי איז אויך ניט אבגעטרא־טען פון דיא מופפא־דאמען.

בענעגענענדיג א מאל אויף א שפּאציר מיגנאן און דיא קינדער, האט ער איהם געדריקט דיא האנד און ביידע האבען זיך געוויזען דיא בריעף, וואס זיי האַ־בען געקריגען דעם טאג פון ראזען אין וועלבע זיא האט געשריבען, אז זיי זאלען זעהן האבען אזוי פיעל פרישע לופט, וויא נאר מעגליך, און אז זיא איז נאך שטארק בעשעפטיגט.

אזוי וויא מופפא פלעגט א גרויסען טהייל פון טאג פערברייננגען אין ארלע־אנס אין נייטהיגע געשעפטען, וויא ער האָט געזאָגט, איז פאָשערי געוואָרען דער קאוואלער ביי דער גרעפין. זיא האָט געשיינט צו זיין זעהר אמוזירט פון זיין מ ץ און פון זיין אָריגינעלען ארט רעדען וועגען זאכען און מענשען, און זיי האָבען אָנגעגע־הויבען צו ווערען זעהר אינטים. דיא געזעלשאפט פון דיזען יונגען מאן, האָט גע־שיינט צו מאכען איהר יונג. צייטענווייז, ווען זיי פלעגען אויף א ווילע בלייבען אליין האָבען זיך זייערע בליקען בעגעגענט און זייער לאכען האָט זיך איבערגעריסען, זייערע געזיכטער זיינען געוואָרען ערנסט און האָבען געזוכט צו פערשטעהן איינער דעם צווייטען.

פון אלע מענער, וואָס האָבען זיך געפונען ביי איהר אין הויז. חאט מאדאם הוושאָן נאָר געקאָזט צורוה זשאָרזש'ן און מופפא. דער גראף מופפא איז געווען צו פיעל פערנומען מיט געשעפטען, אז איהם זאָלען קריכען אין זינען פרויען, און זשאָרזש איז נעבאך געווען דיא גאנצע צייט קראַנק און זיא איז געווען זעהר אונרוהיג. יעדען אבענד האָט ער געליטען פון זיינע שרעקליכע קאָפּ-ווייה-טאָגען און פלעגט זיך פער־שפּארען אין זיין צימער.

דינסטאג איז אָנגעקומען א נייער גאסט — הערר ווענאָ, וועמען זיא האָט איינגעלאדען לעצטען ווינטער. ער איז ארומגעגאנגען שטיל מיט דער מינע פון א מענשען, וואָס וויים, אז ער איז צו קליין. אז מען זאָל אויף איהם זיך אומקוקען. ער האָט געשיינט ניט צו בעמערקען דיא אונרוהיגע אכטונג און שעצונג, מיט וועל־כע מען האָט איהם בעגעגענט. ווען איהם איז געלונגען צו מאכען, אז מען זאָל אָן איהם אין גאנצען פערגעסען, איז ער געזעסען און געקייט שטיקלאך צוקער ביים דעזערט, און בעאָבאכטעט, וויא דאגענע בעדיענט עסטעל'ן ביים טיש און וויא פּאַ־שערי אמוזירט דיא גרעפין מיט פרייליכע אנעקדאָטען. ווען יעמאנד פלעגט אויף איהם א קוק טהאָן, פלעגט ער א שמייכעל טהאָ אויפ'ן פריינדליכסטען אופן.

נאָך מיטאג האָט ער דעם גראף גענ מען אונטער ן ארם און איז מיט איהם ארויסגעגאנגען אין פּארק. יעדער האָט געוואוסט, אז ווענאָ האט אויפ'ן גראף גע־האט א שרעקליכען איינפלוס. מען האָט דערצעהלט וואונדערליכע געשיכטען וועגען דער מאכט, וואָס דער אלטער אדוואָקאַ : האט געהאט ביי דיא מופפא'ס אין הויז. פּאָשערי איז געווען זעהר אויפגעבראכט אויף ווענאָ, פאר וואָס ער איז איצט גע־קומען אהער, און האָט דערצעהלט זשאָרזש'ן און דאגענע, פון וואנען דער אלטער אדוואָקאט איז רייך געוואָרען. זיין גאנצע רייכקייט שטאמט פון א פּראָצעס, וואָס ער האָט אויסגעפיהרט פאר דיא יעזואיטען. ער האָט ווייטער דערצעהלט, אז דיזער הערר, ניט קוקענדיג, אויף זיינע צארטע און איידעלע מאנערען, נעהמט ער א גרוי־סען אנטהייל. אין דער שמוציגער און שווארצער ארבייט פון דיא גלחים און איז ביי זיי זעהר א וויכטיגע פּערזאָן.

דיא צוויי יונגע לייט האָבען זיך אויסגעלאכט פון פּאָשערי'ס ערקלערונג. דער געדאנק, אז דער אלטער ווענאָ איז א געהיימניספאָלער און שרעקליכער מענש, וואָס ארבייט אויף שווארצע וועגען אין דיא אינטערעסען פון דיא יעזואיטען, האָט זיי געשיינט זעהר קאָמיש. נאָר שפּעטער א ווייכע האָבען זיי געטראכט נאָר אנדערס, ווען זיי האָבען דערזעהן, וויא מופפא האָט זיך אומגעקעהרט פון פּארק מיט א דער־ע׳גענע מינע און פערוויינטע אויגען.

— איך דענק, אז זיי האבען גערעדט פון גיהנם, האט געמורמעלט פאשערי.

דיא גרעפין סאבינא האט געהערט פאשעריס ווערטער. זיא האט אומגע־קעהרט דעם קאפ אין זייט און זייערע אויגען האבען זיך בעגעגענט.

געוואוינליך האט זיך דיא גאנצע קאמפאניע פערזאמעלט נאך פריהשטיק אויף דער טעראסע, וואס האט ארויסגעקוקט אין פארק. נאר איצט לכבוד זונטאג האט מאדאם הוזשאן פארגעשלאגען, מען זאל זיך אביסעל דורכגעהן. ניט קוקענדיג אויף איהרע זעכציג יאהר, האט זיא ליעב געהאט צו געהן. אלע געסט האבען גע־זאגט, אז זיי זיינען ציפריעדען פון דעם פראן און האבען זיך אלע ארויסגעשאטען פון שטוב. דער טאג איז געווען זעהר א מילדער. ביז׳ן הילצערנעם בריק זיינען זיי געגאנגען צוזאמען; פאשערי און דאגענע זיינען געגאנגען פאראויס מיט דער גרעפין און טאכטער; דער גראף און דער מארקיז זיינען געגאנגען מיט מאדאם הוזשאן; נאר צום לעצטען איז געגאנגען וואנדעיוור מיט א סיגאר אין מויל, וועה־רענד דער אדוואקאט ווענא איז אלע ווייל איבערגעגאנגען פון איין גרופע צו דער צווייטער, אום צו הערען, וואס עס ווערט אומעדום גערעדט.

— מיין ארימער זשארזש איז אין ארלעאנס, האט מאדאם הוזשאן געזאגט. ער איז געפאהרען צו בעראטהען זיך מיט א דאקטאר וועגען דיא קאפ־ווייהטאגען, פון וועלכע ער ליידט דיא לעצטע צייט אונאויפהערליך. דער אלטער דאקטאר באטארעל פאהרט שוין מעהר ניט אויף וויזיטען, און היינט נאר פריה, ווען איהר זייט נאך אלע געשלאפען, עס איז נאך געווען פאר זיבען א זייגער, איז ער שוין אוועק צו איהם . . .

זיא האט זיך פלוצים איבערגעריסען און געפרעגט:

— וואס טהוען זיי דארטען אויפ׳ן בריק? פאר וואס האבען זיי זיך אבגע־שטעלט?

ביידע דאמען מיט פאשערי און דאגענע זיינען געשטאנען אויפ׳ן צווייטען עק פון בריק אין א פערלעגענהייט, וויא זיי וואלט עפעס געשטאנען אין וועג, און דאך איז דער וועג געווען פריי.

— געהט, וואס שטעהט איהר? האט דער גראף געזאגט.

נאר זיי האבען זיך ניט געריהרט: דער וועג האט זיך דא שארף פערקעה־רעוועט און איז געווען פערזועצט פון ביידע זייטען מיט הויכע ביימער, און דיא וואס זיינען געגאנגען פון פארענט האבען גוט געקענט זעהן, וואס עס טהוט זיך אויפ׳ן וועג וועהרענד דיא פון הינטען האבען נאר ניט געקענט זעהן. א טויבער גערויש האט זיך געהערט און וואס ווייטער איז דער גערויש געווארען אלץ העכער — א

נערויש פון רעדער, אויסגעמישט מיט קולות און גלעכטערס. און דעם קנאל'ן פון בייטשען. פלוצים האבען זיך בעוויזען פינף קארעטעס, איינע גלייך נאך דער צווייטע און זיי זיינען געווען אזוי געדיכט געפאקט, אז מעהר האט שוין אהין ניט געקענט אריינגעהן.

— וואס איז דאס אזוינס? האט מאדאם הוזשאן געפרעגט פערוואונדערט.

נאר פלוצים האט זיא פערשטאנען, וואס דאס איז. און פערצווייפעלט פון דער בעגעגעניס האט זיא געמורמעלט:

— א, יענע פרוי! לאמיר גיכער אריבערגעהן.

נאר עס איז שוין קיין צייט ניט געווען—דיא פרינץ קארעטעס, אין וועלכע נאנא מיט איהרע פריינד זיינען געפאהרען זעהען דעם איינגעפאלענעם פלויסטער, זיינען שוין צוגעקומען צום היי'צערנעם בריק. פאשערי, דאגענע און דיא גרעפין מיט איהר טאכטער, האבען זיך געמוזט אבציהען אהינטער און מאדאם הוזשאן מיט דיא איבריגע האבען זיך געשטעלט ביי דער זייט פון דעם שמאלען בריק. דיא קולות און גלעכטער'ס זיינען שטיל געווארען, עס האט זיך נאר גע-הערט דיא טריט פון דיא פערד, און פון דיא קארעטעס האבען אלע נייגיעריג ארויסגעקוקט אויף דיא גרופע שפאצירענדע.

אין דער ערסטער קארעטע זיינען געזעסען בקאנד און נענע אויסגעצויגען ברייט וויא קייזערינעס און האבען מיט פעראכטונג געקוקט אויף דיא דאמען, וואס זיינען געגאנגען צו פוס. נאנא אליין האט כמעט פערנומען דיא גאנצע באנק פון דער צווייטער קארעטע און פון פאלואז, וואס האט זיך געפונען נעבען איהר, האט זיך נאר ארויסגעזעהן דיא נאז; נאכהער זיינען געפאהרען קאראלין העק און לא-בארדעט; לוסי איז געפאהרען צוזאמען מיט מיגנאן און זיינע קינדער, און צום לעצטען איז געקומען נאנא אין וויקטאריא קארעטע, שטיינער ביי איהר זייט און זשארזש געגען איבער מיט זיינע קניע אנגעשפארט אן נאנא'ס פיס.

— דאס איז זיא? האט דיא גרעפין געפרעגט רוהיג, ווענדענדיג זיך צו פא-שערי און מאכענדיג זיך, אז זיא דערקענט ניט נאנא.

דיא רעדער פון דער וויקטאריא זיינען כמעט ארויף אויף איהר, נאר זיא האט זיך פון ארט ניט גערוהרט.ביידע פרויען האבען זיך אומגעביטען מיט א דורכדרינגענדען בליק. דיא מענער זיינען געשטאנען, וויא ניט זיי מיינט מען. פא-שערי און דאגענע זיינען געשטאנען קאלט און רוהיג און האבען געשיינט קיינעם ניט צו דערקענען. נאר וואנדעיוור האט געוואגט צו בעגריסען לוסי'ן מיט א לייכ-טען וואונק, אויף וואס זיא האט געענטפערט מיט א שמייכעל.

— נים אכטונג ! האט וועגא נעזאגט צום גראף אויפ'ן אויער.

מופפא איז געשטאנען בלייך, וועהרענד נאנא איז פערביי איהם דורכגעפאה־רען. דיא גרעפין האט לאנגזאם געווענדט דעם קאפ אין זיין זייט און האט איהם בעטראכט. ער האט דיא אויגען אראבגעלאזט צו דער ערד, אום ניט צו זעהן, וויא דיא קארעטע האט אוועקגעפיהרט זיין הערץ און ער איז איצט געווען אויסער זיך פאר כעס. דער קליינער שנעק זשארזש האט איהם אריבערגעווארפען איבער'ן באנק ! מיט דיזם אינגעל איז זיא זיך צוזאמענגענאנגען, וועהרענד איהם האט זיא אבגעזאגט.

אנפאנגס האט מאדאם הוזשאן גיט דערקענט זשארזש'ן, וועלכער וואלט גערן זיך ארונטערגעווארפען פון בריק אין וואסער, ווען נאנא וואלט איהם ניט צו־געפרעסט מיט איהרע קניע. אן אנדער געדאנק איז איהם באלד דורכגעלאפען צו בעהאלטען זיך אונטער איהרע קליידער. נאר עס איז שוין געווען צו שפעט ער איז געזעסען, וויא א פערשטיינערטער און האט זיך ניט געקענט א ריהר טהאן. נאר דיא אזנערוווארטעטע בעגעגענים האט צולאזען אלע זיינע קרעפטען. ער איז גע־ווען ווייס, וויא דער טוידט. נאר פיעלייכט וועלען זיי איהם ניט זעהן.

— מיין גאט ! האט דיא אלטע דאמע אויסגעשריען. דאס איז דאך זשארזש מיט איהר!

ווען דיא קארעטעס זיינען אריבערגעפאהרען האבען זיך נאנאס געסט אומ־געקוקט און דערזעהן, אז דיא שפאצירענדע זיינען געשטאנען א פאר מינוט אויפ־געגענט, און האבען זיך באלד אומגעקעהרט צוריק, ניט איבערגעהענדיג דעם בריק. מאדאם הוזשאן, וואס איז געווען אנגעלעגט אויף מופפא'ס ארם, איז געווען אזוי שטיל און טרויריג, אז קיינער האט ניט געוואגט צו טרייסטען איהר.

— האט איהר געזעהן פאשערי? האט נאנא אויסגעשריען פון איהר קארעטע צו לוסי, א שעהנער יונג ! ער וועט מיר בעצאהלען פאר וואס ער האט אונז ניט דערקענט. און דאגענע אויך — צו איהם בין איך געווען אזוי פריינדליך. וויא איי־דעל זיי זיינען ! זיי האבען אונז גאר ניט דערקענט !

גלייך נאך דעם האט זיא געהאט א שרעקליכע סצענע מיט שטיינער, פאר וואס ער האט געזאגט אז זיי האבען געהאט רעכט. אזוי ? איז זיא ניט ווערט, אז מען זאל פאר איהר דיא הוט ארונטערנעהמען ? איז דאס וואס ער מיינט. יעדער פוסטער פראנט קען איהר בעליידיגען ? זיא דאנקט איהם שטארק שטיינער איז אזוי גוט, וויא דיא אנדערע.

— און יענע הויכע פרוי — ווער איז זיא ? האט לוסי געפרעגט.

— דיא גרעפין מופפא, האט שטיינער געענטפערט.

— איך האב געדענקט אזוי, האט נאנא געזאגט. זיא איז ניט קיין גרויסע מציאה, כאטשע זיא איז א גרעפין. און פאשערי ווייס דאס אזוי גוט, וויא איך.

שטיינער האט א ציה געטהאן מיט דיא אקסלען. ער איז געווען שרעקליך בייז, ווייל ער האט בעקומען א בריעף, אז ער זאל קומען אין פאריז און ווידער איז ניט אזוי אנגענעהם צו וואוינען אויפ'ן לאנד און שלאפען אויף א זאפע אין סאלאן.

— און דיזער ארימער יונג! האט געזאגט נאנא, ווערענדיג פלוצים ווייך, וויא זיא האט דערזעהן זשארזש'ס בלייכקייט און וויא שווער ער ציהט דעם אטהעם.

— דענקט איהר, אז דיא מאמא האט מיך דערקענט? האט ער ענדליך געפרעגט.

— געוויס, האט זיא דערקענט, האט נאנא געענטפערט. ביי איהר האט זיך ארויסגעריסען א געשריי און דאס איז מיין שולד, ווייל דוא האסט ניט געוואלט פאהרען. הער, זשארזש, זאל איך שרייבען צו דיין מוטער? זיא זעהט אויס זעהר אנשטענדיג, און איך וועל איהר זאגען, אז איך האב דיר ביז היינט קיין מאל ניט געזעהן און אז שטיינער האט דיך היינט געבראכט צו מיר צום ערסטען מאל.

— ניין, ניין! שרייבט ניט, האט זשארזש געענטפערט, וואס ווייטער אלץ מעהר און מעהר אונרוהיג. איך וועל שוין זעהן אליין אויסצודרייען זיך, און אויב זיא וועט מאכען פיעל טענות, וועל איך גאר אוועק פון דער היים.

און ער האט גענומען אויסטראכטען ליגענס צו פערענטפערען זיין פאהרען מיט נאנא.

דיא קארעטעס זיינען געפאהרען איבער א גלייכען וועג, בעוואקסען פוןביידע זייטען מיט הויכע בוימער. דיא דאמען האבען פארטגעזעצט זייער געשפרעך פון איין קארעטע מיט דער צווייטע, און דיא קוטשערס האבען ניט אויפגעהערט צו לאכען פון דיא זעלטזאמע מענשען, לאבארדעט איז געווען פערטיעפט אין א געשפרעך מיט קאראלין העקע. ביידע האבען ארויסגעזאגט איין מיינונג, אז נאנא וועט ניט אנהאלטען דאס גוט דריי מאנאטען און קאראלין האט געבעטען לאבארדעט, אז ער זאל עס פאר איהר קויפען, אויב ער וועט עס קענען קריגען ביליג.

פאלואז האט דעם גאנצען וועג געקוסט פער'גנב'עם נאנא'ס פעטען ארם, און איהר טאכטער האט איהם געהייסען אויפהערען, וויא זיא פלעגט שטענדיג טהאן, ווען זיא האט געזעהן, אז מען קוסט איהר מוטער. מיגנאנ'ס קינדער האבען

רעקלאַמירט א נעדיכט און מאריא בלאַנד האָט איינגערעדט נענע, אז אין דיא מילך־קראָמען אין פאריז מאכט מען אייער פון זאפ־ען מיט קליי.

— וויא לאנג וועט דיא רייזע נעדויערען? האט מען געפרענט פון איין קאַ־רעטע צו דער צווייטער.

— נאָך פופצעהן מינוט, האט נעענטפערט נאנא, וואס האט נעפרענט איהר קוטשער. ווייסט איהר צו וועמען דער שלאָס און דער איינגעפאלענער קלויסטער נעהערען? דיא איינענטהימערין פון דעם האט פאר נאפּאָלעאָן דעם ערסטען גע־שפּיעלט א גרויסע ראָליע און עס האט מיט איהר געקעהרט א וועלט. נאָר איצט אויף דער עלטער איז זיא פרום נעוואָרען און זוכט נאר צו טהאן מצוות. איהר נאמען איז מאדאם דיאנגלאר.

— אירמא ד'אנגלאר! האט אויסגערופען נאנא איך האב איהר געקענט.

דיא פרויען האבען זיך מיט בעוואונדערונג פאר דיא פערנאנגענהייט אריבער־נעוואוינען איבער דיא קארעטעס צו הערען, וואס זיא וועט פון איהר דערצעהלען.

— יא, איך בין נאך נעווען זעהר יונג אין יענע צייט, נאר איך פלעג איהר זעהן דורכפאהרען אין איהר קארעטע. זיא האט זיך געהאלטען זעהר גרויס, נאר וואס פאר א געשיכטען מען האט זיך פון איהר אנדערצעהלט! זיא פלעגט ארומ־קלייבען א מאן אזוי, אז נאר דיא פאדאשוועס אויף דיא שיך זיינען ביי איהם גע־בליבען און עס איז קיין וואונדער ניט, אז זיא האט א שלאָס. ווייסט איהר, אז זיא דארף שוין זיין איבער ניינציג?

דיא דאמען זיינען נעוואָרען זעהר ערנסט, קיינער פון זיי האט ניט נעוואָלט לעבען אזוי לאנג. נאנא האט דאס נעוואלט אם ווענינסטען. ענדליך זיינען זיי אננעקומען.

לוסי האָט אָנגעהויבען איינצורעדען נאנא, אז זיא זאָל מאָרגען צוריקפאָהרען אין פאריז. דיא אויסשטעלונג האלט שוין ביים ענדיגען. זיי האָבען אלע געמאכט בעסער, וויא זיי האָבען געהאָפט. נאָר נאנא האט דערפון ניט נעוואָלט הערען. זיא האסט פאריז, האט זיא נעזאגט און האָט נעוואָרפען א צארטען בליק אויף זשאָרזש'ן, ניט קימערענדיג זיך וועגען שטיינער'ן.

דיא רואינע פון קלויסטער איז בעשטאנען פון עטליכע שטיינער, וואס זיינען געלעגען איינער אויפ'ן צווייטען און דיא דאמען האָבען אָפען נעזאָגט, אז דאס איז נעווען א שווינדעל און אז עס איז ניט ווערט נעווען אזוי וייט צו פאָהרען אָנצוקו־קען. דאך האבען זיי אוועקנעשפּאצירט צום שלאָס און האָבען דיא קארעטעס גע־לאזט ווארטען.

— אויף מיינע נאמנות, אירמא האט זיך גוט פערזארגט, האט נאנא געזאגט, בעטראכטענדיג דעם פארק פון שלאס.

מיט פינף מינוט שפעטער זיינען זיי צוגעקומען צו דער צווייטע טהיר פון פארק. דער פארק האט געשיינט וועט זיך קיין מאל ניט ענדיגען און זיי האבען וואס ווייטער אלץ מעהר בעוואונדערט. זיי זיינען שוין מיעד געווארען פון געהן נאר דער שלאס האט זיך נאך אלץ ניט געזעהן. זיי האבען שוין אנגעהויבען צו ווערען אין כעס, פלוצים האבען זיי זיך אראבגענומען אן א זייט און פאר זייערע אויגען איז געשטאנען א גרויסארטיגער שלאס.

— נאט אין הימעל! האט אויסגעשריען נאנא. זיא האט געפיהלט, אז איהר פערפעהלט אטהעם.

אין דיזען פראכטפאלען שלאס איז אמאל געשלאפען הענריך דער פיערטער, און זיין בעט בעהאנגען מיט סאמעטענע פארהאנגען איז נאך געשטאנען אין איי־נעם פון דיא צימערן.

— אט איז אירמא אליין נעבען טהיר פון קלייסטער! האט געזאגט נאנא.

נאנא האט איהר באלד דערקענט, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס זיא האט איהר שוין א צייט מיט יאהרען ניט געזעהן. עס איז איצט געווען נאכ'ן געבעט, און אירמא האט פערלאזט דיא קירכע. זיא האט געטראגען א איינפאכע זיידענע קלייד און האט זיך געהאלטען אזוי שטאלץ, וויא א מאל. אין דער רעכטער האנד האט זיא געהאלטען א געבעט בוך און האט אויסגעזעהן וויא אן אלטע מארקיזע, וואס איז אנטלאפען געווארען פון דיא שרעקען פון דער רעוואלוציאן. זיא איז לאנג־זאם געגאנגען איבער דער סטעזשקע (וועגעלע), וואס האט געפיהרט צום שלאס, און א לאקיי און א ליווריע איז איהר נאכגעגאנגען. דיא איינוואוינער פון דארף האבען זיך פאר איהר טיעף פערניינט; אן אלטער מאן האט איהר געקוסט דיא האנד. א פרוי האט זיך פאר איהר געוואלט אראב אזען אויף דיא קניע. דא איז זיא געווען א מעכטיגע קעניגין, געקרוינט פון יאהרען און כבוד. זיא איז לאנגזאם ארויף אויף דיא ברייטע טרעפ און איז פערשוואונדען געווארען אין דער טהיר, וואס האט זיך גלייך נאך איהר פערמאכט.

— דאס איז א בעצאהלונג פאר גוטע מעשים, האט מיגנאן געזאגט צו זיינע קינדער, וויא ער האט געוואלט מיט דעם איינפלאנצען אין זיי א שטיק מאראל.

דאן האט יעדער געמאכט עפעס א בעמערקונג, און ווען מאריא בלאנד האט זיך גראב אויסגעדריקט וועגען דער אלטער ניינציגיעהריגער פרוי, וואס האט אמאל געפיהרט זעהר אן אויסגעלאסען לעבען, איז לוסי געווארען העכסט אויפגעבראכט

און האט נעזאגט, אז פאר עלטער און נרויע האר דארף מען האבען רעספעקט, און אלע האבען איינגעשטימט, אז אירמא איז אן אויסעראָרדענטליכע פערזאן.

דעם נאנצען וועג צוריק האבען אלע געשוויגען. נאנא איז געזעסען שטיל און האט געשיינט ניט צו בעמערקען שטיינער'ן, וואס איז געזעסען נעבען איהר, און זשארזש'ן אנטקעגען איהר. זיא האט קיין זאך ניט געזעהן, אויסער אירמא'ס געזיכט, וואס האט געשוועבט פאר איהרע אויגען.

פארנאכט איז זשארזש אוועק א היים צום דינער. נאנא האט איהם אנגעזאגט, אז ער זאל בעטען ביי דער מוטער פערצייהונג און האט איהם אויך געהייסען, ער זאל ביי נאכט ניט קומען. ער האט פפליכטען צו זיין מוטער און דארף איהר פאלגען. זשארזש האט אויסגעהערט איהר מוסר און איז מיט אן אראבגעלאזטען קאפ אוועק א היים. צו זיין גליק איז דאמאלס אנגעקומען זיין ברודער פיליפ, וואס האט געדיענט אין דער ארמיי, און ער האט אויסגעמיטען דיא סצענע, פאר וועלכע ער האט מורא געהאט. דיא מוטער האט זיך בעגנוגענט מיט דעם, וואס זיא האט איהם שטום מיט טרערען אין דיא אויגען בעטראכט, וועהרענד פיליפ, אויסגעפיענדיג, וועגען וואס דא האנדעלט זיך, האט געזאגט זיין ברודער, אז ער וועט איהם פאר דיא אויערען אוועקשלעפען, אויב ער וועט וואגען נאך אמאל צו ווייזען זיך ביי יענע פרוי. זשארזש האט אבגעאטהעמט פרייער און האט שוין געגומען טראכטען, ווא ער זאל מארגען אנטלויפען פון דער היים און קומען צו נאנא.

דער מיטאג ביים טיש איז צוגעגאנגען ניט פריילין, מען איז געזעסען, וויא נעשמידטע. וואנדעווור האט ערקלערט, אז ער פאהרט אב מארגען אין דער פריה. ער האט געוואלט בעגלייטען לוסי'ן צוריק אין פאריז, און ער אליין איז געוועזען אויבעראשט פון זיין פלעצליכע לײדענשאפט צו דיא פרוי, מיט וועלכע ער האט זיך ניזקענט צעהן יאהר און צו וועלכע ער איז אימער געוועזען גלייכגילטיג. דער מארקיז שואר, אנגעבויגען איבער זיין טעלער האט געטראכט פון נאנא'ס טאכטער. ער געדענקט איהר נאך, ווען זיא איז געוועזען א קינד און האט איהר גערופען לילי און געהאלטען איהר אויף זיינע קניע, נאר איצט איז זיא שוין מאדמואזעל אמעליע וויא קינדער וואקסען ניך!....

נאר גראף מופפא איז געוועזען שטילער פון אלעמען און איז געוועזען פערזונקען אין זיינע געדאנקען. ער האט לאנג נאכגעקוקט זשארזש'ן און אין זיינע אויגען האט געברענט א גרין פייער. פון צייט צו צייט האט ער א ציטער געטהאן און גלייך נאכ'ן עסען, האט ער זיך אויפגעהויבען פון טיש און איז אוועק צו זיך אין צימער. ווענא איז איהם נאכגעגאנגען. דער גראף האט זיך אריינגעווארפען אין בעט און

מיט'ן קישען פערשטאפט דאס מויל, ער זאל ניט אויסברעכען אין א ספאזמאטי־
שען געוויין. ווענא איז געשטאנען איבער איהם און געהייסען איהם, ער זאל בעטען
ביי נאט, ער זאל זיך אויף איהם דערבארעמען, נאר דער גראף האט ניט געהערט
וואס ער רעדט. ער האט זיך פּלוצים א הויב געטהאן פון בעט און געזאגט:

— איך געה! איך קען לענגער ניט אריבערטראגען.

— גוט, איך געה מיט, האט ווענא געענטפערט.

ווען זיי האבען דערגרייכט נאנא'ס וואוינונג, האט זיך דער גראף צו איהם
געווענדעט און געזאגט:

— אייער מיה איז אומזיסט, איך קען זיך ניט העלפען. לאזט מיך אליין.

אין נאנא'ס וואוינונג איז ביים עסען געקומען צו קריעג. נאנא האט געפונען
א בריעף פון באָרדענאוו, אין וועלכען ער האט איהר געשריבען, אז זיא דארף זיך
ניט איילען, און קען שטעהן לענגער אויפ'ן לאנד, וואס האט געהייסען, אז ער דארף
איהר שוין מעהר ניט האבען. דיא קליינע וויאָלעין האט פערנומען איהר פּלאץ און
האט א גרויסען ערפאָלג. און ווען מיגנאן האט איהר פארגעשלאגען, זיא זאל פאה־
רען מיט איהם צוזאמען מארגען אין פאריז, האט זיא געענטפערט, אז זיא פרענט
ביי קיינעם קיין עצות ניט.

זיא האט איבערהויפּט אנגענומען זעהר א שטרענגע האלטונג ביים טיש.
ווען לערא האט זיך ארויסגעבאפט מיט א גראָבען וואָרט ביים טיש, האט זיא מיט
כעס געזאָגט, אז זיא וויל ביי זיך אין שטוב אזעלכע שווינערייען ניט האבען, אפילו
פון איהר מוהמען. דערנאך האט זיא ערשטווינס איהרע געסט, ווען זיא האט גע־
זאגט, אז פון איצט אן וועט זיא אנהייבען צו פיהרען א ניי לעבען, און איהר לואי
וועט זיא געבען א רעליגיעזע ערציהונג. און ווען זיי האבען זיך צולאכט, איז זיא אריין
אין א מאָראליזירענדען טאָן און געזאגט, אז עקאָנאָמיע אליין פיהרט צו רייכקייט
און זיא האט קיין חשק ניט צו ענדיגען איהרע לעצטע טעג אויף א זאק שטרוי. דיא
געסט האבען איהר אנגעקוקט פערוואונדערט און ניט פערשטאנען, וואס מיט איהר
איז געווארען. זיא האט זיך פערטראכט און האט זיך געזעהן אן אלטע פרוי זעהר
רייך און זעהר געשעצט. זיי האבען זיך שוין צונעקליבען געהן שלאפען, ווען מופפא
איז אנגעקומען. לאבארדעט האט איהם געטראפען אין גארטען, און פערשטעהענ־
דיג גלייך, וואס דאָ קומט פאר, האט ער שטיל'ערהייט ארויסגעפּטר'ט פון הויז און
האט מופפא'ן פאר'ן האנד אריינגעפיהרט דורך א פינסטערען קאָרידאָר אין נאנא'ס
צימער.

לאבאָרדעט איז געוועזען א יונג, וואס האט ליעב געהאט צו טהאן אזעלכע

טובות. נאנא איז ניט געווען איבעראשט, ווען זיא האט איהם דערזעהן, נאר איהר האט געשיינט צו פערדריסען, וואס דיזער מענש האט זיך אזוי משוגע אין איהר פערליעבט. דאס לעבען איז זעהר אן ערנסטע זאך, האט זיא געזאגט, און עס איז נארעש צו ליעבען — דאס ברענגט קיין נוצען ניט. דערנאך האט איהר געריסען דאס הארץ פאר זיזי; זיא האט זיך ניט אנשטענדיג אויפגעפיהרט. זיא וועט איצט ווערען בעסער און וועט נעהמען נעהן מיט'ן ריכטיגען וועג און וועט זיך צוזאמענ־נעהן מיט אן אלטען מאן.

— זאָע! האט זיא געזאגט צו איהר דיענסט, וועלכע האט איהר איצט אויס־געהערט מיט פערגעניגען. פאק איין מיינע זאכען, און מארגען פאהרען מיר צוריק נאך פאריז.

מופפא איז געבליבען שלאפען ביי איהר, נאר זיא האט קיין פערגניגען ניט געהאט.

VII.

אין דריי מאנאטען שפעטער, אין א דעצעמבער אבענד האט גראף מופפא שפאציערט דורך דעם פאססאזש דע פאנאראמאס. דער גוס רעגען, וואס איז פלוצלים אויסגעפאלען, האט אהער פערטריבען א מאסע מענשען און דער גראף האט זיך קוים געקענט דורכשטופען.

מיט לאנגזאמע טריט איז דער גראף געגאנגען צום בולוואר. ער האט זיך ארומגעקוקט און דאן האט ער זיך אומגעקעהרט צוריק און האט געקוקט אין די פענסטער פון די מאגאזינען. די פערביינגעהענדע האבען איהם אריינגעקוקט אין זיין בלייכע געזיכט און דאס האט איהם געערגערט. ער האט זיך אבגעשטעלט נעבען א פאפיר מאגאזין און האט גענומען בעקוקען די זאכען, וואס זיינען געווען אויסגעשטעלט אין פענסטער.

ער האט געקוקט און האט אבער גאר ניט געזעהן. ער האט געטראכט וועגען נאנא. צו וואס נארט זיא איהם ווידער א מאל? היינט אין דער פריה האט זיא איהם געשריבען, אז לואי איז קראנק און זיא וועט דיא נאכט פערברייננגען מיט איהם ביי דער טאנטע. נאר ער האט איהר ניט געגלויבט און איז אוועק צו איהר וואוינונג, און האט אויסגעפונען, אז זיא איז אוועק אין טהעאטער. דאס האט איהם געוואונדערט, ווייל דיא בלאנדע ווענוס איז שוין אראב פון דער ביהנע און

אין דער נייער שטיק האט נאנא קיין ראָלע נים. צו וואס האט זיא איהם געזאגט, א ליגען און וואס האט זיא היינט געטהאן אין טהעאטער.

דיא פערביינגעהענדע האבען איהם אפגעשטופט פון פענסטער און ער איז צונעגאנגען צו א צווייטען. וואו עס זיינען געווען אויסגעשטעלט טייסטערס פאר סי־גארען און דאס גלייכען.

נאנא האט זיך זעהר געביטען. דיא ערשטע צייט ווען זיא איז צוריקגעקומען פון דארף, האט זיא איהם שיער משוגע געמאכט מיט איהרע קוסען און ליעבע־ווער־טער. פאר זשארזש'ן האט ער מעהר קייז מורא נים געהאט; דיא מוטער האט איהם פערהאלטען אין דארף און ער האט געשריבען שעהנע בריעף, אויף וועלכע זיא האט געענטפערט אין פיינע פראזען.

פון שטיינער'ן האט ער געוואלט פטור ווערען, נאר ער האט מורא געהאט פאר א סקאנדאל, וואס וואלט געווים ארויסגעקומען. ער האט געוואוסט, אז דער באנקיר אקערט מיט דער נאז דיא ערד צו קריגען געלד און האלט ביים באנקראָ־טירען. ווען דער גראף האט א מאָל געטראפען דעם באנקיר ביי נאנא און האט איהר גענומען מאכען פארווירפע, האט זיא איהם געענטפערט, אז נאכדעם וויא ער האט אויף איהר פערשווענדט אזעלכע גרויסע סומען געלד, קען זיא איהם פון זיך נים אוועקטרייבען וויא א הונד. איבריגענס, מופפא האט פאר דיא לעצטע דריי מאָנאט געלעבט נור מיט איין געפיהל: איהר צו בעזיצען. דיא שפעט ערוואכטע ליידענשאפט האט איהם געמאכט אונערזעטליך וויא א קינד, און ער האט אפילו נים געקענט זיין אייפערזיכטיג. נאר איין זאך האט איהם געארט, זיא האט איהם שוין מעהר נים געקוסט, וויא פריהער.

צו וואס האט זיא איהם געזאגט א ליגען? ער האט זיך ענדליך אָבגעריסען פון פענסטער. דער זיינער איז געווען ניין. איצט דארף זיא פערלאָזען דאס טהע־אטער און ער וועט אויסגעפינען דיא װארהייט. דער רעגען האט נאך נים אויפגע־הערט און דיא קעלט האט איהם ערפרישט דאס געזיכט און דיא הענד. זיין פרוי, וואס איז אוועקגעפאהרען מיט א בעזוך צו מאדאם שעזעל, וועלכע ליגט קראנק צייט פון לעצטען הערבסט, וועט זיך פיהלען נים גוט, ווייל דער רעגען אויפ'ן לאַנד איז נאך פיעל אונאנגענאהמער: פלוצלים האט ער זיך דערמאָנט, אז נאנא קען אוועקגעהן, און האט זיך געשטעלט פאר א זייטיגע טהיר פון טהעאטער, פון וואנען דיא אקטיארען פלעגען ארויסגעהן, און האט געווארט.

ער האט זיך געוואלט אָנפרעגען ביי מאדאם בראָן, צי נאנא איז נאך דא, נאר ער האט מורא געהאט, אז זיא וועט איהר דערצעהלען, און נאנא וועט זיך

ארויסמאכען פון טהעאטער דער געדאנק, אז ער וועט דארפען דיא נאכט שלאפען אליין אין בעט האט איהם גענומען שווער אויפ'ן הארצען. ארום צעהן א זייגער איז אנגעקומען נאך א הערר, עלעגאנט געקליידעט, און האט זיך אויך גענומען דרייהען פאר'ן טהעאטערי יעדעס מאל ווען זיי האבען זיך בעגעגענט האבען זיי פערדעכטיג איינער דעם צווייטען אנגעקוקט. פלוצלים איז איהם אריין א געדאנק אז ער קען אויסגעפינען צו נאנא געפינט זיך אין טהעאטער פון איהר גארדעראב. ער איז שטילערהייד אריין אין הויף, פון וואנען מען האט געקענט זעהן דיא פענסטער פון דיא גארדעראב, און האט ארויפגעקוקט. אין נאנא'ס צימער איז געווען ליכטיג. דאס האט איהם בערוהיגט און, דערהערענדיג א סקריפ פון א טהיר, איז ער געשווינד ארויסגעלאפען.

געוויס וועט נאנא באלד ארויסקומען ער האט ווידער אנגעהויבען צו שפאצירען און יעדער מאל, ווען ער האט זיך בעגעגענט מיט'ן עלעגאנט געקליידעטען העררן, האט יענער אויף איהם געווארפען אזא בליק, וואס האט געהייסען: דוא האסט שוין, מיין ליעבער הערר, געהאט א מפלה. דריי הויכע מיידלאך מיט צופאטעלטע האר און צוריסענע קליידער האבען זיך בעוויזען, עסענדיג עפעל און ארויסשפייענדיג דיא שאלעכץ. זייערע גראבע ווערטער און אונפערשעמטקייט, מיט וועלכע זיי האבען זיך געשטופט צו זיי, מאכענדיג שפאס, האט דיא הערען שרעקליך אויפגעבראכט.

אין דער מינוט האט זיך נאנא בעוויזען פון טהעאטער. זיא איז שרעקליך בלייך געווארען דערזעהענדיג דעם גראף.

— איהר זייט דא? האט זיא אויסגעשטאמעלט.

דיא פיגוראנטען האבען גלייך אויפגעהערט צו לאכען. זיי האבען זיך אויסגעשטעלט אין דער רייהע און אנגענומען ערנסטע געזיכטער, וויא דיענסט מיידלאך ווען דיא מאדאם בעוויזט זיך פלוצלים און כאפט זיי ביי א פערברעכען. דער עלעגאנט געקליידעטער מאן איז גלייך אבגעגאנגען מיט א טרויעריגען בליק.

— נעמט מיר אייער ארם, האט נאנא געזאגט.

זיי האבען גענומען געהן לאנגזאם. דער גראף האט אנגעגרייט געוויסע פראגען, נאר ער האט זיי נישט געפונען צו זאגען. זיא האט אין דער גיך ערקלערט, אז ביז אכט א זייגער איז זיא געווען ביים קינד, נאר אזוי וויא לואי פיהלט זיך בעסער, האט זיא בעשלאסען צו געהן אין טהעאטער.

— איז דאס געווען אזא וויכטיגע זאך?

— יא, האט זיא נעענטפערט אין פערלעגענהייט, מען וויל אויפפיהרען א נייע שטיק און מען האט געוואלט וויסען מיין מיינונג.

ער האט געפיהלט, אז זיא האט איצט אויסגעקלערט א נייען ליגען, נאר איהר ווייבער און גלאטער ארם, וואס איז געווען אנגעשפארט אן זיינעם האט איהם גערויבט זיינע קרעפטען. ער האט איצט ניט געפיהלט ניט קיין כעס ניט קיין באַ־נער אבצורעכענען, פאר וואס זיא האט איהם אזוי לאנג געלאזט ווארטען. זיין איינ־ציגער געדאנקען איז געווען צו האלטען איהר און ניט ארויסלאזען פון זיינע הענד. מארגען וועט ער זעהן אויסגעפינען, וואס זיא האט אזוי שפעט געטהאן אין גאר־דעראב.

נאנא איז געווען אונרוהיג זיא האט געהאט דיא מינע פון א מענשען, וואס קלערט אן עצה, וויא צו האנדלען.

— זעהט, איז דער פעבער ניט שעהן? האט זיא געזאגט, אכשטעלענדיג זיך פאר א פענסטער פון א מאגאזין און ווייזענדיג איהם אויף א פעבער פון פעדערען און העלפאנדביין.

דערנאך האט זיא ווייטער גערעדט אין א גלייכגילטיגען טאן.

— דענקסטו צו געהן מיט מיר אהיים?

— געוויס, האט ער געענטפערט פערוואונדערט. דיין קינד איז דאך בעסער.

זיא האט געזאגט, אז זיא וויל געהן צוריק צום קינד, ווייל זיא האט מורא, עס קען איהם ביי נאכט זיין ערגער. נאר ווען זיא האט געהערט, אז דער גראף וויל איהר בעגלייטען, האט זיא אויפגעהערט וועגען דעם צו רעדען. עס האט איהר אנגעכאפט יענער כעס פון א פרוי, וואס פיהלט, אז זיא איז ארייגעפאלען. נאר זיא האט דעם כעס איינגעהאלטען, און האט נאר געטראכט, וויא צו געווינען צייט. ווען זיא זאל נאר קענען פטור ווערען פון איהם ביז האלבע נאכט, וועט נאך אלעס זיין גוט.

— דוא ביזט היינט פריי, האט זיא צו איהם געזאגט; ווייל דיין פרוי וועט ביז מארגען ניט קומען.

— יא, האט דער גראף געענטפערט אביסעל צומישט פון דעם פאמיליארען טאן, מיט וועלכען זיא האט גערעדט וועגען זיין פרוי.

זיא האט זיך אנגעפרעגט אין וואס פאר א שטונדע דיא גרעפין דארף אנ־קומען, זוכענדיג אויסצוגעפינען, צו ער דענקט ניט געהן בעגעגענען איהר אויפ' וואקזאל. זיא האט געגומען געהן זעהר לאנגזאם און האט געשיינט צו זיין זעהר פעראינטערעסירט מיט דיא פענסטער פון דיא מאגאזינען.

— זעה נאר דעם שעהנעם בראַסלעט! האָט זיא אויסגערופען, אבשטעלענ־דיג זיך פאַר'ן פענסטער פון א יובעליר.

זיא האָט שטענדיג נאך פון קינדהייט אן ליעב געהאט צו קוקען אין דיא פענסטער פון מאגאזינען. זיא פלעגט זיך פערגעסען ביי א פענסטער פון א שאָקאָ־לאַד־הענדלער, האט זיך געפיהלט צוגעצויגען צום פענסטער פון א זייגער מאכער און צוהערען זיך דעם שפיעלען פון א שפיעל־זייגער, און פלעגט שטונדען־ווייז קע־נען אבשטעהן און צוקוקען זיך צו דיא ביליגע שפיעלכלאך אין דיא מאגאזינען. נאָר היינט האָט זיא געקוקט און נאר ניט געזעהן. זיא איז געווען זעהר צושטרייט און צאָרנדיג. איהר האט געערגערט, וואס זיא איז ניט פריי, און איהר האט זיך גע־וואלט אבצוטהאן עפעס א נארעשקייט.

וואס קומט איהר ארויס פון דיא רייכע געליעבטע? זיא האָט רואינירט דעם באנקיר און א פרינץ מיט איהרע קינדערשע קאפריזען, און וואו איז דאָס געלד? אפילו איהר וואוינונג איז נאָך ניט פאָלשטענדיג מעבלירט, און דיא קרעדיטאָרען לויפען איהר איצט נאך מעהר וויא שטענדיג. שוין מעהר וויא א מאָנאט אז זיא דארף דעם שעלמישען שטיינער דראהען מיט ארויסוואַרפען, ווען זיא וויל בעקומען א טויזענד־פראנק שטיק. ער שיינט ניט צו האבען א סו. מופפא שיינט צו זיין אין אזעלכע זאכען נאָר אונערפאהרען, און זיא קען אפילו ניט זיין אויף איהם אין כעס פאר זיין קארגשאפט. און ווען ניט יענער בילד פון אירמא, וואלט זיא שוין לאנג געמאכט א סוף מיט זיי אלעמען און ניט געהערט זאָ'ס מוסר. און דאריבער איז זיא געגאנגען אזוי רוהיג מיט'ן גראף, ווען אין הארצען האט איהר געברענט א כעס.

מען האָט שוין אָנגעפאנגען אויסצולעשען דיא ליכט אין דיא רעסטאָראנען. דער רעגען האט אויפגעהערט, א שטיל ווינטעל האט געבלאזען. נאנא האט גע־וואלט געהן צו פוס, דאס איז זעהר גוט פאר איהר, און זיי האבען גענוג צייט. האָט זיא געזאגט. ווען זיי זיינען פערביי געגאנגען דעם ענגלישען קאפע האָט זיך איהר פערגלוסט צו עסען אויסטערס. זיא האָט פון דער פריה נאר ניט געגעסען צוליעב דעם קינדס קראנקהייט. מופפא האט ניט געוואגט אבשלאָגען איהר דער־פון — נאָר אזוי וויא ער האט ניט געוואָלט, מען זאָל וויסען זיינע פערהעלטניסע צו איהר, האט ער גענומען א בעזונדער צימער און איז פריהער אליין אוועקגע־גאנגען, זיא איז איהם לאנגזאם נאכגעגאנגען, וויא א פערזאן, וואס ווייס וואו זיא געפינט זיך.

אין דער מינוט, ווען זיי האבען געוואלט אריין, האט זיך געעפענט דיא טהיר

פון אן אנדער צימער, פון וועלכען עס האבען זיך געהערט געשרייען און געלעכטערס און פון דארטען איז ארויסגעקומען דאנגנע.

— זעה, נאנא! האט ער אויסגעשריען.

דער גראף איז געשווינד אריין אין צימער, און די טהיר איז געבליבען א ביסעל אפען. דאנגנע האט א ווינק געטהאן מיט די אויגען און געזאגט:

— דוא מאכסט פארשריטע, מיין ליעבע. וויא עס שיינט האסטו איצט גע־ווארפען אן אויג אויף די העררען פון דעם קעניגליכען פאלאץ.

נאנא האט א שמייכעל געטהאן און האט ארויפגעלעגט איהר פינגער אויף די ליפען.

— וויא געהט עס דיר? האט זיא איהם געפרעגט פריינדליך.

— איך טראג זיך ארום מיט'ן געדאנק חתונה צו האבען.

זיא האט מיט מיטלייד א ציה געטהאן מיט די אקסלען. נאר ער האט זיך געהאלטען ביי דאס זייניגם, אז דאס איצטיגע לעבען האט איהם דערעסען, ער וויל שוין ווערען פראקטיש, נעהמען נדן און ענדיגען אלס פרעפעקט וויא זיין פאטער איז געוועזן.

נאנא האט איהם אלץ ניט געגלויבט און געשמייכעלט.

— מיט וועמען ביזטו דא? האט זיא געפרעגט.

— א, מיט א גאנצע קאמפאניע, האט ער געענטפערט.

זיי זיינען געשטאנען צוגעשטופט צו דער וואנד פון קארידאר, וויא די קעל־נער זיינע אלע וויילע פערביי זיי דורכגעלאפען מיט שפייזען און געשטערט זיי, נאר זיי האט דאס ניט געארט און האבען גערעדט ווייטער, וויא זיי וואלטען געווען ביי זיך אין דער היים.

— זעה נאר, האט געזאגט דאגנע, וויזענדיג אויפ'ן צימער, וואו מופפא האט זיך געפונען.

די טהיר פון צימער האט זיך שטילערהייד פערמאכט.

— האסטו געלעזען דעם ארטיקעל, וואס פאשערי האט וועגען מיר געשריבען?

— יא, „די גאלדערנע פליעג" האט דאגנע געענטפערט. איך האב דיר ניט געזאגט, ווייל איך האב ניט געוואלט פערשאפען דיר קלעמענים.

— קלעמענים! פאר וואס? דער ארטיקעל איז צו לאנג.

עס האט איהר פערשאפט פערגניגען, וואס מען האט זיך מיט איהר בעשעפטיגט אין דער „פיגארא". נאר ווען איהר פריינד דער פריזירער וואלט איהר

ניט ערקלערט דעם אינהאלט פון ארטיקעל, וואלט זיא ניט געוואוסט, אז דאס מיינט מען איהר.

זיא האט זיך געלאזט געהן צום צימער, וואו מופפא איז געזעסען, און דא־גענע האט איהר נאכגעשריען:

— אדיע, געה צו דיין הארענדינגען.

זיא האט זיך אבגעשטעלט און געפרעגט:

— פאר וואס רופסטו איהם אזוי?

— דערפאר ווייל ער האט הערנער.

— הא! האט זיא אויסגערופען שטארק ערשטוינט, און האט זיך צוריק אנ־געשפארט אן דער וואנד.

— וויא, דוא האסט גאר ניט געוואוסט? זיין ווייב לעבט מיט פאשערי.... דאס האט זיך שוין געמוזט אנהויבען אויפ'ן דארף. איך האב פריהער בעגעגענט פאשערי, און איך דענק, אז ער האט זיך געאיילט אויף א ראנדע־וואו מיט דער גרעפין, וועלכע איז כלומר'שט ערגעץ אוועקגעפאהרען.

נאנא איז געשטאנען אונבעוועגט און שטום.

— איך האב אבער שוין דאס געטראכט, האט נאנא געזאגט און געקלאפט זיך איבער דיא פיס. איך האב איהר נאר געזעהן איין סעקונדע, נאר דאס איז פאר מיר געווען גענוג. איז דאס מעגליך, אז אן עהרליכע פרוי זאל אבנארען איהר מאן? און מיט אזא שווין, וויא פאשערי.. זיא וועט שעהנע זאכען פון איהם אויסלערנען.

— דאס וועט ניט זיין איהר ערסטע פראבע, האט דאגענע געענטפערט. זיא וועט פון איהם קיין נייע זאך ניט אויסלערנען.

נאנא האט אויסגעשריען אויסער זיך:

— א שעהנע געזינטעל, כלעבען!

— פערצייהעניט! האט אויסגערופען א קעלנער און איז צווישען זיי דורכגע־גאנגען, טראגענדיג איןביידע הענד פלעשער.

— אדיע, מיין ליעבע! האט אויסגערופען דאגענע. דוא ווייסט, אז איך בין נאך אלץ פערליעבט אין דיר?

— עזעל! דוא ווייסט, אז צווישען אונז איז אלעס געענדיגט. נאר קום אמאל ארויף צו מיר, און מיר וועלען ביידע אביסעל פלוידערען.

— אזוי, ער טראגט הערנער! האט זיא געזאגט צו זיך. א מאן, וואס טראגט הערנער, האט מיר שטענדיג אבגעעקעלט.

זיא האט דעם גראף געטראפען, וויא ער איז געדולדיג געזעסען אויף דער

זאָפע אָן געוואָרט. ער האָט איהר קיין פאָרווירפע ניט געמאַכט, און זיא האָט אויף איהם אזא רחמנות געקריגען, אז זיא איז איהם שיער ניט געפאַלען אויפ'ן האַלז, אום צו טרייסטען איהם זיא האָט דיא אויסטערס אויפגעגעסען און איז גע־שווינד מיט איהם אוועק אהיים. עס איז שוין געווען עלף א זייגער, און זיא האָט געדענקט פון איהם פטור צו ווערען ביז האַלבע נאַכט.

אין פאָרצימער האָט זיא געזאָגט צו זאָע, לאָזענדיג דעם גראף געהן פאָראוים:

— ווען דער אַנדערער וועט קומען און וועט איהם נאָך טרעפען ביי מיר, זאָלסטו איהם בעטען ער זאָל זיך פערהאַלטען שטיל און זאָל קיין גערויש ניט מאַכען.

— וואו זאָל איך איהם הינטהאָן?

— אין קיך; דאָרטען איז דער זיכערסטער פלאַץ.

מופפא האָט דערווייל אין שלאָף צימער אויסגעטהאָן זיין אויבערראָק. אין אייוען האָט געברענט א שטאַרקער פייער. דיא מעבעל אין צימער איז געווען דיא זעלבּיגע וואס א מאל, זיא האָט שוין לאנג געוואָלט פערבייטען דעם דאמאַסט אויף שוואר־צען סאַמעט, נאר באטשע שטיינער האָט שוין געגעבען עטליכע מאל אויף דעם געלד, האָט זיא אבער שטענדיג דערפאַר געפונען אַן אנדער פלאַץ. דיא איינציגע נייע זאַכען אין דעם צימער זיינען געווען א פעל פון א טיגער פאַר'ן קאַמין און א קריסטאַלענער הענג-לאָמפּ.

— איך געה נאָך ניט צו בעט, איך בין ניט שלעפעריג, האָט נאַנא געזאָגט.

— וויא דוא ווילסט, האָט דער גראָף געענטפערט אונטערטהעניג.

דיא בעסטע צייט-פערטרייב ביי נאַנא איז געווען. אויסצוטהאָן זיך א היילע א נאַקעטע, שטעלען זיך פאַר'ן גרויסען שפּיגעל, וואס האָט געוויזען איהר גאַנצע פיגור, און בעטראַכטען זיך פון קאָפּ ביז דיא פיס: זיא האָט אזוי געקענט אבשטעהן פאַר'ן שפּיגעל שטונדען לאנג אין פערגניגען זיך אויף איהר שעהנע לייב, אויף איהר סאַמעט ווייכע הויט. און זיא האָט ניט שטארק מקפיד געווען, צו עס גע־פינט זיך דערביי א מאנס פערזאָן צו ניט. דער פריזירער פלעגט איהר אפט כּרע פען אין דער פאָזיציאָן און זיא האָט ניט אפילו א קעהר געטהאָן מיט'ן קאָפּ. און ווען גראף מופפא האָט זיך דערפון געערגערט, האָט זיא איהם געזאָגט, אז זיא טהוט עס פאַר זיך און ניט פאַר פרעמדע.

היינט האָט זיא אנגעצונדען נאָך זעקס ליכט, אום בעסער צו קענען זעהן. ווען זיא האָט געהאַלטען ביים אראבוואַרפען דאָס העמד פון דיא אַקסלען, האָט זיא זיך געווענדט צום גראף און געפרעגט:

— האסטו געלעזען דעם ארטיקעל אין פיגארא ? די צייטונג ליגט ביי מי׳
אויפ׳ן טיש. מען זאגט, אז דאס מיינט מען מיר. וואס דענקסטו דערפון ?

דער גראף האט דעם ארטיקעל געלעזען לאנגזאם. דער ארטיקעל האט גע־
הייסען „די גאלדערנע פליעג״ און האט דערצעהלט די געשיכטע פון א מיידע׳
וועמעס אור־אור־אור עלטערן זיינען געווען שכורים און דאס פערגיפטעטע בלוט פ׳
עלענד און שכרות איז איבערגעגאנגען בירושה פון דור צו דור ביז עס איז אנגעקו־
מען צו דער מיידעל. זי האט זיך אויפגעהארעוועט ערגעץ אין א פארשטאדט פו
פאריז אין די גאסען. זי איז אויסגעוואקסען הויך, שעהן און פערפיהעריש או
האט פיין אויפגעבליהט אין א קופע מיסט און איצט רעכענט זי זיך אז פאר די
אלע אונרעכטען, וואס מען האט געטהאן די ארימע פון וואנען זי קומט ארויס
און פאריז. נויט און דחקות, וואס זיי האבען געהאט אויסצושטעהן.

דעם אונפלאט, די צופוילטקייט, וואס האט זיך ביז איצט איינגענעסטע
צווישען די ארימע קלאסען, האט זי אריינגעבראכט צווישען די אריסטאקרא־
טיע, אום איהר צו פערפעסטען. זי איז געווארען אליין ניט צו וויסען, וואס זי
טהוט א קראפט פון דער נאטור, א קראפט פון צערשטערונג און זי פערדארבט
גאנץ פאריז מיט איהרע שניי־ווייסע אקסלען.

ביים שלוס פון ארטיקעל האט דער שרייבער איהר פערגליכען צו א גאלדער־
נע פליג. די פליג, געבארען אין שמוץ פערשלעפט דעם גיפט פון א וועלכע נבלה
פון א פערווארפענעם פלאץ אין שטאדט אריין, און טאנצענד, שימערענד מיט
איהרע גאלדערנע פליגעלאך אין דער לופט פליהט זי אריין דורך די פענסטער
אין די שעהנסטע פאלאצען און פערגיפטעט די מענער.

מופפא האט דעם קאפ אויפגעהויבען און גענומען קוקען שטארק אויפ׳ן פייער.

— וואס זאגסטו האט נאנא געפרעגט.

נאר ער האט ניט געענטפערט; ער האט ווידער אמאל גענומען לייענען דעם
ארטיקעל פון אנהויב אן. א קעלט איז איהם איבערגעלאפען פון שייטעל איבער׳ן
רוקען. דער ארטיקעל איז געווען געשריבען מיט איבערטריבענע פראזען, נאר דאך
האט ער זיך געפונען געטראפען.

ער האט א קוק געטהאן אויף נאנא. זי איז געווען פערזונקען אין טיעפע
בעוואונדערונג פון איהר לייב. זי האט אנגעבויגען דעם קאפ און בעטראכט א
קליינע בראדעווקע אויף איהר רעכטען היפט. זי האט עס לייכט בעריהרט מי׳
שפיץ פינגער און איז געבליעבען צופריעדען. דערנאך האט זי גענומען בעטראכ־
טען דעם אונטער טהייל פון איהר קערפער און האט געמאכט די ערשטוינטע

מינע פון א יונג מיידעל, וואס ווערט געוואר אז זיא איז צייטיג. זיא האט נעבו... דיא טאליע אום צו בעטראכטען זיך פון פארענט און פון הינטען און איהר ב... האט זיך לעננער אבגעשטעלט אויף איהרע קיילעכדיגע בריסט.

מופפא האט איהר בעאבאכטעט. זיא האט איהם געשראקען, דיא צייטונג א... ארויסגעפאלען פון זיינע הענד. אין דיזען קורצען אויגענבליק האט ער קלערער נ... קענט ארייננקוקען אין זיך זעלבסט און ער האט זיך פעראכטעט. אין דיא דריי מא... נאטען האט זיא זיין יעבען פערגיפטעט. ער האט זיך איצט געפיהלט, אז ער א... פערדארבען ביז'ן מארך פון דיא ביינער. וויא א בליץ האט איהם אויף א מינוט א... שיין געטהאן דער אמת, און ער האט פאלשטענדיג בעגריפען, וויא ער אליין איז פערגיפטעט, זיין פאמיליענ-לעבען צערשטערט און דיא אריסטאקראטיע ווערט צר... יסען אין שטיקער.... און ער האט דאך פון איהר דיא אויגען ניט געקענט אברייסען....

נאנא איז געשטאנען און זיך מעהר ניט געריהרט. מיט פערלענגטע הענד א הינטער איבער'ן נאקען האט זיא דעם קאפ אנגעשפארט אן דיא ארמען. איהרע אויגען זיינען געווען האלב פערמאכט, דאס מויל אפען און א ליידענשאפטליך שמייכעל איבער'ן גאנצען געזיכט. איהרע רייכע געלע האר, וואס זיינען געווען ארונטערגעפאלען איבער איהר רוקען, האבען אויסגעזעהן וויא דיא האר פון א לע־ווין. איהרע קרעפטיגע לענדען און הארטע ברוסט — וויא ביי א קריגערין. איהר גאנצע לייב האט זיך, וויא געבאדען אין ליכט און האט אבגעשלאגען דעם שיין וויא א ווייכע זיידענס. זיא האט דיא הענד אראבגענומען פון נאקען און אראבגעלאזט זיי אויף איהרע בריסט, וועלכע זיא האט מיט א נערוועזען דריק צוזאמענגעפרעסט. זיא האט אויסגעשפיצט דיא ליפען און געקוסט זיך אין דיא אקסעל-גריבעלאך, און האט דערביי געלאכט צו דער נאנא פון שפיגעל, וועלכע האט זיך אליין געקוסט.

מופפא האט א לאנגען און טיעפען זיפץ געטהאן. איהר הנאה פון זיך אליין האט איהם געמאכט ביטער. דיא ליידענשאפט האט זיך אין איהם דערוועקט וויא א העליש פייער און ער איז צוגעשפרונגען צו איהר, האט איהר שטארק ארומגע־נומען און א נידערגעווארפען איהר אויף דער טיגער-פעל.

— לאז מיך אב! האט זיא געשריען. דוא טהוסט מיר וויית.

ער האט געוואוסט, אז ער איז געפאלען, אז זיא איז דעם, אונריין און פאלש דאך האט דיא תאוה נאך איהר געברענט אין איהם, ווען אפילו זיא זאל זיין ריינער גיפט.

— א, דאס איז נארעש, האט זיא נעזאגט מיט כעס. ווען ער האט איהר ענדליך נעלאזט אויפהויבען זיך.

זיא האט אנגעטהאן א נאכט העמד מיט שפיצען און האט זיך אנידערגע־זעצט אויף דער פעל פאר'ן קאמין. דא האט זיא זעהר ליעב געהאט צו זיצען. זיא האט איהם נעפרעגט וועגען פאשערי'ס ארטיקעל, און ער האט געזוכט אויכצר וויינען און ענטפער, אום צו פערמיידען א סצענע. זיא האט ערקלערט, אז זיא שפייט אויף פאשערי און האט אנגעהויבען צו טראכטען, וויא פטר'ט מען ארויס דעם נראף. זיא האט דאס נעוואלט טהאן מיט גוטען, ווייל זיא האט פיינד געהאט צו טהאן שלעכטס אומזיסט און אומנישט. אויסער דעם האט זיא אויף איהם רחמנות געהאט פאר דיא הערנער, וואס ער טראגט.

— ווען ערוואַרטסטו דיין פרוי מארגען? האט זיא נעפרעגט, האלטענדיג דיא היילע פוס מיטביידע הענד.

ער האט איהר נעענטפערט, אז יע, מיט א מיעדען קול.

— וויא לאנג איז שוין, אז דוא האסט חתונה געהאט?

— ניינצעהן יאהר, האט נעענטפערט דער נראף.

ער האט א ווילע נעשוויגען, דאך האט ער נעזאגט אין פערלעגענהייט.

— איך האב דיר שוין נעבעטען, דוא זאלסט מיט מיר וועגען דעם נים ריידען.

— פאר וואס נים? האט זיא נעפרעגט מיט פערדראס. איך וועל דאך נים אויפעסען דיין פרוי מיט מיין ריידען.... מיין ליעבער, אלע פרויען האבען איין ווערטה..

זיא איז אנשווינען געווארען, מורא האבענדיג, אז זיא איז אוועק צו וויים זיא וועט איהם בעסער שוינען. פלוצים איז איהר איינגעפאלען א פרייליכער גע־דאנק און זיא האט נעזאגט:

— איך האב דיר נאך נים דערצעהלט פון דיא געשיכטען וואס פאשערי דערצעהלט וועגען דיר. דאס איז א שלאנג!....

אראבלאזענדיג איהר פוס, האט זיא זיך, זיצענדיג, צו איהם צוגערוקט און אנלעהענדיג איהר בוזים אן זיינע קניע, האט זיא נעזאגט:

— ער שווערט זיך, אז דוא ביזט ביז דער חתונה געווען נאך נאר אונשולדיג. איז דאס אמת?

זיא האט אויף איהם א שארפען קוק נעטהאן און איז צו איהם צוגעשטאנען אז ער זאל איהר זאגען דיא וואהרהייט.

— **אמת**: האט ער געענטפערט אין אן ערנסטען טאָן.

זיא האט זיך ארונטערגעלאזט אויפ'ן טעפּיך און האט זיך געקאטשעט **פון** לאכען.

— דוא ביזט ווערטה מיליאנען! נאך אזא איז נאר אויף דער וועלט ניטא!.. מיין ארעם הינטעלע, וואס פאר א נארעשע ראליע דוא האסט געשפּיעלט.... **עס** קען **נאר** נארעשער ניט געגעבען, ווען א מאן דארף האבען אונטערפיהרער.... **א**, איך וואלט זיך ווינשען צו זיין דערביי....

זיא האט איהם אויסגעפרעגט אלע איינצעלהייטען און האט זיך **דערביי** שטאַרק אַמוזירט. זיא האָט איהם אזוי פיעל געצייגען פאר **דיא** צונג, **אז ער האָט** אָנגעהויבען **צו** רעדען וועגען דער גרעפין.

— איז זיא טאקע אזא קאלטע נשמה? האָט נאנא געפרעגט.

— **דוא** דארפסט ניט זיין אייפערזיכטיג אויף איהר, האט ער געענטפערט.

נאנא האט אויפגעהערט צו לאכען ענדליך האָט זיא בעמערקט אין אן ערנסטען טאָן:

— **מיין** ליעבער, עס איז ניט גוט, ווען א מאן ווייזט זיך **דעם ווייב דיא** ער־**סטע נאכט** אין אזא לעכערליכע לאגע.

— פאר וואָס? האָט דער גראף געפרעגט איבערראַשט.

— **ווייל**.... דיא פרויען ליעבען ניט אזעלכע.... זיי זאָגען **נאר ניט**. זיי שעמען זיך.... נאר זיי זיכער, אז זיי דענקען דערפון.... און מיט **דער** צייט בע־**צאהלען** זיי זיך ערגעץ אנדערשוואו.

מופפא האָט געשיינט ניט צו בעגרייפען. זיא האָט איהם אָנגעהויבען **דייט־ליכער צו** ערקלערען, זיא האט דעם סוד פון זיינע הערנער ניט געקענט איינהאלטען.

— **זאָג** מיר, האסטו מעהר ניט קיין אינטימען אומגאנג מיט **דיין** פרוי? **האט** **זיא** געפרעגט.

— **ניין**, איך שווער דיר, האָט מופפא געזאגט, **מורא** האָבענדיג פאר **א** **סצענע**.

— **און** דוא האסט מיך ליעבער, **ווייל דו** רעכענסט דיין ווייב פאר **א** קאלטע **נשמה**?

— **יא**.

אין דיא מינוט האָבען זיך דערהערט שטימען און א סקריפּ פון א **טהיר. מופפא** האט ערשטוינט א קוק געטהאן אויף נאנא.

— **דאס מוז** זיין **זאָע'ס** קאָץ זיא צוברעכט יעדע זאך **אין** תוך.

— יאָ, דאס דערמאָנט מיר אן א געשיכטע, וואס טאַנטע לערא האט מיר דערצעהלט וועגען א הויבס-הענדלער מיט זיין ווייב האט זיא געזאָגט, טראַכטענדיג, ויא ווערט מען גלייך פּטור פון דעם הארענדיגען, ווען יענער איז שוין דאָ. זיי האָבען זיך קיין מאָל ניט אָנגעריהרט. זיא איז געווען אין כעס און ער איז געוועזן אונגעשיקט. ער האט איהר גערעכענט פּאר א קאַלטע נשמה און האט זיך אנגעהויבען אבצונעבען מיט דירנען, וועלכע האבען איהם אויסגעלערענט א סך שעהנע זאַכען, און זיא האט זיך געטרייסט מיט אנדערע יונגע לייט, וועלכע זיינען געווען געשיקטער, וויא איהר מאַן. אזוי פּאַסירט שטענדיג ווען א יונגע פּאָר ווייס זיך ניט וויא צו בענעהן.

מופפא איז בלייך געווארען. ער האָט פערשטאַנען, וואס זיא וויל זאָגען און האט איהר געוואָלט מאכען שווייגען, נאר זיא האט גערעדט ווייטער:

— ניין, לאז מיר צורוה. ווען איהר זאָלט ניט זיין קיין נאראנים וואלט איהר זיך מיט אייערע פרויען גראדע אזוי געפיהרט וויא מיט אונז, און ווען אייערע פרויען זאָלען האבען שכל, וואלטען זיי אייך געקענט צוציהען אזוי וויא מיר.

— רעדט ניט פון אָרדענטליכע פרויען, האט דער גראף געזאָגט. איהר קענט זיי ניט.

— איך קען זיי ניט? האט זיא אויסגערופען, אויפשטעלענדיג זיך אויף די קניע. זיי זיינען אפילו ניט ריין, אייערע עהרליכע פרויען. איך וועט זיך, אז ניט איינע פון זיי וועט זיך אזוי ווייזען וויא איך שטעה איצט. טרייב מיר ניט צו זאגען דיר זאַכען, וואס איך וועל דערנאך בערייהען.

אנשטאט צו ענטפערן האָט זיך ביים גראף ארויסגעריפען א פלוך.

זיא איז בלייך געוואָרען און האט איהם געפרעגט:

— וואס וואלסטו געטהאָן, ווען דוא זאלסט ערפאהרען, אז דיין ווייב נארט דיך?

ער האט געמאכט א דראהענדע מינע.

— און ווען איך זאָל דיר נארען?

— אח, דוא! האט ער געזאגט, ציהענדיג מיט די אקסלען.

דאס האָט איהר שטארק אויפגעבראכט, און זיא האט געוואָלט מאַכען פון דעם אן ענדע.

— אויב אזוי, מיין ליעבער, ווייס איך ניט, וואס דוא ווילסט דא האבען. דוא לאנגווייל־סט מיך שוין פון צוויי שטונדען. געה און זוך אויס דיין פרוי, וועלכע

טרייבט זיך ארום מיט פאשערי,.... יא, גראדע יעצט, דוא קענסט האבען דעם אדרעס; רוע טייטבאָ.

און זיא האט געזאָגט דיא נומער.

מופפא איז אויפגעשפרונגען וויא אן אונטערגעשאָסענער.

— וואס פאר א מיינונג קענען מיר האבען פון עהרליכע פרויען, וואס גנב'ענען ביי אונז צו דיא ליעב־האבער, האט זיא געזאָגט מיט א טאָן פון נצחון. נאָר וויטער האט ער ניט געקענט רעדען, וויל ער האט איהר א שליידער געטהאָן אין איהר גאנצער לענג אן דער ערד און האט אויפגעהויבען דעם פוס, וויא ער וואָלט איהר געוואָלט דעם קאָפ צושפאלטען.

זיא האָט א ציטער געטהאָן פאר שרעק. נאָר ער האט זיך אָבגעהאלטען און איז געגומען ארומלויפען איבער'ן צימער, וויא א משוגע'נער אין איהם איז פארגעקומען א שרעקליכער קאמפף. נאנא האט שוין אָנגעהויבען באנג צו טהאָן, וואס זיא האט איהם געזאָגט, און זיא איז געווען גערירהט ביז טרערען. זיא האָט איהם אָנגעהויבען צו טרייסטען.

— איך האָב געדענקט, אז דוא ווייסט עס, אז ניט, וואלט איך דיר גאָר ניט געזאָגט. און אפשר איז דאס נאָר א ליגען. מען רעדט דערפון, נאר דאס איז נאָך גאר קיין בעווייז ניט! עס איז ניט גוט פון דיין זייט, וואס דוא געהמסט עס אזוי שטארק צום הארצען.... דיא פרויען זיינען אלע זינדיגע סיי הויכע סיי ניעדריגע....

זיא האט נאָך אלץ גערעדט און געזידעלט דיא פרויען, כדי צו מאכען וויי־כער דאס, וואס זיא האט איהם געזאגט, נאר ער האט אין דער גיך אנגעטהאָן זיינע שיך און אויבערראק, איז נאָך א פאר מינוט ארומגעלאפען איבער'ן צימער און איז ארויסגעלאפען פון שטוב.

נאנא איז געווען אויסער זיך פאר כעס.

— א גליקליכע רייזע! האט זיא איהם נאכגעשריען, און דערנאָך האט זיא גענומען רעדען צו זיך אויפ'ן קול: א פיינער וועג פון א מענשען אזוי אוועק צו געהן, ווען מען רעדט צו איהם! איך האב געזעהן צו שענקען זיינע געפיהלען און האב אנגערעדט א גאנצען וואגען און ער, נא דיר. ער איז א גרויסער נאר, און דער הונד איז ווערט דעם שטעקען.

זיא האט זיך געלעגט דיא פיס, וועהרענד זיא האָט דאס גערעדט. א ווילע האט זיא געטראכט און דערנאָך געזאָגט:

— וואָס נעהט דאס מיר אן? עס איז ניט מיין שולד. וואס זיין ווייב נארט איהם!

ויא האָט אָנגעקלונגען און האט געהייסען זאָע'ן, זיא זאל אריינפיהרען דעם צווייטען.

מופפא איז מיט ניכע טריט געגאנגען איבער'ן גליצינגען טראָטואר אונטער'ן געדיכטען רעגען. דער הימעל איז געווען פערצויגען מיט שווארצע וואלקענס. אויפ'ן בולוואר האָסמאַן האט מען איצט זעלטען בעגעגענט א מענשען, און ער איז געגאנגען אין דער פינסטערער זייט פון גאָס, רעדענדיג צו זיך אליין: דיא דירנע האט געזאָגט א ליגען. זיא האָט עס אויסגעטראכט פון קאָפּ, אויס נארעשקייט און גרויזאמקייט. ער האט איהר געדארפט צו שפּאלטען דעם קאָפּ, ווען ער האט איהר געהאט אונטער זיין אבסאַץ. ער האט זיך אליין איצט געהאסט. ער וועט איהר שוין מעהר ניט זעהן. ער וועט אויף איהר שוין מעהר קיין פינגער ניט אדויפלעגען.

ווען ער האט ארויסגערעדט דיזע ווערטער, האט ער אבגעצויגען דעם אטהעם פר יער, וואס ער איז פּטור געווארען פון דיא נאקעטע בעשעפענים, וואס האט זיך געבראטען פאר'ן אייוען וויא א גאנז. דיא נארעשע בעשעפענים וויל מיט איהרע פיס צו טרעטען אלעס, וואס ער האט דאס גאנצע לעבען רעספּעקטירט.

פון דיא וואָלקענס איז ארויסגעשוואומען דיא לבנה. א ווייסער נעבעל האט איינגעוויקעלט דיא איינזאמע גאסען פּלוצלים איז אויף איהם אנגעפאלען א מורא און איהם האט געדוכט, אז דער באָדען ווערט פון אונטער איהם פערשוואונדען און ער פאַלט אין א טיעפען אבגרונד. ער איז געוואָרען פערצווייפעלט און האט אויסגעבראכען אין א וויינען.

— מיין גאט! האט ער געשטאמעלט. אלעס איז פאר מיר געענדיגט;....

ער האט געזוכט צו בערוהיגען זיך, ווייל דא און דארטען איז איהם ענטקעגען געקומען א פוסגעהער. דיא ווערטער, וואס דיא דירנע האט צו איהם גערעדט, זיינען איהם טיעף אריין אין מארך, און זיינען אלע ווייכע פון דאס ניי ארויפגעשוואומען. דיא גרעפין דארף קומען מארגען, נאר זיא האט דאך געקענט אויך קר מען היינט. ער האט זיך איצט גענומען דערמאנען געוויסע איינצעלהייטען פון דער צייט, וואס זיי האבען בעזוכט מאדאָם הוזשאָן. ער האט איהר א מאל געטראפען אבענד-צייט אונטער דיא בוימער אזוי ערגעגט, אז זיא האט ניט געקענט ענטפערן אויף זיינע פראגען. פאָשערי איז דאָן געווען נעבען איהר. פאר וואס קען דאס ניט זיין, אז זיא זאל איצט אויך זיין ביי איהם? וואס מעהר ער האט וועגען דעם נעטראכט, אלץ מעהר האט דאס איהם געשיינט צו זיין מעגליך און ענדליך איז

ער געקומען צום שלום, אז ווען ער איז געגאנגען צו דער דירנע און האט פער־בראכט מיט איהר, איז זיין ווייב געגאנגען צו איהר ליעבהאבער: וואס קען זיין לאנישער וויא דאס?

ער האט זיך געמאטערט צו האלטען קאַרט, ווען ער האט אזוי מיט זיך גע־טראכט. ער האט אין זיין גייסט געזעהןביידע פרויען, סאבינע און נאנא, צוזאמען ביידע נאקעטע און איהם האט פון דעם געשווינדעלט. א קארעטע איז איהם שיער ניט איבערגעפאהרען. פון א קאפע־הויז זיינען ארויס א פאר מיידלאך און האבען איהם, לאַכענדיג א שטופ געטהאן. ער איז געשווינד אוועק פון דעם בולוואר און איז אריבער אין א פינסטערערע גאס. ער איז געלאפען איבער׳ן טראַטואר און געוויינט, וויא א קינד.

אלעס איז געענדיגט! האט ער ווידער א מאַל געזאַגט מיט א טויבע שטימע, און ער האט זיך אזוי צוכליפעט, אז ער האט ווייטער ניט געקענט געהן און האט זיך געמוזט אנשפארען אן א טהויער און פערבעהאלטען דאס געזיכט אין ביידע דורכגענעצטע הענד.

א גערויש פון טריט האט איהם ווידער פעריאגט. ער זאזוי געלאפען איבער דיא פינסטערע גאסען מעהר וויא א שטונדע צייט. ענדליך האט ער זיך אבגע־שטעלט. ער איז געקומען צום ציעל. דער וועג, וואס וואלט איהם שטענדיג גענו־מען ניט מעהר וויא פינף מינוט, האט ביי איהם יעצט געדויערט איבער א שטונדע אזוי ערגעט איז ער געווען. ער האט זיך דערמאנט אז מיט א מאנאט צוריק איז ער איין פריהמארגע געווען מיט א בעזוך ביי פאשערי צו בעדאנקען איהם, פאר וואס ער האט איהם דערמאנט אין א באל, וואס עס איז געגעבען געווארען ביים האף, און ער האט געוואוסט דיא פענסטער פון זיין עטאזש. דאס לעצטע פענסטער לינקס איז געווען בעלויכטען. א שטראהל פון א ליכט האט ארויסגעצייגט דורך דיא האלב־אפענע פארהאנגען. דער גראף האט ניט אראבגעלאזט דיא אויגען פון דעם האלבען פארהאנג, ער האט עפעס ערוואַרטעט.

דיא לבנה איז פערשוואונדען געווארען פון דעם פעך־שווארצען הימעל. א קאלטער נעבעל האט זיך אראבגעלאזען פון אויבען. א זייגער אין א נאהענטען קלויסטער האט געשלאגען צוויי. עס איז שוין נאך האלבע נאכט. גראף מופפא איז געשטאנען וויא פערגליווערט אויף זיין פלאץ. ער האט זיך דערמאנט, אז דער בעלויכטעטער צימער איז געווען פאשעריס שלאף־צימער. דאס צימער איז געווען בעשלאגען מיט רויטע אבייטשעס און אין עק איז געשטאנען א גרויסע בעט. דער לאמפ מוז שטעהן אויף דער רעכטער זייט פון קאמין. זיי מוזען שוין ליגען אין בעט,

ווייל קיין שום שאטען ריהרט זיך ניט צימער. איז קאפ האט ער שוין געהאט אויסגעארבייט א פארטיגען פלאן. ער וועט אנקלינגען און ווען דער אויפזעהער פון הויז וועט איהם כאבען א פראגע, וועט ער ניט ענטפערן און וועט געהן ווייטער ביז ער וועט קומען צו דעד טהיר פון פאשערים וואוינונג. מיט׳ן אקסעל וועט ער דיא טהיר אויפברעכען און וועט זיי אפילו קיין צייט ניט געבען ארויסצוכאפען זיך פון בעט. ער האט זיך דערמאנט, אז ער טראגט ניט מיט זיך קיין שום געווער, נאר ער האט א קוק געטהאן אויף זיינע הענד און געטראכט, אז ער קען זיי ביידען דערשטיקען.

ער האט נאך א מאל און נאך א מאל בעטראכט זיין פלאן און האט איהם דערווייל בעסער אויסגעארבייט. אויב ער וועט זעהן א שאטען פון א פרוי דורכ׳ן פענסטער, וועט ער אנקלינגען. נאר דער געדאנק, טאמער קען ער האבען א טעות, האט איהם געבונדען דיא הענד און דיא פיס. ער האט איצט אנגעהויבען צו צווייפלען. עס איז אונמעגליך, אז זיין פרוי זאל געהן צו דיזען מאן; עס איז צו שרעקליך, אז ער זאל דאס גלויבען.

ער איז געשטאנען און געווארט און איז וויא פערגליווערט געווארען. א קלאפעדיגער רעגען איז געפאלען. פון דערווייטענס האט ער דערזעהן צוויי פאליציסטען, און ער האט געמוזט פערלאזען זיין פלאץ אין דער טהיר, וואו ער איז געשטאנען. ווען זיי זיינען אריבער און פערשוואונדען געווארען אין דער פינסטערניס, איז ער א יורכגעווייקטער פון רעגען און ציטערענדיג פאר קעלט צוריק געקומען אויף זיין ארט. דער קאמפ האט נאך אלץ געברענט אין שלאף צימער. ער האט דערזעהן א צוזאמענמיש פון שאטענס· ער איז געשטאנען וויא צוגעשמידט צו זיין פלאץ מיט א שרעקליכען ברען אינערוויינינ. דיא שאטענס זיינען געגאנגען איינער נאכ׳ן אנדערען און האבען זיך עפעס ווילד געדרייט. ער האט געזעהן אן אונגעהייערע גרויסע האנד טראגט א קריגעל פון וואסער, און א פרויענצימערשען קאפ מיט פערלעגטע האר, נאר דייטליך האט ער ניט געקענט זעהן. דער קאפ האט אויסגעזעהן צו גרויס פאר סאבינע׳ס ער האט גאר ניט געקענט דענקען אדער אבגעבען זיך א רעכנונג; ער האט זיך געפיהלט שוואך און קראנק, און האט זיך פערשטעפט אין טהיר, וויא א נידערגעשלאגענער פון ארימקייט. נאר דיא אויגען פון פענסטער האט ער ניט געקענט אברייסען. דער כעס פון א מאן האט זיך פערביטען אין דעם צארן פון א מאראליסט. ער האט זיך געזען אלס דעפוטאט, רעדענדיג צו דער פערזאמלונג, דונערענדיג געגען דער אויסגעלאסענהייט פון דעם יאהר־הונדערט.

און ער האט ווידערהאלט פאַשערי׳ס ארטיקעל וועגען דער גאלדענער און ניפטינער פלינ און צונענביזן, אז דאס לעבען פון אונזער צייט איז אבשייליך

דערווייל זיינען דיא שאַטענס פערשוואונדען, נאר ער ועט ווארטען לענגער. דער זיינער האט געשלאגען דריי און דערנאך פיער, און ער איז נאך אלץ געשטאנען.

צוויי מאל האבען זיך דיא שאַטענס נאך בעוויזען און ווידער איז אלעס שטיל געווארען. פלוצלים איז איהם איינגעפאלען א געדאנק, אז אויב סאבינע איז דא דארף ער נאר אבווארטען ביז זיא וועט ארויסגעהן. קיין פערקליידונג וועט איהר פון איהם ניט בעהאלטען און דאמאלס וועט ער זיין זיכער, און עס וועט ניט קומע צו קיין סקאנדאל. אלע זיינע געפיהלען האבען געארבייט אויף איין פונקט, אויסצו געפינען דיא ווארהייט.

אום צו פערטרייבען דיא צייט האט ער אנגעהויבען צו רעכענען, פיעל ער וועט נאך דארפען דא שטעהן, ניין א זייגער דארף זיא זיין אויפ׳ן וואקזאל. ביז דאמאלס פערבלייבט נאך פיער שטונדען מיט א האלב. נאר דאס האט איהם ניט געאַרט, ער וואלט געווינשט אז זיין ווארטען זאל געדויערען אויביג.

פלוצלים איז דאס ליכט אויסגעלאשען געווארען. דאס איז געווארען אזוי אונעדווארטעט, אז עס האט איבערגעקערט אלע זיינע רעכנונגען. ער האט געווארט נאך א האלבע שטונד און איז געווען בייז, וואס ער האט מעהר ניט געקענט זעהן. ער האט פערלאזט זיין פלאץ ביי דער טהיר און האט גענומען שפאצירען איבער׳ן טראטואר אויף און אב. און פון צייט צו צייט געקוקט אויפ׳ן הויז. דאס פענסטער איז איצט געווען פינסטער און ער האט זיך גענומען פרעגען צו איז דאס ניט געווען א טרוים, ווען ער האט זיך פארגעשטעלט, אז ער האט געזעהן ארומשפרינגען שאַטענס.

ער איז געווען שרעקליך מיעד. עס איז שוין געווען נאך פינף און ער האט צייטענווייז פערגעסען, וואס ער טהוט אין גאס אין אזא פריהיגע שטונדע אין פריה מאָרגען אונטער א ניסענדיגען רעגען. נאך אלעמען איז דיא גאנצע געשיכטע ניט ווערטה, ער זאל זיך אזוי אוועקנעהמען דאס לעבען. אויב זיי שלאפען דארטען, פאר וואס זאל ער זיי שטערן? וואס וועט דערפון ארויסקומען? און פלוצים האט איהם זאָגאר פערלאזט זיין נייגעריגקייט. ער האט נאר געפיהלט א שטארקען באנער, אז אלעס זאל שוין זיין אריבער און ער זאל ערגעץ געפינען אן ערלייכטערונג.

ער האט זיך געלאזט געהן איבער׳ן בולוואר. ער איז געגאנגען זעהר לאנגזאם און האט מעכאניש בעמערקט, וויא זיין שאטען וואקסט, ווען ער קומט צו צו א פאנאר און ווערט קלענער, ווען ערווייטערט זיך פון דארט. ער האט ניט געוואוסט,

וואו ער האט זיך דיא נאכט ארומגעשלעפט. ער איז געוועזען פול מיט פערצווייפלונג.

ענדליך האט אויסגעבראכען דער טאג, א פייכטער אומעדיגער און בלאס־ גער פריהמארגען און האט געטראפען מופפא אין א גאס, וואס האט זיך געהא טע־ אין בויען. פון רעגען איז דער ליימיגער גרונד צוקראכען געווארען. דיא ארבייטער האבען שוין גענומען געהן צו דער ארבייט און ווע ער האט בעגעגענט זייערע פער־ וואונדערטע בליקען, האט ער געזוכט אראבגעהמען זיך פון זייער וועג. דער גאנצער שרעקליכער קריזיס האט זיך ביי איהם געענדיגט מיט א גרויס רחמנות צו זיך אליין. ער איז שיער ניט געפאלען און דיא טרערען זיינען איהם צוגעטראטען צו דיא אויגען — נאר דיא טרערען זיינען ניט געוועזען פון כעס נאר פון שוואכקייט. פלוצים איז איהם אריין א געדאנקען וועגען הערר ווענא, און דערנאך וועגען נאט. ער האט אבגעזוכט א קירכע און האט זיך געשטעלט בעטען אויף דיא קניע, נאר ער האט געפיהלט, אז ער בעט נאר מיט'ן מויל און ניט מיט'ן הארצען. נאט האט זיך פון איהם אבגעקעהרט און וואס קען איהם ווענא — העלפען. ער איז געוועזען קאלט אין נאס און האט זיך קוים געהאלטען אויף דיא פיס. נאר דער געדאנק אומצוקעהרען זיך אין זיין אומעדיגען פאלאץ האט איהם נאך קאלטער געמאכט. ער האט נאך א מאל געוואלט פיהלען א ווארעמקייט, מען זאל איהם גלעטען און טרייסטען.

מעכאניש האט ער זיינע טריט געווענדעט צו נאנא'ס וואוינונג. דיא טהיר איז נאך ניט געוועזען אפען און ער האט געדארפט ווארטען. ווען ער איז לאנגזאם ארויף אויף דיא טרעפ האט ער צו זיך א שוואכען שמייכעל געטהאן, בערוהיגט פון דיא ווארעמקייט פון דעם פלאץ, וואו ער האט געקענט אברוהען און אויס־ שלאפען זיך.

ווען זאע האט געעפענט דיא טהיר איז זיא איבעררראשט געווארען. זיא האט איהם געזאגט, אז דיא מאדאם האט דיא גאנצע נאכט געליטען פון א מיגרען און האט מיט קיין אויג ניט צוגעמאכט דאך וועט זיא געהן זעהן, אויב נאנא שלאפט זיא איז אוועק אין נאנא'ס צימער, און ער איז אנידערגעפאלען אויף א שטוהל. נאנא איז גלייך ארויסגעלאפען. זיא איז אראבגעשפרונגען פון בעט און האט זיך קוים דיא מיה געגעבען ארויפצוווארפען א קליידעל. זיא איז ארויס בארפוס מיט צולאזטע האר און א צוקנייטשער העמד, אין דער גאנצער אונארדנונג פון א נאכט פערבראכט אין ליעבע.

— וויא? דוא ביזט ווידער דא? האט זיא אויסגעשריען רויט פון כעס.

זיא איז געוועזען אזוי אויפגעבראכט אז זיא איז אליין ארייגעלאפען, אום

אליין איהם צו ווייזען די טהיר. נאָר דערזעהענדיג איהם אזוי עלענד, האָט זי אויף איהם רחמנות געקריגען.

— דו זעהסט שעהן אויס, מיין הינטעלע, האָט זי געזאָגט אין איהר פריינדליכען טאָן דו האָסט זיי די גאנצע נאכט געהיט ? דיר האָט דאָס פער־שאַפט פיעל קלעמענים.

ער איז געזעסען שטום און נידערגעשלאָגען. זי האָט בעגריפען, אז איהם פעהלען בעווייזע און זי האָט ווייטער גערעדט :

— דו זעהסט דאָך, אז איך האָב געהאָט א טעות, דיין ווייב איז עהרליך, אויף מיינע נאמנות, איצט געה אהיים און רוה זיך אויס.

ער האָט זיך ניט געריהרט.

— נעה, נעה ! האָט זיא געזאָגט. איך קען דאָך דיר איצט ניט האלטען ביי זיך. ווילסטו דען אין דיזער שטונדע בלייבען דאָ ?

— יא, לאָמיר געהן שלאפען, האט ער געשטאמעלט.

זיא האט איינגעהאלטען איהר כעס און געפרעגט זיך : איז ער אראב פון זינען ?

— נעה, נעה ! האט זיא ווידערהאלט.

— ניין.

איצט האט זיא איהר כעס לענגער ניט געקענט איינהאלטען און האט אויסגעשריען :

— דאס איז דאך ניט אויסצוהאלטען ! דוא ביזט מיר נמאס און מאוס גע־ווארען. נעה צו דיין ווייב, וואס מאכט דיר הערנער.... יא, זיא מאכט דיר הער־נער.... דאס זאג איך דיר איצט.... איצט האסטו שוין דיין חלק בעקומען, נעה און לאז מיך צורוה.

מופפא׳ס אויגען האבען זיך אנגעפילט מיט טרערען. ער האט קוים ארויס־געשטאמעלט :

— קום שלאפען !

נאָנא האט ניט געוואוסט, וואס צו טהאן און האט אנגעהויבען צו וויינען. וואס האט דאס צו טהאן מיט איהר ? פאר וואס זאל זיא ענטפערן פאר יענע ? זיא איז א גרויסער נאר, נאר יעדע זאך מוז נעהמען א סוף.

— מיין נאט ! איך קען שוין מעהר ניט אריבערטראגען ! האט זיא געשריען מיט כעס און געשלאגען מיט דיא פויסטען איבער דיא טעבעל. איך האב דעם

מענשען געוואלט זיין טריי. איך האב צוגיעב איהם געליטען נרטה, ווען איך האב נאר געדארפט ארויסריידען א ווארט, אז מען זאל מיך אבשיטען מיט געלד....

דער גראף האט איבערראשט אויפגעעפענט דיא אויגען, ווענען דער געלד־פראגע האט ער קיין מאל ניט געטראכט. זיא דארף נאר זאגען איהר וואונש און אלעס וועט געטהאן ווערען. זיין גאנץ פערמעגען שטעהט איהר גרייט צו דיענסט.

— ניין, איצט איז שוין צו שפעט, האט זיא געענטפערט מיט כעס. איך ליעב דיא מענער, וואס גיבען איידער מען בעט ביי זיי. איצט אפילו פאר א מיליאן וועסטו מיר ניט קויפען. צווישען אונז איז געענדיגט. איך האב שוין עמיצען אנדערש. נעה, עס קען נאך געשעהן אן אונגליק. איך קען ניט זיין פעראנטווארטליך.

זיא איז צו איהם צוגעגאנגען דראהענד.

אין דער מינוט איז שטיינער ערשיענען.

דאס איז געווען צופיעל.

— דער אויך! האט זיא אויסגעשריען מיט שרעקליכען כעס.

דער באנקיר איז געבליבען שטעהן צומישט; ער האט זיך ניט געריכט צו טרעפען דא דעם גראף און האט ניט געוואלט, אז צווישען זיי זאל קומען צו א ערקלערונג.

— וואס ווילסטו? האט איהם נאנא געפרעגט גראב.

— איך?.... איך האב דיר געבראכט וואס דוא האסט ביי מיר געבעטען.

— וואס?

ער האט ניט געענטפערט גלייך. מיט צוויי טעג פריהער האט זיא איהם ערקלערט, אז זיא וועט איהם מעהר ניט אריינלאזען, אויב איהר וועט איהר ניט ברענגען טויזענד פראנק, וואס זיא דארף בעצאהלען אויף א וועקסעל. שוין צוויי טעג וויא ער איז ארומגעלאפען איבער גאנץ פאריז זוכען געלד און ערשט היינט אין דער פריה איז איהם געלונגען צו קריגען דיא סומע.

— דיא טויזענד פראנק.... האט ער ענדליך געזאגט, ארויסנעהמענדיג א קאנווערט.

נאנא האט דיא גאנצע געשיכטע פערגעסען.

— דיא טויזענד פראנק! האט זיא אויסגעשריען. דארף איך דיין נדבה?

זיא האט ביי איהם גענומען דעם קאנווערט און א ווארף געטהאן איהם אין קאפ. ער האט זיך איינגעבויגען און האט צוזאמענגעקליבען דיא צושאטענע געלד. דאן האט ער מיט שרעק אקוק געטהאן אויף נאנא. מופפא און ער האבען זיך

אומגעביטען מיט א פערצוויפעלטע בליק. נאנא האט אנגעשפארט ביידע הענד אן דיא היפטען און האט זיך נאך העכער צושריען:

— וועט איהר ענדליך אויפהערען צו קריכען מיר אויפ'ן קאפ? איך בין צו פריעדען, וואס איהר זייט ביידע דא. איצט וועל איך מיט אמאל פטור ווערען פון אייך ביידען. ארויס! ארויס!

זעהענדיג, אז זיי איילען זיך נימ, האט זיא גערעדט ווייטער:

— איהר מיינט, אז איך טהו א נארעשקיים? עס קען זיין. נאר איהר האט מיר שוין דעם לעבער בעקומען, און מיר איז שוין נמאס געווארען צו זיין אנשטענ־דיג. און אויב איך וועל דערביי געהן צום גרונד, איז דאס מיין זאך, איך וועל דער־פון ליידען.

זיי האבען איהר געוואלט ווייכער מאכען און האבען איהר גענומען בעטען.

— איינס, צוויי, ארויס! האט זיא אויסגעשריען. איהר ווילט נימ? גוט! קוממ, איך וועל אייך ווייזען, וועמען איך האב ביי זיך!

און זיא האט געעפענט דיא טהיר פון איהר שלאף־צימער. זיי האבען אין בעט דערזעהן דעם אקטיאר פאנטאן. ער איז דא געלעגען, וויא א באק, מיט דיא נאקעטע שווארצע פיס אויסגעשטרעקט אין דער לופט. ער האט זיך נימ געריכט, אז נאנא וועט עפענען דיא טהיר. אלס שוישפיעלער, וואס איז געוואוינט צום פוב־ליקום, האט ער זיך נימ פערשעמט. גלייך וויא דיא ערסטע איבערראשונג איז אריבער האט ער גענומען מאכען דיא משונה'דיגסטע הויות.

נאנא איז נאך איהם דיא לעצטע צייט אויסגעגאנגען. אכט טעג נאך אנאנד איז זיא צוליעב איהם יעדען אבענד געגאנגען אין טהעאטער צו ברענגען איהם מיט זיך אהיים.

— קוקט! האט זיא געזאגט און האט מיט פינגער געוויזען אויף איהם.

מופפא, וואס האט ביז איצט אלעס אריבערגעטראגען און געשוויגען, איז פון דיא חציפות ארויס פון זיך און האט א געשריי געטהאן:

— הור!

נאנא האט זיך אומגעקעהרט צו איהם און געזאגט:

— פאר וואס הור? און וואס איז דיין ווייב?

שטיל איז דער באנקיר מיט'ן גראף ארויס פון נאנא און אהן א ווארט צו זאגען האבען זיי איינער דעם צווייטען דערלאנגט דיא האנד ביים נעהמען אבשיעד. דער גראף איז אוועק צו זיך אין האטעל און ווען ער איז ארויף אויף דיא טרעפ, איז ערסט זיין ווייב אנגעקומען. זיי האבען זיך ביידע בעגעגענט און איינער דעם

צוויטען אַנגעקוקט. זיא האָט האט געזעהן זיינע פערשמוצטע קליידער און דיא בעלייבקייט פון זיין געזיכט איז געווען יענע בלייבקייט, מיט וועלכע עס צייכענען זיך אויס דיא, וואָס פיהרען אַן אויסגעלאַסען לעבען.

דיא גרעפין איז געווען בלייך און פערמאַטערט פון דיא נאַכט, וואס זיא האָט פערבראַכט אויפ׳ן באַהן. איהרע אויגען האָבען זיך געקלעבט פון ערמיעדונג און איהרע האָר זיינען געווען אַביסעל צו וואָרפען. זיא איז וויא אין שלאָף אַרויף אויף דיא טרעפ.

VIII.

נאַנאַ און פאַנטאַן האָבען פעררופען עטליכע גוטע פריינד צום מאָלצייט, וואָס זיי האָבען געמאַכט לכבוד דיא נייע דירה, וואָס זיי האָבעןביידע גענומען. דיא צימערן זיינען געווען זעהר קליינע אויפ׳ן פיערטען עטאַזש אין דער רוע וועראָן.

דאָס איז געטהאָן געוואָרען פלוצים אין דעם ערסטען מאָמענט פון זייער ליעבע און זיי האָבען פריהער וועגען דעם גאָר ניט געטראַכט. גלייך וויא זיא האָט אַרויסגעשיקט דעם באַנקיר און דעם גראַף, האָט זיא געפיהלט, וויא דיא גאַנצע וועלט געהט אונטער. זיא האָט ביז איצט געלעבט אויף קרעדיט און געבאָרגט האָט מען איהר צוליעב דיא צוויא גרויסע נעמען. איצט וויא דיא קרעדיטאָרען וועלען נאָר אויסגעפינען, וואָס דאָ איז געשעהן, וועלען זיי איהר בעפאַלען און אַלעס אויספערקויפען. אויסער דעם, איז איהר דיא דירה ניט געווען געפעלען, זיא איז געווען צו גרויס און אומעדיג. צייט איהר לעצטע פלעצליכע ליידענשאַפט צו פאַנטאַן האָט זיא גענומען טרוימען פון אַ קליין צימער, וואו דיא זון זאָל אריינשיינען. זיא האָט זיך איצט אומגעקעהרט צו איהרע מיידעלשע חלומות, ווען זיא איז נאָך געווען אַ בלומען-מאַכערין און האָט ניט געטראַכט וועגען פראַכטפאָלע בעטען און שפיגלען. אין צוויי טעג האָט זיא אויספערקויפט אַלץ, וואָס זיא האָט נאָר געקענט אַרויסטראָגען, אַלע קליינינקייטען און ציערונג, און איז פערשוואונדען געוואָרען מיט צעהן טויזענד פראַנק אָהנע צו זאָגען אַ וואָרט דעם אויפזעהער פון הויז. זיא איז אין גאַנצען פערשוואונדען און האָט ניט געלאָזט קיין שפור הינטער זיך. פאַנטאַן איז געווען אַ גוטער יונג, און כאָטשע איהר פלאַן פון אַנטלויפען איז איהם ניט געווען געפעלען, האָט ער דאָך געטהאָן, וויא זיא האָט געוואָלט. ער האָט געהאַט אייגענע זיבען טויזענד פראַנק און צוזאַמען מיט איהרע צעהן טויזענד איז דאָס געוואָרען אַ פיינע סומע און אויף דעם געלד האָבען זיי אָנגעהויבען צו פיהרען אַ לעבען וויא צוויי אַלטע גוטע פריינד. דיא ערסטע טעג זיינען אַריבער אין פערגניגען.

מאדאם לערא איז נעקומען דיא ערסטע. זיא האָט מיטנעבראכט דעם קליי־נעם לואי. און אזוי וויא פאַנטאַן איז נאָך ניט געווען אין דער היים, האָט זיא אויס־געשפּראָכען איהר מורא פאר נאנא׳ס צוקונפט.

— אָ, טאַנטע, איך האָב איהם אזוי שטארק ליעב! האָט נאנא געזאָגט און געדריקט מיט ביידע הענד איהר ברוסט.

דער ענטפער האָט אויף דער טאַנטע געמאַכט א שטאַרקען איינדרוק, איהרע אויגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט טרערען און זיא האָט געזאָגט:

— ליעבע ווענט איבער אלעס.

דערנאָך האָט זיא גענומען לויבען דעם וואוינונג און דערצעהלט, אז זאָע איז היינט אין דער פריה ביי איהר געווען און האָט איהר געזאָגט, אז זיא געפינט זיך נאָך אין דעם אַלטען וואוינונג און זעהט, אז אַלעס זאָל צוגעהן אנשטענדיג. זיא האָט איהר געזאָגט, אז זיא האָט קיין מורא ניט פאר איהר געלד, וואָס עס קומט איהר פון נאנא, זיא וועט איהר בעצאָהלען און נעגאַנגען איז זיא צו לערא איבער־געבען איהר דיא נייעס, אז דיא קרעדיטאָרען ניט נאָר זיי ווילינען איין צו וואַרטען לענגער, זאָנדערן זיי וועלען איהר נאָך געבען א גרעסערען קרעדיט, ווען זיא וועט זיך אומקעהרען צוריק אין איהר וואוינונג און וועט זיך אויפפיהרען קלינער. דער־וויל גיט ניט זאָע איהר אדרעס צו קיינעם און האָט צו איהר ניט געוואָלט קומען אליין, כדי מען זאָל ניט אויסגעפינען, וואו זיא איז. לערא גיט נאָר איבער זאָע׳ס ווערטער, נאָר אהן צווייפעל שטעקט אונטער דעם א הערר.

— איך וועל דאס קיין מאָל ניט טהאָן! האָט אויסגערופען נאנא. פיינע מענשען זיינען דיא הענדלער! וואָס מיינען זיי, אז איך וועל זיך פערקויפען, אום זיי צו בעצאָהלען? איך וועל בעסער אויסגעהן פון הונגער, איידער אָבנארען פאַנטאַן...

— איך האָב אויך געזאָגט דאס זעלבע, האָט לערא געענטפערט.

— איהר האָט א ווייכע הארץ, טאַנטע, האָט נאנא געזאָגט:

נאָר ווען נאנא האָט דערהערט, אז מען האָט פערקויפט איהר גוט מיניאָט און אז לאַבאָרדעט האָט עס אָבגעקויפט כמעט האַלב אומזיסט פאַר קאַראָלין העקע, איז זיא שרעקליך אויפגעבראכט געוואָרעז געגען דער גאנצער באַנדע.

— זאָלען זיי אַלע צופּלאַצט ווערען! האָט געזאָגט נאנא. געלד ברייננט ניט קיין גליק. איך וויל מעהר פון דיא לייט ניט וויסען. איך בין זעהר גליקליך.

איצט איז אריינגעקומען פּרוי מאַלוא. נאנא האָט זיך מיט איהר זעהר דער־פרייט. מאַלוא האָט געזאָגט, אז זיא האָט זיך ביז איצט געהאַלטען פון דערוויטענס,

ווייל איהר רייכקייט האט איהר אבגעשראקען, נאר איצט וועט זיא א מאָל קומען שפּיעלען אין קאָרטען.

אין פּאָרצימער האבען זיך דערהערט קולות. פּאַנטאַן איז אריין מיט באָסק און פּרוליע. איצט קען מען שוין געהן צו דער סעודה. מען האט דערלאנגט זופּ און נאנא האט צום דריטען מאל געוויזען פאר איהרע געסט איהר נייען וואוינונג, אויך דיא קיך, וואו דיא הויז האלטערין האט געהאלטען אין בראטען א הוהן.

נאנא האט גענומען רעדען פון שפּארזאמקייט און האט געזאגט, אז עס איז צו טהייער און זיא וועט אליין פיהרען דיא בעל הבתישקייט.

— אח, מיינע קינדער, וויא פיין איהר וואוינט דא! האט באסק אויסגעשריען.

דער וואוינונג האט איהם אין אמת'ן גאר ניט אינטערעסירט, ער האט דאס נאר געזאגט אויס דאנקבארקייט פאר דעם מאלצייט, וואס דיא קאמעראדען האבען איהם געשענקט. איבערהויפּט האט ער בעטראכט פון זיין שכורדיגען שטאנד פּונקט אלע פרויען פאר עזלען און האט ניט געקענט פערשטעהן, וויא אזוי א מאן קען זיך אנלאדען אזא שמוציגע בהמה אויפ'ן האלז.

— זעהט! זעהט! האט אויסגעשריען פּרוליע מיט א שלעכטען שמייכעל, ווען ער האט דערזעהן, וויא לואי איז אריינגעקומען רייטענדיג אויף א שטעקען פון א בעזים. האט איהר שוין אזוי גיך געקריגען א קינד!

אלע האבען שיער ניט געפּלאצט פאר לאכען. נאנא האט אויך געלאכט און האט זיך ניט געפונען בעליידיגט. זיא האט געזאגט, אז צו איהר פערדראס האט זיא איהם דאמאלס נאך ניט געקענט, נאר זיא האפט, אז זיי וועלען שפּעטער האבען איינס.

פאנטאן האט גענומען דאס איינגעל אויף דיא קניע און האט איהם גענומען וויגען.

— רוף מיך פאטער, קליינער מאוסקייט, האט ער געזאגט צום קינד.

— פּאפּא, פּאפּא! האט געשטאמעלט דאס קינד.

אלע האבען אנגעהויבען צו קושען דאס קינד. באסק האט דיא גאנצע געשיכטע בעטראכט פאר זעהר א נארישע און האט געבעטען, מען זאל געהן צום טיש נאנא האט דאס קינד מיטגענומען צום טיש און געזעצט עס נעבען זיך.

דיא סעודה איז אריבער זעהר פריילי‏ך, נאר באסק האט זיך געפיהלט ניט גוט, ווייל ער האט געמוזט בעשיצען זיינע טעלער פון קינד און זיך פון מאדאם לערא. זיא איז געווען זעהר צערטליך צו איהם, האט אויף איהם געווארפען פערליעבטע

בליקען און דערצעהלט געשיכטען וועגען „פיינע׳ הערען, וואס לויפען איהר נאך און ער האט שוין צוויי מאל אוועקגערוקט זיין קניע פון איהרען, וועלכען זיא האט געדריקט.

פרוליע איז זיך בענאנגען מיט פרוי מאלוא גאר אונהעפליך· ער האט איהר אפילו איין מאל ניט דערלאנגט עפעס. ער האט ניט געקענט בעגרייפען דיא פער־העלטנים פון נאנא צו פאנטאן. דיא לעצטע זיינען דיא גאנצע צייט געזעסען איינער נעבען צווייטען און האבען זיך געקוסט וויא א פאר טויבען.

— עסט פריהער! האט געזאגט באסק· איהר וועט האבען צייט צו קוסען זיך, ווען מיר וועלען אוועקגעהן.

דאך נאנא האט זיך ניט געקענט איינהאלטען, זיא איז געוועזען זעהר פערלי־עבט, איהרע אויגען האבען געשיינט פון גליק און פרייד, און איהרע באקען האבען געפלאמט. זיא האט פון פאנטאנען דיא אויגען ניט אראבגעלאזט· זיא האט איהם געהאלטען אין איין קוסען. אין האנד, אין נאז, אין דיא אויערען אין דיא ליפען, וואו זיא האט נאר געכאפט. זיין גרויסע נאז האט געציטערט פון א תאוה׳דיגען צופריעדענהייט, און ער האט זיך געלאזט פון איהר פערגעטערען. זיין באקישע גע־זיכט, זיין שרעקליכע העסליכקייט איז געווארען נאך אמאל אזוי דיא גרויס פון דיא צערטליכקייט און ליעבע פון דער שעהנער און וייסער נאנא. פון צייט צו צייט האט ער איהר אנגעטהאן דיא עהרע און געענטפערט אויף איהרען א קוס מיט דער מינע פון א מענשען, וואס פערשטעהט זיין ווערטה.

— עס ווערט פון אייך ניט אויסצוהאלטען! האט געזאגט פרוליע, גיה אוועק פון דארטען, פאנטאן!

ער האט זיך מיט איהם געביטען מיט דיא פלעצער, און אלע האבען אפלאדירט.

פאנטאן האט זיך געמאכט אומעדיג דערפון, פרוליע איז געווארען זעהר נא־לאנט נעגען נאנא און האט אנגעהויבען צו דריקען איהר פוס און האט דאביי גע־קריגען א נוטען שטופ ניין, מיט איהם וועט זיא ניט האבען צו טהאן, האט זיא געזאגט. פאריגען מאנאט איז איהר זיין שעהנער קאפ. געפעלען געווארען אויף א ווייל'ע, נאר איצט קען זיא איהם ניט ליידען, און ווען ער וועט נאך אמאל וואגען איהר א קניפ צו טהאן, וועט זיא איהם מיט עפעסווארפען אין קאפ אריין.

נאר דער אבענד איז אריבער גאנץ פריילי'ך, מען האט אנגעהויבען צו רעדען וועגען בארדענאוו. דיזער לומפ וויל גאר ניט איינגעהמען קיין מיתה משונה, האבען זיי געזאגט. זיינע מאוסע קראנקהייטען האבען ווידער אויסגעבראכען, און עס אי־

פון איהם ניט אויסצוהאלטען. נאנא האט געזאגט, אז אויב ער וועט איהר אנבא-טען צו נעהמען א ראליע וועט זיא איהם אבשיקען צו אלדע רוחות, איהר היים איז בילכער. פאנטאן, וואס האט אין דער נייער שטיק קיין ראליע ניט געהאט האט זיך געפרייט, וואס ער וועט קענען צוברעננען זיינע אבענדען מיט זיין קעצעל, וויא ער האט גערופען נאנא.

ארום איינס א זייגער נאך האלבע נאכט זיינען זיך דיא געסט צונאנגען און האבען צוגעזאגט אין גיכען ווידער צו זעהן זיך.

דיא ערסטע דריי וואכען פון זייער נייען לעבען זיינען אריבער גאנץ פרייליך. נאנא האט זיך געפיהלט וויא אין יענע צייטען, ווען זיא האט בעקומען איהר ערסטע נייע זיידענע קליידעל. זיא איז כמעט ערגעץ ניט געגאנגען און האט געזאגט, אז זיא האט ליעב דיא איינזאמקייט.

אין פריהמארגען, ווען זיא איז ארויס קויפען פיש, האט זיא בעגעגענט איהר אמאליגען פריזירער. ער איז געווען אזוי שעהן אנגעטהאן וויא שטענדיג זיא האט זיך שטארק פערשעמט, וואס ער האט איהר דערזעהן אין גאס אין א שלאפ-ראק און פאנטאפעל. ער האט זיך געהאלטען זעהר טאקטיש און איז געווען נאך העפ-ליכער וויא שטענדיג. ער האט איהר געשטעלט קיין שום פראגע, און האט זיך גע-מאכט, וויא ער גלויבט אין איהר רייזע, וויא זאָ האט אלעמען געזאגט. אח, דיא מאדאם האט פיעל מענשען אונגליקליך געמאכט מיט איהר רייזע. יעדער האט דערפון פיעל פערלארען. ווען נאנא איז געקומען אביסעל צו זיך פון איהר פטרלע-גענהייט, האט זיא איהם אנגעהויבען אויסצופרעגען, נאר אזוי וויא דיא פערביינגע-העך האבען זיי געשטופט, איז זיא מיט איהם אריין אין א טהויער, וויא זיא איז געשטאנען געבען איהם מיט'ן קערבעל אין דיא הענד און האט איהם אויסגעהערט.

— וואס רעדט מען דארט וועגען מיין אנטלויפען?

— אה, פון דיא דאמען, צו וועלבע איך קום אריין, זאגט איינע אזוי און דיא אנדערע עפעס אנדערש, נאר דאס האט געמאכט א גרויסען רעש.

— וואס טהוט שטיינער?

— ער איז זעהר אראב, און אויב איהם וועט ניט געלינגען מיט עפעס א ספעקולאציע, וועט ער זיין א פערפאלענער.

— און דאגענע?

— אה, איהם געהט אויסגעצייכענט גוט. ער שטעלט זיך אויף דיא פיס.

נאנא האט אלץ געוואלט פרעגען וועגען גראף, נאר זיין נאמען איז איהר ניט ארונטער פון דיא ליפען. דער פריזירער האט געשמייכעלט. ער האט פער-

שטאנען, וואס זיא וויל פרעגען און האט אליין אנגעהויבען דערפון צו ריידען. אויפ'ן גראף איז, נאך איהר אוועקפאהרען געוועז, א רחמנות צו קוקען. ער האט ארומגע־וואנדערט וויא א מת, וואס קען ניט געפינען קיין רוה, איבער אלע יענע ערטער, וואו זיא פלעגט קומען. ענדליך האט איהם מיגנאן אריינגעפיהרט צו זיך.

נאנא האט זיך דער פון צולאכט, נאר איהר געלעכטער איז געוועזן א גע־מאכטער.

— אזוי איז ער איצט מיט ראזען? מיר איז דאס אלץ איינס.... דעם מענ־שען איז נאר ניט צו דערקענען.... אפילו אכט טאג האט ער ניט געוואלט פאס־טען.... חא, חא, חא!.. און דער מענש האט מיר געשווארען, אז נאך מיר וועט ער קיין פרויענצימער ניט אנריהרען.

אין הארצען איז זיא געוועזן אויסער זיך.

— ראזע האט דערטאפט א פיינע מציאה! האט זיא געזאגט. נאר איך פער־שמעה, זיא האט ראבע גענומען פאר שטיינער, וועלכען איך האב ביי איהר צוגע־נומען. א גרויסע גבורה צו צוציהען א מאן. וואס איך האט ארויסגעטריבען.

— ער, מיגנאן דערצעהלט נאר עפעס אנדערס. ער זאגט, אז דער גראף האט אייך ארויסגעווארפען.

נאנא איז בלייך געווארען.

— וואס? האט זיא אויסגעשריען. דאס איז שוין צופיעל. דאס האב איך איהם, דעם הארענדיגען, ארונטערגעווארפען פון דיא טרעפ. און דער מיגנאן, וואס לויפט ארום אין דיא גאסען צו זוכען קונדען פאר זיין ווייב, ווייל קיינער וויל איהר ניט קענען אזוי מאגער איז זיא. איך וועל געהן זעהן, אויב מיר אין דיא אויגען וועלען זיי רעדען פון א זעץ אין הינטערן. איה, ווענען קיינער האט ניט אנגעריהרט, איך, וואס וואלט צוריסען דעם מאן אין שטיקער וואס וואלט אויף מיר א פינגער ארויפגעלעגט, — איך האב געקריגען א זעץ אין הינטערן!

נאר ביסלעכווייז איז זיא ווייכער געווארען. זיי קענען רעדען, וואס זיי ווילען. זיא האט א ריינעם געוויסען. זיא וועט זיך נאר פערטשמירען, אז זיא וועט זיך מיט זיי אנהויבען. פאר'ן אוועקגעהן האט איהר דער פריזירער געזאגט, אז זיא טהוט ניט גוט, וואס זיא האט אלעס געאפפערט צוליעב א קאפריז פון ליעבע. זיא האט איהם אויסגעהערט מיט אראבגעלאזטע אויגען, וויא ער האט גערעדט וויא א מאן וואס קען דיא וועלט און וואס קען ניט צוזעהן אז אזא שעהן מיידעל זאל זיך אליין טהאן שלעכטס.

— דאס איז מיין זאך, האט זיא ענדליך געענטפערט. דאך דאנק איך דיר מיין ליעבער.

זיא האט איהם א דריק געטהאן דיא האנד, נאר ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער האט זיך געהאלטען אזוי ריין, איז דיא האנד ביי איהם דאך געוועזען אבי־סעל פעט פון דיא פאמאדען. זיא איז אוועק אויפ'ן פיש־מארק, נאר דיא געשיכטע וועגען דעם זעץ אין הינטערן איז איהר פון קאפ ניט ארויס. אין שטוב האט זיא דאס דערצעהלט פאנטאנען און ער האט געזאגט, אז דאס רוב מענער זיינען ניט ווערטה, וואס דיא ערד טראגט זיי, און זיא איז געוועזען מיט איהם איינפערשטאנדען.

אין אבענד פון דעם זעלבען טאג זיינען זיי אוועק אין דעם ווארייטי טהעא־טער. פאנטאן'ס א בעקאנטע מיידעל האט געמאכט איהר ערסטע ערשיינונג אויף דער ביהנע און ווען זיי זיינען נעקומען צוריק א היים צו פוס, איז שוין געוועזען איינס א זייגער. אויפ'ן וועג האבען זיי געקויפט א קובען, וועלכען זיי האבען געגעסען אין בעט, איבערגעדעקט ביז העלפט מיט א דעקע, ווייל אין שטוב איז געוועזען קאלט און זיי האבען זיך געפוילט צו מאכען דעם אייוועז. אנגעשפארט מיט דיא רוקענס אן קישען, האבען זיי געגעסען דעם קובען און גערעדט וועגען דער מיידעל, וואס זיי האבען געזעהן אין טהעאטער. נאנא האט געזאגט, אז זיא איז העסליך און אהן א שום רייץ. פאנטאן איז געלעגען פון פארענט און האט איהר גאר ניט געענטפערט. ער האט איהר דערלאנגט נאך א שטיקעל קובען און נאנא האט ווייטער געזאגט:

— איהרע אויגען זיינען וויא לעבער און איהרע האר וויא פלאקס, האט נאנא ווייטער גערעדט.

— שווייג שוין א מאל! זיא האט פראכטפאלע האר און אויגען פול מיט גלאנץ און פייער. דיא ווייבער וואלטען נאר וועלען איינע דיא אנדערע אויפעסען, האט פאנטאן געזאגט און געמאכט א פערדראסענע מינע.

און ווען זיא האט נאך אלץ ניט נאכגעגעבען, האט ער געזאגט גראב:

— לאמיר בעסער שלאפען און ברענג מיך ניט ארויס פון זיך....

און ער האט אויסגעלאשען דעם לאמפ

נאנא האט זיך ניט אויפגעהערט צו קריגען, נאר אזוי וויא ער האט ניט גע־ענטפערט, האט זיא באלד אויפגעהערט. אבער אנשלאפען ווערען האט זיא ניט געקענט און האט זיך געווארפען פון איין זייט אויפ'ן צווייטען.

— מיין גאט! האט ער ענדליך אויסגעשריען. ועסטו איינלינען אמאל?

— איך קען ניט העלפען. אין בעט זיינען פאראן ברעקליך.

די ברעקלאך האָבען איהר געשטאָכען אין לייב, און זי האָט זיך געקראַצט ביז בלוט.

— מען דארף אָבטרייסלען די דעקע, האָט זי געזאָגט. ווען איין ברעקעל איז נאָר דאָ אין בעט, קען איך ניט שלאָפען.

פאָנטאָן האָט בייז אָנגעצונדען דעם לאָמפּ און זיינען ביידע אראָבגעקראָכען אין איינע העמדער פון בעט און האָבען גענומען אָבטרעסלען די דעקע. אין צימער איז געווען קאלט און פאָנטאָן האט געציטערט. ער האט זיך געשווינד אריינגעכאפּט צוריק אין בעט. ווען נאנא האט איהם געבעטען, ער זאָל אבווישען די פיס, האט ער איהר אבגעשיקט צו אלדע רוחות.

נאר באלד האט זיך איהר ווארפען פון דאס ניי אנגעהויבען.

— דוא האסט אריינגעשלעפּט די ברעקלאך מיט די פיס, האט זי גע־זאגט און האט זיך אויפגעהויבען און געוואלט איבער איהם אריבערגעהן.

נאר דא האט פאנטאן, וואס האט זעהר געוועלט שלאפען, פערלארען די געדולד, און האט איהר אראבגעלאזט א פּאטש. דער פּאטש איז געווען אזוי שטארק, אז זי איז צוריקגעפאלען אויפ׳ן קישען.

— אָ! האט זי א קרעכץ געטהאן.

ער האט איהר געזאגט, אז ער וועט איהר באלד שענקען א צווייטען. אלס זי וועט ניט ווערען שטיל, ער האט זיך צו איהר אומגעקהרט מיט׳ן רוקען, און האט באלד אנגעהויבען צו כראפּען.

דאס איז נידערטרעכטיג צו ברויכען אויף איהר זיין קראפט, האט זי געוויינט, איינגעגראָבען מיט׳ן קאָפּ אין קישען. איצט האט זי מורא געקריגען פאר׳ן שרעקליכען אויסזעהן, וואס פאָנטאָנ׳ס קאָמישע געזיכט האט אָנגענומען. ביסלעכווייז איז איהר דער צאָרן אריבער, אזוי ווי דער פּאטש וואלט איהר בערוהיגט. זי האָט געקריגען פאר איהם דרך ארץ און האט זיך ווייטער צוגערוקט צו דער וואנד. כדי צו מאכען פאר איהם מעהר פלאץ אין בעט. ענדליך איז זי איינגעשלאָפען מיט א גליהענדער באק און פערוויינטע אויגען. זי האט שוין מעהר קיין ברעקלאך ניט געפיהלט. ווען זי האָט זיך אויפגעכאפּט האט זי פאָנטאָנען ארומגענומען און צוגעדריקט צום ברוסט.

ער וועט שוין דאס מעהר ניט טהאן, ניט אמת? זי האָט איהם אזוי ליעב, אז פאר איהר איז א פערגניגען צו ווערען פון איהם געפּאטשט.

פון דאמאלס אן האט זיך פאר איהר אָנגעהויבען אן אנדער לעבען. פאר יעדען וואָרט האט זי געקריגען א פּאטש. באלד איז זי דערצו געוואוינט געוואָרען

און האט זיי רוהיג צוגענומען. צייטענווייז האט זיא איהם געדראהט און געשריען, נאָר ער פלעגט איהר צושפארען צו דער וואנד. און זאָגען, אז ער וועט איהר דערשטיקען און זיא האָט זיך אונטערגעגעבען.

אָפט פלעגט זיא זיך ארונטערלאָזען אויף א שטוהל און וויינען עטליכע מינוט, נאר מיט א ווילע שפעטער איז זיא שוין ווידער ארומגעשפרונגען איבער'ן שטוב און עפעס געזונגען, וויא צווישען זיי וואלט גאָר ניט געשעהן. דאס ערנסטע איז געווען, וואס פאַנטאַן פלעגט דורך דיא גאנצע טעג ניט זיין אין דער היים און פלעגט קומען נאָך האַלבע נאכט. ער פלעגט זיך ארומשלעפען איבער דיא קאפע-הייזער מיט קאמעראדען. זיא האָט מורא געהאט צו זאָגען איהם א וואָרט, אפשר וועט ער שוין פערשפאָרען גאר אין גאנצען צו קומען און האָט אַלעס אריבערגעטראָגען געדולדיג. דיא טעג ווען מאלוא און לערא פלעגען ניט קומען, האָט זיא נים געוואוסט וואָס צו טהאן פון אומעט, און זיא האָט זיך איין טאג שטארק דערפרייט, ווען זיא האט בעגעגענט אויפ'ן מארק סאטין, וועלכע האט געקויפט א בינטעל רעטאך. זיא האט איהר שוין נים געזעהן פון יענעם אבענד, ווען דער פרינץ האט געטרונקען מיט פאנטאן שאמפאניער.

— וויא ? דאס ביזטו ? ווינסטו אין דעם קווארטאל ? האט סאטין אויסגע- שריען, דערזעהענדיג נאנא מיט פאנטאפעל אין נאס. ביזטו אין אזא נויטה ?

נאנא האָט איהר א ווינק געטהאָן, זיא זאל שווייגען, ווייל צו זיי זיינען צו- געקומען נאך פרויען אין שמוציגע קליידער מיט צושויבערטע האָר.

יעדען אין דער פריה, ווען דיא אלע מיידלאך פלעגען פטור ווערען פון דיא לייט, וואס האבען ביי זיי פערבראכט דיא נאכט, פלעגען זיי קומען אהער איינקויפען פאר'ן טאָג. זיי זיינען געווען אויסגעמאטערט, פערשלאָפען, אייניגע פון זיי יונג און שעהן, אנדערע אלט און מאוס געקליידעט אין שמאטעס. אויפ'ן טראָטואר פלעגען זיך דיא מענער אבשטעלען און בעטראכטען זיי, נאָר זיי האט דאס ניט געארט. אויסער אין געשעפט פלעגען זיי פעראכטען אלע מענער. ווען סאטין האט געהאל- טען אין בעצאהלען פאר איהרע רעטעכלאך — איז פערביי איהר דורכגעגאנגען א יונגער מאן, עפעס א פערשפעטיגטער בעאמטער, און האט איהר צוגערופען.

— גוט מאָרגען, מיין ליעבע.

זיא האט שטאָלץ אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געזאָגט ·

— וואס וויל דער שוויין ?

דאך האט איהר א שיין געטהאן, אז זיא קען איהם. מיט דריי טעג צוריק ווען זיא האט ארומגעוואנדערט אליין נאך האלבע נאכט איבער'ן בולווער, האט

זיא איהם אפשר א שטונדע צוגערעדט, ער זאל איהר געהן בעגלייטען, נאר דאס האט איהר נאך מעהר אין כעס געמאכט.

— איז דאס ניט נארעש וואס אין מיטען טאג זאלען מענשען זיך אבגעבען מיט אזעלכע זאכען?

נאנא האט געקויפט א פאר טויבען און זיי זיינע צוזאמען אוועקגענאנגען. סאטין האט איהר געוויזען, וואו זיא וואוינט. אזוי גיך וויא זיי זיינען געוועזען אליין, האט איהר נאנא דערצעהלט פון איהר ליעבע צו פאנטאן. סאטין האט אויפמערקזאם צוגעהערט, וויא נאנא האט איהר דערצעהלט, אז זיא האט דעם גראף ארויסגעווארפען מיט א זעץ אין הינטערן. סאטין איז דאס זעהר געפעלען געווארען, און זיא האט זיך געוואונשען צו זיין דערביי און זעהן, וואס פאר א פנים, ער האט געמאכט דערביי.

— דוא האסט רעכט, מיין ליעבע; געלד איז גאר ניט, האט סאטין געזאגט. ווען איך בין אין א מאן פערנארט, קראפיר איך פאר איהם. קום מיך בעזוכען. קלאפ אן דריי מאל, וויל פיעל שווינען קומען מיר לאנגווייליגען און איך לאז זיי ניט אריין.

פון דאמאלס אן ווען נאנא פלעגט בלייבען אליין, פלעגט זיא געהן צו סאטין. זיא האט איהר שטענדיג געטראפען אין דער היים, וויל פאר זעקס א זייגער אין אבענד איז זיא קיין מאל ניט ארויס פון שטוב. זיא האט געוואוינט אין צוויי צימערן, וועלכע אן אפטייקער האט איהר אויסגעמעבלירט צו שיצען איהר פון דער פאליציי. נאר איידער א יאהר איז אריבער איז יעדער זאך צובראכען געווארען. דיא אונרייניקייט און אונארדנונג איז געלעגען אין איהר נאטור. און עס האט דארט אויסגעוויזען, וויא א גאנצער פאלק משוגע'נע קעץ וואלטען דארט געשטאנען.. ווען זיא פלעגט שוין א מאל יא וועלען אויפראמען, פלעגט ביי איהר אין האנד בלייבען א שטיק פארהאנג, א פיסעל פון א שטוהל און ז. וו. ענדליך האט זיא יעדע זאך געלאזט שטעהן אויף אן ארט און האט זיי ניט אנגעריהרט, און עס איז געקומען אזוי וויט, אז מען האט ניט געקענט אריין אין צימער. דער ווירט פון הויז קלייבט זיך שוין אזוי אויך איהר ארויסצווארפען. פאר וועמען זאל זיא דא מאכען אן ארדנונג? פאר איהם? ניט דערלעבען זאל ער. און זיא פלעגט פון כעס אליין נעהמען קלאפען מיט דיא פיס איבער דיא מעבעל, אום צו פערניכטען איהר וואס ניכער.

נאנא פלעגט איהר כמעט שטענדיג געפינען אין בעט. ווען זיא פלעגט געהן איינקויפען אין גאס, פלעגט זיא קומען אזוי מיעד, אז זיא האט גלייך געדארפט

צוריק ארייַנקריכען אין בעט און ווידער אנשלאפען ווערען. דעם גאנצען טאָג האָט זיא זיך מיעד ארומגעשלעפּט איבער'ן שטוב און אויף וועלכען בענקעל זיא האט זיך אנידערגעזעצט איז זיא אייַנגעדרעמעלט. נאר זעקס א זייגער, ווען מען פלעגט אָנ־צינדען דיא לאָמטערנעס אין נאַס פלעגט זיא זיך אויפכאפּען. נאנא האט זיך געפיהלט גאנץ גוט צווישען דעם צואווארפענעם בעט, וואַש־שיסלען מיט דעם קווי־טיגען וואסער און צואווארפענע קליידלאך, אויף וועלכע עס איז נאָך געלעגען דיא בלאָטע פון נעכטען. דא איז זיא געזעסען לעדיג און געפּלוידערט מיט סאטין, וואס איז געלעגען אין בעט אין איין העמד און געראויכערט פּאפּיראָסען מיט דיא פוס אויסגעשטרעקט אין דער לופט.

צייטענווייז האבען זיי געטרונקען אבסענט *) אום דיא צרות צו פערטרייבען, וויא זיי האבען דאס גערופען סאטין פלעגט ארויסלויפען אין פּאָר־הויז אהן א קליי־דעל און א רוף טהאָן א אינגעל און שיקען איהם נאך דער משקה. ווען דאס אינגעל פלעגט ארויפקומען, פלעגט ער ווארפען א פער'גנב'עטען בליק אויף דיא „דאמעס" נאקעטע פיס.

זייערע אלע געשפּרעכען זיינען נאר געוועזען וועגען דיא שלעכטקייט פון מענער. און נאנא האט ניט געקענט ארויסרעדען צעהן ווערטער, אז זיא זאל ניט אריינ־מישען פאָנטאנ'ס נאמען און דערצעהלען, וואס ער האָט געזאגט און וואס ער האט געטהאן. און סאטין האט פריינדליך אויסגעהערט דיא אויבּיגע געשיכטעס וועגען דעם, וויא זיא זיצט לאנגע שטונדען ביים פענסטער און ווארט וויא עס ווערט א קריגעריי ביי זיי צוליעב א צוגעברענטען עסען און וויא עס ווערט דערנאָך אַן איבערבעטענים ביי נאכט נאָך לאנגע שטונדען בלאָזען זיך און רייסען זיך. נאנא האט קיין זאך ניט געקענט פערבאָרגען און האָט איהר חבר'טע דערצעהלט וועגען דיא קלעפּ, וואס זיא האָט געקריגען. מיט א וואָך צוריק האָט ער איהר אונטערגע־שלאָגען אן אויג און נעכטען ביי נאכט האָט ער איהר געגעבען אזא פּאטש, אז זיא האָט זיך איבערגעקולעט, בלויז דערפאר וואס זיא האָט איהם ניט געקענט געפינען דיא פּאנטאָפעל. סאטין האט ניט אויסגעדריקט קיין שום פערוואונדערונג און האָט רוהיג געראויכערט איהר פּאפּיראָס נאר בעמערקט האט זיא, אז זיא וואָלט אזוי פיעל ניט געליטען.

זייערע געשיכטען האָבען זיי ביידע פערענדיגט מיט א געלעכטער, וויא דיא קלעפּ וואָס זיי קריגען וואָלט געוועזען א גוטער שפּאַס.

---

*) אזא סארט משקה אין פראנקרייך.

זיא פלעגט קומען צו סאטין, ווייל עס פלעגט איהר פערשאפען פערגניגען צו דערצעהלען, וויא פאנטאן עסט, וויא ער טהוט אן דיא שיך. און מעהר פון אלץ האט איהר אהין געצויגען דיא סימפאטהיע, וואס סאטין האט צו איהר אויסגעדריקט אין דיא געשיכטען, וואס זיא האט איהר דערצעהלט פון איהר זייט. סאטין האט דערצעהלט, וויא א געוויסער לעקאך-בעקער האט איהר אמאל אזוי געשלאגען, אז ווען ער איז פון איהר אוועק האט ער איהר שוין גערעכענט פאר טוידט, נאר זיא האט איהם ניט אויפגעהערט ליעב צו האבען.

עס זיינען געווען טעג ווען נאנא האט אויסגעוויינט דיא אויגען און האט גע־טענה'ט, אז זיא קען שוין דאס מעהר ניט אויסהאלטען, סאטין פלעגט איהר בע־גלייטען ביז דער טהיר און פלעגט ווארטען אז ער זאל איהר ניט דער'הרג'ענען. אויפ'ן צווייטען טאג פלעגען זיי רעדען פון דעם איבערבעטען, און כאטשע זיי האבען איינער דעם צווייטען ניט ארויסגעזאגט, זיינען זיי אזעלבע טעג שטארק געפע־לען געווען צוליעב דיא נייע ערגעגונג, וואס זיי פלעגען בריינגען.

דיא פריינדשאפט צווישען סאטין און נאנא איז געווארען אזוי גרויס, אז זיי האבען איינע אהן דער צווייטער ניט געקענט אויסקומען, נאר סאטין האט ניט גע־קענט קומען צו נאנא אין דער היים, ווייל פאנטאן האט עס פערבאטען. נאר זיי פלעגען ביידע ארויס שפאצירען און איין מאל, ווען זיי זיינען ארויס אויף דעם שפא־ציר. האט סאטין אריינגעפיהרט איהר פריינדין צו מאדאם ראבערט, דיא זעלבע ראבערט, וואס האט אמאל ניט געוואלט קומען צו נאנא'ס סאפער.

מאדאם ראבערט האט געוואוינט אין דער רוע מאסמער, א רוהיגע גאס מיט פיינע אריסטאקראטישע הייזער, וואס זיינען אם מייסטען פערנומען פון דאמען. עס איז געווען פינף א זייגער, און איצט זיינען פערביי גאס געווען אויסגעשטעלט קארע־טען, פון וואנען עס זיינען ניך ארויסגעשטיגען באנקירע', קויפלייט און האבען גע־ווארפען א בליק אויף דיא פענסטער, וואו האכ פערשטעלט פון זיי פאר האנגען זיינען געשטאנען דאמען און, וויא עס האט געשיינט, געווארט אויף זיי.

נאנא האט אנפאנגס ניט געוואלט אריין, זאגענדיג, אז זיא קען זיך ניט מיט דער דאמע. נאר סאטין איז צו איהר צוגעשטאנען. קען מען ניט מיטנעהמען א פריינד? נעכטען האט זיא זיך בעגעגענט אין א רעסטאראן מיט מאדאם ראבערט און יענע האט איהר געבעטען, זיא זאל איהר מאכען א בעזוך. נאנא האט זיך ענד־ליך געלאזט איבעררעדען און זיי זיינען אריין.

א פערשלאפענע דיענסט-מיידעל איז זיי ארויס אנטקעגען און געזאגט, אז

דיא מאדאם איז צו הויז ניטא, נאר זיא וועט באלד קומען, און זיא האט זיי אריינגעפיהרט אין א סאלאן.

דער זאל איז געווען דונקעל טאפעצירט און האט אויסגעזעהן עכט בורזשואזיש. נאנא האט געמאכט א שפעטישע בעמערקונג וועגען דער דאמע פון דער וואוינונג, נאר דאס האט כאטינ׳ן אריינגעבראכט אין כעס און זיא האט געזאגט אז זיא קען שווערען פאר מאדאם ראבערט׳ס ארדענטליכקייט. מען האט איהר קיין מאל ניט געזעהן מיט קיין אנדערע אויסער וויא מיט עלטערע לייט. וואס האבען איהר געפיהרט אונטער׳ן ארם. איצט איז זיא געווען מיט אן אלטען הענדלער פון שאקאלאד און ער קומט צו איהר נים אריין אונגעמעלדעט און רופט איהר „מיין קינד.“

— דאס איז זיא! האט סאטין געזאגט, ווייזענדיג אויף א פארטרעט איבער׳ן קאמין.

נאנא האט אויפמערקזאם בעטראכט דעם פארטרעט. וואס האט פארגעשטעלט א ברונעטע פרוי מיט א לאנגליכען געזיכט און מיט אן איינגעהאלטענעם שמייכעל, און זיא האט אויסגעזעהן וויא א דאמע פון דער בעסטער געזעלשאפט.

— מיר שיינט, אז איך האב איהר שוין ערגעץ געזעהן, נאר געוויס ניט אין אן אנשטענדיגען פלאץ.... יא, יא, דער פלאץ איז געווען ניט קיין אנשטענדיגער.

נאנא האט זיך געווענדט צו סאטין.

— זיא האט דיך געבעטען קומען. צו וואס דארף זיא דיר?

— ווייס איך? אט פלוידערען א ביסעל.

נאנא האט א ווארף געטהאן א שארפען בליק אויף סאטין. דאן האט זיא מיט דער צונג ארויסגעלאזט א פעראכטליכען קלאנג און געזאגט, אז נאך אלעמען געהט איהר דאס נאר ווייניג אן, און אזוי וויא די דאמע איז אזוי גיך ניט געקומען זיינען זיי אוועק א היים.

אויפ׳ן צווייטען טאג האט פאנטאן געזאגט צו נאנא, אז ער וועט ניט קומען צו מיטאג, און נאנא איז אוועק צו סאטין און פארגעשלאגען איהר זיי זאלען געהן ערגעץ עסען א גוטען מיטאג. זיי האבען בעשלאסען צו געהן צו לאאור, וואו מען האט געקענט קריגען א דינער פאר דריי פראנק. זיי זיינען אנגעקומען מיט צוואנציג מינוט צו פריה און האבען זיך געזעצט אין דעם זעלבען זאל, וואו לאאור איז געזעסען פאר דער קאנטארקע.

לאאור דיא ווירטהין, איז געווען א פרוי פון א יאהר פופציג, זעהר א פעטע און שטארק פערצווינגען אין א קארסעט. דיא פרויען, וואס זיינען אהער געקומען

עסטען, האבען איהר אלע נעקוסט איידער זיי האבען זיך נעזעצט אויף זייערע פלעצער. באלד איז דא נעווארען פול פון א הונדערט שטענדיגע קונדען. זיי זיינען כמעט אלע געוועזען פרויען און אם מייסטען זיינען זיי שוין געוועזען איבער פערציג. מיט שלעכטע נעזיכטער און אויסגעמאטערטע אויגען. צייטענווייז האט זיך דא אויך אריינגעמישט א יונגע פיגור מיט אן אונשולדיגע נעזיכט אונטער דיא פרעכע מאַנערען. דאס זיינען געוועזען אנפאנגער אין אויסגעלאסענהייט, וואס זיינען אהער געבראכט נעווארען פון לאאור׳ס עלטערע קונדען, כדי צוגעבען איהר חשק דיא עלטערע לייט, זיי זאלען אהער קומען. דיא מענער, וואס זיינען אהער געקומען זיינען געווען אלט. צווישען זיי אלעמען האבען . זיך נאר געפונען פיער יונגע לייט, וואס זיינען געקומען אהער צו האבען א ביסעל שפאס.

נאנא און סאטין האבען נעגעסען מיט פערגניגען. אנפאנגס איז נאנא געוועזען אונרוהיג זיא האט מורא נעהאט, זיא זאל דא ניט טרעפען אלטע בעקאנטע, נאר אזוי וויא אלע זיינען דא געוועזען איהר פרעמד, האט זיא זיך באלד בערוהיגט. אין זאל איז אריין מאדאם ראבערט, וועלכע האט אויך א קוס געטהאן לאאור. דאס האט נאנא זעהר פערוואונדערט, זיא האט עס ניט ערווארטעט.

מאדאם ראבערט האט זיך ארומגעקוקט איבער׳ן זאל און האט דערזעהן סאטין. זיא איז גלייך צו איהר צוגעגאנגען און האט אויסגעדריקט איהר לייד, וואס זיא האט איהר נעכטען ניט געטראפען אין דער היים. פון זעצען זיך האט זיא זיך אבגעזאגט, ווייל ביי איהר איז שוין געוועזען נאך דינער. זיא האט איהרע הענד אנגעשפארט אן סאטינ׳ס אקסלען און געזאגט מיט א שמייכעל.

זאג מיר, ווען וועסטו ווידער קומען .. אויב דוא ביזט פריי.

נאנא האט מעהר ניט געקענט הערען. דאס געשפרעך האט איהר שרעקליך נעערגערט און איהר האט זיך נעגלוסט צו זאגען עפעס דיזער אנשטענדיגער פערזאן. נאר פלוצים זיינען אריין אין זאל עטליכע גייע געסט און זיא איז וויא פערשטיינערט נעווארען, וויא זיא האט זיי דערזעהן, זיי זיינען געוועזען בעדעקט מיט רייכע דיאמאנטען און זיינען אהער געקומען צו עסען פאר דריי פראנק א דינער, אום נאר צו רייסען דיא אויגען ביי דיא אריַמע מיידלאך. צווישען זיי האבען זיך געפונען לוסי און בלאנד. נאנא האט אראבגעלאזט דעם קאפ און האט זיך בעשעפטיגט מיט דיא ברעקלאך אויפ׳ן טיש דיא גאנצע צייט, וואס זיי האבען נערעדט מיט לאאור, ביז זיי זייגען אוועק אין אן אנדער צימער.

ווען נאנא האט ענדליך אויפגעהויבען דעם קאפ, איז זיא איבערראשט נעוואר־

רען, דערזעהענדיג דעם פלאץ נעבען איהר לעדיג און אז סאטין איז פערשוואונדען געווארען.

— וואו איז זיא הינגעקומען ? האט זיא געפרעגט.

א פעטע פרוי, וואס האט דיא גאנצע צייט געשמייכעלט צו סאטין, האט זיך צולאכט. נאנא איז אין כעס געווארען פון דעם געלעכטער און האט אויף איהר א בייזען קוק געטהאן.

— ניט איך, ניט איך, האט יענע געזאגט : דיא אנדער פרוי האט איהר פון אייך צוגענומען.

זעהענדיג, אז מען לאכט פון איהר, איז נאנא שטיל געווארען און איז א פאר מינוט לענגער געבליבען זיצען, כדי מען זאל ניט זעהן, אז זיא איז אין כעס. מעהר פון אלץ האט איהר געערגערט, וואס זיא וועט דארפען בעצאהלען פאר סאטינ'ס דינער. א שעהנע חבר'טע ! אנגעפרעסען זיך און אנטלאפען געווארען. זיא האט אפילו ניט בעדאנקט. זיא האט דיא זעקס פראנק א ווארף געטהאן לאאור'ן און איז ארויסגעגאנגען.

אין גאס האט איהר דער כעס נאך מעהר צוגענומען. זיא איז געווען זעהר אויפגעבראכט אויף מאדאם ראבערט, וואס האט געשפיעלט א „פיינע" ראלע. נאנא איז איצט געווען זיכער, אז זיא האט איהר בעגעגענט אין דעם שמוציגען שענק „שמעטערלינג", וואו מען האט איהר געקענט קויפען זעהר ביליג. און דיא דאמע מאכט דאס אזא פוריע און זאגט זיך אב פון סאפערס, אויף וועלכע מען לאדעט איהר איין. זיא שפיעלט עס דיא צנועה!

אין דיא געדאנקען איז זיא צוגעקומען צו איהר וואוינונג און איז שטארק פערוואונדערט געווארען, ווען זיא האט דערזעהן ליכט אין איהרע פענסטער. פאנטאן איז געקומען אהיים בייז, ווייל ער האט אויך געמוזט בעצאהלען פאר א פריינד'ס א מיטאג ; ווען יענער האט זיך פריהער ארויסגעשלאגט. זיא האט ערווארטעט איהם ערסט נאך האלבע נאכט און האט איצט מורא געהאט פאר קלעפ, פאר וואס זיא איז ניט געזעסען אין דער היים. זיא האט איהם ניט געוואלט זאגען, אז זיא איז געגאנגען מיט סאטין און האט איהם געזאגט אז זיא איז געווען מיט מאדאם ווייל א אין א רעסטאראן און זיא האט אויסגעגעבען זעקס פראנק. ער האט איהר דערלאנגט א געפעפענטען בריעף פון זשארזש'ן וועלכען דיא מוטער האט נאך אלץ געהאלטען פערשפארט. ער פלעגט איהר יעדע וואך שיקען א ליעבע בריעף מיט הויכע פראזען. נאנא איז געווען ענטציקט פון דיא בריעף און פלעגט זיי פאר יעדען לייענען. אויך זיינען זיי געווען שטארק געפעלען פאנטאנען, נאר היינט ביי נאכט

האט זיא אזוי מורא געהאט פאר א סצענע, אז זיא האט דעם בריעף א וואַרף געטהאן מיט א קאנוויילינע מינע אויפ'ן טיש.

פאַנטאַן איז געשטאַנען ביים פענסטער און האט מיט דיא פינגער אויסגע־פויקט א מארש. עס איז געוועזן צו פריה פאר איהם צו געהן שלאָפען, און האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן. פלוצלים האט ער זיך צו איהר א קעהר געטהאן:

— פאר וואס זאלסטו דעם אינגעל באלד ניט ענטפערן?

אויף דיא בריעף פלעגט ער שטענדיג ענטפערן, און איז געוועזן שטאָלץ, וואס ער האָט דאָס געקענט טהאן. ער האט גענומען דעם בריעף און געלייענט אין דער הויך. נאכ'ן לייענען האט איהם נאנא שטייף ארומגענומען און געזאָגט, אז ער קען שרייבען ניט קיין ערגער בריעף פון דיא. דאס איז איהם זעהר געפעלען געווארען, און ווי זיינען ביידע באלד געוואָרען זעהר גוט אויפגעליינט.

— זעץ זיך שרייבען, האט זיא געזאגט. איך וועל דערווייל מאַכען טהיי און דערנאך וועלען מיר געהן צום בעט.

פאַנטאַן האט זיך געזעצט ביים טיש און האט אָנגעהויבען שרייבען, רעדענדיג פריהער דיא ווערטער אין דער הויך. ער האט געשריבען א שטונדע צייט און יעדעס מאָל, ווען איהם איז געלונגען נאך א ווייליע קלערען, פערשטעלענדיג דיא אויגען מיט ביידע הענד, צו געפינען א הויכע פראַזע אדער זעהר א צארטען אויס־דרוק איז ער געוועזן אויפ'ן זיבעטען הימעל פאר שמחה.

ענדליך איז ער מיט'ן בריעף געוואָרען פארטיג און האט איהם איבערגעלייענט אזוי, וויא מען לעזט אויף דער ביהנע, מאַכענדיג מיט דיא הענד. ער האָט פער־שריבען פינף גרויסע בלעטער ווענען דיא זיסע שטונדען, וועלכע זיי האבען פער־בראַכט אין מיניאט און דיא עראינערונג דערפון שמעקט איהר וויא דיא בעסטער פערפיומע. אין דעם בריעף איז געוועזן געשוואָרען אויביגע טרייהייט צו דעם פריהלינג פון איהר ליעבע און געענדיגט דערמיט, אז איהר איינציגער וואונש איז נאך א מאל דורכצולעבען יענע צייט.

— דוא ווייסט גאנץ גוט, האט פאַנטאַן איבערגעריסען זיין לייענען, אז איך שרייב דאס אלעס נאר אויס העפליכקייט. מיר ווייסען ביידע, אז דאס אלעס איז זעהר נארעש, נאר דאך קלינגט עס זעהר שעהן.

ער איז געוועזן זעהר פריילעך, נאר נאנא איז בענאַנגען א נארעשקייט ניט צו ווערען גלייך ענטציקט. זיא האט נאר געזאָגט, אז דער בריעף איז גוט געשריבען ער איז שטארק בייז געווארען און געזאגט:

— אויב דיר געפעלט ניט, שרייב אליין.

אנשטאט נעהמען זיך קוסען, וויא זיי פלעגען טהאן געוואוינליך נאך אזעלכע בריעף, האבען זיי זיך געזעצט ביי בעזונדערע עקען פון טיש און געשווינען. זיא האט איהם אנגעגאסען א גלאז טהיי.

— וואס פאר א טהיי האָסטו דערלאנגט? האט ער אויסגעשריען, וויא ער האט דעם ערסטען זופּ געמהאן. האסטו אריינגעשאטען זאלץ אין דעם?

נאנא האט געהאט דאס אונגליק א ציה צו טהאן מיט דיא אקסלען אויף דער פראגע און ער איז דערפון שרעקליך אויפגעבראכט געווארען. צווישען זיי האט זיך אנגעהויבען א שרעקליכע קריעג — עס איז ערסט געווען צעה; א זייגער און זיי האבען קיין אנדער זאך ניט געהאט צו טהאן. ער האט איהר אויסגערופען מיט אלע שלעכטע נעמען און ארויפגעווארפען אויף איהר יעדע מעגליכע בעשול־דיגונג און האט איהר ניט געלאזט פערענטפערן זיך. און דערנאך האט זיך אנ־געהויבען דיא פראגע וועגען געלד. האט ער אויסגעגעבען זעקס פראנק אויף עסען? ווען א פריינד וואלט פאר איהם ניט געצאהלט, וואלט ער געגעסען אין דער היים. און פאר זיך אליין איז נאך קארג צו צאָהלען, מען דארף נאך צאהלען פאר דיא אלטע פאקטערקע מארוא. ער וועט איהר ארויסשליידערען, וויא זיא וועט נאר ווייזען איהר נאז. אז יעדער פון זיי זאל אויסגעבען צו זעקס פראנק א טאָג וועלען זיי ווייט אוועק.

— איך וויל א רעכנונג פון אלעם! האט ער אויסגעשריען. ווייז מיר דאס געלד און לאמיר זעהן, וואו מיר האלטען.

זיין נאנצע שמוציגע קארגשאפט האָט אין איהם ערוואכט. נאנא האט א דערשראקענע געאיילט צו ברענגען דאס געלד, וואס זיי האבען געהאלטען אין קאמאָד. ביז איצט האבען זייביידע גענומען אזוי פיעל פון קאסטען, פיל זיי האבען בעדארפט.

וויא? האט ער אויסגעשריען, נאכדעם וויא ער האט אבגעצעהלט דאס געלד. אונז איז מעהר ניט פערבליבען וויא זיבען טויזענד פראנק פון דיא זיבעצעהן טויזענד! צעהן טויזענד פראנק אויסגעגעבען אין דריי חדשים? דאס איז אונמעגליך!

ער איז אליין אוועק צום קאמאָד און ארויסגענומען דעם שופלאד, אום איבער־צוזוכען פאר'ן ליכט נאר מעהר האט ער ניט געפונען.

איצט האט דער שטורם אויסגעבראכען.

— צעהן טויזענד פראנק אין דריי חדשים! האט ער געשריען. דאס איז שוין צופיעל! זאג וואס האסטו מיט'ן געלד געטהאן? זאג!... האסטו עס אוועקגעגעבען

רײַן סאַהמען? אדער דוא קויפסט זיך פּיעלײַכט מענער? דאס לעצטע איז מעהר צו גלויבען! זאג איך פרעג דיר!...

— איך זעה ניט, פאר וואס דוא ביזט אין כעס. מיר האבען מעהר קײן געלד ניט געקענט האבען. אונז האט אלץ געקאסט, מעבעל, וועש....

ער האט געפּאדערט פון איהר א רעכענונג, נאר הערען האט ער ניט געוואלט.

— יא, צו גיך איז דאס געלד אוועק, האט ער געזאגט אביסעל רוהיגער. דיא שותפשע בעל הבתישקייט האט מיר דערעסען.... דוא ווייסט, אז דיא זיבען טויזענד פראנק זײַנען מײַנע און איך וועל זיי האלטען בײַ זיך. איך זעה, אז דוא ביזט א פערשווענדערין, און וועל זיך צוליעב דיר ניט רואינירען. יעדער האט איצט זײַנס.

ער האט דאס גאנצע געלד אַרײַנגעלעגט צו זיך אין טאש. און האט ווייטער גערעדט:

— איך בין ניט אזא נאר אויסצוהאלטען פרעמדע קינדער און טוהמעס. דיר געפעלט אויסצוגעבען דײַן געלד — טהו וויא דוא פערשטעהסט. מײַן געלד אָבער הייסט „ריהר־מיך־ניט־אָן“. ווען דוא וועסט צונרײַטען א סאַפּער וועלען מיר זיך אויסרעכענען, און איך וועל דיר אבצאהלען מײַן העלפט.

ביז יעצט האט נאנא איהם אנגעקוקט פערוואונדערט. נאר דיא לעצטע ווערטער האבען איהר פערדראסען:

— דוא, שמוציגער שווײַן, האסט אבער געקענט מײַנע צעהן טויזענד פראנק אויפפרעסען....

ניט ענטפערענדיג איהר אויף דעם, האט ער איהר דורך דעם טיש דערלאנגט א פּאַטש און געזאגט:

— זאג דאס נאך א מאל!

ניט קוקענדיג אויפ׳ן פּאַטש, האט זיא עס ווידערהאלט און ער האט זיך אויף איהר ארויפגעוואָרפען מיט דיא הענד און מיט דיא פיס.

געענדיגט האט זיך זייער קריעג, וויא שטענדיג: זיא האט זיך אויסגעטהאן, און איז ווײנענדיג ארײַן אין בעט.

ער האט זיך אויך באלד גענומען אויסטהאן און האט בעמערקט אויפ׳ן טיש דעם בריעף, וואס ער האט געשריבען צו זשארזש. ער האט איהם אויפגעלעגט און געזא׳ט מיט כעס:

— דער בריעף איז זעהר גוט; איך וועל איהם אליין אוועקשיקען, און השר אויף צו יאמערען, דאס רײַצט אויף מײַנע נערווען.

נאנא האט איינגעהאלטען איהר וויינען און ווען ער איז אויך אריין אין בעט האט זיא זיך מיט א יאמער געווארפען איהם אויפ'ן ברוסט. אזוי האבען זיך שטענדיג געענדיגט דיא שטירמישע סצענען. זיא האט מורא געהאט צו פערלירען איהם. ער האט איהר צוויי מאל אבגעשטויסען פון זיך, נאר איהרע ווארעמע לאס־קעס האבען איהם ווייבער געמאכט. ער האט זיך געלאזט קוסען, נאר פלוצים איז איהם איינגעפאלען א געדאנק, אז זיא מיינט מיט דיא לאסקעס ארויסצוקריגען פון איהם דעם שליסעל פון קאמאד און האט געזאגט.

— איך האב דאס געמיינט ערנסט, דאס געלד בלייבט ביי מיר.

— יא, יא, האב קיין מורא ניט, איך וועל ארבייטען, האט זיא געזאגט און איז איינגעשלאפען אויף זיין האלז.

פון דיזען אבענד האבען זיך דיא סצענען אנגעהויבען עפטער און אין שטוב האט גערעגענט מיט קלעפ. נאר דאס האט איהר ניט געשאדט, זיא איז אונטער דיא קלעפ געווארען אלץ שעהנער. פרוליע איז צו איהר איצט צוגעשטאנען מעהר וויא אלע מאל. ער פלעגט קומען ווען פאנטאן איז צו הויזע ניט געווען, נאר ווען ער פלעגט איהר וועקען ארומנעהמען, פלעגט זיא רויט ווערען פאר כעס און זאגען, אז עס איז א שאנדע, וואס ער וויל אבנארען זיין פריינד. דאס האט איהם ארויס־געבראכט פון זיך און ער האט געזאגט, אז זיא ווערט וואס ווייטער אלץ נארעשער און ער וייס ניט, וואס זיא געפינט אין דער מאלפע מיט דער גרויסער ציטערנדיגער נאז. ער וועט איהר נאך דער'הרג'ענען צום טוידט.

— עס קען זיין, נאר איך ליעב איהם אזוי, וויא ער איז.

באסק פלעגט קומען צו זיי עסען אזוי אפט וויא מעגליך, און דערפאר ארייינקלויבען זייער גוט לעבען. ווען ביים טיש פלעגט פאנטאן געבען א קלאפ נאנא, האט ער זיך דערפון געמאכט ניט וויסענדיג און האט ווייטער געגעסען רוהיג, וויל ער האט עס געפונען גאנץ נאטירליך.

אמאל אין אבענד האט ער איהר געטראפען זעהר פערוויינט זיא האט אויס־געטהאן איהר קאפטע און געוויזען איהם איהרע ארעמס און אקסלען, וויא זיי זיינען געווען שווארץ און בלוי. ער האט אויף דעם געענטפערט מיט א רוהיגען טאן.

— וואו ווייבעד זיינען, דארטען זיינען פאראן קלעפ. איך גלויב אזוי האט געזאגט נאפאלעאן.... וואש זיך ארום מיט זאלץ וואסער. זאלץ־וואסער איז דערצו זעהר גוט, דוא האסט זיך ניט וואס צו קלאגען, כל זמן דיינע ביינער זיינען גאנץ. דוא וועסט נאך קריגען מעהר, און לאז מיך בעסער איין צוויי געבראטענס, וואס דוא מאכסט.

מאדאם לערא איז ניט געווען אזוי פיקאָזאָפיש געזאָגען, זיא פלעגט זיך צו שרייען, ווען זיא פלעגט דערזעהן נאנא'ס בלויע צייכענס. אין דער ווירקליכקייט אָבער איז זיא געווען אין כעס אויף פאָנטאַן, וואס ער האט איהר ארויסגעוואָרפען און פערבאָטען איהר צו קומען אין זיין הויז. וויא ער פלעגט קומען, פלעגט זיא אנטלויפען דורך דער קיך. זיא האָט געזאָגט, אז ער ווייס ניט, וויא צו בענעהן זיך מיט אנשטענדיגע פרויען.

— איך רעד ניט פון זיך, פלעגט זיא זאָגען. נאָר וויא קענסטו עס אריבער-טראגען? איך ווייס ניט, ווער זיין מאמע האט געדארפט זיין, זיא האט געמוזט זיין זעהר א נידריגע פערזאָן. איך האב דיך שטענדיג געלערנט דיא בעסטע זיטען און, א דאנק גאט, אין אונזער גאנצע פאמיליע זיינען אלע אנשטענדיגע לייט.

נאנא האָט אויף דעם נאָר ניט געענטפערט און האָט נאָר אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ.

— אמאָל האסטו געהאט בעקאַנטשאַפט מיט דיא שעהנסטע לייט, האָט דיא מוהמע ווייטער גערעדט. איך האב נעכטען גערעדט מיט זאָע, זיא קען דיך בשום אופן ניט פערשטעהן. „וויא קומט עס" זאָגט זיא, „אז דיא מאדאם, וועלכער דער גראף פלעגט פאָלגען, ווען זיא פלעגט נאָר א ווינק טהאָן מיט'ן אויג, זאָל זיך לאָזען שלאָגען פון א קאָמעדיאַנט, פון אן איבערקרימער?" איך האב איהר געענטפערט, אז דיא קלעפּ קען מען נאָך אריבערטראָגען, נאָר זיין אונהעפליכקייט וואָלט איך ניט געקענט איבערטראָגען. איך וואָלט איהם ביי דער ערסטער שווייַנעריי זיינער גלייך אוועקגעוואָרפען.

— מוהמע, איך ליעב איהם אבער!

אין אמת'ן אבער האט איהר פיינדשאַפט געגען פאַנטאַן געהאַט נאָר אן אנדער ווארצעל. זיא האט געזעהן, אז נאָר ער איז שולדיג, וואס נאנא און זיא און לואי באדען זיך ניט אין גאלד. און דעריבער האט זיא איהרע רייד געענדיגט מיט א שטרענגען טאָן:

— עס וועט קומען א צייט, ווען פאַנטאַן וועט פון דיר אראָבשינדען דיא הויט און דוא וועסט קומען צו מיר קלאַפּען אין טהיר, און איך וועל דיך אריינלאָזען.

נאנא איז וואס ווייטער אלץ מעהר אריין אין גרעסערע געלד-פערלעגענהייטען. אנפאנגס נאך דער סצענע מיט דיא געלד, האט ער איהר איבערגעלאָזט דריי פראנק א טאג און האט דערפאר געשטעלט גרויסע פאדערונגען, קיין זאך איז פאר איהם ניט געווען צו גוט אדער צו טהייער, און ווען זיא האט געזאגט, אז זיא קען דעם גאנצען מארק ניט איינקויפען פאר דעם געלד, האט ער איהר גערופען פער-

שוועגדערין און בהמה, פאר וואס זיא לאזט זיך פון אלעמען נארען און האט איהו אנגעזאגט, אז ער וועט נעהן זוכען ערגעץ אנדערסוואו צו עסען.

אין דעם פערלויף פון א מאנאט האט ער זעהר אפט אנגעהויבען צו פערגעסען איבערצולאזען דיא דריי פראנק. זיא האט זיך עלויבט צו דערמאנען איהם וועגען דעם, נאר ער פלעגט איהר דערנאך אזוי זויער מאכען דאס לעבען, אז זיא האט אויפגעהערט צוווארטען אויף זיין געלד. ווען ער פלעגט געפינען א גוטען מיטאג, ניט איבערלאזענדיג קיין געלד, פלעגט ער ווערען זעהר ווייך און צערטליך צו נאנא, און עס איז געקומען דערצו, אז זיא איז געוועזען גליקליך, ווען ער האט איהר קיין געלד ניט איבערגעלאזט.

אמאל האט זיא איהם צוריקגעגעבען זיינע דריי פראנק, זאגענדיג, אז איהר איז נאך פערבליעבען געלד פון געבטען ער האט זיך א ווייל נעוואונדערט, גערענקענדיג, אז ער האט איהר געבטען אויך ניט איבערגעלאזט קיין געלד, נאר זיא האט אויף איהם געקוקט מיט אזעלכע צערטליכע און פערליעבטע אויגען, אז ער האט צוריק אריינגעלעגט דאס געלד אין טאש מיט דעם נערוועזען ציטער פון א קארגען, וואס געפינט דיא סומע, וועלכע ער האט שוין גערעכענט פאר פערלארען.

פון דעם טאג אן האט איהם שוין מעהר ניט געארט פאר'ן הויז און ער פלעגט זיין שטארק אויפגעבראכט ווען ער האט געפונען אין דער היים א דינער פון קארטאפעל, און זיין זעהר פרייליך ביי א גוטען מיטאג. נאר דאס האט איהם ניט געשטערט פו צייט צו צייט איהר צו שלאגען.

נאנא האט אויסגעפונען דיא מיטלען צו שפייזען דיא הויז. עס זיינען געוועזען טעג, ווען אין עסענווארג איז געוועזען אן איבערפלוס און באסק פלעגט זיך צוויי מאל א וואך פערדארבען דעם מאגען פון איבערעסען זיך. איין אבענד האט לערא בעמערקט, אז אין קיך ווערט צוגעגרייט א רייכער סאפער און פון כעס וואס זיא וועט איהם ניט עסען, האט זיא געפרעגט ביי נאנא:

— ווער בעצאהלט דערפאר?

נאנא איז געוועזען איבערראשט פון דער פראגע. זיא האט אנפאנגס געשוויגען און דערנאך זיך צואויינט.

— אזוי! האט דיא מוהמע געזאגט. דאס איז זעהר שעהן!....

אמאל ווען פאנטאן איז אוועק פון שטוב אונצופריעדען מיט'ן עססען, האט זיא אויף דער גאס בעקענט דיא מאדאם טריקאן. יענע האט געהאלטען אין זוכען דאמען און נאנא האט געזאגט „יא". אזוי וויא פאנטאן איז קיין מאל ניט צוריקגעקומען פאר זעקס א זייגער אבענד האט זיא דיא גאנצע צייט פון נאכמיטאג געהאט פאר

זיך, און זיא האט יעדען טאג געבראכט פון פיערציג ביז זעכציג פראנק און אמאל מעהר. זיא האט זיך נאך געלד ניט געיאגט און האט נאר געוואלט האבען אזוי פיעל, וויא עס איז נויטהיג צו פיהרען דיא הויז.

איהרע פערדינסטען צו פיהרען דיא הויז האבען איהר ווידער אריינגעווארפען אין דעם אלטען שמוץ פון איהר יוגענד, ווען זיא פלעגט ארויסלויפען אין איהרע פאנטאפיעל צו פערדיענען א פראנק.

איין זונטאג אין דער פריה האט זיא בעגעגענט אין נאס סאטין און האט איהר אנגעהויבען צו זידלען, פאר וואס זיא איז אנטלאפען געווארען מיט מאדאם ראבערט, נאר זיי האבען זיך באלד איבערגעבעטען. נאנא האט זיך אין דער צייט שטארק גענויטהיגט אין געלד און ווען טריקאן איז צו איהר ניט געקומען, וואס האט פאסירט זעהר אפט, האט זיא ניט געוואוסט, וואס צו טהאן מיט איהר קערפער. דאן האבען זיך אנגעהויבען איהרע וואנדערונגען מיט סאטין איבער דיא שמוציגע געסלאך אונטער דיא דונקעלע לאמטערנעס נאנא האט ווידער אויסגעזוכט דיא שענקען אונטער דער שטאדט, וואו זיא האט אנגעהויבען איהר קאריער פון אויסגעלאסענהייט. זיא האט ווידער געזעהן דיא דונקעלע ווינקלען פון דיא בולווארען, וואו מענער פלעגען איהר ארומנעהמען נאך איידער זיא איז אלט געווען פופצעהן יאהר און פון וואנען דער פאטער פלעגט איהר מיט קלעפ אין הינטערן שלעפען א היים. זיא איז איצט מיט סאטין געגאנגען איבער אלע קאפע-הייזער און טאנץ-פלעצער אין דיא פערוואָרפענע קווארטאלען אָדער ארומגעשפאצירט איבער דיא נאסען הין און צוריק און אָבגעשטעלט זיך ביי דיא טהויערען און געווארט. סאטין, וואָס האָט אָנגעהויבען איהר געפאלענעם לעבען אין לאטינער קווארטאל, האָט איהר אָנגעהויבען צו שלעפען אהין, נאָר באלד האָבען זיך אָנגעהויבען וואקאציעס, דיא סטודענטען זיינען זיך צופאָהרען, און זיי האָבען זיך ווידער אומגעקעהרט צו דיא גרויסע בולווארען. אזוי האָבען זיי דורכגעוואנדערט דיא גאנצע שטאָדט: אין רעגען האָבען זיי זיך ארומגעשלעפט ביז דיא קנעבעל אין בלאָטע און אין דיא הייסע נעכט האָבען זיך דיא קליידער געקלעבט צום לייב. אויף דיא טראטוארען האָט מען זיי געשטופט און געשטויסען און פון צייט צו צייט איז זיי געלונגען אריינצושלעפען א דורכגעהער אין א בילינען האָטעל, פון וואנען זיי פלעגען זיך אומקעהרען אונצופריעדען און מיט קללות.

עס איז שוין באלד געווען סוף זומער. נייז א זיינער אבענד פלעגען זיי ביידע ארויסגעהן ביז א געוויסען פלאץ האָבען זיי נאָך געהאלטען דיא שלעפעס אונטערגעהויבען און זיינען געגאנגען שטיל, דערנאָך האָבען זיי דיא שלעפעס אָבגעלאָזט

און גענומען מארשירען אין שטויב אין שמוץ. פערביי דיא קאפע-הייזער האבען זיי געמענען נעהן יאנגזאמער, קוקען אהינטער און לאכען. פון צייט צו צייט פלעגען זיי אריין אין א קאפע-הויז און לאזען זיך טראקטירען פון יעדען איינעם און זיי זיינען געווען צופריעדען, וואס זיי האבען דיא מעגליכקייט צו זיצען א ווייכע און פערטרייבען דיא צייט, ביז דאס טהעאטער וועט זיך ענדיגען. נאר אויב זיי האבען קיינעם ניט דערטאפט ביז נאך האלבע נאכט, איז זייער יאגד געווארען אן ערביטערטער. צווישען דיא בוימער פון דיא האלב-לעדיגע בולווארען האט זיך אנגעהויבען א דינגעניס מיט דיא מענער. עס האבען זיך געשאטען קללות און קלעפ און ווען דיא בולווארען זיינען געווארען לעדיג, האבען זיי זיך געשטופט צו דיא בעלויכטענע רעסטאראנען דאס איז געווען דער לעצטער לעבעדיגער ווינקעל אין דעם נאכטליכען פאריז, דער לעצטער אפענער מארק פאר'ן האנדעל.

דיא אבענדען, וואס זייער ארומיאגענים האט נאר ניט איינגעבראכט, האבען זיי זיך געקריגט צווישען זיך. נאר צייטענווייז האבען זיי געהאט אויך גוטע אבענדען. ניט זעלטען האבען זיי געקריגען גאנצע הונדערט פראנק שטיקע פון הערען, וואס האבען זייערע ארדענס אריינגעלעגט אין טאש.

פאר דער העכערער קלאסע האט סאטין אביסעל מורא געהאט, ווייל דיא פיינסטע הערען זיינען געווען דיא עקעלהאפסטע און זייערע קומשערס זיינען פיעל אנשטענדיגער וויא זיי. דיא ניעדעריגקייט פון דיא פארנעהמע הערען האט נאנא איבערראשט און סאטין האט איהר פריי געמאכט פון איהרע פאראורטהיילע, וואס זיא האט געהאט וועגען דער לייטעשקייט פון דער העכערער וועלט.

— אזוי! איז נאר קיין ארדענטליכקייט ניטא אויף דער וועלט, האט נאנא געזאגט אין איהרע ערנסטע מאמענטען. פון אויבען ביז אראב וואלגערט מען זיך אין שמוץ. שעהנע זאכען געהען צו אין פאריז פון ניין א זייגער אבענד ביז דריי אין דער פריה. און עס וואלט געווען א שעהנע קארטינע, ווען מען זאל קענען אבדעקען אלע דעכער פון פאריז מיט אמאל.

און א דאנק סאטין איז נאנא'ס ערציהונג געווארען פאלקאמענער.

איין אבענד, געהענדיג צו סאטין, האט נאנא דערקענט דעם מארקיז שואר אויף דיא טרעפ. ער איז ארונטערגענאנגען א בלייכער מיט ציטערענדע קניע. זיא האט פערשטעלט דאס געזיכט מיט'ן טיכעל, כדי ער זאל איהר ניט דערקענען. אויבען האט זיא געטראפען סאטין וואלגערען זיך אין שמוציגען בעט. דאס צימער איז שוין אכט טאג ניט געווען אויפגעראמט.

— דוא קענסט דעם מארקיז? האט נאנא געפרעגט פערוואונדערט.

— אָ, איך קען איהם שוין לאַנג דעם אַלטען שוויין. ער איז אונערטרעגליך ·
מעהר פון אַלץ האָט נאַנא געשראָקען, וואָס סאַטין האָט איהר דערצעהלט וועגען דער פּאָליציי. זיא האָט שוין אַמאָל געלעבט מיט אַן אַגענט, וואָס גיט אַכטונג אויף מאָראַל, אום אויסצודרייען זיך פון זייערע הענד, און ער האָט איר טאַקע צוויי מאָל אַבגעראַטעוועט. איצט איז זיא אין איין מורא, ווייל אויב מען וועט איהר נאָך אַמאָל כאַפּען, איז זיא קאַפּוט. דיא אַגענטען קריגען אַ בעלוינונג און כאַפּען אַזוי פיעל פרויען, פיעל זיי קענען נאָר. זיי ווערען אין דעם געשטיצט פון דער פּאָליציי און כאַפּען פון צייט צו צייט אריין אַן ארדענטליכע פרוי. נאָר זיא קען זיי שוין גוט, זיא ווייס אַלע זייערע פּלעצער און היט זיך פאַר זיי וויא פאַר פייער.
נאָך מעהר האָט זיא מורא פאַר אַ מסירה. איהר ליעב-האָבער, דער לעקאַך-באַקער איז געוועזען אַזוי געמיין, ווען ער איז פון איהר אַוועק, אַז ער האָט איהר געזאָגט, ער וועט איהר איבערגעבען צו דער פּאָליציי און עס זיינען דאָ אַ סך מענער, וואָס צווינגען דיא פרויען דורך דראָהונגען זיי אויסצוהאַלטען. ווייטער געפינען זיך צווישען דיא פרויען אַליין אַזעלכע, וואָס מסר'ען אויס קנאה, פאַר וואָס דיא צווייטע האָט אַ שעהנערען געזיכט.
נאַנא האָט זיך צוגעהערט צו דיא אַלע געשיכטען מיט שרעק. זיא האָט פון אויבינג אַן געציטערט פאַר'ן געזעץ, פאַר דיזער אונבעקאַנטער מאַכט פון דיא מענער, וואָס קען איהר פערלייכטען און קיינער אין דער וועלט זאָל זיך פאַר איהר קענען אָננעהמען. איהר פאַנטאַזיע האָט איהר געמאַלט, וויא מען שלעפּט איהר פאַר דיא האָר איבער דיא גאַסען, און מען פיהרט איהר צום פערהער און מען זוכט איהר אונטער. איבערהויפּט האָט איהר געשראָקען דיא אונטערזוכונג.
איין סעפּטעמבער אַבענד, ווען זיא האָט ארומגעשפּאַצירט מיט סאַטין איבער אַ בולוואַר, האָט סאַטין פּלוצים אָנגעהויבען צו לויפען און געשריען צו איהר:
— אַנטלויף געשווינד! דיא אַגענטען! דיא אַגענטען!....
עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ משוגע'נער געלאַף, קליידלאַך זיינען געפלויגען און פיעלע זיינען צוריסען געוואָרען. עס איז געוואָרען אַ שטופּעריי און געשריי. איינע איז אַנידערגעפאַלען. דער רינג פון דיא אַגענטען איז אַלץ געוואָרען שמאָלער און שמאָלער. דיא ביישטעהענדע האָבען געלאַכט מיט אַ גראָבען געלעכטער. נאַנא האָט דערווייל פערלאָרען סאַטין פון דיא אויגען; זיא האָט אָנגעהויבען צו ציטערן און וואָלט געוויס אַרעסטירט געוואָרען, נאָר פּלוצים איז צו איהר צוגעלאָפען אַ מאַן, האָט איהר גענומען אונטער'ן אָרם און צוגענומען איהר ביי דיא אַגענטען פון אונטער דער נאָז. דער מאַן איז געוועזען פּרוליע. ער האָט איהר דערקענט צווישען

די נעיאנטע און איז צו איהר צונעלאפען אבצוראטעווען איהר. ער איז מיט איהר אריבער אין א זייטיגע גאס, וואס איז איצט געווען גאנץ לעדיג. זיא האט זיך קוים געהאלטען אויף דיא פיס פון שרעק און ער האט איהר נעמוזט שטיצען, זיא זאל ניט פאלען. זיא האט אפילו ניט געהאט גענוג קרעפטען איהם צו בעדאנקען׳

— דוא מוזט זיך אביסעל אברוהען, האט ער געזאגט. קום ארויף צו מיר; איך וואוין דא ניט ווייט.

— ניין, ניין; האט זיא געענטפערט־

— מיט אלעמען יא און נאר מיט מיר ניט, האט ער געזאגט. מיט וואס בין איך דאס אזוי זינדיג?

— ווייל איך מאר ניט.

זיא האט געמיינט, אז מיט דעם האט זיא שוין אלץ געזאגט. זיא האט פאנטאנען צו שטארק ליעב געהאט, אז זיא זאל איהם נארען מיט זיינע פריינד. „יענע" האט זיא ניט גערעכענט, ווייל דאס האט זיא געטהאן פון נויט.

פרוליע, אלס שעהנער מאנספערזאן, האט זיך געפונען בעליידיגט פון נאנאס ענטפער און האט צו איהר געזאגט:

— טהו וויא דו פערשטעהסט; איך געה מיט דיר מיט מוט און קריך ארויס פון דער בלאטע, וויא דוא קענסט.

און ער האט איהר איבערגעלאזען אליין. זיא איז ווידער פול געווארען מיט שרעק. זיא האט אנגעלענט א סך וועג אום צו דערגרייכען א היים און האט זיך געהאלטען אין דעם שאטען פון דיא הייזער, און ווען א מאנספערזאן איז איהר ענטקעגנען געקומען איז איהר דאס בלוט איינגעפאלען.

אויף מארגען נאך ניט אין גאנצען ערוואכט פון דיא נעכטיגע שרעקען איז זיא געגאנגען צו איהר טאנטע לערא. אויפ׳ן וועג האט זי בעגעגענט לאבארדעט. אנפאנגס האבען זיי ביידע ניט געוואוסט, וואס צו זאגען. נאר באלד איז לאבארדעט געקומען צו זיך און האט איהר אויסגעדריקט זיין פרייד, וואס ער האט איהר בעגעגענט און דערצעהלט איהר, וויא אלע בענקען נאך איהר. דערנאך האט ער איהר געגומען לייענען א שטיק מוסר:

— איך וועל דיר זאגען אפען אז דיין אופפיהרונג איז זעהר א נארעשע. מען קען נאך בעגרייפען א פערנארטע ליעבע, נאר איבערגעבען זיך צו איינעם מיט לייב און זעלע און קריגען דערפאר קלעפ, דערצו דארף מען שוין זיין איך ווייס אליין ניט וואס.... וואס ווילסטו קריגען א מעדאל פאר צניעות?

נאנא איז געשטאנען דיא גאנצע צייט א צומישטע, נאר נעט ער האט איהר

דערצעהלט, וויא ראָזע האט איצט פעררייסען דיא נאָז ווייל זיא האט געקריגען טופפא, האבען איהרע אויגען א בליץ געטהאן:

— אח, ווען איך זאָל נאר וועלען, האט זיא א מורמעל געטהאן.

אלס גוטער פריינד האט ער איהר אָנגעבאטען צו זיין א פערמיטלער צווישען זיי, נאר זיא האט זיך דערפון אבגעזאגט. דאן האט ער איהר געפרובט געהמען פון אן אנדער זייט: ער האט איהר דערצעהלט, אז באָרדענאוו האלט איצט ביים אויפפיהרען א נייע שטיק, וואו עס איז פאראן א פראכטפאלע ראָלע פאר איהר.

— וויא? א שטיק, וואו עס איז פאראן א ראלע פאר מיר! האט זיא אויס־גערופען. אבער ער שפיעלט דאך אין דער שטיק און ער האט מיר נאר ניט גע־זאָגט דערפון.

זיא האט פאָנטאָנ׳ס נאָמען ניט געוואלט דערמאנען, נאר באלד האָט זיא זיך בערוהיגט און געזאָגט:

— איך וויל מעהר אין טהעאטער ניט שפיעלען.

לאבארדעט האט איהר ניט געגלויבט און ער האט עס ארויסגעוויזען מיט א שמייכעל. ער האט ניט אויפגעהערט צו רעדען מיט איהר וועגען טהעאטער און געזאָגט איהר, אז זיא זאָל נאר אננעהמען א ראָלע און ער וועט שוין טופפא ברענגען אויף אלע פיער צו איהר

— ניין! האט זיא געענטפערט ענערגיש און איז פון איהם אוועק.

ווען זיא איז געקומען אהיים, האט זיא אָנגעהויבען אויסצופרעגען פאָנטאָנען וועגען דער נייער שטיק. פאר וואָס האָט ער איהר ניט געזאגט וועגען דער נייער ראָליע?

— וואס פאר א ראליע? האט ער אויפגעברויזט. דוא מיינסט דאך ניט דיא ראליע פון דער גרויסער דאמע, וואס קומט דארטען פאר!.... מיינסטו! טאקע, אז דוא האסט טאלאנט?.... דיא ראליע וואלט דיך אין דער ערד ארייננעלעגט.

זיא האט זיך געפיהלט שרעקליך בעליידיגט. דעם גאנצען אבענד האט ער פון איהר געלאכט, נאר וואס מעהר ער איז איהר אויפ׳ן קאָפּ געקראָכען, האט ער זיך אלץ מעהר אונטערגענעבען. צייט זיא האט זיך ארומגעטריבען מיט פרעמדע מענער, האט זיא איהם נאך מעהר ליעב געהאט, און מיט איהר ליעבע האט זיא איהם געמאכט נערוועז און אויפגעוועקט אין איהם א ווילדען האס. ווען באָסק פלעגט איהם אויסרעדען, פלעגט ער ווערען שרעקליך אויפגעבראכט און אנהויבען צו שרייען. איהם אַרט ניט פאר איהר און פאר איהרע גוטע מיטאגס און ער וועט זיינע זיבען טויזענד פראנק אוועקגעבען א צווייטער.

אין אבענד ווען נאנא איז א היים געקומען א זייגער עלף, האָט זיא געפונען דיא טהיר פערשפּאַרט, נאר אינערוויינינ האט זיך געזעהן א ליכט, און זיא האט געהערט, וויא פאַנטאַן דרייט זיך ארום. זיא האט שטיל אָנגעקלאַפּט, נאר קיינער האט ניט געענטפערט. זיא האט געקלאפּט ווייטער און האט מיט בעס געהייסען עפענען. ענדליך האט זיך דערהערט פאַנטאַנס שטימע.

— דירנע! האט ער געזאגט.

זיא האט אנגעהויבען צו קלאפּען מיטביידע פויסטען.

— דירנע! איז געווען דער איינציגער ענטפער פון אינערוויינינ.

זיא האָט געקלאַפּט מיט אַלע קרעפטען און האָט שיער דיא טהיר אויפגעבראכען.

— דירנע!

א גאנצע פערטעל שטונדע האט זיא געקלאפּט און האט אלץ בעקומען דעם זעלבען ענטפער. פּלוצים האט זיך דיא טהיר געעפענט און פאַנטאַן האט זיך בעוויזען אויפ׳ן שוועל מיט צונויפגעלעגטע ארמען און האט געזאגט:

— וועט איהר ענדליך אויפהערען! וואס ווילט איהר דא? געהט אייך אוועק און לאזט אונז שלאפען. איהר זעהט דאך, אז איך האב עמידען ביי זיך.

אין דער ווירקליכקייט איז ער ניט געווען אליין. ביי איהם איז געווען דיא נייע אַקטריסע מיט דיא פלאַקסענע האר. זיא איז שוין געווען אין איין העמד און האט זיך געפיהלט וויא ביי זיך אין דער היים אין דער דירה, וואס נאנא האט איינגעריכטעט פאַר איהר געלד. פאַנטאַן איז צו איהר צוגעגאנגען אויף א טריט נעהנטער, האט אויסגעשפּרייט זיינע לאַנגע און ביינינע פינגער און געזאגט:

— געה אוועק מיט גוטען, אז ניט וועל איך דיך דא דערשטיקען.

איצט האָט נאנא אויסגעבראכען אין א געוויין און איז ארויסגעלאָפען אין איין שרעק. דאָס מאָל איז דאָס געווען זיא, וועמען מען האט ארויסגעוואָרפען. אין איהר בעס האט זיא זיך פּלוצים דערמאָנט אָן דעם גראף, נאר ניט פאַנטאַן האָט זיך מיט איהר געדארפט אָבּרעכענען פאר מופּפאַ.

ווען זיא איז ארויס אין גאס, איז איהר ערסטער געדאנק געווען צו געהן צו סאטין און איבערנעכטיגען ביי איהר, אויב זיא האט ניט ביי זיך קיינעם. זיא האט געטראָפען סאטין שטעהן פאר דער טהיר פון איהר וואוינונג. דער ווירט פון הויז האט איהר וואוינונג פערשלאסען און איהר ניט אריינגעלאזט. זיא האט זיך געשאלטען און געשריען, אז ער האט קיין רעכט ניט געהאט צו פערשליסען איהר וואוינונג. ווען איהרע זאכען געפינען זיך נאך דארטען און זיא וועט איהם פער־

קלאגען. נאר אזוי ווי עס האט געשלאָגען צוועלף א זייגער האט זיא גערארפט זוכען א נאכט-לעגער. סאַטין האט געפונען פאר בעסער ניט צו פערמישען דיא פאָליציי אין איהרע געשעפטען און איז אוועק מיט נאנא צו א דאמע, וואס האט געהאלטען א קליינעם מעבלירטען האָטעל. זיי האבען געקריגען א קליין צימערל אויפ'ן צווייטען שטאָק. פון וואנען דאס פענסטער איז ארויס אין הויף. סאַטין האט עטליכע מאל געזאגט, אז זיא וואלט געגאנגען צו מאדאם ראָבערט, וואו עס איז שטענדיג פאראן א פלאַץ פאר איהר, נאר מיט נאנא קען זיא אהין ניט געהן, ווייל יענע איז אויף איהר זעהר אייפערזיכטיג און האט איהר ניט לאנג געפאטשט.

ווען זיי האבען זיך איינגעשלאסען ביי זיך אין צימער, האט נאנא צום צוואנ־ציגסטען מאל דערצעהלט מיט א געוויין, וויא פאָנטאן איז זיך מיט איהר בעגאנגען היינטיגען אבענד. סאַטין האט איהר געטרייסט און האט געזידעלט אלע מענער. זיא האט געהאלפען נאנא אויסצוטהאן זיך און איז איהר געווען זעהר איבערגעבען. ויא האט נאנא ארומגענומען און איינגעשטילט איהרע טרערען.

ארום צוויי א זייגער ביי נאכט האבען זיי שוין ביידע געלאכט; דאס ליכט האט נאך געברענט. פלוצים איז אין הויז געווארען א שרעקליכער ליארעם. סאַטין האט זיך אויפגעהויבען א האלב נאקעטע און האט זיך צוגעהערט. זיא האט אָפט געהערט פון דיא נאכטליכע וויזיטען, וואס דיא פאָליציי מאכט אין דיא האטעלען, נאר היינט איז דאס איהר אין גאנצען פון זינען ארויס.

— דיא פאָליציי! האט סאַטין אויסגעשריען און איז געווארען בלייך, וויא קאלך. מיר זיינען פערלארען!

ביי דעםווארט פאָליציי האט נאנא פערלארען דעם קאָפּ. זיא איז ארויס־געשפרונגען פון בעט און געעפענט דאס פענסטער און האט געוואלט ארויסווארפען זיך וויא א וואהנזיניגע.

צום גליק איז אונטער'ן פענסטער געווען א גלעזערנער דעכיל, ארומגעצאמט מיט א ווענטעל פון געפלאכטענע דראט. זיא האט זיך אין מינוט ניט פערקלערט, איז אין איין העמד ארויסגעקראכען פון פענסטער און איז פערשוואונדען געווארען אין דער דונקעלהייט פון דער נאכט.

— שטעה דארט! האט סאַטין אויסגעשריען. דוא וועסט דער'הרג'עט ווערען.

עס האט זיך דערהערט א קלאפ אין טהיר. סאַטין איז געשווינד צוגעלאפען צום פענסטער און האט עס פערמאכט. דאך האט זיא נאנא'ס קליידער ארייג־געווארפען אין א שראנק. פאר זיך האט איהר שוין ניט געארט און האט זאגאר

נעדענקט, אז ווען איהר נאמען וועט זיין אויף דער ליסטע וועט זיא ווענינסטענס האבען רוהע זיא האט געמאכט א מינע, וויא זיא וואלט זיך ערסט אויפגעכאפט פון שלאף, האט א הויכעו גענעץ געטהאן און ענדליך געעפענט דיא טהיר.

א הויכער מאן מיט א שמוציגען באָרד איז אריינגעקומען׳

— וויזט נאר אייערע הענד. האט ער געזאגט. אייערע הענד זיינען ניט צר־שטאכען; איהר ארבייט ניט... קומט מיט מיר.

— איך בין ניט קיין נייטערקע, האט סאטין געענטפערט. איך בין א בע:ד־פארבערין.

זיא האט זיך רוהיג גענומען אנטהאן, ווייל זיא האט געוואוסט, אז דא וועלעז קיין שום טענות ניט העלפען.

אין הויז האבען זיך געהערט הויכע געשרייען; איין מיידעל האט זיך איינגע־שפארט אין טהיר און האט בשום אופן ניט געוואלט געהן. א צווייטע, וואס האט געהאט ביי זיך אין נומער א געליעבטען, האט געשריען, אז דאס איז איהר מאן און וועט פערקלאגען דיא פאָליציי. א גאנצע שעה האט געדויערט דער ליארעם און דער געלאָף איבער דיא טרעפ. ענדליך האבען דריי אגענטען אוועקגעפיהרט א גאנצע מחנה פרויענצימער און אין הויז איז ווידער געווארען שטיל.

נאנא איז געוועזן געדעטעט; קיינער האט איהר ניט ארויסגעגעבען. ציטערנ־דיג פאר קעלט איז זיא צוריק אריין אין צימער. איהרע פיס זיינען געוועזן צובלוטיגט און צוריסען פון דיא שארפע דראטען. דיא גאנצע נאכט איז זיא איבערגעזעסע אויפ׳ן ראנד פון בעט און נאר אויפ׳ן פריהמארגען איז זיא איינגעשלאפען. ארום אכט א זייגער האט זיא ערוואכט, האט זיך געשווינד אנגעטהאן און איז אוועק צו איהר טאנטע. לערא איז געזעסען מיט זאָע און האבען געטרונקען קאפע און וויא זיא האט איהר דערזעהן אזוי נאכלעסיג געקליידעט מיט אזא צושראקענע געזיכט האט זיא גלייך פערשטאנען, וואס דא טהוט זיך און האט געזאגט:

— האב איך דיר ניט געזאגט, אז ער וועט נאך פון דיר דיא הויט אראב־שינדען? גוט, וואס דוא ביזט געקומען צו מיר, דוא וועסט זיין ביי מיר א גוטער גאסט.

זאע איז איהר געגאנגען אנטקעגען או׳ געזאגט מיט רעספעקט:

— ענדליך האבען מיר אונזער מאדאם צוריק.

לערא האט פערלאנגט אז פריהער פון אלץ זאל זיא זעהן איהר קינד. לואי א קראנקליכער און בלוט־ארעמער איז נאך געשלאפען. נא:א האט זיך אנגעבויגע־... ...רליירט און סקראפולאזע געזיכט און האט זיך צוא...

— מײן קינד, מײן ארמעס קינד !...

אלע נארעשקײטען, וואס זיא איז בענאנגעז דיא לעצטע צײט האבען איצט פלוצלים ערוואכט אין איהר ערשינערונג און זיא האט גענאסען ביטערע טרערען.

IX.

אין ווארײעטי־טהעאטער איז צוגעגאנגען א פראבע פון א נײער שטיק, וואס פאשערי האט אנגעשריבען. דער ערשטער אקט איז שוין געוועזן דורכגעמאכט. אין פראסצעניאום זײנען געזעסען אויף אלטע שטוהלען דער דירעקטאר און פאשערי און האבען גערעדט װעגען דער שטיק, װעהרענד דער סופלאר מיט א בלײפעדער אין מויל איז געזעסען אויף א צובראכענעם שטוהלבעל און געבלעטערט דעם מאנוסקריפט.

— אויף וואס ווארט מען ? האט באַרדענאוו געפרעגט, און האט אונגעדולדיג א קלאפ געטהאן מיט זײן גראבען שטעקען איבער דיא ברעטער.

— באסק איז ניטא.

— אבער שטענדיג איז מיט זײ דאס זעלביגע. זײ שטעקען אימער דארטען, װאו זײ דארפען ניט זײן און דערנאך מורמלען זײ, וואס מען האלט זײ ביז פיער א זײגער.

באלד איז באסק ארײן מיט א רוהיגע מינע.

— וואס וויל מען פון מיר האבען ? האט ער געזאגט. בין איך דען אויף דער רײהע ? מען האט עס מיר געדארפט זאגען....

פאשערי איז געוועזן נערוועז. ער איז אלע װײלע אויפגעשפרונגען פון זײן פלאץ און ה ט אונטערגעבראכען דיא אקטיארען מיט זײנע בעמערקונגען. אין דעם שטיהען דונקעלען װאל הינטער איהם האט זיך געהערט א שושקערײ (געפליסטער).

— איז נאנא דארטען ? האט ער געפרעגט.

באַרדענאוו האט א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ אויף א צײכען אז יא.

נאנא האט געוואלט זעהן דיא שטיק בעפאר זיא וועט אננעהמען איהר ראלע.

זיא איז געזעסען אין א לאזשע מיט לאבארדעט פערפארגען אין שאטען.

אין הינטערגרונד זײנען געשטאנען דיא אקטיארען, וואס האבען געווארט אויף זײער שטיכווארט, און האבען געפלוידערט. זײער געשפרעך איז אלץ געווארען העכער.

— וואָס איהר דאַרפט אנשווינגען ווערען! האט באַרדינאַוו אויסגעשריען, אויפשפרינגענדיג פון זיין פּלאַץ. איך הער קיין וואָרט ניט. ווען איהר ווילט רעדען, געהט אייך ארויס.

— וואָס וואַרפט דאָס הייגט אזוי מיט איהם? האָט קלאַריס געזאָגט אין דער שטיל. ביי יעדער נייער שטיק קריגט ער דיא ניכפּע.

— ער שפּירט, אז דיא שטיק וועט דורכפאַלען, האט פאַנטאַן געזאָגט.

ביזטו זיכער, אז ער וועט קומען? האט נאַנאַ געפרעגט ביי לאַבאָרדעט.

— גאַנץ זיכער. ער וועט אָהן צווייפעל קומען מיט הערר מיגנאָן, אום צו האָבען איין אויסרייד. גלייך וויא ער וועט קומען, וועסטו געהן אין מאַטילדעס גאַרדעראָב און איך וועל איהם שוין ארויפברענגען צו דיר.

זיי האבען גערעדט וועגען גראַף מופּפאַ. ער און נאַנאַ האָבען זיך געדאַרפט דאָ צוזאַמענטרעפען, וואו לאַבאָרדעט האָט אבגערעדט. לאַבאָרדעט האט אויך געהאַט א לאַנגען שמועס מיט באַרדענאַוו ער זאָל נאַנאַ איינטהיילען א ראָליע. דער דירעקטאָר וואָס האט שוין צוויי שטיקער אויפגעפיהרט און ביידע זיינען דורכגעפאַלען, האט גערן איינגעווילינט, ווייל ער האָט דורך דעם געהאָפט אריינ־צוציהען דעם גראַף און מאַכען ביי איהם אן אנלייהע.

פאַשערי איז געזעסען און צוגעקוקט זיך וויא דיא פּראָבע פון צווייטען אקט איז צוגעגאַנגען. פּלוצים איז ער אויפגעשפּרונגען און אויסגעשריען:

— אזוי טויג ניט!

אַלע אַקטיאָרען מיט דיא הענד אין דיא זייטען האָבען זיך אויף איהם אומ־געקוקט. פאַנטאַן האָט איהם געפרעגט אין א פּרעכבען טאָן:

— וואָס טויג ניט?

— עס טויג קיין זאַך ניט, האט פאַשערי געשריען, מאַכענדיג מיט דיא הענד. דוא פאַנטאַן, מוזט זיך אזוי אנגעבויגען, ווען דוא ווילסט כאַפּען דיא גרעפין; און דוא, ראָזע, מוזט זיך געשווינד א דריי טהאָן, אזוי, אבער ניט פריהער, וויא דוא הערסט דעם קוס.

און ער האט זיי בעוויזען, וויא מען דאַרף טהאָן.

דיא אַקטיאָרען האָבען אנגעהויבען פון דאָס ניי, נאָר פאַנטאַן האט געשפּ־עלט אזוי אהן חשק, אז איצט איז נאָך געוועזען ערגער, וויא פריהער. פאַשערי האט זיך נאָך א פּאָר מאָל ארייגגעמישט נאָר פאַנטאַן האט איהם ווידער געענטפערט מיט יענעם פּרעכבען טאָן:

— מיר שיינט, אז פאר מיר איז דאס צו שווער. איך האָב מורא, אז איך וועל דאס ניט קענען אויספיהרען — ווייל איך פערשטעה ניט, וואס איהר ווילט.

באָרדענאָוו האט זיינע ליפען ניט געעפענט, ער איז געזעסען טיעף איינגע־גראבען אין זיין שטוהל מיט'ן הוט איבער די אויגען, מיט'ן שטעקען צווישען די פיס און האט געשיינט צו שלאפען. פלוצים האָט ער זיך אויסגעגלייכט און ווענ־דענדיג זיך צו פאָשערי האָט ער אויסגעשריען:

— דאָס איז זעהר אידיאָטיש!

— אידיאָטיש! האָט פאָשערי ווידערהאלט און איז געוואָרען בלייך. אן אידיאָט זייט איהר אליין!

ביי זיי איז געוואָרען א קריעג און האבען איינער דעם צווייטען אָנגערופען מיט די ערגסטע נעמען. פאָשערי האָט מיט בעס ארויפגערוקט די הוט און געלאָזט זיך געהן צום אויסגאנג, נאָר דאָרטען האָט ער זיך אָבגעשטעלט און אומגעקעהרט זיך צוריק אויף זיין פלאץ.

וועהרענד דער דירעקטאָר מיט'ן אויטאָר האבען זיך געזידעלט זיינען די אקטיאָרען געשטאנען אן א זייט און אויסגעדריקט זייער אונצופרידענהייט מיט זייערע ראָליעס.

— א ראָליע פון פופציג צייל‌ען, האָט זיך קלאריס געקרימט.

— און וואס איז מיין ראָליע? האָט פרוליע געזאגט. איך האָב אפשר דריי הונדערט צייל‌ען.

סימאָנע איז צו זיי צוגעלאָפען אהן אן אטהעם:

— זיי זאָגען, אז נאנא געפינט זיך איצט דא!

— וואו? האָט קלאָריס געפרעגט, און גענומען קוקען אין די לאָזשעס.

דיזע נייעס האט זיך געשווינד פערשפרייט צווישען די אקטיאָרען. אלע האבען גענומען קוקען ארונטער אין דער דונקעלהייט. די פראָבע איז איבערגע־ריסען געוואָרען.

— וואָס איז ווייטער? האָט באָרדענאָוו אויסגעשריען.

ווען דער צווייטער אקט האט זיך געענדיגט האבען זיך אין הינטערגרונד פון טהעאַטער בעוויזען צוויי שאַטענס. זיי זיינען געגאנגען אויף די שפּיץ־פינגערס אום ניט צו מאכען קיין גערויש און נאנא האָט גלייך אין זיי דערקענט דעם גראף מופפאַ און מיגנאָן.

— אה, אָט זיינען זיי! האט זיא ארויסגעמורמעלט מיט א זיפץ פון ער־לייכטערונג.

באָרדענאוו האָט זיך געשווינד אויפגעהויבען און האָט בעגריסט דעם גראף מיט אַן איבערטריבענער העפליכקייט. פאַשערי האָט זיך געמאכט, ווי ער איז שטארק בעשעפטיגט מיט די אַקטיאָרען.

מיגנאָן מיט פערלעגטע הענד אהינטער האָט שטיל געפייפט מיט'ן מויל און בעאָבאכטעט זיין ווייב, וועלכע האָט געשיינט צו זיין נערוועז.

— מיר ווע'ען איצט ארויפגעהן אויבען, האָט לאבאָרדעט געזאָגט צו נאנא. און דערנאָך וועל איך הערונטערקומען אום איהם צו ברענגען.

נאנא איז ארויס פון לאָזשע און געלאָזט זיך געהן דורך דער רייהע פון די אָרקעסטער־שטוהלען. דער דירעקטאָר האָט איהר בעמערקט און איז איהר ענט־קעגען געקומען:

— א פראכטיגע ראָליע דיינע, ניט וואהר? וויא פאר דיר געשאפען. קום מארגען צו דער פראבע.

נאנא איז געבליבען קאלט. זיא דארף נאך זעהן דעם דריטען אקט.

— אה, דער דריטער אקט שטיינט איבער אלע! האָט דער דירעקטאָר געזאָגט.

— מיר וועלען זעהן, האָט זיא געענטפערט.

און זיא האָט זיך געלאָזט געהן צו לאבאָרדעט, וואָס האָט אויף איהר געוואַרט אויף די טרעפ.

דאָס גאנצע טהעאטער האָט איהר דערקענט און אלע האָבען זיך איבערגע־וואָרפען מיט בעמערקונגען. פרוליע האָט געפונען אז נאנא'ס ווידערשיינונג אין טהעאטער איז א סקאנדאל. קלאַריס האָט מורא געהאט פאר איהר ראָליע, און פאָנטאן האָט געשפיעלט דעם גלייכגילטיגען; ער קען ניט זאָגען א שלעכט וואָרט וועגען א פרוי, וועלכע ער האָט געליעבט. אין דער ווירקליכקייט אָבער, האָט ער געפיהלט צו איהר א שרעקליכען האַס.

ווען לאבאָרדעט איז צוריקגעקומען און צוגעגאנגען צום גראף, האָט ראָזע מיגנאָן גלייך פערשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. מופפא איז אויף איהר געווען א שווערע לאַסט, נאָר ווערען אויף אזא אופן אוועקגעשליידערט, האָט איהר שרעק־ליך אויפגעבראכט. געוואוינליך האָט זיא אין אזעלכע פעלע געשוויגען און פערלאָ־זען זיך אין גאנצען אויפ'ן מאַן, נאָר איצט האָט זיא זיך ניט געקענט איינהאלטען און געזאָגט:

— דוא זעהסט, וואָס דאָ קומט פאָר? הער אויס מיין וואָרט, אויב זיא וויל

דאָ מאַכען דעם זעלבען קונץ וויא מיט שטיינער'ן, וועל איך איהר דיא אויגען ארויסרייסען!

מינגאָן איז געוועזען קאַלט און האָט א צוק געטהאָן מיט דיא אַקסלען וויא א מאַן, וואָס זעהט אַלץ און פערשטעהט אַלץ און האָט געזאָגט אין דער שטיל:

— טהו מיר צוליעב און שוויינ.

ער האָט געוואוסט, וואו ער האַלט אין דער וועלט. ער האָט ביים גראַף ארויסגעשלעפּט אַזוי פיעל געלד, פיעל ער האָט געקענט און איז איצט געוועזען בע־רייט צו צופיהרען איהם צו נאנא. געגען אַזעלכע ליידענשאַפטען העלפט ניט קיין קעמפּפען און אַלם אַזעלכער, וואָס האָט נור געקענט מענער, האָט ער נאָר גע־טראַכט וויא ארויסצוציהען דיא גרעסטע נוצען פון דיזען צושטאַנד.

— ראָזא, דער דריטער אַקט הויבט זיך אָן? האָט באָרדענאַוו געשריען.

— נעה, ראָזע, און לאָז מיר האַנדלען, וויא איך פערשטעה, האָט איהר גע־זאָגט דער מאַן.

ווען דיא פּראָבע האָט זיך ווידער אָנגעהויבען, איז לאַבאָרדעט געקומען נאָכ'ן גראַף. דער גראַף האָט געציטערט ביים געדאַנק, וואָס ער וועט באַלד ווידערזעהן נאנא. נאָך דעם, וויא ער האָט זיך מיט נאנא צוריסען, האָט ער געפיהלט א אינער־ליכע פּוסטקייט (לעערע) און געגען זיין ווילען האָט מען איהם צוזאַמענגעפיהרט מיט ראָזע מינגאָן. ער האָט געזוכט אויסצומיידען יעדע ערקלערונג מיט דער גרע־פין און צו פערגעסען נאנא. ער האָט געוואוסט, אז ווען ער פערגעסט איהר, איז ער געדעטעט, נאָר וואָס ווייטער האָט נאנא אַלץ מעהר בעהערשט זיינע געדאַנקען דיא שרעקליכע סצענע פון זיין שיידען זיך, איז איהם ביסלעכווייז ארויס פון זכרון, ער האָט שוין מעהר ניט געזעהן פּאָנטאַנען, ער האָט שוין מעהר ניט געהערט איהרע ווערטער, ווען זיא האָט איהם געוויזען דיא טהיר און וויא זיא האָט זיך אויסגעדריקט װעגען זיין ווייב. דאָס אַלעס זיינען נאָר געווען ווערטער, דער קלאַנג פון וועלכע איז לאַנג פערשוואונדען געוואָרען; זיין הארץ אבער איז מיט יעדען טאָג אַלץ שטייפער ארומגענומען געוואָרען פון אַן אייזערנע האַנד. זיין קלעמענים איז געווען אונערטרעגליך און ער האָט זיך געפיהלט זעהר אונגליקליך. עס האָט איהם אינערוועניג געברענט, וויא אַן אַלטע וואונד, ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט א ליידענשאַפט צו איהר, צו גלעטען איהרע האָר, ריהרען איהרע ליפּען און בעזיצען איהר אין גאַנצען. דיא ליידענשאַפט האָט איהם אַזוי איבערמעכטיגט, אז וויא נאָר לאַבאָרדעט האָט ארויסגעבראַכט פון מויל, אז ער קען מאַכען א ראַנדע־וואו צווי־שען איהם מיט נאנא, איז ער געווען גלייך גרייט אריינצוואַרפען זיך איהר אין

דיא ארמען; דאך איז דאס איהם געווען מאוס צו טהאן פאר לאבארדעט אין דיא אויגען. לאבארדעט האט דאס גוט פערשטאנען און ער איז געווען גענוג טאקטיש. ער האט דעם גראף נאר צוגעפיהרט צו דיא טרעפ און געזאגט:

— אויפ'ן צווייטען שטאק, דער קארידאר רעכטס.

און איז אליין אוועק.

נאנא האט אויף איהם געווארט. זיא איז געשטאנען ביים אפענעם פענסטער און ארויסגעקוקט אין הויף; ווען זיא האט דערהערט טריט אין קארידאר, האט זיא אויסגערופען:

— הערייו!

ווען זיא האט דערזעהן דעם גראף, האט זיא דאס פענסטער צוגעמאכט. זיי האבען ביידע איינער דעם צווייטען אנגעקוקט ערנסט. זעהענדיג, אז ער שטעהט שטום און גיט זיך ניט קיין ריהר, האט זיא אויסגעבראכען אין א געלעכטער און געזאגט:

— דוא ביזט דא, גרויסע חיה?

ער איז געווען זעהר ערגעגט. ער האט איהר גערופען מאדאם און געזאגט, אז ער שעצט זיך גליקליך, וואס ער זעהט איהר ווידער. אום גיכער צו דערגרייכען צום ציעל האט זיא זיך געצייגט נאך פערטרוילעכער:

— שטעה ניט אזוי אנגעבלאזען. דוא האסט געוואלט מיך זעהן און ווען מיר זיינען צוזאמענגעקומען, שטעהען מיר איינער קעגען צווייטען, וויא צוויי פארצעלייענע הענד. מיר זיינען ביידע בעגאנגען פעהלער איך פערצייהע דיר.

און זיי האבען אבגעמאכט מעהר דערפון ניט צו רעדען. דער גראף איז געווען צופריעדען און האט אבער ניט געפונען קיין ווארט צו זאגען, טראץ דעם וואס ער האט געהאט א סך צו רעדען. זיא האט זיין קאלטקייט ניט געקענט בעגרייפען און האט גענומען שפיעלען מיט איהם א קאמעדיע.

— זיי געשייט! האט זיא געזאגט לאכענד. איצט ווען ביי אונז איז געווארען פריעדען, גיב מיר דיין האנד און מיר וועלען זיין גוטע פריינד.

— גוטע פריינד? האט ער געשטאמעלט און איז פלוצים געווארען אונרוהיג.

— יא, האט נאנא געענטפערט. דיר קען דאס אויסקומען נארעש, אבער איך לעג אויף דעם א גרויסע ווערטה. איך וויל האבען דיין אכטונג און איצט, אז מיר וועלען זיך בעגעגנען, וועלען מיר זיך ניט אומקעהרען איינער צום צווייטען מיט דיא רוקענס.

ער האט איהר געוואלט איבעררייסען, נאר זיא האט פארטגעזעצט:

— לאז מיר אויסרעדען אין גאנצען!.... ביז איצט האט נאך מיר קיין מאן ניט געקענט אויפוואַ־פען אז איך האב זיך מיט איהם בעגאנגען שלעכט, און מיר האט פערדראסען, אז דוא זאלסט זיין דער ערסטער דאס צו טהאן.

— אבער רעדט ניט דערפון! האט ער זיך געבעטען. זעץ זיך אנידער און הער מיך אויס.

ער האט איהר אנידערגעזעצט אויפ׳ן איינציגען שטוהל, וואס האט זיך געפונען אין צימער, און ער אליין האט גענומען געהן אויף און אב איבער׳ן צימער און זיין אויפרעגונג איז געוואקסען.

— הער מיך אויס, האט ער געזאגט, שטעלענדיג זיך אנטקעגען איהר. איך בין אהער געקומען, אום דיך ווידער צו געווינען, און דוא ווייסט עס גאנץ גוט, און פאר וואס רעדסטו מיט מיר אין אזא טאן? זאג, ווילינגסטו איין?

זיא האט געקוקט אויפ׳ן באדען און מיט דיא נעגעל געקראצט דעם שטרוי פון שטוהל. און זעהענדיג, אז ער איז פול מיט אנגסט פון ווארטען, האט זיא זיך ניט געאיילט איהם צו ענטפערן. ענדליך האט זיא דעם קאפ אויפגעהויבען און מיט א טרויריגע מינע געזאגט:

— אח, דאס איז אונמעגליך. איך קען זיך מעהר מיט דיר ניט פערבינדען.

— ווארום? האט ער געפרעגט און זיין געזיכט האט ארויסגעוויזען טיעפע ליידען.

— ווארום?.... ווייל.... אונמעגליך! איך וויל ניט....

ער האט איהר אפאר סעקונדען אנגעקוקט מיט גליהענדע אויגען, דאן האט ער זיך אראבגעלאזט פאר איהר אויף דיא קניע.

— מאך זיך ניט קינדיש! אהה, מאך זיך ניט קינדיש! האט זיא געזאגט.

נאר ער איז אין דער ווירקליכקייט געווען וויא א קינד. ער האט איהר שוין מעהר ניט געהערט. ער האט איהר מיט דיא הענד ארומגענומען דיא קניע און פערבעהאלטען זיין געזיכט אין איהר שויס. ביים אנריהרען איהר ווארעם לייב איז איהם איבערגעגאנגען א ציטער פון קאפ ביז דיא פיס און זיין אטהעמען איז געווארען שווער.

— וואס ווייטער? האט זיא געפרעגט רוהיג און געלאזט זיך פון איהם דריקען. עס איז אונמעגליך.... מיין גאט! וויא קינדיש דוא ביזט געווארען!

ער איז געווארען אביסעל רוהיגער; דאך איז ער געבליבען ביי איהרע פיס און האט איהר ניט אבגעלאזט, וויא מורא האבענדיג, זיא זאל ניט אנטלויפען.

— הער, האט ער געזאגט אהן א אטהעם. איך האב געזעהן א תאטעל גע־

בען פארק מאָנסע. איך װעל דיר פערשאפען אלעס, װאָס דו װעסט װינשען. איך װעל פאר דיר אפפערן מיין פערמעגען, אום דו זאָלסט בעלאנגען נאָר מיר, מיר אליין. דאָס איז מיין אייגציגע בעדינגונג. און װען דו װילינסט איין אויף דעם, װעסטו האָבען דיא רייכסטע קליידער, דיא טהייערסטע דיאמאנטען, דיא שעהנסטע קארעטען....

נאנא האָט אויף אלעס געענטפערט מיט א שאָקעל פון קאָפּ, אז ניט, נאָר װען ער האָט װייטער גענומען רעדען פון געלד, האָט זיא געשיינט צו פערלירען איהר געדולד.

— װעסטו אמאָל אויפהערען מיך צו קװעלען? האָט זיא אויסגעשריען. איך האָב דיר שוין געזאָגט אז ניין.

און זיא האָט זיך פון איהם ארויסגעריסען, און געזאָגט, אויפהויבענדיג זיך פון איהר געזעס:

— ניין, ניין, ניין! איך װיל ניט.

ער האָט זיך שװער אויפגעהויבען פון באָדען און אראָבגעלאָזט זיך אויפ'ן שטוהל. ער איז געזעסען אנגעשפארט מיט'ן קאָפּ אָן ביידע הענד. נאנא איז גע־גאנגען אויף און אָב איבער'ן צימער און האָט בעטראכט דיא צוריסענע טאפּעטען, דעם פערשמאָלצענעם מישעל און דיא איבריגע שמוציגע זאכען אין צימער. דאן האָט זיא זיך אָבגעשטעלט נעבען גראף און געזאָגט:

— עס פערדריסט, װאָס דיא רייכע לייט האָבען זיך איינגעבילדעט, אז פאר געלד קענען זיי אלץ קויפען.... און אז איך װיל ניט?.... איך װיל ניט דיינע מתנות!.... און װען דו זאָלסט מיר אפילו גאנץ פאריז אװעקשענקען, װעל איך אלץ זאָגען: ניין. ניב אקוק אויף דיזעם צימער, עס איז שמוציג און אונריין, נאָר איך װאָלט מיט פערגניגען געלעבט דאָ מיט דיר, װען איך זאָל דיר ליעבען, װעה־רענד אין אייערע פאלאצען קראפּירט מען, װען דאָס הערץ איז ניט דאביי. געלד! איך שפּיי אויף געלד! איך טרעט עס מיט דיא פיס!....

און זיא האָט געמאכט א מינע, װיא עס עקעלט איהר פון דעם. באלד איז זיא געװאָרען װייכער און געזאָגט מיט א מעלאנכאלישען קול:

— איך װייס עטװאָס, װאָס איז מעהר װערטה, װיא געלד, אח, װען יעמאנד זאָל מיר געבען, װאָס איך פערלאנג.

דער גראף האָט לאנגזאם אויפגעהויבען דיא קאָפּ און א שטראחל פון האפ־נונג האָט איהם א שיין געטהאן אין דיא אויגען.

— אח, דו קענסט עס מיר ניט געבען. האָט זיא געזאָגט; דאָס הענגט ניט

אב פון דיר און איך רייד עס גלאט אזוי, אין דער וועלט אריין. זיי ווילען מיר איינ־טהיילען א ראליע פון א דירנע, מען קען מיינען, אז נאר דערצו בין איך בעשאפען געווארען. דאס פערדריסט מיר ביז'ן פיין. דיא לייט מיינען, אז איך האב געהאט א שלעכטע ערציהונג. זיי האבען א גרויסען טעות! ווען איך וויל זיין נאבעל, האב איך דעם שיק דערצו. קוק אויף מיר!

זיא איז צוגעטראטען צום פענסטער און האט גענומען געהן צוריק מיט א צוריקגעווארפענעם קאפ און פערנאנדערגעשפרייזטע טריט, וויא א שטאלצער האהן וואס היט זיך ניט אריינצוגעהן מיט דיא פיס אין שמוץ. ער האט איהר נאכגעקוקט מיט פייכטע אויגען פון טרערען. זיא איז אזוי געגאנגען עטליכע מאל פון איין עק צימער ביז'ן צווייטען און איז ווייטער געבליבען שטעהן נעבען גראף.

— איז דאס ניט גוט? האט זיא געפרעגט.

— א, פארטרעפליך! האט ער געשטאמעלט.

— איך זאג דיר, אז איך וויל דיא ראליע פון אן ארדענטליכע פרוי. איך האב שוין דיא ראליע געפרובט ביי זיך אין דער היים און קען דיר פערזיכערן, אז צווישען אלע אקטריסעס בין איך דיא איינציגע, וואס וועט קענען שפיעלען דיא ראליע פון א נאבלע פרוי, וואס מאכט זיך לוסטיג איבער אלע הערען. דאס ליגט אין מיין בלוט און דוא האסט עס שוין געוויס בעמערקט אין מיר.... איך וויל האבען דיא ראליע, אז ניט וועל איך זיך פיהלען אונגליקליך....

זיא איז געווארען ערנסט. מופפא האט ניט פערשטאנען, וואס זיא וויל. ער האט זיך נאך אין גאנצען געפונען אונטער'ן איינדרוק פון איהר אבזאגונג און האט געווארט אויף ווייטערע ערקלערונגען.

— דוא פערשטעהסט נאך ניט? האט זיא געפרעגט. דוא וועסט מיר מוזען פערשאפען דיא ראליע.

ער האט איהר אנגעקוקט פערוואונדערט און דאן געזאגט מיט פערצווייפלונג:

אבער דאס איז דאך אונמעגליך. דוא האסט דאך מיר ערסט אליין געזאגט, אז דאס הענגט ניט אב פון מיר.

זיא האט איהם איבערגעריסען מיט א ציה פון דיא אקסלען:

— דוא געה ארונטער און זאג בארדענאוו, אז דוא ווילסט, איך זאל האבען דיא ראליע.... זיי ניט אזוי נאאיוו. בארדענאוו דארף איצט האבען געלד און דוא וועסט איהם לייען.... געלד האסטו גענוג.

זעהענדיג, אז ער וויינערט זיך, איז זיא געווארען אין כעס און ווייטער געזאגט:

— אח, איך פערשטעה! דוא האסט מורא צורייסען מיט ראזען... ווען דו

ביזט פריהער געלעגען פאר מיינע פיס און האסט געוויינט האב איך געשוויגען און דאך האב איך פיעל וועגען דעם צו זאגען.... ווען מען שווערט א פרוי אייביגע טרייהייט, נעהמט מען ניט מארגען העננען זיך א צווייטע אויפ'ן האלז... דיא וואונד ברענט נאך מיר אין הארצען.... איך דענק אז איידער דוא ביזט געקומען ווארפען זיך מיר צו דיא פיס, האסטו געדארפט מיט דיא מיננאנ'ס אין גאנצען צורייסען.

— אה, מיר נעהט ראָזע זעהר ווענינ אן און איך בין בערייט יעדע מינוט צו פערלאזען איהר.

דאס האט נאנא בערוהינט און זיא האט ווייטער נעזאגט:

— אויב אזוי, וואס קען דיך אבהאלטען? באררענאוו איז דער אייגענטהי־מער, און אויב פאשערי וועט עפּעס האבען געגען דעם....

נאר דא האט זיך נאנא אבגעהאלטען. זיא האט דא אנגעריהרט זעהר א דעליקאטען פונקט. ער האט אראבגעלאזט דיא אויגען, פון יענער שרעקליכער נאכט, וואס ער האט פערבראכט אונטער'ן רעגען אין גאס, האט ער זיך געטרייסט מיט דער האפנונג, אז ער האט אומזיסט פערדעכטיגט זיין ווייב און האט ניט גע־וואלט אויסגעפינען, אויב ער האט געהאט א טעות; דאך האט ער אין הארצען געטראגען א פערבארגענעם האס און צארן געגען פאשערי.

— נאר פאשערי איז ניט אזוי שלעכט, האט נאנא געזאגט נאכדעם, וויא זיא האט געזוכט אויסצוגעפינען, וויא עס האלט צווישען גראף מיט'ן זשורנאליסט. מען קען מיט איהם אויסקומען.. דוא וועסט איהם נאר זאגען, אז דוא פערלאנגסט אזוי....

דאס האט דעם גראף ארויסגעבראכט פון זיך.

— ניין, דאס ניט! האט ער אויסגערופען.

זיא האט געווארט. אויפ'ן צונג זיינען איהר געלעגען דיא ווערטער: „פאשערי וועט דיר ניט טארען אבזאגען" נאר זיא האט געפיהלט, אז דאס וועט זיין צו גרוי־זאם, און האט זיך בענוגענט נאר מיט א שמייכעלע, אבער דאס שמייבעלע האט קלאר געזאגט, וואס זיא דענקט.

מופפא האט אראבגעלאזט דיא אויגען.

— דוא ביזט זעהר גוט, האט זיא געמורמעלט.

— איך קען ניט, האט ער געענטפערט פערקלעמט. בעט וואס דוא ווילסט, אבער ניט דאס. איך קען ניט.

נאר איצט האט זיא ניט פערלארען פיעל צייט אין רעדען. זיא האט איהם

מיט ביידע הענד ארפגעהויבען דעם קאָפּ און א לאַנגען קוס געטהאָן אין דיא ליפּען. ער האָט א ציטער געטהאָן און פערמאַכט דיא אויגען.

— נעה! האָט זיא צו איהם איינפאַך געזאָגט.

און ער איז געגאַנגען. נאָר איידער ער איז אריבערגעטראָטען דעם שוועל, האָט זיא איהם נאָך אַמאָל ארומגענומען און זיך געלאַסטשעט צו איהם.

— וואו איז דער האָטעל? האָט זיא שטיל געפרעגט מיט דער מינע פון א קאַפּריזנע קינד, וואס וויל צוריקקריגען יענע גוטע זאַכען, וואס זיא האָט פריהער ניט געוואָלט.

— אויף דער עוועניו דע ווילְיע.

— און איך וועל אויך קריגען קאַרעטען?

— יאַ.

— און דיאַמאַנטען, און שפּיצען?

— יאַ.

— אַח, וויא גוט דוא ביזט, מיין הינטעלע. ווייסטו, אז פריהער האָב איך נאָר גערעדט אוים אייפערזוכט. איצט וועט שוין ביי אונז ניט קומען צו דעם. וואס עס איז ביי אונז געשעהן דאָס ערסטע מאָל. איצט ווייסטו שוין, וואס א פרוי ברויכט, דוא וועסט מיר געבען אַלעס, ניט וואהר? איצט וועל איך געהערען נאָר צו דיר אַליין.

זיא האָט איהם שיער דערשטיקט מיט איהר קוסען און דאַן האָט זיא איהם ארויסגעלאָזט. זיא איז ווידער געבליבען אַליין. זיא האָט ווידער געעפענט דאָס פענסטער און ארויסגעקוקט אין דרויסען.

מופּפּאַ איז אראָב אונטען. ער האָט ניט געוואוסט, וויא ער זאָל נעהמען רעדען מיט'ן דירעקטאָר און אריינמישען זיך אין א זאַך, וואס בעלאַנגט ניט צו איהם. ווען ער איז ארויף אויף דער ביהנע האָט ער דערהערט א קריעגערייא און ער האָט זיך אבגעשטעלט. פּרוליע האָט געשריען מיט כעס, פאַר וואס פּאַשערי האָט עטוואס געוואָלט אויסשטרייכען פון זיין ראָליע.

— מיין ראָליע האָט קוים דריי הונדערט צייַלען און איהר ווילט נאָך איהר אויך קירצען?

איך וויל אזא ראָליע ניט און נאָט אייך איהר אוועק אין גאַנצען!

ער האָט פון טאַשע ארויסגעצויגען א צוקנייטשטע העפט, האָט איהר גע־דרייט צווישען דיא פינגער און האָט געמאַכט א מינע, וויא ער וואָלט איהר וועלכען א וואָרף טהאָן צום סופלאָר. זיין גאווה איז געוועזען בעריהרט. ער, פּרוליע, דער אַב־

נאָט פון פובליקום, זאל שפּיעלען א ראָליע פון דריי הונדערט ציילען.

- מאכט זיך ניט נארעש, האט באָרדענאָוו געזאגט. מען וועט פאר אייך געפינען נייע עפעקטען, ניט וואהר, פאָשערי? מען קען נאָך אין דריטען אקט אריינ־שטעלען א נייע סצענעי

— גוט, דאַן אָבער וויל איך האבען דעם שלוס פון לעצטען אקט. דאס קומט מיר.

באָרדענאָוו האט בעמערקט דעם גראף, וויא ער איז געבליבען שטעהן אין הינטערגרונד און ער איז צו איהם געשווינד צוגעגאנגען.

— א זויבערע געזעלשאפט, הער גראף? איהר קענט זיך ניט פאָרשטעלען, וואס איך דארף אויסשטעהן פון דיזע לייטע. זיי זיינען אלע שלעכט און פערדאָרבען און איינער איז ערגער פון צווייטען.

זיי זיינען א ווייכע געבליבען שטעהן שטיל. מופפא האָט געזוכט דאס ערשטע וואָרט, אום ארויסצוזאָגען זיין פערלאנג, נאר ער האט ניט געפונען און האט פלר־צים אויסגעשאסען:

— נאנא וויל האבען דיא ראָליע פון דער הערצאָגין.

באָרדענאָוו האט אויסגעשריען פערוואונדערט.

— וואָס איז זיא — וואהנזיניג געוואָרען?

ער האט א קוק געטהאן אויפ'ן גראף און געזעהן, וויא ער איז בלייך. ער האט זיך באלד בערוהיגט און געזאגט

— מען דארף זיך בעטראכטען.

זיי זיינען ווידער א ווייכע שטיל געוואָרען. באָרדענאָוו האט זיך גלייך בע־רעכנט, אז דער גראף וועט פאר איהם ווערען א מעלקעדיגע קיהעלע, ווען ער וועט אויף דעם איינגעהן. און ער האָט צוגערופען פאָשערי.

ווען פאָשערי איז צו זיי צוגעקומען האט זיי באָרדענאָוו אוועקגעפיהרט אין א צימער, וואס האט זיך געפונען אונטער דער ביהנע.

דער צימער איז געווען שמוציג און בעדעקט מיט שטויב.

— דאָ וועלען מיר זיין אונגעשטערט, האט באָרדענאָוו געזאגט, ווען זיי זיינען אריין אינערוויינינ.

— וואס איז דאס אזוינס? האט פאָשערי געפרעגט ערשטוינט.

— מיר האבען אן אידעע, האט באָרדענאָוו געענטפערט. נאָר הערט אויס געדולדיג און ווערט ניט אויפגערעגט. רעכנט איהר, וואלט נאנא געפאסט אין דער ראָליע פון דער הערצאָגין?

דער אויטאָר איז א רגע געבליבען שטעהן אהן ווערטער, דערנאָך האט ער געזאָגט:

— איהר מאכט נאָר שפּאס. מען וואָלט צופיעל געלאכט.

— אה, ווען מען וועט לאכען, וועט שוין ניט זיין אזוי שלעכט... איבערלעגט אייך וועגען דעם... דעם גראף געפעהלט דיא אידעע.

— יאָ, יאָ, ראָכ וואָלט זיין זעהר אנגענעהם, האט דער גראף געזאָגט.

— פאר קיין פאל ניט! האט פאַשערי אָבגעשניטען. נאנא אַלס קאָקעטע פערשטעה איך; אבער נאנא אַלס אָרדענטליכע פרוי האט קיין זין ניט.

— איהר אירט זיך, האט מופפאַ געזאָגט מוטהיגער. זיא האָט מיר ערסט געוויזען א פּראָבע, וויא זיא קען שפּיעלען דיא אָרדענטליכע פרוי.

— וואו? האט פאַשערי געפרעגט פערוואונדערט.

— דאָ אויבען. זיא קען זיך האלטען זעהר ווירדיג.... איבערהויפּט איהר בליק... ווארט איך וועל אייך ווייזען׳

א.ן אין זיין בלינדען באנער זיי איבערצוצייגען האט ער זיך אזוי ווייט פערגעסען, אז ער האָט איבערגעמאכט נאנא׳ס האלטונג.

פאַשערי האט איהם ערשטוינט אָנגעקוקט. ער האט פערשטאַנען, וואס דאָ טהוט זיך, און זיין כעס איז איהם איבערגעגאנגען. דער גראף, וואס האָט דערפיהלט דעם שפּעטישען און מיטליידיגען בליק פון דעם זשורנאַליסט, איז רויט געוואָרען און האט זיך אבגעשטעלט.

— מעגליך... האָט געמורמעלט פאַשערי. פיעלייכט וועט זיא אויסנעהמען... אָבער דיא ראָליע האט מען דאך שוין אבגעגעבען ראָזע׳ן און מען קען דאך פון איהר ניט צונעהמען צוריק.

— אה, ווען קיין אנדער שטערונג איז ניטאָ, וועל איך שוין מיט ראָזע׳ן דורכקומען.

ווען דער זשורנאַליסט האָט דערזעהן, אז ביידע זיינען נעגען איהם און באָרדענאַוו שיינט צו האָבען אין דעם א געוויסען אינטערעס, האט ער זיך אזוי שטארק איינגעשפּארט, אז נאנא זאָל דיא ראָליע ניט קריגען, דאָס עס האָט אויסגעוויזען, אז פון דער אונטערהאנדלונג וועט גאָר ניט ווערען.

— ניין, ניין, האָט ער געזאָגט. ווען דיא ראָליע זאל זיין פריי, וואָלט איך איהר אויך ניט געגעבען. איך האָב קיין לוסט לאזען מיין שטיק דורכפאַלען.

עס איז געוואָרען שטיל. באָרדענאַוו האט געפיהלט, אז ער איז דאָ איבריג

און איז אבגעטראטען. דער גראף, וואס איז געשטאנען מיט אראבגעלאזטע אויגען, האט אויפגעהויבען דעם קאפ און געזאגט מיט א ציטערדיגע שטימע:

— און ווען איך בעט אייך צו טהאן מיר א געפאלען?

— איך קען ניט, האט פאשערי געענטפערט.

—אבער איך בעט אייך, דאס איז מיין וואונש, און האט איהם שטארק אריינגעקוקט אין געזיכט.

פאשער'ן האט אויסגעוויזען אז ער זעהט אין דעם גראפ'ס אויגען א דראָ־הונג און ער האט פלוצים נאכגעגעבען.

— טהוט אייך, וויא איהר ווילט, מיר הויבט עס ניט אן צו אארען, האט פאשערי געענטפערט, איהר וועט שוין זעהן.

— איהר האט זיך שטארק פערשטויבט, האט באָרדענאוו געזאגט, ציגעהענ־דיג צו זיי. נאר אט קומט מיגנאן, און מיר קענען אונזער גאנצען געשעפט איצט ענדיגען.

מיגנאן האט זיך שוין זייט עטליכע מינוט ארומגעדרייט אין קארידאר און געשמעקט דיא לופט. ער איז איצט אריין אין צימער און ביי באָרדענאוו'ס ערסטע ווערטער, איז ער געווארען שטארק אויפגעבראכט. דאס איז נידערטרעכטיג, האט ער געשריען. זיי ווילען רואינירען זיין פרוי'ס צוקונפט. ער וועט זיי מאכען א פראָ־צעס. באָרדענאוו איז געבליבען רוהיג און געזאגט, אז דיא ראָליע איז ניט גוט גענוג פאר ראָזע'ן ער וועט איהר בעסער געבען דיא ראָליע אין דער אָפערעטע, וואס מען שטעלט נגייך נאך דער ,,קליינע הערצאָגין" נאר מיגנאָן האט אלץ געשריען. פלוצים האט באָרדענאוו אנגעבאָטען צו בעפרייען ראָזע'ן פון דעם קאָנטראקט און אזוי וויא מען האט איהר פארגעשלאגען איבערצוגעהן אין א דראמאטישען טהעא־טער מיט א העכערען געהאלט און זיא קען דערביי מאכען מיט פופצעהן טויזענד פראנק מעהר וויא ביי איהם, וועט זיך דאס איהר אבצאהלען.

נאר מיגנאָן האט אלץ געשריען, אז געלד שפיעלט ביי איהם קיין ראָליע ניט. ער שפייט אויף געלד, דיא הויפט זאך איז רוהם. וואס וועט מען זאָגען, ווען מען וועט זיך דערוויסען, אז מען האט ביי זיין ווייב צוגענומען דיא ראָליע. נאר פלוצים האט ער געמאכט דעם פארשלאג: אזוי וויא זיין ווייב דארף צאהלען צעהן טויזענד פראנק ווען זיא ברעכט דעם קאנטראקט, זאל זיא זיין פריי פון דעם שטראף און דאס טהעאטער זאל איהר געבען צעהן טויזענד פראנק.

באָרדענאוו האט איהם פערוואונדערט אנגעקוקט און געענטפערט' אז מען וועט פון איהם לאכען, ווען מען וועט אויסגעפינען, אז ער האט איהר צוגעצאהלט

צעהן טויזענד פראנק נאר ווען דער גראף האט נעזאגט, אז פון געלד וועט קיין שטערונג ניט זיין, האט בארדענאוו מיט אונצופרידענהייט איינגעווילינט.

פאנטאן האט זיך פון דרויסען צוגעהערט צום געשפרעך, וואס איז פארגעקומען אין דעם צימער, און וויא ער האט אויסגעפונען, ווענען וואס דא האנדעלט זיך, איז ער גלייך אוועקגעלאפען צו ראזע'ן און דערצעהלט איהר.

ראזע איז גלייך אוועק צו זיי מיט א ווילדען כעס. דער גראף האט ביי איהר אריינקומען אראבגעלאזט דעם קאפ פאשערי האט פערצווייפעלט א ציה געטהאן מיט דיא אקסלען.

— וואס קומט דא פאר? האט זיא געפרעגט קורץ.

— גאר ניט, האט געענטפערט מיננאן. בארדענאוו וויל געבען צעהן טויזענד פראנק און צונעהמען ביי דיר דיין ראליע.

זיא איז געווארען בלייך, האט אנגעהויבען צו ציטערן און האט צוזאמענגעפרעסט איהרע פויסטען. ביז היינט האט זיא זיך אין געשעפטס-אנגעלעגענהייטען ניט געמישט און האט זיך אין גאנצען פערלאזען אויף איהר מאן, נאר איצט האט זיא איהם אנגעקוקט מיט אזא אונבעשרייבליכער פעראכטונג, וויא זיא וואלט איהם וועלען דורכפאטשען און האט אויסגעשריען:

— דוא ביזט א פייגלינג!

דאן איז זיא ארויסגעלאפען. מיננאן איז איהר געשווינד נאכגעגאנגען און געבעטען איהר, זיא זאל זיך ניט בענעהמען אזוי נארעש. דאן האט ער איהר ערקלערט, אז צעהן טויזענד פראנק פון איין זייט און פופצעהן טויזענד פון דער צווייטער מאכען צוזאמען א פיינע סומע. ער האט היינט געמאכט א פיינעם געשעפט. נאר דאך איז ראזע געוועזן וויטהענד און האט איהם גאר ניט געענטפערט. מיננאן האט פער'ארען דיא געדולד און האט איהר איבערגעלאזט אליין. און ווען בארדענאוו איז צוריקגעקומען אויף דער ביהנע, האט מיננאן איהם געזאגט.

— מארגען ענדיגען מיר; זעהט צו האלטען דאס געלד בערייט.

נאנא האט אויסגעפונען פון לאבארדעט, וואס אונטען איז געשעהן, און זיא איז אראבגעגאנגען פון דיא טרעפ מיט א טריאומפירענדע מינע. זיא האט אנגענומען דאס אויסזעהן פון א גרויסארטיגער דאמע. זיא האט מיט דעם געוואלט ווייזען, אז זיא קען זיך האלטען גוט, ווען זיא וויל. נאר פלוצים האט איהר דערזעהן ראזע און איז אויף איהר אנגעפאלען:

— דוא! איך וועל זיך מיט דיר אברעכענען!.... צווישען אונז ביידען וועט מהון נעהמען אן ענדע! דוא הערסט?....

נאנא האט זיך שיער פערגעסען, אז זיא וויל זיך ווייזען וויא א גראסארטיגע דאמע, האט געוואלט איינשפארען זיך מיט דיא הענד אין דיא לענדען און ענטפערן וויא געוויסע פרויען פון איהר שטאנד טהוען, נאר זיא האט זיך גלייך דערמאנט און האט געענטפערט מיט דער מינע פון אן הערצאגין, וואס איז ארויפגעטראטען אויף א שטיקעל שאלעכץ.

— וואס? איהר זייט פעררוקט, מיין ליעבע.

מיגנאן איז צו זיי צוגעגאנגען און האט זיין פרוי אוועקגעפיהרט. ער האט איהר מעהר ניט דערקענט, אזוי האט זיא זיך געענדערט פאר דיא קורצע צייט.

ווען נאנא איז נעהענטער צוגעקומען צו דער ביהנע איז פאשערי וויא א פער־ריקטער ארומגעגאנגען, וואס זיין שטיק געהט קאפוט. נאנא האט איהם דערזעהן און איז צו איהם צוגעגאנגען און געכאפט איהם ביי דער האנד און געזאגט, אז זיא וועט זיין שטיק ניט פערדארבען, און ער טאר זיך מיט דיא מופפאס ניט קריגען. פאשערי איז א ביסעל ווייכער געווארען, און צווישען זיך האבען זיי אבגערעדט, אז ער וועט איהר ראליע א ביסעל פערקלענערען און פרוליע'ס פערגרעסערען. פרוליע איז געווען דערפון זעהר צופריעדען, און קלארים האט זיך אויך דערפרייט, וואס זיא האט איצט געקריגען א בעסערע ראליע. נאר פאנטאן איז געווען דערפון אונצופרי־עדען, אבער ער האט זיך געמאכט אז דאס אארט איהם ניט. נאנא איז צו איהם צוגעגאנגען און האט איהם אויסגעשטרעקט איהר האנד, וויא צווישען זיי וואלט נאר ניט פארגעקומען און זיי וואלטען זיך ערסט געבטען ביי נאכט געשיידט פון טהעאטער.

— וואס מאכסטו? האט זיא געפרעגט.

— געזונד. און דוא? האט ער געזאגט.

דיא פראבע איז אבגעלעגט געווארען און אלע זיינען זיך צוגאנגען. דער גראף איז מיט נאנא אריינגעשטיגען אין קארעטע, זיין קאפ איז איהם געווען וויא לעדיג און דיא נערוועו געשפארט.

מיט א מאנאט שפעטער איז דיא „קליינע הערצאגין" אויפגעפיהרט געווא־רען, און נאנא אין דיא ראליע פון דיא הערצאגין איז מאוס דורכגעפאלען. איהר האלטען זיך אויף דער ביהנע אלס הערצאגין, האט אזוי שטארק געמאכט לאכען דיא צושויער, אז זיי האבען אפילו פערגעסען איהר אויסצופייפען. אין דער ערסטער לאזשע איז געזעסען ראזע און האט אויסגעבראכען אין א גרויס געלעכטער יעדעס מאל, ווען איהר נעגנעריון האט זיך בעוויזען אויף דער ביהנע. ראזעס געלעכטער

איז געוועזן א סיגנאר פארין נאנצען פובליקום, און אייף איהר קוקענדיג האבען זיך אלע צולאכט. דאס איז געוועזן איהר ערסטע ראכע.

נאנא איז געוועזן שרעקליך אויפגעבראכט און ווען זיא איז נאך דער פאר־שטעלונג פערבליבען אליין מיט מופפא, וועלכער איז געוועזן זעהר בעזארגט, האט זיא געזאגט:

— דאס איז געוועזן אן אבגערעדטע זאך. זיי פערגינען מיר ניט נאר ווען זיי זאלען וויסען, וויא איך לאך פון זיי! איך דארף זיי מעהר ניט. און איך וועט זיך אין הונדערט לואי, אז דיא אלע לייט, וואס האבען זיך פערשווארען געגען מיר, וועלען נאך פאר מיר קריכען אויף אלע פיער און לעקען דעם שטויב. יא, איך וועל שפיעלען דיא גרויסע דאמע, און וועל גאנץ פאריז אויפרייסען דיא אויגען....

X.

פון דעם אבענד איז נאנא געווארען א גרויסע דאמע, וויא זיא האט עס פערשטאנען. איהר בילד איז געוועזן אין יעדען פענסטער און איהר נאמען איז יע־דען טאג געשטאנען אין דיא צייטונגען. ווען איהר קארעטע איז דורכגעפאהרען דעם בולוואר, האבען אלע איהר נאכגעקוקט מיט'ן ענטהוזיאזמוס פון א פאלק, וואס בעגריסט זיין קעניגין. און זיא צוריקלעהנענדיג אויף דיא קישענס פון דער קא־רעטע, האט צוגעשמייכעלט מיט איהרע געפארבטע ליפען. דער וואונדער איז נאר געוועזן, וואס דיא זעלבינע הויכע מיידעל, וועלכע האט אזוי אונגעלומפערט געשפי־עלט דיא גרויסע דאמע אויף דער ביהנע, האט אזוי גוט און נאטירליך געשפיעלט דיא דאמע אין לעבען. זיא איז געוועזן דיא אריסטאקראטקע פון אויסגעלאסענהייט און זיא האט געגעבען דעם טאן דיא גרויסע דאמען, וועלכע האבען איהר נאכ־געטאנצט.

גראף מופפא האט איהר געקויפט א פראכטפאלען האטעל, וואס האט אויסגעזעהן וויא א פאלאץ, דעם האטעל האט אויסגעבויט א יונגער ארטיסט, וועל־כער איז געוועזן געגויטהיגט צו פערקויפען א הם וויא ער שטעהט און געהט, נאך איידער ער האט זיך אויסגעטריקענט, ער איז געוועזן פראכטפאל מעבלירט און אנגעפילט מיט קונסטפאלע און טהייערע זאכען. נאנא האט געהייסען איינינע זא־כען ענדערן אין דיא צימערן און דער ארכיטעקטאר האט זיך שטארק פערוואונ־דערט פון דעם פיינעם געשמאק פון דער געוועזענער שטראסען־מיידעל.

נאנא האָט געעפענט איהר גרויסען און פראכטפאָלען סאלאָן נאר אין געווי־סע טעג, ווען זיא פלעגט האָבען בעזוך פון דיא, וואָס האָבען בעלאַנגט, צום קע־ניגליכען פּאלאַץ, אָדער פון אויסלענדער, וואָס זיינען געווען פון הויכען ראַנג. אונ־טען אין שפּייז צימער פלעגט זיא נאר ארונטערגעהן אין געוויסע שטונדען און פלעגט זיך פּיהלען זעהר איינזאַם, אין דעם גרויסען צימער מיט גאָבעלען טאפּעטען, מיט'ן גרויסען בופעט מיט דיא זעלטענע און קונסטפאָלע געשיר פון אלטען זילבער און קריסטאַל, ווען זיא האָט ניט געהאט קיין געסט ביים טיש, און איז צוריקגעלאָפען אויפ'ן צווייטען עטאַזש אין דיא דריי צימערן, וואָס זיא האָט אַם מייסטען ליעב געהאָט. זיא האָט שוין איהר בודואר געלאָזט צוויי מאל איינריכטען (אויספּאַרני־שען) דאָס ערסטע מאל אין סאַטין און דאָס צווייטע מאל אין בלויען זייד מיט שפּי־צען. נאר זיא איז נאך אַלץ געווען אונצופ־יעדען און האָט געזוכט עטוואָס אנ־דערס אבער דערוויילע האָט זיא ניט געוואוסט וואָס.

דאָס בעט איז געווען נידריג וויא א זאָפע און איז געווען ארומגעהאָנגען מיט וועניעציאַנישע שפּיצען אין ווערטה פון צוואַנציג טויזענד פראַנק. איבעראַל זיינען געווען פערשפּרייט בערעשע פעל און צוליעב זיי האָט מען דעם טעפּפּיך ניט גע־קענט זעהן. דאָס איז געווען נאנא'ס א קאַפּריז, ווייל זיא איז געווען געוואוינט אראבצוציהען דיא זאָקען, זיצענדיג אויפ'ן באָדען. דער קליינער סאלאָן, וואָס איז געווען גלייך נאָכ'ן שלאָף צימער, איז געווען אָנגעפּילט מיט געגענשטענדע פון אַלע צייטען און פון אַלע לענדער. קיינעם האָט ניט געקענט איינפאלען, אז מען געפינט זיך א סאלאָן ביי א מעטרעסע (געליעבטע) פון א גרויסען הערן. נאר דיא פּאָטע־לען און דיא זאָפעס, וואָס זיינען געווען זעהר ברייט און צו ווייך און בעקוועם האָבען געוואָרפען א חשד. ווייטער איז דאָרטען קיין זאך ניט געווען צו טאַדלען אויסער צוויי סטאַטוען, וועלכע האָבען ארויסגעגעבען דעם אָריגינעל נאַרישען געשמאַק פון דער ווירטהין. איין סטאַטוע האָט פאָרגעשטעלט א פרוי אין איין העמד וויא זיא זוכט פליי, און דיא אַנדערע גאַנץ נאַקעט מיט אויפגעהייבענע פיס האָט זיך געדרוקט אויף דיא הענד.

דיא טהיר פון טואַלעט־צימער איז במעט שטענדיג געשטאַנען אָפען. עס איז אין גאַנצען געווען פון מאַרמאָר און שפּיעגעל־גלאָז, מיט א ווייסע וואַנע מיט זיל־בערנע קראַנען און וואַש־בעקן, בעלעגט מיט קריסטאַל און העלפאַנד־ביין. דער פאָרהאַנג איז שטענדיג געווען אראָבגעלאָזט; עס האָט געהערשט אַן אנגענעהמע דונקעלהייט, דיא לופט פון צימער וויא פון דעם גאַנצען הויז איז געווען אנגעזאַפּט מיט'ן דופט פון פּייַלכען־בלומען.

זיא האט זיך פערשאפט א גרויסע דיענערשאפט. אויסער זאַע וואס האט אויפגעפאסט אויף דיא גאנצע ווירטשאפט פון הויז, איז געווען אן אויפזעהער, א קוטשער, א טהיר־שליסער, א קוכער און אנדערע דיענער. אן דיא שטאלען האט מען אויך ניט געדארפט פערגעסען און דאַ האט זיך לאבאַרדעט ארומגעוויזען זעהר ניצליך: ער האט געהאלפען נאנא אויסצוקלייבען דיא פערד, אנקוקען דיא קארע־טעס און איינקויפען יעדע זאך. אויך דיא דיענער האט ער אויסגעקליבען.

נאנא האט איינגעפיהרט א ליוורייע פון בלויען געוואנד מיט זילבערנע בע־פוצונג, וואס דיא מייסטע דיענער איהרע האבען געטראגען. אויפ'ן צווייטען מאנאט איז שוין כמעט יעדע זאך געווען פארטיג און דאס האט אבגעקאסט דריי הונדערט טויזענד פראנק. זיא האט געהאלטען אכט פערד און פינף קארעטעס. און נאנא האט זיך וויא געבאדען אין דעם גאנצען לוקסוס. דאס טהעאטער האט זיא אוועק־געווארפען נאך דער דריטער פארשטעלונג פון דער „קליינע הערצאגין", איבערלאַ־זענדיג באַרדענאוו נאהענט צו א באנקראט ניט קוקענדיג אויף דיא הילף, וואס דער גראף האט איהם געגעבען.

מיט'ן גראף האט זיא אבגעמאכט, ער זאל איהר געבען צוועלף טויזענד פראנק יעדען מאנאט אויסער פרעזענטען, דערפאר האט זיא איהם געשווארען טרייהייט, נאר דערפאר האט זיא אויך געשטעלט געוויסע פארדערונגען. זיא דארף זיין פריי און ער זאל איהר גלויבען אויפ'ן ווארט. מופפא זאל נאר קומען אין גע־וויסע שטונדען און זיא זאל קענען עמפפאנגען וועמען זיא וויל. ווען ער פלעגט ווערען אייפערזיכטיג און ניט געוואלט עפעס ליידען, האט זיא געמאכט א מינע, וויא זיא איז זעהר בעליידיגט און גערדאהט איהם, אז זיא וועט איהם גלייך אוועק־ווארפען, אדער זיא פלעגט פערמאכען זיין מויל מיט נייע שבועות אין טרייהייט. געשווארען האט זיא שטענדיג ביים לעבען פון איהר קינד און דאס דארף ער געוויס גלויבען. וואו עס איז ניטא קיין רעספעקט, קען דארטען קיין ליעבע ניט זיין. און זיא וועט בעסער עסען טרוקענע ברויט און ניט אבגעבען איהר פרייהייט.

דעם ערסטען מאנאט האט מופפא יעדע זאך נאכגעגעבען און האט געענ־דיגט דערמיט, וואס ער האט איהר אנגעהויבען צו רעספעקטירען. נאר זיא האט איינגעפיהרט מעהר וויא דאס. זיא האט באלד געקריגען אויף איהם א גרויסען איינפלוס, און האט עס אויסגענוצט פאר זיין טובה וועגען. ווען ער איז געקומען צו איהר אין א שלעכטען מוטה, פלעגט זיא איהם מאכען פריילין, האט איהם געהייסען אויסדערצעהלען, וואס ער טראגט אויפ'ן הארצען און טרייסטען איהם. ביסלעכווייז האט זיא זיך אנגעהויבען צו בעשעפטיגען מיט זיינע היימישע

אנגעלעגענהייטען, מיט זיין פרוי, מיט זיין טאָכטער און מיט זיינע געלד געשעפטען. זיא האָט עס געפיהרט קלוג און עהרליך, איין מאל נאָר האט זיא זיך געלאזט פערפיהרען פון איהר ליידענשאפט און איהם געגעבען א ראטה ניט אזוי וויא זיא האט געדענקט· דאס איז געוועזן אין יענעם טאָג, ווען ער האָט איהר דערצעהלט, אז דאגענע קלייבט זיך צו בעטען אום זיין טאָכטער'ס האנד. צייט דעם גראַפ'ס פערהעלטניסע צו נאנא זיינען געוואָרען אָפען, האט דאגענע געטרעבענט פאר זיין פפליכט מיט דער פּראָסטיטוטקע צו ניט צו פערקעהרען· ער האט איהר בעהאנדעלט, אלס איינער, וואָס רואינירט זיין שווינגער־פּאָטער און האָט געזאָגט, אז ער וועט איהם פון איהרע נעגעל ארויסרייסען· און זיא האט איהם דערפאר בעצאהלט דערמיט, וואס זיא האט איהם פאר'ן גראף שטארק בערעדט· נאָר ווען זיא האט געזעהען, אז דער גראף ענטשולדיגט זיינע קליינע שוואכקייטען און איהר ריידען שאדט ניט צום שדוך, האָט זיא געזאָגט, אז דאגענע האט מיט איהר געלעבט. מופפא איז ביי דיא ווערטער בלייך געוואָרען און פון יונגען מאַן איז שוין מעהר קיין רייד ניט געוועזן· זיא האט געפיהלט, אז זיא האט זיך מיט דאגענע'ן אָבגערעכענט און דאס וועט איהם אָנלערנען וויא צו האלטען זיך אין דער צוקונפט.

דער האָטעל איז נאָך ניט געוועזן פאָלשטענדיג מעבלירט· איין נאכט ווען זיא האָט דעם גראף מופפא געשוואָרען טרייהייט מיט דיא הייליגסטע שבועות, האט זיא גלייך נאָך זיין אוועקגאנג עמפפאנגען דעם גראף וואנדעיוור און אָבגעהאלטען איהם ביי זיך א גאנצע נאכט. שוין א פּאָר וואָכען, וויא ער האָט זיך ארום איהר ארומגעדרייט און האָט איהר פערשאָטען מיט בלומען· זיא האָט איהם אָבגעהאלטען ביי זיך, אום נאָר צו ווייזען איהם, אז זיא איז פריי, און זיא קען טהאָן, וויא זיא וויל. זיא האָט ניט געהאט אין זינען קיין געלד ביז מארגען אין דער פריה, ווען וואנדעיוור האט איהר געהאָלפען אָבצוצאָהלען א חוב, וועגען וועלכען זיא האָט ניט געוואָלט זאָגען מופפא. וואנדעיוור האָט איהר געזאגט, אז ער וועט איהר געבען צעהן טויזענד פראנק א מאנאט אויף איהרע קליינע אויסגאבען, און דאס געלד האט זיא טאקע נויטהיג געדארפט האָבען, וויל לאבאָרדעט, פאר וועלכען איין בליק איז געוועזן געגוג, אום ער זאל וויסען, וואו עס האלט, האט איהר געזאגט, אז זיא וועט ניט אויסקומען מיט מופפא'ס צוועלף טויזענד א מאָנאט. וואנדעיוור האָט ניט לאנג פערלאָזט לוסי'ן און האט איצט פערשווענדעט דאָס לעצטע ביסעל, וואָס אידם איז פערבליבען פון זיין אייגענס. זיינע פערד צוזאמען מיט לוסי'ן האבען איהם געקאָסט דריי ניטער און ער האָט געזאָגט, אז ער האָט א רעכט צו בענעהן דיא לעצטע נארעשקייט. נאנא וועט מיט איין שלונג פטר'ן זיין

לעצטען פערמעגענס און ער האָט געוואלט, וויא עס האָט געשיינט, וואס גיכער צו בעפרייען זיך פון יעדע זאך וואָס ער האָט פערמאָגט. ער איז אויך איינגעגאנגען אויף נאנא'ס בעדינגונגען, זיא זאָל האָבען פאָלקאָמענע פרייהייט און ער זאָל צו איהר קומען אין געוויסע שטונדען און געוויסע טעג, נאָר עס איז ניט געווען אזוי נארעש צו פאָדערן פון איהר א שבועה אין טרייהייט. מופפא האָט קיין זאך ניט פערדעכטיגט. וואס אנבעלאנגט אָבער צו וואנדעיוור, האָט מען פון איהם קיין זאך ניט געקענט פערבאָרגען, נאָר ער האט זיך געמאכט ניט זעהענדיג און האט אויף אלעס געקוקט מיט א שוואכען סקעפטישען שמייכעל. ער האט נאר פערלאנגט זיין שטונדע, און אז פאריז זאל דערפון וויסען.

נאנא,ס הויז איז איצט אין גאנצען געווארען איינגעריכטעט. זאָע האט געפיהרט דאס הויז קינצליך און קיינע צוזאמענשטויסונגען האבען דיא ערסטע מאָנאטען ניט פאסירט נאָר דא האט זיך זאָע ארומגעזעהן, אז פאר איהר איז בעסער, ווען דיא מאדאם בענעהט נארעשקייטען און פיש איז גוט צו כאפען נאר אין מוטנעם (טריבען) וואסער.

א מאל אין א שעהנעם פריהמארגען, ווען דער גראף האט זיך נאך געפונען ביי נאנא און זיא איז געשטאנען אין טואלעט־צימער, האט זאָע געעפענט דיא טהיר און אריינגעפיהרט א יונגען מאַן.

— גרויסער גאט! דאס איז דאך זשארזש! האט נאנא אויסגעשריען.

זשאָרזש איז צו איהר צוגעלאָפען און האט איהר גענומען קוסען לײדענשאפטליך, זיא האָט זיך ערשראָקען געוועהרט גענען דעם און געשטאמעלט:

— הער אויף! ער איז דאָרטען! וואס ביזטו פעררוקט געוואָרען, זאָע! פיהר איהם אוועק. לאָז איהם אריין אין שפייז־צימער און איך וועל שפעטער ארונטערקומען.

מיט גרויס שוועריגקייטען איז זאָע'ן געלונגען ארויסצופיהרען זשאָרזש'ן און ווען נאנא איז ענדליך ארונטערגעקומען צו זיי אין שפייז־צימער האט זיא זיי ביידען אויסגעזידעלט, זאָע האט געמאכט אן אונצופריעדענע מינע, האט געזאָגט, אז זיא האט געוואָלט פערשאפען דער מאדאם פערגעניגען און איז ארויס פון צימער. זשאָרזש האט געקוקט אויף נאנא מיט פערשלאָפענע אויגען פון טרערען. ער האט איהר דערצעהלט, אז דיא מאמא האט פון איהם אראָבגענומען דעם שטראָף, דענקענדיג, אז ער איז אין דעם יאָהר געוואָרען בעסער און האט איהם אבגעלאזט אין פאריז. ער איז גלייך געקומען צו איהר.

וועהרענד ער האט גערעדט, האט ער געהאלטען איהרע הענד און געפיהרט

מיט זיינע איבער איהרע גלאטע ארמס אונטער'ן דיא לייזע ארבעל ביז ער האט דערגרויכט איהרע קיילעכדיגע אקסלען.

— און דוא ליעבסט מיך ווירקליך? האט ער געמורמעלט.

— געוויס ליעב איך דיך, האט זיא געענטפערט און האט זיך לייז געמאכט פון איהם. נאר דוא ביזט וויא פון הימעל אראבגעפאלען און איך האב דיך נאר ניט ערווארטעט. דוא ווייסט דאך, אז ניט אלע מאל בין איך פריי און דוא דארפסט זיך אויפפיהרען קלינגער.

זשארזש האט זיך איצט ארומגעקוקט, וואו ער איז אין דער וועלט. זיין בליק איז איבערגעלאפען פון דעם בעגולטען סופיט אויף דיא רייכע טאפעטען, און אויף דיא פראכטיגע זילבער־געשיר.

— אח, יא, האט ער ארויסגעשטאמעלט טרויריג.

זיא האט איהם איצט נעגעבען צו פערשטעהן, אז ער זאל קיין מאל מעהר ניט קומען פאר מיטאג. פון פיער ביז זעקס עמפפאנגט זיא איהרע געסט. ער האט אויף איהר א קוק געטהאן מיט אזא טרויער אין דיא אויגען, אז זיא האט איהם א קוס געטהאן אין שטערען און געזאגט:

— זיי גוט און איך וועל טהאן וואס איך קען.

אין אמת'ן אבער האט זיך נאנא מעהר ניט אינטערעסירט מיט איהם. זיא האט איהם גערעכענט פאר א גוט אינגעל, און ער קען זיין איהרער א גוטער קא־מעראד, אבער וויטער ניט. דאך ווען זיא האט געזעהן, וויא זיין טרוויער וואקסט מיט יעדען טאג, האט זיא איהם ערלויבט צונויפזואמלען דיא ברעקלאך פון איהר צערטליכקייט און ענדליך איז ער געווארען א שטיק פון איהר ווירטשאפט און איז מעהר פון האטעל ניט ארויסגעגאנגען. ער האט פערנומען אזא פלאץ, וויא דאס הינטעל ביזשא, און ווען זיא איז געוועזען לעדיג, האט זיא זיך מיט ביידען בעשעפ־טיגט.

מאדאם הוזשאן האט זיך באלד דערוואוסט, אז נאנא האט ווידער ארייג־גענומען זשארזש'ן אין איהרע הענד און זיא איז גלייך אוועקגעפאהרען אין פאריז און געבעטען איהר עלטערן זוהן דעם קאפיטאן פיליפ, אז ער זאל איהר קומען צו הילף. זשארזש האט זיך פון זיין ברודער בעהאלטען, ווייל ער האט פאר איהם זעהר מורא געהאט. און אזוי וויא ער האט פאר זיך קיין זאך ניט געקענט איינ־האלטען, האט ער זיין הארץ ארויסגעגאסען פאר נאנא און האט ניט אויפגעהערט צו ריידען וועגען זיין ברודער און שילדערן איהם אלס א מאן, וואס וועט זיך פאר קיין זאך ניט אבשרעקען.

— דוא פערשטעהסט ? האט ער צו איהר געזאגט ; דיא מאמע וועט אליין אהער ניט קומען און וועט שיקען פיליפ׳ן.

— איך וואלט טאקע וועלען זעהן! האט זיא געענטפערט מיט היץ. דיין ברו־דער מעג זיין א ליטענאנט, נאר דאס וועט מיין פראנסוא ניט שטערן צו וויזען איהם דיא טהיר.

אין דעם פערלויף פון א וואך האט ער איהר אויסדערצעהלט אלע איינצעל־הייטען וועגען זיין ברודער. זיא האט אפילו געוואוסט, אז ער האט א בראדעוואקע אויפ׳ן אקסעל, און איין טאג האט זיא אויסגערופען:

— פאר וואס קומט ער ניט, דיין ברודער ? ער מוז זיין א פייגלינג!

אויף מארגען, ווען זשארזש איז געווען אליין מיט נאנא, איז פראנסוא אריין און געמעלדעט, אז ליטענאנט פיליפ הוזשאן ווינשט צו זעהן דיא מאדאם.

זשארזש איז געווארען בלייך וויא קאלך, און האט געבעטען נאנא, זיא זאל ענטפערן, אז זיא איז ניטא צו הויזע. זיא איז געווארען אויפגערעגט און געענט־פערט:

— פאר וואס? ער קען מיינען, אז איך האב פאר איהם מורא.... פראנסוא! פיהר איהם אריין אין סאלאן און לאז איהםווארטען א פיערטעל שטונדע.

זיא האט זיך ניט צוריקגעזעצט און איז אין א פיעבערהאפטע עררעגונג גע־גאנגען איבער׳ן צימער אויף און אב. יעדעס מאל וואס זיא איז פערבייגעגאנגען דעם שפיעגעל האט זיא זיך אויף א רגע אבגעשטעלט און געפרובט שמייכלען. זשארזש איז געלעגען קראפטלאז אויף א זאפע און געציטערט מיט אלע גליעדער פון דער סצענע, וואס וועט דא באלד געשעהן.

— ווען ער וועט ווארטען א פיערטעל שטונדע, וועט ער אביסעל וויכער ווער־רען, האט נאנא געזאגט צו זשארזש׳ן. אויב ער האט געמיינט, אז ער געהט צו א דירנע, וועט איהם מיין סאלאן וויזען עפעס אנדערס.. יא, יא, קוק זיך גוט ארום, וואו דוא ביזט אין דער וועלט!.... איך וועל דיר אנלערנען צו רעספעקטירען א בירגערין.

זיא האט אוועקגעשיקט זשארז׳ן און גענומען ביי איהם דאס ווארט, ער זאל ניט אונטערהערען פון אונטער דער טהיר. ביים ארויסגעהן האט ער זיך נאך אמאל געווענדעט צו נאנא און געזאגט:

— פערגעס ניט, אז ער איז מיינער א ברודער.

— זארג ניט, האט זיא געענטפערט. אויב ער וועט זיך האלטען אנשטענדיג, וועל איך זיך אויך האלטען אזוי.

גלייך נאך זשאָרזש'ס ארויסגעהן האָט פראנסוא אריינגעפיהרט פיליפ הוזשאָן. וועלכער האָט געטראָגען זיין יוניפאָרם. זשאָרזש האָט געוואָלט אוועק ווייט פון דער ט יר, נאָר דיא שטימען, וואָס ער האָט איצט געהערט, האבען איהם וויא צוגע־שמידט. איהם האט געדוכט, אז דאָ וועלען באלד פליהען קלעפּ, עס וועט געשעהן עפּעס א קאטאסטראָפע, און ער האט זיך ניט געקענט איינהאַלטען ניט צו צולע־גען דעם אויער צו דער טהיר, נאָר דיא דיקע פאָרהאַנגען האבען פערשטיקט יעדען גערויש. דאָך האָבען א פּאָר פיליפּ'ס ווערטער דערגרייכט זיינע אויערען: „קינד־פאַמיליע.... עהרע....“ זיין הארץ האט איצט האסטיג געקלאפּט פון דעם גע־דאנק, וואָס וועט זיין געליעבטע איצט ענטפערן. זיא וועט איהם געוויס אנרופען שמוציגער שוויין אדער זיא וועט איהם ענטפערן, אז ער זאל איהר לאזען צו רוה. נאר ער האט קיין זאך ניט געקענט הערען. פּלוצים איז ער נאך מעהר פערוואונ־דערט געווארען, ווען צו איהם האט דערגרייכט א גערויש, וואס איז געווען עהנליך צו וויינען. דאס ווייגט נאנא, האט ער געטראכט און האט ניט געוואוסט. וואס צו טהאָן. צו זאל ער אריינרייסען זיך אינערוויינינג און ארויפּווארפען זיך אויף פיליפּ'ן אדער אנטלויפען. נאר אין דער מינוט האט זיך דיא טהיר געעפענט און זאע איז אריינגעקומען. זיא האט אנגעהויבען ברענגען דיא וועש פון שאפע אין ארדנונג, און ער האט געמוזט אבטרעטען פון טהיר ער איז געשטאנען ביים פענסטער און דאס הארץ האט איהם ניט געלאזט רוהען. נאך א קרצער פויזע האט זאע געפרעגט:

— איז דער יונגער העררר, וואס זיצט איצט ביי דער מאדאם, אייער ברודער?

— יא, האט זשארזש געענטפערט מיט א דערשטיקטע שטימע.

עס איז ווידער שטיל געווארען.

— און איהר זייט דערפון אונרוהיג? האט זיא וייטער געפרעגט.

— געוויס, האט ער קוים ארויסגעשטאמעלט.

זאע האט זיך מיט איהר ארבייט ניט געאיילט און האט ווייטער געזאגט, צוזאמענלענענדיג שפּיצען:

— איהר דארפט ניט זארגען, דיא מאדאם וועט שוין מאכען אלעס רעכט.

זיי האבען מעהר ניט גערעדט. זאע איז נאך א פיערטעל שטונדע געזעסען און האט לאנגזאם געטהאן איהר ארבייט.

וואס טהוען זיי דאָרטען אזוי לאנג? האט ער זיך געפרעגט און געווארפען צושראקענע בליקען אויף דער טהיר. האט ער איהר גראב אנגעטראטען און נאנא וויינט איצט?.... ווען זאע איז ענדליך אוועקגעגאנגען, איז ער צוגעלאפען צו דער

טהיר. דאס, וואס ער האט געהערט, האט ביי איהם אבגענומען די שפראך. דארטען איגערוויינינג איז געווען גאנץ פריילוך. עס האבען זיך געהערט צערטליכע שטימען און דאס ערשטיקטע געלעכטער פון א פרוי, וועלכע מען קיצעלט. דאס האט לאנג ניט געדויערט באלד האט ער דערהערט, וויא נאנא האט בעגלייט זיין ברודער צו דער טהיר און האט זיך מיט איהם געזעגענט זעהר פריינדליך.

ווען זשארזש איז ענדליך אריין אין סאלאן, האט ער געטראפען נאנא ביים שפיעגעל.

— ער? האט ער געפרעגט.

— וואס נו? האט זיא געענטפערט, און האט זיך פון שפיעגעל ניט אבגעקעהרט. דיין ברודער איז א גאנץ פיינער מאן.

— איז אלעס אויסגעגלייכט?

— וואס דען האסטו געדענקט, אז מיר וועלען זיך דא פאטשען?

ווען זשארזש האט איהר געפרעגט, אויב זיא האט געוויינט, איז זיא אויף איהם אנגעפאלען, פאר וואס ער האט אונטערגעהערט אונטער דער טהיר. ער האט געזוכט צו פערגלעטען זיין פעהלער און האט זיך גענומען חנפ'ענען צו איהר און אויספרעגען, וואס איז ביי זיי געווארען.

— דיין ברודער האט באלד פערשטאנען, וואו ער איז, האט זיא געענטפערט. ער האט געמענט דענקען, אז דוא האסט צו טהאן מיט א געוואוינליכע דירנע און דאן וואלט ער געהאט רעכט זיך אריינצומישען, וויל דוא ביזט נאך א קינד, און דאס האט געקענט שאדען דיין פאמיליען-עהרע אה, איך וויים וויא צו שעצען אזעלכע געפיהלען. זארגט ניט מעהר, ער וועט שוין דיין מוטער בערוהיגען.

זיא איז א ווילע שטיל געווארען און האט באלד ווידער געזאגט מיט א געלעכטער.

— דוא וועסט איצט אפט דא בעגעגנען דיין ברודער, איך האב איהם איינגעלאדען, ער זאל מיך בעזוכען.

זשארזש איז זעהר בלייך געווארען, און זיי האבען מעהר פון פיליפ'ן ניט גערעדט. נאנא האט זיך אנגעטהאן, אום ארויסגעהן אויף שפאציר און ער האט איהר נאכגעקוקט מיט גרויסע און טרויריגע אויגען. ער האט זיך געווים געפרייט, וואס אלעס איז אויסגעגלייכט געווארען, וויל ער וואלט בעסער געשטארבען, איידער שיידען זיך פון נאנא, נאר טיעף אין הארצען האט איהם געזאגט א שרעקליכער שמערץ, פון וועלכען ער האט זיך אליין ניט געקענט אבגעבען א רעכנונג. ער האט קיין מאל ניט אויסגעפונען, וויא אזוי פיליפ האט בערוהיגט די מוטער; ער האט

נאָר געוואוסט, אז מיט דריי טעג שפּעטער האט זיא זיך צופריעדען אומגעקעהרט אין איהר גוט. דעם זעלבען אבענד איז פיליפּ געקומען צו נאנא, און זשאָרזש האָט א ציטער געטהאָן, ווען פראנסוא איז אריין איהם צו מעלדען. נאר פיליפּ איז גע־ווען פריילִיך און איז זיך מיט איהם בעגאַנגען וויא מיט א אינגעל. וועלכען מען פערצייהעט לייכט א נארעשקייט. זשאָרזש האָט זיך זעהר געקלערט און פון יעדען וואָרט, וואָס פיליפּ האָט געזאגט, איז ער רויט געוואָרען וויא א מיידעל. זיין ברו־דער איז פון איהם עלטער געווען מיט צעהן יאָהר און ער האט אויף איהם געקוקט, וויא אויף א פאטער, ער האט זיך געשעמט, צוקוקענדיג זיך, וויא זיין הויכער און שטארקער ברודער בענעהמט זיך אזוי פריי מיט נאנא. נאר אזוי וויא זיי האבען זיך דא בעגעגענט יעדען טאג, איז ער צו איהר באלד געוואוינט געווארען. נאנא האט געשטראהלט פאר פרייד און האט זיך אימער שטארק בעריהמט מיט איהר זיעג.

איז דיזע צייט האָט נאנא ניט געהאט איין וואונש, וואס זיא זאל ניט אויספיהרען.

אמאָל איז דער גראף אריינגעקומען צו נאנא אין א שטונדע, וואס האט ניט בעלאנגט צו איהם. ער האט איהר געבראכט קופּאָנס פאר א לאזשע אין טהעא־טער. נאר ווען זאָע האט איהם געזאגט, אז נאנא איז ניט אליין, האט ער דיא קו־פּאָנס איבערגעלאזען ביי זאָע און אלס א גאלאנטער העררע, האט ער נאנא געוואלט וויזען, אז ער האט צו איהר צוטרוי און איז גלייך אוועק.

נאר ווען ער איז געקומען אין אבענד, האט איהם נאנא בעגעגענט קאלט מיט דער מינע פון א בעליידיגטע פרוי.

— מיין העררע, האט זיא צו איהם געזאָגט. איך האָב אייך ניט געגעבען קיין אורזאכע מיך צו בעליידיגען. איך בין שטענדיג צום זעהן און ווען איך בין צו הויזע, בעט איך אייך איהר זאָלט אריינקומען, וויא אלע אנדערע.

— אָבער, מיין טהייערע, האט דער גראף אנגעהויבען....

נאָר נאנא האָט איהם איבערגעריסען.

— איהר זייט ניט אריין, ווייל איך האָב דאמאָלס געהאט געסט און דערצו נאָך מאנספּערזאָנען.... וואס האט איהר געדענקט טהו איך מיט דיא העררען?.. איהר זייט, מיין העררע, ניט טאקטיש.

נאָך פיעל מיה איז איהם געלונגען צו קריגען איהר פערצייהונג. נאָר אין גרונט איז ער דערפון געווען ענטציקט. דורך אזעלכע סצענען האָט זיא געוואונען זיין צוטרוי און ער האָט אין איהר געגלויבט וויא אין א מלאך. זיא האָט איהם מיט

דער צייט צוגעוואוינט, ער זאָל פריינדליך בעהאנדלען זשאָרזש'ן און ער האָט זיך געוויזען ליבענסווירדיג צו דיא אלע געסט, וואָס זיינען געקומען צו איהר.

נאָר ניט קוקענדיג אויפ'ן גאנצען לוקסוס, מיט וועלכען נאנא איז געווען ארומגערינגעלט, האָט זיא זיך געפיהלט אין איהר פּאלאַץ אומעדיג צום טויטט. זיא האט געפיהלט, אז עפּעס געהט איהר אָב. דער מאָרגענדיגער טאָג האָט פאר איהר ניט עקזיסטירט, זיא האָט זיך געפיהלט וויא א פויגעל, וואָס געפינט זיין עסען גרייט אומעדום און אויפ'ן ערסטען צווייג קען ער זיך אויסשלאָפען. אָהן זאָרג. וועגען עקזיסטענץ האט זיא איהרע גאנצע טעג פערבראכט אין ליגען פויל אויסגעצויגען אויף איהרע ווייכע סאָפעס. אזוי וויא זיא האָט אויפגעהערט צו געהן צו פוס און האט אהן דער קאָרעטע קיין טראָט ניט געמאכט, האָט זיא זיך אָבגע-וואוינט פון געהן. איהר איינציגע זאָרג איז געווען, וויא איינצוהאַלטען דיא שעהנ-קייט פון איהר קערפּער. זיא האט שטאָלצירט, וואָס זיא האָט זיך יעדען אויגענבליק געקענט אויסטהאָן נאקעט פאר יעדען איינעם און ניט דארפען זיך שעמען.

טאנטע לערא האט זיך שטארק איבערגענומען, צייט נאנא איז ווידער אריין אין דיא הויכע פענסטער, נאר צו איהר אין האטעל איז זיא זעלטען געקומען, זאָ-גענדיג, אז דארטען איז ניט דער פּלאַץ פאר אזעלכע, וויא זיא. נאר דערפאר איז קיינער ניט געווען איהר גלייכען, ווען נאנא פלעגט צופאהרען צו איהר אין איהר קאָרעטע אין קאָסטיומען וואס יעדער האט געקאסט פון פיער ביז פינף טויזענד פראנק. דעם גאנצען צווייטען טאג, איז זיא געווען בעשעפטיגט מיט'ן ווייזען דיא טהייערע און שעהנע פּרעזענטען, וואס נאנא האט מיטגעבראכט, און האט דער-צעהלט פון איהר אזעלכע גרויסקייטען, אז דיא שכנים האבען געעפענט דיא מיילער פון וואונדער.

זונטאג פלעגט נאנא צוברענגען מיט איהר פאמיליע און ווען מופּא פלעגט איהר אין אזא טאג איינלאדען צו פאהרען ערגעץ, האט זיא זיך מיט א שמייכעל דערפון אבגעזאגט און ערקלערט, אז היינט עסט זיא ביי איהר טאנטע און פער-ברענגט דעם טאג מיט'ן קינד. לואי איז אלט געווען דריי יאהר און איז געווען גע-וויקסיג, נאר דיא געשווילעכץ אויף זיין נאקען און דאס, וואס איהם האט גערונען פון דיא אויערען, האבען געוויזען, אז זיינע ביינער הויבען אן צו פוילען.

ווען זיא האט איהם געזעהן בלייך, דאס פלייש פון דיא באקען אראבגעהאנ-גען מיט דיא געלע פלעקען, פלעגט זיא זיך שטענדיג פערטראכטען: וואס קען איהם אבגעהן? וואָס קען איהם פעהלען? זיא, זיין מוטער, איז אזוי געזונד. אין דיא וואָ-כעדיגע טעג האט זיא זיך איבערגעגעבען צו טהעאטער, דינערס און סאפּערס אין

די גרויסע רעסטאראנען און אויסער דעם האט זי בעזוכט אלע יענע פלעצער, וואו די מאסע דרינגט זיך. נאר דאס האט אלץ ניט געקענט אנפילען די לעער־קייט, וואס זי האט געטראגען אין זיך, און האט אויף טריט און שריט געזאגט מיט א גרויסען געגעץ:

— אח, וויא עקעלהאפט זיינען מיר געווארען די מענער!

א מאל נאכמיטאג, פאהרענדיג פון א קאנצערט א היים האט זי דערזעהן אויפ'ן טראטואר, וויא א מיידעל האט זיך געשלעפט מיט אויסגעטראטענע שיך, מיט פערשמוצטע קליידלאך און מיט א הוט, וואס איז פון רעגען צוזוויקט און אבגעקראכען געווארען. פלוצים האט נאנא אבגעשטעלט די קארעטע און האט א געשריי געטהאן:

— סאטין! סאטין!

אלע דורכגעהער האבען זיך אבגעשטעלט און גענומען קוקען פערוואונדערט, וואס דא קומט פאר. סאטין איז צוגעגאנגען נעהענטער און האט זיך נאך מעהר פערשמירט פון די רעדער פון דער קארעטע.

— שטייג אריין! האט געזאגט נאנא, ניט קימערענדיג זיך וועגען די פער־ביינעהער.

און זי האט אריינגענומען דאס פערשמירטע מיידעל אין איהר קארעטע און האט איהר אנידערגעזעצט אויף די העל־בלויע זיידענע קישענס נעבען איהר פערל־גרויע זיידענע קלייד בעזעצט מיט טהייערע שפיצען.

די גאנצע גאס האט געלאכט פון דער גאוה'דיגער האלטונג פון דעם קוט־שער, וואס האט געפיהרט דיזע זעלטזאמע קארעטע.

איצט האט זיך נאנא שטארק צוגעבונדען צו איהר אמאליגע חברתע. די ערסטע דריי טעג נאכדעם וויא מען האט סאטין ארומגעוואשען און אנגעטהאן ריין, האט זי געהאלטען אין איין דערצעהלען פון דעם שרעקליכען אנשטאלט סענט לאזאר, וואו מען האט איהר אוועקגעפיהרט גלייך, וויא די אגענטען האבען איהר ארעסטירט, און זי האט געשאלטען די נאנען (מאנאשקעס) פון דער אנשטאלט, פאר וואס זיי האבען איהר אבגעשארען די האר און די פאליציי אגענטען פאר וואס זיי האבען איהר געשטעלט אויף דער ליסטע פון פראסטיטוטקעס. נאנא איז געווען שרעקליך אויפגעבראכט און האט געזאגט, אז זי וועט איהר ארויסרייסען פון די נעגעל פון דער פאליציי, ווען אפילו זי זאל דארפען געהן צום מיניסטער. נאר ביי איהר איז זי זיכער, צו איהר אין הויז וועט די פאליציי ניט וואגען אריינצורייסען זיך. אויפ'ן פיערטען טאג אבער איז סאטין, וועלכע עס האט מעהר

נעצויגען צום טראטואר, אנטלאפען אין דער נייער קלייד, וואס נאנא האט פאר איהר געלאזט מאכען.

נאך איהר אנטלויפען איז געווארען א שרעקליכער שטורם אין נאנא'ס הויז. דיא דיענער האבען מורא געהאט ארויסצורעדען א ווארט. בעזאנדערס איז זיא אין כעס געווען אויף פראנסוא, פאר וואס ער האט ניט גוט אכטונג געגעבען. דאך האט זיא זיך וויא ווייט זיא האט געקענט איינגעהאלטען, און האט געזאגט, אז ווייטער וועט זיא זיך שוין היטען און וועט שוין מעהר ניט ארויסשלעפען אזעלכע שמוציגע דירנען פון בלאטע און ברענגען צו זיך א היים. נאר פארנאכט האט זיא געהייסען שפאנען דיא קארעטען און איז אוועק צו לאאור זוכען סאטין. זיא האט איהר דארטען געטראפען זיצען ביי א קליין טישעל מיט מאדאם ראבערט. סאטין האט זיך צולאכט, דערזעהענדיג נאנא, נאר דיא לעצטע האט עם רוהיג ארויבגעשלונגען און האט געהייסען דערלאנגען שאמפאניער. זיא האט אלעמען אנגעשכור'ט און ווען מאדאם ראבערט האט זיך אבגעקעהרט האט זיא ביי איהר פון אונטער דער נאז אוועקגעשלעפט סאטינ'ן. נאר ווען זיי זיינען שוין געזעסען אין קארעטע האט נאנא צו איהר אויסגעלאזט איהר כעס, זיא האט איהר געביסען און געריסען און צוגעזאגט, אז זיא וועט איהר דערשטיקען, אויב זיא וועט וואגען א צווייטען מאל צו אנטלויפען. סאטין האט נאך א פאר מאל געפרובט אנטלויפען, נאר זיא האט איהר יעדעס מאל צוריקגעבראכט.

אמאל ווען סאטין איז ווידער אנטלאפען, איז נאנא אוועק צו לאאור איהר אבצוזוכען. זיצענדיג אליין פאר א טישעל האט זיא פלוצים דערזעהן, וויא דאגענע איז אריינגעקומען. אנפאנגס האט ער זיך דערפיהלט אונבעקוועם, וואס ער האט דא געטראפען נאנא, נאר ער איז נים געווען דער מאן, וואס זאל אנטלויפען פון אזעלכע זאכען. ער איז גלייך צוגעגאנגען צו איהר און געפרעגט מיט א שמייכעל, צו זיא וועט איהם ערלויבען זעצען זיך פאר איהר טישעל.

— זעצט אייך, וואו אייך געפעלט, האט זיא געענטפערט קאלט און שטאלץ, איך האב דא גאר נים צו זאגען.

זיי האבעןביידע אין דעם טאן גערעדט ביז מען האט דערלאנגט דעזערט. דאן האט זיא זיך צו איהם געווענדעט אויף איהר אלטען שטייגער:

— וואו האלט עס מיט דיין חתונה?

— עס האלט גאנץ שלעכט, האט דאגענע געענפערט.

דאגענע האט דיא לעצטע צייט געוואלט בעטען, אום עסטעלא'ס האנד, נאר

פלוצים האט ער בעמערקט, אז דער גראף איז צו איהם געווארען קאלט, און ער איז געקומען צום שלום, אז פון דעם שדוך וועט גאר ניט ווערען.

— אזוי ! האט נאנא געפרעגט מיט אן איראנישען שמייכעל און א קוק גע־טהאן אויף איהם מיט איהרע קלארע בלויע אויגען. אזוי ! בין איך א שווינדלעריןֿ, א בעטרינערין, און דוא מוזט דיין צוקונפטיגען שווינער פאטער ארויסרייסען פון מיינע נעגעל ?.... און דאס זאגסטו צו א מענשען, וואס פערנעטערט מיך און דערצעהלט מיר יעדעס ווארט ? איך האב דיך גערעכענט פאר א סך קלינער.... דוא ווייסט, מיין ליעבער, אז דיין פלאן צו הייראטען עסטעלא קען נאר געלינגען דאן, ווען איך וועל וועלען ?

דאנענע האט עס אליין גוט פערשטאנען און ער האט זיך פארגענומען אויס־צונוצען דיא געלעגענהייט. ער האט אנגעטהאן דיא האנדשוה, האט זיך געשטעלט פאר איהר און מיט א פארמאלע מינע האט ער געבעטען ביי איהר אום דיא האנד פון גרעפין עסטעלא.

— וויא קען מען אויף אזא מענשען בייז זיין ! האט נאנא אויסגערופען מיט א געלעכטער.

דאנענע האט מיט איהר גענומען רעדען מיט זיין קלינגענדע און זאנפטע שטימע, מיט וועלכע ער פלעגט צוציהען אזעלכע מיידלאך וויא נאנא און זיי האבען איהם גערופען „דאס סאמעטענע מייכעל״. און זייער געשפרעך האט זיך גע־ענדיגט מיט דעם, אז זיי זיינען ביידע ארויס פון רעסטאראן צוזאמען, נאנא האט איהר קארעטע אבגעשיקט אהיים און איז אוועק מיט דאנענע צו איהם אין זיין וואוינונג.

מיט צוויי שטונדען שפעטער, ווען ער האט איהר פערשפילעט איהרע שיכלאך, האט זיא צו איהם געזאגט :

— זאג מיר, מימי, מיינסטו ערנסט צו הייראטען עסטעל ?

— עהרען ווארט, האט ער געמורמעלט. דוא ווייסט דאך, אז איך בין אין גאנצען געבראכען, און דאס איז דאס בעסטע, וואס איך קען טהאן.

— איך וועל זעהן טהאן, וואס איך וועל קענען, האט נאנא געזאגט. זיא איז טרוקען, וויא א הערינג, נאר דאס איז דיין זאך. איך האב געגען דעם גאר ניט און וועל דיא זאך אונטערשטיצען. נאר וואס וועסטו מיר דערפאר געבען ? האט זיא געפרעגט מיט א געלעכטער.

ער האט איהר ארומגענומען און געקוסט אין איהרע נאקעטע אקסלען. זיא איז געווען זעהר פריילין.

— הער, וואס איך וויל פאר מיין קאמיסיאן, האט זיא געזאגט. דוא זאלסט פון דער חופה קומען גלייך צו מיר און דערנאך געהן צו דיין פרוי.

— גוט, האט ער געענטפערט און האט זיך צולאכט העכער פון איהר.

דער פּלאן האט זיי זעהר אמוזירט, און זיי האבען דאס בעטראכט פאר א גוטען שפאס.

אויפ'ן צווייטען טאג האט נאנא געגעבען א דינער, אויף וועלכען עס זיינען געווען איינגעלאדען גראף מופפא, גראף וואנדעיוור, ביידע ברידער הוגאן און סאטין. דער גראף איז געקומען פריה, ער האט געדארפט אכטציג טויזענד פראנק בעצאהלען א פאר קרעדיטארען נאנא'ס און צו קויפען איהר א נאנג ציערונג, פון סאפיר־שטיינער. ער האט זיך שוין אזוי פערפלאנטערט אין געלד, אז ער האט געמוזט דיא סומע געלד קריגען לייען, ניט האבענדיג דעם מוטה צו פערקויפען א טהייל פון זיינע גיטער. נאנא האט איהם געראטהען, ער זאל זיך ווענדען צו לאבארדעט, נאר יענער האט געזאגט, אז אליין האט ער דאס געלד ניט און ער מוז נאך דעם אנקומען צום פראזירער פראנסי. זיי האבען ביי איהם פאר דיא אכציג טויזענד פראנק גענומען א וועקסעל אויף הונדערט טויזענד און דאביי געשאלטען דיא פראצענטניקעס מיט טוידטע קללות, פאר וואס זיי נעהמען אזעלכע גרויסע פראצענטען. נאנא האט געבעטען לאבארדעט, ער זאל בלייבען צום דינער, נאר ער האט זיך אבגעזאגט, ווייל ער האט נאך געהאט אויסצופיהרען א געשעפט.

מופפא האט איהם אבגעפיהרט אן א זייט און געבעטען איהם, ער זאל געהן צום יובעלירער און ברענגען דעם נאנג ציערונג, ווייל ער וויל נאך היינט איבערראשען נאנא מיט דעם געשאנק. לאבארדעט האט גערן אנגענומען דיא קאמיסיאן און אין א פיערטעל שטונדע ארום איז שוין דאס קעסטעלע מיט דיא ציערונג געווען ביים גראף.

ביים דינער איז נאנא געווען זעהר נערוועז. וואס דיא אכציג טויזענד פראנק דארפען אריינפאלען אין דיא הענד פון דיא קרעטער; ביים אנבליק פון דעם רייך געדעקטען טיש אין זיא פלוצים סענטימענטאל געווארען. דיא הערען האבען געטראגען שווארצע סאלאן קליידער, זיא אליין האט געטראגען א ווייסע געשטיקטע זיידענע קלייד און סאטין האט געטראגען אביסעל אן איינפאכערע זיידענע קלייד מיט א גאלדערנע הערצעל אויפ'ן האלז, וואס נאנא האט איהר ניט לאנג געשענקט.

— געוויס, מיר וואלט געווען א סך פרייליכער, ווען איך זאל ניט האבען קיין סו אין טאשע. ניט וואהר, מיין קעצעלע? האט זיך נאנא געווענדעט צו סאטין. אונז איז געווען א סך פרייליכער, ווען מיר זיינען געגאנגען אין שוהלע.

אוןביידע האָבען זיך פערזונקען אין דיא ערא‏ינערונגען פון זייער יוגענד. עס האָט געשיינט, וויא זיי האָבען געוואָלט ארויסשעפּען פון דער ווייטער פערגאנגענהייט דעם גאנצען שמוץ, אין וועלכען זיי זיינען אויסגעוואקסען און פערדעקען מיט איהם דיא הערצען, וואָס זיינען געזעסען מיט זיי ביים טיש. דיא הערצען האָבען זיך געפונען אין א גרויסער פערלעגענהייט און זיינען זעהר בלייך געוואָרען.

— געדענקסט וויקטאָר׳ן ? האָט געזאָגט נאנא. דאס איז געווען אן אויסגעלאסענער יונג! ער פלעגט פיהרען קליינע מיידלאך אין קעלער אריין.

— ריכטיג, האָט סאטין געענטפערט. איך געדענק נאך דעם גרויסען הויף וואו איהר האָט געוואוינט. איך געדענק נאך זעהר גוט דיא אויפזעהערקע פון הויף מיט׳ן גרויסען בעזים.

— דאָס איז געווען מוטער באָשע. זיא איז שוין לאנג געשטאָרבען.

— איך געדענק נאך אייער געשעפט, וואו דיא מוטער פלעגט נעהמען דיא וועש. דיין מוטער איז געווען א שטארקע פרוי.... אמאָל ווען מיר האָבען זיך געשפּיעלט, איז דיין פאָטער געקומען אהיים א שכור׳ער, אָבער אזוי שכור!

וואנדעיוור האָט זיך געוואָלט אריינמישען, אום איבערצורייסען דעם געשפּרעך, נאָר איהם איז ניט געלונגען. נאנא האָט ווייטער גערעדט צו איהר פריינדין:

— יא, מיין פאָטער האָט זיך ניט גוט אויפגעפיהרט... ער האָט דעם בראנפען געזויגען וויא א שוואָם. איך האָב זיך גענוג אויסגעליטען פון זיי....

איצט האָט מופפא זיך ניט געקענט איינהאלטען און האָט זיך אריינגעמישט.

— וואָס איהר דערצעהלט אונז דאָ, איז ניט זעהר פריילך.

— וויא? וואָס איז ניט פריילך? האָט זיא אויסגעשריען און האָט אויף איהם א בייזען בליק געטהאָן.

— געוויס איז ניט געווען פריילך, האָט זיא געענטפערט. מיר האָבען געמוזט פאר אונזער שטיקעל ברויט הארעווען.... איך בין א גוט מיידעל און איהר ווייסט דאס. איך האָב פיינד צו פערלייקענען: מיין מוטער איז געווען א וועשערקע און מיין פאָטער איז געווען א גרויסער שכור. און אויב איהר שעמט זיך מיט מיין פאמיליע....

דאס גאנצע געזעלשאפט האָט איהר איבערגעריסען און האָבען זיך אנגערופען, אז זיי שעצען איהר פאמיליע, נאָר זיא האָט אלץ גערעדט ווייטער. ווען זיא זאָל זיצען ביז׳ן האלז אין גאלד וועט זיא דערמאָנען יענע צייט, ווען געבראָטענע עפּעל איז ביי איהר געווען א גרויסער יום טוב. געלד איז דיא נארישסטע זאך אין דער וועלט, דאס איז נאָר גוט פאר קרעמער, און וואָס עס אנבעלאנגט צו איהר,

אין איהר איינציגע פאנטאזיע צו בעזיצען א קליין שטיבעלע און א ליעבענדע הערץ.

אין דער סעקונדע האט זיא בעמערקט איהר דיענער זשוליען, וועלכער איז געשטאנען אויסגעצויגען וויא א שטעקען און האט אויף איהר געקוקט.

— פאר וואס טראגט איהר ניט אריין דעם שאמפאניער? האט זיא אויסגעשריען. וואס קוקט איהר אויף מיר, וויא אויף א גאנז?

דיא גאנצע צייט האבען זיך דיא דיענער געהאלטען אזוי, וויא זיי וואלטען גאר ניט געהערט און וואס מעהר זיא האט ארויסגעשלעפט פון איהר פערגאנגענהייט בלאטע, האבען זיי אויסגעזעהן ווירדיגער.

זשוליען האט אנגענאסען שאמפאניער און פראנסוא איז נאכגעגאנגען נאך איהם מיט א טאץ פול מיט פרוכטען און האט דאביי ארונטערגעווארפען עטליכע פרוכטען אויפ'ן טיש.

— אונגעשיקטער עזעל! האט א געשריי געטהאן נאנא.

דער דיענער האט זיך פערענטפערט, אז שולדיג איז זאע, וואס האט ארונטערגענומען פון טאץ א פאר אפעלסינען און האט געבראכט דיא פרוכטען אין אונארדנונג.

— אויב אזוי איז זאע א גנב'טע!

— אבער, מאדאם.... האט זאע געזאגט געקרענקט.

נאר נאנא האט איהר ניט געלאזט ענדיגען און געזאגט:

— גענוג! גענוג! געהט אלע ארויס! מיר וועלען זיך בעגעהן אהן אייך.

ביים דעזערט האט וואנדעיוור און דיא ברידער הוגאן גענומען זיך רייצען מיט סאטין און זיי האבען איהר אזוי אריינגעבראכט אין כעס, אז זיא האט זיך אויפגעהויבען פון טיש, האט זיי ארויסגעשטעקט דיא צונג און איז אריין אין טואלעט־צימער.

נאנא איז פערבליבען אליין מיט איהרע פיער געסט און האט פערפיהרט א געשפרעך, וויא א גוטע ווירטהין. זיא האט דעם טאג געלעזען א ראמאן, וואס האט געמאכט א גרויסען פוראר, און זיא האט זעהר געטאדעלט דאס בוך. דיא גאנצע געשיכטע איז א ליגען און זיא, האט ארויסגעוויזען א גרויסען האס געגען דיזען סארט ליטעראטור, וואס פרעטענדירט נאך צו זיין נאטור־טריי. עס איז אונמעגליך, אז מען זאל קענען יעדע זאך איבערגעבען אין א ראמאן דארף נאר דיענען צו פערטרייבען דיא צייט. זיא האט געהאט איהרע געוויסע מיינונגען וועגען ביכער און טהעאטער־שטיקער. זיא האט געטרוימט פון צארטע און איידעלע ווערק, וועלכע זאלען בעשעפטיגען דיא פאנטאזיע און איידעלער מאכען דאס הערץ. דערנאך איז

דאָס געשפּרעך אריבער ווענען דיא אונרוהען אין פּאריז, ווענען דיא פּיערדינע אר־טיקלען אין דיא צייטונגען און דיא ברענענדינע רעדעס אויף דיא מאַסענפערזאַמ־לונגען. נאנא האָט זיך אויסגעדריקט מיט האס ווענען דיא רעוואָלוציאָנערען, וואָס פערלאַנגען א רעפּובליק. וואס ווילען דיזע שמוציגע לייט, וואָס וואשען זיך קיין מאָל נים? זיינען דען נים אלע צופריעדען? האָט דען דער קעניג נאַפּאָלעאָן*) נים געטהאָן יעדע זאך, אום זיין פאָלק צו מאכען גליקליך? דאָס פאָלק איז א שמוציגע באַנדע! זיא קען זיי גוט און מעג דערפון רעדען. און דערביי האָט זיא אין גאַנצען פערגעסען, אז זיא האָט נים לאַנג געפאָדערט, מען זאָל רעספּעקטירען דיא אָרימע לייט, פון וואנען זיא אליין שטאַמט ארויס און האָט איצט אליין געטראָטען מיט דיא פיס איהר פאמיליע. זיא האָט זיך דערמאָנט אָן דעם בילד פון א שכור, וואָס זיא האָט געזעהן אין פיגאַראָ און זיא האָט זיך שטארק צולאכט.

— אה, דיא שכורים! האָט זיא געזאָגט. דיא רעפּובליק וואָלט פאַר אונז אלעמען געווען אן אונגליק. זאָל גאָט שענקען יאָהרען אונזער קעניג!

— גאָט וועט אייך צוהערען, האָט מופּפּא געזאָגט ערנסט.

דעם גראף איז געווען אנגענעהם צו הערען אזעלכע ווערטער פון נאנא. אויך וואַנדעיוור און דיא ברידער הוגאָן האָבען געמאכט שפּאַס איבער דיא מויל־העל־דען, וועלכע צולויפען זיך וויא דיא זאך ווערט נאָר ערנסט. זשאָרזש איז געזעסען שטיל אין פענסטער.

— וואָס איז דעם קינד געוואָרען? האָט נאנא געפרעגט.

— גאָר נישט, האָט זשאָרזש געענטפערט, איך הער זיך נאָר צו.

דיא אנדערע ליעבהאָבער נאנא'ס האָבען זשאָרזש'ן נים געאכט, נאר ער האט שטארק געליטען ווען ער האט געזעהן אז נאנא איז צו אינטים מיט זיין ברו־דער. נאנא האט איהם דערלאנגט איהר הינטעל, אום איהם צו טרייסטען און ער איז ווירקליך באלד פרייליכער געווארען, פיהלענדיג דיאווארעמקייט, וואס דער הינטעל האט מיט זיך געבראכט פון נאנא'ס שויס. עס איז געווארען א רייד ווענען דער גרויסער סומע געלד. וואס וואנדעיור האט מיט א נאכט פריהער פערשפּיעלט אין קארטען. גראף מופּפּא, וואס האט קיין מאל אין קארטען נים געשפּיעלט, איז געווען ערשטוינט דערפון. נאר וואנדעיוור אליין האט געשמייכעלט און האט געגעבען אנצוהערענים, אז זיין סוף איז נאהענט. נאנא האט שוין פיר א געוויסער צייט בעמערקט, אז ער איז נערוועז ארום זיין מויל האט זיך געלעגט א קנייטש און

---

*) דיא האַנדלונג פון דיזער ערצעהלונג קומט פאָר אין נאַפּאָלעאָן דעם דריטענס צייטען.

ויינע קלארע אויגען האבען זעלטזאם געשמייכעלט. דאך האט ער נאך אנגעהאל־טען דעם פארנעהמען און עלעגאנטען אויסזעהן פון זיין ראסע, וואס איז געגאנגען צו גרונד.

איין נאכט ווען ער האט פערבראכט מיט איהר, האט ער איהר שטארק איר־בערגעשראקען מיט זיינע א פאנטאזיע. ער האט איהר דערצעהלט, אז ווען ער וועט זיין גאנץ פערמעגען פערצערען, וועט ער זיך איינשליסען מיט זיינע פערד און וועט אליין דער שטאל אונטערצינדען. זיין גאנצע האפנונג איז געווען געבויט אויף זיין רייס פערד לוסיגנאן, וועלכער ער האט געהאפט וועט נעהמען דעם גרויסען פארי־זער פרייז. ווען נאנא פלעגט ביי איהם עפעס בעטען, האט ער איהר אבגעלעגט ביז מאנאט יוני. איצט ווען דיא פיער נעסט זיינען געזעסען ביים טיש און עס איז גע־ווארען א רייד וועגען דיא רייסעס, האט נאנא געזאגט מיט א שפאס.

— לוסיגנאן קען נאך ניט געווינען דעם פרייז אויך.

וואנדעיוור האט איהר ניט געענטפערט און האט נאר א געהיימניספאלען שמייכעל געטהאן, און דאביי געמאכט א לייכטע בעמערקונג:

— נאר וואס האב איך געוואלט זאגען? איך האב זיך ערלויבט צו געבען איינעם פון מיינע פערד אייער נאמען, „נאנא“. איהר געפינט זיך דאך ניט בע־ליידיגט דערפון?

— בעליידיגט? פאר וואס? האט זיא געפרעגט.

פלוצים האט סאטין א רוף געטהאן נאנא אין טואלעט צימער. ציים נאנא האט אנגערופען זאע גנב׳טע, איז זיא געזעסען אין טואלעט צימער און האט געהאל־טען אין איין וויינען. סאטין האט איהר ניט געקענט איינגעהמען.

— וואס טהוט זיך דא? האט נאנא געפרעגט איבערראשט.

— רייד דוא מיט איהר, איך קען מיט איהר גאר ניט מאכען, האט סאטין געענטפערט.

נאנא איז צוגעגאנגען צו זאע און האט צו איהר גענומען ריידען מיט גוטע רייד און איינגעהמען איהר מיט קוסען, אבער דאס האט ניט געהאלפען: זאע האט זיך געבאדען אין טרערען. ענדליך האט זיא איהר געשענקט א נייע זיידענע קלייד, וואס זיא האט נאך קיין דריי מאל ניט געטראגען. זאע איז געווארען שטילער און זיא האט נאר בעטערקט, אז זשוליען און פראנסוא האבען פערלארען דעם אפעטיט דורך איהר בעליידיגונג. נאנא האט זיי ארויסגעשיקט א לואידאר צו פערגלעטען איהר בעליידיגונג. ווען נאנא האט שוין געוואלט צוריקקעהרען אין סאלאן, איז סא־טין צו איהר צוגעגאנגען און [illegible], אז זיא וויל ניט ליידען, האט דיא הערען

רייצען זיך מיט איהר און זיא פערלאנגט, אז זיא זאָל זיי אלעמען באלד אוועקשי־קען און זאָל דאָס זיין פאר זיי א לעהרע אין דער צוקונפט. און ווען נאנא האָט איהר געענטפערט, אז דאס איז אונמעגליך, האָט זיא געזאָגט מיט כעס, אז אזוי פערלאנגט זיא און זיא קען אויסקלייבען צווישען זיי אָדער איהר.

סאַטין איז אריין אין סאלאָן, האט זיך אויסגעצויגען אויף א סאָפע און איז געלעגען מיט איהרע אויגען אויסגעשטעלט אויף נאנא אונבעוועגט, וויא א טוידטע. פיליפ איז אוועק דער ערסטער, נאָך איהם איז באלד אוועקגעגאנגען זשאָרזש, וועלכער האָט נאָר מורא געהאט צו לאָזען זיין ברודער מיט נאנא, דיא אנדערע האבען איהם ניט געארט. וואנדעיוור האָט געוואָרט פיעלייכט וועט מופפא אוועק־געהן און לאָזען פלאץ פאר איהם, נאָר זעהענדיג, אז מופפא דענקט עס ניט צו טהאן, האט ער זיך אויפגעהויבען און פאר'ן אוועקגעהן האט ער געזאגט צו סאַטין:

— זיי ניט אין כעס אויף מיר, דוא ביזט נאָך א גאנץ פיינע מיידעל.

נאר סאַטין האט איהם ניט געענטפערט און האט איהרע אויגען ניט אראב־געלאזט פון נאנא, וואס איז געבליבען זיצען מיט מופפא אליין. מופפא האט זיך צו איהר צוגערוקט נעהענטער האט אבגענומען איהרע פינגער און געקוסט זיי.

נאנא האט איצט געטראכט וויא פטור צו ווערען פון גראף, אום טהאן צו־ליעב סאַטין און האט פערפיהרט א געשפרעך וועגען זיין פאמיליען-לעבען, וואס איז דיא לעצטע צייט געווארען זעהר א טרויריגעס. דיא גרעפין פלעגט גאנצע טעג ניט זיין אין דער היים און דיא טאכטער איז געווען קאלט וויא אייז און האט קיין ווארט ניט ארויסגערעדט.

— דער בעסטער פלאן וואלט געווען צו פערהייראטען איהר, האט נאנא גע־זאגט, דערמאנענדיג זיך אן דעם פערשפרעכען, וואס זיא האט געגעבען דאגענע.

און זיא האט אנגעהויבען צו לויבען דאגענע. דער גראף איז מיט כעס אויפ־געשפרונגען און האט געזאגט, אז ער וועט קיין מאל ניט געבען זיין איינוויליגונג, נאכדעם וואס ער האט פון איהר געהערט וועגען איהם. נאנא האט געמאכט א פערוואונדערטע מינע און האט זיך באלד צולאכט. דאן האט זיא ארומגענומען איהם ביים האלז און געזאגט:

— א, דיא אייפערזוכט! איך וואלט דאס אויף דיר ניט געגלויבט. ווען דוא וועסט זיך אביסעל בעטראכטען, וועסטו אויסגעפינען, אז דיא זאך איז ניט אזוי. ער האט דיר אנגערעדט אויף מיר שלעכטס, און איך בין געווען זעהר אויפגע־בראכט.... היינט אבער בין איך ניט אין כעס און איך וואלט זיך געפיהלט זעהר שלעכט....

נאנא האט פּרוצים בענענט סאטינ׳ס בליק און איז געווארען אונרוהיג. זיא האט איהר האנד ארױבגענומען פון דעם גראפ׳ס נאקען און האט געזאגט אין אן ערנסטען טאן

— מיין פריינד, איך טאר ניט שטערען דעם גליק פון דיין טאכטער און דא־ נענע דארף מיט איהר הייראטען. ער איז א פיינער יונגער מאן און קיין בעסערען פון איהם וועסטו ניט געפינען.

דער גראף האט אנגעכאפּט איהר האנד און געזאגט, אז דערפון וועלען זיי רעדען אן אנדערם מאל און איצט וועלען זיי געהן שלאפען.

זיא האט איהם געענטפערט מיט א שטילען קול, אז זיא פיהלט זיך איצט ניט געזונד, און ער וועט איהר טהאן א געפאלען, אויב ער וועט איהר לאזען אליין. אנפאנגם איז ער געוועזן איינגעשפארט און האט ניט געוואלט אוועקגעהן, נאר זע־ הענדיג אז זיא האלט זיך ביי דאס איהריגע און גיט ניט נאך, האט ער זיך אויפ־ געהויבען זעהר ערגערנט און איז צוגעגאנגען צו דער טהיר; נאר דא האט ער זיך דערמאנט אן דיא סאפיר־ציערונג, וואס ער האלט ביי זיך. דעם גאנ־ צען טאג האט ער געטראכט פון דער איבערראשונג, וואס ער וועט איהר מאכען ער וועט דיא ציערונג פערבעהאלטען אין בעט צופוסענס און זיא וועט דאס מיט דיא פיס געפינען און וועט זיך שטארק פרייהען. נאר איצט ווען זיא האט איהם אזוי אונערווארטעט אוועקגעשיקט א היים, האט ער ארויסגענומען דאס קעסטעלע און איהר איינפאך דערלאנגט אין האנד.

— אה, וואס איז דאס? האט זיא געפרעגט. דיא סאפיר־ציערונג! אה, וויא ליעבענסווירדיג דוא ביזט? זאג מיר, מיין ליעבער, זיינען דאס דיא זעלבע סאפירען? ביים יובילירער אין פענסטער האבען זיי אויסגעוויזען פיעל שעהנער.

דאס איז געוועזן איהר גאנצער דאנק און אזוי האט זיא איהם געלאזט געהן.

נאך זיין ארויסגעהן איז סאטין ארױבגעשפרונגען פון דער זאפע, האט ארומ־ געכאפּט נאנא און זיך פרייליך גענומען ארומדרייען מיט איהר איבער׳ן זאל.

— קום צום פענסטער! האט זיא אויסגעשריען. לאמיר זעהן, מיט וואס פאר א לאנגע נאז דער גראף געהט א היים.

זיי זיינען ביידע צוגעגאנגען צום פענסטער און בעהאלטענדיג זיך אונטער דיא פארהאנגען האבען זיי ארויסגעקוקט אין דרויסען.

עס איז געוועזן איינס א זייגער ביי נאכט דער גראף איז געגאנגען טרויריג און לאנגזאם איבער׳ן פייכטען טראטואר. א קאלטער ווינד האט געבלאזען און ענדליך

איז דער גראף פערשוואונדען געווארען. סאטין האט געלאכט אויפ'ן קול פון זיין אויסזעהן, נאר פלוצים האט נאנא א געשריי געטהאן:

— גיב אכטונג! דיא פאליציסטען קומען!

ביידע האבען איינגעהארטען זייער געלעכטער און האבען מיט א פערבארגענע מורא געקוקט איבער דער צווייטער זייט פון דער עווענוי, וואו עס האבען זיך גע־זעהן צוויי דונקעלע געשטאלטען, וואס זיינען געגאנגען מיט גלייכע טריט. ניט קו־קענדיג אויף דעם, וואס זיא איז געווען ארומגערינגעלט מיט הויבע לוים, האט נאנא מורא געהאט פאר דיא פאליציי וויא פאר'ן טוידט. סאטין האט זיך, ציטערענדיג, צוגעטוליעט צו נאנא, נאר פון פענסטער איז זיא ניט אבגעטראטען, וויל זיא האט דערזעהן אן אלטע לומפען־קלייבערקע, וואס האט איצט פאר'ן שיין פון דיא גאס־לאמטערנען געקליבען שמאטעס. סאטין האט איהר דערקענט.

— זעה, נאנא! האט זיא געזאגט. אט איז קעניגין פאמאס מיט איהר קערב'ל.

און זיא האט אנגעהויבען צו דערצעהלען איהר פריינדין דיא געשיכטע פון דער לומפען־קלייבערקע. זיא איז אמאל געווען א גרויסע שעהנהייט און גאנץ פא־ריז איז געווען ענטציקט פון איהר. דיא גרעסטע הערען זיינען געפאלען איהר צו דיא פיס און זיא האט מיט זיי געטהאן, וואס זיא האט געוואלט. איצט איז זיא א שכור'טע און דיא קעניגין וואלגערט זיך אין בלאטע.

סאטין האט אנגעהויבען צו פייפען צו דער לומפען־קלייבערקע, וועלכע האט ניט געוואוסט פון וואנען דאס פייפען קומט און האט געקוקט אין אלע פענסטער און געלאכט.

— הער אויף! האט נאנא געזאגט. פייף ניט! דיא פאליציסטען קומען צוריק.

ווען דיא אימע פרוי האט אויפגעהויבען איהר קאפ, האט נאנא פאר'ן גע־כען שיין פון דער לאמטערנע דערזעהן איהר אבשייליבע, בלויע געזיכט, איהר פינ־סטערן מויל אהן ציינער און דיא שמאטעס, וואס האבען איהר געדיענט פאר קליי־דער. זיא האט זיך ניט ווילענדיג דערמאנט אן דער צווייטער געוועזענער פראסטי־טוטקע, אירמא, וואס האט זיך געעלטערט אין רייכקייט און עהרע אין איהר גרויס־ארטיגען פאלאץ לעבען מיניאט. זיי האבען זיך אבגעריסען פון פענסטער, וואו דער ווינד האט ארייגעבלאזען טראפען רעגען און, צוריקקעהרענדיג אין סאלאן, האט נאנא פערוואונדערט זיך ארומגעקוקט, וויא זיא וואלט דעם פלאץ נאר ניט דער־

קענט, און ארונטערוואָרפענדיג דיא שפּילקעס פון איהרע האר אויפ'ן זילבערנעם טאַץ, האט זיא געזאגט:

— מען דארף אויסנוצען דיא יוגענד, אזוי לאנג מען קען נאר!

XI.

דעם ערסטען פּריז אויף דיא רייסעס האט בעקומען וואנדעיוור'ס פערד „נאנא", נאר אויף וואנדעיוור איז געפאלען א חשד, אז ער האט ניט כשר געהאנדעלט און מען האט איהם געדארפט נעהמען צום פערהער.

נאר דאס האט נאנא ניט געשטערט איהר שמחה. זיא האט טריאומפירט און איהר נאמען האט זיך געטראגען פון איין מויל צום צווייטען, עס האט איהר געשיינט, אז ניט וואנדעיוור'ס פערד האט גענומען דעם פּרייז, נאר זיא אליין און דיא אלע „הורראס" זיינען פאר איהר.

דער גראף מופפא האט איהר דיא לעצטע צייט פערלאזען, אזוי האט פון איהם געפאדערט דיא קעניגין; נאר וואס איז איהר איצט אנגעגאנגען דער גראף! מען האט איצט ארום איהר ארומגעטאנצט וויא פליגען און אויך האט זיא געוואוסט, אז זיא דארף נאר א ווינק טהאן צום גראף, און ער קומט צו איהר אויף אלע פיער.

עטליכע טעג נאך דיא רייסעס איז צו איהר געקומען לערא. זיא איז צו איהר געקומען דערצעהלען, וואס דער קליינער לואי מאכט, וואס איז מיט נאנא געוועזען ביי דיא רייסעס און האט זיך דארטען צוגעקיהלט. גאנץ פּאריז רעדט יעצט פון וואנדעיוור: ער איז אויסגעשלאסען געווארען פון דיא רייס-פלעצער און פון דעם אימפּעריאליסטישען צירקעל. וואנדעיוור האט זיך דארום פערשפּארט אין שטאל מיט זיינע פערד און האט דעם שטאל אונטערגעצונדען, און ער צוזאמען מיט דיא פערד זיינען פערברענט געווארען.

— ער האט עס מיר פאראויס געזאגט, האט נאנא בעמערקט. ער איז געווען א נארישער מענש. געכטען ביי נאכט ווען איך האָב עס דערהערט, איז מיר שיער דיא נשמה ארויס פאר שרעק. אזא מענש! ער האט דאך מיך געקענט בי נאכט אומברענגען.... נאר איך האָב אויף איהם קיין מיטלייד ניט; פאר וואס האָט ער מיר ניט געזאָגט, אז „נאנא" וועט נעהמען דעם פּרייז? איך האָב דאך געקענט מאכען א פערמעגען דערביי. ער האָט געזאָגט לאַבאָרדעט'ן אז ער האָט

מיר נים געקענט זאגען, ווייל אין פופצעהן מינוט וואלט געוואוסט דער פריזידער אין דיא גאנצע וועלט.... א חכמה!

אין דער מינוט איז ארייגעקומען לאבארדעט, וואס האט איהר געבראכט איבער פערציג טויזענד פראנק, וואס זיא האט געוואונען ביי דיא רייסעס. נאר דאס האט איהר נאך מעהר אויפגעבראכט אויף וואנדעיוור. ווען ער וואלט איהר דאס געהיימניס ענטדעקט, וואלט זיא געקענט מאכען א מיליאן. און זיא האט איהם שטארק געשימפפט. לאבארדעט האט געמאכט אן אונשולדיגע מינע און האט איהר געלאזט שילטען וואנדעיוור פיעל איהר הארץ געלוסט.

— דיזע אלטע פאמיליען געהן צום גרונד, האט ער ענדליך געזאגט, און זיי נעהמט אוים א נארישער סוף.

— אח, ניין! האט נאנא געענטפערט. זיין טויזט איז גאר נים אזא נארי־שער. און איך דענק, אז עס איז געווען גאנץ העלדיש פון איהם צו פערברענען זיך אין זיין שטאל. בלאנש האט נים רעכט, ווען זיא זאגט, אז איך האב איהם דערצו געטריבען. וואס בין איך שולדיג? האב איך איהם דען געשיקט גנב'ענען? אז מען פערלאנגט געלד ביי א מענשען, הייסט נאך נים טרייבען איהם צו א פערברעכען. ווען ער זאל מיר געווען זאגען, אז ער האט קיין געלד נים, וואלט איך איהם גע־ענטפערט: „גאנץ גוט; מיר וועלען זיך שיידען" און דיא געשיכטע וואלט אן ענדע גענומען.

— געוויס, האט לערא געזאגט ערנסט. ווען דיא מענער זיינען איינגעשפארט, זיינען זיי אליין שולדיג, וואס זיי האבען א שלעכטען סוף.

— וואס אנבעלאנגט זיין טויזט, האט געזאגט ווייטער נאנא, זאג איך נאך אמאל, אז א שעהנערער האט גאר נים געקענט געבען. עס מוז זיין שרעקליך פער־ברענט צו ווערען. ער האט אלע זיינע דיענער אוועקגעשיקט און, מיטנעהמענדיג פעטראליום האט ער זיך איינגעשלאסען אין שטאל. וואס פאר א שרעקליכער פייער דאס איז געווען. דער שטאל איז כמעט אין גאנצען געווען פון האלץ און איז געווען פול מיט שטרוי און היי. דיא פלאמען האבען זיך געריסען שרעקליך הויך. דאס שעהנסטע איז געווען, אז דיא פערד האבען נים געוואלט פערברענט ווערען. מען האט געהערט, וויא זיי זיינען ארומגעלאפען, האבען געהירזשעט און געשטויסען דיא טהיר, פונקט וויא זיי וואלטען געווען מענשען. יא, דאס איז געווען א שרעקליכע זאך.

XII.

עס איז געווען איינס א זייגער ביי נאכט. דער גראף איז געלעגען מיט נאנא אין גרויסען בעט. פיער טעג איז ער ביי איהר ניט געווען, ענדליך האט ער ניט אויסגעהאלטען און איז ווידער צו איהר געקומען. דאס צימער איז געווען דונקעל בעלויכטען. עס האט זיך דערהערט א לאנגער און שטילער זיפץ, ביידע זיינען געזען וואה׳ און נאנא האט אראבגעלאזט דיא פיס פון בעט, איבערלאזענדיג איהר געליעבטען אין דעם שאטען פון פארהאנג.

- זאג מיר, מיין ליעבער, דוא גלויבסט דאך אין גאט, זאג, איז פאראן א גהינם אין א גן עדן? האט נאנא געפרעגט מיט א ווייסען געזיכט און איבערגלויבישען שרעק, קוקענדיג אויף איהם.

דעם גאנצען טאג האט זיא זיך געפיהלט ניט גוט, און אלע נארעשע געדאנקען זיינען איהר געקראכען אין קאפ. זיא איז איבערהויפט געווען א שרעקענדיגע און ביי נאכט האט זיא מורא געהאט צו בלייבען אליין. פון דיא ווינקלען האבען אויף איהר געקוקט זעלטזאמע געשטאלטען און זיא פלעגט ציטערען, וויא א בלאט.

— איך בין זיכער, אז איך וועל אין גן עדן ניט אריינגעהן, האט זיא פארגעזעצט. קענסטו מיר ניט זאגען, וואו וועל איך זיין?

זיא האט געציטערט מיט אלע גליעדער, וועהרענד ביים גראף, אלס קאטהאליק, האט פון דער זאנדערבארער פראגע אין אזא אויגענבליק ערוואכט דיא געוויסענסביסע.

זיא האט זיך מיט א געוויין אווארף געטהאן אויף זיין ברוסט און מיט ביידע הענד איינגעקלאמערט זיך אן איהם.

— איך האב מורא פאר׳ן טוידט; איך האב מורא צו שטארבען, האט זיא געשטאמעלט.

מיט גרויס מיה האט ער זיך בעפרייט פון איהרע ארמען, מורא האבענדיג, אז איהר שרעק זאל זיך איהם ניט אנשטעקען. ער האט איהר אנגעהויבען צו בערייסטען, אז איהר זינד איז ניט אזוי גרויס און מען וועט איהר אויף יענער וועלט געוויס מוחל זיין. זיא האט זיך געזעצט אויפ׳ן ראנד פון בעט און האט ביטער געשאקעלט מיט׳ן קאפ אויף ניין. אמת, זיא האט קיינעם קיין מאל קיין שלעכטעס ניט געטהאן און טראגט שטענדיג אויפ׳ן הארצען א בילד פון דער הייליגער מוטער אבער דאס איז ניט גענוג. זיך וויים גאנץ גוט, אז א פרוי, וואס פיהרט אזא לעבען, וויא זיא, געהט אין ניהנום אריין. אבגעריסענע פראזען פון קאטעכיזים זיינען

איהר ארויף אויפ'ן זינען. אח, ווען מען וואלט איהר בעסער געלערנט אָדער דיא גלחים זאלען ניט זיין אזעלכע נאראַנים!.... זיא האט א שטארקען קוס גע־טהאַן דאָס בילד, וואָס איהר געהאנגען אויפ'ן הארצען, וויא דאָס וואָלט געווען א סגולה געגען טוידט. דער געדאנק פון טוידט האט געמאכט פריהרען דאָס בלוט אין איהרע אָדערן.

זיא האט מיטגערופען מופפא אין טואלעט צימער, מורא האָבענדיג צו בלייבען דאָרטען אליין אפילו מיט אן אפענער טהיר. זיא האט איהם געבעטען, ער זאָל דורכזוכען אין אלע ווינקעלאך און א קוק טהאן אונטער דיא פאָרהאנגען, און האט געציטערט פון דעם מינדסטען גערויש.

ווען ער איז צוריק אריין אין בעט, איז זיא צוגעגאנגען צום שפיגעל און האט אנגעהויבען גוט בעטראכטען זיך. זיא איז געוואָרען אלץ בלייכער און בלייכער. זיא האט מיט ביידע הענד איינגעפרעסט דאָס פלייש פון דיא באקען און געמאכט דאָס געזיכט לענגער.

— א פרוי איז זעהר העסליך נאכ'ן טוידט, האט זיא געזאָגט לאנגזאם, און האט ווייט פערגלאָצט דיא אויגען און אראבגעצויגען דעם קין־באק, אום צו זעהן, וויא זיא וועט אויסזעהן. גיב א קוק אויף מיר! האט זיא ווייטער געזאגט, ווענדענדיג איהר פערקרימטע געזיכט צום גראף. איז מיין קאָפּ ניט א קליינער?

דער גראף איז זעהר בייז געוואָרען.

— דוא ביזט היינט פעררירקט, האט ער געזאָגט. קום אין בעט אריין.

דאָך האט ער אויף איהר א קוק געטהאָן און ער האט געזעהן, וויא איהר געזיכט וועט אויסזעהן נאָך איהר טוידט. ער האט צוזאמענגעלעגט דיא הענד און האט ערשראָקען געבעטען צו גאָט. דיא לעצטע צייט איז ער ווידער געוואָרען פרום וויא אין דיא אַלטע צייטען, און ער האט זיך געוואָרפען פון תאוה צו תשובה און פון תשובה צו תאוה און דערוויל איז פון איהם געוואָרען א תל. ער האט געבראָכען מיט דיא הענד און געקרעכצעט: „מיין גאָט! מיין גאָט!" דאָס איז געווען דער פערצווייפעלטער קרעכץ פון א מענשען, וואָס פיהלט, אז ער קען זיינע ליידענשאפטען ניט בייקומען, טראָץ דעם וואָס ער וויים זיכער, אז זיין נשמה וועט צוליעב דעם געהן פערלאָרען אויף אויביג.

ווען נאנא איז צוריק אריין אין בעט, האט זיא איהם געטראָפען בלייך וויא קאלך, צוזאמענגעדרייט אונטער'ן דעקע, מיט זיינע נעגעל טיעף אין לייב און זיינע אויגען אויפגעהויבען מיט פערצווייפלונג צום הימעל. זיא האט צוזאמען מיט איהם אנגעהויבען צו וויינען און זיי האָבען ביידע געציטערט, ניט וויסענדיג פאר וואָס

און פאר ווען. ער האָט שוין ניט איין מאָל פערבראכט אזא נאכט, נאר היינט האָט נאַנאַ דאָס ניט גערעכענט פאר אידיאָטיש, דען איצט האָט זיא מורא געהאט ניט ווייניגער פון איהם.

נאָך דער נאכט איז דער גראף צוויי טעג ניט געקומען צו נאַנאַ און דערנאָך האָט ער זיך בעוויזען אין אזא פריהינע שטונדע, וואָס ביז איצט איז ער קיין מאָל ניט געקומען. ער האָט אויסגעזעהן שרעקליך. זיינע אויגען זיינען געווען רויט און ער האָט געציטערט פון ערהעגונג. נאר זאָע אליין איז געווען אזוי צוטראָ־גען, אז זיא האָט עס ניט בעמערקט. זיא האָט צו איהם אויסגעשריען:

— אח, מיין הערר, קומט אריין! דיא מאדאם האָט נעכטען געהאלטען א מינוט צום טוידט.

ווען ער האָט איהר נענומען אויספרעגען, האָט זיא איהם דערצעהלט אין א פראָסטען לשון, אז נאַנאַ איז געווען אין דריטען מאָנאט און האָט מפיל געווען.

דאָס איז געווען ריכטיג. אָנפאנגס האָט נאַנאַ ניט געוואָלט גלויבען, און דער דאָקטאָר אליין האָט א לאנגע צייט געצווייפעלט, און ווען ער האָט איהר ערקלערט, אז דאָס איז א פאקט, איז זיא געווען ארויסער זיך פאר כעס. איהרע נערוועזע אָנ־פאַלונגען פון מרה שחורה און כעס האָבען געשטאָטט פון דעם סעקרעט, וואָס זיא האָט אזוי שטארק געהיט. איהר האָט געדוכט, אז אלע וועלען פון איהר לאכען דיזע מוטערשאפט איז איהר נאר געשטאנען אין וועג. דאָס נייע לעבען, וואָס זיא האָט געדארפט אריינברענגען אין דער וועלט צווישען דיא טוידטע, וואָס זיא האָט געזייעט ארום זיך, איז פאר איהר געווען א שמערצליכע איבערראַשונג. זיא האָט אפילו ניט געוואוסט, ווער איז געווען דער פאָטער פון דעם קינד. יעדער וועט זיך פון איהם אָבזאָגען, עס וועט זיין אין יעדענס וועג און ער וועט האָבען ווייניג פער־גניגען, ווען עס וועט קומען אויף דער וועלט.

דערווייל האָט זאָע דערצעהלט דעם גראף, וואָס דאָ איז געשעהן. אין האָ־טעל איז געווען א גאנצע איבערקעהרעניש; דיא דיענער זיינען געלאָפען הין און צוריק. אבענדס זיינען זיך דיא שטענדיגע איינגעהער פון דעם הויז צוזאמענגעקומען, און זשאָרזש האט זיי דערצעהלט, וואס איז געשעהן. יעדער בעזונדער האט אויס־געשריען: „אונמעגליך!" און דאן געווארען זעהר ערנסט און געקוקט פראגענד פון איינעם אויפ'ן צווייטען, וואונדערענדיג זיך, וועמעס שולד דאס איז? איז ער ניט דער פאטער? ענדליך זיינען זיי זיך צוגאנגען שטיל, וויא מען געהט ארויס פון דעם צימער פון א טוידטען.

— קומט אריין, מיין הערר! האט זאָע געזאגט צום גראף. דיא מאדאם פיהלט

זיך איצט בעסער. מיר ערווארטען יעדע מינוט דעם דאקטאר, ער האט צוגעזאגט, ער וועט צוריק קומען אין דער פריה.

סאטין איז געלעגען אין סאלאן אויף א זאפע, מיט די אויגען צום סופיט און האט געריבערט א פאפיראס. וועהרענד אין הויז זיינען אלע ארומגעלאפען וויא פער׳סמ׳טע, איז זיא געלעגען אונבעוועגט און קיין מוסקול האט זיך אין איהר ניט א ריהר געטהאן. נאר פון צייט צו צייט פלעגט זיא איבערבעגען אין א שרעקליכען כעס, און ווען זאגע איז דורכגעגאנגען מיט׳ן גראף און דערצעהלט איהם, וויא קראנק די מאדאם איז געווען, האט סאטין אויסגעשריען:

— וועמען ארט דאס? דאס וועט איהר געבען א גוטע לעהרע.

ביידע האבען זיך אויף איהר אומגעקוקט מיט פערוואונדערונג. סאטין האט זיך ניט א ריהר געטהאן, זיא האט פון מויל ארויסגעלאזט א זייל רויך און ווידער־האלט איהרע ווערטער:

— וועמען ארט דאס? דאס וועט איהר געבען א גוטע לעהרע.

— אויף מיין ווארט, איהר זייט זעהר גוט הערציג! האט צו איהר געזאגט זאע.

ווען זאע האט אריינגעפיהרט דעם גראף אין נאנא׳ס שלאף צימער, האט ער גלייך דערפיהלט דעם גערוך פון עטהער. נאנא׳ס געזיכט האט געשיינט זעהר וויים פון די קישענס. זיא האט א שמייכעל געטהאן, ניט אויפהויבענדיג דעם קאפ.

— הא! האט זיא געזאגט. איך האב שוין געדענקט, אז איך וועל דיך שוין מעהר ניט זעהן, מיין קעצעלע.

ער האט זיך אנגעבויגען איבער איהר און האט איהר א קוש געטהאן אויף די האר. זיא האט מיט איהם גענומען רעדען וועגען קינד, פונקט וויא ער וואלט געווען דער פאטער.

— איך האב דיר ניט געוואגט צו זאגען, האט נאנא געזאגט; דאך בין איך געווען אזוי גליקליך און האב געהאט אזעלכע גליקליכע טרוימע וועגען צוקונפט. איך האב געהאפט צו ערציהען א קינד, וואס זאל ווערטה זיין דיר צו האבען פאר א פאטער. און איצט איז אלעס אריבער. נאר איך זאג, אז דאס איז פיעלייכט בע־סער פאר אונז, עס וואלט פיעלייכט געווען א הינדערניס אין דיין לעבען.

דער גראף איז געווען אזוי פערוואונדערט פון דער אונערווארטעטע פאטער־שאפט, אז ער האט ניט געקענט ארויסברענגען א ווארט. ער האט צוגערוקט זיין שטוהל נעהענטער צו איהר און האט זיך מיט איין האנד אנגעשפארט אן בעט.

איצט האט נאנא בעמערקט, וויא זיין געזיכט איז צורודערט, דיא אויגען רויט און דיא ליפּען ציטערען.

— וואס איז דיר געשעהן? האט זיא געפרעגט. ביזטו אויך קראנק?

— ניין, איך בין ניט קראנק, האט ער געענטפערט לאנגזאם.

זיא האט א קוק געטהאן אויף איהם מיט א דורכדרינגענדען בליק און האט ארויסגעשיסט זאגן, וואס האט געבראכט אין ארדנונג דיא פלעשעלאך. ווען זיא איז געבליבען מיט איהם אליין, האט זיא ארומגענומען זיין האלז מיט איהר ארם און צוגעצויגען זיין קאפּ צו זיך.

— זאג מיר וואס איז געשעהן? דוא ביזט געקומען דערצעהלען מיר עפּעס, האט זיא געזאָגט.

— ניין, ניין, האָט ער געענטפערט ערנסט.

נאָר אויסגעמאַטערט פון דיא ליידען, וואס ער האט געהאט אויסצושטעהן און געריהרט פון דעם קראַנקען צימער, אין וועלכען ער האט זיך געפונען אזוי אונ־ערוואַרטעט, האט ער אין גאנצען צוזאמענגעבראכען. ער האט איינגעגראבען זיין געזיכט אין קישען און האט אנגעהויבען צו כליפּען. נאנא האט גלייך פערשטאנען. אויף דיא רייסעס האט איהם מיגנאן געזאגט, אז זיין ראזע האט ביי פאַשערי אין טאַשע געפונען א בריעף פון דער גרעפין, און ראָזע האָט געדראָהט דעם בריעף אָבצושיקען צום גראַף. זיא האָט געוויס דעם בריעף צוגעשיקט צום גראף. זיא האָט איהם א ווײלע געלאָזט אויסוויינען זיך און דערנאָך מיט מוטערליכע צערטליכקייט געפרעגט:

— דוא האָסט אונאנגענעהמליכקייטען אין דער היים?

ער האָט א שאָקעל געטהאן מיט'ן קאָפּ. און זיא האט נאך א לאנגער פּויזע ווידער געזאָגט:

— דוא ווייסט שוין אַלעס?

ער האָט ווידער געענטפערט מיט א שאָקעל פון קאָפּ אין דעם דונקעל בעדלויכטענעם צימער האט זיך ניט געהערט קיין קלאַנג. מיט א נאַכט פריהער, ווען ער איז געקומען פון אן אבענד וואָס ער האָט פערבראַכט אין דעם קעניגליכען פּאַלאַץ, האָט ער בעקומען דעם בריעף, וואס סאַבינע האט געשריבען צו פאַשערי. ער האט זיך דיא נאַכט שרעקליך געפּייניגט און האט אויסגעארבייט פּלענער, וויא צו נעהמען ראַכע. אין דער פריה איז ער אוועק פון דער היים, מורא האבענדיג, אז ער זאָל ניט ערמאָרדען זיין ווייב. דער זומערדיגער פריהמאָרגען האט איהם א ביסעל בערוהיגט און דיא פיס האבען איהם מעכאניש, אהן זיין וויסען, אוועקגע־

פיהרט צו נאַנאַ, וויא עס פלעגט מיט איהם אָפט פּאַסירען אין דיא קריטישע מאָמענטען פון זיין לעבען.

— בערוהיג זיך, האָט זיא געמורמעלט. איך האָב שוין דאָס לאַנג געוואוסט נאָר איך האָב ניט געוואָלט עפענען דיר דיא אויגען. דוא געדענקסט, אַז פאַר א יאָהרען האָסטו געהאַט א פערדאַכט, נאָר דיר האָבען געפעלט בעווייזע, און א דאַנק מיר האָסטו אַן דעם פערגעסען.

ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ. איהם איז געווען איצט שווער צו געפינען ווערטער פאַר זיינע געפיהלען, אַבוואָהל ער האָט מיט איהר שטענדיג גערעדט וועגען זיינע הויזליכע אנגעלעגענהייטען גאַנץ אָפען. נאָר זיא האָט אַלעס געוואָלט וויסען. ער האָט אַנגעהויבען צו רעדען און גלייך זיך איבערגעהאַקט:

— דוא ביזט קראַנק און איך וויל דיך ניט פערמאַטערען. איך געה אוועק.

— ניין, האָט זיא געענטפערט. דוא וועסט דאַ בלייבען. עס קען מעגליך זיין, אַז איך וועל דיר קענען געבען א גוטען ראַטה. נאָר דער דאָקטאָר האָט מיר פערבאָטען צו רעדען.

ער האָט זיך אויפגעהויבען און גענומען געהן איבער'ן צימער אויף און אָב. זיא האָט איהם גענומען אויספרעגען:

— וואָס דענקסטו צו טהאָן?

— איך וועל דיזען מענשען פּאַטשען.

זיא האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אַז איהר געפעלט דאָס ניט.

— ניין, דאָס טויג ניט. האָט זיא געזאָגט. און דיין ווייב?

— איך וועל איהר שלעפּען אין געריכט. איך האָב איצט אַלע בעווייזע.

— דוא טאָרסט עס ניט טהאָן, איך וועל דאָס קיין מאָל ניט ערלויבען, האָט זיא געזאָגט, און האָט איהם ערקלערט מיט א שטילען קול, אַז מיט א דועל און מיט א גט וועט ער נאָר מאַכען א סקאַנדאַל און איהם וועט דערפון קיין נוץ ניט אַרויסקומען. א וואָך צייט וועלען מיט איהם זיין פול אַלע צייטונגען, ער וועט קיין רוה ניט געפינען, ער וועט פערלירען זיין הויכען אַמט ביים האָף און זיין נאָמען — און פאַר וואָס? נאָר אום דאָס פּובליקום זאָל האָבען צו לאַכען.

— וואָס געהט מיר אָן דאָס פּובליקום? האָט ער געשריען. איך וועל אָבער נעהמען ראַכע.

— ווען איינער נעהמט ניט גלייך ראַכע, נעהמט ער מעהר קיין מאָל ניט, האָט זיא געזאָגט.

ער האט זיך אבגעשמעלט. ער איז ניט געווען קיין פיינלינג, נאר ער האט געפיהלט, אז זיא האט רעכט.

זיא האט געברויכט א נייען מיטעל.

— ווייסטו וואס מיך בעאונרוהיגט, מיין טהייערער פריינד, האט זיא געזאגט וואס דוא נארסט דיין ווייב דיא גאנצע צייט, און וואס פאר א פארווירפע קענסטו איהר מאכען? עס איז קיין צווייפעל ניט, אז דיין ווייב וויים אלעס. און זיא וועט דיר ענטפערן, אז דוא האסט איהר געגעבען א ביישפיעל און דאן וועסטו גאר ניט האבען וואס צו ענטפערן. און איך דענק, אז עס איז פיעל בעסער, וואס דוא זיצט איצט דא, איידער דוא זאלסט זיי דארטען הרג'ענען.

ער האט זיך אראבגעלאזט אויף א שטוהל, דערשלאגען פון דיא ווערטער, וועלכע זיינען געווען דיא שטימע פון זיין איינענעם געוויסען. זיא איז א ווילע שטיל געווארען און דאן האט זיא זאנפט געזאגט:

— העלף מיר, טהייערער, רוק מיך ארויף אביסעל אויפ'ן קישען; איך האב זיך אביסעל ארונטערגעגליטשט אין מיין קאפ ליגט צו נידריג.

ווען ער האט געטהאן איהר פערלאנג האט זיא פרייער אבגעאטהעמט און האט אנגעהויבען צו רעדען, וויא עס וואלט געווען מאוס, ווען ער זאל פאדערן א גט פון זיין ווייב. דיא נרעפין וועט דינגען אן אדוואקאט און ער וועט רעדען פון נאנא. יעדע זאך, וואס זיא האט געטהאן אין איהר לעבען, וועט אויסגערעכענט ווערען: איהר ערשיינען אין טהעאטער, איהר האטעל און איהר לעבען, און דאס וועט איהר געוויס קיין פערגנינגען ניט פערשאפען, דאס וועט נאר ערפרייהען איהרע פיינד. זיא האט ווידער זיין קאפ צוגעצויגען צום קיסען און האט איהם געזאגט שטיל אויפ'ן אויער:

— הער מיך אויס, מיין טהייערער, דוא מוזט זיך איבערבעטען מיט דיין ווייב.

נאר ער האט פון דעם ניט געוואלט הערען:

— קיין מאל ניט, דאס איז צו שענדליך.

זיא איז געשטאנען אויף דאס איהריגע, נאר זיא האט גערעדט זעהר ווייך.

— דוא מוזט זיך איבערבעטען מיט דיין ווייב; דוא מוזט דאס טהאן אין דעם נאמען פון אונזער ליעבע דוא מוזט עס טהאן פון מיינעטוועגען. איך וויל ניט מען זאל זאגען, אז איך האב דיך אבגעריסען פון דיין היים. דאס וועט מיר מאכען א שלעכטען נאמען. וואס וועט מען זאגען וועגען מיר? ניין, דוא מוזט מיט דיין

ווייב ווידער ווערען פריינד, אבער אין גאנצען, פערשטעהסטו? נאר דוא מוזט מיר צוזאגען, אז דוא וועסט מיך אויבּיג ליעב האבען, ווייל....

טרערען האבען זיך איהר געשטעלט אין דיא אויגען און האבען איהר גע־שטיקט. ער האט איהר איבערגעריסען דיא רייד מיט זיין קוסען און געזאגט:

— ניין, ניין; דאס איז אונמעגליך.

— אבער איך פערלאנג אזוי. זיא איז דיין ווייב, און דאס וועט ניט הייסען, אז דוא נארסט מיך. פּפליכט איז פריהער פון אלעס, זאג איך ניט ריכטיג? איז דען דא אן אנדער מיטעל צו ברענגען דיין ווייב אויפ'ן ריכטיגען וועג? איך בעט דיך, טהו מיר צוליעב.

זיא האט אזוי ווייטער גערעדט, ביז זיא האט מעהר קיין קרעפטען געהאט. זיא האט זאגאר גערעדט פון גאט און פון הימעל און איהם האט געדוכט, אז ער הערט דעם אלטען וועגא, ווען ער פלעגט איהם זאגען מוסר און וועלען ארויפפיה־רען אויפ'ן ריכטיגען וועג.

נאר זיא האט ניט גערעדט, אז ער זאל איהר פערלאזען. זיא האט נאר גע־פּערדינגט, אז מאן און ווייב זאלען זיך מאכען, ניט זעהענדיג, און זאלען איינער דעם צווייטען פרענען. דער גראף וועט צו איהר ניט קומען איצט אזוי אפט, ער זאל פערברענגען מעהר צייט מיט דער גרעפין, נאר ווען ער וועט קומען צו איהר, וועט זיא איהם צונעהמען בעסער, וויא יעדען מאנספערזאן. דיא וועלט וועט אויפהערען צו רעדען און יעדע זאך וועט געהן גוט.

זיא איז א ווײלע שטיל געווארען און האט אבגעצויגען דעם אטהעם. דאן האט זיא ווייטער געזאגט מיט א שוואכערען קול:

— מיין געוויסען וועט זיין רוהיגער. איך וועל פיהלען, אז איך האב געטהאן א גוטע זאך, און דוא וועסט מיך נאך מעהר ליעב האבען.

א היבשע ווײלע איז געוועזען שטיל. זיא איז געווארען זעהר בלייך. מופפא האט געשוויגען, זאגענדיג צו זיך, אז ער טאר איהר ניט אויפרעגען.

באלד האט זיא ווידער געעפענט דיא אויגען און האט א מורמעל געטהאן:

— און געלד? וואו וועסטו נעהמען געלד, ווען דוא וועסט זיך איצט מיט איהר צוקריגען? לאבארדעט איז דא נעבּטען געוועזען וועגען דיין וועקסעל. אויסער דעם, ברויך איך איצט נויטהיג יעדע זאך, איך האב נאר ניט וואס אנצוטהאן.

איהרע אויגען האבען זיך צוגעשלאסען, זיא איז געלעגען, וויא א טוידטע. ביי מופפא האט דאס געזיכט אנגעהויבען צו צופען פון עגמת נפש. פון דעם שרעק־ליכען קלאפּ, וואס ער האט געקרינגען צוליעב זיין ווייב, האט ער אין גאנצען פער־

נעסען אַן זיין פינאַנציעלע לאַגע. ניט קוקענדיג אויף פערשפּרעכונגען, וואָס לאַבאַרדעט און פראַנסי האָבען איהם געמאַכט צו האַלטען זיין וועקסעל אין געהיים, האָבען זיי דעם וועקסעל אַרויסגעלאָזט אין סירקולאַציאָן נאַכדעם וויא ער האָט איהם פּראָלאָנגירט. און לאַבאָרדעט, מאַכענדיג אַ פערצווייפעלטע מינע, האָט דיא שולד אַרויפגעוואָרפען אויפ׳ן פריזירער און האָט געשוואָרען, אַז מעהר וועט ער זיך ניט פערבינדען מיט אַ נידריגען מענשען, וויא פראַנסי איז. דער וועקסעל מוז ווערען בעצאָהלט, **ווייל דער גראַף האָט** ניט געקענט דערלאָזען, **אַז ער זאָל ווערען פּראָטעסטירט.**

אויסער נאַנאַ האָט ער נאָך געהאַט אַ צווייטע, וואָס האָט פון איהם געשעפּט געלד. דאָס איז געווען דיא גרעפין אַליין. גלייך וויא זיא איז צוריקגעקומען פון הוזשאָנ׳ס גוט, האָט זיא אַרויסגעוויזען אַ ליעבע צו לוקסוס, וואס מען האט ביז דאַמאָלס אין איהר ניט בעמערקט. אלע וואס האבען איהר געקענט פון פריהער, האבען מיט פערוואונדערונג געעפענט דיא אויגען אויף איהרע קאַפּריזען און דיא נייע פיהרונג אין הויז. אַ האַלבען מיליאָן פראַנק האָט זיא אויסגעגעבען איבערצוענדערן און מעבלירען איהר אַלטען האטעל אין דער רוע מעראָמעסניל. גרויסע סומען געלד זיינען צושמאָלצען געוואָרען אונטער איהרע הענד און זיינען פערשוואונדען געוואָרען. זיא האָט דאָס אויסגעגעבען אויף איהרע טואַלעטען אדער גאָר עמיצען אָבגעגעבען. זיא האט קיינעם ניט געוואלט אבגעבען קיין רעכענונגען. צוויי מאָל האט מופפא איהר אנגעהויבען אויסצופרעגען, נאר איהר מאנער איז געווען אזוי ועלטזאם און איהר שמייכעל אזוי אונאנגענעהם, אז ער האט ווייטער ניט געוואגט צו פרעגען, מורא האבענדיג, אַז זיא וועט איהם שטעלען פראגען, אויף וועלכע ער וועט ניט קענען ענטפערן. ער, וואס האט זיך רואינירט אויף נאנא האט ניט געקענט רעדען פון עקאנאמיע ביי זיך אין הויז. און אזוי האבען מאן און ווייב צוזאמען פון בעזונדערע עקען צושטערט זייער פערמעגען. עס איז געקומען צו אזא שטופע, אז דער גראף, איינשטימענדיג אז דאגענע זאל הייראטען עסטעל, האט ארויבגעריסען דעם נדן ביז צוויי הונדערט טויזענד פראנק. נאר דער יונגער מאן איז געווען, אזוי צופריעדען מיט זיין ערפאלג, אז ער האט קיין טענות ניט געמאכט.

נאך א וואך צייט פון גרויס קלעמענים איז דער גראף געקומען צום שלוס, אז ער וועט אנדערש ניט קענען בעצאהלען לאבארדעט׳ס וועקסעל, סיידען ער וועט פערקויפען א פראכטפאלעס גוט, וואס דער גרעפינס אן אנקעל האט איהר געלאזט ירושה. נאר אום דאס צו טהאן האט ער געדארפט האבען דער גרעפינ׳ס אונטערשריפט. **נאר איצט האט ער דאס ניט געקענט טהאן. ווען נאנא האט איהם**

דערמאנט וועגען געלד, האט זיא אויפגעריהרט זיין אלטע וואונד. ער האט נוכ פערשטאנען, וואס זיא האט געמיינט, ווייל ער איז געווען גענוג נאריש צו דערצעה־לען איהר וועגען דער גרעפינ'ס אונטערשריפט.

זעהענדיג, אז נאנא איז אזוי בלייך, האט ער זיך איבערגעשראקען און האט איהר דערלאנגט דאס פלעשיל עטהער. זיא האט א זיפץ געטהאן און געפרעגט ניט דערמאנענדיג דאנגנע'ס נאמען:

— ווען וועט זיין דיא חתונה?

— דער קאנטראקט דארף אונטערגעשריעבען ווערען אין פינף טעג ארום.

דאן האט זיא ווייטער גערעדט, וויא צו זיך אליין, ניט עפענענדיג דיא אויגען:

— געוויס ווייסטו, וואס דוא האסט צו טהאן. וואס אנבעלאנגט מיר, ווינש איך נאר צו זעהן יעדען גליקליך.

ער האט איהר בערוהיגט, וויא ווייט ער האט געקענט. ער האט מעהר מיט איהר ניט גע'טענה'ט. דער דונקעלער, קראנקער צימער, דער שוואכער גערוך פון עטהער האבען איהם לאנגזאם איינגעוויגט אין א געפיהל, אז רוה איז דאס בעסטע זאך אין דער וועלט. זיין כעס צו זיין ווייב איז ביסלעכווייז אבגעשטארבען אין דער נעגענוואורט פון דיזען בלייכען געזיכט, וואס ער האט אזוי שטארק געליעבט. ער האט איהר א קוס געטהאן אויפ'ן שטערן און א זיס שמייכעלע איז איהר איבער־געלאפען איבער'ן גאנצען געזיכט.

דער דאקטאר איז אריינגעקומען.

— וואס מאכט דאס טהייערע געשעפף? האט ער געפרעגט אין א פאמילי־ארען טאן דעם גראף, ועלכען ער האט בעהאנדעלט אלס דעם מאן און ווירטה פון הויז. זיא האט געהאט אונאנגענעהמליכקייטען, נאר מיר וועלען איהר ניך געזונד מאכען.

דער דאקטאר איז געווען א שעהנער מאן, פון א יאהר פינף און דרייסיג און האט געהאט א גרויסע פראקסיס (פראקטיקע) צווישען אזעלכע, וויא נאנא. ער איז שטענדיג געווען פרייליך און פריינדליך מיט דיזע דאמען און האט דאך זיי אריינגעשיקט גרויסע רעכנונגען און האט שטרענג געפאדערט זיין געצאלט. נאנא, וואס האט זעהר געציטערט פאר'ן טוידט, פלעגט נאך איהם שיקען א פאר מאל א וואך און אנפערטרויען איהם איהרע קליינע קראנקהייטען, פון וועלכע ער פלעגט לאכען אבער דאך היילען. נאר איצט איז געווען אן ערנסטע קראנקהייט.

— ווען דענקסט איהר, וועט זיא קענען אויפשטעהן פון בעט?

— נים פאר צוויי וואכען, האט דער דאקטאר גענטפערט. נאר איהר דארפט זיך ניט שרעקען.

מופפא האט געוואלט אוועקגעהן און ער איז געוועזן זעהר טרויריג, וואס זיין ארימע נאנא איז אזוי קראנק. זיא האט איהם צוריקגערופען, האט איהם געגעבען איהר האנד און געזאגט מיט א זאנפטער שטימע:

— דוא ווייסט, אז איך מיין וואס איך האב געזאגט, דוא זאלסט צו מיר ניט קומען, איידער דוא ועסט זיך איבערבעטען מיט דיין ווייב.

XIII.

גרעפין סאבינא האט געגעבען א גרויסארטיגען באל אין איהר ניי מעבלירטען און איבערגעבויטען פאלאץ אין דעם טאג, ווען דער קאנטראקט פון איהר טאכטערס הייראט האט געדארפט אונטערשריבען ווערען. פינף הונדערט געסט פון אלערליי קלאסען פון געזעלשאפט זיינען געוועזן איינגעלאדען. ווען דיא ערסטע געסט זיינען אנגעקומען, זיינען זיי ערשטוינט געווארען, געפינענדיג וויא אלעס האט זיך דא געענדערט. דער אמאליגער דונקעלער סאלאן מיט'ן רעליגיעזען און מעלאנכאלישען אויסזעהן איז פערוואנדעלט געווארען אין א פראכטפאלען נעסט פון לוקסוס. איבעראל האבען זיך געווארפען אין דיא אויגען. סאמעט, מארמאר, העלפאנדביין און קריסטאל. דיא דעקאראציאן פון דעם סופיט אליין האט געקאסט הונדערט טויזענד פראנק.

דיא מחיק האט זיך געפונען אין גארטען ביי אן אפענעם פענסטער, וואס איז ארויס פון פאלאץ. מען האט געשפיעלט דעם וואלס פון דער „בלאנדער ווענוס". עס האט געשיינט, וויא אין דעם שטאלצען סאלאן האט ארייגעבלאזט א ווינטעל, וואס האט מיט זיך ארייגעשלעפט דיא שלעכטע גערוכען פון דער גאס און האט ארויסגעשטופט דיא עהרע און גלויבען פון דער מופפא פאמיליע.

דיא אלטע פריינד פון דער פאמיליע האבען זיך פערזאמעלט אין א ווינקעל און האבען זיך געפיהלט ניט אויף זייער פלאץ. זיי האבען גערעדט צווישען זיך מיט ביטערקייט און טרויער. וואס וואלט דיא אלטע גרעפין געזאגט, ווען זיא זאל אויפשטעהן פון קבר און זעהן, וואס דא איז געווארען. און וויא פיעל געלד דאס האט בעדארפט אבקאסטען. סאבינע שיינט צו זיין ניט ביים זינען, זיא טראגט אלע דיאמאנטען.

אלע האבען גענומען בעטראכטען דיא גרעפין, וועלכע איז געשטאנען מיטן

נראַף ביי דער מהיר אַז האָט עמפּפאַנגען די געסט. זיא איז געוועזען געקליידעט אין ווייסען מיט שפּיצען, בעהאַנגען מיט דיאַמאַנטען. זיא איז געוועזען וואונדערבאַר שעהן, יונג און פריילין, מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען. נעבען איהר איז גע־שטאַנען דער גראַף אויך מיט אַ שמייכעל נאָר זעהר בלייך און שטיל.

— יאָ, האָט געזאָגט איינע פון די דאַמען. איך געדענק נאָך יענע צייט, ווען ער איז געוועזען דער ווירטה אין הויז, און זיא האָט ניט געוואָגט צו קויפען אַ פוס-בענקעלע אָהן זיין ערלויבניס:

זיי זיינען אנשווינגען געוואָרען, ווייל עסטעל איז פּערביי זיי דורכגעגאַנגען. זיא האָט געטראָגען אַן איינפאַכע זיידענע קלייד און איהר געזיכט איז געוועזען רוהיג און אונבעוועגט, וויא אימער. זיא האָט איינגעווילינגט צו הייראַטען מיט דאַנגלאַר און איז געוועזען גאַנץ גלייכגילטיג, זיא האָט ניט געפיהלט ניט קיין פרייד און ניט קיין שמערץ, זיא איז איצט געוועזען גראַדע אַזוי קאַלט און ווייס, וויא אין יענע קאַלטע אָבענדען, ווען זיא האָט צוגעוואָרפען אַ שטיק האָלץ אין קאַמין. און טראָץ דעם וואָס דער באַל איז געגעבען לכבוד איהר, איז זיא געבליבען גאַנץ אונבעריהרט פון די בלומען, ליכט און מוזיק.

— מען זאָגט אַז דער חתן איז אַן אוואַנטוריסט, האָט איינע געזאָגט.

— ששש! אַט געהט ער! האָט געענטפערט אַ צווייטע.

דאַנגלאַר האָט פון דערווייטענס דערזעהן מאַדאַם הוזשאַן מיט איהרע צוויי זיהן און איז צו זיי צוגעגאַנגען. ער האָט איהר צאַרטליך צוגעפיהרט צו אַ שטוהל און אנידערגעזעצט איהר.

— איך דאַנק אייך, האָט זיא געזאָגט. ווייסט איהר, אַז איהר האָט מיך אנידערגעזעצט אויף דעם זעלבען פּלאַץ, וואו איך פלעג אימער זיצען.

— אַזוי, איהר קענט איהם? האָבען זיך צו איהר געווענדעט איהרע בעקאַנטע דאַמען, ווען דאַנגלאַר איז אוועקגעגאַנגען.

— ער איז אַן אויסגעצייכענטער יונגער מאַן, האָט זיא געזאָגט, פיהלענדיג, אַז זיא דאַרף איהם פערטהיידיגען געגען אַלעמען. ער שטאַמט פון אַ פיינער פאַ־מיליע. זיין פאָטער איז געוועזען פּרעפעקט און זעהר בעליעבט ביי לואי פיליפּ. ער אַליין איז געוועזען אביסעל ווילד און האָט כמעט פערשווענדעט זיין פערמעגען, נאָר ער וועט ירש'ענען זיין רייכען פעטער.

נאָר איהר פערטהיידיגונג האָט ניט געהאָלפען, יענע האָבען געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און האָבען גערעדט, אַז עסטעל איז ווערטה געווען אַ לייטישערען חתן. עס

איז נעוואָרען א שרעקליכער שטופּעניס, נעסט האָבען נעהאַלטען אין אנקומען און מען האָט זיך צוגעגרייט צום טאַנצען.

פּאַלואַז איז נעשטאַנען מיט שטיינער און פאַקאַמאַ און האָבען נעטרונקען שאַמפּאַניער.

— עס זעהט אויס זעהר פיין! האָט נעזאָגט פּאַלואַז, קוקענדיג אויפ'ן נעצעלט פון בלויען סאַמעט אין גאַרטען. עס זעהט אויס פּונקט וויא א בענולטער לעקאָך, וואָס מען קויפט אויף א יריד. יאָ, עס זעהט אויס, וויא א יריד אין א בענולטען לעקאָך.

פּאַלואַז פלענט איצט שפּעטען פון יעדע זאַך און האָט נעשפּיעלט דיא ראָליע פון א יונגען מאַן, וואָס האָט אַלעס געזעהן, אַלעס דורכגעלעבט און ווייס, אז אַלעס איז נאַרישקייטען.

— האָסטו נעזעהן, וויא נאַנאַ איז אהער אריינגעגאַנגען? האָט נעזאָגט שטיינער. זיא האָט נעהאַט א גרויסאַרטיגע אויפנאַהמע. זיא האָט ארומגענומען דיא גרעפין און געבענשט דאָס יונגע פּאָר, מאַכענדיג דאַנגנע אויפמערקזאַם, אז ער האָט איהר דערפאַר צו דאַנקען.

פּאַלואַז און פאַקאַמאַ האָבען איהם אנגעקוקט מיט אפענע מיילער, נאַר באַלד האָבען זיי פערשטאַנען דעם שפּאַס און זיי האָבען זיך צולאַכט.

— איך בין צופריעדען, וואָס א סעקונדע האָט איהר מיר נעגלויבט, האָט שטיינער נעזאָגט. נאַר איך קען אייך זאָגען אהן שפּאַס, אז זיא האָט דאָ געמעגט זיין, ווייל זיא האָט אין דעם א גרויסען אנטהייל און ווידער זיינען זיי דאָך איצט איין פאַמיליע.

זיי האָבען זיך נעלאָזט געהן אין סאַלאָן. אויפ'ן וועג האָבען זיי נעטראָפען דעם אלטען ווענאַ, וועלכער האָט ערנסט גערעדט מיט דאַגנע. דאָס האָט ביי זיי אויפגעוועקט א געלעכטער. ער מוז איהם לייענען א שטיק מוסר, האָבען זיי געזאָגט.

אין סאַלאָן האָבען זיי בעמערקט דיא הויכע פיגור פון דעם מאַרקיז שואַר, וועלכער איז געוועזען מיט א קאָפּ העכער פון אלע אנדערע. ער איז געשטאַנען אן א וואַנט, זיין געזיכט איז געוועזען בלייך און ערנסט. אלע האָבען געוואוסט, אז ער האָט זיך געמאַכט וויא ער איז כלומרשט סקאַנדאַליזירט פון זיין איידעמס אויפפיהרונג, אז ער האָט פערבאָטען צו דערמאָנען זיין נאָמען אין זיין געגענוואַרט.

— וויא האָט איהר דאָס דערלאָזט, אז עסטעל זאָל חתונה האָבען פאַר אזא

אוואנטוריסט? האט געפרענט א בעקאנטע דאמע ביי וואנא, וועלכער איז געשטאַנען נים ווייט פון דעם מארקיז.

— אוואנטוריסט? האט ער איבערגעפרענט. איך קען אייך זאגען, אז איהר האט א טעות. איך קען איהם גאנץ גוט. ער וויל אנהויבען צו פיהרען א ניי לעבען, און עסטעל וועט איהם זיין א טרייער פיהרער.

— א, עסטעל! האט דיא דאמע געזאגט פעראכטליך. זיא האט אויף איהר לעבען קיין מאל איהר אייגענעם ווילען נים געהאט.

דיזע ווערטער האבען ארויסגערופען א שמייכעל אויף וואנא'ס ליפען, נאר ער האט גאר נים געענטפערט, דענקענדיג, אז ער האט שוין אזוי אויך געזאגט צו פיעל. ער האט אראבגעלאזט זיינע אויגען און איז געבליעבען זיצען שטיל.

— דיזע דאמען זיינען צו שטרענג, האט געזאגט מאדאם הוזשאן צום מארקיז, ווען ער איז צו איהר צוגעגאנגען. דאס לעבען איז זעהר הארט פאר יעדען. דענקט איהר נים, מיין פריינד, אז מיר דארפען פיעל פערגעבען, אויב מיר ווילען, אז מען זאל אונז פערגעבען?

דער מארקיז איז געווען זעהר אונצופריעדען פון דיא ווערטער, זוכענדיג אין זיי אן אנדער מיין, וויא זיי האבען געשיינט צו האבען. נאר דער שמייכעל ביי דער גוטער דאמע איז געווען אזוי טרויריג, אז ער איז באלד געקומען צו זיך און האט געענטפערט:

— עס זיינען פאראן זינד וואס מען טאר קיין מאל נים פערגעבען. און נאר דארום, וואס מיר פערצייהען לייכט פיעלע זאכען, זינקען מיר אלץ טיעפער אין אבגרונד. מיר דארפען דיענען אלס מוסטער.

מאדאם הוזשאן האט איהם איבערגעשלאגען מיט א הויב פון איהר האנד.

— יא, איך האב פערגעסען, מיין פריינד, אז איהר אליין זייט גוט און פרום. נאר דאס איז א טרויריג געשפרעך פאר א באל, און איך וויגש, אז אלע זאלען דא זיין פריילך, וויל פרייליכקייט און יוגענד געהען האנד אין האנד.

אין דיזער מינוט איז אריינגעקומען פאַשערי. אלס א שטענדינער איינגעהער פון הויז, איז ער אריין דורך דעם שפייז־צימער און נים דורך דעם הויפט־גאנג, אום צו פערמיידען דיא שטופענים דארטען. ראַזע האט איהם אריינגענומען אין דיא הענד אַנהויב ווינטער, און ער האט געטהיילט זיין צייט צווישען דיא זינגערין און דיא גרעפין. זיי האבען איהם ביידע שטארק דערעסען, נאר ער האט נים געוואוסט וועלכע אויסצוואוועהלען. סאבינא האט געשמייכעלט זיין אייטעלקייט, נאר ראַזע האט איהם פיעל מעהר אמוזירט. ראַזע האט אין דער ווירקליכקייט געפיהלט

צו איהם א ליידענשאפט און איז איהם געווען איבערגעבען, ווי א ווייב. מיגנאן האט דאס גוט געוואוסט און דאס איז איהם שטארק ניט געווען געפעלען. פאשערי האט בעגריסט שטיינער, פאקאמא און דיא הושאנס און זיי האבען אלע אנגעהויבען צו רעדען מיט אמאל. שטיינער איז פריהער, ווי ער איז געקומען אהער, אריין צו נאנא, אום אויסצוגעפינען, וואס זיא מאכט. זיא איז געווען פיעל בעסער, נאר פון צימער איז זיא נאך ניט ארויס. דאס געשפרעך איז אריבער אויפ'ן גראף מופפא. מען האט איהם געזעהן ארויסגעהן פון נאנא, און זיי זיינען וואהרשיינליך ווידער גוט-פריינד געווארען און דאריבער זעהט ער אוים פרייליכער. נאר פאשערי האט זיך געפיהלט ניט היימיש. היינט אין דער פריה האט איהם ראזע געזאגט, אז זיא האט דעם בריעף אוועקגעשיקט צום גראף און האט איהם געראטהען ניט צו געהן אויפ'ן באל. נאר נאך א לאנגען טראכטען האט ער זיך בעשלאסען צו געהן. איצט האט ער ניט געוואוסט, וואס וועט דא זיין, און וואס פאר א ווירקונג וועט האבען נאנא'ס גוט-פריינד ווערען מיט'ן גראף אויף דיא גאנצע געשיכטע.

— איך האב נאך ניט בעגריסט דעם ווירטה און דיא ווירטהין פון הויז, האט ער געזאגט קאלט. און העפליכקייט איז דיא ערסטע פפליכט פון א מענשען.

ער האט זיך פערנייגט און האט זיך געמאכט א וועג צווישען דער מענגע. דיא קאמפאניע מיט וועלכע ער איז איצט געשטאנען און גערעדט, האט איהם נאכגעקוקט נייגיעריג, ווייל נאנא האט שוין דערווייל צייט געהאט אויסצוזאגען פון חדר און זיי האבען גוט געוואוסט, וואס איז מיט'ן גראף פארגעקומען דיא לעצטע טעג.

— דער גראף האט איהם נאך ניט געזעהן, האט געזאגט זשארזש. אט איז ער שוין נעבען זיי. דער גראף וועט איהם גלייך דערזעהן.... אט זעהט ער איהם שוין....

דיא מוזיק האט ווייטער געשפיעלט דעם וואלס פון דער „בלאנדער ווענוס“ פאשערי האט זיך טיעף פעניינט נעגען דער גרעפין, וועלכע האט צו איהם א רוהיג שמייכעל געטהאן. פאשערי האט געווארט רוהיג און זעהר בלייך. דער גראף איז געשטאנען צו איהם מיט'ן רוקען. ווען ער האט זיך אומגעקוקט און זיינע אויגען זיינען געפאלען אויפ'ן זשורנאליסט, האט ער א ציטער געטהאן און האט זיך אויס-געגלייכט. א פאר סעקונדען האבען זיי געקוקט איינער אויפ'ן צווייטען. ענדליך האט איהם פאשערי געררייכט זיין האנד און דער גראף האט לאנגזאם צוגעריהרט זיינע פינגער. סאבינע איז געשטאנען נעבען זיי מיט אראבגעלאזטע אויגען און א

שטייבעל אויף דיא ליפען. דער וואלס פון דער „בלאָנדער ווענוס" האָט אנגעפילט דעם צימער.

— יעדע זאך נעהט צו וויא געהעריג איז, האָט בעמערקט שטיינער.

— האלטען זיי זיך נאָך פאר דיא הענד? האָט געפרעגט פאָקאָמאָ מיט פערוואונדערונג.

פאשערי, שטעהענדיג פאר'ן גראף, איז פלוצים רויט געוואָרען פון אן עראי־נערונג. ער האָט זיך דערמאָנט אן יענעם טאָג אין טהעאטער. ווען מופפא האָט ביי איהם געבעטען דיא ראָליע פון דער „קליינער הערצאָגין" פאר נאנא. דאמאָלס האָט ער נאָר געהאט א פערדאכט, איצט וויים ער שוין. און אנדער ווינקעלשטיין פון מופפא'ס עהרע האָט זיך ארונטער־געקייקעלט דאן האָט פאשערי מיט א לייב־טערען הערץ א קוק געטהאָן אויף דער גראפין. זיא איז ווירקליך געווען אין א גוטען מוטה. ער האָט פלוצים דערפיהלט א שרעקליכען לוסט צו לאכען. דיא גאנצע לאגע האָט איהם איצט אויסגעוויזען זעהר קאָמיש.

עסטעל איז צו זיי צוגעקומען. פאשערי האָט איהר גימאכט א קאָמפלימענט וועלכען זיא האָט אויסגעהערט מיט איהר געוואוינליכע קאלטקייט און רוהיגקייט און האָט מיט א זעלטזאמען בליק בעטראכט זיי אלעמען דריי. דאנענע האָט פריינד־ליך געדריקט פאשערי דיא האנד, און זיי האָבען אלע געשיינט צו זיין רוהיג, פריי־ליך און צופריעדען מיט זיך און מיט אנדערע.

אין דעם טאָג פון דער רעליגיעזער הייראט האָט זיך מופפא איבערגעבעטען מיט זיין ווייב. דעם זעלבען אבענד איז זיא שטארק פערוואונדערט געוואָרען, אז ער איז אריינגעקומען אין איהר צימער, אין וועלכען ער איז שוין ניט געווען צוויי יאָהר. אנפאנגס האָט זיא זיך א צאפעל געטהאָן, נאָר דער שמייכעל איז איהר פון דיא ליפען ניט ארונטער. ער האָט זיך געפיהלט פערלעגען און זיא האָט איהם גע־לייענט א לעקציאָן אין מאָראל. זיא האָט איהם געזאָגט, אז רעליגיאָן הייסט צו פערגעבען איינער דעם צווייטען, און זיי זיינען געקומען צום טאקטישען שלום, אז איינער זאָל רעספעקטירען דעם צווייטענס פרייהייט. ביסלעכווייז האָבען זיי גענומען רעדען וועגען געלד־זאכען און ער איז געווען דער ערסטער צו מאכען דעם פאָרשלאָג צו פערקויפען איהר גוט. זיא האָט באלד איינגעוויליגט, זיי האָבען ביידע געדארפט געלד און האָבען אבגעמאכט צו טהיילען זיך מיט דעם. זייער שלום איז געווען א פאלשטענדיגער און מופפא'ס מורא פאר'ן גהינם איז פיעל געשטילט געוואָרען.

דעם זעלבען טאָג איז נאנא געשלאָפען, ווען זאָע האָט אנגעקראָפט אין איהר

צימער. דיא פרישע לופט פון דעם שיזהנעם זומער טאג איז אריין דורכ'ן אפענעם פענסטער, וואס איז געווען בעהאנגען מיט לייכטע פארהאנגען.

— ווער איז דאס? האט נאנא געפרעגט, עפענענדיג דיא אויגען.

זאָע האט געוואָלט ענטפערן, נאָר דאנענע איז אליין אריין און דערזעהן זיך געמעלדעט. נאנא האט זיך האלב אויפגעהויבען אויף דער זאָפע, וואו זיא איז גע־לעגען און אוועקשיקענדיג זאָע, האט זיא געפרעגט:

— וואס בעדייט עס? איז היינט ניט דיין חופה?

ער איז געבליעבען שטעהן פערוואונדערט פון דער דונקעלהייט פון צימער מיט'ן הוט אין דער האנד, מיט דיא ווייסע האנד־שוה און ווייסען קראוואט. ער האט לאנגזאם געענטפערט:

— יא, דאס בין איך. האסטו נאר פערגעסען?

ניין, זיא געדענקט נאר ניט.

— האסטו פערגעסען, אז איך האב דיר צוגעזאגט צו קומען אין דעם טאג פון מיין חופה?

— אה! דוא האסט מיך טאקע ניט פערגעסען! דוא האסט זאנאר פון מיר געדענקט אין קירכע! קום מיר! נאך א מאל, נאך אמאל! עס קען זיין דאס איז דאס לעצטע מאל.

דאנענע האט זיך צום דיענער אומגעקעהרט אין מופפא'ס האטעל און נאך דעם זעלבען טאג איז דאס יונגע פאר אוועק אויף זייער האכצייטס־רייזע.

XIV.

אנהויב ווינטער איז מופפא א פארנאכט געקומען צו נאנא זאגען איהר, אז ער וועט מיט איהר אין אבענד ניט קענען געהן צו א באל, וויא זיי האבען אבגערעדט, ווייל מען האט איהם פלוצים געשיקט רופען פון האף. דער האטעל איז געוועזן דונ־קעל און ער האט געהערט, וויא דיא דיענער האבען געלאכט אין קיך. מיט לייזע טריט איז ער ארויף אויף דיא טרעפ און האט שטיל געעפענט דיא טהיר. דיא לעצטע שטראהלען פון דער פערגעהענדער זון האבען אריינגעדרונגען דורך דיא רויטע פארהאנגען, אלעס האט דא וויא געדרעמילט אין דער אנגענעהמער דונקעל־הייט. נאר דיא דונקעלהייט האט איהם ניט געשטערט צו זעהן, וויא נאנא איז גע־לעגען אין זשאָרזש'ס אָרמען. ער האט איהר איצט געכאפט אזוי, אז זיא האט עס מעהר ניט געקענט אָבלייקענען. ביי איהם האט זיך ארויסגעריסען א פערצווייפעל־

טער געשריי און ער איז געבליעבען שטעהן אונבעוועגט. נאנא איז אויפגעשפרונגען און האָט דעם גראף א כאפ געטהאָן פאר'ן ארם און אריינגעשלעפט אין צווייטען צימער, אום צו געבען זשאָרזש'ן צייט צו אַנטלויפען. זיא האָט אליין ניט געוואוסט, וואָס זיא רעדט. זיא איז געוועזן בייז אויף זיך אליין, פאר וואָס ער האָט איהר געטראָפען אין אזא צושטאנד. און צוליעב וועמען? צוליעב א אינגעל, וואָס קען איהר אפילו ניט קויפען א בוקעט בלומען. דאָס איז שוין צופיעל. אין אן אנפאל פון אייפערזוכט האט זשאָרזש געדראָהט זיך צו נעהמען דאָס לעבען און זיא האָט איהם געזוכט צו בערוהיגען מיט קושען. דאס וועט איהר זיין ווייטער א לעהרע, האָט זיא געטראכט און וועט מעהר ניט זיין א גוטע.

דאס צימער, וואו זיא האָט אריינגעפיהרט דעם גראף איז געוועזן פינסטער. זיא האָט א שטארקען קלונג געטהאָן. דאָס איז זשוליען'ס שולד. ווען אין סאלאָן וואָלט געברענט א לאָמפּ, וואָלט צו קיין זאך ניט געקומען.

ווען זאָע איז אריינגעקומען אָנצינדען דעם לאָמפּ, האָט נאנא געזאָגט צום גראף:

— איך בעט דיר, מיין קעצעלע, זיי מעהר פערנינפטיג.

דער גראף איז געזעסען מיט דיא הענד אויף דיא קניע און מיט אראָבגעלאָדטע אויגען. ער האָט געציטערט מיט אלע גליעדער. דיזער שטומער שמערץ האָט געריהרט נאנא און זיא האָט איהם געזוכט צו טרייסטען.

— יאָ, איך האָב געטהאָן שלעכט, איך וויים עס גאנץ גוט. דוא זעהסט, אז מיר טהוט עס זעהר לייד און איך האָב ניט געוואוסט, אז דוא וועסט עס נעהמען שטארק צום הארצען. פערצייהע מיר.

זיא איז געלעגען ביי זיינע פיס און האט איהם ארומגעכאפּט ביי דיא קניע: וואס מעהר ער איז געקומען צו זיך, איז זיא אלץ מעהר געוואָרען אונטערטהעניג און האָט איהם אלץ מעהר געבעטען. ענדליך האָט זיא געגעבען איהר לעצטע ענטשולדיגונג מיט אן ערנסטע מינע.

— דוא זעהסט, מיין קינד — קענסטו דען ניט פערשטעהן, אז איך קען מיינע פריינד נאָר ניט אָבזאָגען.

דער גראף האָט זיך געלאָזט איינגעהמען און האָט נאָר געפאָדערט, אז זיא זאָל זשארזש'ן אוועקשיקען. דאס איז געוועזן דאס צווייטע מאל, וואס ער האט איהר פערגעבען, נאר אין הארצען האט זיך ביי איהם עפּעס איבערגעריסען און ער האט שוין מעהר ניט געגלויבט אין איהר טרייהייט.

אינ'ן צווייטען טאג האט איהם נאנא ווידער אבגענארט און ער האט דאך

נעקלעבט צו איהר, ווייל ער האט מורא נעהאט אז זיין לעבען וועט ווערען לעער אהן איהר. פון דאמאלס אן האט זיך אנגעהויבען זיין אבקומעניס.

אין דיזען פּעריאָד פון איהר לעבען, האט נאַנאַ מעהר וויא אלע מאל ער־שטוינט פּאַריז מיט איהר פּראַכט. דא האט נעציינט דעם פּרעכטיגען לוקסוס און איהר פערראַכטונג צו געלד. איהר האטעל איז געווען וויא א ריעזינער אייוועז, וואס האט צושמאלצען יעדען פערמעגען, וואס איז נאהענט צו איהם צוגעקומען. זיא האט נאר א בלאז געטהאן אויף געלד און פון איהם איז געווארען דינער זאמד, וועלכען דער ווינד האט צוטראגען. מען האט נאך קיין מאל ניט געזעהן אזא לייד־דענשאפט צו פערשווענדונג. זיא האט נעקריגען א משוגעת צו בעקומען א זאך, אום איהר צו צערשטערען. איהר האטעל איז געווען אן אבגרונד, וואס האט איינ־געשלונגען מענער מיט זייער עהרע, מיט זייערע נעמען, מיט זייער פערמעגען, און פון זיי איז קיין סימן ניט געבליבען. דיזע דירנע מיט'ן געשמאק פון א פאַפּוגאַי, וואס האט שטענדיג געקיים רעטעכלאך און קאנפעקטען און האט קיין מאל ניט פערזוכט קיין פלייש, פלעגט קריגען רעכנונגען פון פינף טויזענד פראנק א מאנאט נאר פאר דיא אויסגאבען פון איהר טיש אליין, און איהר קוך האט מען סיסטע־מאטיש געראַבעוועט. דארטען האבען געווירטהשאפט וויקטאריא און פראנסוא. זיי האבען צו זיך פערבעטען אזוי פיעל געסט פיעל זיי האבען געוואלט און אויסער דעם האבען זיי געהארעוועט א מאסע קרובים אין זייערע הייזער. זשוליען האט גע־נומען פּראַצענטען פון אלע קרעמער און ווען א גלעזער פלעגט אריינשטעלען א שויב פון דרייסיג סו, פלעגט ער איהם דארפען געבען צוואנציג. דער קוטשער פלעגט קויפען צוויי מאל אזוי פיעל האבער און היי, וויא מען האט געדארפט און דאס, וואס פלעגט אריינגעבראכט ווערען פון דער הויפּט טהיר, פלעגט ארויסגע־פיהרט ווערען דורך דער הינטער טהיר. און צווישען דעם אלגעמיינעם ראבעווען האט זאָע קונציג פערשטעלט אלעמענס גנבות, כדי מען זאל ניט מערקען איהרע איינענע. נאר גראדע אזוי פיעל פלעגט אומזיסט ארויסגעווארפען ווערען, וויא מען האט גע'גנב'עט.

אין נאַנאַ'ס צימערן איז פארגעגאנגען דאס זעלבע. קליידער פון צעהן טויזענד פראנק וואס זיא האט איין מאל אדער צוויי געטראגען און פערגעסען, האט זאָע פערקויפט צו דער מענדלערקע. יובעלען וואס האבען איהר אויפגעהערט געפעלען צו זיין, זיינען פּלוצים פערשוואונדען געווארען, וויא פון זיי וואלט געוואָרען שטויב. נאַנאַ האט קיין מאל ניט געקענט זעהן עפעס א טהייערע זאך און זיא זאל דאס ניט וועלען האבען ביי זיך אין דער היים. און אזוי האט זיא יעדעס מאל אנגעזא־

מעלט ווערטהפאלע קליינינקייטען און וואס מעהר זיי האבען נעקאסט אלץ מעהר פערגניגען האבען זיי איהר פערשאפט. נאר זיא האט קיין זאך ניט געקענט איינ־האלטען. צו וואס זיא האט זיך נאר צוגעשטעקט, האט זיא עס רואינירט. דער נאנצער וועג הינטער איהר איז געווען פערזייעט מיט שערבלאך און שמאטעס. איהרע רעכענונגען אין דיא מאגאזינען זיינען געווען אונגעהייער, פאר היט צוואנציג טויזענד פראנק, פאר שוה צוועלף טויזענד פראנק, איהר שטאל האט געקאסט פופציג טויזענד און אין זעקס מאנאטען איז זיא שולדיג געבליבען איהר קליידער מאכערין הונדערט מיט צוואנציג טויזענד פראנק. נאך לאבארדעט'ס רעכנונג האט זיא אין איין יאהר אויסגעגעבען איבער א מיליאן פראנק. דאס האט איהר אליין פערוואונדערט און זיא האט ניט פערשטאנען, וואו איז דאס געלד הינגעקומען. און וויא פיעל געלד איהרע פריינד דיא מענער האבען געגעבען איז אלץ געווען קארג, זיא האט זיך שטענדיג גענויטהיגט אין געלד.

א נייער קאפריז האט אנגעכאפט נאנא. זיא האט שוין לאנג געטראכט, וויא אויף דאס ניי איינצוריכטען איהר שלאף־צימער; איצט האט איהר געדוכט, אז זיא ווייס וויא דאס אויסצופיהרען· דיא וועגד פון שלאף־צימער דארפען זיין בעהאנגען מיט סאמעט פין א טהיי־ראזינגען קאליר, און עס זאל זיך צוגויפציהען אויפ'ן סופיט וויא א געצעלט. דאס אלעס זאל זיין בעפוצט מיט גאלדענע שניר און שפיצען. זיא האט נעדענקט אז דאס וועט געהן צו איהר געזיכט. נאר דיא הויפט זאך האט זיא געטרוימט פון א בעט, פאר וועלכען גאנץ פאריז זאל פאלען. עס זאל אין גאנצען זיין פון גאלד און זילבער און בעפוצט מיט גאלדענע ראזען אויף זילבערנע בלעטער. געשניצטע אמורען *) זאלען אונטערהאלטען דיא פארהאנגען פון בעט און ארונטערקוקען מיט א שמייכעל פון נייגירדע. זיא האט דערפון גערעדט מיט לאבארדעט און ער האט איהר צוגעשיקט צוויי גאלדשמידס. דיא צייכנונגען זיינען שוין באלד געווען פארטיג און עס האט בעדארפט קאסטען פופציג טויזענד פראנק, און מופפא האט דאס איהר נעדארפט געבען אלס א געשענק צום ניי יאהר. דיא בעפוצונג פון צימער האבען געדארפט קאסטען דרייסיג טויזענד פראנק, דערפאר וועט עמיצער אנדערש בעצאהלען, נאר ווער וועט דאס זיין האט זיא נאך ניט געוואוסט. נאנא האט קיין מאל ניט געקענט פערשטעהן, וויא אזוי קומט עס, אז אונטער דעם שווערען רעגען פון גאלד נויטהיגט זיא זיך שטענדיג אין עטליכע זילבערנע מטבעות. עס זיינען געווען טעג, ווען זיא האט זיך שטארק גענויטהיגט

---

*) אמור איז דער גאט פון ליעבע.

אין א פאר לואי. דאן פלעגט זיא בארגען ביי זאָע אדער בעקומען עס וויא זיא האָט נאר געקענט. נאר איידער זיא האָט אָנגעווענדט אזעלכע מיטלען פלעגט זיא אויסלעדיגען ביי איזהרע נעסט דיא מאַשען און פלעגט אפילו ניט איבערלאזען איין סו. זיא האט דאס געטהאן מיט אזא מינע, יויא זיא וואלט געדענקט, אז דאס איז א גוטער שפאס.

ביי פיליפ האט זיא שוין צייט דריי מאנאטען אויף אזא מאנער אויסגעלע־דינט דיא טאשען און איצט. ווען ער פלעגט קומען, פלעגט ער איבערלאזען פריהער זיין פארטמאנע ביי זיך אין וואוינונג ענדליך אבער איז זיא געווארען פרעכער און האט גענומען ביי איהם בעטען, ער זאל איהר לייען קליינע סומען פון צוויי דריי הונדערט פראנק צו בעצאהלען נויטהיגע רעכנונגען. און פיליפ, זיינענדיג קאסירער אין איין רעגימענט, האט איהר דיא סומען געבראכט און געזאגט, אז איהם טהוט זעהר לייד, וואס ער האט קיין געלד ניט, ווייל דיא מוטער האלט איהם און דעם ברודער שטארק אין דיא הענד. אין דעם פערלויף פון דריי מאנאט האבען דיא קליינע סו־מען דערגרייכט ביז צעהן טויזענד פראנק און פיליפ האט אנגעהויבען אויסצוזעהן מעלאנכאליש, צוואר זיין רייכער געלעבטער האט איהם ניט פערלאזט. נאר איין קוק פון נאנא, און דיא מרה שחורה האט איהם פערלאזט. זיא איז געווען זעהר צארט צו איהם און האט איהם אונטער דיא טהירען בעטרונקען מיט איהר קוסען, דאס האט איהם צוגעבונדען צו איהר און וויא נאר ער האט געקענט אברייסען זיך פון זיין דיענסט, איז ער געקומען צו איהר.

דעם פופצעהנטען אקטאבער האט נאנא דערצעהלט איהרע איינגעהער, אז היינט איז ביי איהר דער געבורטס־טאג, און דיא מענער האבען איהר אריינגעשיקט פרעזענטען. לייטענאנט פיליפ האט אויך געבראכט א פרעזענט—א קעסטעלע פאר קאָנפעקטען פון אלטען פאיאנס איינגעזעצט אין גאלד, פאר וועלכע ער האט בע־צאָהלט דריי הונדערט פראנק. ער האט איהר געטראָפען אליין אין טואלעט צימער, וויא זיא איז געשטאנען און בעטראכט איהרע פרעזענטען.

— אח, וויא גוט דוא ביזט! האט זיא אויסגעשריען, דערזעהענדיג דאס קע־סטעלע. וואָס איז דאָס אזוינס, וויז מיר! וואָס איז מיט דיר, ביזטו א קינד, וואָס דוא ניסט אוים דיין געלד אויף אזעלכע זאכען?

זיא האט איהם אויסגעזידעלט, ווייל זיא האט געוואוסט, אז ער האט קיין געלד ניט, נאר דאך האט דאָס איהר פערשאפט פערגניגען, וואָס ער האָט אויף איהר אויסגעגעבען אזוי פיעל געלד. דאָס איז פאר איהר געווען דער איינציגער בע־

ווייז, אז מען ליעבט איהר. זיא האט דאס קעסטעלע פון דיא הענד ניט ארויסגע־לאזט און האט עס בעקוקט פון אלע זייטען און געפרובט עפענען און פערמאכען.

— גיב אכטונג! האט ער געזאגט, דוא קענסט עס נאך צוברעכען.

זיא האט א ציה געטהאן מיט דיא אקסלען. וואס איז, זיא האט דען לייטע־נע הענד? און וועהרענד זיא האט אזוי גערעדט, איז דאס דעקעל ארונטערגעפא־לען און צובראכען געווארען אין פיצלאך.

זיא איז געבליבען שטעהן אהן ווערטער און מיט שמארע אויגען האט זיא געקוקט אויף דיא שערבלאך.

— אהה, דאס איז צובראכען געווארען!

און דאן האט זיא זיך צולאכט. דיא שערבלאך אויפ'ן באדען האבען איהר געשיינט צו זיין זעהר קאמיש. דאס איז געווען דער נארעשער און ב'יזער געלעכטער פון א קינד, וואס האט פערגנינען פון צערשטערען. פיליפ איז געווען זעהר בלייך און נאנא האט ניט געוואוסט, פיעל לייד דאס שפיעלכעל האט איהם געקאסט. נאר דערזעהענדיג וויא ער קלעמט זיך, האט זיא גענומען איהם טרייסטען.

— דאס איז דאך ניט מיין שולד. ווארשיינליך איז עס געווען איינגעבראכען. איך בין זיכער, אז עס איז געווען איינגעבראכען. אבער האסטו געזעהן, וויא ער האט ארומגעטאנצט איבער'ן באדען.

און זיא האט ווייטער אויסגעשאסען מיט א געלעכטער. נאר ווען זיא האט דערזעהן אז ביים יונגען מאן פילען זיך אן דיא אויגען מיט טרערען, האט זיא זיך איהם ארויפגעווארפען אויפ'ן האלז.

— וויא נארעש דוא ביזט! האט זיא אויסגעשריען: איך ליעב דיך איצט ניט ערגער וויא פריהער. ווען מען זאל קיין זאך ניט צוברעכען, וואס וועלען טהאן דיא קרעמער? דאס איז נאר געמאכט געווארען צום ברעכען. קוק! דוא זעהסט דעם פעכער? זעה נאר וויא עס ברעכט זיך!

זיא האט א כאפ געטהאן פון טישעל א פעכער און האט איהם געגר־מען ציהען אזוי, אז ער האט זיך פונקט אין מיטען איבערגעבראכען. דאס האט געשיינט איהר נאך מעהר אויפצורעגען. אום איהם צו ווייזען אז זיא שעצט ווענינ דיא פרעזענטען, וואס אנדערע האבען איהר געשיקט, האט זיא גענומען רייסען און ברעכען אלעס, וואס אויפ'ן טיש האט זיך געפונען. א זעלטזאמע ליבט האט איהר געשיינט אין דיא אויגען, דאס מויל האט זיך איהר געעפענט און איהרע ווייסע ציינער האבען זיך ארויסגעזעהן. ווען אלעס איז שוין געווען צו בראכען, האט זיא

מיט א נערוועזען לאכען א קלאפ געטהאן מיט דער האנד איבער'ן טיש און האט מיט א קינדערשע פרייד אויסגעשריען:

— איצט איז אלעס גע'פטר'ט. מעהר איז ניטא וואס צו ברעכען.

פיליפ איז פון דער סצענע אויך לוסטיגער געווארען. ער האט זיך אנגעבויגען און גענומען איהר קוסען אין בוזים. זיא האט זיך געלאזט און איז געבליבען אנגע־שפארט אויף זיינע שולטערן. זיא האט געזאגט, אז שוין לאנג האט זיא אזא פער־גניגען ניט געהאט, און דערנאך, מיט איהרע הענד אריבערגעווארפען איבער זיין האלז, האט זיא מיט א צערטליכען טאן געזאגט:

— ניט וואהר, מיין ליעבער? מארגען וועסטו מיר ברענגען צעהן לואי.... דער בעקער לאזט מיר ניט רוהען.

ער איז געווארען זעהר בלייך און, קוסענדיג איהר אין שטערן, האט ער גע־ענטפערט:

— איך וועל זעהן.

דאן איז געווארען שטיל. ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער און האט צוגע־פרעסט זיין שטערן צו דער קאלטער שויב. אין א צעהן מינוט ארום האט ער זיך אבגעקעהרט פון פענסטער און געזאגט שטיל:

— נאנא, דוא האסט מיט מיר בעדארפט חתונה האבען.

דער געדאנק האט איהר געשיינט צו זיין אזוי קאמיש, אז זיא האט ניט גע־קענט איינהאלטען זיך אויף דיא פיס פון לאכען. זיא האט זיך אראבגעלאזט אויף א שטוהל און געזאגט:

— מיין ארים הינטעלע, דוא מוזט זיין קראנק.... ווייל איך האב ביי דיר געבעטען דיא צעהן לואי, ווילסטו איך זאל מיט דיר חתונה האבען? איך ליעב דיך צו שטארק, אז איך זאל דיר לאזען בעגעהן אזא נארעשקייט.

זאע איז אריין אין צימער און זיי האבען מעהר דערפון ניט גערעדט. זאע האט גלייך דערזעהן, וואס פון דיא פרעזענטען איז געווארען, און זיא האט געפרעגט צו זיא קען זיי צונעהמען, און ווען נאנא האט געענטפערט, אז „געוויס" האט זיא אלעס צונויפגעקליעבען אין איהר פארטוך און האט עס ארויסגעטראגען אין קיך, וואו דיא דיענער האבען זיך מיט דעם צוטהיילט.

דשארזש'ן איז דעם טאג געלונגען אריינגעהן אין האטעל. פראנסוא האט איהם געלאזט דורכגעהן, אבוואהל נאנא האט אויסדריקליך פערבאטען דעם יונג אריינצוקומען אין איהר הויז. זיא האט איהם פערשפראכען צו בעגעגענען זיך מיט איהם ערגעץ אנדערס־וואו, ווען נאר זיא וועט קענען. ער איז שטיל אריין אין איהר

צימער און האט געהערט זיין ברודער'ס קול זייער קוסען זיך און וויא ער האט איהר פארגעשלאגען, זיא זאל מיט איהם הייראטען. ער איז אוועק פון דארטען מיט א געפיהל, וויא א שטיק אייז װאלט איהם געלעגען אויפ'ן מארך. נאר ווען ער איז געקומען צו זיך א היים האט ער אויסגעבראכען אין א שלוכצען. איצט האט ער שוין מעהר ניט געצווייפעלט. דער געדאנק, אז נאנא האט זיך געקענט געפינען אין פיליפ'ס ארמען איז ביי איהם אין דיא אויגען געווען א בלוט-שאנדע. א אנפאל פון וואוטה האט איהם יעדעס מאל אנגעכאפט און ער האט זיך געווארפען אויפ'ן בעט מיט א פלוך. אזוי איז אריבער דער גאנצער טאג. ער האט געשיקט זאגען דער מוטער, אז ער האט א שרעקליכען קאפ ווייהטאג, און ער פערלאנגט, מען זאל איהם לאזען צורוה. נאר דיא נאכט איז געווען נאך שרעקליכער, און ווען זיין ברודער זאל זיין אין דער היים, וואלט ער געוויס אוועק אין זיין צימער און ערמארדעט איהם. ווען עס איז געווארען טאג האט ער בעשלאסען צו בעגעהן זעלבסט-מארד. ארום צעהן א זייגער אין דער פריה האט ער פערלאזט זיין צימער, ער האט קיין רוה ניט געפונען און האט שטונדען לאנג ארומגעוואנדערט איבער דיא פאריזער גאסען. נאר ער האט באגערט, איידער ער וועט שטארבען, זעהן איהר נאך אמאל.

נאך האלבען טאג האט מאדאם הוזשאן בעקומען א שרעקליכע נאכריכט, אז פיליפ איז איינגעשפארט אין געפענגנים. מיט א נאכט פריהער האט מען איהם ארעסטירט אויף דער בעשולדיגונג, אז ער האט ארויסגע'גנב'עט צוועלף טויזענד פראנק פון דער קאסע אין זיין רעגימענט. מאדאם הוזשאנ'ס ערסטע ווערטער זיינען געווען א פלוך אויף נאנא. זיא האט געוואוסט, אז פיליפ איז געווען אן איינגעהער צו איהר און זיא האט דיא לעצטע צייט זיך געשראקען פאר א קאטאסטראפע, און דאריבער איז זיא געווען אזוי אומעדיג. נאר אזא שאנדע האט זיא ניט ערווארטעט און איצט האט איהר דאס הערץ געריסען, פאר וואס זיא האט איהם קיין געלד ניט געגעבען. ווען ער זאל האבען געלד, וואלט ער אזא פערברעכען ניט בעגאנגען. זיא איז געבליבען זיצען אין איהר פאטעל און האט זיך ניט געקענט א ריהר טהאן, וויא פאראליזירט, טרערען האבען איהר געשטיקט פון דעם פלעק, וואס האט זיך געלעגט אויף זייער נאמען. נאר איצט האט זיא זיך דערמאנט אן זשארזש'ן, ער קען נאך עפעס טהאן און פיעלייכט זיי אלעמען רעטען.

ניט זאגענדיג קיינעם קיין ווארט, האט זיא זיך אוועקגעשלעפט צום צימער, וואו זשארזש איז געווען. איהר איינציגע טרייסט איז איצט געווען, וואס זיא האט נאך איינעם, וועלכער עס וועט מיט איהם סימפאטיזירען. נאר זיא האט געפונען דאס צימער לעדיג, און א דיענער האט איהר געמעלדעט, אז דער יונגער הער איז אוועס

אין דער פריה. זיא האט בעטראכט דיא אונארדנונג אין צימער, און האט דערפיהלט, אז א נייע אונגליק ערווארטעט איהר. זשארזש געפינט זיך איצט ביי דיזע פרוי. דיא ארימע מוטער איז ארויס פון הויז און איז אוועק צו נאנא פאדערן איהר זוהן.

דעם גאנצען פריהמארגען האט נאנא געהאט איין פערדראס נאכ'ן צווייטען. פון ניין א זייגער אין דער פריה האט איהר דערעסען דער בעקער. זיין גאנצער רעכנונג בעטרעפט ניט מעהר וויא הונדערט מיט דריי און דרייסיג פראנק, און ניט קוקענדיג אויף דיא קעניגליכע פיהרונג פון הויז, האט זיא ניט געהאט מיט וואס צו בעצאהלען דיא קליינע סומע. שוין צוואנציג מאל איז ער געקומען מיט'ן רעכנונג און איז אלץ אוועק מיט לעדיגע. דיא דיענער האבען געהאלטען פאר איהם און פראנסוא האט איהם ערקלערט, אז אויב ער וועט ניט מאכען א סצענע, וועט ער קיין מאל זיין געלד ניט קריגען. ער האט איהם אריינגעפיהרט אין קארידאר און געהייסען איהםווארטען, דער מאדאם האט ער נאר ניט געזאגט, און וואו זיא איז ארויסגעקומען אין קארידאר, האט זיא איהם געטראפען. ער איז געוועזען זעהר פרעך און איז ניט געוועזען קארג אויף ווערטער. נאנא האט צוגענומען דעם רעכנונג און האט איהם געהייסען קומען דריי א זייגער. ער איז אוועק און האט געשווארען, אז ער וועט זיין פינקטליך און וועט שוין דאס געלד ביי איהר ארויסרייסען.

נאנא האט געפרישטיגט מיט א שלעכטען אפעטיט און האט ניט געוואוסט וואס זיא וועט טהאן מיט'ן בעקער. זיא האט שוין צעהן מאל געהאט אנגעגרויט געלד פאר איהם. נאר יעדעס מאל איז דאס געלד צושמאלצען געווארען אין איהרע הענד, דא אויף קווי'טען און דא נאר א נדבה פאר אן אלטען זשאנדארם. ערסט מיט א טאג פריהער האט זיא בעזארגט וועש און קליידער פאר סאטין, וואס האט איהר געקאסט צוועלף הונדערט פראנק, און איצט האט זיא ניט געהאט איין לואי. נאר זיא האט ערווארטעט פיליפ'ן מיט דיא צוויי הונדערט פראנק, וואס ער האט איהר צוגעזאגט, און זיא האט זיך געוואונדערט, וואס ער איז נאך ניטא.

ארום צוויי א זייגער איז זיא געווארען זעהר אונרוהיג. נאר איצט איז אנגעקומען לאבארדעט און האט איהר געבראכט דיא צייכנונגען פון בעט און זיא איז געווארען א ביסעל פרייליכער. דיא צייכנונגען האט מען אויסגעשפרייט איבער'ן טיש און לאבארדעט האט איזור אנגעהויבען צו ערקלערען. זיא איז געוועזען אויסער זיך פון פרייד, דיא גאלדשמידען האבען געזאגט, אז קיין קעניגין איז ניט געשלאפען אין אזא בעט, וויא דיא, דיא פראגע איז איצט געוועזען וועגען דיא פיס פון בעט. לאבארדעט האט אויפגעגעבען א נייע אידעע, דער פוס פון בעט זאל

זיין א סטאטוע, וואס שטעלט פאר דיא נאכט דיא סטאטוע וועט זיין פערוויקעלט אין א שלייער, ועלכעס א פאאון *) וועט שלעפען פון דער רייצענדער נאקעטער פיגור. דערביי האט ער בעמערקט, אז דיא סטאטוע וועט האבען איהר, נאנא׳ס געזיכט. דאס איז איהר שטארק געפעלען געווארען.

— נאר דאס וועט קאסטען מיט זעקס טויזענד פראנק מעהר.

— וואס ארט דאס מיר? האט זיא געענטפערט. מיין קליינער מוף האט נענוג געלד.

זיא פלעגט איהם שטענדיג אזוי רופען אונטער דיא אויגען צווישען בעקאנטע, נאר אין דיא אויגען האט מען דאס קיין מאל ניט געטארט דערמאנען.

ביי לאבארדעט׳ס אוועקגעהן האט זיא זיך דערמאנט אין דעם בעקער און האט זיך צו איהם פלוצים געווענדעט:

— האט איהר ניט ביי זיך צעהן לואי?

איינער פון לאבארדעט׳ס פרינציפען איז געווען ניט צו לייען קיין געלד צו פרויען, און ער פלעגט שטענדיג געבען דעם זעלבען ענטפער:

— ניין, מיין טהייערע, איך בין אין גאנצען געבראכען. נאר זאל איך פאר אייך געהן צו אייער קליינעם מוף?

— ניין, האט זיא געענטפערט, דאס איז ניט נויטהיג.

מיט צוויי טעג צוריק האט זיא ביים גראף גענומען פינף טויזענד פראנק. באלד נאך לאבארדעט׳ס אוועקגעהן איז דער בעקער געקומען. באטשע עס איז איצט געווען ניט מעהר וויא האלב דריי און ער האט גענומען שילטען מיט שרעקליכע קללות. נאנא האט זיך צוגעהערט, שטעהנדיג אונטער׳ן פארהאנג פון איהר בודואר. זיא איז געווארען זעהר בלייך, ווען זיא האט דערהערט, אז איהרע דיענער קוועלען דערפון אן. אין קיך האבען זיך אלע געהאלטען אין דיא זייטען פון לאכען, און דער קוטשער האט זיך צוגעהערט פון הויף. פראנסוא איז אלע ווילע ארייגעקומען אין קארידאר און האט צוגעגעבען קוראזש דעם בעקער. זיא האט זיך געפיהלט אליין און פערלאזען אפילו ביי איהרע דיענער. אנפאנגס האט זיא גערעכענט צו לייען דאס געלד ביי זאע׳ן, נאר זיא האט זיך דערמאנט, אז זיא האט איהר נאך ניט בעצאהלט דיא לעצטע סומען, וואס זיא האט ביי איהר געליהען, און זיא האט מורא געהאט, אז זיא וועט איהר נאך אבזאגען.

---

*) א רוימישער גאט פון פעלדער און פאסטוכער און ווערט דאס רוב פארגעשטעלט האלב באק און האלב מענש.

זיא האט זיך צוריקגעקעהרט אין איהר צימער און האט מיט א צוריקגעוואר־פענעם קאפ געזאגט צו זיך אליין:

— מיין טהייערע, דוא קענסט נאר בויען אויף זיך אליין און טהו וואס דוא קענסט און הער ניט אויס קיין בעליידיגונג.

זיא האט ניט אנגעקלונגען און האט אליין גענומען זיך אנטהאן, אום צו געהן צו פרוי טריקאן. צו איהר פלעגט זיא געהן נאר דאן, ווען זיא האט קיין אנדער ברירה ניט געהאט. דיא אלטע פרוי האט שטענדיג געהאט פאר נאנא פארשלעגע פון רייכע ענגלענדער. און ווען נאנא האט זיך ניט געקענט אויסקערעווען מיט געלד האט זיא דיא פארשלעגע אנגענומען. זיא פלעגט צו איהר געהן, וויא דיא ארימע לייט געהן אין א לאמבארד (פאון שאפ).

— ער איז א געמיינער קערל דער ליטענאנט, האט נאנא געמורמעלט, צו־בינדענדיג דיא שטיינגער פון איהר הוט מיט א נערוועזע געשווינדקייט. מען קען זיך א סך פערלאזען אויף מענער, ווען זיי זאגען דיר, אז זיי ליעבען דיך. צוליעב זיי בין איך געצוואונגען צו געהן צו דער פרוי.

אריינקומענדיג אין סאלאן, האט זיא דערזעהן זשארזש'ן שטעהן אין מיטען צימער. זיא האט ניט בעמערקט, וויא זיין געזיכט איז בעדעקט מיט א וועקסענע בלייכקייט און דאס טונקעלע פייער אין זיינע אויגען. זיא האט אויסגעשריען מיט א זיפץ פון ערלייכטערונג

— ביזטו געקומען פון דיין ברודער?

— ניין, האט זשארזש געענטפערט און איז נאך בלייכער געווארען.

זיא האט פערצווייפעלט א ציה געטהאן מיט דיא אקסלען.

— אויב אזוי, נאך וואס ביזטו געקומען? איך האב קיין צייט ניט, האט זיא געזאגט און האט זיך געלאזט געהן צו דער טהיר. האסטו עפעס געלד?

— ניין.

— געוויס האסטו ניט. איך האב דאס פריהער בעדארפט וויסען. איך בין געוועזן נאר א נאר, וואס איך האב דיר געפרענגט. דוא האסט קיין מאל ניט גענוג געלד צו בעצאהלען פאר א בינטעל ריבעלאך. דיא מאמא ערלויבט עס ניט. האט מען אמאל געזעהן אזעלכע מענער?

זיא האט זיך געלאזט לויפען צו דיא טרעפ, נאר ער האט איהר אנגעכאפט ביי דער האנד. ער האט איהר עפעס צו זאגען.

— איך האב קיין צייט ניט, האט זיא געענטפערט און ארויסגעריסען זיך פון איהם.

ראָך איז זיא געבליבען שטעהן, ווען ער האָט איהר געזאָגט:

— הער מיך אוים, איך ווייס, אז דוא ווילסט הייראטען מיין ברודער.

דאָס איז פאַר איהר געווען אזוי אונערוואַרטעט און קאָמיש, אז זיא האָט זיך א וואָרף געטהאָן אויף א שטוהל און האָט זיך שטאַרק צולאַכט.

— יאָ, האָט זשאָרזש ווייטער גערעדט. און איך בין געקומען דיר זאָגען, אז דוא זאָלסט פאַר איהם ניט הייראַטען. איך מוז ווערען דיין מאַן.

זיא האָט זיך צוגעהערט פערשטיינערט פון פערוואונדערונג.

— וואָס? דוא ביזט אויך געקומען שדכ'ענען זיך צו מיר? עס שיינט, אז ביי אייך איז דאָס א פאַמיליען-קראַנקהייט. צייט איך לעב, האָב איך אזעלכע נאַרעש-קייטען ניט געהערט. דוא ביזט פּעררי‍קט, איך וועל מיט קיינעם פון אייך ניט חתונה האָבען.

זשאָרזש האָט לאַנג אבגעצויגען דעם אטהעם און איהם האָט אנגעהויבען צו דוכטען, אז ער האָט נעכטען געהאַט ווידער א טעות, ווען ער איז געשטאַנען אונ-טער דער טהיר און געהערט דאָס געשפּרעך צווישען איהר און זיין ברודער.

— ווערסטו מיר שווערען, אז מיין ברודער איז ניט דיין געליעבטער?

— וואָס פאַר אן אנ‍יקענעם דוא ביזט אויף מיר, האָט זיא אויסגעשריען אונגעדולדיג און האָט גענומען ארויפציהען איהרע האַנד-שוה. דוא האָסט מיך אמוזירט א פּאָר מינוט, נאָר אזוי איינשפּאַרען זיך ווען דוא ווייכט, אז איך האָב קיין צייט ניט, שטיינט שוין אַלעס איבער. עס איז ניט ד‍ין געשעפט. ווער מיינע געליעבטע זיינען. וואָס איז, דוא צאָהלסט מיינע חובות, וואָס דוא ערוואַרטעסט, אז איך זאָל דיר אָבגעבען א רעכנונג אין מיינע האַנדלונגען? יאָ, דיין ברודער איז מיין געליעבטער, ער קומט צו מיר יעדע נאַכט.

ער האָט איהר א שטאַרקען טרייסעל געטהאָן ביים ארם.

— ששש! זאָג עס ניט! זאָג עס ניט נאָך אמאָל! האָט ער זיך געבעטען.

— האַ! דוא ווילסט מיך שלאָגען? וואָס? האָט זיא אויסגעשריען. יונגער מאַן, זייט אזוי גוט און געהט גלייך ארוים פון דאַנען! איך האָב דיר ערלויבט צו קומען אהער נאָר פון מיין גוטסקייט. איך מיין, וואָס איך זאָג. און דוא דאַרפסט אויף מיר אזוי ניט קוקען. מיר האָט שטענדיג באַנק געטהאָן, וואָס איך האָב מיט דיר געהאַט עפּעס צו טהאָן. דוא האָסט מיר שוין לאַנג אויפגעהערט צו אינטערע-סירען, עס איז געווען זעהר נאַרעש און איך דענק, אז דאָס איז געווען אַן אונרעכט פון מיין זייט.

ער האָט איהר אויסגעהערט מיט א פערצווייפעלטען געזיכט. יעדעס וואָרט האָט איהם טיעף ארייננעשטאָכען אין הארצען. זיא האָט ניט בעמערקט זיינע טיפע ליידען און האָט אויף איהם אויגעגאָסען דעם גאַנצען כעס, וואָס האָט זיך ביי איהר אָנגעקליבען אין דעם פערלויף פון דעם טאָג.

— דער פיינער ברודער דיינער האָט מיר פערשפּראָכען צו ברענגען צוויי הונדערט פראנק היינט אין דער פריה, און ער האָט זיך נאָך ניט געוויזען. דאָס געלד, וואָס ער גיט מיר, איז ניט גענוג פאַר מיר אויף פּאָמאדע, נאָר איבערלאָזען מיך אין אזא לאַגע, איז שוין צופיעל. וואָרט! איך מוז איצט געהן פערקויפען זיך פאַר פינף און צוואנציג לואי, ווייל דיין ברודער האָט ניט געהאַלטען וואָרט.

ער האָט זיך א ווארף געטהאָן איבער דער ברייט פון דער טהיר און האָט איהר געבעטען מיט צוזאמענגעלעגטע הענד:

— ניין, טהו דאָס ניט!

— זעהר גוט, האט זיא געענטפערט. האסטו דאָס געלד?

— ניין.

ער האט קיין געלד ניט געהאַט און ער האט זיך קיין מאל ניט געפיהלט אזוי אונגליקליך, אזוי אוננוציג, ער האט א ציטער געטהאן פון קאָפּ ביז די פיס. דאס האט איהר אביסעל געריהרט און זיא האט איהם צארטליך אבגעשטופּט פון דער טהיר.

— איך מוז געהן, טהייערער. זיי פערנונפטיג, דוא ביזט א גוטער יונג, נאָר איצט בין איך פערנומען מיט געשעפט. זאג ניט דיין ברודער, וואס איך האב דיר געזאגט, ער דארף ניט וויסען, וואו איך געה, איך רייד צופיעל, ווען איך בין אויפגערעגט.

זיא האט זיך צולאכט, האט איהם צוגעצויגען צו זיך און א קוש געטהאן אין שטערן. לעב וואהל, מיין טהייערער, צווישען אונז איז אלעס געענדיגט.

איהרע לעצטע ווערטער האבען געקלונגען אין זיינע אויערען, וויא א טוידטען גלאָק. די ערד איז פערשוואונדען געווארען פון אונטער זיינע פיס. אלע זיינע געדאנקען זיינען געווען פערנומען מיט נאנא און זיין ברודער. זיין ברודער האט פערנומען זיין פּלאַץ. וואס וועט פון איהם איצט ווערען? ער קען אהן איהר ניט לעבען.

אלע טהירען זיינען געשטאנען אפען. די דיענער האבען זיך געוואונדערט, וואס נאנא איז אוועק צו פוס, און האבען אונטען געלאכט מיט'ן בעקער. זשארזש האט בעקוקט דאס צימער ארום און ארום. ער האט פון טיש-קעסטעלע ארויסגע-

נומען א לאנג און שארפע שערעלע, מיט וועלכע זיא פלעגט שערען דיא נעגעל און דיא האר און האט עס אריינגעלעגט צו זיך אין טאשע.

– דיא מאדאם האט זיך שוין צוריקגעקעהרט, האט זאָע געזאגט צו זשארזש'ן, אריינקומענדיג אין צימער.

אונטען איז געווען א גרויסער גערודער, עס האט זיך געהערט, וויא טהירען האבען זיך געעפענט און פערמאכט און הויכע קולות. זשארזש האט געהערט, וויא נאנא האט בעצאהלט דעם בעקער און איז ארויפגעשטיגען אויף דיא טרעפ.

— דוא ביזט נאך דא? האט זיא געפרעגט פערוואונדערט. וויא עס שיינט ווילסטו זיך קריגען מיט מיר.

ער איז איהר נאכגעגאנגען ביז איהר שלאף-צימער.

– נאנא, ווערסטו חתונה האבען מיט מיר?

זיא האט געוואלט פערמאכען דיא טהיר איהם אין געזיכט, נאר ער האט מיט איין האנד פערהאַלטען דיא טהיר און מיט דער צווייטער ארויסגעכאַפּט דאס שעריל פון טאשע און מיט איין זעץ האט ער עס אריינגעשטאכען זיך אין ברוסט.

נאנא האט וויא זערפיהלט, אז דא קומט פאר אן אונגליק און האט זיך אומגעקוקט. דערזעהענדיג, וואס ער טהוט, איז זיא ווילד אויפגעבראכט געווארען.

— ער איז ווירקליך א נאר, האט זיא אויסגעשריען. אויף מיינע נאמנות דאס איז מיין שער'ל. הער אויף, דוא שלעכטער יונג! אח, מיין גאט, מיין גאט!

זשארזש איז געפאַלען אויף דיא קניע און האט נאך מאל א זעץ געטהאן מיט'ן שער'ל אין ברוסט אריין און איז אנידערגעפאלען אויפ'ן טעפפיך אין דער לענג פון דעם שוועל.

זיא האט זיך דערשראקען צום טוידט און האט אנגעהויבען צו שרייען, ניט וואגענדיג אריבערצוטרעטען איבער'ן קערפער, אום צו זוכען הילף.

— זאָע! זאָע! קום גיכער! האַלט איהם אב! ער איז נאך אזא קינד! ער נעהמט זיך דאס לעבען! און נאך אין מיין הויז. וואו האט מען דאס געהערט אזא זאך?

ענדליך האט זיא זיך בעשלאסען איבער איהם אריבערצוטרעטען, נאר דא האט זיא דערזעהן, אז דורכ'ן קליינעם סאלאן איז איהר אנטקעגען געקומען אן אלטע פרוי, אין וועלכע זיא האט דערקענט מאדאם הוגאן. ניט קענענדיג פערשטעהן, וואס דאס בעדייט, האט זיא איהר אנגענומען פאר אן איבערנאטירליכע ערשיינונג. זיא האט זיך א צאפּעל געטהאן און אראבגעלאזט זיך אויף א שטוהל און געמורמעלט:

— דאס איז ניט מיין שולד, איך שווער אייך. ער האט מיט מיר געוואלט הייראטען, איך האב ניט געוואלט און ער האט זיך ערמארדעט.

מאדאם הושאן מיט איהר בלייכען געזיכט, מיט איהרע שניי־ווייסע האר און שווארצע טרויער קליידער איז לאנגזאם צוגעגאנגען. אויפ'ן וועג אהער האט איהר וואַרזש אין גאנצען ארוים פון קאפ. אלע איהרע געדאנקען זיינען אריבער אויף פיליפ און זיא האט געטראכט, פיעלייכט וועט נאנא קענען געבען אזעלכע צייכניסע פאר'ן ריכטער, וואס וועלען איהם ריהרען, און זיא האט איהר געוואלט בעטען, זיא זאל עס טהאן. דיא טהירען פון האטעל זיינען געווען אפען. פלוצים האט זיא דערהערט דיא קולות און האט זיך געלאזט געהן אויף זיי. ווען זיא איז אריין אין סאלאן האט זיא דערזעהן, וויא אויפ'ן שוועל נעבען דער צווייטער טהיר איז געלעגען א מאן, זיין העמד בעפלעקט מיט בלוט. דאס איז געווען זשארזש איהר מיזיניק.

נאנא האט אלץ גערעדט:

— ער האט מיט מיר געוואלט הייראטען, איך האב געזאגט ניין, און ער האט זיך ערמארדעט.

מאדאם הושאן האט ניט ארויסגעבראכט קיין זילבע. זיא האט זיך אראב־געלאזט אויף דיא קניע פאר איהר קינד און האט צוגעפרעסט איהרעביידע הענד צו זיין הארץ און האט זיך צוגעהערט, ניט אראבלאזענדיג דיא אויגען פון זיין גע־זיכט. איין זוהן געשענדעט, דער צווייטער ערמארדעט, איהר גאנץ לעבען צושטערט, נאר דאס האט איהר ניט איבערראשט. יעדע זאך ארום איהר האט געשיינט צער־פאלען אין שטיקער. איהר געזיכט איז געווען דיא פערצווייפלונג אליין — שטאר און פייערליך, וויא דער טוידט.

נאנא האט אלץ גערעדט:

— ער האט זיך ערמארדעט, איך האב דאס ניט געטהאן, איהר זעהט, אז איך בין איצט אריינגעקומען.

מאדאם הושאן האט א ציטער געטהאן. זיא האט אונטער איהרע הענד דערהערט דאס שוואכע קלאפען פון איהר זוהנס הארץ. זיא האט אויפגעהויבען דעם קאפ און האט אריינגעקוקט אין דיא אויגען פון דער פרוי, צווישען וועלכער און איהר איז געלעגען דער קערפער פון איהר זוהן. דערנאך האט זיא א קוק גע־טהאן ארום צימער. איהרע איינגעפאלענע אויגען האבען זיך אנגעצונדען מיט א פייער.

— איך שווער אייך, מאדאם, האט נאנא ווידער געזאגט, אז ווען זיין ברודער זאל דא זיין וואלט ער פערשטאנען.

— דיין ברודער האָט גענומען דאָס, וואָס האָט ניט בּעלאַנגט צו איהם און ער איז איינגעשפּאַרט אין געפענגניס, האָט דיא מוטער קאַלט געזאָגט.

נאַנאַ איז געבּליעבּען זיצען פערשטאַרט.

„צו וואָס האט דער צווייטער גע׳גנב׳עט ? זיינען זיי אַלע. דיא גאַנצע פאַ־מיליע אראָב פון זינען ?“

זיא האט מעהר קיין וואָרט ניט גערעדט און האָט שטיל צוגעקוקט, וויא מאַדאַם החשאָן האט געהייסען דיא דיענער, זיי זאָלען אראַבּנעטראַגען זשאַרזש׳ן אין איהרע קארעטע אונטען. זיא האט איהם פאר קיין פאל ניט געוואָלט לאזען איהם אן איבּריגע מינוט אין דיזען הויז. נאנא האט צוגעקוקט, וויא מען האט דאס איינגעל ארויסגעטראגען, וויא דיא אלטע מוטער איז נאכגעגאנגען, האלטענדיג זיך פאר׳ן מעבעל, אום ניט צו פאלען. ביים ארונטערגעהן פון דיא טרעפ. האט מאַדאַם הוזשאן, ניט קענענדיג זיך לענגער איינהאלטען פון וויינען, געזאגט אין דער הויך צו נאנא :

— אה ! איהר האט אונז זעהר פיעל שלעכטס געטהאן !

אין האטעל איז געווארען שטיל. נאנא איז געבּליבען זיצען אויף דעם זעל־בען פּלאץ. ווען דער גראף איז געקומען מיט א האלבע שטונדע שפּעטער. האט ער איהר נאך דא געטראפען. זיא האט איהם דערצעהלט אלע איינצעלהייטען און געוויזען מיט׳ן בלוטיגען שער׳ל, וויא זשארזש האט דאס געטהאן.

— איז דאס מיין שולד, מיין טהייערער ? האט זיא זיך פערטהיידיגט. ווען דוא זאלסט זיין דיא גערעכטיגקייט אליין, וואלסטו מיך דען בעשולדיגט ? איך האב פיליפּ׳ן ניט געהייסען גנב׳ענען און איהם זיך הרג׳ענען. איך בין זעהר אונגליקליך. מענשען קומען אהער און בענעהען שרעקליבע זאכען און פערשאפען מיר אונאנגע־נעהמליכקייטען.

זיא האט אנגעהויבען צו וויינען. איהרע נערוועו זיינען געווען שטארק צורייצט און זיא האט ווירקליך געליטען.

— דוא ביזט אויך אונצופריעדען, האט זיא ווייטער געזאגט. פרעג ביי זאע. זאע ! זאג דעם גראף !

זאע האט געוואשען דעם טעפּפּיך פון דעם פרישען בלוט־פלעק.

— אה, מיין הערר, האט זאע געזאגט. דיא מאדאם איז שוין אזוי אויך גענוג אונגליקליך.

דער גראף איז געווען טיעף געריהרט פון דער טראגעדיע און פון דער וויי־נעדינער מוטער. ער האט געקענט איהר גוטע הארץ און האט זיך פארגעשטעלט,

וויא איהר וועט איצט זיין איינע אליין אין איהר גוט. נאנא איז אלץ מעהר פער־צווייפעלט געווארען.

— ער איז געווען אזא מהייער אינגעל, אזוי צארט, אזוי ליעבענד, האט זיא געכליפעט. יא, איך מה דאס דיר זאגען, אפילו דאס זאל דיר אריינברענגען אין כעס. איך האב איהם זעהר געליעבט, נאר דוא דארפסט זיין צופריעדען, ער שטעהט דיר שוין מעהר ניט אין וועג.

דיא טרערען האבען איהר געשטיקט, און זיא האט איהם געבעטען, ער זאל געהן זעהן, וואס זשארזש מאכט און זאל גיך קומען צוריק, ווייל ביז זיא וועט ניט וויסען, וואס ער מאכט, וועט זיא ניט קענען איינרוהען.

אין א שטונדע ארום איז מופפא צוריקגעקומען און דערזעהענדיג פון טרא־מואר, אז זיא קוקט ארויס פון פענסטער, האט ער צו איהר ארויפגעשריען, אז זשארזש לעבט נאך און עס איז נאך דא א שוואכע האפנונג. נאנא איז ווידער פרייליך געווארען און האט אנגעהויבען צו טאנצען און זינגען, און ווען זאע האט איהר געזאגט, אז דער בלוטיגער פלעק געהט ניט אראב פון דעם וויסען טעפפיך, האט זיא פרייליך געענטפערט.

— זארג ניט, דיא מענער וועלען שוין מיט זייערע פיס דעם פלעק אויס־טרעטען.

אויפ'ן צווייטען טאג האט זיא און מופפא פערגעסען אן דער געשיכטע. גלייך וויא מופפא האט דערהערט פון דעם אונגליק, האט ער געשווארען, אז זיין פוס וועט שוין מעהר צו נאנא ניט קומען, און נאט האט מיט דעם איהם געגעבען א ווארנונג. נאר ער האט זיין שבועה ניט געקענט האלטען. אין זיין שפעט ערוואכ־טע ליעבע האט ער איהר געליעבט, וויא א פאטער און ליעבהאבער ער האט איהר געוואלט פיהלען נעבען זיך, זעהן איהר גליקליך. אין דער לעצטער צייט איז ער נאך פרימער געווארען או ער האט געטרוימט פון א צייט, ווען דיא ליידענשאפט וועט פערשוואונדען ווערען און ער מיט איהר וועלען שטעהן אויף דיא קניע און בעטען גאט ער זאל זיי פערגעבען.

אין זיין נאאיוויטעט (תמימות) האט ער גערעכענט אלס אן אבקומענים פאר זיינע זינד דיא געברענטע ליידען, וואס ער איז פון איהר אויסגעשטאנען. זיין ענמת נפש איז פערגרעסערט געווארען. ווען ער האט מיט יעדען טאג געפיהלט דיא פער־ענדערונג, וואס קומט אין איהם פאר. זיין עהרע, זיין ערעלקייט, זיין בענריף פון רעכט און אונרעכט זיינען געווען אין דיא הענד פון א דירנע, וואס האט געהאן מיט זיי, וואס זיא האט געוואלט. איהר אויבינע פאלשקייט האט איהם געריסען

דאס הארץ, ער האט זיך צו דעם ניט געקענט צוגעוואוינען. ער האט געדורשט נאך אויבינע ליעבע, זיא האט איהם דאס געשווארען, נאר ער האט געוואוסט, אז זיא איז פאלש דורך און דורך.

איין פריהמארגען האט ער געמאכט א סצענע, זעהענדיג, אז פאקאמאן האט פערלאזט דיין האטעל אין אן אונגעוואוינליכע שטונדע. פריהער, ווען אזא זאך פלעגט טרעפען, פלעגט זיא זיך פערענטפערן און צחאנען, אז זיא וועט זיך פערבעסערען, נאר איצט האט זיא פרעך געענטפערט, אז זיין אייפערזוכט האט איהר שוין דערעסען. פאקאמאן וועט קומען, ווען ער אדער זיא וועט וועלען, האט זיא געשריען.

— און וואס געהט דאס דיר אן, מיין קליינער טוף?

דאס איז געווען דאס ערסטע מאל, וואס זיא האט איהם גערופען אין דיא אויגען מיט דעם צונאמען. ער איז געבליבען פערשטיינערט פון דיא ווערטער.

— מיר איז דאס שוין נמאס געווארען, האט זיא געזאגט קאלט. אויב איך געפעל דיר ניט אזוי, וויא איך בין, ווארף מיך ארויס. איך וויל זיין פריי. פערשטעהסטו? איצט בלייב אדער געה!

זיא האט געעפענט דיא טהיר, נאר ער איז ניט געגאנגען. איצט האט זיא געטהאן, וואס זיא האט געוואלט פאר'ן קלענסטען ווארט, האט זיא איהם געזאגט, אז ער קען געהן. און ער האט זיך געלאזט זידלען, ביז זיא האט ווידער געדארפט געלד. דאן איז זיא אויף א פאר שטונדען ווייכער געווארען, אום איהם צו קוועלען דערנאך א גאנצע וואך.

צייט ער האט זיך איבערגעבעטען מיט זיין ווייב, איז זיין לעבען נאך ערגער געווארען. פאשערי האט דיא גרעפין פערלאזען און איז אין גאנצען איבערגעגאנגען צו ראזען, און זיא האט זיך איצט געטרייסט מיט אנדערע ליעבהאבער און האט פול געמאכט דעם גאנצען פאלאץ מיט טומעל פון דעם לעבען, וואס זיא האט גע־פיהרט. עסטעל האט פון דער חתונה אן זעלטען געזעהן איהר פאטער. זיא האט זיך ענטוויקעלט אין א פרוי פון אן אייזערנעם ווילען, און דאנענע האט פאר איהר געציטערט. ער איז מיט איהר געגאנגען אין קירכע און איז געווען זעהר ביין אויף זיין שווינער פאטער, וואס האט זיי אלעמען רואינירט צוליעב א דירנע. ווענא איז גע־ווארען אן איינעהער צו נאנא גראדע וויא צו דער גרעפין. ער איז געווען זעהר צער־טליך מיט'ן גראף און האט געווארט אויפ'ן צופאל, ווען ער וועט איהם ווידער קע־נען בעהערשען, דיא שאנדע און אונגליק אין דער היים האבען נאך מעהר געטרי־

בען דעם גראף צו נאנא, באמשע דא איז ער בעליידיגט און בעשפריצט געווארען מיט בלאטע.

אין ניבען איז דיא איינציגע פראגע צווישען נאנא און דעם גראף געווארען געלד. איין טאג איז זיא געוועזען זעהר צארט מיט איהם און האט איהם געבעטען ער זאל ברענגען צעהן טויזענד פראנק. ער האט איהר צוגעזאגט צו ברענגען דאס געלד מארגען, נאר ווען ער האט ניט געקריגען איז ער אזוי געקומען. נאנא איז געווארען בלייך פון כעס. אזא אונארדענטליכקייט האט זיא פון איהם ניט ער־ווארטעט.

— דוא האסט ניט דאס געלד? אויב אזוי, קליינער מופ, קענסטו געהן. האט מען געהערט אזא פרעכהייט, צו קומען אהער מיך קוסען אהן א סו אין טאשע. ניין, ניין! נימא קיין געלד, נימא קיין נאנא — פערשטעהסטו מיך?

ער האט איהר ערקלערט, אז היינט אדער מארגען וועט ער איהר ברענגען דאס געלד.

— און וואס וועט פון מיר ווערען ביז דאמאלס? האט זיא געשריען. דוא ווילסט מען זאל מיך איינשפארען אין געפענגניס פאר שולדען און פערקויפען מיין מעבעל? גיב א קוק אין יענעם שפיעגעל. וואס דענקסטו, איך האב דיך ליעב פאר דיין שעהנקייט? מיט א געזיכט, וויא דיינס, דארפסטו א פרוי גוט בעצאהלען, זיא זאל דיך דולדען. אויב דוא וועסט מיר היינט ביי נאכט ניט ברענגען טויזענד פראנק וועסטו מעהר שוין ניט א קוס טהאן אפילו דעם שפיץ פון מיין קליינעם פינגער. איך וועל דיך אבשיקען צו דיין ווייב און זאל זיא זיך מיט דיר האלטען.

דעם זעלבען אבענד האט דער גראף געבראכט דאס געלד, און נאנא האט איהם ערלויבט א קוס טהאן איהר אין דיא ליפען און האט איהם מיט דעם בע־צאהלט פאר אלע זיינע ליידען.

נאנא איז געוועזען זעהר בייז, וואס ער האט שטענדיג געשטעקט אין איהר האטעל. זיא האט א פאר מאל געבעטען דעם הער וועגא, ער זאל איהר פון איהם בעפרייען און זאל איהם צוריקפיהרען צו זיין ווייב. וואס זאל זיא מיט איהם טהאן, האט זיא גערעדט. ווען זיא זאל איהם אפילו אנשפייען אין געזיכט, וואלט ער איהר נאך בעדאנקט. איהר בעגעהן זיך מיט איהם איז געוועזען שרעקליך, זיא האט גע־האלטען איין איין פאדערען געלד, זיא איז געוועזען צו איהם גרויזאם, און האט איהם אריף טרים און שרים געזאגט, אז זיין געלד איז זיין איינציגער חן, אז זיא האט ליעב

אן אנדערן מיט ליב און לעבען, און דיא גרעסטע שאנדע אין דער וועלט איז, וואס דא האט עפעס צו טהאן מיט אזא אידיאט, וויא ער.

ביים קעניג האט מען אפט גערעדט, אז מען דארף איהם בעטען, ער זאל רעזיגנירען, און דיא קעניגין האט זיך אמאל אויסגעדריקט, אז ער איז ווירקליך צו עקעלהאפט. נאנא האט זיך דערפון דערוואוסט, און זיא פלעגט עס איהם שטענ־דיג אויפוואַרפען.

זיא איז געווען אין גאנצען פריי. יעדען טאג פלעגט זיא פאהרען אין בולאנער וואלד און בעגעגענען דארטען אלע בעקאנטע. טיטולירטע פרויען האבען אויף איהר געוויזען מיט דיא פינגער און זיא איז שטענדיג געווען ארומגערינגעלט מיט דיא קארעטען פון מיניסטארען, וועלכע האבען געהאלטען פראנקרייך מיט זייערע נער־וועזע פינגער ביים האלז און פון פינאנסיסטען, וועלכע האבען קאנטראלירט גאנץ אייראפא. זיא איז געווען בעקאנט אין אלע הויפט שטעדט און אלע אויסלענדישע גרויסע לייט האבען איהר געזוכט צו קריגען.

גראף מופפא האט דאס אלעס געוואוסט, נאר ער האט זיך געמאכט ניט וויסענדיג, אבער זיא אליין פלעגט איהם מיט דעם בעקומען דאס לעבען. איהר האטעל איז פאר איהם געווארען א גיהנם.

איין צייט איז צווישען איהר און דעם קוטשער געווארען א גוט לעבען. זיא פלעגט מיט איהם רעדען פון דער קארעטע און איהם ארויסשיקען עסען און טרינ־קען פון דיא רעסטאראנען, וואו זיא האט זיך אבגעשטעלט. פלוצים האט זיא זיך מיט איהם צוקריעגט און האט איהם בעשולדיגט, אז ער גנב'עט האבער. ער האט איהר ניט פערשוויגען און געענטפערט, אז יעדעס פון איהרע פערד איז בעסער פון איהר. דער גראף האט זיך געמוזט אריינמישען און אבזאגען איהם. דאס האט אין גאנצען איבערגעפיהרט דיא דיענער. וויקטארין און פראנסוא זיינען אוועק, ווען מען האט אויסגעפונען, אז אביסעל ציערונג איז פערפאלען געווארען, און מען האט גע־רעדט אין דער שטיל, אז דער גראף האט איהם אבגעזאגט, ווען ער האט אויסגע־פונען, אז ער איז מיט נאנא וויא אנדערע צוויי.

דער גראף האט נאך געהאט אויסצושטעהן אנדערע בזיונות. ער איז געווען געצוואונגען צו שפיעלען אין קארטען מיט מאלוא, סימפאטיזירען מיט דיא קראנק־הייטען פון דעם קליינעם לואי, וואס ער האט געהערט פון זיין אונבעקאנטען פא־טער, און איין אבענד האט ער אונטער דער טהיר געהערט, וויא נאנא האט דער־צעהלט פאר זאע, וויא מאוס זיא איז אריינגעפאלען מיט אן אמעריקאנער; ער האט געמאכט אן אנשטעל, וויא ער באדט זיך אין גאלד און איז אנטלאפען גע־

ווארען. וועהרענד זיא איז נעשלאפען און האט איהר אפילו ניט איבערגעלאזט א שטיקעל פאפיראס־פאפיר. דער גראף איז געווען בלייך וויא דער טוידט און האט זיך אוועקגעשלעפט אין גאס, מורא האבענדיג, אז זיא וועט נאך רעדען מעהר, ווען זיא וועט וויסען, אז ער איז דא.

א מאל האט זיא געקריגען א קאפריז צו א בארעטאן און ווען ער האט איהר אוועקגעווארפען האט זיא זיך גע׳סמ׳ט מיט א פעקעל שוועבעלאך, וואס זיא האט צולאזט אין וואסער, זיא איז דערפון ניט נעשטארבען, נאר שרעקליך קראנק געווא־רען, און דער גראף האט געדארפט אומגעהן ארום איהר און הערען דיא געשיכטע פון איהרע אונגליקליכע ליידענשאפט און דיא שבועות, אז מעהר וועט זיא קיין מאנספערזאן ניט גלויבען. דער גראף האט מורא געהאט צו עפענען א שראנק, אויפהויבען א פארהאנג, אום אויף עפעס ניט אנשטויסען זיך. צייט ער האט גע־טראפען נאנא אין דעם פריזירער׳ס ארמען, ווען ער איז אויף א מינוט ארויס צו הייסען שפאנען דיא פערד, פלעגט ער א הוסט טהאן, איידער ער פלעגט אריין אין א צימער. נאר מעהר פון אלעם האט איהם פערדראסען, וואס זיא האט געלעבט מיט פארקאמאן, וועמען ער האט גערעכענט פאר זיין גלייכען. ער איז אוועק צו לאבארדעט און געזאגט איהם, אז ער וועט פארקאמאן ארויסרופען אויף א דועל, נאר לאבארדעט האט איהם אויסגלאכט.

— א דועל איבער נאנא? האט לאבארדעט געזאגט. גאנץ פאריז וועט פון אייך לאכען. מען קען זיך ניט שלאגען איבער א נאנא.

— אויב אזוי וועל איך איהם אויספאטשען אין גאס.

לאבארדעט האט איהם ערקלערט, וויא לעכערליך דאס איז. דאס וועט נאר פערשאפען מאטעריאל פאר דיא ציימונגען און מען וועט נאר פון איהם מאכען חוזק.

דער גראף איז געווען פערצווייפעלט. ער קען זיך זאגאר ניט שלאגען פאר דער פרוי, וועלכע ער ליעבט, וויל מען וועט איהם אויסלאכען. זיין ליידענשאפט האט איהם קיין מאל ניט פערשאפט אזעלכע שמערצען, וויא איצט. און דאס איז ביי איהם געווען דיא לעצטע אויפברויזונג. נאכהער האט ער זיך שוין צוגעקוקט רוהיג צו אלעס, וואס איז פארגעקומען אין האטעל.

נאנא האט אלעמען איינגעשלונגען איינעם נאכ׳ן צווייטען. איהרע בעדירפ־ניסע זיינען געווארען אזוי גרויס, אז א מאן האט איהר געקלעקט אויף א צאהן, אין איין טאג האט זיא איהם אויסגעלעדיגט ביז׳ן לעצטען סו. צ ערסט האט זיא פאר־טיג געמאכט פארקארמא. אין דיא דרייסיג יאהר וואס ער האט געדיענט אין פלאט,

האט ער אבגעשפארט דרייסיג טויזענד פראנק, און מיט דעם געלד האט ער גע־
וואלט אוועק אין אמעריקא, זוכען דארטען זיין גליק. נאר ער איז ארי־נגעפאלען צו
איהר אין דיא הענד און אין קארגע צוויי וואכען איז זיא מיט איהם געווארען פאר־
טיג. דאס אבגעשפארטע געלד נאך שווערע צעהנדליגע יאהרען ארבייט איז געוועזן
ווענינ און ער האט זאגאר פערזעצט זיין צוקונפט. ווען נאנא האט איהם געוויזען
דיא טהיר, האט ער ניט געהאט איין סו ביים לייב און לעבען, נאר זיא איז געוועזן
גענוג גוט צו ראטהען איהם, ער זאל זיך צוריקקעהרען אויפ'ן שעף. ער דארף פער־
שטעהן, אז אהן געלד קען ער לענגער מיט איהר ניט פערבלייבען... א רואינירטער
מאן איז פון איהרע הענד ארויסגעגאנגען, וויא אן אבגעשלאגענע הושענא.

איצט האט זיא זיך געווארפען אויפ שטיינער'ן. זיא האט מיט איהם קיין צע־
רעמאניעס ניט געמאכט און האט איהם בעהאנדעלט גראב. זיא האט צו איהם
געפיהלט א האס, און זיא האט זיך אליין ניט געקענט אבגעבען א רעכנונג פאר
וואס. זיא האט געזוכט מיט איהם פארטיג צו ווערען וואס גיכער און האט איהם
געזויגען אהן רחמנות, איהרע משוגע'נע פאדערונגען האבען איינגעשלונגען אלעס,
וואס ער האט נאר געקענט קריגען, און ער האט אנגעווענדעט אלע זיינע קרעפטען
אנצוהאלטען נאך א מאנאט. און ער האט געוויזען גרויסע וואונדער. ער האט
פערפלייצט איירא[פ]א מיט גרויכע אנאנסען, וועלכע האבען געשלעפט געלד פון אלע
ווינקלען, און דאס אלעס איז פער־שוואונדען געווארען אין דעם אבגרונד פון נאנא'ס
האטעל. אין א פראווינץ אין עלזאס האט ער געהאט א טהייל אין אן אייזענגיסע־
ריי, און דארטען אין יענעם פערוואָרפענעם ווינקעל זיינען געשטאנען דיא ארבייטער
שווארץ פון קייהלען און בעדעקט מיט שוויים און האבען דיא כחות אוועקגעלעגט,
אום צו שאפען געלד פאר נאנא'ס קאפריזען. זיא האט אלעס איינגעשלונגען און
האט הינטער זיך איבערגעלאזט א וויסטעניס, דורך וועלכע איז דורכגעגאנגען א
פייער. דאס מאל האט זיא שטיינער'ן אזוי רואינירט, אז ער האט שוין מעהר ניט
געקענט קומען צו זיך: זיא האט פון איהם אזוי פיעל אויסגעזויגען, אז ער האט
שוין מעהר ניט געקענט דענקען פון א נייע ספעקולאציאָן. זיין באנק האט געפלאצט
און ער האט געציטערט פאר דיא פאליציי. ביים ווארט געלד פלעגט דיזער מאן,
וואס האט פערשוועגדעט מיליאנען, ווערען א צומישטער.

איין אבענד איז ער געקומען צו נאנא און האט ביי איהר מיט טרערען גע־
בעטען, זיא זאל איהם לייען הונדערט פראנק צו בעצאהלען זיין דיענסט. נאנא איז
געווארען אביסעל געריהרט און צו דער זעלבער צייט האט זיא דאס געפונען פאר
א גרויסען שפאס, וואס דער מאן, וועלכער האט געהערשט אין פאריז צוואנציג

ר, איז געקומען צו אזא סוף און זיא האט איהם דערלאנגט דיא הונדערט פראנק און געזאגט:

— איך גיב דאס דיר, ווייל איך געפין דאס פאר שפאסהאפט, אבער דוא וועסט פערשטעהן, אז דוא ביזט ניט אין אזא עלטער, וואס איך זאל דיר אויס־האלטען.... דוא מוזט זוכען אן אנדערע בעשעפטיגונג.

נאכדעם, האט זיא אין דיא הענד גענומען פאלואז. ער האט שוין לאנג גע־זוכט דיא עהרע צו ווערען רואינירט פון איהר, אום צו ווייזען זיך פאר דער וועלט „שיק", און צוויי מאנאטען וועט גאנץ פאריז פון איהם רעדען און ער וועט לעזען זיין נאמען אין אלע צייטונגען. זיין ירושה איז בעשטאנען פון אקער־פע"ד, לאנקעס וועלדער, און פארמען. ער האט געמוזט, געשווינד פערקויפען איינס נאכ'ן צווייטען. אן אקער איז ביי איהר געווען קוים א ביסען. דיא גרינע וועלדער, דיא געל־צייטי ע קארן־פעלדער, דיא גאלד־בלינקענדע וויינ־גערטנער, דיא פעטע לאנקעס מיט'ן הוי־כען גראז, וואו דיא בהמות האבען זיך שיער ניט פערלארען—דאס אלעס איז פער־שוואונדען וויא אין תהום, נאנא האט עס פערביסען מיט דריי וואסער־מיהלען. וואו זיא האט אנידערגעשטעלט איהר קליין פיסעל, איז דיא ערד אונטער איהר פערברענט געווארען. זיא האט מיט איהרע קליינע ווייסע צייהנער צומאהלען איין לאנקע נאך דער אנדערער, איין פארם, נאך דער צווייטער פונקט וויא זיי וואלטען געווען ניט מעהר וויא א קאנפעקט יעדע. און פאלואז איז געזעסען און געזוינגען דיא הענטעל פון זיין שטעקען מיט אן אידיאטישען שמייכעל. נאנא האט איהם איבער־געלאזט אונטער א שווערען לאסט פון שולדען מיט אן איינאהמע וועניגער וויא הונדערט פראנק א יאהר. ער איז געוועזן גענויטהיגט צוריקצופאהרען אויף דער פראווינץ און וואוינען ביי אן אלטען האלב־פעררוקטען אנקעל. נאר דאס האט איהם ניט אויסגעמאכט. ער איז געווען „שיק" און זיין נאמען איז א פאר מאל דערמאנט געווארען אין דער פיגארא.

ער האט אזוי אנגעעקעלט נאנא מיט זיין דינעם האלז, מיט'ן קורצען רעקעלע, מיט זיין געמאכטע מינע פון א מענשען, וואס האט שוין אלץ דורכגעמאכט און מיט זיינע קורצע, אבגעריסענע פראזען, וויא פון א פאפוגאי, אז זיא האט איהם ענדליך אנגעהויבען צו פאטשען.

נאך פאלואז איז צו נאנא אין דיא הענד ווידער אריינגעפאלען פאשערי. דער אונגליקליכער פאשערי האט זיך איצט געפונען אין א שלעכטע לאגע. זייט ער האט זיך צוריסען מיט דער גרעפין, איז ער געווארען וויא וואקס אין דיא הענד ביי ראזע'ן, וועלכע האט איהם בעטראכט אלס איהר מאן און מיגנאן וויא דעם אויפזעהער פון

הויז. אלס מאן האט פאשערי געדארפט זיין זעהר פארזיכטיג, ווען ער האט איהר גענארט און האט געדארפט אויסטראכטען אלערליי ליגענס, אז ער זאל פון איהר ניט בעקומען א לייענים. מיננאן האט מיט אלע קרעפטען געזוכט צו פערגרעסערען דעם פערמעגען פון זיינע קינדער און האט זיך אונטערגעבען צו דער ליידענשאפט, וואס זיין ווייב האט געפיהלט צו פאשערי. נאנא האט בעטראכט פאר א גרויסען זיעג, וואס זיא האט פאשערי אריינגעקריגען אין דיא הענד און האט איינגעשלונגען דיא צייטונג, וואס ער האט געגרינדעט אויפ'ן געלד פון זיינעם א פריינד. איהרע פערהעלטניסע צו איהם זיינען ניט געווען אפען, איהר איז געפעלען געווארען, וואס זיא דארף איהם בעהאנדלען אלס א הערן, וואס מוז זיך היטען. ווען זיא פלעגט רעדען וועגען ראזען פלעגט זיא זאגען: „דיא ארימע ראזע, געבאך". פאשעריי'ס צייטונג האט איהר געקלעקט צו דעקען דיא אויסגאבען אויף איהרע בלומען אין דעם פערלויף פון צוויי מאנאטען. ווען זיא האט שוין געהאט דיא צייטונג פערשלונגען, האט זיך איהר פלוצים פערגלוסט צו מאכען אין א ווינקעל פון האטעל א ווינטער גארטען און אויף דעם איז אוועק דיא דרוקעריי. מיננאן האט דערפון געקליבען פערגניגען און ער איז אוועק צו נאנא אום צו זעהן, אויב ער וועט ניט קענען דורכפיהרען, אז פאשערי זאל אין גאנצען בלייבען ביי איהר. נאנא האט איהם אנגעקוקט פערוואונדערט און האט איהם געפרעגט, אויב ער מאכט ניט שפאס פון איהר. דערנאך האט זיא מיט א שטאך בעמערקט, אז אזא דומהייט קען זיך נאר ערלויבען א פרוי, וואס האט א טאלענט, וויא דיא ארימע ראזע און זיא האט פאשערי אבגעשאפט.

דאך האט זיא בעהאלטען א פריינדליכען אנדענקען וועגען איהם. זיי וואלטען פיעלייכט נאר קיין מאל ניט צוזאמענגעקומען, ווען ניט פאלואז, און דאס פערלאנגען כוסטיג צו מאכען זיך איבער דיזען נאר האט זיי ביידען צוזאמענגעפיהרט. זיי האבען געפונען פאר א גרויסען שפאס צוזאמען קומען זיך פאר זיינע אויגען און פאר זיין געלד אונטערצוהאלטען זיך. זיי פלעגען איהם ארומשיקען פון איין עק פאריז ביז צווייטען, אום צו בלייבען אליין.... און ווען ער פלעגט קומען האבען זיי פון איהם געשפעט און געלאכט אין דיא הויפענס, נאר ער האט דאס ניט פערשטאנען. אמאל האט זיא זיך געוועט מיט פאשערי, וועלכער האט איהר אונטערגערייצט אז זיא וועט פאלואז פאטשען. דעם זעלבען אבענד האט זיא איהר וועט אויסגעפיהרט און האט איהם אנגעהויבען צו פאטשען און איהר האט פערשאפט פערגניגען צו ווייזען, וואס פאר פיינליכע דיא מענער זיינען. זיא פלעגט איהם הייסען אויסשטעלען דיא באקען ווען זיא האט געוואלט געבען איהם א פאטש און האט

איהם, נענעבען איעלכע שטארקע פעטש, אז דיא הענד פלעגען איהר גליהען, פאלואז האט געקאכט מיט טרערע אין דיא אויגען.

— ווייסטו וואס? האט ער צו איהר אמאל געזאגט נאך א פייערדיגען פאטש. דוא האסט בעדארפט מיט מיר חתונה האבען. מיר וואלטען געווען א פיינע פאר.

ער האט דאס געמיינט גאנץ ערנסט ווייל איהם האט גערוכט, אז דאס וואלט איבערגעראשט גאנץ פאריז. נאנא'ס מאן—וואס פאר א „שיק" !

— ווען איך וואלט וועלען חתונה האבען, האב איך שוין לאנג געקענט קריינען א מאן, צוואנציג מאל א בעסערען וויא דוא. איהר אלע מאכט מיר שוין קראנק מיט דעם: „ווילסט מיט מיר חתונה האבען? ווילסט מיט מיר חתונה האבען?" קוק מיך אן! בין איך בעשאפען געווארען חתונה צו האבען?

און ביי דיא ווערטער האט נאנא אויסגעשפיים.

איין אבענד איז פאלואז פערשוואונדען געווארען, און מיט אכט טאג שפעטער האט מען זיך דערוואוסט, אז ער געפינט זיך ביי א פעטער און וועט וואהרשיינליך הייראטען מיט א קוזינע, וואס איז זעהר העסליך און פרום.

זיא האט זיך דערפון ניט געקימערט און איין אבענד האט זיא זיך געווענדעט צום גראף:

— מיין קליין הינטעלע, דוא האסט נאך מזל! דיינע געבענבוקער (סאפערניקעס) ווערען אלץ ווייניגער, פאלואז האט אויך געוואלט מיט מיר חתונה האבען.

דער גראף איז בלייך געווארען. זיא האט איהם מיט ביידע הענד ארומגענומען און ביי יעדען גרויזאמען ווארט א קוש געטהאן איהם.

— פערדריסט דען דיר אויך, וואס דוא קענסט ניט הייראטען נאנא? האט זיא צו איהם געזאגט. ווערהענד זיי אלע דולען מיר דעם קאפ מיט זייערע נארישע רייד וועגען התונה, פלאצטו שיער ניט אין א ווינקעל פאר כעס. נאר דוא זעהסט, איידער דוא וועסט מיר מאכען אזא פארשלאג, דארפסטו ווארטען ביז דיין ווייב וועט שטארבען. וויא גיך וואלסטו צו מיר געקומען און געפאלען מיר צו דיא פיס, און מיט טרערען און שבועות געבעטען, איך זאל מיט דיר חתונה האבען.... נאר נאך אלעמען וואלט עס גאר ניט געווען אזוי נארעש, ניט אמת?

זיא האט צו איהם איצט גערעדט מיט זעהר א זאנפטע שטימע, אום צו פערמאסקירען איהר גרויזאמען שפאט דער גראף איז זעהר רויט געווארען.

— אויף מיין ווארט איך האב געטראפען, האט זיא ווייטער געזאגט. ער ווינשט ווירקליך זיין ווייב זאל שטארבען. אה! דיא שעהנסטע זאך איז, אז ער איז נאך א גרעסערער שופט פון זיי אלעמען!

מופפא'ס איינציגע טרייסט איז געוועו, וואס דיא דיענער פון האטעל האבען איהם בעטראכט פאר דעם וויכטיגערען פון דיא „אנדערע". ער האט געצאהלט אם מייסטען און דארום האט ער זיך גערעכענט פאר'ן אפיציעלען ליעבהאבער. זיין ליידענשאפט איז געווארען אלץ שטארקער און ער האט זיך נאר געהאלטען צוליעב ווין געלד. ער האט איהר געצאהלט פאר יעדען שמייכעל. ביי איהם איז דאס געווען אזא קראנקהייט, וואס צושטערט דעם גאנצען קערפער. זיינע ליידען זיינען פאר איהם געווען א בעדירפניסע. ווען ער פלעגט אריינגעהן אין איהר שלאף-צימער איז זיין ערסטע זאך געווען צו עפענען דיא פענסטער, אום פטור צו ווערען פון דעם רויך, וואס דיא „אנדערע" האבען אנגערויכערט. זיי זיינען אלע רוהיג געטראכטען איבער'ן פלעק פון בלוט פאר דער טהיר און האבען זיך ניט וויסענדיג געמאכט. נאר זאע'ן האט דער פלעק נערוועז געמאכט, ווייל דאס האט איינפאך אויסגעזעהן ניט ריין. איהרע אויגען האבען זיך שטענדיג אבגעשטעלט אויף דעם פלעק, און ווען זיא פלעגט אריין צו דער מאדאם, האט זיא בעמערקט:

— עס איז מערקווירדיג, וואס דער פלעק זעהט זיך נאך אן! אזוי פיעל מענשען קומען דאך דא אריין.

נאנא האט געהאט דיא בעסטע נאכריכטען וועגען זשארזש'ן, וועלכער האט זיך געפונען מיט דער מוטער אין זייער גוט און האט זיך ביסלעכווייז ערהאלט. זיא האט שטענדיג געענטפערט מיט דיא זעלביגע ווערטער:

— עס מוז נעהמען צייט. דער פלעק ווערט אלץ קלענער איך קען מערקען דעם אונטערשיעד.

דיא הערען—פאקארמא, שטיינער, פאלואז און פאשערי — האבען א טהייל פון דעם פלעק אוועקגעטראגען אויף דיא זייכען פון זייערע שיך. און מופפא, וועלבער האט אויך זעהר אויפמערקזאם בעטראכט דעם פלעק, האט געדענקט, אז ער קען טרעפען דעם צאל פון דיא מענער, וואס זיינען אויף איהם געטראטען. פון דיא ענדערונג וואס דיא טריט האבען געמאכט. ער האט געפיהלט א געהיימען שרעק יעדעס מאל, וואס ער איז ארויפגעטראטען אויפ'ן פלעק. פונקט וויא ער וואלט געטראטען אויף א לעבעדיגעס וועזען.

אין איהר צימער האט ער אלעס פערגעסען; דא האט ער שוין מעהר ניט געדענקט וועגען דיא „אנדערע", דא איז איהם פון זינען ארויס דיא טראגעדיע וואס איז געשעהן ביי דער טהיר. אויף דרויסען אין גאס האט ער אפט געוויינט פאר שאנדע און האט א נדר געטהאן מעהר אהער ניט צו פערשמעקען. נאר וויא דיא טהיר האט זיך הינטער איהם פערמאכט, איז ער ווידער געווען אין איהר

געוואלט. אין דיא ווארעמקייט פון דיזען צימער האט ער געפיהלט, וויא זיינע קרעפ־טען פערלאזען איהם. ער, דער נאטס־פארכטינגער, האט דא דורכגעלעבט דיא זעל־בע געפיהלען, וואס ער האט געהאט אין דער רייכער קירכע, ווען ער איז דארטען געשטאנען אויף דיא קניע און איז בערוישט געווארען פון דיא קלאנגען פון ארגעל און פון דעם דופט פון ווייראך. נאנא האט איהם געהאלטען מיט דעם זעלבען אייפערזיכטיגען דעספאטיזמוס פון א צארנדיגען גאט. זיא האט איהם געשענקט סעקונדען פון אונבעשרייבליכען פערגניגען פאר לאנגע שטונדען פון גרוזאמען לייד מיט א שטענדיגע הארץ־צופענים פאר דיא שרעקען פון גהנם און אויביגען כף־הקלע. ער האט געציטערט פאר דיא ווייבערשע גבורה, וואס זיא האט איבער איהם געהאט, פונקט וויא ער האט געציטערט פאר דעם אונבעקאנטען און אונגע־הייערען הימעל.

נאר זיין אונטערווארפענהייט האט איהר ניט געריהרט. פערקעהרט זיא איז געווארען צו איהם שרעקליך טיראניש. עס איז געלעגען אין איהר נאטור צו פער־שמוצען יעדע זאך, צו וועלכע זיא האט זיך צוגעריהרט מיט איהרע קליינע הענד, גראדע אזוי וויא זיא האט זיי געמוזט צערשטערען. ווען זיא פלעגט בלייבען מיט איהם אליין, האט זיא צו איהם גערעדט, וויא צו א קינד און געצוואונגען איהם צו טהאן אלע נארישע זאכען. און דער שוואכזיניגער גראף האט איהר גאר ניט גע־קענט אבזאגען. אנפאנגס זיינען דיא המצאות געווען אונשולדיגע, זיא האט איהם געמאכט, ער זאל שטאמלען, וויא א קינד און נאכרעדען איהר נארעשע פראזען.

— זאג, פס! קאקא מאכט זיך לוסטיג!

ער האט זיך געלאזט לערנען און בעמיהט זיך אפילו נאכצומאכען איהר נגון:

— פס! קאקא מאכט זיך לוסטיג!

א צווייטען מאל האט זיא זיך געמאכט פאר א בער, איז ארומגעקראכען אויף אלע פיער אין איין העמד איבער'ן באדען און האט זיך אלע ווילע אומגעקוקט, וויא זיא וויל איהם בייסען, און האט איהם ענדליך טאקע א בים געטהאן אין פוס און האט דאביי שטארק געלאכט.

דאן האט זיא זיך אויפגעהויבען און געזאגט:

— איצט וועסטו שפיעלען דעם בער.... און איך וועט זיך, אז דוא וועסט ניט זיין אזוי געשיקט, וויא איך.

ער האט דאס געפונען רייצענד. זיא האט איהם אמוזירט אלס בער מיט איהר ווייסע לייב און רויטע גריווע. ער האט געלאכט, געשטעלט זיך אויף אלע

פיער, געפרומט און געביסען איהר, און זיא איז פון איהם געלאפען, וויא זיא וואלט זיך ווירקליך געשראקען פאר איהם.

— זיינען מיר אבער נארעש, האט זיא ענדליך געזאגט. דוא האסט קיין אהנונג ניט, וויא העסליך דוא ביזט, מיין קעצעלע.... אח, ווען מען וואלט דיך געקענט אזוי זעהןביים קעניג אין פאלאץ!

דיא אמאליגע שלאפלאזע שרעקעדיגע נעכט זיינען פערשוואונדען געווארען, און איצט, ווען זיי פלעגען בלייבען אליין, האבען זיי זיך אמוזירט מיט דעם, וואס זיי זיינען געקראכען אויף אלע פיער, האבען געברומט און געביסען זיך, וויא דיא בעסטיעס. אמאל האט ער זיך אויסגעגליטשט און האט זיך מיט'ן קאפ אנגעשלאגען אן א שטיק מעבעל. און זיא האט שיער געפלאצט פאר געלעכטער, ווען זיא האט דערזעהן א גרויסען בייל ביי איהם אויפ'ן שטערן. פאלואז פלעגט איהר אויך פערשאפען אזא פערגניגען, ווען זיא האט איהם געזעהן א צובייכטען. איצט האט זיא בעהאנדעלט דעם גראף פונקט אזוי און האט איהם געטראטען מיט דיא פיס און געשלאגען וויא א חיה.

אן אנדערס מאל האט ער געשפיעלט פאר א הונד. זיא פלעגט א שליידער טהאן איהר פארפיומירטע טיכעל אין צווייטען עק צימער, און ער האט געדארפט צוקריכען אויף אלע פיער און אויפהויבען עס מיט דיא צייהנער. און זיא פלעגט שרייען:

— ווארט, צעזאר! איך וועל דיר ווייזען, וויא צו זיין פויל!.... נוט אזוי, צעזאר! טהו וואס מען הייסט דיר!

און איהם איז געפעלען געווארען זיין ערנידערונג; איהם האט פערשאפט פערגניגען צו שפיעלען דיא חיה, און ער האט נאך געוואלט טיעפער זינקען.

— שלאג מיך! שלאג מיך שטארקער! האט ער געשריען: הר־הו! איך בין איצט פערריקט! שלאג נאך!

איין טאג איז איהר פלוצים איינגעפאלען א זעלטזאמער קאפריז. זיא האט פון איהם פערלאנגט, אז ער זאל דעם זעלבען אבענד קומען אנגעטהאן אין זיין יוניפארם אלס קאמערהער. און דא האט זיך אנגעהויבען א געלעכטער און א געשפאט, ווען ער איז אריין מיט זיין דעגען און הוט, מיט זיינע ווייסע הויזען און רויטען פראק געשטיקט מיט גאלד, מיט'ן סימבאלישען שליסעל פון קאמערהערר איבער'ן לינקען אקסעל. מעהר פון אלעם האט איהר פרייליך געמאכט דער שליסעל און האט ביי איהר ארויסגערופען פיעלע שמוציגע המצאות. איהר פרייד האט קיין גרענעץ ניט געהאט. איצט ווען ער איז פאר איהר געשטאנען אין זיין יוניפארם,

האָט זיא גענהאַט דיא בעסטע געלעגענהייט אַרויסצוציינען איהר ווילדען באַנער צו בעשמוצען און בעליידינען אַלעס, וואָס האָט געשיינט צו זיין גרויס און ערהאַבען, זיא האָט איהם געקניפּען און געריסען און געשריען:

— פאַרוועדטס קאָמערהערר!

און ביי יעדען געשריי האָט זיא איהם געגעבען אַ זעץ מיט'ן פוס אין הינטער טהייל און ביי יעדען זעץ האָט איהר געדוכט, אַז דאָס גילט ניט נאָר איהם, זאָנדערן אויך דעם גאַנצען קעניגליכען פּאַלאַץ, דעם קעניג אַליין, וואָס זיצט הויך אויפ'ן טהראָן, געשטיצט אויף דער מורא און אונטערוואָרפענהייט פון פאָלק.... דאָס איז געוועזען איהר ראַכע, וואָס זיא האָט אויסגעזויגען מיט דער מוטער'ס מילך, אַן אונבעוואוסטע פערגעלטונג, וואָס איז איהר איבערגעגעבען געוואָרען מיט'ן בלוט פון איהר פאַמיליע.

ווען דער גראַף האָט זיך אויסגעטהאָן און זיין געשטיקטער פראַק איז געלעגען אויפ'ן באָדען, האָט זיא צו איהם געשריגען:

טרעט איהם מיט דיא פיס, שפּיי אויף דעם!

און דער גראַף האָט איהר געפאָלגט. ער האָט געשפּייט און געטראָטען מיט דיא פיס אויפ'ן אַדלער, אויף זיינע אָרדענס. קראַך! זיא האָט צובראָכען אַ פלעשעלע פּאַרפיום אָדער אַ קעסטעלע קאָנפעקטען. זיא האָט פון איהם געמאַכט אַ הייפעל מיסט, וואָס ליגט אונטער יעדען רינשטאָק.

דערווייל האָבען דיא גאָלשמידען פאַרטיג געמאַכט איהר בעט און אין מיטען יאַנואַר האָבען זיי עס צוגעשיקט צו איהר. מופּפאַ האָט זיך צו דער צייט געפונען אין נאָרמאַנדיע, וואו ער איז געפאָהרען צו פערקויפען אַ שטיק לאַנד, ווייל נאַנאַ האָט געפאָדערט פיער טויזענד פראַנק גלייך. ער האָט זיך געזאָלט פערזאַמען צוויי טעג, נאָר אַזוי וויא ער איז מיט דער אַנגעלעגענהייט פאַרטיג געוואָרען פיעל גיכער, האָט ער זיך געאיילט צוריק צוקעהרען אין פּאַריז. קומענדיג אין שטאָדט, איז ער ניט געגאַנגען אַ היים, זאָנדער'ן צו נאַנאַ'ס האָטעל. עס איז געוועזען צעהן אוהר אין דער פריה. ער האָט מיט זיך געטראָגען אַ שליסעל און האָט אַליין געעפענט אַ הינטער טהיר און קיינער האָט ניט געזעהן, וויא ער איז אַרויף אויף דיא טרעפּ. אין סאַלאָן האָט ער געטראָפען זאָע, וואָס איז געוועזען בעשעפטיגט מיט'ן ריינינען דיא בראָנזענע געגענשטענדע. זיא איז געוואָרען פערווירט, ווען זיא האָט איהם דערזעהן, און וויא זיא איז אַביסעל געקומען צו זיך, האָט זיא פון איילעניס ניט געוואוסט, וויא איהם אָבצוהאַלטען, און זיא האָט איהם אָנגעהויבען צו דערצעהלען אַ לאַנגע געשיכטע, אַז הערר ווענאָ איז דאָ נעכטען געוועזען פרעגען אויף

איהם, אז ער איז געווען זעהר עררעגט און האָט געבעטען, אז מען זאָל דעם גראף שיקען צו איהם גלייך, וויא ער וועט קומען צוריק פון זיין רייזע, ווייל ער דארף איהם זעהר נויטהיג זעהן.

מופפא האָט איהר אויסגעהערט, אָבער ער האָט גאָר ניט פערשטאַנען. באלד אָבער האָט ער דערזעהן איהר פערווירונג און אויף איהם איז אָנגעפאלען אזא אייפערזוכט, אז ער האָט שוין גאָר ניט געדענקט, אז ער זאָל זיין פעהיג אויף דעם. ער האָט זיך אוועקגעטהאָן צו דער טהיר פון שלאָף-צימער, פון וואנען עס האָט זיך געהערט א געלעכטער. ער האָט דיא טהיר מיט א שטארקען שטופ אויפגעריסען, און זאָע האָט א ציה געטהאָן מיט דיא אקסלען און ארויסגעמאכט זיך פון צימער. איהר דאנה! ווען דיא מאדאם האָט קיין שכל ניט, זאָל זיא איצט טהאָן, וויא זיא פערשטעהט, גראף מופפא האָט ארויסגעלאָזט א ווילדען געשריי:

— מיין גאָט!.... מיין גאָט!....

דאָס נייע צימער האָט געפינקעלט מיט זיין קעניגליכער פראכט. דאָס גאנצע צימער איז געווען ארומגעהאנגען מיט סאמעט פון טהיי ראָזע קאָליר, בעפוצט מיט גאָלדערנע קוטאסען און שניר. און הינטען איז געשטאנען דאָס בעט פון גאָלד און זילבער—א טהראָן ברייט גענוג אז נאנא זאָל אויף איהם קענען אויסשפרייטען דאָס קעניגרייך פון איהרע נאקעטע גליעדער, און וואו זיא איז אין דיזען מאָמענט געלעגען אויסגעצויגען מיט דער רוהיגקייט פון אן אבגאָט. נעבען איהר זייט איז געלעגען א שמאך, אן אויסגעדרייטע שמאטע, אן איינגעפאלענע חורבה אין דער געשמאלט פון דעם אלטען מארקיז שואר (זיין שווינערפאטער). ער איז געלעגען אין איין העמד.

ביים גראף מופפא איז דורכגעלאָפען א פראסט איבער איבער אלע זיינע גליעדער. ער האט פערבראכען דיא הענד און האט ציטערנדיג געשטאמעלט:

— מיין גאט!.... מיין גאט!....

אזוי! האבען דיא גאלדערנע ראזען געבליהט און זייערע גאלדענע בלעטער פאר'ן מארקיז שואר! פאר איהם האבען זיך געבויגען דיא קליינע אמורען פון סר פיט און אויף איהם האבען זיי געקוקט מיט זייער שעלמישען שמייכעל. פאר איהם האט דער פאאון ארויסגעריסען דעם שלייער פון דער נאקעטער פיגור פון דער נאכט, וואס איז אזוי טריי קאפירט געווארען פון נאנא'ס נאקעטען קערפער?

נאנא איז ארויסגעשפרונגען פון בעט צו פערמאכען דיא טהיר. וואס פאר א שלים-מזל דער מוף איז! שטענדיג טראגט איהם אן, ווען מען דארף איהם ניט! און צו וואס איז ער נאר געפאהרען אין נארמאנדי נאך געלד? זיין שווער האט

איהר געבראכט דיא פיער טויזענד פראנק און נאכדעם האט זיא דאך ניט געקענט אוועקשיקען איהם!

— דוא ביזט אליין שולדיג! האט זיא געשריען, פערהאקענדיג דיא טהיר. וואו האט מען דאס געזעהן, אז מען זאל אזוי ארייננעהן אין א הויז! דוא ביזט מיר שוין נמאס און מאוס געווארען. געה געזונדערהייד!

טופפא איז געשטאנען הינטער דער פערמאכטער טהיר, וויא צושמעטערט פון דעם, וואס ער האט געזעהן. ער האט געציטערט פון קאפ ביז דיא פיס, וויא א בוים, וואס איז געטרייסעלט פון ווינד. א רגע האט ער געהאלטען ביים פאלען, דאן האט ער זיך אראבגעלאזט אויף דיא קניע, האט אויפגעהויבען דיא הענד צום הימעל און אויסגעשריען.

— ניין, איך וויל ניט!.... שיק מיר דיין הילף! גאט, שטעה מיר ביי און גיב מיר דעם טוידט!.... נעהם מיך צו, אז איך זאל שוין מעהר ניט קענען הערען, זעהן און פיהלען.... צו דיר, א גאט, וויל איך געהערען! צו דיר, צו דיר, פאטער אין הימעל!

און ער האט ווייטער געבעטען מיט היץ, מיט ברען, פערזונקען אין א רעליגיעזען עקסטאז, איצט האט יעמאנד בעריהרט זיין אקסעל, דאס איז געוועזען דער אלטער ווענא, וועלכער האט זיך פערוואונדערט צו געפינען איהם אין אזא פאזע אונטער א פערמאכטער טהיר. דעם גראף האט געדוכט, אז גאט האט דערהערט זיין געבעט און האט איהם צוגעשיקט זיין הילף. ער האט זיך ארייננעווארפען אין דיא ארמען פון דעם אלטען מאן, טרערען זיינען איהם געקומען אלס אן ערלייכטערונג, און ער האט זיך שטארק צואווײנט.

— מיין ברודער! אה, מיין ברודער!

אלע זיינע ליידען האבען זיך אויסגעדריקט אין דעם אויסגעשריי. ער האט פערגעסען ווענא'ס געזיכט מיט זיינע טרערען און קוסענדיג איהם האט ער מיט א כליפענדע שטימע געשטאמעלט:

— אה, ברודער! נאר דוא אליין ביזט מיר פערבליבען! האב אויף מיר רחמנות, נעהם מיך צו פון דאנען און טהו מיט מיר, וואס דוא ווילסט.

הערר ווענא האט איהם צוגעפרעסט צום הארצען און האט איהם אויך גערופען ברודער. נאר ער איז איהם געקומען אנזאגען א נייע אונגליק. ער האט איהם שוין פון נעכטען אן געזוכט, אום צו דערצעהלען איהם, אז זיין ווייב, דיא גרעפין סאבינא, איז אנטלאפען געווארען מיט א מאן, וואס האט געהאלטען א גרויסע מאדע מאגאזין. א שרעקליכער סקאנדאל! גאנץ פאריז קלינגט דערמיט. זעהענדיג,

אז דער גראף איז איצט געווען אין א רעליגיעזען עקסטאז, האט ער נעפתען, אז איצט איז דער בעסטער מאמענט איבערצוגעבען דעם גראף, וואס איז נעשעהען אונ־טער זיין איינענעם דאך. נאר טופפא איז געבליבען אונגעריהרט. דיא גרעפין איז אנטלאפען ? וואס מאכט עס אויס ! ער האט מיט שרעק געקוקט ארום זיך און ניט אויפגעהערט צו בעטען וועגא :

— פיהר מיך אוועק ! פיהר מיך אוועק ! איך קען שוין דאס מעהר ניט איבערטראגען !

און וועגא האט איהם אוועקגעפיהרט וויא א קינד. פון דיזען מאמענט אן האט ער איהם אין גאנצען בעהערשט. איצט האט זיך דער גראף ווידער איבער־געגעבען דיא שטרענגע פפליכטען פון רעליגיאן. וויסענדיג, אז ביים האף איז מען שטארק אונצופריעדען פון זיין אויפפיהרונג, האט ער רעזיגנירט. זיין טאכטער עס־טעל האט אנגעהויבען צו פיהרען געגען איהם א פראצעס און געפאדערט דיא זעכ־ציג טויזענד פראנק, וואס זיינען איהר געבליבען ירושה פון א טאכטער און וועלכע ער האט איהר געדארפט אויסצאהלען אין דעם טאג פון איהר חתונה. אין גאנצען רואינירט, לעבענדיג שפארזאם פון דיא ברעקלאך וואס זיינען איהם פערבליבען פון זיין אמאליגען אונגעהייער גרויסען פערמעגען, האט ער זיך געלאזט פיהרען צום גרונד דורך דיא גרעפין, וועלכע האט פון איהר זייט פערשלונגען דאס איבריגע, וואס נאנא האט נאך ניט צייט געהאט צו פערניכטען.

דיא בעריהרונג, וואס דער גראף האט געהאט מיט דער דירנע, האט פער־דארבען דיא גרעפין און האט איהר געטריבען צו טהאן אזעלכע זאכען, וואס זיא האט קיין מאל געקענט דענקען און זיא איז געווארען דיא לעצטע צושטערערין פון זייער הויזליכען לעבען. זיא האט זיך געווארפען פון איין ליעבהאבער צום צווייטען און נאך פיעלע סקאנדאלען האט זיא זיך אומגעקעהרט צום גראף, און ער האט איהר צוגענומען מיט קריסטליכער פערגעבונג. און ער האט איהר מיט זיך מיטגע־שלעפט, וויא זיין לעבעדיגע שאנדע. נאר ער איז אלץ מעהר און מעהר גלייכגיל־טיגער געווארען און האט כמעט אויפגעהערט צו ליידען פון אזעלכע זאכען. ווען ער האט זיך ארויסגעריסען פון דער פרוי'ס הענד האט ער זיך איבערגעגעבען אין גאנ־צען צו גאט און אין דיא דונקעלע קירכען אויף דיא קאלטע שטיינערנע פלאסטער אויסגעשטרעקט, האט ער ווידער געפונען דיא אינערע פריידען פון אמאל און האט דא אזוי געשמאמעלט, געבעטען און איינגעבויגען זיך פאר גאט, וויא פריהער פאר נאנא. מיט אבגעשוואכטע קרעפטען, מיט א האלב צומישטען מארך האט ער ווי־דער בעפרידיגט דיא אונקלארע בעדערפניסע פון זיין גאנצען וועזען.

דעם זעלבען אבענד נאָך דער לעצטער סצענע צווישען דעם גראף און נאַנא איז מיגנאָן געקומען צו נאַנא אין האָטעל. ער האָט זיך שוין ענדליך צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז פּאַשערי איז זיין ראָזע'ס צווייטער מאַן. ער האָט שוין זאַגאַר אָנגעהויבען אויסצוגעפינען, אַז דאָס איז ניט אַזוי שלעכט, וויא ער האָט אָנפאַנגס געדענקט. און ער האָט איינגעפיהרט, אַז פּאַשערי זאָל דעקען אַלע קליינע אויסנאַבען פון הויז און זאָל אָבגעבען אַ גרויסען טהייל פון זיינע פערדיענסטען ביים טהעאַטער פאַר'ן הויז געזינד. פּאַשערי האָט זיך אויך ארויסגעוויזען זעהר קלוג און האָט זיך ניט געמאַכט לעכערליך מיט איפּערזיכטיגע סצענען געגען ראָזעס זייטיגע ליעבעס געשעפטען. און מיגנאָן האָט זיך בעגונגענט דערמיט, וואָס ער האָט עהרליך פערוואַלטעט דעם קאַפּיטאַל פון דער פאַמיליע. יעדער פון זיי איז געגאַנגען מיט זיין וועג און איינער האָט דעם צווייטען ניט געשטערט. מיגנאָן איז איצט געקומען צו נאַנא אָבצורערען זאָע'ן, וויא פּאַשערי האָט איהם געראַטהען, ווייל ראָזע האָט דיא לעצטע צייט זעהר געליטען פון דיא אונערפאַרענע קאַמער־מיידלאַך.

ווען מיגנאָן איז אריינגעקומען, איז איהם זאָע ארויס אַנטקעגען און ער האָט איהר אריינגערופען אין שפּייז צימער און האָט גלייך מיט איהר גענומען רעדען, זיא זאָל איבערגעהן צו איהם. נאָר שוין ביים ערסטען וואָרט, האָט זיא איהם געענטפערט, אַז דאָס איז אונמעגליך, ווייל זיא קלייבט זיך שוין דיא מאַדאַם צו פערלאַזען און עפענען אַן אייגענעם געשעפט. זיין פּרוי איז ניט דיא ערסטע, וואָס האָט אויף איהר געוואָרפען אַן אויג. פיעלע אַנדערע בעקאַנטע דאַמען האָבען איהר שוין צוגעזאָגט גאָלדערנע בערג נאָר זיא דענקט אָבצוקויפען ביי מאַדאַם טריקאָן איהר געשעפט און דינגען אַ גרויסען האָטעל און פיהרען איהם אויפ'ן גרויסען פוס. זיא האָט אויך געוואָלט מיטנעהמען סאַטין, נאָר יענע ליגט איצט אין האָספּיטאַל אויף אַ מאוסע קראַנקהייט און זיא האָט מורא, אַז זיא וועט שוין זיין קאַפּוט. מיגנאָן האָט איהר געפּרובט אָבשלאָגען פון איהר אונטערנעהמונג און ערקלערט, אַז דאָס איז זעהר ריזיקאַליש.

— אַח, אַזעלכע אַרטיקלען זיינען אַ גאַנגבאַרע סחורה.... האָט זאָע געענטפערט. איך בין שוין לאַנג גענוג געווען ביי אַנדערע, איצט מעגען זיי שוין זיין ביי מיר.

אַ צופריעדענער שלעכטער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף איהרע ליפּען. איצט וועט זיא אַליין ווערען אַ „מאַדאַם“ און זיא וועט אַלע דיזע פרויען, פון וועלכע זיא האָט אויסגעגאָסען דעם וואַש־בעקען פּופצעהן יאָהר לאַנג, קענען קויפען פאַר עטליכע לואי.

אויף נאנא איז פלוצים אנגעפאלען א שטארקער קומער. אנפאנגס איז זיא געווען זעהר נערוועז פון דער בעגעגעניס צווישען גראף און דעם מארקיז, נאר דאך האט זיא דאס געפונען פאר א גוטען שפאס. נאר מיט א פאר שטונדען שפעטער האט ביי איהר דיא עראינערונג וועגען אלטען מארקיז, וועלכען מען האט פון איהר הויז אוועקגעפיהרט אין א קארעטע א האלב טוידטען, און וועגען דעם קליין חינ־טעלע מוף, וועלכען זיא האט אזוי געפיינינט און וועלכען זיא וועט שוין מעהר ניט זעהן, האט איהר ארויסגערופען א מין זיסע מעלאנכאליע. דערצו האט זיא זיך נאך דערוואוסט, אז סאטין ליגט א טוידט קראנקע אין א האספיטאל. אין דעם אוינגע־בליק ווען זיא האט געהייסען שפאנען דיא פערד, אום צו פאהרען זעהן דאס לעצ־טע מאל סאטין, איז אריין צו איהר זאע און האט איהר רוהיג געזאגט, אז אין אכט טעג ארום נעהמט זיא אוועק פון איהר אין זיא זאל זוכען דערווייל אן אנדער קאמער־מיידעל, דאס האט איהר אויף א ווייל אריינגעבראכט אין א פערצווייפ־לונג.

— מיין גאט! וואס וועט פון מיר אליין דא ווערען? האט זיא גע'טענה'ט און געבעטען זאע'ן, זיא זאל ביי איהר פערבלייבען.

זאע האט זיך געפיהלט בעשמירט פון נאנא'ס פערצווייפלונג. זיא האט איהר א קוש געטהאן, אום צו ווייזען איהר, אז זיא געהט פון איהר אוועק ניט צוליעב כעס, נאר געשעפט האט גאר ניט צו טהאן מיט פריינדשאפט. נאר נאנא'ס צרות זיינען נאך ניט געווען געענדיגט. זיא האט שוין גאר פערגעסען, אז זיא האט גע־וואלט פאהרען און איז טרויריג געזעסען אין איהר סאלאן, ווען לאבארדעט איז אריין און דערצעהלענדיג איהר, אז עס מאכט זיך איצט צו קויפען זעהר רייכע שפיצען, האט ער איהר צופעליג מיטגעטהיילט, דיא נייעס וועגען זשארזש'ס טוידט.

נאנא איז געבליבען זיצען א פערשטיינערטע.

— זיזי טוידט! האט זיא אויסגעשריען און ניט ווילענדיג האבען זיך איהרע אויגען געווענדעט צום בלוטיגען פלעק אויפ'ן טעפפיך.

נאר דער פלעק איז שוין דארטען ניט געווען, דיא טענער האבען שוין איהם מיט זייערע טריט אבגעריבען. לאבארדעט האט איהר איבערגעגעבען ווייטערע איינצעלהייטען. מען האט ניט געוואוסט אויף ריכטיג דיא אורזאכע פון זיין טוידט. איינינגע האבען געזאגט, אז זיין וואונד האט זיך אויף דאס ניי געעפענט, און אנ־דערע האבען גערעדט פון א זעלבסט־מארד; מען האט געזאגט, אז ער האט זיך

אריינגעווארפען אין דעם טייך פון זייער גוט און איז דערטרונקען געווארען. נאנא האט ניט אויפגעהערט צו מורמלען:

— זיזי טוידט—טוידט—טוידט!

דאן האט זיא בעקומען א ספאזמע פון וויינען, וואס האט איהר שוין דעם גאנצען טאג געשטיקט אין האלז. זיא האט זיך געפיהלט זעהר דערשלאגען און טרויריג ווען לאבארדעט האט איהר גענומען טרייסטען, האט זיא איהם איבערגע־ריסען מיט א מאך פון דער האנד און האט געשטאמעלט:

— איך בין אונגליקליך, אונגליקליך.... יעדער וועט פון מיר אנהויבען צו רעדען און מען וועט זאגען, אז איך בין א נידער־רעכטיגע דירנע... אלע וועלען דאס זאגען.... דיא מוטער, וואס זיצט א פערצווייפעלטע איבער איהר זונ'ס טויד־טען קערפער, דער מאן, וואס איז היינט געשטאנען אויף דיא קניע פאר מיין פער־מאכטע טהיר און אלע אנדערע, וואס האבען מיט מיר זייער געלד פערשוואנדעט און זעהען זיך איצט רואינירט. אלע וועלען זאגען: טרעט מיט דיא פיס אויף דיא ווילדע חיה.... איך הער דיא ווערטער, וויא איך וואלט דאביי געשטאנען: דיזע שמוציגע דירנע וואס שלאפט מיט דער גאנצער וועלט, און רואינירט איינע און טרייבט צום טוידט דיא אנדערע. זיא האט פערא‍ורזאכט אזוי פיעל צרות, טרעט אויף איהר! טרעט אויף איהר!

מיט א כליפען האט זיא זיך אווארף געטהאן אויף א סאפע און האט בעג־ראבען דעם קאפ אין קיסען. זיא איז איצט געווען טיעף געריהרט פון דיא אונגלי־קען און צרות וואס זיא האט פעראורזאכט. זיא האט געוויינט וויא א קינד:

— אוי מיר איז שלעכט! מיר איז זעהר שלעכט! איך קען דאס מעהר ניט אריבערטראגען! עס שטיקט מיך!.... עס איז זעהר שרעכט, ווען מען פערשטעהט דיך ניט, ווען מען מוז צוזעהן וויא דיא מענשען ווארפען זיך אויף איינעם, ווייל זיי ויינען דיא שטארקערע.

זיא איז פלוצים אזוי אין כעס געווארען, אז זיא האט כמעט פערגעסען איהר טרויער; זיא איז אויפגעשפרונגען פון זאפע, האט אויסגעווישט דיא אויגען און גע־זאגט מיט גרויס אויפרעגונג:

— זיי מעגען זאגען, וואס זיי ווילען, דאס איז ניט מיין שולד. וואס בין איך א שלעכטע? איך צוטהייל אלעס, וואס איך האב.... איך ריהר ניט אן א פליג אויף דער וואנד.... זיי זיינען שולדיג!.... איך האב קיינעם ניט געוואלט טהאן שלעכטס, נאר זיי זיינען מיר שטענדיג נאכגעלאפען, איצט יא־מערן זיי און וויינען און מאכען זיך פאר דיא אונגליקליכע

זיא איז צונענאנגען צו לאבארדעט, האט איהם א קלאפ געטהאן אין אקסעל און געזאגט:

— איצט, זאג מיר דיא וואהרהייט! בין איך שולדיג, וואס דיא מענער האבען זיך רואינירט? האב איך זיי גערופען צו זיך אדער זיי זיינען אליין געקומען? זיי האבען מיר אלע אנגעעקעלט, דאס איז דיא ריינע וואהרהייט. ווייסטו, אז איינע פון זיי האבען געוואלט מיט מיר הייראטען? איך האב שוין געקענט ווערען א גרעפין אדער בארא נין צוואנציג מאל, ווען איך זאל וועלען. נאר איך האב זיך שטענדיג אבגעזאגט, ווייל איך האב א צו געזונדען פערשטאנד. זיי וואלטען גע׳גנב׳עט—ערמארדעט פאטער און מוטער — זיי וואלטען אלע פערברעכען בעגאנגען צוליעב מיר. איך האב נאר בעדארפט זאגען א ווארט, נאר איך האב דאס ווארט קיין מאל ניט געזאגט, און דאס איז מיין בעלוינונג דערפאר!.... האב איך דאנגען ניט חתונה געמאכט מיט א פרוי פון א נאבלע פאמיליע, מיט א גוטען פערמעגען און האב איך איהם לאנגע וואכען פאר דעם ניט אויסגעהאלטען? און נעבטען אז איך האב איהם בעגעגענט אין גאס, האט ער אבגעקעהרט דעם קאפ. איז ער ניט קיין שווין? איך בין זיכער, אז איך בין ניט אזוי שמוציג וויא ער....

זיא האט אנגעהויבען צו געהן איבער׳ן צימער אויף און אב, קלאפענדיג מיט דיא פויסטען איבער דיא מעבעל.

— דאס איז ניט רעכט, אויף מיין ווארט דאס איז ניט רעכט, האט זיא געשריען. דיא געזעלשאפט איז שלעכט געבויט. מענער בעגעהען אלע פערברעכען און דיא שולד ווארפט מען ארויף אויף דיא ווייבער. מיר זיינען זייערע שקלאפען און זיי האבען אונז שוין דערעסען ביז׳ן ביין, ווען ניט זיי, וואלט איך פיעלייכט געווען א נאנע (מאנאשקע) אין א קלויסטער און פערבראכט מיינע יאהרען אין בעטען גאט, ווייל איך בין אימער געווען מעהר אדער ווענינער פרום. איך וועל שטענדיג זאגען, אז שולדיג זיינען דיא מענער.

זאע האט אריינגעפיהרט מינגאן צו נאנא. זיא האט איהם בעגעגענט מיט שמייכעל. זיא האט א׳הר צער אויסגעוויינט און איהר איז שוין אלעס איבערגעגאנגען. ער האט איהר געמאכט א קאמפלימענט ווענען איהר פראכטפאלען האטעל, נאר זיא האט איהם אויסגעהערט גלייכגילטיג, ווייל זיא האט שוין געטראכט ווענען איהר צייט, ווען זיא וועט דאס אלעס דארפען אוועקווארפען. אום צו געבען אן אויסרייד פאר זיין בעזוך, האט ער איהר דערצעהלט, אז מען מאכט א בענעפיס פאר׳ן אלטען באסק, וועלכער ליגט פאראליזירט. זיא האט גענומען צוויי לאזשעס און האט אויסגעדריקט פיעל מיטלייד צו דעם אלטען אקטיאר. זאע האט געמעל־

דעט נאנא, אז דיא קארטע ווארט אויף איהר, און פערבינדענדיג דיא שטענגעס פון איהר הוט, האט נאנא געזאגט:

— איך פאהר זעהן סאטין אין האספיטאל. זיא האט מיך מעהר ליעב נעהאט, וויא אלע.

לאבארדעט און מיגנאן האבען זיך געביטען מיט א שמייכעל. זיא איז שוין מעהר ניט געווען טרויריג און האט געשמייכעלט וויא אימער. זיי האבען איהר ניט געקענט פערשטעהן און שטארק בעוואונדערט. זיא אליין איז געבליבען גאנץ, ארומגערינגעלט מיט דיא רייכטהימער פון איהר האטעל און ארום איהר צופוסענס האבען זיך געוואלגערט, א רייהע מענער, וואס זיא האט פערניכטעט. זיא איז געווען ארומגערינגעלט מיט קאטאסטראפען. וואנדעיוור'ס שרעקליכער טוידט אין דיא פלאמען, דער ארימער פאקארמא האט ערגעץ ווייט אין דיא בינעזישע ים'ען ארומגעוואנדערט, שטיינער האט איצט געמוזט פיהרען א לעבען פון אן ארדענטליכען מאן, דער נארישער פאלואז ביי א האלב פעררוקטען אנקעל, דיא טראגישע ענדע פון דיא מופפאס און דיא לייכע פון זשארזש הוזשאן, נעבען וועלכע איז געשטאנען זיין ברודער פיליפ, וואס איז מיט א טאג פריהער ארויס פון געפענגניס. איהר ארבייט פון טוידט און צושטערונג איז געענדיגט געווארען, דיא פליג וואס איז געבוירען געווארען פון דיא אונרייניקייטען פון דער פארשטאדט און האט פערשלעפט דעם גיפט פון דער געזעלשאפטליכער פערפוילקייט, האט פערגיפטעט דיזע אלע מענער מיט איהר בעריהרונג. דאס איז געווען גוט, דאס איז געווען רעכט, זיא האט גענומען ראכע פאר איהר קלאס, פאר דיא אונרעכטען, וואס זיינען געטהאן געווארען צו פיעלע ארימע און עלענדע פרויען מיט צובראכענע הערצער און קראנקע געמיטהען. און וועהרענד זיא איז געשטאנען איבער אלע איהרע קרבנות, וואס זיינען געלעגען אויסגעשפרייט פאר איהר, און האט בעלויכטען וויא דיא אויפגעהענדע זון א שלאכט פעלד, וואס איז פערגאסען מיט בלוט, איז זיא געבליבען גלייכגילטיג און האט אליין ניט פערשטאנען, וואס זיא האט אויפגעטהאן. זיא איז געווען פריש געזונד און שטארק. זיא איז געבליבען דאס זעלבע גוטמוטהיגע מיידעל, וואס פריהער. איהר האטעל און רייכקייט האבען שוין מעהר ביי איהר קיין ווערטה ניט געהאט. זיא האט געטרוימט פון עפעס גרעסערעס, און איז איצט אין איהר רייבען טואלעט געפאהרען דאס לעצטע מאל ארומצונעהמען סאטין.

XV.

נאנא איז פלוצים פערשוואונדען געווארען. מען האט דערצעהלט, אז זיא איז אנטלאפען אין פרעמדע לענדער. פאר איהר אבּרייזען האט זיא געמאכט אן אויספערקויף און האט פערקויפט דעם האטעל און יעדע זאך וואס זיא האט דארטען געהאט אפילו איהרע קליידער און וועש. מען האט דערצעהלט, אז פון דעם אויספערקויף האט זיא איינגענומען ביז זעקס הונדערט טויזענד פראנק. פאר דער אבּרייזע האט זיא זיך ווידער אמאל בעוויזען אויף דער ביהנע. איהר ראליע איז געווען א קליינע, נאר אין דער זעלבער צייט א מעכטיגע, ווייל זיא האט געשפיעלט א פעע *) און האט געוויזען איהר גאנצע נאקעטקייט פאר'ן עלעקטרישען ליכט. בארדענאוו האט דאס טהעאטער גענומען אהן א סאנטים און דיא שטיק האט געהאט א גרויסען ערפאלג, נאר פלוצים אין איין שעהנעם פריהמארגען האט מען אויסגעפונען, אז מיט א נאכט פריהער האט זיא זיך צו ווערטעלט מיט בארדענאוו און איז אוועק אין קאאירא זיא האט איהם געזאגט, אז זיא איז צו רייך, אז ער זאל איהר זאגען דעות און אויסער דעם האט זיא שוין לאנג געטראכט צו מאכען א וויזיט צו דיא טערקען.

מאנאטען זיינען פערשוואונדען און נאנא איז שוין כמעט פערגעסען געווארען. ווען איהרע גוטע בעקאנטע האבען א מאל וועגען איהר גערעדט, האבען זיי פון איהר דערצעהלט דיא זעלטזאמסטע און אונגלויבליכסטע געשיכטען. זיא האט בעזיעגט א וויצע־קעניג און האט רעגיערט אין א פאלאץ איבער צוויי הונדערט שקלאפען און האט געשניטען זייערע קעפּ, ווען זיא האט געזוכט אביסעל אויפרעגונג. א צווייטער האט דערצעהלט, אז דאס איז ניט וואהר, אז זיא האט זיך פערליעבט אין א נעגער און האט זיך צוליעב איהם רואינירט און איצט בעטעלט זיא אין דיא גאסען פון קאאירא.

פלוצים האט זיך פערשפּרייט א קלאנג, אז מען האט איהר געזעהן אין אויסלאנד. זיא האט דארטען געהאט פאר א ליעבהאבער א פרינץ און איהרע דיאמאנטען זיינען גאר געווען א וואונדער. באלד האט מען געוואוסט אלע איינצעלהאטען, וויא דיא דיאמאנטען זעהן אויס און פיעל זיי וועגען. יעדער דיאמאנד איז געווען גרויס וויא אן איי, און זיא האט געהאט א קרוין, וואס האט געמאגט טראגען א קעניגין, פון דערוויטענס איינגעוויקעלט אין דעם געהיימניס פון פרעמדע לענדער,

---

*) פעע—אן אויסגעטראכטע געשעפּף אין דער פארם פון א מענשען א מאל א זכר א מאל א נקבה און מישט זיך אין מענשליכע געשעפטען.

האט איהר בילד אנגענומען דאס אויסזעהן פון א נעצקע וואס איז בעשאטען מיט טהייערע שטיינער, און מען האט פון איהר איצט גערעדט מיט גרויס רעספעקט.

אמאל, ארום האלב נאך זיבען אין אבענד, אין מאנאט יוני, האט לוסי, ארויסשטייענדיג פון איהר קארעטע, אנגעטראפען קאראלין העקע, און האט צו איהר אויסגערופען אהן אן אטהעם:

— האט איהר געגעסען? זייט איהר פערנומען? אה, קומט, מיין טהייערע, קומט מיט מיר! נאנא האט זיך צוריקגעקעהרט.

קאראלין איז אריין אין איהר קארעטע אהנע צו זאגען א ווארט.

— און ווייסטו, עס קען זיין, אז ווערענד איך רייד איצט מיט דיר שטארבט זיא אוועק, האט לוסי געזאגט.

— נאנא שטארבט? האט קאראלין אויסגעשריען. וואס מיינסטו מיט דעם? וואו איז זיא? און פון וואס שטארבט זיא?

— זיא איז אין גרענד האטעל און שטארבט פון שווארצע פאקען. אה, דאס איז שרעקליך!

לוסי האט געהייסען איהר קוטשער פאהרען גיכער און האט דערצעהלט דיא געשיכטע.

נאנא האט פערלאזען אויסלאנד, איך ווייס ניט פאר וואס, זיא האט זיך ווארשיינליך מיט איהם צוקריעגט. זיא האט איהרע זאכען איבערגעלאזט אויפ'ן וואקזאל און איז אוועק צו איהר טאנטע. זיא האט איהר קינד געטראפען קראנק אויף פאקען און ער איז געשטארבען אויפ'ן צווייטען טאג. זיא האט זיך צוקריעגט מיט איהר טאנטע איבער'ן געלד, וואס זיא האט געדארפט שיקען פאר'ן קינד און האט ניט געשיקט. וויא עס שיינט, איז דאס קינד געשטארבען ווייל ער האט ניט געהאט גענוג צום עסען און מען האט אויף איהם ניט גוט אויפגעפאסט צוליעב דעם וואס נאנא האט פאר איהם קיין געלד ניט געשיקט. נאנא איז אוועק אין א האטעל און האט דארטען געטראפען מיגנאן. זיא האט זיך געפיהלט ניט גוט און האט זיך געקלאגט אויף א וויהטאג אין מאגען און עס האט איהר געווארפען וויא אין א היץ-קראנקהייט. מיגנאן האט איהר אריינגעפיהרט אין איהר צימער און האט איהר פערשפראכען צו בעזארגען איהרע באגאזש (געפעק). דאס איז זעלטזאם, ניט וואהר? נאר ווייטער איז נאך מעהר זעלטזאמער. דוא געדענקסט, וויא נאנא און ראזע האבען איינע דיא צווייטע געהאסט? ווען ראזע האט זיך דערוואוסט פון איהר קראנקהייט איז זיא צו איהר אוועקגעלאפען וויינענדיג און עס איז דריי טעג, וויא זיא טרעט ניט אב פון איהר בעט. דאס איז געוועזן איהר פלאן, אז מען זאל נאנא אר-

בערפיהרען אין גרענד האטעל, אום זיא זאל אין אן אנשטענדינגען פלאץ שטארבען, אויב איהר לעצטע שטונדע האט געקלאפט. זיא איז פון איהר אויף איין מינוט ניט אבגעטראטען. לאבארדעט האט דאס מיר איצט דערצעהלט, און איך וויל איהר זעהר זעהן.

— געווים, געווים! האט קאראלין געענטפערט. מיר מוזען געהן.

זיי זיינען אנגעקומען צום גרענד האטעל. דעם קוטשער איז געווען זעהר שווער צו צוקומען צום טראטואר, אזוי פיעל קארעטען זיינען געווען אנגעשטעלט. דיא גאס איז געווען שווארץ פון מענשען. מיט א טאג פריהער האט פראנקרייך ערקלערט דייטשלאנד קריעג. דיא אויפרעגונג איז געווען שרעקליך. דיא זון האט געהאלטען ביים אונטערגעהן און דער הימעל אין מעריב זייט איז געווען בעפוצט מיט רויטע וואלקענס, וועלכע האבען אבגעשטראהלט אין דיא גרויסע פענסטער און עס האט אויסגעזעהן, וויא אינערוויינינג האט געברענט. דיא שאטענס זיינען געווארען געדיכטער און א נעוויסע מעלאנכאליע איז געהאנגען איבער דיא גאסען. דיא גאז-ליכטער זיינען נאך ניט געווען אנגעצונדען און אבוואהל דיא מענגע איז געווען זעהר גרויס, האט זיא זיך געהאלטען שטיל און דיא געזיכטער זיינען געווען בלייך פון אונרוה.

— אט איז מיגנאן! האט געזאגט לוסי; ער וועט אונז דערצעהלען נייעס.

מיגנאן איז געשטאנען נעבען בּרייטען גאנעק פון האטעל און האט געקוקט נערוועז און אויפגערעגט אויף דער מענגע. אויף לוסי'ס ערסטע פראגע האט ער געענטפערט מיט כעס;

— פון וואנען זאל איך וויסען? מען קען ראזען פון דארטען ניט ארויסשלעפען. א משוגעת אביסעל! איינצושטעלען איהר שעהנקייט אויף אזא אופן. זיא וואלט אויסגעזעהן שעהן, ניט אמת, מיט לעבער אין געזיכט!

דער געדאנק, אז ראזע קען פערלירען איהר שעהנקייט, האט איהם ארויסגעבראכט פון זיך. וואס געהט איהם אן נאנא? און ער האט אויסגעדריקט זיין כעס צו דער נארישער איבערגעבענהייט, וואס ווייבער ווייזען ארויס. פאשערי איז אויך איצט אנגעקומען און איז גראדע אזוי געווען אין כעס אויף ראזען און אונרוהיג, וויא מיגנאן.

— איך וואלט וועלען, אז דוא זאלסט צו ראזע'ן ארויפגעהן און פון דארטען ארויסשלעפען איהר, האט מיגנאן זיך געווענדעט צו פאשערי.

— דוא ביזט זעהר פריינדליך, האט געענטפערט דער זשורנאליסט. פאר וואס געהסטו ניט אליין?

ווען לוסי און קאראלין האבען געזאגט, אז זיי געהן ביידע ארויף צו נאנא, האבען ביידע מאנספערזאנען זיי נעבעגלייט. זיי זאלען ארונטערשיקען ראזען. נאר לוסי האט זיך ניט געאיילט צו געהן. זיא האט אין גאס דערזעהן פאנטאנען מיט זיינע הענד אין דיא קעשענעס, וויא ער שטופט זיך צווישען דער מענגע. ווען ער האט דערהערט פון נאנא'ס קראנקהייט, האט ער געזאגט:

— געבאך, מען דארף ארויפגעהן געוואר ווערען, וואס זיא מאכט. וואס איז איהר קראנקהייט? האט ער געפרעגט ביי מיגנאן.

— שווארצע פאקען, האט מיגנאן געענטפערט קורץ.

פאנטאן האט שוין ארויפגעשטיעגען צוויי שטאפעל, נאר וויא ער האט דערהערט מיגנאָנ'ס ענטפער, האָט ער זיך געשווינד אומגעקעהרט און געמורמעלט.

— צום שווארץ יאָהר!

מיט פאָקען טאָר מען זיך ניט שפיעלען. ווען פאָנטאָן איז אַלט געווען פינף יאָהר, האָט ער שיער ניט געכאפט דיא קראַנקהייט. מיגנאָן האָט דערצעהלט א געשיכטע פון א פלימעניצע, וועלכע איז דערפון געשטאָרבען. פאָשערי האָט געווי־זען דריי פארבלאזע סמנים פון פאָקען נעבען דער נאָז און געזאָגט אז ער האט שוין געהאָט דיא קראַנקהייט. וויא מיגנאָן האט דאָס דערהערט, האָט ער איהם ווידער גענומען שיקען אויבען, ער זאָל רופען ראָזען, זאָגענדיג, אז דער, וואָס האָט שוין איין מאָל געהאט דיא קראַנקהייט, דארף שוין פאר איהר מעהר קיין מורא ניט האָבען, פאָשערי האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו קעמפפען געגען דיזער טהעאָריע, נאָר זייער געשפרעך איז איבערגעריסען געוואָרען דורך לוסי. זיא דאָט געפרעגט, וואָס בעדייט עס, וואָס דיא מענגע ווערט אַלץ גרעסער.

עס האָט אָנגעהויבען צו ווערען זעהר פינסטער, מען האָט שוין אָנגעהויבען אָנצוצינדען דיא גאָז־ליכטער. יעדער פענסטער איז געווען אָנגעפילט מיט מענשען, אונטער דיא בוימער זיינען געשטאנען רעדלאך, דיא מענגע איז מיט אמאָל גרויס געוואָרען. פלוצים איז דיא מענגע געוואָרען שטארק אונרוהיג. א מחנה מענשען אין ווייסע בלוזעס און היטלען האבען דורכגעמארשירט דיא גאס מיט קולות, וואס זיינען געווען עהנליך צו דיא קלעפ פון אן האמער איבער א שמיעד־קלאָץ.

— נאך בערלין! נאך בערלין! נאך בערלין?

— יא, געהט און ברעכט האלז אין נאקען! האט מיגנאן געמורמעלט.

נאר פאנטאן האט געדענקט, אז דאס איז זעהר פיין און האט ערקלערט, אז ער אליין וועט געהן אלס א פרייוויליגער און האט דאביי בעמערקט, אז ווען דער

פיינד איז אויף דער גרעניץ דארף יעדער גוטער בירגער פערטהיידיגען זיין לאנד און האט דאביי אנגענומען דיא פאזע פון נאפאלעאן ביי אויסטערליץ.

— וועט איהר מיט אונז מיטגעהן? האט לוסי געפרעגט.

— צו וואס? האט פאנטאן געענטפערט מיט א פראגע, אום אליין דערנאך קראנק ווערען און שטארבען?

דערווייל האט פאשערי בעמערקט, וויא ביים אריינגאנג פון האטעל זיצט א מאן איינגעבויגען און האלט דאס געזיכט פערשטעלט מיט א טיכעל. ער האט דעם מאן באלד דערקענט און האט אין דער שטיל אנגעוויזען מיגנאן אויף איהם.

— זיצט ער נאך דא? האט געפרעגט מיגנאן.

— ער איז דיא גאנצע צייט דא, האט פאשערי געענטפערט.

דער איינגעבויגענער מאן האט אויפגעהויבען דעם קאפ צו דיא אויבערסטע פענסטער, און ביידע פרויען האבען ארויסגעלאזט א געשריי פון פערוואונדערונג. זיי האבען דערקענט דעם גראף מופפא.

— איך האב איהם דא נאך געזעהן זעקס א זייגער אין דער פריה, האט מיגנאן געזאגט, און ער טרעט פון דאנען ניט אב. ווען לאבארדעט האט איהם געזאגט, אז נאנא ליגט ביים שטארבען, איז ער אהער געקומען און פערלאזט ניט דיא באנק, אויסער יענע מאמענטען ווען ער געהט צו צו דער דער טהיר און פרעגט נאך, וואס מאכט דיא פרוי פון דעם צימער, פון וועלכען ער ניט דיא נומער, און דאן געהט ער צוריק צום באנק.

דער גראף האט נאך געהאלטען דעם קאפ אויפגעהויבען און האט געשיינט ניט צו פערשטעהן, וואס עס טהוט זיך ארום איהם. ער האט ווארשיינליך ניט געוואוסט, אז פראנקרייך האט ערקלערט קריעג און האט ניט בעמערקט דיא מענגע.

— קוקט! האט געזאגט פאשערי. איצט וועט איהר זעהן, וואס ער האט געטהאן דעם גאנצען טאג.

דער גראף איז אבגעטראטען פון באנק און איז צוגעגאנגען צו דער גרויסער טהיר. דער טהיר שליעסער האט איהם שוין געקענט און האט ניט געווארט אויף זיין פראגע און האט איהם קורץ געזאגט:

— זיא איז געשטארבען, מיין הערר. זיא איז איצט ערסט געשטארבען.

— געשטארבען! נאנא געשטארבען!

דיא נייעס האט יעדען א קלאפ געטהאן. מופפא׳ס פיס האבען זיך אונטערגעבויגען און אראבלאזענדיג זיך אויף דער באנק האט ער אבגעקעהרט דאס געזיכט דיא איבריגע האבען אנגעהויבען עפעס צו רעדען, נאר זייערע ווערטער זיינען פער-

טויבט געוואָרען ווייל איצט האָט א נייע מחנה מענשען דורכגעמאַרשירט איבער
דער גאַס מיט דיא געשרייען:

— נאָך בערלין! נאָך בערלין! נאָך בערלין!

לוסי און קאַראָלין האָבען אנגעהויבען צו רעדען צווישען זיך. זיי האָבען זיך
דערמאָנט, וויא רייצענד שעהן נאַנא האָט אויסגעזעהן, ווען זיי האָבען איהר דאָס
לעצטע מאָל געזעהן אין טהעאַטער. איהר ווייסע לייב און גאָלדערנע האָר, גאַנץ
פּאַריז געדענקט איהר אַזוי, און זיא דאַרף זיין שעהן אפילו טוידטער-הייד, האָט
עמיצער געזאָגט.

מיגנאָן האָט אַ קרעכץ געטהאָן. ער האָט ניט ליעב געהאַט, אז עפּעס זאָל
געהן פערלאָרען. ער האָט זיי געפרעגט, צו זיי דענקען ארויפצוגעהן אויבען, און זיי
האָבען געענטפערט, אז זיי וועלען געוויס ארויפגעהן. דערווייל איז אנגעקומען בלאַנש
און אַלע דריי פרויען האָבען זיך געלאָזט געהן אויף דיא טרעפּ. מיגנאָן איז זיי
נאָכגעגאַנגען און געזאָגט:

— זאָגט ראָזע'ן, אז איך וואַרט אויף איהר. זאָל זיא גלייך ארונטערגעהן.

דיא מענער זיינען געבליבען אונטען. זיי האָבען זיך ניט געוואָלט איינשטעלען.
דיא מענגע אין גאַס איז געוואָרען אַלץ גרעסער און דיא געשרייען אַלץ העכער און
העכער.

— נאָך בערלין! נאָך בערלין!

דיא פרויען האָבען דערגרויכט דעם פערטען עטאַזש און האָבען אַבגעזוכט
נאַנאַס צימער. דער נומער איז געווען פיין מעבלירט און האָבען זיך זעהר פערוואונ-
דערט, ווען זיי האָבען שוין דאָ אויבער ראָזען געפונען נאָך פיער פרויען. צווישען
זיי איז אויך געווען גאַגאַ און קלאַריס. אַלע זיינען געווען אנגעטהאָן, וויא צו אַ ווי-
זיט, נאָר ראָזע איז געווען וויא ביי זיך אין דער היים, מיט אַ בלייכען געזיכט, מיט
איינגעפאַלענע אויגען פון דיא שלאָפלאָזע נעכט. אויפ'ן קאַמאָד איז געשטאַנען אַ
לאַמפּ און האָט געוואָרפען אַ מאַטע ליכט.

— וויא טרויריג דאָס איז! האָט לוסי געזאָגט, דריקענדיג דיא האַנד ראָזע'ן
וועלכע איז געזעסען אנגעשפּאַרט מיעד אויף אַ קאַסטען. מיר האָבען זיך געוואָלט
מיט איהר זעגענען.

און זיא האָט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן בעט, נאָר זיא האָט דאָרטען גאָר ניט
געזעהן אויסער אַ שוואַרצע מאַסע מיט אַ ווייסען פלעק, וואָס האָט געדאַרפט זיין
דאָס געזיכט, ווייל דער לאַמפּ איז געשטאַנען צו ווייט.

— איך האב איהר ניט געזעהן צייט דיא לעצטע נאכט אין טהעאטער, האט לוסי ווייטער געזאגט.

— אה, עס איז איהר איצט מעהר ניט צו דערקענען, האט ראזע געזאגט מיט א שוואכען שמייכעל, אבטרייסלענדיג פון זיך איהר פערשטיינערטקייט.

איצט איז געווארען א רייד וועגען דער רייכקייט, וואס זיא האט מיטגעבראכט פון אויסלאנד. איינע האט געזאגט, אז איהר רייכקייט איז ווארשיינליך אן אויסגעטראכטע געשיכטע און א צווייטע האט בעמערקט, אז נאנא האט מיטגעבראכט פינף און פופציג קאסטענס אנגעפאקט מיט טהייערע זאכען. ווער ווטט איהר ירש'ענען? ווארשיינליך דיא טאנטע, אויסער איהר האט זיא קיי־נעם ניט. דיא טאנטע וויים נאך ניט, נאנא האט איהר ניט געוואלט לאזען וויסען ווייל זיא האט אויף איהר געטראגען אזא שנאה פאר איהר קינד.

דאן איז דער געשפרעך איבערגעגאנגען אויפ'ן קינד. פאר איהם איז בעסער אין קבר.

— פס! פאר איהם איז אויך בעסער, האט קאראלין בעמערקט. דאס לע־בען איז, נאך מיין מיינונג, נאר ניט אזא טהייערע זאך פאר אונז.

זייערע געדאנקען אין דעם צימער, וואו א טוידטע האט זיך געפונען, זיינען געוועזען קיין פרייליכע, זיי האבען מורא געהאט און עס איז געוועזען זעהר נארעש צו פערבלייבען דא לענגער און דאך זיינען זיי געשטאנען. אין צימער איז געוועזען זעהר ווארעם, דער לאמפ האט געווארפען א ווייסליכען פלעק, וויא א לבנה, אויפ'ן סו־פיט. אונטער'ן בעט איז געשטאנען א טעלער מיט פענאל און האט פערשפרייט אן אונאנגענעהמען גערוך.

— האט זיא פיעל געליטען? האט לוסי געפרעגט, קוקענדיג אויפ'ן זייגער. נאנא האט געענטפערט מיט א צאפעל:

— יא, איך בין דא געוועזען ביי איהר טוידט: זיא האט געציטערט פון קאפ ביז דיא פיס....

זיא האט ווייטער ניט געקענט רעדען, ווייט פון דרויסען האט דערגרייכט דער געשריי:

— נאך בערלין! נאך בערלין! נאך בערלין!

לוסי האט אין גאנצען פערגעסען, וואו זיא געפינט זיך און האט אויסגעשריען:

— קומט צום פענסטער! פון דאנען קען מען גוט זעהן!

אויף דער גאס האט זיך געזעהן א גרויסע מעניגע מענשען מיט פאקעלען אין דיא הענד. דיא פרויען האבען אנגעהויבען צו טורמלען, אז זיי קענען ניט זעהן גוט

צוליעב דיא בוימער. דער איינציגער, וועמען זיי האבען געקענט זעהן פון זייערע בע־קאנטע, איז געווען מופפא, וואס איז געזעסען אין דריטען געבויגען אויף דער באנק. צו דער טהיר איז צוגעפאהרען א קארעטע. דאס איז געווען מאריא בלאנד און א דיקער מאן.

— שטיינער! וויא איהר זעהט מיך א לעבעדיגע! האט אויסגערופען קאראלין. איך וואלט זעהר וועלכען זעהן, וויא ער וועט אויסזעהן, ווען ער וועט ארויפקר־מען אהער.

זיי האבען אלע געקוקט אויף דער טהיר. אין א צעהן מינוט שפעטער איז אריינגעקומען מאריא בלאנד אליין און זיא איז געווען בייז וואס זיא האט פער־בלאנדזשעט אויף דיא טרעפ.

— וואו איז שטיינער? האט לוסי געפרעגט.

— וואס האט איהר געדענקט, אז ער וועט אויף ארויפקומען? האט בלאנד געענטפערט. ער האט אפילו מורא געהאט צוגעהן צו דער טהיר. זיי שטעהען אלע אונטען און רויכערען.

אונטען איז דיא קופקע פון דיא מענער געווארען דערווייל גרעסער צו זיי איז צוגעקומען בארדענאוו דאגענע, לאבארדעט, פרוליע און נאך עטליכע. זיי הא־בען פריהער גערעדט פון נאנא'ס טוידט און דערנאך פון פאליטיק, און פאנטאן האט ערקלערט זיינעם א קריעגס פלאן, וויא מען האט געקענט איינגעהמען בערלין אין פינף טעג.

אויבען זיינען ארויפגעקומען נאך צוויי פרויען, גענע און לואיזע וויאלען. זיי האבען דערצעהלט, וויא זיי האבען אויף דיא טרעפ. בעגעגענט מענשען, וועלכע זיינען פון שרעק פאר דיא מלחמה אנטלאפען פון פאריז. זיי זיינען אזוי מיעד גע־ווארען פון דער געדרענגעניס, אז זיי האבען גאר פערגעסען אן דער טוידטע פרוי. דאך איז יעדע פון זיי צוגעגאנגען צום בעט און געזאגט

— ארימע נאנא! דאס לעצטע מאל האב איך איהר געזעהן אין טהעאטער.

— מיר מוזען געהן! האט געזאגט קלארים. קום, סימאן! מיר קענען איהר צוריק לעבעדיג ניט מאכען.

זיי האבען זיך אלע געווענדעט צום בעט, נאר זיי זיינען נאך אלץ געשטאנען. לוסי אליין איז געבליבען ביים פענסטער און האט ארויסגעקוקט אין גאס. זיא איז געווארען טרויריגער און טרויריגער. דיא מענער מיט דיא פאקעלען אין דיא הענד האבען זיך פערמעהרט און זיינען פערשוואונדען אין דער פינסטער ניט וויא שאף,

וואס מען טרייבט אין שלאכט־הויז. פון דער מענגע איז ארויפגעשטיגען א שרעק און מען האט דערפיהלט דיא קומענדע בלוט־פערגיסונגען.

לוסי האט אבגעווענט איהר קאפ פון פענסטער און געזאגט:

— מיין גאט! וואס וועט פון אונז ווערען?

זיי זיינען אלע געוועזן שטארק אונרוהיג און האבען געשאקעלט מיט דיא קעפ.

— איך פאהר צו מיין מוטער אין לאנדאן האט געזאגט קאראלין העקע, וועמעס פערמעגען איז געוועזן גוט פערזיכערט אין א פרעמדען לאנד.

נאר מאריא בלאנד איז געוועזן פאטריאטיש און זיא האט מיט כעס געזאגט, אז זיא געהט מיט דער ארמיי.

— יא, און ווען עס זאל זיין נייטהיג, האט זיא געזאגט, וועל איך זיך אנטהאן אין מאנסבילשע קליידער און געהן שלאגען דיא פערדאמטע פרייסען.

בלאנש איז שטארק אויפגערעגט געווארען און האט געזאגט, אז פרייסען זיינען נים ערגער פון אנדערע און אז מען האט איהר רואינירט, וואס מען האט איהר פרייס ארויסגעשיקט פון פראנקרייך, נאר זיא דענקט איהם נאכצופאהרען.

נאנא האט זיך אויך אנגעהויבען צו קלאגען. מיט דער היקף פון איהר טאכטער, וועלכע זיא האט פערקויפט צום אלטען מארקיז שואר פאר צוואנציג טויזענד פראנק, האט זיא געקויפט דאס הייזעל אונטער דער שטאדט, פון וועלכען זיא האט געטרוימט.

- איצט וועלען קומען דיא פרייסען און פערברענען עס, האט זיא זיך געקלאגט. וואס וועל איך טהאן אין מיינע יאהרען?

— פס! האט קלאריס געענטפערט. איהר וועט שוין דורכקומען.

— געוויס, האט געענטפערט סימאן. מיר וועלען אלע דורכקומען, און איך דענק, אז מיר וועלען נאך אלעמען מאכען געלד אויך.

דאביי האט זיא א פיעל בעדייטענדען שמייכעל געטהאן, זיי האבען אנגעהויבען צו רעדען זעהר הויך.

— ששש! האט ראזע מיגנאן געזאגט.

— דיזער קריעג איז א שרעקליכער פעהלער, האט געזאגט לעא דע האָרן, וואס האט אמאל געהאט אן אומגאנג מיט מיניסטארען.

— ניין! האט לוסי אויסגעשריען, וויא איינע, וואס האט בעלאנגט צו דער קעניגליכער פאמיליע, ווייל זיא האט לאנג געלעבט מיט א פרינץ פון דעם האף. מיר טארען נים דערלאזען, אז מען זאל אונז בעליידיגען. איך זאג דאס נים צוליעב דעם פרינץ, נאר דער קעניג האט געהאט רעכט.

דע האָרן האָט אָנגעהויבען צו רעדען עפּעס געגען דעם, נאָר זיי האָבען איהם אַלע איבערגעשלאָגען.

— וואָס האָט זיא צו דעם טולערי? *) האָבען זיי דען ניט געמאַכט קיין געלד אונטער דער אימפּעריע. איז דען ווען געווען פריילינבער אין פּאַריז.

— דער קריעג איז אַ פעהלער, האָט אָנגעהויבען צו רעדען קלאַריס, נאָר נאָנאַ האָט איהר איבערגעריסען.

— האַלט דיין פּוילן האָט זיא געזאָגט. דוא רעדסט וויא אַ אידיאָטקע! איך האָב דורכגעלעבט אַ פּראָווירינג צייט אונטער לואי פיליפּ. נאָכדעם איז געקומען דאָס אַכט און פיערציגסטע יאָהר. מיר האָבען אַ פיינעם פּנים געהאַט אין דער צייט פון דער רעפּובליק! איך בין שיער פון הונגער ניט אויסגעגאַנגען. ווען דוא וואָלסט געלעבט אין יענע צייט, וואָלסטו זיך אויף דיא קניע געשטעלט פאַר אונזער קעניג, ווייל ער איז געווען אונזער פאָטער.... יאָ, אונזער פאָטער!

זיי האָבען איהר אַלע געוואָלט בערוהיגען, נאָר זיא האָט גערעדט ווייטער מיט אַ רעליגיעזע ערנסטקייט.

— פאָטער אין הימעל! שיק דיין זעגן אונזער קעניג און ערהאַלט פאַר אונז דיא מלוכה!

אַלע זיינען געווען מיט איהר איינפערשטאַנדען און האָבען אָנגעהויבען צו זידלען דיא רעפּובליקאַנער און געזאָגט, אַז מען האָט זיי אַלעמען געדאַרפט אויסקוילענען אויף דער גרענעץ, און ווען נאַפּאָלעאָן דער דריטער וועט דעם שונא צו שלאָגען און אומקעהרען זיך צוריק, זאָל ער קענען הערשען אין רוהע און זאָל זיין אַרומגערינגעלט מיט פרייד און דאַנקבאַרקייט.

— ווען איך זאָל וויסען, אַז אַזוי וועט זיין, וואָלט איך אַריינגעשאָטען אַבּיסעל סם צו ביסמאַרקען אין נכאָז, ווען איך בין מיט איהם געווען בעפריינדעט, האָט געזאָגט סימאָן.

בלאַנש האָט זיך פאַר איהם אָנגענומען און בעמערקט, אַז ער איז ניט אַזוי שלעכט און האָט זעהר ליעב פרויען.

— וואָס אינטערעסירט דאָס אונז? האָט קלאַריס געזאָגט. מיר וועלען זיך מיט איהם ניט בעגעגענען.

— ער וועט אונז שפּיעלען אַ שיינעם טאַנץ! האָט געזאָגט לעאָ דע האָרן.

— ששש! דיא טוידטע! האָט זיך ראָזע מיגנאָן געבעטען.

---

*) טולערי—דער קעניגליכער פּאַלאַץ אין פּאַריז.

— ראזע ! ראזע ! האט זיך דערהערט פון אונטער דער טחיר.

— דאס איז פאשערי, האט געזאגט נאנא, וועלכע איז צוגעגאנגען צו דער טחיר א קוק צו טהאן, ער ווערט שיער פעררוקט, וואס דוא זיצט דא ביים טויד־טען קערפער.

דעם הערר מיגנאן איז אונטען ענדליך געלונגען ארויפצוטרייבען דעם זשור־נאליסט. לוסי האט פון פענסטער דערזעהן, וויא אונטען זיינען פערזאמעלט זייערע בעקאנטע, קוקען ארויף אויף דיא פענסטער און מאכען צו זיי מיט דיא הענד. נאר דאגענע האט מורא געהאט, ער זאל ניט ווערען בעליידיגט און ער האט פערלייגט דיא הענד אהינטער און געדרייבערט א סיגאר מיט אזא מינע, וויא איהם געהט גאר ניט אן.

— איך האב זיי צוגעזאגט, אז איך וועל דיך גלייך ארונטערשיקען, האט גע־זאגט לוסי צו ראזען.

— איך געה ! איך געה ! האט געזאגט ראזע, אויפהויבענדיג זיך מיעד פון קאסטען. איצט דארף זיא מיך מעהר ניט. א בארמהערציגע שוועסטער וועט וואר־שיינליך באלד קומען.

זיא האט אבגעזוכט איהרע זאכען און אבגעוואשען דאס געזיכט, רעדענדיג דיא גאנצע צייט.

— איך ווייס ניט, וואס מיר איז. דאס איז פאר מיר געווען א שרעקליכער קלאפ. איך בין מיט איהר קיין מאל ניט געווען פריינדליך. נאר איך בין א נאר און אין קאפ האבען זיך מיר געפלאנטערט פערשיעדענע געדאנקען און א לוסט אויף צו שטארבען. איך האב עפעס געפיהלט, וויא דיא גאנצע וועלט געהט אונ־טער. נאר איך דארף פרישע לופט און דערנאך וועט מיר ווערען בעסער.

דיא לופט אין צימער איז געווארען שרעקליך און עס איז געווארען צווישען זיי א גערודער :

— קומט, מיר מוזען געהן, האט געזאגט נאנא. דא איז אונגעזונד.

זיי האבען זיך אלע געלאזט געהן, קוקענדיג אויפ'ן בעט. ראזע האט זיך ארומגעקוקט, אויב אלעס איז אין ארדנונג. זיא האט אראבגע־לאזט דיא פארהאנ־געז און אנגעצונדען דיא ליכט אויפ'ן קאמין, דענקענדיג אז דאס וועט זיין אנשטענ־דיגער דיא ברענענדיגע ליכט האט זיא אנידערגעשטעלט אויפ'ן נאכט. קעסטעל נעבען דער לייבע. א העלע ליכט איז פלוצים געפאלען אויפ'ן געזיכט פון דער טוידטע. דאס געזיכט איז געווען שרעקליך. זיי האבען אלע א ציטער געטהאן און זיינען ארויסגעלאפען.

— אח. זיא האט זיך זעהר געענדערט! האט געמורמעלט ראזע און האט דיא לעצטע פערלאזען דאס צימער, פערמאכענדיג הינטער זיך דיא טהיר.

נאנא איז געבליבען אליין, מיט'ן געזיכט ארויף. זיא איז איצט געוועזען ניט מעהר וויא א הויפען פיזרפוילטע פלייש און בלוט, ארויפגעווארפען אויפ'ן קישען, קיין גליעד האט מען אויפ'ן געזיכט ניט געקענט דערקענען. איין אויג איז אין גאנ־צען פערשוואונדען געווארען און דאס צווייטע האט אויסגעזעהן וויא א שווארצע לאך אין מיטען פון דער עקעלדיגער מאסע. דאס מויל איז געוועזען פון דיא פאקען פערקרימט וויא צו א שמייכעל. און איבער דיזע שרעקליכע און מאוסע מאסקע זיינען געוועזען פערגאנדערנעשפרייט איהרע גאלדערנע, שעהנע האר, וואס האבען נאך בעהאלטען אין זיך דעם גלאנץ פון דער זון.

וועגוס איז לאנגזאם פערפויכט געווארען. עס האט געשיינט, אזוי וויא דער ניפט, וואס זיא האט איינגעזויגען פון דער רינשטאק און מיט וועלכען זיא האט פערניפטעט א גאנץ פאלק, איז ארויסגעשוואומען אויפ'ן געזיכט און האט אויף דעם איבערגעלאזט זיין צייכען.

דאס צימער איז געוועזען לעדיג. נאך א פערצווייפעלטער געשריי פון בולוואר האט א טרייסעל געטהאן דיא פארהאנגע:

— נאך בערלין! נאך בערלין! נאך בערלין!

ענד

דער פערגיפטעטער קוס.

וויליאם און מאגדאלען זיינען ארויסגעשטיגען פון דעם וואגאן אויף דיא סטאציאָן פון פּאַנטעניי. עס איז געוועז מאנטאג און דיא וואגאָנעס זיינען כמעט געוועזן לעדיג. עטליכע פּאסאזשירער, וואס זיינען געוועזן איינוואוינער פון דעם שטעדט׳ל, זיינען געגאנגען א היים. יעדער האט זיך געאיילט אין זיין וועג און קיינער פון זיי האט זיך אפילו ניט אומגעקוקט.

ביים ארויסגעהן פון וואקזאל (דיפּאָ) האט וויליאם געגעבען מאגדאלענען זיין ארם און זיי האבען זיך גענומען געהן לינקס איבער דיא אַלייע (עוועניו), וואס האט געפיהרט צום שטעדט׳ל. ווען זיי זיינען ארויפגעקומען אויף א בערג׳ל, האבען זיי נאכגעקוקט דעם צוג, וואס איז סאָפּענדיג און פייפענדיג ארויס פון דיא סטאציאָן. ווען דער צוג איז פערשוואונדען געווארען, האט זיך וויליאם אומגעקוקט אויף מאגדאלען און האט געזאגט מיט א שמייכעל:

— דוא געדענקסט, אז איך האב דיר געוואָרנט פּאָראויס, אז איך בין ניט בעקאַנט מיט דיזען פּלאַץ און איך הויב ניט אן צו וויסען, וואו מיר געהן.

— לאָמיר געהן מיט דעם וועגעלע, מיט און מיר ווילען פאַרשפּאָרען צו געהן דורך דיא גאַסען.

זיי האבען זיך געלאזט געהן מיט דעם שמאָלען וועג און פּלוצים זיינען זיי ארויסגעקומען אויף אן אָפּענעם פּלאַץ, פון וואנען עס האט זיך געזעהן דער באַרג פון פאַנטעניי, ארום וועלכען זיינען געלעגען גערטנער און לאָנקעס, און הויכע און שטארקע בוימער. ביז דעם שפּיץ בארג האט עס געבליהט און געגרינט און גאר אויבען צווישען די בוימער האבען זיך געזעהן דיא הייזער פון שטעדט׳ל.

דאס איז געוועזן אין ענדע סעפּטעמבער, פאר נאכט. דיא זון האט אנגעהויבען צו פערגעהן, און דיא צוויי יונגע מענשען זיינען געשטאנען וויא בעצויבערט פון דער שעהנהייט פון דער נאטור. מאגדאלען איז נאך אלץ געוועזן אָנגעשפּארט אויף זיין ארם, דאָך איז זייער האַלטונג געוועזן א געצוואונגענע, זיי זיינען נאך געוועזן וויא פרעמד איינס צום צווייטען. דער געדאַנק, אז זיי קענען זיך ניט מעהר וויא א וואָך צייט און זיי געפינען זיך איצט אליין, ווייט פון מענשען, האט זיי געמאכט אונרוהיג. זיי זיינען געוועזן פרעמד און דאָך האבען זיי זיך געדארפט בעגעהן איינער מיט דעם

צווייטען וויא היימישע, פאמיליאר אונד דאס האט זיי געצוואונגען צו היטען יעדעס ווארט, אום זיך ניט ארויסצוכאפען זיך, ניט מיינענדיג, מיט א בעליידיגונג.

זיי האבען פארטגעזעצט זייער גאנג און האבען גערעדט פון דיא בוימער, פון דעם הימעל, פון דער שעהנער נאטור ארום, דאס הייסט פון אלץ אין דער וועלט, אויסער פון דעם, וואס זיי איז געלעגען אויפן הארצען און וואס זיי האבען געפיהלט.

מאגדאלען איז געווען צוואנציג יאהר אלט, זיא האט געטראגען א קלייד פון א גרויען און ווייכען שטאף, וואס איז געווען איינפאך און דיא איינציגע בעפוצונג פון דעם זיינען געווען א פאר שלייפען פון בלויען באנד. פון דעם קליינעם קיילעכדיגען הוט האבען זיך ארויסגעזעהן איהרע פראכטפאלע האר, וואס האבען געהאט דעם ריינען קאליר פון קופער. זיא איז געווען א שעהנע, הויך און גוט געבויט, מיט זעהר א כאראקטעריסטישע געזיכט. דער אויבערסטער טהייל איז געווען שארף, פראמינענט, במעט מענליך און דיא אנדערע אונטערסטע האלבע געזיכט איז געווען ווייך און צארט. דיא אויגען זיינען געווען ליכטיג-גרוי מיט א גרינליכען אבגלאנץ, און צוזאמען מיט דיא פולע רויטע ליפען האבען צוגעגעבען א זעלטזאמען רייץ צו איהר בלייכען געזיכט.

דיעזעס זעלטזאמע געזיכט האט ארויסגערופען א פערמישטען איינדרוק פון שטרענגקייט פון קינדליכקייט. ווען איהרע ליפען זיינען געווען צוזאמענגעפרעסט פון צארן אדער פון פערטראכטקייט, האט איהר געזיכט געהאט דעם אויסדרוק פון קראפט און ענערגיע, נאר ווען זיא האט געשמייכעלט, האט זיך דאס גאנצע געזיכט געענדערט, דאס איז געווען דאס שמייכלען פון א קינד אויפ'ן געזיכט פון א פרוי. איהר הויט איז געווען ווייס און דורכזיכטיג. אויף איהרע שלייפען האבען זיך געזעהן דיא בלויע אדערלאך, ארום וועלכע האבען זיך געזעהן א פאר זומערשפרענקלאך.

דער געוואוינליכער אויסדרוק פון איהר געזיכט איז געווען א שטרענגער שטאלץ. וועלכער האט זיך צייטענווייס פערוואנדעלט אין א זעהר צערטליכען—דיא צערטליכקייט פון א ליעבענדע פרוי, און ווען וויליאם האט עס געזעהן, האט זיך זיין הארץ געהויבען מיט האפנונג.

וויליאם איז געווען מיט פינף יאהר עלטער פון איהר. ער איז געווען הויך און מאגער און האט געהאט אן אריסטאקראטישען, אויסזעהן. זיין לאנגע געזיכט וואלט געווען העסליך, ווען ניט זיין אריסטאקראטישער בליק. יעדער צוג אין זיין געזיכט האט דערצעהלט אז ער שטאמט פון א פאמיליע, אין וועלכע דער מארך איז שטארק ענטוויקעלט. מען האט גלייך געקענט זעהן, אז קערפערליך איז ער

שוואך, ער איז געווען נערוועז און איז לייכט צורייצט געווארען, נאר צייטענווייז איז ער געווען שרעקעדיג, וויא א קינד. איידער ער האט געעפענט דאס מויל, האט ער מיט דיא אויגען געקוקט אויף מאנדאלען זיא האט מורא געהאט אז ער זאל ניט ארויסריידען עפעס אזעלכעס, וואס איהר וועט ניט געפעלען ווערען. ער האט זיך ניט פערלאזען אויף זיך און איז דאריבער געווען אונטערגעבען און וויך זיין איינציגער שטארקער כאראקטער־צוג איז געווען שטאלץ. ער איז געווען איינער פון יענע בעשעפעניסען, וואס גלויבען נאך ליעבע און רוה וואס זיינען געפיהלפאל וויא פרויען און וואס ציהען זיך צוריק פון דער וועלט אזוי גיך נאר, וויא דיא וועלט ווייזט זיי איהר דונקעלע זייט.

דאס יונגע פאר איז נעגאנגען גיך און דאס האט זיי געמאכט פריילעכער. זיי האבען געשעפט מיט פערגניגען דיא פרישע לופט, וואס האט זיי געבלאזען אין דיא געזיכטער. דאס געפיהל פון פרעמדקייט, וואס האט פול געמאכט זייערע הערצער, ווען זיי זיינען ארויס פון דער סטאציאן, האט זיך איצט פערביטען מיט א געפיהל פון קאמעראדשאפט, חבר'שאפט. זיי האבען זיך אנידער געזעצט אונטער שעהנע קאסטאנען בוימער און האבען זיך אביסעל אבגערוהט. ווען זיי האבען זיך אויפגעהויבען צו געהן ווייטער, האט וויליאם געזאגט:

— וואו זיינען מיר? איך וויים ניט, צו מען קען קריגען וואס עסען אין דיזען טהייל וועלט.

— אה, האב קיין מורא ניט, האט מאנדאלען געענטפערט פריילעך. אין א האלבע שטונדע ארום וועלען מיר זיצען ביי א טיש. קום, איך וועל דיר ווייזען דעם וועג.

זיא האט איהם צו געפיהרט צו א וועגעלע, וואס האט געפיהרט ארויף בארג, האט אבגעלאזט זיין ארם און האט זיך פריילעך וויא א קינד געלאזט לויפען, אונטער האלטענדיג איהרע קליידלאך מיט איין האנד.

וויליאם האט איהר נאכגעקוקט מיט א געפיהל פון פרייד, דיא קאלטע און שטאלצע פרוי איז פערשוואונדען געווארען און איהם איז געווען זעהר פריילעך אויפ'ן הארצען צו זעהן דאס פריילעכע קינד שפרינגט און לויפט אדער ווען זיא האט זיך אנגעשפארט לאסטשענדיג ביי איהם אויפ'ן אקסעל אום צו ווייזען איהם עפעס א נייע זאך, וואס זיא האט בעמערקט ארום.

פלוצים איז דיא זון פערשוואונדען אונטער דיא וואלקען, וועלכע האבען זיך גענומען פערשפרייטען איבער זייערע קעפ. דיא וואלקען זיינען געווען גרוי מיט א קאליר פון קופער ביי דיא ברענעס. מאנדאלענ'ס געזיכט האט פערלארען איהר

רוהיגקייט און זיסקייט. זיא האט געשיינט צו פערגעסען אין גאנצען דיא אבוועזענהייט פון איהר קאמעראד און האט בעטראכט דעם לאנדשאפט ארום זיך וויא אן אלטען בעקאנטען.

ווילּיאם איז אבגעשטאנען פון איהר און האט איהר בעטראכט פון דערווייטענס. איהם האט געדוכט, אז אן אבגרונד האט זיך צווישען זיי געעפענט און איז מיט יעדע מינוט טיעפער געווארען. פון וואס טרוימט זיא איצט? איהם האט איצט געפיינינט א געפיהל, אז ער איז נאך ניט אלעס פאר דיעזע פרוי.

געוויס איז זיא בעקאנט מיט דיעזען פלאץ. אפשר איז זיא שוין דא געוועזען א מאל מיט א געליעבטען? וויליאם האט זעהר געוואלט פרעגען איהר וועגען דעם נור ער האט מורא געהאט, אז זיא זאל דאס בעשטעטיגען און דאס וואלט איהם וויה געטהאן. ענדליך האט ער איהר געפרעגט:

— ביזטו שוין דא א מאל געוועזען, מאגדאלען?

— יא, האט זיא געענטפערט מיט א הארטע שטימע, יא, איך בין דא געוועזען פיעל מאל, נאר לאמיר געהן ניבער, וויל עס וועט רעגענען

זיי זיינען געגאנגען גיך, יעדער פערזונקען אין זיינע געדאנקען און אזוי ווייט איינער פון צווייטען וויא זיי האבען דאס נאר געקענט. ענדליך זיינען זיי אנגעקומען צו א רעסטאראן, פון וועלכען מאגדאלען האט איהם געזאגט. דאס איז געוועזען א מאוסע געביידע, וואס איז געוועזען שווארץ פון רעגען און ווינד; אונטען איז געוועזען א גארטען, וואו אונטער דיא ביימער זיינען געשטאנען טישען און ביינק, בעדעקט מיט פלעקען פון פערגאסענעם וויין.

דיא ווירטהין, א פעטע פרוי, האט ארויסגעלאזט א געשריי פון פערצוויימלונג, ווען זיא האט דערזעהן מאגדאלען:

— וואס איך זעה! איך האב געדיינקט, אז איהר זייט שוין זיכער טוידט. איך האב אייך שוין ניט געזעהן מעהר וויא דריי מאנאט—זייט איהר געזונד?

אין דיעזען אויגענבליק האט זיא דערזעהן וויליאמען און האט איינגעהאלטען דיא אנדער פראגע, וואס איז איהר שוין געלעגען אויף דיא ליפען. זיא האט געשיינט צו זיין שטארק פערוואונדערט, דערזעהענדיג דעם אונבעקאנטען יונגען-מאן ער האט בעמערקט איהר פערוואונדערונג און האט געזאגט צו זיך, אז זיא האט ערווארט צו זעהן אן אנדער געזיכט.

— נון, האט זיא ווייטער אנגעהויבען אבער שוין ניט מיט אזא היימישען טאן. איהר ווילט ווארשיינליך עסען מיטאג און מען וועט באלד גרייטען פאר אייך א טיש אין גארטען.

מאנדאלען האט זיך דא געפיהלט, וויא ביי זיך אין דער היים; זיא האט אויסגעטהאן איהר הוט און שאַל און האט עס אליין בעהאלטען. וויליאם איז געש־טאנען זעהר אונרוהיג, קיינער האט איהם ניט געשיינקט מינדסטע אויפמערקזאמ־קייט, וועהרענד יעדער אין הויז פון דעם אינגעל אין קיך ביז דעם הונד האט איהר בעגריסט מיט פרייד.

זיא איז וויעדער געווארען פריילין און האט זיך אניעדער געשטעלט אויפ׳ן שוועל. דיא לעצטע שטראהלען פון דער זון, וואס האבען זיך אויף א רגע ארויסגע־רוקט פון דיא וואָלקען, האט בעגולט איהרע רויט־בלאָנדע האר. דער יונגער־מאן האט בעוואונדערט איהר שענהייט, נאר אין דער זעלבער צייט האט ער געטראכט אז אן אנדערער האט ניט לאנג געטהאן דאס זעלבע אויף דעם זעלבען פלאץ. און ער האט איינגעהאלטען זיין פלעצליכען פערלאנג א כאפ טהאן איהר אין זיינע ארמען און צו דריקען צום הארצען און צווינגען איהר צו פערגעסען, דיזע הויז, דיזע סצענע און טראכטען נור פון איהם.

— לאמיר שוין געהן עסען, האט זיא געזאגט פרייליך. מאריע, קלייב פאר אונז אן א גרויסע טעלער ערד בעערע (סטראָבעריס).

זיא האט אין גאנצען פערגעסען אן וויליאמען און האט געזוכט אונטער דיא בוימער דעם טיש, וואס מען האט פאר זיי געגרייט. ווען זיא האט ענדליך דער־זעהן דעם טיש, האט זיא אויסגעשריען:

— ניין, אויף יענער באנק וועל איך זיך ניט זעצען, אן איהם האב איך צוריסען א מאל מיין קלייד. איך געדענק דאס זעהר גוט. גרויט צום טיש אט דא, מאריע, האט זיא געזאגט און האט זיך געזעצט צו אן אנדער טישעל.

דאן האט זיא זיך פלוצים דערמאנט אן וויליאמען און האט צו איהם א רוף געטהאָן:

— פאר וואס קומסטו ניט אהער?

זיא האט געלאכט עררעגט. דער קומענדער שטורם האט איהר ארייגגע־ווארפען אין א נערוועזע פרייליכקייט. דיא ווערטער זיינען געפאלען פון איהרע לי־פען גיך און שארף, נאר אויף וויליאמען האט דאס וועטער געווירקט גראדע פער־קעהרט, עס האט איהם געדריקט און אבגעשוואכט, און ער האט איהר געענטפערט מיט האלבע ווערטער.

דער מיטאג האט געדויערט מעהר וויא א שטונדע; זיי זיינען געווען גאנץ אליין, ווייל אויסער זונטאָג איז דער רעסטאָראן געווען כמעט ליידיג פון געסט. מאנדאלען האט דיא גאנצע צייט ניט אויפגעהערט צו ריידען, זיא האט איהם

דערצעהלט פון איהר קינדהייט, פון איהר לעבען אין פאנסיאן, האט געשילדערט איהרע לעהרערינס און איהרע צולאזטע פריינדינען. זיא האט דאס איהם אלץ דערצעהלט מיט א קינדערשע שטימע, עטליכע מאל האט וויליאם געפרובט אריינ־פיהרען איהר אין א געשפרעך וועגען איהר נאהענטע פערגאנגענהייט, וויא א טענש, וואס ליידעט פון א וואונד און קען זיך ניט איינהאלטען ניט צו קראצען איהר, ניט צו בעריהרען איהר. ער איז אויסגעגאנגען צו הערען זיא זאל דערצעהלען פון איהר לעבען אלס ערוואקסענע מיידעל און פרוי און אונטער וועלכע אומשטענ־דען איז זיא דא א מאל געווען, וואס האט זיא געהאט דא צו טהאן; נאר מאנדא־לען האט אויסגעמיידט זיינע פראגעס און האט נאר גערעדט פון איהרע קינדערש־יאהרען. ווען וויליאם האט געפרובט נעהמען איהר האנד, האט זיא געהאט א זעלטזאמען פערגניגען אין דעם, וואס זיא האט איהם פון איהם אוועק גענומען, און קוקענדיג איהם גלייך אין געזיכט, ניט ריהרענדיג דאביי אפילו מיט א ברעם, האט זיא ווייטער גענומען דערצעהלען א נייען אנעקדאט. וואס מיט איהר איז געווען, ווען זיא איז אלט געווען פינף יאהר.

זיי האבען שוין געהאלטען ביים ענדע מיטאג, וויא גרויסע טראפען רעגען האבען אנגעהויבען צו פאלען אויפ׳ן ווייסען טישטוך. עס האט אנגעהויבען צו וועד־רען זעהר פינסטער. עס האט זיך געהערט פון דערווייטענס א מורמעל פון דונערן און איז צוגעקומען אלץ נעהענטער און נעהענטער מיט דעם גערויש פון א מאר־שירענדע ארמעע. פלוצים האט א בליץ אויפגעריסען אין צווייען דיא שווארצע וואלקענס.

— אט קומט א געוויטער! האט זיא אויסגעשריען, איך האב ליעב דיא בליצען.

זיא האט זיך אויפגעהויבען און איז ארויס פון צווישען דיא ביימער, אום זיא זאל קענען בעסער זעהן. וויליאם איז געבליעבען זיצען ביים טיש. און האט געליטען: א געוויטער איז פאר איהם געווען אן אבקומענים. ער האט קיין מורא ניט געהאט, אז א בליץ וועט איהם דערשלאגען, נאר זיין גאנצעס וועזען האט פראטעסטירט געגען דונער און בליץ. ווען עס האט איהם א בליץ געטהא: אין דיא אויגען האט ער זיך געפיהלט אזוי, וויא ער וואלט געקראגען א פאטש אין באק.

וויליאם האט פערמאכט דיא אויגען מיט ביידע הענד, ער האט זיך געשעמט פאר מאנדאלען, זיא זאל איהם ניט בעטראכטען פאר א פיינלינג. ענדליך

ווהענדינג, אז ער קען ניט בעהערשען זיינע נערווען, האט ער איהר געפרעגט אויב עס איז ניט גלייכער אריינצוגעהן אין שטוב און דארטען עסען דעם דעזערט.

— דערוויל רעגענט נאך ניט און מיר קענען נאך פערבלייבען דא, האט זיא געענטפערט.

— איך וויל בעסער אריין אין שטוב. דיא בליצען מאכען מיר קראנק.

זיא האט אויף איהם א קוק געטהאן פערוואונדערט און געזאגט רוהיג:

— הא! אויב אזוי לאמיר אריין!

א דיענסט האט נאך זיי אריינגעטראגען דעם דעזערט אין דעם גרויסען און טרויריגען עסס־צימער. וויליאם האט זיך געזעצט מיט'ן רוקען צום פענסטער, פאר איהם איז געשטאנען א גרויסער טאָץ מיט ערד בעערען נאר ער האט זיך צו זיי ניט צו געריהרט, ווערהענד מאגדאלען האט איהרע גענעסען מיט פערגניגען.

דערנאך איז זיא צוגעלאָפען צום פענסטער און האט זיך ווייט ארויסגעבויגען.

דער רעגען האט אויפגעהערט. פון צייט צו צייט האט א שטארקער בלאז פון ווינד געמאכט א נערוויש צווישען דיא בוימער. עס האט ניט אויפגעהערט צו בליצען און עס איז געווען ליכטיג וויא ביי טאָג. נאר דאס ליכט איז געווען א זעלטזאמע בלויע, וועלכע האט געמאכט דעם גאנצען לאנדשאפט ארום אויסזעהן, וויא א סצענע אין א מעלאָדראמא. דער דונער האט געקלאפט וויא פון הארמא־טען און פון איין קלאפ ביז'ן צווייטען איז געווען א טוידטע שטילקייט.

וויליאם האט געליטען שרעקליך, וויסענדיג אז הינטער איהם איז אפען א פענסטער. ניט ווילענדיג האט ער זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן מאגדאלען שטעהן אין דעם בלויליכען ליכט. איהרע האר האבען זיך צולאָזט פון דער נאס־קייט און האבען זיך צושפרייט איבער איהרע אקסלען. זיי האבען געשיינט צו לע־בען אונטערן ליכט, וואס איז געפאלען אויף זיי.

— אה, וויא גרויסארטיג! האט זיא געשריען, קום, וויליאם, זעה, דיא בלי־צען לויפען דורכ'ן וואלד, וויא לעבעדיגע בעשעפעניסען, און דער הימעל—גיב נאר א קוק אויף איהם!

וויליאם האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און איז צו גענאנגען צו מאגדאלען ער האט איהר אנגעריהרט פאר'ן ארם און געזאגט אונגעדולדיג;

— פערמאך דעם פענסטער! ווייסטו דען ניט, וויא געפעהרליך עס איז דא צו שטעהן?

— האסטו מורא? האט זיא געפרעגט מיט א שפעטישען געלעכטער, ווענ־דענדיג זיך צו איהם.

— קום אוועק, איך בעט דיך.

אין דיזען מאָמענט האבען זיך דיא וואָלקען געעפענט און דער ווינד האט אריינגעטריבען א גאנצען שטראָם רעגען אין צימער אריין. מאגדאלען האט פערמאכט דאס פענסטער און איז צוגעגאנגען צום טיש, וואו וויליאם איז שוין געזעסען.

— ווען איך בין געוועזן א קליין קינד, האט זיא געזאָגט, האט מיך מיין פאָטער א מאל אין אזא געוויטער גענומען אויף דיא הענד און האט מיך צוגעטראָגען צום פענסטער. איך געדענק אז אנפאנגס האב איך דאס קעפעל אבגעדרייט און בעהאלטען עס ביי איהם אויפן אקסעל, דערנאך האבען מיר דיא בליצען פערשאפט פערגניגען. האסטו מורא?

— מורא? ניין, האט ער געענטפערט, אויפהויבענדיג דעם קאפ, נאר איך לייד דערפון.

עס איז געווארען שטיל, דער שטורם האט ניט אויפגעהערט. וויליאם איז געזעסען אין זיין שטוהל בלייך און שוואך. מאגדאלען, וועלכע האט איצט בעמערקט זיין נערוועזעס צאפלען זיך, האט פערשטאנען, אז ער ליידט אין ווירקליכקייט און זיא האט אויף איהם געקוקט מיט אינטערעס און פערוואונדערונג, ניט קענענדיג פערשטעהן, וויא אזוי א מאנספערזאן זאל מעהר ליידען פון דיא נערווען, וויא א פרויענצימער.

דיא שטונדען האבען זיך געצויגען זעהר לאנגזאם. ענדליך איז דער דונער געוואָרען זעלטענער און דער רעגען קלענער. מאגדאלען האט ווידער געעפענט דאס פענסטער.

— דער שטורם איז אריבער, קום אהער, וויליאם, עס בליצט מעהר ניט.

ער איז צו איהר צוגעגאנגען.

— שוין צייט צו פאָהרען א היים, אז ניט וועלען מיר פערשפעטיגען דעם צוג, האט זיא געזאגט.

דיא ווירטהין פון רעסטאָראן איז גראדע דאמאלס אריינגעקומען.

איהר וועט דא וואהרשיינליך פערבלייבען איבער נאכט, האט זיא געזאָגט, איך וועל פאר אייך צורעכט מאכען צוויי צימערן.

— ניין, ניין, האט מאגדאלען געאיילט צו ענטפערן; מיר זיינען אהער געקומען נאר צו עסען, און מיר פאָהרען גלייך צוריק.

— אבער דאס איז אונמעגליך, דיא וועגען זיינען פערשוואומען.

מאגדאלען האט געשיינט צו זיין זעהר באונרוהיגט.

— ניין, איך קען דא ניט בלייבען איבער נאכט, איך מוז פאָהרען צוריק, האט זיא געזאָגט נאך א מאָל און נאך א מאָל.

— טהוט וויא איהר פערשטעהט, האט געענטפערט דיא ווירטהין, נאר איך מוז אייך זאגען, אז איהר וועט ניט שלאָפען דא, וועט איהר שלאָפען אין פעלד.

וויליאם האט ניט געזאגט קיין וואָרט. מאגדאלען האט זיך געהיט ניט צו בענעגענען זיינע בליקען. זיא איז געווען שטארק ערגעגט און איז מיט נערוועזע טריט געגאנגען אויף און אָב איבערן צימער. פלוצים האט זיא אויף איהם א קוק געטאהן, און דערזעהענדיג, וויא רוהיג און אתטערגעבען ער איז, איז זיא ווייכער געווארען, נאר איהר געזיכט איז געבליעבען גראדע אזוי הארט, וויא פריהער און זיא האט געזאָגט מיט א קאלטען טאן צו דיא פרוי:

— זעהר גוט, מיר בלייבען דא.

— אויב אזוי, וויל איך הייסען צוגרייטען דיא צוויי בלויע צימערן.

מאגדאלען האט זיך א צאפעל געטהאָן.

— גרייט צו וועלכע צימער איהר ווילט, אבער ניט יענע, האט זיא געזאָגט.

— אבער דיא איבריגע זיינען אלע פערנומען.

מאגדאלען האט זיך נאך אבין ניט געקענט בעשליסען און זיא האט גע־מורמעלט:

— עס וואלט בעסער געווען ניט צו בלייבען.

וועהרענד מען האָט פאר זיי צוגעגרייט דיא צימערן, זיינען זייא ביידע ארויס פון רעסטאָראן און האבען זיך געזעצט אויפ'ן שטאם פון אן איינגעפאלענעם בוים אונ גאר ניט גערעדט

דיא קופט איז געווען אָנגעזאפט מיט דעם זיסען גערוך פון לאנד; מיט פייכטע ערד, גרינעם גראז און בלומען פון דיא בכומען. פון דיא בלעטער זיינען געפאלען טראָפענס מיט א גערויש. א האלבער הימעל איז געווען זעהר בלוי און אויסגעשטערנט, דיא צווייטע האלבע איז געווען שווארץ פון וואלקען, וועלבע האבען געהאלטען אין אנטלויפען. וויליאם און מאגדאלען האבען ניט געקענט זעהן איינער דעם צווייטענס געזיכט און יעדער איז געזעסען פערזונקען אין זיינע געדאנקען.

— דוא האסט מיך ניט ליעב, מאגדאלען, האט ענדליך וויליאם ארויס געשטאמעלט.

— דוא האסט א טעות, מיין פריינד, האט זיא געענטפערט בעזאכט, איך דענק, אז איך ליעב דיך, נאר איך האב נאך ניט געהאט דיא צייט צו שטעלען זיך דיא פראגע און געבען איין ענטפער.

א היבשע צייט איז געווען שטיל וויליאם האט זיך געפונען בעליידיגט פון דעם קאלטען ענטפער.

— דוא וואלסט דא ניט פערבליבען, ווען דער וועג זאל ניט זיין פערשוואר־מען, האט ער ווידער געזאגט.

— אה! דוא קענסט מיך נאך ניט! האט מאגדאלען געזאגט. אז איך בלייב דא איז נאר דארום, ווייל איך וויל אזוי. ווען דאס זאל זיין געגען מיין ווילען, וואלט איך אוועק געגאנגען אפילו אין מיטען שטורם.

זיא איז פערזונקען אין איהרע געדאנקען און דאן האט זיא גענומען ריידען וויא צו זיך, אבער אזוי, אז ער האט געהערט:

— איך האב געוואוסט, אז פריהער אדער שפעטער וועט זיך ענדיגען אזוי נאר דאס לעבען איז אזוי שווער!

זיא האט זיך אליין איבערגעריסען. זיא האט געוואלט זאגען, אז געטריבען צו פערבלייבען דא האט איהר נאר א געפיהל, פון רחמנות צו איהם.

פרויען גיבען זיך אונטער א סך עפטער פון מיטלייד גראָססמוטה און פון א קוסט ארויסצואווייזען פריינדליכקייט, אלס מען דענקט. זיא האט געזעהן זיינע ליי־דען אין דער צייט פון שטורם, און ער האט אויף איהר געקוקט מיט אזעלכע בע־טענדע אויגען, אז זיא האט קיין הארץ ניט געהאט צו האלטען זיך ביי דאס איהריגע און צו פערלאָזען דעם רעסטאָראַן.

וויליאם האט פערשטאנען, אז איהר איבערגעבען זיך צו איהם איז וויא א נדבה וואס מען גיט צו א בעטלער, און זיין איידעלקייט און איינענליעבע האבען שטארק געליטען דערפון.

— דוא ביזט גערעכט, האט ער געזאגט. איצט איז אנגעשטאנען מיין רייהע צו בעטען דיך, אז מיר זאלען זיך גלייך אומקעהרען צוריק אין פאריז.

ער האט גערעדט היציג און גיך, און מאגדאלען האט בעמערקט, וויא זיין שטימע האט זיך געענדערט.

— וואס אזוינס איז געשעהן, מיין פריינד? האט זיא געפרעגט מיט פער־וואונדערונג.

— לאמיר געהן, לאמיר גלייך געהן, האט ער ווידערהאָלט.

זיא האט א ציה געטהאן מיט דיא אקסלען מיט א פערמאטערטע מינע.

— וואס מאכט עס אויס? מיר וועלען צוריק קומען אין פאריז פריהער אדער שפעטער. פון דעם ערסטען טאָג, וואס איך האב דיך בעגעגענט, האב איך געוואוסט אז ניט היינט איז מאָרגען און איך וועל ווערין דיין פרוי. איך האב זיך

געוואלט איינשליסען אין א קלויסטער און האב זיך אליין גענעבען א שבועה, אז מעהר וועל איך ניט זינדיגען. אזוי לאנג וויא איך האב געהאט נאר איין געליעב־טען איז מיין שטאָלץ און רעספעקט צו זיך ניט געווען צערשמעטערט....

זיא האט אבגעחאפט איהר אטהעם און פון איהר האלז האט זיך דאביי ארויסגעריסען א קלאנג, וואס האט געקלונגען וויא א זיפץ.

— נאר היינט האט זיא וויטער פארטגעזעצט, האב איך פערשטאנען, אז איך וועל זיך שוין קיין מאל נים אויפהויבען איבער'ן שמוץ, מיט וועלבען איך בין אויסגעשמירט. דוא זעהסט, איך בין אפענהערציג—דוא ווילסט דאך, אז איך זאל זיין אפענהערציג, ניט וואהר?

זיא האט אויסגערעדט דיא ווערטער מיט אזא טיעפען טרויער, אז וויליאם איז געווען גערירהרט. זיין פערוואונדעטער שטאָלץ איז בערוהיגט געווארען, און ער האט געזאגט צערטליך:

— דוא קענסט מיך ניט, גלויב מיר, דוא וועסט אויסגעפינען, אז איך בין אנדערש פון דיא אנדערע מענער. איך וועל דיך ליעבען, וויא מיין פרוי און איך שווער דיר, אז איך וועל דיך מאכען גליקליך.

מאגדאלען האט ניט געענטפערט. זיא האט געטראכט, אז זיא איז שוין א ביסעל פראקטיש אין לעבען און האט צו זיך אליין געזאגט, אז דער טאג וועט קו־מען, ווען וויליאם וועט איהר אוועקווארפען, און זיא וועט פאלען אלץ נידריגער און נידריגער. נאר זיא האט זיך געוואונדערט אויף איהר איצטיגע שוואכקייט; זיא האט ניט געקענט פערשטעהן, וויא אזוי נים זיא זיך היינט ביי נאכט אזוי גרינג איבער, ווערענד געבעטען וואלט זיא עס פאר קיין פאל ניט געטהאָן. וויליאם איז געווען פערזונקען אין געדאנקען. הערענדיג, וויא זיין פריינדין דערמאנט ענדליך איהר פריהערדיגען געליעבטען, וועלבער, וויא עס האט געשיינט, איז איהר ניט ארויס פון דיא געדאנקען, האט ער אויף זיך איצט געקוקט, וויא ער וואלט זיך געשטעלט צווישען זיי ביידען.

זיי האבען ביידע געשוויגען א לאנגע צייט, קיינער פון זיי האט ניט געזאגט קיין ווארט פון ליעבע. ער האט געהאלטען איהר האנד אין זיינע, נאר זיא איז געווען קאלט און שוואך. זיי זיינען געווען אליין, נאר זייערע הערצער זיינען געווען פול מיט א מין מורא פאר דיא צוקונפט.

דיא לופט איז געווען קיהל און פייכט. דער הימעל איז געווען אויסגע־שטערנט.

מאגדאלען האט א ציטער געטהאָן.

— מיר איז קאלט! לאמיר אריינגעהן, האט זיא געזאגט.

די האבען זיך אויפגעהויבען אהנע צו זאגען א ווארט. דיא ווירטהין האט זיי ארויפגעפיהרט איבען אין דיא צוויי צימערן, וואס האבען געהאט אן אריינגאנג פון איינעם אין צווייטען. אין מאנדאלען'ס צימער האט געברענט א ליכט אויפ'ן טיש. דאס צימער איז געוועזען קליין, אויסגעקלעפט מיט בלויע פאפיר, פון פייכט־קייט האבען זיך אויף דיא ווענד געליינט אין עטליכע ערטער פלעקען. עס האט זיך געהערט א גערוך פון שימעל און עס איז געוועזען קאלט.

— כאָז, איך וועל פערמאכען דיא לאדען ביי דיר, האט וויליאם געזאגט.

נאר עס איז געוועזען א סך גרינגער צו זאגען איידער צו טהאָן, ווייל ער האט זיך א היבשע צייט ארומגעפיהרט מיט'ן לאדען און האט ניט געקענט פערמאכען.

— אין דער הויך איז פא־אן א קייטעל, האט זיך ביי איהר ארויסגעכאפט ניט ווילענדיג.

וויליאם האט זיך האסטיג א קעהר געטהאָן צו איהר. ביידע זיינען שטארק בלייך געווארען, ווייל ביידע האבען פערשטאנען, וואס איהרע ווערטער בעדייטען. זיא ווייס פון דעם קייטעל, האט ער געטראכט. זיא איז שוין אין דעם צימער גע־שלאפען א מאל....

אויף מארגען איז מאנדאלען אויפגעשטאנען זעהר פריה. זיא איז געוועזען זעהר ערנסט און טרויעריג. זיא האט געעפענט דאס פענסטער און ארויסגעקוקט אויף דיא פעלדער און לאנקעס וואס האבען זיך געבאדען אין דיא ערסטע שטראהלען פון דער זון. זיא איז אזוי געשטאנען ארום א האלבע שטונדע צייט און האט פלוצים דערהערט א גערויש הינטער זיך. זיא האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן וויליאמען אריינקומען אין איהר צימער.

— ליעבסטע מיך! האט ער איהר געפרעגט מיט א שטילען קול.

מאנדאלען האט צו איהם אויסגעשטרעקט דיא ארמס מיט א שמייכעל. איהר געזיכט האט זיך אויסגעקלייטערט, זיא האט פערגעסען, וואו זיא געפינט זיך און האט נאר געפיהלט דיא צערטליכקייט פון איהר פריינד.

זיא האט איהם געענטפערט מיט א קוס.

II.

מאנדאלען פערא איז געוועזען דיא טאכטער פון א מאשיניסט. איהר פאטער איז געקומען אין פאריז זוכען גליק אהן א סו אין קעשענע (טאַשע) און אהן שיך. ער איז געוועזען איינער פון יענע בערג־לייט, וואס זיינען מאגער אבער מיט ברייטע

פלייצעס און האבען נים נאר קיין מורא נים פאר ארבייט. זאנדערן זיי האבען איהר ליעב. ער איז אנגעקומען צו א מאשיניסט און האט ביי איהם געארביים צעהן יאהר לאנג. שפארענדיג א סו צו א סו, האט ער אנגעקליבען עטליבע טויזענד פראנק.

ווען ער האט געדענקט, אז ער איז רייך גענוג צו עפענען א ווערק־שטוב פאר זיך, האט ער געדונגען א היקצערנע קעמעריל. דאס איז געווען דער ערסטער שריט צו א פערמעגען און דיא גרויסע געביידעס, פון וועלבע ער האט געטרוימט ביי טאג און ביי נאכט.

נאך צעהן יאהר זיינען אריבער אין שווערע און ביטערע ארבייט. ער האט זיך נים פערגונען איין שעה צו פערברענגען אין פערגניגען. ביסלעכווייז האט זיך זיין קעמעריל פערגרעסערט און ער האט אריינגענומען מעהר ארבייטער.

ענדליך האט ער אבגעקויפט דעם פלאץ און האט אויסגעבוים ריעזיגע פאבריקען, אין וועלבע ער האט געמאכט ריעזיגע מאשינען. דיא אייזענבאהנען וועלכע האבען זיך געהאלטען דאמאלס אין בויען אין פראנקרייך האבען איהם געגעבען א מאסע ארבייט און איינגעבראכט גרויסע סומען געלד. זיין טרוים איז פערווירקליכט געווארען: ער איז געווען רייך.

ביז איצט האט ער זיך קיין מאל נים געשטעלט דיא פראגע, וואס וועט ער טהאן מיט'ן געלד, ווען ער וועט עס האבען. ער האט זעלטען אויסגעגעבען אויף זיך מעהר, וויא פיערציג סו א טאג — ער האט אזוי ווייניג געוואוסט פון לעבען, פון פערגניגען פון לוקסוס, אז זיין רייכקייט איז געווען גאנץ נוצלאז פאר איהם. ער האט אנגעקליבען זיין רייכקייט מעהר אוים עקשנות אלס אוים ליעבע צו געלד אדער צוליעב דיא פערגניגענס וואס מען קען בעקומען פון דעם. ער האט זיך גע־געבען א שבועה צו ווערען אליין א בעל הבית און ער האט געהאלטען זיין שבועה. איצט האט ער זיך געפרעגט, וואס ער זאל טהאן מיט דיא מאסען געלד, וואס ער האט אנגעזאמעלט?

דיא ערסטע זאך האט ער אויסגעבוים א קליינע הויז נעבען זיינע פאבריקען און איהר אויסגעמעבלירט מיט גרויסען לוקסוס, נאר ער האט זיך געפיהלט אומ־בעקוועם צווישען דיא טהייערע טעפיכע און פארהאנגען, און האט געהאט מעהר פערגניגען צו פערברענגען דיא טעג צווישען דיא ארבייטער אין זיינע פאבריקען. ער וואלט זיכער פערדונגען דיא הויז, ווען א צופאל וואלט נים געענדערט זיין לעבען און געמאכט איהם נאר פאר אן אנדער מענשען.

ער האט געהאט א גראבען קול און זיינע מאנערען זיינען געווען נאך גרעבער

אבער טראץ דעם האט ער געהאט א ווייכע הארץ וויא ביי א קינד. זיין צערטלי־כע נאטור איז דיא גאנצע צייט געשלאפען אונטער דעם יאך פון דער שווערע ארבייט, אין וועלכען ער איז געווען איינגעשפאנט זיין גאנץ לעבען. נאר ווען ער האט א מאל צופעליג בעגעגענט דיא יונגע ארימע יתומה מארגאריט, וועלכע האט זיך אייפגעהאלטען ביי אזעלכע ארימע קרובים, וויא זיא אליין, האט זיין נאטור ערוואכט.

מארגאריט איז געווען א בלייכע, צארטע שוואכע מיידעל און האט אויסגע־זעהן ניט מעהר וויא זעכצעהן יאהר. זיא האט געהאט א געזיכט, וואס האט אויס־געדריקט אונטערווירפיגקייט, הכנעה, און וואס ריהרט שטארק דיא הערצער פון מענער.

דיא יונגע יתומה מיט איהר גראציעזען, אונטערווארפענעם שמייכעל האט פאר איהם געהאט א שטארקע אנציהונגס קראפט. ער האט שטענדיג געלעבט צווישען גראבע מענער און אפט ברוטאלע ארבייטער, און איצט ווען ער האט איהר בעגעגענט, דיא שוואכע קליינע געשעפף האט ער זיך צו איהר צוגעבונדען מיט לייב און לעבען. ער האט מיט איהר אין גיכען חתונה געהאט און אריינגע־בראכט איהר צו זיך אין הויז.

ער האט איהר ליעב געהאט מיט א פאנאטישע איבערגעבענהייט, זיא איז געווען זיין שוועסטער, זיין טאכטער זיין ווייב. ער האט אנגעבעטען איהר בלייכ־קייט, איהר מיעדען בליק און שוואכקייט. ער האט פריהער קיין מאל ניט געליעבט זיין הארץ איז ביז איצט געווען פערשלאסען פאר יעדען צערטליכען געפיהל און ער האט איהר פון דער ערסטער מינוט אן געמאכט פאר זיין אבגאט, פאר זיין קעני־גין. זיא האט געפיהרט דיא ווירטהשאפט און אריינגעבראכט אין הויז אן עלעגאנץ און פערטריבען דיא קאלטקייט, וואס זיא האט דא געטראפען, און האט געמאכט א ווירקליכע היים.

מעהר וויא א יאהר צייט האט זיך פערא זעהר ווייניג אבגעגעבען צו זיינע געשעפטען: ער איז געווען אין גאנצען פערזונקען אין דעם גליק, וואס ער האט גע־האט ווען ליעב צו האבען. דער געפיהל איז פאר איהם געווען ניי און רייצבאר.

צייטענווייז פלעגט ער זיין געריהרט ביז טרערען פון דער פריינדליכקייט, וואס זיא האט איהם ארויסגעוויזען, און זיא האט איהם שטענדיג געדאנקט מיט דיא אויגען, אפילו ווען איהרע ליפען זיינען געווען שטיל פאר דעם גליק און לוקסוס מיט וועלכען ער האט איהר ארומגערינגעלט.

און איצט ווען זיא איז שוין געווען רייך האט זיא ניט

אונטערווארפינקייט. זיא האט געליעבט איהר מאן און האט אויף איהם געקוקט וויא אויף איהר בעל טובה. ווען זיא האט מיט איהם חתונה געהאט, האט זיא ניט געקוקט אויף זיין פערבראָנזטע געזיכט און זיינע פיערציג יאהר, זיא האט זיך צו איהם צוגעבונדען וויא א מאכטער צו א פאטער.

— איך האב דיך ליעב, פלעגט זיא זאגען צו איה, ווייל דוא ביזט אזוי שטארק און געזונד און ווייל דוא האסט ניט מיין שוואכקייט און קינדליכ־קייט. איך האב דיך ליעב, ווייל דוא האסט ניט געקוקט, וואס איך בין אן ארימע יתומה און האסט מיט מיר חתונה געהאט.

ביי איהם האט דאס הארץ געשפרונגען פון נחת, ווען ער האט געהערט דיא ווערטער, און ווען זיא איז פערגאנגען אין טראָגען, איז ער געווען דער גליק־ליכסטער אויף דער ערד.

א פאר טעג איידער זיין ווייב האט געדארפט ענטבינדען ווערען, האט איהם דער דאקטאר אבגערופען אן א זייט און געזאגט, אז ער האט שטארק מורא פאר זיין ווייב׳ס לעבען: זיא איז זעהר שוואך געבויט און ער צווייפעלט אויב זיא וועט זיך נאכ׳ן קינד־בעט קענען צוריק ערהאלען. א גאנצע וואך איז פערא געווען, וויא פערריקט, ער פלעגט צו איהר שמייכלען, ווען זיא איז געלעגען אויף דער סאָפא, נאר וויא ער פלעגט אבטרעטען אין אווינקעל, פלעגט ער אויף זיך רייסען דיא האר און וויינען וויא א קינד. דיא נעכט פלעגט ער פערברענגען אין דיא פינסטע־רע פאבריקען, און ווען ער האט דערפיהלט, אז ער קען שוין עס לענגער ניט אויס־האלטען, פלעגט ער כאפען דעם האמער און קלאפען מיט אלע כחות.

דיא שטונדע פון האבען איז געקומען, און דיא מורא וואס דער דאקטאר האט ארויסגעלאזען איז ניט געווען אן אומזיסטע. מארגארעט איז געשטארבען גלייך וויא זיא האט געבוירען א טאכטער.

פערא׳ס פערצווייפלונג איז געווען שרעקליך, נאר ער האט ניט געקענט ארויסלאזען קיין טרער. נאך דער קבורה האט ער זיך פערשלאסען און האט קיי־נעם ניט געוואלט זעהן. דיא נאכט פלעגט ער פערברענגען אין דיא פינסטערע פאבריקען, געהענדיג אויף און אָב צווישען דיא קופעס אייזען און שטאָל.

ביסלעכווייז האבען איהם דיא ווערקציינ, מיט וועלכע ער האט זיך געשאפט זיין רייכטהום, אנגעפילט מיט א שטומען כעס. ער, וועלכער האט געמאכט אזא גוואלדיגען זיעג איבער ארעמקייט, האט ניט געקענט זיעגען איבער׳ן טוידט!

צוואנציג יאהר לאנג האבען זיינע מעכטיגע הענד געבויגט און געדרייט אייזען און איצט זיינען דיא זעלבינע געווען שוואך איינצוהאלטען דאס, וואס ער האט

געליעבט מעהר וויא זיין לעבען, מעהר וויא אלץ אין דער וועלט, און אין זיין וויל־דען צאָרן האט זיך ביי איהם ארויסגעריסען א ווילדער געשריי:

— איך בין שוואך וויא א קינד און פיינג וויא א נאר, אז ניט וואלט איך ניט דערלאזט דעם טוידט, ער זאל מיך בערויבען׳

א מאָנאט לאנג האט מען מורא געהאט צו געהן צו איהם. ענדליך האט דיא אם זיך אונטערגעשטעלט ארייגצולייגען דאס קינד אין זיינע הענד. ער האט אין גאנצען פערגעסען, אז ער האט א קינד, און ביים אנבליק פון דיזע ארימע פערלאזענע קליינע בעשעפעניס, האט ער זיך צו וויינט מיט הייסע טרערען, און עס איז איהם גרינגער געווארען אין הארצען און אין קאָפּ.

— זיא איז אזוי צארט און שוואך, וויא איהר מוטער, האט ער געמורמעלט קוקענדיג אויף איהר.

און פון דיזער מינוט האט זיין שמערץ פערלארען דיא שארפקייט. ער האט זיך אליין געטרייסט, אז עפּעס איז איהם דאך פערבליבען פון מארגאריט׳ן. ער האט מארגאריט׳ן געליעבט מיט א פּאַטעטישע ליעבע, און ליעבענדיג איהר טאכ־טער, האט ער געקענט זיך נארען און זאגען, אז ער האט ווייניג פערלאָרען.

דאס קינד איז געוועזען זעהר א שוואכע און דאס געזיכט בלייך וויא ביי דער פערשטארבענער מוטער. פערא איז געוועזען זעהר גליקליך, וואס זיא איז געוועזען אין גאנצען עהנליך אויף דיא מוטער און ניט אויף איהם, ווייל ער האט געוואלט, זיא זאל אין גאנצען זיין איהרע. ווען ער האט איהר געהאלטען אויף דיא קניע, פלעגט איהם ארייגקומען א האלב פעררירקטער געדאנק, אז זיין ווייב האט זיך נאכ׳ן טוידט פערוואנדעלט אין א קינד, אום ער זאל איהר קענען ליעב האבען מיט דאָפּעלטע צערטליכקייט.

ביז צוויי יאהר איז מאגדאלען געוועזען זעהר שוואך און דעליקאט און האט געשוועבט צווישען לעבען און טוידט, נאר אויפ׳ן דריטען יאהר האט זיא אנגעהויבען ווערען געזונטער. איהרע אויגען זיינען געווארען ליכטיגער און דאס בלוט האט פרייער געראנען אין איהרע אדערן. זיא איז וויא ניי געבארען געווארען. ביז דאמאלס האט זיא אויסגעזעהן, וויא א טוידטער קערפּער, בלייך און שטיל. זיא האט קיין מאל ניט געלאכט און קיין מאל ניט געשפּילט זיך, נאר אזוי ניך, וויא זיא האט געקענט שטעהן אויף דיא פיסלאך, וועלכע זיינען איצט געווארען שטאר־קער, האט זיא פול געמאכט דיא הויז מיט א גערויש.

פערא האט זיך געשפּיעלט שטונדענ־לאנג מיט זיין קינד, און פלעגט איהר מיטנעהמען אויף דיא הענד אין דיא פאבריקען צווישען דעם שרעקליכען גערויש

פון דיא מאשינען, זאנטערינ, אז ער וויל איהר מאכען אזוי בראוו וויא א איננעל.

איין זאך האט נאך פערגרעסערט זיין ליעבע צו איהר: וואס עלטער זיא איז געווארען, האט זיא אלץ מעהר עהנליכקייט געקראגען צו איהם. ווען זיא איז געלעגען בכייך און שטיל אין איהר וויגעל, איז זיא געווען זעהר עהנליך צו איהר מוטער, נאר איצט ווען זיא איז געווארען געזונד און שטארק איז זיא געווען א וואהרער איננעל. זיא האט געהאט פערא'ס גרויע אויגען און זיין ברייטען און שטארקען שטערן און איז געווען אזוי איינגעשפארט און ליידענשאפטליך וויא ער.

נאר פון דער טראגעדיע, וואס איז געשעהן ביי איהר געבורט, איז ביי איהר פערבליבען א געוויסע שוואכקייט און א נערוועזע צוהיצטקייט, וואס פלעגט אויף איהר אנקומען, ווען זיא פלעגט אריין אין כעס. דאן פלעגט זיא זיך צו וויינען און פלעגט אזוי יאמערן, ביז דער כח האט איהר אין גאנצען פערלאזען.

אויב דער אויבערסטער טהייל פון איהר געזיכט איז געווען עהנליך אין שטארקייט צו איהר פאטערס איז דיא אבער נאך מעהר עהנליך געווען צו איהר מוטער מיט איהר מויל און מיט'ן זיסען שמייכעל. זיא איז געוואקסען וויא אויף הייוועז, און איהר פאטער האט שוין געטראכט פון דו פרינץ פאר איהר א מאן.

ער האט זיך ווידער גענומען צו זיינע געשעפטען, וויל איצט האט ער געוואוסט, וואס ער האט צו טהאן מיט דיא מיליאנען, וואס ער וועט אנקלייבען. ער וועט אלע אוצרות לעגען צו דיא פיס פאר זיין אבגאט. ער איז איצט געווען אונצופריע־דען מיט דיא איינקינפטע פון זיינע געשעפטען און האט זיך אריינגעלאזט אין כפעקולאציאנען, אום צו פערדיענען געלד געשווינד. נאר ביי א פלעצליכען פאל אין דעם פרייז פון אייזען, האט ער פערלארען זיין גאנצען אייגענס.

מאנדאלען איז דאמאלס אלט געווען זעקס יאהר. פערא האט אבער פון דער ניעדערלאגע זיין ענערגיע נים פערלארען, דער פלעצליכער קלאפ האט איהם אפילו קיין בויג נים געטהאן. מיט'ן קלארען פערשטאנד פון א געשעפטס־מאן, האט ער באלד אויסגערעכענט, אז זיין טאכטער איז נאך זעהר יונג און ביז זיא וועט אויסוואקסען, וועט ער פאר איהר קענען אנזאמלען א פערמעגען. נאר ער האט שוין נים געקענט אויפבויען א נייען פערמעגען אין פראנקרייך, ער האט צו זיעם געדארפט א נייעם פרישען פעלד, א לאנד וואו מען מאכט גיך א פערמעגען. אין א פאר שטונדען איז זיין בעשלוס געווען געפאסט: ער האט זיך ענטשלאסען צו פאהרען נאך אמעריקא און אריינגעבען מאנדאלען אין א פאנסיאן אין פאריז, וואו זיא האט אויך געהאט קעסט.

ער האט צוזאמענגענומען אלץ, וואס איהם איז פערבליבען און ער האט עס

איינגעליינגט אזוי, אז עס זאל איהר איינטראגען צוויי טויזענד פראנק א יאהר פראצענט. דאס וועט איהר געבען גענוג אויף ברויט, אויב איהם זאל עפּעס געשעהן, און נאך דעם זעלבען אבענד האט ער פערלאזען פראנקרייך מיט הונדערט פראנק אין קעשענע. מיט אן אבענד פריהער איז ער אוועק מיט מאגדאלען צו זיינעם אן אלטען גוטען פריינד, וואס איז מיט איהם געוועזן פון איין שטאדט און האט איהם געבעטען, אז ער זאל אויף איהר אכטונג געבען.

זיין פריינד לאברישא איז געקומען אין פאריז אין דער זעלבער צייט, וואס ער; אנפאנגס איז ער געווען א פעדלער, דאן האט ער אנגעהויבען צו האנדלען מיט געוואנט און האט אנגעקליבען א גרויסען פערמעגען. פערא האט זיך אין גאנצען פערלאזען אויף דיזען אלטען גוטען פריינד.

ער האט געזאגט מאגדאלען, אז ער וועט אין גיכען קומען צוריק און איז ארויס פון הויז וויא א שכור. אויף דער דעק פון שיף האט ער אנגעכאפט לאברישא וואס איז איהם נעגאנגען בעגלייטען, פאר דיא הענד און געזאגט מיט א קול פערשטיקט פון טרערען:

— אויב איך וועל מעהר צוריק ניט קומען, זיי דוא א פאטער צו איהר.

פערא האט קיין מאל ניט דערגרייכט אמעריקא. דיא שיף איז צושמעטערט געווארען פון א שטורם ביי דיא ברעגען פון פראנקרייך. נאר מאגדאלען האט יאהרען לאנג ניט געוואוסט פון איהר פאטערס טוידט.

אזיפ'ן צווייטען טאג נאך פערא'ס אבפאהרען האט לאברישא איהר אוועק געפיהרט אין א פאנסיאן, וואס א בעקאנטע דאמע האט איהם רעקאמאנדירט. דיא צוויי טויזענד פראנס זיינען געווען גענוג צו דעקען דיא קאסטען, און ער איז געווען צופריעדען פטור צו ווערען פון דעם סינד, וועמעס פרייליכקייט און צולאדענקייט האט בעאונרוהיגט זיין עגאאיסטישע רוה.

דער פאנסיאן איז געווען, וואס מען רופט, אן אויסגעצייכענטער; דארטען זיינען געווען זעהר ווענינ קינדער, ווייל דיא פערוואלטערין האט בעסער געזוכט צו האבען העכערע פרייזען און האט נור געהאלטען דיא קינדער פון רייכע פאמיליען. מען האט דארט וועניג געלערנט ארטאגראפיע, וויא צו שרייבען ריכטיג, אויך וועגן ביבעל, אבער דערפאר האט מען געלערנט, וויא צו האלטען זיך אין א געזעלשאפט. ווען א מיידעל האט פערלאזט דעם פאנסיאן, האט זיא קיין זאך ניט געוואוסט פון דעם, וואס מען לערנט געוועהנליך אויס פון ביכער. נאר דערפאר האט זיא געקענט אריינקומען אין א זאל מיט א גראציע, מיט א חן פון א פראקטיצירטע קאקעטקע.

דיא דאמען, וואס האבען געהאלטען דעם פאנסיאן, האבען גוט געוואוסט,

וואס מען פאדערט פון זיי ; זייער שולע האט געהאט א רעפוטאציע, א נאָמען מיט איהר עלעגאנץ, און פאמיליען האבען זיך געפיהלט געעהרט, ווען זיי האבען געקענט זאגען, אז זיי שיקען זייערע טעכטער אין דיעזען פאנסיאָן.

מאנדאלען האט זיך דאָרטען ניט געפיהלט גוט ; זיא איז געווען צו פיעל צולאָזט. אין דיא שפּיעל־שטונדען פלעגט זיא זיך צוכאפּען צום שפּיעלען מיט אזא אינפּעט, אז זיא האט אין גאנצען בלאמירט דעם הויכען בערוף פון דעם פאנסיאָן. ווען איהר פאָטער וואלט איהר ערצויגען, וואלט זיא ארויסגעקומען אָפענהערציג, עהרליך און בראַוו. נאר דא האט זיא זיך אויסגעלערנט אלע מדות פון א פרוי. אָנפאנגס איז זיא ניט געפעלען געווארען איהרע חברתעס מיט איהר מאכען מיט דיא הענד, מיט איהר קלינגענדען קול, ווייל יענע צעהן־יאהריגע לאלקעס (פופען) זיינען שוין געווען זעהר קלוג און האבען שוין געוואוסט וויא זיך צו היטען, אז אפילו א קנייטשעלע פון זייער קליידעלע זאל ניט פערלירען דיא פאָרמע. זיי האבען זיך געשפּיעלט זעהר ווענינ און האבען געשפּאצירט איבער דיא גאָרטענס מיט דיא גרויסארטיגע מינע פון ערוואקסענע פרויען פון דיא הויכע קרייזען, און האבען שוין בענענענט אינגלאך פון זייערע יאָהרען, וועלכע האבען זיי צוגעוואָרפען קוסען מיט דיא שפּיץ פינגער פון זייערע הענד אין האנדשוה.

מאנדאלען האט פיעל געלערנט פון איהרע חברתעס און ווען זיא איז געווא-רען עלטער, האט זיא זיך צוגעהערט מיט געשפּאנטע נייגיערדע צו אלץ, וואס זיי האבען דערצעהלט.

דאס שלימסטע איז געווען, דיעזע קליינע בעשעפּענעסען האבען פריי גערעדט צווישען זיך פון דיא אינגלאך, וואס זיי האבען בעגעגענט, וועהרענד זיי זיינען געווען צו בעזוך אין דער היים. זיי האבען געשריעבען בריעף צו אויסגעטראכטע געליעבטע און האבען דיא בריעף געלעזט אין דער הויף און דערנאך פערניכטעט. אין דיעזע בריעף האבען זיי אָפט אויסגעשפּראָכען זייער וואונש, אז עמיצער זאל מיט זיי א מאָל אנטלויפען ביי נאכט. אזעלכע געשפּרעכען האבען גאר ניט געשאדט דיא קליינע לייכטזיניגע בעשעפּענישען ; נאר מאנדאלען איז געווען גאר פון אנדער שטאָף און זיי האבען אויף איהר געמאכט א שטארקען איינפלוס, וואס האט זיך געלאזט פיהלען שפּעטער אין איהר לעבען.

פערא׳ם טאָכטער האט גע׳ירש׳עט פון איהר פאָטער א קלארען פערשטאנד און א לאָגישען קאָפּ, און ווערענדיג עלטער, האט זיא געזוכט צו פארמירען איהרע אידעען אויף דעם פונדאמענט, וואס זיא האט געבויט אין פאנסיאָן. זיא האט ארויסגעטראגען פון דיא געשפּרעכען מיט איהרע פריינדינען, אז עס איז רעכט צו

ליעבען וועלכען מאנספערזאן עס איז, אז איינער איז נים ערגער פון דעם צווייטען. דאס
אָרט היירא͏ט האט מען זעלטען געהערט צווישען איהרע חברתעס און אזוי וויא
מאנדאלענס אידעען זיינען געווען איינפאך, האט זיא זיך פאָרגעשטעלט, אז מען
קען אויסקלייבען א געליעבטען אין גאס און אוועקגעהן מיט איהם געארמט. זיא
זיא האט מיט איהרע חברתעס גערעדט פון ליעבע, וויא פון א טואלעט און האט
געזאָגט דאס זעלבע, וואס זיי, אז ווען זיא וועט האבען א געליעבטען, מוז ער אנט־
לויפען מיט איהר.

שפעטער, ווען זיא האט שוין עפּעס ערפאהרען אין לעבען, פלעגט זיא ־־מייכ־
לען, ווען זיא פלעגט זיך דערמאָנען וועגען איהרע קינדערשע געדאנקען, דאך טיעף
אין איהר זעלע איז אויף איטער פערבליבען דיא אידעע, אז עס איז לאָגיש או
עהרליך צו זאגען צו א מאָנספערזאָן, אז דוא ליעבסט איהם, ווען דוא פיהלסט
אזוי.

אזא כאראקטער וויא איהרער האט געקענט ווערען גאָבעל און שטארק, ווען
זיא זאל זיך ערציהען אונטער אנדערע אומשטענדען. ביי א גוטע ערציהונג וואלט
זיא געקענט קעמפפען מיט דער שוואכקייט, וואס זיא האט גע׳ירש׳עט פון איהר
מוטער, און איהר לעבען וואלט געווען גאר אן אנדערעס. נאר דיא ערציהונג אין
פענסיאָן האט אין איהר מעהר ענטוויקעלט צו שוואכקייט. איהרע לעהרערקעס
דינען נים געפעלען געוואָרען איהרע אָפענע אינגעלשע מאנירען און האבען געזוכט
צו מאָכען פון איהר א פערשטעלטע, היפּאָקריטישע מיידעל, און אויב זיי איז דאס
נים געלונגען אין גאנצען, איז דאס ווייל איהר נאטור האט זיך נים געלאזט אין
גאנצען ברעכען. יעדען טאָג פלעגט זיא הערען דיא שפּרוך:

— זיי נים אזוי גראָב און אזוי ענערגיש. זיי צארטער און לאנגזאמער מיט
דייטע בעוועגונגען און מיט דיין ריידען. דאס וועט זיין פיעל גראציעזער.

— זיא האט פערלאָרען איהר ענערגיע און האט קיין זאך אנשטאט דעם
נים ערוואָרבען. זיא האט קיין מאָל נים בעגריפען דיא פליכטען פון א פרוי, נאר
איהר ליעבע צו עהרליכקייט און אפענקייט, האט איהר קיין מאל נים פערלאזען. זיא
האט געוואָלט געהן צו איהר ציעל גלייך וויא א מאן, נאר דיא זעלטזאמע שוואכ־
קייט, וואס פלעגט איהר בעפאלען צייטענווייז, האט איהר נים צוגעלאזט. זיא האט
קיין מאל נים געזאגט קיין ליגען און איז געווען שטארק גענוג צו שטארבען פון
שאנדע, ווען דער טאָג זאל א מאל קומען, ווען זיא זאל בעגעהן עפּעס א נידער־
טרעכטיגקייט.

איהר אפּיקון לאָבּרישא איז צו איהר געקומען זעלטען און ווען ער איז גער

קומען זעהן איהר, האט ער איהר נאר א גלעט געטהאָן אין בעקיל און געזאָגט, אז זיא זאל זיין א גוטע מיידעל. א מוטער וואלט אויסגעפונען און פעררינכט דיא פעהלער'ן. זיא האט אבער ניט געהאט, ווער עס זאל איהר ווייזען דעם וועג. איהרע חברתעס האבען פערבראכט דוא זונטאגדיגע טעג מיט זייערע עלטערן און אויף אזא אויפן האבען זיי עפעס געקענט פון לעבען. זיא אבער איז קיין מאל פון פאנסיאָן ניט ארויס געגאנגען אפילו אין וואקאציע-צייט (וואקיישאָן).

ניין יאהר זיינען אזוי אריבער. מאגדאלען איז אלט געווארען פופצעהן יאָהר און האט געוואוסט אביסעל מוזיק, האט געקענט טאנצען, מאָלען אין וואסער-קאָלי-רען, אויסנייהען אין אלערליי ארטען, נאר זיא האט ניט געקענט פערזיימען א האנדטוך און אויסבעטען איהר איינענע בעט.

III.

ווען מאגדאלען איז אלט געווארען פופצעהן יאהר, האט לאָברישאַ אנגע-בען קומען צו איהר געוואָהר ווערען כמעט יעדען טאג, ענדליך האט ער זיא גענומען אויב זיא וויל פערלאָזען דעם פאנסיאָן. זיא האט זיך ניט געיאָגט שטאַרק ארויס-צוטרעטען אין דער וועלט, נאר דיא זיסליבע שטימען פון איהרע לעהרערקעס און דיא נעקינסטעלטע מאנירען און גראַציעס פון איהרע חברתעס זיינען איהר פערהאסט געווארען. און דאריבער האט זיא געענטפערט איהר אפיקון, אז זיא איז פארטיג ארויסצוגעהן פון פאנסיאָן יעדע מינוט.

אויפ'ן צווייטען טאג איז זיא מיט איהרע זאכען אוועקגעפאָהרען אין א הויז וואס לאָברישאַ האט ניט לאנג געקויפט אונטער דער שטאדט.

דער אפיקון האט געהאט א געוויסען פראָיעקט, ער האט זיך צוריקגעצויגען פון זיינע געשעפטען צו זעכציג יאָהר. איבער דרייסיג יאָהר האט ער געפיהרט זעהר אַן אונבעקוועמעס לעבען, ניט וויסענדיג וואס הייסט גוט עסען און וואס הייסט א פרויענצימער געזעלשאפט. אזוי וויא פערא האט ער אויך ליעב געהאט ארבייטען נאר ער האט אבגעלעגט צו געניסען פערגנינגען פון לעבען, ווען ער וועט ווערען רייך. יעצט יענער טאָג איז געקומען, האט ער געקויפט א שיינע הויז, האט געדונגען א קעכער און האט זיך פאַרגענומען חתונה צו האבען מיט דער טאָכטער פון זיין אלטען פריינד.

מאגדאלען האט געהאט ווענינ געלד, נאד דערפאר זעהר שעהן, און אויסער דעם האט ער געהאט געננג צייט זיך צו בעטראכטען. זיא איז נאך געווען זעהר יונג און ער האט נאך גוט געוואלט מיישב זיין זיך. פיער יאָהר לאנג האט זיא געלעבט

ביי איהם רוהיג; אמת, זיא האט אויסגעביטען איין געפענגניס אויפ'ן צווייטען, נאָר זיא האט גאר ניט געהאט צו איהר אפיקון, וואס האט פון איהר קיין מאל קיין אויג ניט אראָבגעלאָזט. זיא האט געשיינט ניט צו האבען קיין לוסט ארויסצוגעהן ערגעץ, און האט צופריעדען פערבראכט איהרע טעג ביים שטיקען. לאָברישאָ איז געווען זעהר צערטליך צו איהר; ער האט אָפט גענומען איהרע שלאנקע הענד אין זיינע און האט איהר געקוסט אין איהר ליכטיגען שטערן.

זיא האט רוהיג צוגענומען זיינע לאסקעס, נאר א מאָל ווען דער אלטער מאן האט זיך פערגעסען און האט איהר א קוס געטהאָן אין דיא ליפען, האט זיא איהם מיט שרעק אבגעשטויסען און האט איהם דערנאך שטארק אויסגעזידעלט.

ווען ער וואלט איהר ניט געווען בעליידיגט, וואלט זיא אפשר מיט איהם חתונה געהאט מיט דער צייט, נאר איצט האט זיא איהם רוהיג געזאגט, אז זיא וועט א נאכט ניט שלאָפען מיט איהם אונטער איין דאך און איז ארוים פון שטוב.

ווען לאָברישאָ איז געבליבען אליין האט ער בעגריפען דעם שרעקליכען פעהלער, וואס ער איז בעגאנגען, ווייל ער האט גוט געקענט מאגדאלען און האט געוואוסט, אז זיא וועט האלטען איהר וואָרט.

ער איז געווען גערעכט. מאגדאלען האט פערלאזען דיא הויז נאך האלבער נאכט; זיא איז געגאנגען אין דער ריכטונג צום טייך סענא און האט געזאגט צו זיך, אז זיא וועט אזוי ארומגעהן א גאנצע נאכט און אין דער פריה וועט זיא דינגען א צימער. זיא איז געווען זעהר טרויעריג און ביים געדאנקען וועגען דעם אלטען אפיקון איז איהר דאס לעבען נמאוס געווארען.

זיא האט גענומען געהן אין איין אנדער גאס, אום אויסצומיידען א גאנצע חברה סטודענטען, וואס זיינען געקומען איהר אנטקעגען און האבען דיא קופט פול געמאכט מיט זייערע קולות. באלד האט זיא זיך ארומגעזעהן, אז מען פערפאלגט איהר און זיא האט אנגעהויבען צו געהן גיכער. נאר דער מאן, וואס איז איהר נאכגעגאנגען, האט אויך געטהאָן דאס זעלבע און אין גיכען האט ער איהר אָנגעיאָגט.

זיא האט זיך צו איהם אומגעקעהרט און מיט דער אפענהערציגקייט, וואס איז געלעגען אין איהר נאטור, האט זיא איהם אין קורצען דערצעהלט איהר געשיבטע. ער האט איהר געגעבען זיין ארם און האט איהר איידעל געראטהען, זיא זאל אננעהמען זיין גאסט-פריינדשאפט.

דער יונגער מאן איז געווען פון הויכען וואוקס מיט א קלוגע און אנגענעהמע

געזוכט. מאַגדאַלען האָט א מינוט געקוקט אויף איהם שטום, דאַן האָט זיא צר־טרויליך אָנגענומען זיין ארם.

ער האָט געוואוינט אין א צימער אונטער'ן דאַך און האָט איהר געזאָגט, אז ער טרעט איהר אָב זיין בעט און אליין וועט ער שלאָפען ביי א חבר א סטודענט אין איין אנדער צימער. מאַגדאַלען האָט זיך א ווייל געשלאָגען מיט דער דעה. זיא האָט געזעהן ליולקעס (פייפס) און שווערדען אויף דיא ווענד און האָט בע־מערקט א פאָאר פרויענצימערס האנדשוה אויפ'ן טיש.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט מאַגדאַלען אויסגעפונען אז זיא איז דעם סטודענטס געליעבטע. און ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אז דיא געשיכטע, וואס זיא האָט איהם דערציילט איז אן אמתע, איז ער געווען פערוואונדערט. ער האָט פריהער גע־דענקט, אז דאָס איז איין אויסגעקלערטע געשיכטע, וויא עס טהוען אָפט דיא נאַכט־וואַנדלערינס. און דאָס האָט איהם מעהר געפיינינט, וויא געפרייט, ווייל ער האָט געדענקט צו געבען איהר נאָר דיא נאַסט־פריינדליכקייט אויף א נאַכט און צוריק שיקען איהר אין דער פריה.

— מיין ארים קינד, האָט ער צו איהר געזאָגט טרויעריג, פערגיעב מיך און פערגעס מיך. אין עטליכע וואָכען ארום דאַרף איך פערלאָזען פראַנקרייך און איך ווייס נים, צו איך וועל ווען אומקעהרען זיך צוריק.

דיא האָט א פאָאר מינוט געקלערט, וואָס צו טהון און האָט דאַן געזאָגט:

— לאָז מיר זיין דאָ אַזוי לאַנג, וויא דוא בלייבסט אין פאַריז, דאָס וועט זיין פיעל אנשטענדיגער.

דיא נאַאיווימעט, דיא תמימות פון דיא לעצטע ווערטער האָט איהם זעהר געריהרט. ער האָט גום געוואוסט, אז ער האָט זיך זעהר פערשולדיגט נעגען דיזען קינד. ער האָט איהר ארומגענומען און געזאָגט פריינדליך, אז זיא קען זיך פיהלען, וויא אין דער היים.

דעם זעלבען טאָג איז מאַגדאַלען אוועק צום אָפעקון נאָך איהרע זאַכען און האָט איהם קאַלט געזאָגט, וואָס זיא דענקט פון איהם. מורא האַבענדיג פאַר א סקאַנדאַל, האָט דער אלטער איהר געגעבען דיא זאַכען און דיא פּאַפּירען, וועלכע האָבען איהר פערזיכערט דיא צוויי טויזענד פראַנק א יאָהר.

דאָס געלד האָט איהר פערשאַפט גרויסע פרייד, דען דאָס האָט איהר ער־לויבט צו בלייבען מיט איהר געליעבטען און ניט פיהלען זיך פערקויפט צו איהם.

אבענדצייט איז זיא שוין געזעסען אין איהר נייע וואוינונג ביי איהר שטיקעריי און האָט זיך געפיהלט גאַנץ היימיש. זיא איז ניט רויט געווארען, ווען זיא האָט

נעטראכט פון דיא לעצטע פיער און צוואנציג שטונדען. זיא האט נאך ניט געקענט בעגרייפען דיא שרעקליכע פּלאנען, דיא צוקונפט איז געווען פערהילט, פערדעקט, פערשלייערט פאר איהר.

איהר געליעבטער האט ניט געהאט פאר איהר מעהר רעספעקט, וויא מענער האבען געוואוינליך אין א זעלבע פעלע. נאר ער איז געווען ביז א געוויסער שטופע גוטמוטהיג, האט ניך פערגעסען זיינע געוויסענס־ביסע און האט זיך אויפגעהערט צו קימערן, וואס וועט זיין מיט איהר. ביי א געוויסען גראד איז זיא איהם געפעהלען געווען; זיא איז געווען שיין און ער איז געווען שטאלץ צו ווייזען איהר זיינע פריינד.

פיעל זאכען וואלטען איהר פיליכט ניט געווען געפעלען, ווען זיא זאל איהם ניט ליעב האבען אזוי שטארק. ער איז געווען לייכטזיניג און פרייליך און האט איהר געמאכט לאכען וויא א קינד פון אזעלכע זאכען, וואס האבען איהר בעליידיגט. אהן איהר וויסען איז איהר נאטור קארופּטירט געווארען און האט זיך ארייגעצויגען אין איהר שאנדע.

דער סטודענט האט געענדיגט זיין שטודיום און האט געקריגען א שמעלע פון א דאקטאר אין דיא ארמיי און האט יעדען טאג ערווארט א בעפעהל צו פאהרען. נאר מאנאטען זיינען אריבער און ער האט קיין בעפעהל ניט ערהאלטען. דערווייל האט מאגדאלען יעדען טאג ערווארטעט אז מארגען וועט זיא ווערן אן אלמנה. אנפאנגס האט זיא געדענקט, אז זיא וועט מיט איהם בלייבען נאר א פּאר וואכען, נאר דאס האט אנגעהאלטען א יאהר. דיא ערשטע צייט האט זיא צו איהם געפיהלט נאר א פריינדשאפט, דערנאך האט זיא אנגעהויבען מורא צו האבען פאר זיין אוועקפאהרען, ער איז געווארען א טהייל פון איהר לעבען און נויטהיג פאר איהר גליק, אבוואהל זיא האט ניט געפיהלט צו איהם קיין ליידענשאפטליכע ליעבע.

א מאל האט זיא בעגלייט דאס ווייב פון א פערריקטען סטודענט אויפ'ן לאנד. זיא האט געהייסען לואיזע און האט געהאט מיט'ן סטודענט א קינד, וועלכעס האט זיך געפונען ביי אן אם א פּאר מייל פון פּאריז און וועלכעס זיא איז געפאהרען זעהן.

זיצענדיג מיט איהר אין וואגאן אויפ'ן וועג צוריק נאך פּאריז, האט זיא ניט געקענט פערגעסען דעם איינדרוק פון דער סצענע, וואס זיא האט בייגעוואהנט צווישען דער מוטער און קינד. זיא האט פּלוצים פערשטאנען איהרע איינענע לאגע. זיא איז געווען אונגעדולדיג צו זעהן וואס גיכער איהר געליעבטען און בעטען איהם, אויף דיא קניע, ער זאל מיט איהר חתונה האבען.

זיא איז אריינגעלאָפען אויף דיא טרעפ אין גרויס האסט און ווען זיא האט געעפענט דיא טהיר איז זיא געבליעבען שטעהן פערוואונדערט. זשאק איז געשטאנען אויף דיא קניע און האט איינגעפּאקט דיא זאכען אין א קאסטען. ביי דער זייט איז געשטאנען א האלב פערפּאקטער טשעמאָדאן און נאך א קאסטען איז שוין געווען פערשלאָגען. מאנדאלענעס קליידער און זאכען זיינען געווען אָנגעוואָרפען אויפ׳ן בעט.

זשאק האט געקריגען דעם ערווארטעטען בעפעהל אזוי גיך, וויא מאנדאלען איז ארויסגעפאָהרען מיט לואיזען, און האט אזוי גיך וויא מעגליך געזוכט צו פערפאקען דיא זאכען, האפענדיג, אז איהם וועט געלינגען צו פערלאזען זיין וואוינונג, נאך איידער זיא וועט קומען. ער האט געגלויבט, אז דאס וועט זיין דער פעסטער וועג צו זעגענען זיך מיט איהר און ער וועט איהר שרייבען א בריעף און ערקלערן אלץ.

ווען ער האט זיך אבגעקעהרט פון קאסטען און דערזעהן איהר, האט ער ניט געקענט איינהאלטען ניט צו מאכען אן אונגעדולדיגע בעוועגונג. נאר ער האט זיך אויפגעהויבען און איז איהר אנטקעגען געגאנגען מיט א געצוואונגענעם שמייכעל.

— מיין ארם קינד, האט ער געזאגט און א קוש געטהאָן איהר. מיין שטונדע איז שוין געקומען. איך האב געוואלט אָבפאָהרען און ניט זעגענען זיך מיט דיר, אום אויסצומיידען א ביטערע סצענע פאר אונז ביידען.

מאנדאלען איז אראבגעזונקען אויף א שטוהל. זיא איז געווען זעהר בלייך און האט געקוקט דא אויף דיא קאסטענס און דא אויף איהרע אייגענע זאכען, וויא זיי זיינען געווען אָנגעוואָרפען אויפ׳ן בעט. זיא איז שוין איצט מעהר גאר ניט פאר איהר געליעבטען.

ער האט פערשלאָסען זיין לעצטען קאסטען.

— זיי שיקען מיך אוועק אזוי וויט וויא מעגליך, האט ער געזאגט און געפּרובט לאכען. איך פאָהר נאך קאָבין-כינא.

מאנדאלען האט ענדליך געפונען דיא שפּראך.

— זעהר גוט, האט זיא געענטפערט מיט א הייזעריגען קול. איך וועל געהן מיט דיר צום וואָקזאל (באהן).

זיא האט געפיהלט, אז זיא האט קיין רעכט ניט צו מאכען איהם אירגענד וועלכע פאָרווירפע. ער האט איהר פריהער געוואָרענט, נאר זיא אליין האט געוואלט פערבלייבען ביי איהם, נאר דאך האט זיא געפיהלט, אז זיא וואָלט זיך גערן גע

ווארפען צו איהם אויפ'ן האלז און בעטען איהם, ער זאל בלייבען. איהר שטאלץ אבער האט איהר צונעשמידט צום שטוהל און זיא האט זיך קיין ריהר ניט געטהאן. זיא האט נעוואָכט ערשיינען רוהיג און ניט ארויסווייזען דעם יונגען מאן, וואס האט פריילאך נעפייפט מיט'ן מויל, וויא שטארק זיא ליידעט.

פארנאכט זיינען נעקומען זיינע פריינד צו בעגלייטען איהם. מאגדאלען האט נעשטייבעלט און איהר נעליעבטער, ווען עס איז גריננער געווארען אויפ'ן הארצען פון איהר שמייכעל, האט אנגעהויבען צו שפאסען און צו לאכען. ער האט קיין מאל ניט נעפיהלט צו איהר מעהר וויא א שטארקע פריינדשאפט, און איהם האט געפרייט, וואס ער זעהט איהר אזוי רוהיג.

ווען דער צוג האט שוין נעהאלטען אין אבנעהן איז ער נעווען שלעכט געגונג, אליין ניט וויסענדיג, וואס ער טהוט, און נעזאגט איהר:

— מיין קינד, איך הייס דיר ניט, דוא זאלסט אויף מיר ווארטען. טרייסט זיך וויא דוא קענסט און פערגעס מיך.

ער איז אוועק. אויף מאגדאלענ'ס ליפען האט נעשפיעלט א זעלטזאמער טרויעריגער שמייכעל און זיא איז לאנגזאם אוועק פון וואקזאל. זיא האט נאר ניט בעמערקט, וויא איינער פון זשאק'ס חברים איז נעגאנגען ביי איהר זייט, און האט ניט געהערט פון פערצווייפלונג, וואס ער רעדט צו איהר.

פלוצים האט זיא פערשטאנען, וואס ער מיינט, און האט א שטויס געטהאן זיין ארם מיט א בעוועגונג, וואס האט אויסגעדריקט א שרעקליכע פעראכטונג. זיא האט זיך נעאיילט צו איהר וואוינונג און האט זיך פערשלאסען אין איהר צימער.

זיא האט נאך קיין מאל ניט פערשטאנען, וויא שרעקליך איהר לאגע איז, וויא איצט. מען לאזט איהר אפילו ניט אויסוויינען זיך. עס שיינט, אז זיי דענקען, אז זיא קען פערגעסען איהר נעליעבטען אזוי גיך. וויא נור ער האט אבנעווענדט פון איהר זיין רוקען.

זיא האט נאך געפיהלט זיינע קוסען אויף איהרע ליפען און זיא האט נעזאגט אז זיי וועלען דארטען ברענען אויביג.

מיט דיא טרערען אויף דיא אויגען האט זיא זיך נעגעבען א שבועה, אז זיא וועט אויביג בלייבען אן אלמנה

דיזע נאכט איז זיא שוין ניט נעשלאפען אין יענעם צימער. זיא האט זיך גלייך אריבערנעצויגען אין אן אנדער האטעל אויף אן אנדער גאס. זיא האט דארטען פערבראכט אין איינזאמקייט און פערצווייפלונג צוויי חדשים לאנג. זיא האט

ערענקט איינצושליסען זיך אין א קלויסטער, נאר דערצו האט זיא ניט געהאט גענוג גלויבען.

מען האט איהר אין איהר קינדהייט ניט געלערנט ליעב צו האבען גאָט.

אין דער צייט האט זיא זיך בעגעגענט מיט וויליאמען.

IV.

וועטייל איז א קליין שטעדטיל וואס צעהלט צעהן טויזענד איינוואהנער און געפינט זיך אויפ'ן גרענעץ פון נארמאנדיע. דיא גאסען זיינען ריין, איינזאם און שטיל. צום אייזענבאהן דארף מען פון דארטען פאהרען פינף מייל פער אקס.

דיא עבענע, דער פליין ארום שטאדט איז זעהר פרוכטבאר, גרויסע לאַנקעס ארומגערינגעלט מיט הויכע בוימער מאכען א פיינעם אויסזעהן.

אין דיזען איינזאמען פּלאץ איז געבארען געווארען וויליאם. זיין פאטער גראף דע וויארג איז געוועזען איינער פון דיא לעצטע פארשטעהער פון דעם אלטען אדעל. ער איז געבארען געווארען אין דייטשלאנד אין דער צייט פון דער עמיגראצ־יאָן, ווען דיא פראנצויזישע אריסטאקראטען זיינען אנטלאפען פון פראנקרייך, מורא האבענדיג פאר דער קומענדער רעוואָלוציאָן, און איז צוריק געקומען אין פראנקרייך מיט דער קייזערליכע פאמיליע דיא בורבאָנען: וויא אין א פרעמדען פיינדליכען לאנד. זיין מוטער איז פערטריבען געווארען פון פראנקרייך און איז גע־שטארבען אין בערלין. זיין פאטער איז געשטארבען אויפ'ן עשאפאָט אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן. ער האט ניט געקענט פערגעבען דער ערד, וואס האט איינ־געזויגען דאס בלוט פון דער גילאָטינע. דיא בורבאָנען, וואס האבען צוריק ארייננע־נומען דיא מלוכה אין דיא הענד, האבען איהם צוריקגעגעבען דיא גיטער פון זיין פאמיליע און זיין טיטול, נאר ער האט ניט אויפגעהערט צו האסען דאס שרעקליכע פריינקרייך וועלכע ער האט בשום אופן ניט געוואלט אנערקענען פאר זיין פאטער־לאנד. ער האט זיך לעבעדיג בעגראבען אין וועטייל און אבגעזאגט זיך צו נעהמען א שטעלע ביים האָף, וואס לואיס דער XVIII און קארל דער X האבען איהם אנגעבאָטען. ער האט ניט געוואלט אננעהמען קיין זאך פון א פאלק, וואס האט ערמארדעט זיינע עלטערן.

ער האט אפט ערקלערט, אז ער איז ניט קיין פראנצויז, האט גערופען דיא דייטשען זיינע לאַנדס־לייט און האט געזאגט, אז ער לעבט אין גלות.

ער איז נאך געוועזען זעהר יונג, ווען ער האט זיך צוריקגעקעהרט אין פראנק־רייך, און איהם איז געוועזען זעהר אומעדיג אין דעם ליידיגען לעבען וואס ער האט

געפיהרט. ער האט זיך אנגעהויבען אבצוגעבען מיט בעמיע. ער איז געווען א זעלטזאמער געלעהרטער: ער האט נאר געלערנט פאר זיך אליין, נאר צו פערטרייבען דיא צייט. דעם גרויסען זאלאן אין זיין שלאס, וואס האט זיך געפונען פינף מינוט גאנג פון שטעדטיל, האט ער פערוואנדעלט אין א לאבאראטאריע.

אין דיזען צימער האט ער פערבראכט גאנצע טעג, אהער האט קיינער ניט געטארט אריינקומען צו איהם און קיינער האט ניט געטארט ריידען מיט איהם פון זיין בעשעפטיגונג. דיא בעדיענטע האט ער שטרענג פערבאטען ארויסצוטראגען פון שלאס דיא מינדעסטע זאך, וואס האט געקענט ווארפען א ליכט, וויא ער פערברענגט דיא צייט.

מעהר וויא פערציג יאהר האט ער פערבראכט זיינע פריהמארגענס אין זיין לאבאראטאריע און דא האט ער פערגעסען פראנקרייך, פערגעסען דיא גילאטינע, וואו זיין פאטער האט פערלארען דעם קאפ. פערגעסען, אז זיין מוטער איז בעגראבען אויף א פרעמדען בית עולם אין א פרעמדען לאנד, און ביסלעכווייז האט זיך דער ליידענשאפטליכער העדר פערוואנדעלט אין א קאלטען און שטאלצען סקעפטיק, צווייפלער. דער געלעהרטער האט אוועק געהרגע'ט אין איהם דעם מאן.

קיין מענשליכעס וועזען האט איהם ניט פערשטאנען. קיינער פון דיא, וואס האבען איהם ארומגערינגעלט, האט ניט פערשטאנען, וואס פאר א לעדיגקייט פוסטקייט עס הערשט אין זיין הארצען.

נאר איין מאל האט א בליץ געטהאן ביי איהם אין הארצען, א שעהנע יונגע פראווינציאלקע, אן אדוואקאט'ס א פרוי אין זיין שטעדטיל האט זיך כמעט ארויפגעווארפען איהם אויפ'ן האלז. ער איז דאטאלס אלט געווען פיערציג יאהר און איהם האט נאר וועניג געארט, וואס זיינע שכנים וועלען דענקען פון איהם און האט איהר אריינגענומען צו זיך אין שלאס. אין שטעדטיל איז געווארען א שרעקליכער סקאנדאל און מען האט איהם געוואלט פערשטיינען. נאר דער מאן אויס מורא ער זאל ניט פערלירען זיין פראקטיק האט פערשטאפט דיא אויערען און פערמאכט דיא אויגען צוויי יאהר לאנג און האט זיך געמאכט, וויא ער וויים פון קיין זאך ניט און אזוי וויא זיין ווייב איז נאר מיט א וויזיט ביי זייער פריינד דעם גראף.

אין שלאס האט זיא געהאט א קינד, נאר אין א פאר מאנאט נאכ'ן געבורט האט זיא פערלאזען דעם שלאס און דאס קינד און האט זיך צוריקגעקעהרט צו

איהר מאן, דען דארטען איז איהר געווען צו אומעדיג ווייל דער גראף האט פערבראכט א העלפט פון זיין צייט אין דער לאבאראטאריע.

דער גראף האט דאס צוגענומען זעהר קאלט און האט זיך נאך איהר ניט נעיאנט. דער אדוואקאט האט איהר צוריקגענומען גאנץ גלייכגילטיג, און פון דער צייט האט זיא אנגעהויבען צו פיהרען אן אנשטענדיג לעבען, נאר דאס שטעדטיל האט דעם סקאנדאל קיין מאל ניט פערגעסען און קיין מאל ניט פערגעבען.

ווילליאם איז געווען דאס קינד, וואס איז נעבארען געווארען פון דיזער פערבאטענער ליעבע. זיין פאטער האט איהם צוגענומען מיט דער זעלבער גלייכגילטינקייט, וויא ער האט צוגענומען זיין מוטער, פיהלענדיג א מין ארט פעראכטונג צוביידען. ער האט איהם געהאלטען ביי זיך אין שלאס, כדי מען זאל ניט זאגען, אז ער וויל בעהאלטען דיא שפורען פון זיין שלעכטער אויפפיהרונג, נאר ער האט איהם געזעהן אזוי זעלטען, וויא נאר מעגליך, ווייל דיא עראינערונגען וועגען דער מוטער איז פאר איהם ניט געווען זעהר אנגענעהם.

דאס ארים קליין אינגעל איז אויסגעוואקסען אין איינזאמקייט; זיין מוטער האט קיין מאל ניט געפרובט איינצורעדען איהר מאן, ער זאל פערלאזען דאס שטעדטיל, נאר דערפאר האט זיא אויך קיין מאל ניט געזוכט צו זעהן איהר קינד. זיא האט ענדליך בעגריפען דיא משוגעת פון איהר אויפפיהרונג און האט געציטערט פאר דיא פאלגען, וואס האט דערפון געקענט ארויסקומען.

דיא פלאץ פון א מוטער האט ביי וויליאמען פערטראטען אן אלטע דיענסט זשענעוויוו. זיא איז אויפגעהאדעוועט געווארען אין שלאס מיט'ן גראפ'ס מוטער און האט מיט איהר צוזאמען עמיגרירט. ווען דער גראף האט זיך צוריקגעקעהרט אין פראנקרייך נאך זיין מוטער'ס טוידט, האט ער דיא דיענסט מיטגענומען, און זיא האט געפיהרט דיא גאנצע ווירטהשאפט. זיא איז געווען פון דער רעפארמירטער קירכע און איז געווען אזוי פאנאטיש, וויא יעדער פון דיא קאלוואניסטען, *) ועמעס בלוט עס האט געפליסט אין איהרע אדערן.

זיא איז געווען א הויכע און א דארע מיט איינגעגראבענע אויגען און אן אויסגעבויגענע נאז און האט דערמאנט אן דיא מכשפות, וואס מען זעהט אויף

---

*) קאלוואניסטען זיינען תלמידים פון דעם פראנצויזישען רעפארמאטאר זשאהן קאלווין (געבארען 1509, געשטארבען 1564) ביי דיזען רעפארמאטאר בעקומט גאט זעהר א בייזען פנים, וואס ווייס ניט וואס הייסט מוחל זיין פאר איין עברה, און איז נאך בייזער פון דעם אידישען אל קנא ונוקם.

דיא אלטע בילדער. זיא האט מיט זיך שטענדיג ארומגעטראגען א גרויסע ביבעל מיט א רוקען פון אייזען כדי דער בונד זאל בעסער האלטען. זיא האט דיא ביבעל געלייענט אין דער פריה און ביי נאכט און האט געהאט פערגנינגען פון דיא מורא־דיגע ווערטער, וואס דער שרעקליכער גאָט פון דיא אידען האט געשליידערט אויף זיין פאָלק ישראל.

דער גראף האט געדולדעט איהרע קאפריזען, ווייל ער האט געוואוסט איהר עהרליכקייט און אז זיא וועט ניט טהאן א זאך, וואס איז ניט רעכט. אויסער דעם האט ער אויף איהר געקוקט וויא אויף א היילינגען אנדענקונג פון זיין מוטער. זיא איז געווען מעהר אן אלמעכטיגע ווירטהין אין הויז וויא א דיענסט.

זיא איז שוין אלט געווען איבער זיבעציג יאהר און דאך האט זיא נאך גע־הערשט איבער'ן גאנצען שלאָס און האט ארויסגעגעבען צו דיא בעדיענטע איהרע בעפעהלען. זיא האט שטארק ליעב געהאט אנצואווארפען אויף זיי שווערע ארבייט און האט אליין געטהאן איהר טהייל ארבייט מיט דער ענערגיע פון א פרוי, וואס האט קיין מאל ניט געוואוסט, וואס הייסט צו זיין קראנק.

דיא גרעסטע פערצווייפלונג אין איהר לעבען איז געווען, וואס דער גראף האט זיך פערנומען מיט כעמיע. זיא האט געגלויבט פון גאנצען הארצען, אז ער ווערט א מכשף און ווען זיא פלעגט פערביינעהן פערביי זיין פערשלאָסענע טהיר און האט געהערט דעם גערויש פון דעם בלאָז־זאק, פלעגט זיא פערברעכען דיא הענד מיט שרעק, ווייל זיא האט געגלויבט אז מיט'ן בלאָזען צופלאמט ער מעהר דיא פייערן פון גהינם.

א מאל ווען דיא טהיר פון סאלאָן אדער ריכטיגער געזאגט פון דער לאָבאָ־ראטאָריע איז געווען אָפען, האט זיא געהאט דעם קוראזש אריינצוטרעטען אינער־וועניג און בעשווערען דעם גראף אין דעם נאָמען פון זיין פערשטארבענער מוטער, אז ער זאל אבראטעווען זיין נשמה, אבזאגענדיג זיך פון זיין גאָטלאָזע ארבייט. דער גראף האט איהר צערטליך אנגענומען פאר דיא אקסלען און ארויסגעשטופט איהר פון דער טהיר, זאגענדיג איהר, אז ער וועט זיך איבערבעטען מיט גאט ווען זיין שטונדע וועט קומען צו שטארבען.

פון דעם טאָג אן האט זיא פאר איהם געבעטען טאג און נאכט און האט איהם אָפט געזאגט מיט עקזעלטאציע, מיט א מין התלהבות, אז זיא הערט וויא דער שטן וואנדערט ארום שלאָס יעדע נאכט און אז עס גרייט זיך פאר א גרויס אונגליק פאר זיי. ווען דעם אדוואקאט'ס ווייב איז געקומען אין שלאָס אריין, איז דיא געוואָרען ארגער זיך פאר צאָרן און האט געזאגט, אז זיא וויל ניט פערבלייבען

מיט אזא בעשעפענים אונטער איין דאך, און וועט איהר איבערגעבען איהר פלאץ.

זיא האט געהאלטען ווארט און האט זיך אריבערגעקליבען אין א קליין שטי־בעל, וואס איז געשטאנען ביים עק פון דעם פארק. צוויי יאהר לאנג איז זיא ניט אריבערגעטראטען דעם שוועל פון דעם שלאָס. זיא איז געזעסען טאג און נאכט אין איהר שטיבעל און האט אויפ'ן קול געזאגט תהילים.

דער גראף האט איהר קיין ווארט ניט געזאגט; ער פלעגט איהר אפט בע־זוכען און אויסהערען שטיל און רוהיג איהרע פייערדיגע מוסר.

נאר איין מאל האט ער פערלארען זיין געדולד. ער איז מיט זיין געליעבטע געגאנגען איבערן פארק, פלוצים האט זיך דיא אלטע בעוויזען און האט זיך גע־ווענדט צו זיין געליעבטע מיט א שפראך, וואס האט געגאסען פעך און שוועבעל. דיא סצענע איז געווען א שרעקליכע און עס איז זעהר מעגליך אז דער צאָרן און פעראכטונג פון דער אלטע פרוי האט פערטריבען גיכער דיא געליעבטע וויא עפעס אנדערם.

ווען זיא האט זיך דערוואוסט, אז דער שלאָס איז ריין געווארען פון דער שאנדע, האט זיא זיך צוריקגעקעהרט צו איהר ווירטהשאפט זיא האט דארט גע־פונען דעם קליינעם וויליאם, דער געדאנק וועגען דעם קינד, ווען זיא האט זיך נאך געפונען ביי זיך אין שטיבעל, האט איהר אנגעפיהלט מיט שרעק. זיא האט איהם גערופען „דאס קינד פון זינד" און האט געזאגט, אז גאָט האט איהם געשיקט אויף דער ערד, ער זאל בעשטראפען זיין פאטער. נאר ווען זיא האט דערזעהן דאס איינזאמע פערלאזענע קינד אין זיין ווינקעל, איז איהר דורכגעלאפען א ציטער פון קאָפ ביז דיא פיס. דיא פרוי וואס האט קיין מאל ניט געוואוסט פון דעם גליק, וואס הייסט זיין א מוטער, האט ביי איהר פלוצים ערוואכט דאס געפיהל פון א מוטער און א ווייב.

זיא האט געגלויבט, אז דער שטן אליין וויל איהר דא אונטערשטעלען א פוס און זיא האט זיך מיט איהם געבאָרעט, געראנגעלט, געקעמפפט אזוי לאנג, וויא זיא האט געקענט. נאר דאס איז געווען אומזיסט, זיא האט זיך געמוזט אונ־טערגעבען און האט געכאפט דאס קינד און צוגעדריקט עס צו איהר ברוסט און האט געשווארען צו זיין א מוטער צו דעם קינד.

זיא איז פאר איהם געווען א זעלטזאמע מוטער. איהר ליעבע צו איהם איז געווען פערמישט מיט מיסטרויען. זיא האט יעדעס מאל, ווען זיא האט זיך איינ־געבויגען איבער'ן קינד, געפיהלט אויף איהרע אקסלען דיא נענעל פון דיא ניט

גוטע, זיא פלעגט איהם קוקען אין דיא אויגען, אזוי וויא זיא וואלט ערוואַרט, צו זעהן דאָרט אין דער אונשולדיגע טיעפענים א ליכט פון דעם נהינם, און האט זיך בשום אופן ניט געקענט ארויכשלאגען פון קאָפּ, אז ביז א געוויסען גראַד געהערט דאס קינד צום טייוועל. נאר דאס האט נאָך פערגרעסערט איהר צערטליכקייט צו איהם.

ווען וויליאם איז אלט געוואָרען צוויי יאָהר, האט זיא אוועקגעשיקט זיין אם און האט איהם אין גאנצען גענומען אונטער איהר השגחה. דער גראף האט איהר נעזאָגט מיט א סאַרקאַסטישען שמייכעל, אז ער גיט איהם איבער צו איהר גאָר אין גאנצען און זיא קען איהם ערציהען אין וועלכע רעליגיאָן זיא וויל. איצט האט זיא זיך נאָך מעהר איבערגעגעבען צו איהם מיט דער האפנונג, אז זיא וועט איהם קענען אבראַטעווען פון דעם פייער פון דעם נהינם דורך דעם, וואס זיא וועט איהם מאכען פאַר א גוטען קאַלוואַניסט, און ביז ער איז געוואָרען אכט יאָהר אלט האט זיא איהם געהאַלטען אין איהרע צימערן.

און דערפון איז לייכט צו פערשטעהן, אז וויליאם האט בעקומען אן ערציהונג, וואס האט ערשיטערט זיינע נערווען. דיא קופּט, וואס ער האט געאַטהעמט, איז געווען אנגעפילט מיט רעליגיעזע שרעקען. פון אין דער פריה ביז נאכט האט ער נאָר געהערט איהר רייסענדען קול, וויא זיא האט נעזאָגט תהילים.

ווען זיא פלעגט איהם ארומנעהמען מיט א ליידענשאפטליכע ליעבע, האט זיא איבער איהם פערגאסען ביטערע טרערען, טראַכטענדיג פון דעם שרעקליכען סוף, וואס איהם ערוואַרט אויף יענער וועלט. דאס האט געריסען, געצופּט זיינע נערווען און ער פלעגט זיך אָפט צו וויינען נאָר אהן א שום אורזאכע און גיסען שטונדען לאנג ביטערע טרערען.

ווען ער איז אלט געוואָרען זיעבען יאָהר האט זיא איהם געלערנט דעם אַיף בית אין איהר גרויסע ביבעל. דיא געלע בלעטער, דער אייזערנער בונד פון דעם אַלטען ספר האבען אויף איהם אנגעוואָרפען א שרעק. ער האט ניט פערשטאַנען דיא ווערטער, וועלכע ער האט געשעפּטשעט, נאָר פון דעם שרעקליכען קול, מיט וועלכען זיא האט זיי ארויסגערעדט, איז ער א פערציטערטער געוואָרען, און ער וואָלט פאַר קיין זאך אין דער וועלט ניט אנגעריהרט דיא ביבעל, ווען ער איז געווען אליין.

דיא אַלטע פלעגט שטענדיג רעדען איבער איהם וועגען דעם גיהנם, וועגען דער טומאה און וועגען דעם צאָרן פון גאָט. זיא האט אנגעפילט זיינע טעג מיט אזא שרעק. אז ביי נאכט פלעגט ער איינשלאָפען מיט א געוויין און איהם האט

נעדוכט, אז מען לענט שוין אונטער א פייער אונטער זיין בעט'ל. זיא האט איהם יעדען טאג נעזאגט, אז עס וואלט בעסער געווען פאר איהם, אז ער זאל שטארבען, ווייל דיא וועלט איז זעהר שלעכט. דאך פלעגט ער זיך צייטענווייז ארויסכאפען פון איהרע צימערן און ארומלויפען איבער דיא פערוויסטעטע קארידארען פון דעם פערכאזטען שלאס. נאר ער האט דאס געטהאן מיט גרויס שרעק, מורא האבענדיג ניט צו בעגעגענען זיך אין יעדען ווינקעל מיט דיא ניט-גוטע, פון וועלכע זשענעוויוו האט איהם דערצעהלט.

דעם גארטען האט ער שוין בעסער ליעב געהאט, נאר אפילו דארטען האט איהם דיא מורא ניט אבגעלאזט. צייטענווייז האט ער דארטען בעגעגענט זיין פאטער און פאר איהם האט ער מעהר מורא געהאט, וויא פאר אלעמען.

א מאל האט דער גראף בעגעגענט וויליאמען, ווען ער איז שוין אלט געווען פינף יאהר. דער פאטער האט איהם גענומען אויף דיא הענד, האט איהם געקוקט אין דיא אויגען און מיט ערנסט בעטראכט זיין געזיכט. דאס קינד איז געווען שעהן און ליעבליך אין זיינע ריינע און פרישע קליידער און איז געווען עהנליך צו דעם גראפ'ס מוטער. דיא עהנליכקייט האט דעם גראף געריהרט און ער האט איהם א קוש געטהאן אין ברייטען שטערן.

פון דעם טאג אן האט דער גראף שטענדיג געקושט דאס קינד און האט זיך ביז א געוויסען גראד צוגעבונדען צו איהם. נאר דאס איז ניט געווען גענוג, אז ער זאל געווינען וויליאמ'ס הארץ און וויא נאר וויליאם האט געקענט, איז ער פון איהם אנטלאפען. דער גראף האט געהייסען דער אלטער, אז זיא זאל דאס קינד ערציהען אפען אלס זיין זוהן, און זיא האט פאר איהם פארגעשטעלט דעם פאטער, וויא א שרעקליכען און אלמעכטיגען הערר, און דאס האט אין וויליאמ'ס הערצעל געקענט ערוועקען מעהר מורא אלס ליעבע.

וויליאם איז אויסגעוואקסען אין מורא און אין גלויבען. ווען ער איז אלט געווארען צעהן יאהר, האט איהם דער פאטער געשיקט אין שולע אין שטעדטעל, ווייל ער האט ענדליך אויסגעפונען דיא זעלטזאמע בעגריעפע, וואס דיא אלטע האט אנגעשטאפט אין זיין קאפ און האט איהם מיט דעם געוואלט בעפרייען פון דעם שלעכטען איינפלוס, וואס זיא האט געהאט אויף איהם.

אין שולע האט וויליאם גענומען לערנען דאס לעבען און האט געהאט אויסצושטעהן פערפאלגונגען, רדיפות, נגישות אויף יעדען טריט און שריט.

דיא יאהרען וואס ער האט פערבראכט אין שולע איז געווען פאר איהם א שרעקליכע אבקומעניס, אן אמת'ער חבוט הקבר. דיא קינדער פון שטעדטעל האבען

זיך איצט נוקם געווען אן איהם, האבען זיך אבגערעכענט פאר אלע קריוודעס, פאר אלע עוולות, וואס זייערע עלטערן האבען נעהאט געגען זיין פאטער. זיי האבען אלע געוואוסט, וויא אזוי ער איז געבארען געווארען און האבען דאס געגען דעם אונשולדיגען אינגעל אויסגענוצט.

וויליאם איז דערפון געוואר געווארען אזוי גיך, וויא ער איז אנגעקומען אין שולע. דאס ערסטע מאל וויא ער האט זיך בעוויזען אויפ'ן שפיעל־פלאץ, האבען איהם אלע קינדער ארומגערינגעלט און געפרעגט, וויא ער הייסט. און ווען ער האט צושראקען געענטפערט, אז זיין נאמען איז וויליאם, האבען זיי אויסגעשאסען אין א געלעכטער. ער האט ניט פערשטאנען דיא בעליידיגונג און האט זיך צוואווינט פאר שרעק, שטעהענדיג ארומגערינגעלט פון זיינע שונאים.

פון דעם טאג אן האט זיך אנגעהויבען זיין פייניגונג. דיא שטונדע פון אברוה און שפיעלען זיך איז פאר איהם געווען א שטונדע פון יסורים. מען האט איהם ניט אויפגעהערט צו רופען מיט א בעליידיגענדען נאמען, וואס האט דאס גאנצע בלוט אריינגעטריבען איהם אין פנים, צוואר ער האט אליין ניט געוואוסט פאר וואס.

אלע זיינען געווען געגען איהם, אפילו דיא לעהרערס, וועלכע האבען דערמיט געדענקט אונטערקויפען זיך צו דיא רייכע בירגער פון שטעדטעל, וואס האבען געטראגען א שנאה צום גראף. זיי האבען געשיינט צו האבען פערגניגען אין פייניגען דאס קליינע און שוואכע בעשעפעניס און האבען איהם געהאלטען אין איין בעשטראפען.

וויליאם האט אין גאנצען פערלארען דעם מוטה און פלעגט וויינען דורך האלבע נעכט אין בעטעל, וואו ער איז געשלאפען צווישען דיא איבריגע קינדער. זיינע צרות זיינען נאך געווען גרעסער דערפון, וואס זיין נאטור האט געדורשט נאך ליעבע און פריינדשאפט. און זיינע נערווען האבען שטארק געליטען פון יערע נייע בעליידיגונג.

— וואס האב איך זיי געטהאן, וואס זיי האבען צו מיר אזוי? פלעגט ער שרייען אין דער הויך, און ער פלעגט זיך דערביי דערמאנען אן דער לעהרע פון זשענעוויוו און איהם פלעגט אויסווייזען, אז ביידע רוהות רינגלען איהם ארום און פייניגען איהם.

ער פלעגט זיך נאר אברוהען אין דיא ימים טובים, ווען ער פלעגט זיין אין דער היים. דאמאלס פלעגט ער זיך בעהאלטען אין דיא איינזאמע ווינקלען פון דעם פארק און דארטען פערברענגען דיא גאנצע טעג. פאר'ן פאטער האט ער מורא געהאט זיך צו קלאגען, נאר זשענעוויוו'ן האט ער געפרעגט, וואס דיינע חברים טייטשן

מיט דייערע ווערטער און געזאָגט דערביי, אז איהם וואלט פיעל ליעבער געווען, אז זיי זאלען איהם שלאָגען. זיינענדיג בייז, וואס דער גראף האט איהם צוגענומען פון אונטער איהר השגחה און בעטראכטענדיג איהם דאריבער אלס א פערלאָהרע־נעם אויף אויביג, פלעגט זיא איהם ענטפערן:

— דוא קומסט אב פאר דיא זינד פון דיא שולדיגע.

דאס איינגעל האט ניט געקענט פערשטעהן וואס זיא מיינט, נאר אין איהר מאן איז געוועזן אזוי פיעל צאָרן און ביטערנים, אז ער איז שוין מעהר ניט געקומען קלאָגען זיך פאר איהר.

זיין מרה שחורה האט זיך פערגרעסערט, וואס עלטער ער איז געווארען, ווייל וואס ווייטער האט ער אלץ מעהר פערשטאנען דיא בעליידיגונג, וואס דיא חברים האבען איהם נעשליידערט אין פנים. ער האט זיך דערוואוסט, ווער זיין מוטער איז און וויא מען קוקט אויף איהר. צייטענווייז פלעגט ער זיך ארויף ווארפען אויף זיינע בעליידיגער, וויא א ווילדע בעסטיע, נאר עפטער פלעגט ער זיך אבקערעווען און אויסוויינען זיך ערגעץ אין א ווינקעל.

ווען ער איז אלט געווארען א יאהר פופצעהן איז איהם געשעהן א צופאל, וועלכען ער האט ניט פערגעסען זיין גאנץ לעבען. א מאל, ווען אלע איינגלאך פון שולע האבען מארשירט דורך דער שטאָדט, האבען זיך זיינע חברים אנגעהויבען צו קייכען פאר געלעכטער און איינער האט געזאָגט:

— אט נעהט זיא. דאס איז דיין מוטער!

ער האט אויפגעהויבען דיא אויגען און דערזעהן א פרוי געהן געארעמט מיט א וואהלהאבענדען מאן. איהרע אויגען האבען זיך בעגעגענט מיט זיינע, זיא האט אויף איהם געקוקט מיט נייגיערדע, נאר זיא האט אפילו קיין שמייכעל ניט גע־טהאָן. איהרע ליפען האבען זיך נור צוזאמען געפרעסט. דער מאן, וואס איז מיט איהר נעגאנגען האט געקוקט גלייך פאר זיך.

וויליאם איז געווען אזוי צומישט און אזוי שוואך, אז ער האט אפילו ניט גע־הערט דיא שפאסען. איהם איז קאלט געווארען ביז אין דער מארך און האט דער־פיהלט אז איהם איז נאך ערגער וויא א יתום.

צו דיעזער צייט האט וויליאם געקראגען א פריינד. דאס איז געווען א הויכער מיט א צוויי-דריי יאהר עלטער פון איהם. זיין נאמען איז געווען זשאק בערטיע. ער איז געווען א יתום און האט געהאט אין שטעדטעל א פעטער, וועלכער האט איהם אראבגענומען אין פאריז. ער זאל דא ענדיגען זיין שטודיום. ווייל ער האט געהערט, אז ער פיהרט זיך דאָרטען אויף ניט גוט.

זשאַק האָט נאַנץ פריילִיך אַריבערגעטראָגען זיין גלות. זיין כח, זיין ענערגיע און זיינע פיינע פאַריזער מאַנערען און פּראַקטישקייט האָבען איהם באַלד געמאַכט פאַר דעם קעניג פון אַלע שילער.

דעם ערסטען טאָג וואָס ער איז געקומען אין קאָללעדזש האָט ער געזעהן, וויא אַ גרויסער יונג האָט געגעבען וויליאַמען אַ שטופּ. זשאַק האָט איהם אָנגעכאַפּט פאַר'ן קראַגען און געזאָגט, אַז ער וועט איהם ניט לאָזען שלאָגען דיא איינגערע שי־לער. דערנאָך האָט ער אַנגענומען וויליאַמען פאַר דער האַנד און איז מיט איהם אַרומגעגאַנגען דיא גאַנצע רוה־שטונדע. דיא שילער זיינען געוועזען אויסער זיך און האָבען ניט פערשטאַנען, וויא אַזוי דער פאַריזער האָט געקענט אויסקלייבען אַזאַ פריינד.

וויליאַם איז געווען שטאַרק געריהרט פון זשאַק'ס פריינדשאַפט און הילף. זשאַק ווידער איז געווען זעהר געריהרט פון וויליאַמס טרויעריגע געזיכט און נאָך אַ לאַנגען געשפרעך האָט ער פערשטאַנען, אַז עס וועט זיין אַ שווערע אויפגאַבע צו פערטהיידיגען איהם פון דיא איבריגע. נאָר גראַדע דיזע שווערינקייט האָט איהם בעוואוינגען דאָס צו טהאָן.

— ווילסטו זיין מיין פריינד? האָט ער געפרעגט וויליאַמען, געבענדיג איהם זיין האַנד.

וויליאַם האָט אָנגעכאַפּט זיין האַנד מיט טרערען אין דיא אויגען.

— איך וועל דיך זעהר ליעב האָבען, האָט ער געזאָגט ווייך.

אויף מאָרגען אין דיא רוה־שטונדע האָבען דיא שילער אַרומגערינגעלט זשאַק'ן און האָבען איהם דערצעהלט וויליאַמ'ס געשיכטע, זיינענדיג זיכער אַז איצט וועט ער פון איהם ניט וועלען וויסען. ווען זיי האָבען געענדיגט, האָט ער אַ ציה געטהאָן מיט דיא אַקסלען און געזאָגט:

— איהר זייט נאַראָנים און איך וועל צוברעכען דיא ביינער דעם ערסטען, וועמען איך וועל הערען דערצעהלען דיא געשיכטע נאָך אַ מאָל.

ער האָט וויליאַמען אַנגענומען פאַר דער האַנד און ווידער געזאָגט:

זיי זיינען שלעכטע נאַראָנים און אויב עמיצער פון זייא וועט דיך אָנריהרען, זאָלסטו קומען מיר זאָגען.

פון יענעם טאָג אָן האָט מען אַנגעהויבען צו בעגעהן זיך מיט וויליאַמען מיט דרך ארץ. ווען איינער האָט זיך אונטערגעשטעלט צו רופען איהם מיט דעם שענד־ליכען נאָמען, האָט מען איהם אַזוי געשלאָגען, אַז ער האָט פערזאָגט אַ צעהנטען דאָס צו טהאָן. וויליאַם האָט זיך צוגעבונדען צו זשאַק'ן מיט לייב און מיט לעבען.

ער האט אויף איהם געווירקט ווי אויף א העבערעס וועזען. זשאק איז געוועזן זיין אָבגאט און זיינע געדאַנקען צו איהם זיינען געוועזן אויסגעמישט פון בעוואונדערונג, אונטערווארפענהייט און ליעבע.

זשאק האט עס אלץ אָנגענומען ווי א זאך וואס מוז אזוי זיין, דאָך האט איהם געקיצעלט דיא איבערגעבענהייט פון דיזער שוואכער און שטאָלצער נאטור. און דיא צוויי יאהר וואס זיי האבען פערבראכט צוזאמען אין קאללעדזש האבען זיי איינער פון צווייטען נים אָבגעטראָטען.

ווי זיי האבען געענדיגט זייער שטודיום, האט זיך זשאק צוריקגעקעהרט אין פּאַריז צו הערען לעקציעס אויף דער מעדיצינישער פּאַקולטעט, און וויליאם איז געבליבען איינזאם אין שלאָס, בייענקענדיג נאך זיין חבר. ער איז איצט אלט געוועזן אכטצעהן יאהר.

איין טאג האט איהם זיין פאָטער אריינגערופען אין דער לאַבאָראַטאָריע דאס איז געוועזן דאס ערשטע מאל, וואס ער האט אריבערגעטראטען דעם שוועל פון יענעם צימער. דער גראף האט געטראגען א בלויען פארטוך, ווי עס טראגען געוואוינליך דיא אַפּטייקארען ביי דער ארבייט. ער איז געוועזן שטארק געעלטערט, זיין געזיכט איז געוועזן פול מיט קנייטשען און אין דיא אויגען האט ביי איהם געברענט א זעלטזאמעס פייער.

— איך האב געשיקט דיך רופען אום דיר צו ערקלערען מיינע פּלענער וועגען דיין צוקונפט. זיי אזוי גוט און זאג מיר: פיהלסטו זיך געצויגען צו עפּעס א פּראָפעסיאָן

נאר אזוי ווי וויליאם האט גלייך נים געענטפערט, האט ער פארטגעזעצט:

— זעהר גוט; אויב אזוי וועסטו נאך גיכער טהאָן, וואס איך פערלאנג. איך וויל נים, אז דוא זאלסט זיין א דאָקטאָר, און אַדוואָקאט אדער דאס גלייכען.

בעמערקענדיג, אז וויליאם וואונדערט זיך אויף זיינע ווערטער, האט ער פארטגעזעצט אין א ביטערען טאָן.

— דוא וועסט זיין רייך און דוא קענסט זיין אָ נאר אדער א גליקליכער מאַן; דאס הייננט אב פון דיר אליין און דאס ווענדט זיך אן דעם, וויא אזוי דוא וועסט קוקען אויפ'ן לעבען. מיר טהום לייד, וואס איך האב דיר געגעבען אירגענד וועלכע בילדונג. נעה אויפ'ן יאגד, שלאף און עסס — דאס איז מיין וואונש און פערלאנג. נאר אויב דוא האסט לוסט צו בעשעפטיגען זיך מיט גערטנעריי, וועל איך דיר עס ערלויבען.

דער גראף האט נים געשפּאסט; ער האט גערעדט מיט א קלארע און ענט-

שלאָסענע שטימע און איז געוועזן זיכער אז זיין וואונש וועט ערפילט ווערען, און צום שלום האט זיין שטימע אָנגענומען עטוואס א דראָהענדען טאָן און ער האט פאָרטגעזעצט:

— מעהר פון אלץ פערלאַנג איך פון דיר, אז דוא זאָלסט מיר שווערען, אז דו וועסט זיך ניט אָבגעבען צו קיין וויסענשאפט. נאך מיין טוידט זאלסטו פערמאַ־כען דיא טהיר פון דיזען צימער און מעהר קיין מאל ניט עפענען, עס איז גענוג, אז איינער פון אונזער פאמיליע האט זיך דא איינגעמויערט. פערשטעה מיך גוט, דוא דאַרפסט קיין זאך ניט טהאָן און זעה צו זיין גליקליך.

וויליאם האט שוין געהאלטען ביים פערלאָזען דעם צימער, ווען זיין פאטער, פלוצים געריהרט פון א געפיהל, וואס ער האט ניט געקענט בעהערשען, האט איהם אנגענומען פארביידע הענד און, צוציהענדיג איהם צו זיך, געמורמעלט:

— פערשטעהסטו, מיין קינד, אויב מעגליך זעה צו האבען א ריינעס הארץ און אן איינפאכע נאטור.

דיזע סצענע האט אזוי געריהרט וויליאמען, אז פון יענער צייט אן האט ער געוויזען דעם פאטער ניט נאר מעהר רעספעקט, זאָנדערן אויך מעהר ליעבע. ער האט פערשטאנען, אז ער טראָגט זיינע צרות אין געהיים, און אין דיא דריי פאָלגענדע יאהרען נאך דעם געשפרעך האט ער איהם געפאלגט אין אלע זיינע בעפעהלע.

דיא דריי יאהר האט ער פערבראכט אין שלאָס און האט געוואוסט יעדען שטיין און בוים מיילען ארום. דיא צערטליכקייט און גוטסקייט פון זיין נאטור האָבען זיך נאך שטארקער ענטוויקעלט. ער האט זיך צוריקגעקעהרט צו דיא טרוימען, צו דיא חלומות, צו דיא פאנטאזיעס פון זיין קינדהייט, און האט געטרוימט פון א געטט פון וואלד, אדער פון וואסער, אדער פון בערג, פון א נימפע; וועלכע ער וועט אראבברענגען צו זיך אין שלאָס און וועלכע וועט איהם זיין א חברתה אין זיין איינ־זאמקייט.

ער האט זיך דיא גאנצע צייט געפיהלט גאר נישקשה'דיג; ווען ער פלעגט דורכגעהן דאס שטעדט'ל, פלעגען דיא חברים בעגעגענען איהם מיט גרויס רעס־פעקט, ווייל אלע האבען איצט געוואוסט, אז ער וועט זיין דער יורש פון דעם גראף. זיין איינציגע מורא — א מורא וואס איז געוועזן אויסגעמישט מיט האפנונג — איז געוועזן פאר א בעגעגעניש מיט זיין מוטער. נאר ער האט איהר קיין מאל ניט גע־זעהן, צוואר זיא איז איהם קיין מאל פון זינען ניט ארויס. ער האט ניט געקענט פערשטעהן, וויא אזוי זיא האט דאס געקענט גאר אין גאנצען פערגעסען אין איהם.

ער איז אוועק צו זשענעוויוו און האט איהר געפרענט, אויב עס איז ניט זיין פליכט צו זוכען זעהן זיין מוטער.

זשענעוויוו האט איהם נעענטפערט שארף, אז ער מוז זיין פערריקט.

— אויסער דעם, האט זיא צונעגעבען, איז זיא שוין טוידט, בעט פאר איהר נשמה.

זשענעוויוו האט נאך אלץ ליעב געהאט וויליאמען, ניט קוקענדיג אויפ'ן שרעק, מיט וועלכען דיא ליעבע האט איהר אָנגעפיקט, און האט פון זיך אליין געוואלט בעהאלטען. וויא שטארק זיא איז צו איהם צוגעבונדען.

זשאק איז דורך דער צייט געקומען צוויי מאל פערברענגען זיינע וואקאציעס, בין הזמנים, אין וועטייל; דיזע וואכען זיינען געווען פאר וויליאמען אמת'ע ימים טובים. דיא צוויי פריינד זיינען ניט אבגעטראטען איינער פון צווייטען, זיי זיינעןביידע געגאנגען אויף געיעג, זיינען געפאהרען פאנגען פיש אדער זיינען געזעסען אונטערן שאָטען פון א הויכען פעלזען און האבען גערעדט פון פאריז און פרויען, פון וועלכע זשאק האט ווייניג געהאלטען, צוואר ער האט פון זיי ניט גערעדט נראב אדער אונאנשטענדיג. וויליאם האט איהם אויפגעווארפען פאר זיין לייכט-זיניגקייט און געזאגט, אז נאך זיין מיינונג, דארף מען א פרוי אוועקשטעלען אויף א הויכען פעדעסטאל און אנבעטען צו איהר וויא צו א געטין און זינגען פאר איהר לויב-געזאנג.

— צום טייוועל! אזוי דיינקסטו? האט אויסגערופען דער יונגער סטודענט דער מעדיצין. דוא ווייסט ניט פון וואס דוא רעדסט, און איך דארף דיר זאגען, אז זיי וועלען דיר ווייניג דאנקען, אויב דוא וועסט שטענדיג שטעהן אויף דיא קניע פאר זיי. דוא וועסט זיין פונקט וויא מיר אלע: דוא וועסט נארען און דיך וועט מען נארען. אזוי איז שוין דאס לעבען איינגעאָרדנעט.

— ניין, ניין, האט געענטפערט וויליאם: איך וועל קיין מאל ניט ליעב האבען מעהר וויא איין פרוי און איך וועל איהר אזוי ליעבען, אז דאס שיקזאל וועט קיין מאל ניט וואגען צו צערשטערן אונזער גליק.

— פס.... דאס וועלען מיר שוין זעהן.

און זשאק האט זיך צולאכט פון דער נאאיוויטעט, פון דער תמימות פון זיין קליינשטעטעלדיגען חבר.

זשאק'ס וויזיטען אין וועטייל האבען אנגעהאלטען זייער פריינדשאפט ווארם. זיי האבען שטענדיג געשריבען איינער צום צווייטען, נאר ביסלעכוויז זיינען זשאק'ס

בריעף געווארען זעלטענער און ענדליך האט ער גאר אין גאנצען אויפגעהערט צו שרייבען. וויליאם איז געווען זעהר טרויעריג דערפון.

פון זשאק'ס פעטער אין ווערטייל האט ער אויסגעפונען, אז ער פערלאזט אין גיכען פאריז און פאהרט אוועק פון פראנקרייך אויף א לאנגע צייט. איהם האט שטארק געקריינקט, וואס ער קען זיך ניט זעהן מיט איהם פאר זיין אבפאהרען, און איהם איז שרעקליך אומעדיג געווארען אין שלאס.

זיין פאטער האט עס בעמערקט און א מאל אבענד־צייט, ווען זיי האבען זיך אויפגעהויבען פון טיש, האט ער צו איהם געזאגט:

— איך דענק אז דוא ווילסט ווערען דורכפאהרען זיך נאך פאריז. פאהר און איך ערלויב דיר צו פערברענגען דארטען א יאהר צייט. עס איז קיין שום צווייפעל ניט, אז דוא וועסט דארטען אבטהאן א סך נארעשקייטען, נאר דוא קענסט נעהמען פון מיר געלד, פיעל דוא ווילסט. אויב דוא ווילסט, קענסטו מארגען פאהרען.

ווען וויליאם איז געקומען אין פאריז, האט ער אויסגעפונען, אז זיין פריינד איז אוועק פון דאנען מיט א טאג פריהער. ער זשאק האט איהם מיטגעטהיילט פון זיין אברייזען אין א בריעף, וועלכער איז אנגעקומען אין ווערטייל נאך וויליאמס אבפאהרען און וועלכער איז איהם צוגעשיקט געווארען דורך זשענעוויוו אין פאריז. אין דעם פריילינען און פריינדליכען בריעף, וואס ער האט איהם געשריבען, האט ער איהם ערקלערט, אז ער פאהרט אלס דאקטאר מיט אן עקספעדיציאן אין קאכין־כינא און וועט זיכער פערבלייבען דארטען פיעלע יאהרען.

וויליאם האט זיך באלד צוריקגעקעהרט אין שלאס. ער האט זיך ניט געקענט ענטשליסען צו בלייבען אליין אין דער גרויסער שטאדט, נאר אין צוויי מאנאט ארום האט איהם דער פאטער צוריקגעשיקט אין פאריז, און האט פון איהם פערלאנגט, ער זאל פערבלייבען דארטען א יאהר, וויא זיי האבען פריהער אבגערעדט. און וויליאם האט זיך בעזעצט אין דעם זעלבען האטעל, וואו מאגדאלען האט געוואוינט.

.V

ווען מאגדאלען האט בעגעגנט וויליאמען, האט זיא געהאלטען ביים פערלאזען דעם האטעל און דינגען א צימער פאר זיך און אליין אויסמעבלירען. דער גרויסער האטעל איז איהר גאר ניט געווען געפעלען און זיא האט שטענדיג מורא געהאט, אז עמיצער וועט איהר עפעס זאגען, וואס וועט איהר דערמאנען אן איהר

פערלאזענקייט, פון וואס זיא ליידט איצט אזוי שטארק. ווען זיא וועט האבען איהר אייגענע קליינע היים וועט זיא קענען אויסנוצען איהר טאלאנט אין אויסניי-הען, כאטש זיא האט עס נעוואלט טהאן מעהר צו פערטרייבען דיא צייט איידער צו פערדיענען, וויל איהרע יעהרליכע צוויי טויזענד פראנק זיינען געוועזען גענוג פאר איהרע איינפאכע בעדירפניסע.

ווען זיא האט געטראכט פון דער צוקונפט, האט זיא גוט פערשטאנען, אז דיא איינזאמקייט, וואס זיא זוכט איז פול מיט געפאהרען, דען דיא טעג האבען שוין אנגעהויבען צו ווייזען זיך פאר איהר זעהר לאנג און פוסט.

דעם זעלבען אבענד, וואס וויליאם איז אנגעקומען אין פאריז, האט זיא איהם בעגעגענט אויף דיא טרעפ; ער האט איהר אבגעטראטען דעם וועג מיט אזא רעספעקט, אז זיא האט אויף איהם א קוק געטהאן מיט פערוואונדערונג. דיא יונגע לייט, וועלכע זיא האט ביז איצט בעגעגענט, פלעגען זוכען ארויפצוטרע-טען איהר אויף דיא שיך און בלאזען דעם רויך פון דיא פאפיראסען גלייך איהר אין געזיכט אַריין.

וויליאם האט געקריגען א צימער אין האטעל נעבען איהרען און זיא האט געקענט הערען יעדע בעוועגונג זיינע אין צימער. ניט קוקענדיג אויפ'ן רעספעקט, וואס ער האט איהר ארויסגעוויזען, האט ער דאך בעמערקט דעם פערלדיגען קא-ליר פון איהר געזיכט און איהרע פראכטפאלע האר, און ארומשפאצירענדיג איבערן צימער, האט ער מיט פערגניגען געטראכט פון דעם שעהנעם ווייב, וואס געפינט זיך אזוי נאהענט פון איהם.

ווען זיי האבען זיך בעגעגענט אויפ'ן צווייטען טאג האבען זיי שוין געשמוי-סעלט איינער צום צווייטען און זייער פריינדשאפט איז אזוי געוואקסען מיט יעדען טאג. מאנדאלען'ס סימפאטהי איז נאך געווען גרעסער צו דעם איידעלען און שטילען יונגען-מאן, וויל זיא האט אויף איהם געקוקט, וויא אויף א קינד. זיא האט זיך געזאגט, אז אויב ער וועט טהאן דיא נארעשטייט און רעדען מיט איהר פון ליעבע, וועט זיא לייענען איהם א לעקציע און ארויסשלאגען עס פון זיין קאפ. זיא האט זיך פערלאזען אויף איהר קראפט און איבערהויפט אויף איהר בעשלוס צו בלייבען אן אייבינע אלמנה.

אויפ'ן צווייטען טאג נאכדעם איז זיא שוין מיט איהם געגאנגען שפאצירען, נאר צווישען זיי איז ניט פארגעקומען קיין צערטליך ווארט, וואס האט איהר גע-קענט בערוהיגען.

ביסלעכווייז האט מאנדאלען אנגעהויבען צו פיהלען, אז ער ליעבט איהר און

אז דיא ליעבע איז איהר זעהר אננענעהם, כאָטשע זיא האט ניט קיין לוסט צו גנטפערן אויף איהר. אין דערווירקליכקייט איז זיא נאך געוועזן נאר א קינד אין ליעבע און האט מיט פערגניגען צוגענומען דיא גאנצע אויפמערקזאמקייט, וואס וויליאם האט איהר געשיינקט. איהר הארץ איז געגען איהר ווילען געגאנגען איהם אנטקעגען. און אויב דיא ערינערונגען פון דיא אלטע וואונדען האבען זיך איהר צוריקגעקעהרט, האט זיא זיי פערטריבען און געווענדעט זיך צו איהר נייען פריינד. א היציגע, סאנגווינישע נאטור וואלט איהר אבגעשראקען, נאר דיזע לאסצענדינגע ליעבע פון א נערוועזע נאטור האט איהר גערירט און שוואך געמאכט איהר ווילען.

וואס אנבעלאנגט אן וויליאם, איז ער געוועזן וויא אין א חלום; ער אין גע־וועזן פערליעבט אין דער ערסטע פרויענצימער, וואס ער האט בעגעגענט, ער האט זיך אפילו איין מאל ניט געפרעגט, פון וואנען דיא פרוי איז געקומען; זיא האט צו איהם געשמייכעלט און דאס איז געוועזן גענוג פאר איהם, ער זאל פאר איהר קריי־כען אויף אלע פיער און זיין פארטיג צו געהן פאר איהר אין פייער און אין וואסער. ער האט זיך געפרייט, וואס ענדליך וועט ער קענען עפּעגען פאר איהר דאס הארץ, וואס איז אזוי לאנג געוועזן פול מיט איינגעהאלטענע ליידענשאפט.

א וואך צייט איז אריבער; וויליאם איז זעלטען ארוים פון האָטעל, ווייל ער האט מורא געהאט פאר פאריז. ביי זיין אבפאהרען פון דער היים, האט איהם דער פאטער מיטגעגעבען אדרעסען פון האָטעלען, נאר ער איז אין קיינעם פון זיי ניט פערפאהרען און פאר זיך אויסגעזוכט א קליינעם און שטילען האטעל, וואו ליעבע האט אויף איהם געווארט.

ער האט געגארט צו נעהמען מאגדאלען אויפ'ן לאנד, ווייל ער האט ליעב געהאט דיא גרינע בוימער און האט געוואלט אטהעמען דיא פרישע לופט ביי איהר זייט. אָנפאנגס האט זיא זיך פון אזא שפאציר אָבגעזאָגט. ענדליך האט זיא איינ־געוויליגט ארויספאהרען מיט איהם אויפן לאנד און עססען מיט איהם א מיטאָג ווייט פון שטאָדט.

ווען וויליאם און מאגדאלען האבען זיך נאכ'ן שטורם צוריקגעקעהרט קיין פאריז, האבען זיי אבגערעדט, אז ביידע זאלען זיך ניט צוריקקעהרען אין האָטעל. וויליאם האט געפיהלט, אז ער דארף פערהיטען מאגדאלענעס כבוד און קיין שלעכ־טע רייד זאלען אויף איהר ניט פאלען און ער האט געדונגען א צימער פאר זיך ניט ווייט פון האָטעל.

ער האט זיך אויפגעפיהרט פונקט, וויא ער וואלט זיך געקליבען התונה צ

האבען. דער באנקיר, ביי וועלכען דער פאטער האט איהם אנגעוויזען צו נעהמען געלד, האט פאר איהם געפונען א שיינע איינזאמע הויז אין דער בולאָנער גאס. ווילאם איז געגאנגען אָנקוקען דיא הויז און עס האט ניט גענומען קיין שטונדע צייט און ער האט דיא הויז געקויפט. ער האט אהין גלייך געשיקט טאפעצירער און אין עטליכע טעג איז דיא הויז געווען פארטיג מיט אלעמען.

א מאָל אבענד צייט האט ער אָנגענומען מאגדאלען פאר דער האנד און האט איהר געפרעגט, אויב זיא וויל ווערען זיין ווייב. צייט פון דער שטורם-נאכט פלעגט ער קומען צו איהר יעדען נאָך האלבען טאג, וויא צו זיין כלה און פלעגט אזוי אוועקגעהן.

זיינע ווערטער האבען אזוי געריהרט מאגדאלען, אז זיא איז געווען פארטיג אוועקצוגעהן מיט איהם כאָטש אין עק וועלט. זיי האבען זיך אריבערגעצויגען אין זיין הויז אויף דער בולאָנער גאס וויא א פערהייראטעטע פאָר פאָלק.

זיי האבען דאָרטען אָבגעלעבט זעקס חדשים, אבגעזונדערט פון דער וועלט. זייער גליק איז ניט געווען געשטערט פון קיין געדאנק פון דער פערגאנגענהייט אדער פון קיין מורא פאר דיא צוקונפט. זייער הויז איז געווען צוגעקליבען מיט א פיינעם געשמאק און זעהר עלעגאנט, אויסער דעם איז היגטערן הויז געווען א גארטען, וואו זיי האבען געקענט פערגעסען דעם סעזאָן, דיא צייט פון יאָהר אין א טאָג, ווען דיא זון האט געשיינט.

מאגדאלען האט זיך אליין קיין רעכנונג ניט געקענט אבגעבען, צו זיא ליעבט ווילאמען, צו ניט; זיא האט נאר געוואוסט, אז ער האט איהר געבראכט רוה און פריעדען. אלע איהרע וואונדען זיינען געווארען פערהיילט; זיא האט קוים געדענקט דיא שרעקליכע ערשיטערונגען פון איהר פערגאנגענהייט. זיא איז געווען געריהרט פון דעם רעספעקט, מיט וועלכען ער האט איהר בעהאנדעלט. ווען זיא זאל זיין, זיין ווייב מיט חופה און קדושין, וואלט ער איהר בעסער ניט געקענט בעהאנדלען. דאס האט איהר אליין פיינער און חשוב'ער געמאכט אין איהרע אייגענע אויגען.

ווילאמ'ס גליק איז געווען אונבעשרייבליך. זיינע חלומות, זיינע פאנטאזיעס זיינען ענדליך פערווירקליכט געווארען. מאגדאלען איז געווען דיא געטין פון וואלד, דיא נימפע, וועלכע ער האט אזוי לאנג געזוכט און זיין געגענווארטיג לעבען האט איהם געטרייסט פאר דיא אלע צרות, וואס ער איז אויסגעשטאנען אין זיינע קינדערשע בחורשע יאָהרען.

ביידע האבען געפיהלט וויא נייטיג פאר זיי איז אָבצורוהען! ביידע זיינען פיעל

אויסגעשטאנען און האבען א סך איבערגעטראָגען און האבען נעדארפט רוה און פריעדען. זיי האט אויסגעוויזען, וויא זיי וואלטען נאר ניט עקזיסטירט פריהער, אייד-דער ער האט איהר דערקענט און איהר איז אפילו אין זינען ניט אריינגעקומען צו פרעגען איהם וועגען זיין פערגאנגענהייט. זיי האבען נאר געלעבט מיט דער געגענ-ווארט, וויא צוויי קינדער. איין טאג האט זיך מאגדאלען דערוואוסט, אז לאברישא איז געשטאָרבען.

— ער איז געווען זעהר א שלעכטער מענש, האט זיא בעמערקט.

נאר וויליאם האט איהר אפילו ניט געפרעגט ווער איז דער שלעכטער מענש און פאר וואס איז ער א שלעכטער מענש.

ווען וויליאַם פלעגט ערהאלטען בריעף פון וועטייל, פלעגט ער זיי אריינוואר-פען אין שופלאד אריין נאכען איבערלייענען, און מאגדאלען האט אפילו ניט געפרעגט וואס פאר א בריעף ער בעקומט און פון וועמען ער קריעגט זיי, און נאך זעקס מאָ-נאט צוזאמענלעבען זיינען זיי געווען אזוי פרעמד איינער צום צווייטען, וויא דעם ערשטען טאג פון זייער בעקאנטשאפט.

דיעזער חלום איז פלוצים איבערגעריסען געווארען זעהר אויף א גראָבען אופן.

אין א שעהנעם פריהמאָרגען, ווען וויליאם איז אוועק צו זיין באנקיר, האט מאגדאלען אָנגעהויבען צו בלעטערן א פאָטאָגראף-אלבום, וועלכען מען האט ערסט נעכטען אויפגעפאקט פון וויליאמס א קאסטען..

דארטען זיינען געווען בלויז דריי בילדער: דער אלטער גראפ'ס, זשענעוויו'ס און זשאקס. ווען מאגדאלען האט דערזעהן דעם לעצטען בילד האט זיך פון איהר הארצען ארויסגעריסען א שארפער געשריי האלטענדיג מיט קראמפהאפטע הענר ביידע זייטען פון אלבום, האט זיא מיט שרעק געקוקט אויף זשאק'ס שמייכלענדע געזיכט, וועלכע האט זיך צו איהר פלוצים געוויזען וויא אן ערשיינונג פון יענער וועלט. דאס איז ער! אלע איהרע וואונדען האבען זיך פון דאס ניי געעפענט.

דאס האט איהר געטראפען וויא א בליץ פון קלאָרען הימעל. זיא האט פער-געסען זשאק'ן און איז איצט געווען וויליאמ'ס טרייע און איבערגעגעבענע פרוי. נאר וואס האט זיך זשאק געשטעלט צווישען זיי? וואס טהוט ער אין דעם צימער? ווער האט איהם געבראכט אהער צו שטערן איהר רוה?

איהר האט אויסגעוויזען, אז זשאק קוקט אויף איהר מיט לעבעדיגע אויגען און איהר האט געדאכט אז ער זאָגט צו איהר: „ארעם קינד! וויא אומעדיג דאס לעבען דארף זיין פאר דיר!“ זיא האט געקענט הערען זיין קול, זיין געלעכטער. זיא

האט געקענט זעהן זיינע אויסגעשטרעקטע הענד, וויא ער איז געוואוינט געווען צו טהאן.

דיא פערגאנגענהייט האט זיך פאר איהר צוריקגעקעהרט; דאס צימער אונטער'ן בוידעם און דאס לעבען וואס זיא האט דארט פערבראכט זיינען ארויסגעטראטען פאר איהרע אויגען. ביז איצט האט זיא געמיינט, אז זיא האט עס אלץ פערגעסען, אז מעהר וועט זיך דאס איהר ניט חלומ'ען, נאר איצט האט זיך ארויסגעוויזען, אז זיא איז געשיידעט פון יענער פערגאנגענהייט ניט מעהר וויא מיט עטליכע חדשים. דאס גליק, וואס זיא האט דיא לעצטע צייט געהאט, האט ניט בעלאנגט צו איהר, זיא האט עס צוגע'גנב'עט.

אויפ'ן בילד איז זשאק געווען ארונטערגענומען מיט דער גאנצער נאכלעסיגקייט פון זיין סטודענטישען לעבען. ער איז געזעסען אהן א ראק און האט געראוכערט א פיפקע, דיא הוט אן א זייט און אליין אויסגעצויגען ברייטליך אויף א שטוהל. דאס איז געווען ער, וויא ער שטעהט און געהט, און ער איז געשטאנען פאר איהרע אויגען.

זיא איז אראבגעזונקען אין א שטוהל און האט זיך ארומגעקוקט איבער'ן צימער מיט א צושראקענעם בליק. דער סאלאן האט געאטהעמט מיט דער זיסע רוה, אין וועלכער זיא האט פערבראכט דיא לעצטע זעקס מאנאט. איבער דער סאפא איז געהאנגען וויליאמ'ס פארטרעט און האט צערטליך געשמייכעלט צו מאנדאלען. זיא האט א ציטער געטהאן פון דיזען ליעבענדען שמייכעל, ווייל זיא האט געפיהלט זשאק'ס אטהעם אויף איהרע אקסלען.

זיא האט זיך דערמאנט, אז פאר זיין אבפאהרען, האט איהר זשאק געשענקט גראדע אזא בילד, וויא דיזעס, נאר ווען זיא איז מיט וויליאמען געקומען אין דיזען הויז, האט זיא דאס בילד פערברענט, דענקענדיג, אז דאס איז איהר פליכט ניט אריינצונעהמען זשאק'ס בילד אין וויליאמ'ס הויז. נאר וויא אזוי האט זיך דאס בילד אהער אריינגעריסען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וויא זיא האט זיך בעווארענט געגען דעם?

זיא האט זיך אויפגעהויבען און האט ווידער גענומען דעם אלבום אין דיא הענד אריין. זיא האט ארויסגענומען דאס בילד און איבערגעלייענט אויף דער לינקער זייט: „צו מיין אלטען שול־קאמעראד — מיין ברודער וויליאם".

—אונמעגליך! וויליאם זשאק'ס פריינד און ברודער!

מאנדאלען איז בלייך געווארען, וויא דער טויט און האט פערמאכט דעם אלבום און האט זיך ווידער אנידערגעזעצט אויפ'ן שטוהל. זיא איז א לאנגע צייט

נעזעסען מיט פערבראכענע הענד, מיט שטארע אויגען פערזונקען אין געדאנקען. זיא האט ווארשיינליך שטארק געזינדיגט, אז זיא זאל אזוי געשטראפט ווערען פאר זעקס חדשים גליק. עס האט איהר אנגעכאפט א פלעצליכער עקעל צו זיך אליין. האט זיא ניט ליעב געהאטביידע מענער? איהר פערצווייפלונג איז געווארען אזוי גרויס, אז זיא האט זיך ענטשלאסען צו אנטלויפען און פערשווינדען אין גאנצען פון דער וועלט.

נאר ניין; מיט איינע פאר שטונדען צוריק איז אלץ געווען אזוי רוהיג, אזוי פריעדליך פיליכט וועט זיך נאך דיא רוה צוריק אומקעהרען? וועט ניט זיין קלי־נער צו זאגען דיא גאנצע ווארהייט וויליאמען און דערמיט אבוואשען דעם פלעק פון דער פערגאנגענהייט? נאר פון דעם געדאנק איז איהר א שוידער איבערגעלאפען איבער׳ן גאנצען קערפער. וויא קען זיא איהם איבערגעבען אין ווער־טער דיא גאנצע ווארהיים? וויא קען זיא איהם זאגען, אז זיין בעסטער פריינד איז פאר איהר ניט געווען קיין פרעמדער. ער וואלט איהר פערטריבען פון זיין היים און וואלט ניט ערלויבט איהר דא לענגער צו פערבלייבען.

ניין, זיא וועט דאס איהם קיין מאל ניט דערצעהלען. נאר איהר הארץ איז איהר איינגעפאלען פון דעם לעבען וואס זיא וועט איצט פיהרען. זיא האט גע־וואוסט, אז זיא האט ניט קיין כח דערצו. עס וועט זיין פאר איהר א סך בעסער, אז זיא וועט זיך פאר איהם מודה זיין אין אלץ אדער אנטלויפען.

זיא האט א לאנגע צייט געקעמפפט מיט זיך, ניט קענענדיג קומען צו איין ענטשלוס. פלוצים האט זיא דערהערט, וויא דיא גאס טהיר האט זיך געעפענט און עמיצער געהט מיט גיכע טריט איבער דיא טרעפ. דאס איז געווען וויליאם!

ער איז געווען זעהר ערדעגט און אראבזינקענדיג אויף דער סאפע, האט ער פערשטעלט דאס געזיכט מיט דיא הענד. מאגדאלען האט זיך שטארק דערשרא־קען און האט זיך אויפגעהויבען פון איהר שטוהל, פיהלענדיג, אז זיא וויים אלץ. זיא האט זיך געשטעלט נעבען איהם אין א שטומער פערצווייפלונג. פלוצים האט ער אויפגעהויבען דעם קאפ, האט אויסגעשטרעקט זיינע הענד און געזאגט מיט א בעטענדער שטימע:

— טרייסט מיך, מיין טהייערע!

מאגדאלען האט פערגעסען אן איהר איינענע צרות, דערזעהענדיג זיינע. זיא האט גענומען זיינע ביידע הענד אין איהרע און האט געפרעגט.

— וואס איז געשעהן, וויליאם?

ער האט אויף איהר א ווילדען קוק געטהאן און פערדעקענדיג דאס געזיכט מיטביידע הענד, האט ער ארויסגערעדט מיט א געוויין:

— איך וועל איהם שוין קיין מאל מעהר ניט זעהן, קיין מאל מעהר.

מאנדאלען האט געדענקט, אז זיא פערשטעהט, פון וואס ער רעדט, און צר ציהענדיג וויליאמ׳ס קאפ צו איהר אקסעל, האט זיא געזאגט מיט א צערטליכען קול:

— איז דיין פאטער געשטארבען?

ער האט א שאקעל געטהאן מיט׳ן קאפ אויף א צייכען אז ניין.

— מיין ארימער זשאק, האט ער געזאגט, וויא רעדענדיג צו א גייסט, וועלכען נאר ער האט געקענט זעהן. מיין ארימער זשאק! איך וועל דיך שוין מעהר קיין מאל ניט זעהן, און איך האב שוין כמעט וויא נאר פערגעסען אן דיר.

ביי דיזען נאמען האט מאנדאלען א ציטער געטהאן. איז זשאק טויזט? זיא האט איינגעהאלטען איהר אטהעם. האט זיא ניט וויסענדיג דער׳הרג׳עט איהם, אום איהר לעבען זאל זיין פריי פון זיין אונערטרעגליכע אנוועזענהייט?

דוא האסט איהם ניט געקענט, האט וויליאם פארטגעזעצט. איך האב מיט דיר קיין מאל ניט גערעדט וועגען איהם. איך בין געוועזען אונדאנקבאר צו איהם. מיין גליק האט מיך געמאכט צו פערגעסען אן איהם. ער איז געוועזען זעהר גרויס־מוטהיג און איז געוועזען מיין איינציגער פריינד אין דער וועלט, און איצט האב איך איהם פערלארען.

דיא טרערען האבען איהם געשטיקט אין האלז, נאר ער האט גערעדט ווייטער:

— ער האט זיך פאר מיר אנגענומען אין שולע, ווען מען האט מיך געשלא־גען און בעליידיגט. ער האט מיר געשענקט זיין פראטעקציע און פריינדשאפט. איך האב איהם געליעבט און פערגעטערט און דאך האב איך איהם ערלויבט צו שטארבען וויים פון מיר. ניין, איך האב איהם ניט געליעבט, וויא ער האט פער־דיענט איך פיהל דאס איצט.

א מינוט איז ער געוועזען שטיל, דערנאך האט ער ווייטער גערעדט:

— מיר זיינען געוועזען ג יקליך צוזאמען. ווען מיר זיינען א מאל געוועזען אין וואלד, האט ער צו מיר געזאגט וויליאם, אויף דער וועלט איז נאר פאראן איין נוטע זאך און דאס איז פריינדשאפט. לאמיר דאס האבען אין זינען און שפעטער ווען דאס אונז טרייסטען פאר פיעלע זאכען. איצט ביסטו מיר אליין געבליבען, מאנדאלען, איך האב פערלארען מיין ברודער.

ער האט ווייטער געוויינט. ביי מאנדאלען אין הארצען האט זיך געהויבען א װעלטזאמער פראטעסטירענדער געפיהל, זיא האט ניט געקענט הערען פון וויליאמס ליפען, וויא ער לויבט זשאק'ן, און האט געוואלט אויסשרייען: „שוויינ! דיזער מאן האט דיך בערויבט פון דיין גליק און דו דארפסט איהם ניט זיין דאנקבאר“.

דיזע לעצטע אבקומענים איז געוועזן מעהר, וויא זיא האט געקענט אריבערטראגען: דער מאן, וואס האט געדארפט זעהן, אז זיא זאל אין גאנצען פערגעסען איהר פערגאנגענהייט, האט אליין ארויסגערופען ביי איהר אלע עראינערונגען וועגען יענער צייט, און זיא האט ניט געוואגט צו עפענען פאר איהם א הר הארץ און מודה זיין זיך פאר איהם, וויל איצט האט זיא געזעהן, וויא שטארק דיא פריינדשאפט איז געוועזן צווישען דיא צוויי מענער. זיא האט זיך צוגעהערט צו וויליאמ'ס פערצווייפעלטען וויינען, וויא מען הערט זיך צו צום רוישען פון א כוואליע וואס דראהט צו פערטרינקען. זיא איז געזעסען קאלט אין שטוב און אונבעוועגט און האט זיך געוואונדערט, פאר וואס זיא פיהלט ניט קיין שמערץ. דאס איינציגע געפיהל, וואס האט זיך געהויבען ביי איהר אין הארצען איז געוועזן צארן. זשאק'ס טוידט האט איהר ארויסגעבראכט פון זיך און זיא האט געפיהלט א ווילדען כעס, וואס פאר איהר קען ער קיין מאל ניט זיין טוידט. מיט וואס פאר א רעכט איז ער איצט געקומען צושטערן איהר רוה?

— טרייסט מיך, מיין ארימע מאנדאלען, האט ווידער געזאגט וויליאם; איך האב איצט נאר דיך אליין אין דער גאנצער וועלט.

זיא זאל איהם טרייסטען, וואס זשאק איז געשטארבען! דער פערלאנג האט איהר נעשיינט לעכערליך און שלעכט, דאך האט זיא איהם געמוזט נעהמען אין איהרע ארמען און אבווישען דיא טרערען, וואס ער האט פערגאסען נאך איהר ערסטען געליעבטען.

דיזע זעלטזאמע ראלע, וואס זיא האט געדארפט שפיעלען וואלט ביי איהר ארויסגערופען טרערען פון דיא אויגען ווען זיא וואלט געקענט וויינען, נאר איהר הארץ איז געווארען פערשטיינערט און זיא האט ניט געפיהלט קיין שמערץ פאר דעם מענשען, וועלכען זיא האט א מאל געליעבט.

— ער האט איהם געליעבט מעהר וויא איך, האט זיא געזאגט צו זיך אליין. ווען איך זאל איהם איצט אלץ דערצעהלען, וועט ער מיך פערלאזען אויף אויבני. פלוצים האט זיך אין איהר דערוועקט א נייגיערדע און זיא האט געפרעגט.

— וויא אזוי איז ער געשטארבען.

וויליאם האט איהר דערצעהלט, אז וועהרענד ער האט געווארט ביים

באנקיר, האט ער דארטען גענומען א ציימונג אין האנד און האט בעמערקט, אז דיא שיף, מיט וועלכע זשאק איז געפאהרען, איז אונטערגעגאנגען אין א שטורם און אלע וואס האבען זיך געפונען אויף דער שיף, זיינען דערטרונקען געווארען: דיא נייעס איז געווען געמעלדעט אפיציעל, און עס איז קיין צווייפעל מעהר, אז זשאק שלאפט איצט אויפ'ן אבגרונד פון ים.

דיזע נאכט האט מאגדאלען געקעמפפט מיט זיך. דער צארן האט איהר פערלאזען. עס איז קיין שום צווייפעל ניט, אז ווען זיא וואלט געהערט פון זיין טוידט אונטער אנדערע אומשטענדען, וואלט זיא ביטער געוויינט. זיא איז געלעגען און האט געטראכט פון יענעם טוידטען קערפער, וועלכען דיא כוואליעס פון ים שלאגען אן דיא פעלזען. אפשר איז איהר נאמען געווען אויף זיינע ליפען, ווען ער האט ארויסגעלאזט דעם לעצטען אטהעם. זיא האט זיך איצט דערמאנט, אז ווען ער האט א מאל איינגעשניטען א פינגער, האט זיא שיער ניט גע'חלש'ט, און איצט ווען איהם איז אויסגעגאנגען אזא סוף, איז זיא אין כעס אויף איהם. ער איז טוידט, דאך וועט ער אימער זיין נעבען איהר זייט.

פלוצים האט זיא אויסגעבראכען אין א געוויין און האט דערפיהלט, אזוי וויא א טהייל פון איהר איז פערניכטעט געווארען.

זיא האט געוויינט א לאנגע צייט און האט זיך אלץ מעהר געוואונדערט, וויא אזוי זיא איז געווען גלייכגילטיג, ווען זיא האט געהערט וועגען זיין טוידט. זיא האט זיך געמאכט פארווירפע, פונקט וויא זיא וואלט בעגאנגען א פערברעכען. ווען וויליאם וואלט געוואוסט פון איהר געשיכטע, וואלט ער איהר אליין געהייסען פאלען אויף דיא קניע און בעוויינען איהם זיא האט פערבראכען דיא הענד און האט געבעטען, אז דער טוידטער, וועמען זיא האט געליעבט, זאל איהר פערגעבען, און איהר האט געדוכט וויא זיא הערט זיינע אגאנישע (גוסס'דיגע) געשרייען, וויא זיי מישען זיך אוים מיט'ן רוישען פון דיא כוואליעס?

פלוצים האט זיך איהר פערגלוסט צו זעהן זשאק'ס בילד. זיא האט זיך אויפגעהויבען פון בעט און איז אריין אין זאל און אנגעצונדען א ליכט און גענומען דאס בילד. איהרע רויט-בלאנדע האר האבען זיך צושאטען איבער'ן העמד. ארום איהר איז געווען שטיל און דאס צימער איז געלעגען אין שאטען, וויל דאס ליכט האט געברענט דונקעל און אויף איהר איז פלוצים אנגעפאלען א שרעק. זיא האט אויסגעשפיצט דיא אויערען און זיך צוגעהערט, נאר זיא האט בלויז געהערט וויליאמ'ס ניכען אטהעמען אין צווייטען צימער.

זשאק האט איצט פערלארען אויפ'ן בילד דאס שמייכערע, וואס זיא האט

נעזעהן אין דער פריה, און האט געקרינגען זעהר א צערטליכען בליק. איהר איז גע־ווארען גרינגער פון קוקען אויפ'ן בילד. אזוי האט ער אויסגעזעהן ביים לעבען.

פאר וואס האט זיא זיך אזוי שטארק דערשראקען פאר'ן בילד אין דער פריה, האט זיא אליין ניט געוואוסט. דער ארימער זשאק האט איהר געשיקט דיא נאכריכט פון זיין טוידט אין דעם זעלבען מאמענט, ווען זיא איז געווען אין פערצ ווייפלונג, פאר וואס ער האט זיך געשטעלט צווישען איהר און וויליאמען. ער האט איהר געשיקט דיא נאכריכט פון זיין טוידט, אום זיא זאל מעהר ניט זארגען און עס האט געשיינט, אז ער ניט איהר דיא ערלויבניס צו בעהאלטען דעם סעקרעט פון זייער פערנאנגענהייט טיעף ביי איהר אין הארצען. פאר וואס זאל זיא וויליאמען פערשאפען ליידען און דערצעהלען איהם אין וועלכע פערהעלטניסע זיא איז געשטאנען מיט זיין בעסטען פריינד. עס איז איהר פליכט צו שווייגען און רחמנות האבען אויף איהם. עס האט געשיינט, וויא דער פערשטארבענער זאגט צו איהר: „זיי גליקליך, מיין קינד, אויב דוא קענסט; איך וועל דיר שוין מעהר קיין שאנדע ניט אנטהאן און וועל זיך שוין מעהר ניט ווייזען, וואו דוא וועסט זיין. איך האב אכטונג געגעבען אויף דיין געליעבטען, ווען ער איז געווען א קינד, איצט דארפסטו אויף איהם אכטונג געבען".

עס איז שוין געווען טאג, ווען זיא איז אריין צוריק אין בעט מיט דעם ענטשלוס, אז זיא וועט וויליאמען גאר ניט דערצעהלען און זיא איז באלד איינגעש־לאפען.

נאר דיא זיסע רוה איז שוין פערשוואונדען געווארען פון זייער היים זיא האט געהאפט, אז ביסלעכווייז' וועט ווערען, וויא עס איז געווען פריהער, נאר זיא האט געהאט א טעות. עס האט געשיינט, אזוי וויא דער דערטרונקענער האט ארומגעשפאצירט איבר'ן שטוב און שטעהט צווישען זיי. זיי פלעגען גאנצע טעג אבזיצען און ניט ארויסרעדען קיין ווארט און האבען געציטערט פון יעדען בלאז פון ווינד. זייערע קליינע בעקוועמע צימערן האבען איצט אויסגעוויזען גרויס און טרויעריג.

זיי זיינען צופיעל אליין, צו איינזאם, האט יעדער פון זיי געזאגט.

א מאל האט וויליאם פלוצים געזאגט:

— דיא הויז איז וויא א קבר און איך קען דא ניט אטהעמען.

נאר ער האט באלד חרטה געקריגען און אננעהמענדיג מאגדאלען פאר דער האנד, האט ער געזאגט:

— פערצייהע מיך, איך וועל מיין טרויער באלד פערגעסען און מיר וועלען לעבען ווידער וויא פריהער.

ער האט געגלויבט אין וואס ער האט געזאגט, נאר ער האט ניט געוואוסט, אז צוויי מאל חלום׳ט מען ניט דעם זעלבען חלום.

ווען זיי זיינען אביסעל געקומען צו זיך, האבען זיי זיך ארומגעזעהן, אז זיי האבען פערלארען זייער גלויבען אין א דויערהאפטען גליק. מאגדאלענ׳ס שטאלץ האט שטארק געליטען, זיא האט אנגעהויבען צו קוקען אויף איהר געליעבטען וויא אויף א פיינד, וואס האט איהר גערויבט פון איהר רעספעקט צו זיך אליין. דיא קלענסטע זאך האט איהר געבראכט אויפ׳ן געדאנקען, אז זיא איז ניט ביי זיך אין דער היים און האט ניט קיין רעכט דא צו זיין און דאס האט איהר געברענט וויא פייער. זיא פלעגט זיך פערשליסען ביי זיך אין צימער און וויינען ג׳טער.

וויליאם פלעגט איהר אפט ברענגען פרעזענטען; אנפאנגס פלעגט זיא זיך מיט דעם פרייען וויא א קינד, ווען מען האט געבראכט א נייע שפילכעל. דער ווערטה פון דיא פרעזענטען איז איהר נאר ניט אנגעגאנגען, זיא האט זיך נאר געפרייט, וואס דער געליעבטער האט איהר שטענדיג אין זיינע געדאנקען און טראכט נאר פון איהר. נאר נאכדעם וויא איהר חלום איז אזוי גראב צערשטערט געווארען, האבען איהר דיא זיידענס מיט דיא דיאמאנטען, פאר וועלכע זיא האט אליין ניט געצאהלט, פעראורזאכט גרויסע שמערצען. פון דער צייט אן האט זיא זיך געפיהלט בעליידיגט פון דעם לוקסוס, וואס האט איהר ארומגערינגעלט און וואס האט ניט בעקאנגט צו איהר.

א מאל האט איהר וויליאם געבראכט א בראסלעט: זיא איז בלייך געווארען ביים אנבליק פון דעם ציערונג און האט ניט ארויסגערעדט קיין ווארט. דאס האט איהם זעהר פערוואונדערט און ער האט איהר געפרעגט מיט א צערטליכען טאן:

— געפעהלט דיר ניט דער בראסלעט?

זיא האט א ווילע געשוויגען און דאן געענטפערט מיט א ציטער אין איהר שטימע:

— וויליאם, דוא פערשווענדסט אויף מיר צו פיעל געלד און דאס איז ניט גוט פון דיין זייט. איך ליעב דיך גראדע אזוי שטארק אהן פרעזענטען.

זיא האט זיך אבגעזיפצט און וויליאם האט איהר ארום גענומען, ניט קענענדיג פערשטעהן דיא ענדערונג וואס איז פארגעקומען אין איהר.

— וואס איז געשעהן ? וואס פאר א נייער געדאנק איז דאס ? ביסטו דען ניט מיין ווייב ?

זיא האט איהם געקוקט גלייך אין געזיכט און איהרע אויגען האבען איהם קלאר און דייטליך געזאגט :

— ניין, איך בין ניט דיין ווייב.

ווען זיא וואלט געוואנט, וואלט זיא איהם געוויס פארגעשלאגען צו צאהלען פון איהרע איינקינפטע א טהייל פון איהרע אויסגאבען. איהר שטאלץ האט זיך בעליידיגט פון יעדע קליינינקייט און זיא האט דאס גוט געוואוסט און דאס גופה האט איהר נאך מעהר אויפגערעגט.

מיט עטליכע טעג שפעטער האט איהר וויליאם געקויפט א קלייד. זיא האט איהם בעגעגענט מיט א נערוועזען שמייכעל :

— ווייטער לאז מיר קויפען אזעלכע זאכען, דוא פערשטעהסט ווייניג אין דעם און מען נארט דיך אב.

זיא איז שטענדיג געווען אויף דער וואך און איז שטענדיג געווען פארטיג צו קעמפפען פאר איהר שטאלץ, און יעדע קליינינקייט האט איהר צורייצט, נאר אין דער ווירקליכקייט איז איהר דאס לעבען נמאס געווארען : זיא האט ליעב געהאט וויליאמען, נאר דיא שטענדיגע צאנקערייען האבען איהר אזוי געפלאגט, אז זיא האט זיך אליין געזאגט, אז זיא ליעבט איהם מעהר ניט.

זעהענדיג שטענדיג איהרע פערוויינטע אויגען, איז וויליאם אויך געווארען נערוועז און צורייצט. פיהלט זיא זיך אונגליקליך מיט איהם ? האט ער זיך געפרעגט. בענקט זיא נאך איהר אלטען געליעבטען ? און ער האט ניט אויפגעהערט צו טראכטען וועגען איהר פערגאנגענהייט, פון וועלכער ער האט ניט געוואוסט און האט ניט געוואלט וויסען. נאר אויב ער האט ניט געפרעגט ביי איהר, איז איהם דיא פראגע וועגען איהרע פערגאנגענע יאהרען ניט ארויס פון קאפ, און ער האט ניט אויפגעהערט נאכצוקוקען איהר, פיליכט וועט ער פון איהרע בעוועגונגען עפעס ערפאהרען וועגען דעם. ווען ער פלעגט דערהיטען אן אויסדרוק אויף איהר געזיכט, וועלכען ער האט ניט פערשטאנען, איז ער געווען אין צווייפלונג.

— זיא איז איצט מיינע, האט ער געזאגט צו זיך אליין. מיין ליעבע איז אזוי שטארק, אז זיא האט איהר געדארפט צופריעדען שטעלען און איהם פלעגט שטארק קרענקען ווען ער פלעגט רעדען א צייט נאך אנאנד און זיא האט ניט געהערט קיין ווארט, זייענדיג פערזונקען אין איהרע געדאנקען.

— איך האב זיך גענארט, פלעגט ער צו זיך זאגען יעדען מאל, ווען אזא זאך

פײַנעם פּאָרקומען. דיא פרוי איז נים ווערטה צו דיין מיינע; זיא האט שוין פריהער גופיעל געליעבט, אז זיא זאל מיר קענען בעצאהלען פאר מיין ליעבע.

זיי האבען קיין מאל נים געהאט קיין ערנסטע מיספערשטענדניסע, נאר דיא ביטערע ווערטער, וואס זיי האבען געזאגט איינער צום צווייטען, זיינען געווען גענוג צו מאכען זייער לעבען זויער.

— דיינע אויגען זיינען רויט, האט וויליאם אפט בעמערקט. פאר וואס וויינסטו אין דער שטיל?

— דוא האסט א טעות, פלעגט זיא ענטפערן און מאטערן זיך צו שמייכלען.

— אה, ניין, איך האב קיין טעות נים. וואס פעהלט דיר, וואס געהט דיר אב ביי מיר?

זיא פלעגט נים ענטפערן.

— איך בין נאר, אומשטיינס געזאגט, אן ארימער ליעבענדער, ווען איך קען זיך נים מאכען בעליעבט. נאר עס זיינען פאראנען גליקליכערע מענשען, וועלכע מען קען קיין מאל נים פערגעסען.

אזא מין אנצוהערענים איז איהר אוועק שטענדיג אין אלע גליעדער.

— דוא ביסט אונבארעמהערציג, פלעגט זיא ענטפערן ביטער. איך קען נים פערגעסען ווער איך בין, וואס מיין פערגאנגענהייט איז געווען און דארום וויין איך. וואס דענקסטו איז דיא אורזאכע פון מיינע טרערען?

ער האט זיך אבגעקעהרט און זיא האט פארטגעזעצט מים הארץ, מים געפיהל:

— עס וועט זיין פיעל בעסער, אז דוא זאלסט וויסען מיין געשיכטע, דוא וואלסט מיך דאן פיעלייכט בעסער פערשטאנען. זאל איך דיר דערצעהלען?

נאר ער האט נים געוואלט הערען און געבעטען אום פערצייהונג.

דיזע סצענע, וואס האט זיך זעהר אפט ווידערהאלט, איז מעהר ווייטער נים געגאנגען. דא זיינען זיי געבליעבען שטעהן און אין א שטונדע ארום איז ער ווידער שוין געוועסען א פערצווייפעלטער, אז זיא איז נים זיינע, אז זיא טרויערט ווענען איהר ערסטען ליעבהאבער, און זיא איז ווייטער פול געווארען מים שרעקען פאר ווייטערדיגע ענטוישונגען און נייע בעליידיגונגען.

צייטענווייס פלעגט זיא זיך ארויפווארפען וויליאמען אויפ'ן האלז און וויינען אזוי לאנג, ביז דיא כחות פלעגען איהר אויסגעהן. דיעזע אונערקלערליכע טרערען זיינען פאר איהם געווען א קוואל פון שרעקליכע יסורים. ער האט נים געוואגט צו

שטעלען איהר פראגען און האט איהר איינגענומען מיט אן אונגעדולד, וואס זיא האט נוט געפיהלט.

אזוי איז ביי זיי אריבער א מאָנאט צייט. זיי האבען איינער דעם צווייטען בעליידיגט און דערנאך איינגענומען און געטרייסט איינער דעם אנדערן. דיא איינציגע זאך, וואס האט זיי געקענט רעטען פון זייער לאגע, איז געוועזן אָפענהערציגקייט, ארויסזאָגען וואס עס ליגט יעדען אויפ'ן הארצען. נאר ביידע זיינען פערציטערט געווארען פון דעם געדאנק.

וויליאם האט געלאזט איינפאסען זשאקס בילד אין א טהייערן ראם און מאגדאלען האט געפיהלט א זעלטזאמע אונרוהיגקייט יעדעס מאל, וואס זיא האט אויף איהם א קוק געטהאן. זיא האט קיין מאל נים ערלויבט וויליאמען, ער זאל איהר א קוס טהאן אין דעם צימער, וואו דאס בילד איז געהאנגען. נאר ווען זיא האט געהאט עפעס קלעמענים און האט געוויינט, פלעגט זיא זיך שטעלען אנטקעגען דעם בילד, אזוי וויא זיא וואלט געזוכט טרייסט ביי זשאק'ן.

מען קען נים זאָגען, וויא לאנג דאס וואלט אנגעהאלטען. עס איז זעהר מעגליך אז נאך אין א מאנאט וואלטען זיי זיך צוקריגט און צוגאנגען. נאר פון אזא מאוסע ענדע האט זיי אבגעראטעוועט אן אונערווארטעטער צופאל.

וויליאם האט בעקומען א בריעף, אז ער זאל גלייך קומען א היים, וויל זיין פאטער האלט ביים שטארבען. מאגדאלען איז געוועזן זעהר געריהרט פון זיינע ליידען און אם דיא לעצטע שטונדען זיינען זיי ווייטער געווארען וויא צוויי קערפער און איין זעלע. ער איז אוועקגעפאהרען א היים, זאגענדיג איהר, אז ער וועט איהר שרייבען.

VI.

גראף דע וויארנו איז געוועזן טוידט. נאר מען האט גערעכענט פאר קלינער צו פערבארגען פון וויליאמען דיא ווארהייט, אום פארצובערייטען איהם צו דיזער טרויעריגער בשורה ביסלעכווייז.

דיא אומשטענדען אונטער וועלכע דער גראף איז געשטארבען, האָבען אָנגעווארפען א שרעק אויף דיא בעדיענטע. איין נאכט האט זיך דער גראף איינגעשלאָסען אין זיין לאַבאראטאָריע, וויא זיין שטייגער איז געוועזן, נאָר ער איז פון דאָרטען נים ארויסגעקומען צו דער געוואוינליכער שטונדע. זשענעוויוו איז געוואָרען דערפאן אונרוהיג, אבער אזוי וויא עס פלעגט צייטענווייז טרעפען, אז ער פלעגט

זיך דאָרטען פערזיצען שפּעט, האט זיא קיין גרויסען ווענען דערפון געמאכט:
נאר ווען א טאג איז אריבער און עס איז ווידער געווארען נאכט און דיא פענסטער
פון דער לאבאָראטאָריע זיינען געבליבען פינסטער אנשטאט העל, וואס זיי פלעגען
שטענדיג זיין העל בעלויכטען, איז זיא געוואָרען זעהר צושראָקען.

אין דער פריה איז זיא אוועק צו דער לאבאָראטאָריע און האט זיך צוגעהערט
פון הינטער דער טהיר, נאר אינעווייניג איז געווען שטיל וויא אין א קבר און עס
האט זיך דארטען נים געהערט קיין זיכבע. ענדליך האט זיא אנגעקלאפט, אבער
זיא האט קיין ענטפער נים געקריגען; דאן האט זיא אויסגעפונען אז דיא טהיר איז
נים פערשלאסען, וויא געוואוינליך, זאנדערן זיא איז נאר פערמאכט. זיא איז שנעל
אריין אין צימער און האט געטראפען דעם גראף ליגען א טויטען אויף זיין רוקען.

אויף זיין געזיכט און אויפ'ן האלז זיינען געווען עטליכע פורפורנע פלעקען.
ביים פאלען האט זיך זיין קאפּ אבגעקלאפט אן א ראָג (ווינקעל) פון טיש און א
שמאָלער שטראם בלוט האט זיך געצויגען ביז צום אייווען, וואו עס האט זיך פאָר-
מירט א קליינע רויטע לוזשע.

ביי זשענעוויוו האט זיך ארויסגעריסען פון האלז א ווילדער געשריי. מעהר
פון אלץ האבען אויף איהר אנגעוואָרפען א שרעק דיא רויטע פלעקען אויף זיין
האלז און געזיכט. ביי איהר איז קיין שום צווייפעל נים געווען, אז דאס איז געווען
דיא ארבייט פון דעם נים-גוטען, וועלכער האט דערוואָרגען איהר הערן. דיא פלע-
קען זיינען פערבליבענע צייכענס פון זיינע פינגער. זיא האט שוין עס לאנג ערוואר-
טעט און פלעגט אָפט זאגען, ווען זיא פלעגט הערען, וויא דער גראף פערשליעסט
דיא טהיר פון דער לאבאָראטאָריע:

— דער טייוועל וועט איהם עפּעס אבטהאן א שפּיצעל; דער סוף וועט זיין,
אז ער וועט איהם דערשטיקען, אום צו קריגען זיין נשמה וואס גיכער.

איהרע נביאות זיינען מקוים געווארען, און זיא האט געציטערט מיט אלע
גליעדער, פאָרשטעלענדיג זיך דעם שרעקליכען קאמפּף, וואס איהר הערר האט
געהאט אויסצושטעהן פאר'ן טוידט. איהר רייכע פאנטאזיע האט געמאָלט דאס
בילד פון דעם שווארצען און האָריגען טייוועל, וויא ער כאפּט אן זיין אפּפער ביים
האלז, רייסט ארויס דיא נשמה און פליהט ארויס דורך דעם קוימען.

אויף איהר געשריי זיינען אנגעלאפען אלע בעדיענטע פו דעם שלאס. דער
גראף האט שטענדיג אויסגעקליבען פאר זיינע בעדיענטע דיא נארעשסטע און אונ-
וויסענדע פון דער אומגעגענד, און יעדער פון זיי האט איצט געגלויבט, אז דער
גראף איז געשטארבען אין קאמפּף מיט'ן נים גוטען.

זיי האבען איהם ארונטערגעטראגען אין א אונטערסטען עטאזש, האבען איהם אנידערגעלייגט אויף א בעט און געציטערט פאר שרעק, ערוואַרטענדיג צו זעהן, וויא פון זיין מויל וועט באלד ארויסקומען אן אונריינע חיה.

און דאריבער איז קיין וואונדער ניט, אז נאכדעם האט זיך פערשפרייט א קלאנג, אז דער גראף איז געווען א מכשף (צויבערער) און דער טייוועל האט ענדליך צוגענומען זיין נשמה.

דער דאקטאר, וואס האט עקזאמינירט זיין קערפער, האט אויסגעפונען, אז דער גראף האט זיך פער'סמ'ט; נאר ער איז געווען זעהר פערוואונדערט פון דעם מין סם, וואס ער האט געברויכט, און ער האט געדענקט, אז דאס איז געווען א נייער מין גיפט, וואס דער גראף, אלס כעמיקער, האט אליין אויסגעפונען. דער דאקטאר איז געווען זעהר פארזיכטיג און האט קיינעם ניט געזאגט וואס ער האט אויסגעפונען און האט אנגעגעבען דיא אורזאכע פון דעם גראף'ס טוידט אפאפלעקסיע.

וויליאם איז אנגעקומען אין שלאס א שטונדע פאר דער קבורה; ער האט מיט'ן גאנצען הארצען בעדויערט זיין פאטער, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס דער לעצטער האט איהם בעהאנדעלט קאלט. מיט א פאר חדשים צוריק וואלט ער פיליכט ניט פערגאסען א טרער, נאר דיא לעצטע צייט, וואס ער האט פערבראכט מיט מאגדאלען, האט איהם געמאכט אזוי נערוועז, אז דיא מינדעסטע זאך האט איהם גערירט ביז טרערען.

ווען ער האט זיך צוריקגעקעהרט פון דער לויה, איז איהם זשענעוויוו נאכגעגאנגען אין זיין צימער און האט איהם מיט דער רוהיגער גרויזאמקייט פון א פאנאטישע פרוי געזאגט, אז זיא איז בענאנגען א גרויסען חלול השם, א לעסטערונג געגען גאט, וואס זיא האט איהם געלאזט מקבר זיין אויף הייליגער ערד, און האט איהם דערביי דערצעהלט דיא אורזאכען פון דעם גראפ'ס טוידט. לויט זיא האט פערשטאנען, זיא וואלט פיליכט אבגעלעגט דיזע ערצעהלונג אויף אן אנדערם מאל, נאר זיא האט גערעכענט, אז היינט וועט עס האבען א בעסערע ווירקונג אויף זיין מאראל. נעענדיגט האט זיא מיט דעם, אז זיא האט איהם געבעטען, ער זאל איהר געבען א שבועה, אז ער וועט ניט אריין אין קיין שום פערבינדונג מיט'ן טייוועל.

וויליאם האט איהר געגעבען דיא שבועה און האט זיך צוגעהערט מיט א צער מישטען קאפ צו אלץ, וואס זיא האט איהם געזאגט, ניט בעגרייפענדיג, פאר וואס זיא רעדט צו איהם אזוי פיעל וועגען טייוועל. איין זאך האט ער נאר געוואוסט,

אז אויב דא וועט יאָנג רעדען וועגען דעם פאטער׳ס טוידט און שילדערן זיין קאמפף מיט׳ן טייוועל מיט איהר קוויטשעדיג און שניידענדען קול, וועט ער אראב פון זינען. נאר ווען ער האט דערהערט פון דיא פלעקען אויפ׳ן פאטער׳ס געזיכט און האלז, איז ער שרעקליך בלייך געווארען און האט געזוכט צו פערטרייבען דעם געדאנק, וואס איז איהם פלוצים אריין אין קאָפּ.

אין דעם מאָמענט איז מען אריינגעקומען מעלדען, אז יעמאנד וויל איהם זעהן, דאס איז געווען דער דאָקטאָר וואס האט עקזאמינירט דעם טוידטען. מיט גרויסע פארזיכטיגקייט האט ער איהם ענטדעקט דיא שרעקליכע ווארהייט. זאגענדיג, אז כאָטשע ער האט עס פערבארגען פון פובליקום, רעכענט ער פאר זיין פליכט צו זאגען עס איהם, זיין זוהן.

וויליאמען איז אריבער א קעלט איבער אלע גליעדער. איהם האט אויסגעוויזען, אז א שווארצער אבגרונד האט זיך געעפענט פאר זיינע פיס. ער האט בעדאנקט דעם דאקטאר פאר׳ן סעקרעט, וואס ער האט בעהאלטען פון דיא מאסע און האט זיך שוין געלאזט געהן, ווען דער דאָקטאָר האט איהם אבגעשטעלט.

— פערצייהעט, האט ער געזאגט צו וויליאמען, וואס איך וויל אייך איצט בעאונרוהיגען, נאר איך האב מורא, אז מארגען וועט זיין צו שפעט. איך וואלט זעהר וועלען אויסגעפינען, וואס פאר א מין גיפט דאס איז געווען, וואס האט ארויסגערופען דיא זאנדערבארע פלעקען. ערלויבט מיר אריינצוקומען אין צימער, וואו מען האט געפונען דעם טוידטענס קערפער.

ווליאם האט געשיקט מען זאל איהם אריינטראגען דעם שליסעל פון דער לאבאָראטאָריע און איז מיטגעגאנגען מיט׳ן דאָקטאָר, אליין ניט וויסענדיג, וואס ער טהוט.

נאר ווען ער איז אריינגעקומען אין דער לאבאָראטאָריע האט ער זיך פלוצים אויפגעכאפט פון זיין הינ׳הער פלעט. דאס צימער האט איצט געהאט גאר אן אנדער אויסזעהן, וויא ער האט עס געזעהן מיט א יאהר דריי צוריק, ווען דער פאטער האט איהם פערבאטען צו מאכען עפעס א קאריער אין לעבען, דאמאלס האבען דיא אייוועלעך און דיא דרייפוסען געשיינט אין דעם ליכט פון דיא גרויסע פענסטער.

אויף פאָליצעס ארום צימער זיינען דאמאלס געוועזען אויסגעשטעלט פלעשעלאך, סלאָיטשיקעס, קריגעלאך פון פערשיעדענע סארטען. אויף דיא טישען זיינען געלעגען גרויסע ביכער און גאנצע מאסען מאנוסקריפטען (כתבים). דא זיינען

נעווען בעגראבען דיא פרוכט פון א לאנגען לעבען ארבייט, דיא ווערטהפאָלע געהיימ־ניסע פון א געלעהרטען, וואס האט געמאכט זיינע פארשונגען אין דער נאטור א האלב הונדערט יאהרען. וויליאם האט געהאָפט צו טרעפען דאס צימער אין דעם זעלבען צושטאנד, נאר געטראפען האט ער עפּעס גאר אנדערס.

דאס צימער האט איצט אויסגעזעהן וויא א שרעקליכער שטורם וואלט דא דורכגעלאָפען און וואלט צערשמעטערט און צערשטערט אלץ, וואס ער האט דא געטראפען. דיא אייזעלעך האבען געשיינט צו זיין אויסגלאשען מאַנאטען לאנג, דיא אַש האט זיך אריבערגעשאטען אויף'ן באָדען, דיא רעהרען זיינען געווען צו־בויגען און צודרייט, דיא פלעשעלאך און דיא קריגעלאך זיינען געווען צובראכען. דיא פּאָליצעס זיינען אראבגעהאנגען, וויא אראבגעריסען פון א צאָרניגע האנד דיא ביכער און מאנוסקריפּטען זיינען געווען האלב פערברענט. נאר דיזע רואינע דיזער תל האט געשיינט צו זיין נים קיין נייע, ווייל איבעראל האט זיך געזעהן שפּינוועבס (פּאוועטינע).

וויליאם האט באלד פערשטאנען דיא בעדייטונג דערפון, זיין פּאָטער האט צו איהם גערעדט מיט ביטערניס וועגען וויסענשאפט און האט נים געוואלט, אז יעמאנד זאל פּראפּעטירען, זאל האבען עפּעס א נוץ פון זיינע ענטדעקונגען. וויליאם האט זיך גרינג געקענט פארשטעלען דעם טרויעריגען טאָג, ווען דער אלטער גע־לעהרטער האט צערשטערט יעדע זאך, וואס איהם איז געווען אזוי טהייער. וויא פאר דיא אויגען איז איהם געשטאנען דיא סצענע, וויא דער פאטער פערברענט דיא מאנוסקריפּטען, רייסט אראב דיא פּאָליצעס, צערברעכט דיא פלעשלאך און צודרייט דיא רעהרען. איין שטונדע, איין מינוט, קען זיין, איז געווען גענוג צו פערניכטען דיא שווערע ארבייט פון לאנגע יאהרען. און איהם האט געדוכט, אז ער זעהט א זעלטזאמען שמייכעל אויף זיין פאטער'ס בלייכע געזיכט און וויא ער ווישט אב דעם שטערן, ווען ער געפינט אויס, אז פון אלע זיינע ענטדעקונגען איז גאר נים פערבליבען און ער איז איינער אליין צווישען דיא אלע רואינען.

וויליאם איז געווען מעהר ערשראקען פון דעם געדאנק, וויא אזוי זיין פא־טער האט פערבראכט דיא שטונדען און טעג נאכהער וויא ער האט אלץ פערניכ־טעט; וויא איהם איז געווען אויף'ן הארצען ארומשפּאצירען אין דיזען קבר, וואו ער האט בעגראבען זיינע בעסטע יאהרען. וואס פאר א ביטערע געדאנקען האבען זיך געשטויסען ביי איהם אין קאָפּ, ווען ער האט מיט'ן פוס צוקלאפּט א גלע־עלע, וואס האט זיך נאך דער צערשטערונג פערקייקעלט ערגעץ א גאנצע.

קיין זאך איז איצט נים פערבליבען, דאך ווען וויליאם איז אזוי ארומגעגאנגען

איבערן צימער, האט ער בעמערקט א קליינע שאפקעלע מיט גלעזערנע טהירלאך, וואס איז געווען צוגעשלאגען צו דער וואנד. די שאפקעלע איז געבליעבען אונבע־ריהרט און איז געווען אנגעשטעלט מיט פלעשעלאך, וועלכע האבען ענטהאלטען פליסינקייטען פון אלערליי קאלירען. דאס זיינען געווען פערשיעדענע גיפטען, וואס דער גראף האט אליין צהאמענגעשטעלט אדער ענדעקט. די שאפקעלע איז געווען זעהר א שעהנע און האט געקענט שטעהן פאר א צירונג אין א בודואר ביי א דאמע. אין אין דער ווירקליכקייט האט מען די שאפקעלע ארויפגעטראגען אהער פון דעם א גטערסטען סאלאן. דער גראף אליין האט אנגעשריבען אויף יעדער פלעשעלע מיט זיין פינגער איינגעטונקט אין טינט: „גיפט“.

וויליאם האט שמערצליך געפיהלט די איראניע, מיט וועלכער זיין פאטער האט איבערגעלאזט גראדע דיזע אנדענקונג, דאס רעזולטאט פון זיין גאנצע ארבייט און וויסענשאפט זיינען געווען עטליכע פלעשעלאך גיפט. דאס וואס האט געקענט זיין ניצליך האט ער צערשטערט און האט איבערגעלאזט פאר דער מענשהייט דיזע מעכטיגע אגענטען, דיזע מלאכי חבלה פון ליידען און טוידט.

וויליאם האט א צאפעל געטהאן, ווען ער האט עס דערזעהן און איהם האט געדוכט, אז ער הערט דעם שפעטישען געלעכטער פון דעם אלטען בעמיקער.

דער דאקטאר איז געווען אויסער זיך פאר כעס.

— וואס פאר א מאן! האט ער געמורמעלט. אלץ צערשטערט. מען האט איהם געדארפט איינשפארען אין א דול־הויז.

— אייער פאטער איז געווען א גרויסער געלעהרטער, האט ער זיך געווענדעט צו וויליאמען, ער האט ווארשיינליך געמאכט וואונדערבארע ענטדעקונגען און זעהט דאס רעזולטאט דערפון. ער איז אהן צווייפעל געווען פערריקט. ער האט געקענט זיין א מיטגליעד פון דער אקאדעמיע דער וויסענשאפט און איז געלעגען איינגע־שלאסען דא. נאר איך וועל געפונען זיינע מאנוסקריפטען, איך וויל איינע פון זיי פערעפענטליכען און דאס וועט ברענגען עהרע אונז ביידען.

ער האט ווייטער געזוכט אין די פאפירען, ניט קוקענדיג אויפ'ן שטויב.

— ניין, גאר ניט געבליעבען, ניטא קיין איין גאנצע בלעט'ל. אזא משוגעת האט זיך מיר גאר ניט געחלומט.

ווען ער האט געענדיגט מיט די פאפירען, האט ער זיך גענומען צו די צובראכענע פלעשלאך. פלוצים האט ער זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן די פערמאכטע שאפקע. ביי איהם האט זיך ארויסגעריסען א געשריי פון פרייד. נאר דער שליסעל איז ניט געווען און ער האט זיך געמוזט בענוגענען מיטן בעטראכטען

דיא פלעשלאך דורך דיא גלעזערנע טהירלאך פון דער שאפקע. ער האט דאך גע־ווענדעט צו וויליאמען און געזאגט:

— איך בעט אייך, איהר זאלט מיר ערלויבען צו אנאליזירען דיזע פליסיגקיי־טען; איך בעט אייך אין דעם נאמען פון דער וויסענשאפט.

וויליאם האט א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ, און ווייזענדיג מיט'ן פינגער אויף דיא צעבראכענע פלעשלאך, האט ער געזאגט:

— איהר זעהט, אז מיין פאטער האט ניט געוואלט איבערלאזען קיין זכר פון זיין ארבייט. דיא פלעשלאך מוזען דאריבער בלייבען דארטען, וואו ער האט זיי איבערגעלאזט.

דער דאקטאר האט ווייטער געבעטען, נאר עס האט איהם ניט געהאלפען. פלוצים האט ער דערזעהן דאס בלוט. וואס האט זיך צוזאמענגערונען ביים אייווען. ער האט זיך געשטעלט אויף דיא קניע און האט מיט דיא נעגעל גענומען צוזאמענקראצען דיא פערטריקענטע בלוט. ער האט געהאפט פון דעם אויסצוגעפונען פון וואס פאר א מין דער גראף האט זיך פערגיפטעט.

וויליאם האט באלד פערשטאנען וואס ער טהוט און איז צו איהם צוגעגאנ־גען. האט איהם אנגענומען פאר דער האנד און געזאגט מיט ציטערדיגע ליפען:

— קומט מיט מיר, דאקטאר. איך קען ניט אריבערטראגען צו שטעהן לענ־גער אין דעם צימער. לאמיר ניט שטערן דיא רוה פון דעם טוידטען, קומט גלייך.

דער דאקטאר איז איהם נאכגעגאנגען מיט אן אונצופריעדענע מינע, און וויליאם האט פריי אבגעאטהעמט אין קארידאר. ער האט צוגעשלאסען דיא טהיר און האט זיך צוגעזאגט, אז ער וועט פאלגען דעם פאטער און וועט מעהר ניט אריבערטרעטען דעם שוועל פון דיזען צימער.

דיא ערסטע טעג איז וויליאם געווען פערוואָרפען מיט ארבייט, מען האט איהם ניט געלאזט רוהען ניט איין מינוט, נאר באלד האט דאס איהם דערעסען און ער האט זיך פערשלאסען ביי זיך אין צימער, אנזאגענדיג זשענעוויוו, אז זיא זאל איבערנעהמען זיין ארבייט.

דער גראף האט אין זיין צוואה איבערגעלאזט פאר זשענעוויוו א היבשע סר מע יעהרליכע איינקינפטע, נאר זיא האט זיך דערפון אבגעזאגט, ערקלערנדיג, אז פאר איהר איז גענוג דיא געהאלט און זיא איז נאך אין שטאנדע צו טהאן איהרע פליכטען.

וויליאם איז געווען זעהר צופריעדען ארויפצואווארפען אויף איהרע פלייצעס דיא גאנצע פעראנטוואָרטליכקייט פון דיא נימער. זיין זארגלאזע נאטור האט פיינד

נעהאט יעדע זאך, וואס האט נעפאדערט א נעוויסע טהעטינקייט, און דיא קליינליכע זארגען פון דעם טעגליכען לעבען האבען איהם סעהער.

ווען ער איז ענדליך נעבליבען אליין און האט מעהר ניט נעהאט וואס צו טהאן, האט איהם אנגעהויבען צו פלאגען דער נעדאנק ווענען זיין פאטער'ס זעלבסט-מאָרד און ווענען יענעם צימער, וואס איז פערפלעקט נעווארען מיט'ן פאטער'ס בלוט. ביסלעכווייז האבען זיך אין איהם ערוועקט אלע עראינערונגען פון זיין טרויעריגען לעבען, און איהם האט נעדוכט, אז דיא לעצטע טראגעדיע איז נעווען דער פינאל, דער סך הכל פון דיא אלע אונגליקען, וואס האבען נעפיהרט דערצו. זיין נעבורט, זיין איינזאמע קינדהייט, זיינע שרעקליכע פערפאלגונגען, ווען ער איז אביסעל עלטער נעווארען און איצט האט נאך דער פאטער צוגעגעבען צו דעם פעקעל צרות דעם זעלבסט-מאָרד. דאס אלץ האט איהם שרעקליך צובראכען און ער האט נענומען קוקען אויף זיך, ווי אויף אן אפפער פון זיין שיקזאל.

ווען ער האט דערזעהן, אז פאר זיינע פיס האט מען איוועקגעלעגט א נאנצען פערמעגענס, וואס פאדערט פון איהם, ער זאל שפיעלען דיא ראָליע פון א טהעטינען מאן אין לעבען, איז נאך זיין פינסטערע מורא גרעסער נעווארען. ער האט פון דער וועלט נאר ניט נעוואוסט און האט נעציטערט פאר דער צוקונפט. ער האט זיך אליין נעפרעגט, וואס פאר א נייע וואונדען האט דער שיקזאל צונעגרייט פאר איהם, ווייל ער איז נעווען זיכער, אז ווי נאר ער טרעט אליין ארויס אין לעבען, וועט שוין דער ערסטער טריט זיין א נארישער.

ער האט אויף זיך נעקוקט, ווי אויף אן אונגליקליכען, און דאס האט פערדאפערט זיין ליעבע צו מאנדאלען. ער האט איהר אין זיינע נעדאנקען פערגעטערט און האט נעטראכט, אז נאר זיא אליין ווייס איהם ווי צו שעצען און ליעבט איהם ווי ער איז דאס ווערטה. ער האט זיך אזוי נענויטהינט צו זיין נעליעבט, אז ער האט זיך בלינד ארויפנעווארפען אויף דיא ליעבע פון דער איינצינער פערזאן, וואס ער האט נעקענט און דאס האט איהם נענעבען עטליכע מאנאטען רוה און צערטליכקייט, צוואר ער האט ניט נעוואוסט, ווער זיא איז ער האט יעדען טאָג נעשריבען א לאנגען בריעף צו מאנדאלען און האט זיך נעקלאנט, וואס זיי זיינען איצט נעשיידעט איינער פון צווייטען און אז ער וועט עס לענגער ניט אויסהאלטען צייטענווייז האט ער מיט פערגניגען נעטראכט פון דעם לעבען, וואס ער האט פערבראכט מיט איהר אויף דער בולאָנער גאס אין האט נענומען טרוימען צו בענייען דאס זעלבע לעבען. נאר דא האט ער זיך דערמאנט דיא לעצטע מעלאנכאָלישע טעג און האט זיך נענומען שרעקען. אז זיי ווערען שוין מעהר קיין גליק ניט

זעהן אונטער יענעם דאך. ענדליך האט ער איהר אננעשריבען א בריעף, אין וועל־כען ער האט איהר שטאַרק נעבעטען, זיא זאל קומען צו איהם.

מאַנדאַלען איז נעווען זעהר צופריעדען פון דעם פּלאַן. זיא האט איצט אויף מורא נעהאט פאר זייער אלטע וואוינונג, און זיא האט זיך ניט נעקענט אַ קעהר טהאן, אז זיא זאל זיך ניט דערמאַנען אן זשאַק. זיא איז שוין ניט אראָב פון זינען אין דיא פאר וואכען, וואס זיא האט ראַרטען נעדאַרפט פערברענגען אליין. גלייך ווייא וויליאם איז אוועקנעפאהרען, האט זיא זשאַק'ס בילד אראָבנענומען פון דער וואנד און אין הארצען האט זיא פאַרווירפע נעמאַכט וויליאמען, פאר וואס ער האט איהר איבערגעלאַזט אליין מיט איהר אלטען ליעב־האָבער, און זיא איז נעווען אויסער זיך פאר פרייד, ווען זיא האט פערשלאָסען הינטער זיך דיא טהיר פון דער הויז אין בולאָנער נאַס, אום ניט אומצוקעהרען זיך מעהר צוריק אהער; עס האט איהר אויסגעוויזען, אז איצט האט זיא זיך בעפרייט פון זשאַק'ס גייסט אויף אייביג.

וויליאם האט אויף איהר געווארט אין נאַנטעס. ער האט איהר ביי איהר אנקומען אבגעפיהרט אן א זייט און ערקלעהרט דעם פּלאַן, וואס ער האט אויס־געארבייט פאר זייער נייען לעבען. זיא דאַרף ערשיינען וויא איינע, וואס איז געקר־מען אויפ'ן לאַנד צו האבען פרישע לופט און וועט וואוינען אין דעם קליין הייזעל, וואס שטעהט אין עק פּארק און דארטען וועט ער איהר קענען זעהן ווען ער וועט וועלען. נאר מאַנדאַלען האט זיך דערפון אבגעזאָגט, זיא האט ניט געוואלט זיין פערפליכטעט צו איהר ליעב־האבער פאר א וואוינונג און האט איהם ערקלערט, אז עס וועט זיין פיעל בעסער, אויב ער וועט איהר ערלויבען אויסצוזוכען א וואוי־נונג אין דער געגענד פון דעם שלאָס. דער יונגער מאַן האט געפיהלט, אז זיא איז גערעכט, דערמאַנענדיג זיך דיא רכילות, וואס מען האט פערשפּרייט וועגען זיין פאָטער. און עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אז ער זאל זיך צוריקקעהרען אליין אין דער פאָרעטע, אין וועלכער ער איז געקומען און זיא זאל פאהרען מיט'ן דיליזשאַנס אין שטעדטעל און דארטען נאכפרעגען וועגען א וואוינונג און ווען זיא וועט געפי־נען, זאל זיא איהם לאָזען וויסען.

מאַנדאַלען האט באלד געפונען, וואס זיא האט געזוכט. דער אייגענטהימער פון האָטעל האט געהאט ניט ווייט פון שלאָס א פארם און איז בעגאַנגען דיא נארעשקייט, וויא ער האט זיך אויסגעדריקט, אויסצובויען דארטען א הויז, און האט ניט אויפגעהערט צו בעקלאָגען זיך, וואס ער האט אזוי נאַרעש אריינגעש־טופּט דארטען זיין געלד און ווען מאַנדאַלען האט איהם דערצעהלט אז זיא וויל

סרינגען א הויז אין יענעם געגענד, האט ער איהר גלייך אנגעבאָטען, זיא זאל דינגען זיין הויז. אויף מארגען נאָך איהר קומען האט ער איהר אוועקגעפיהרט אהין, זיא זאל דיא הויז אנקוקען. דיא הויז האט געהאט פיער צימערן, פון רעגען זיינען דיא געקאלכטע ווענד געווארען געל, און דער רויטער דאך האט פריילין ארויסגעזוקט צווישען דיא ביימער. הינטער דער הויז איז געוועזען א גארטען און ווייטער זאבען זיך געפונען נידריגע און שווארצע הייזלאך, פון וואנען עס האבען זיך געהערט דיא קולות פון עופות און בהמות.

טאַגדאַלען איז געוועזען ענטציקט פון דער הויז, מען דארף איהר נאר אויסמעבלירען און מען קען זיך גלייך אהער אריינציהען. זיא האט דיא הויז גדונגען אויף א האלב יאהר פאר פינף הונדערט פראנק, אויסרעכענענדיג, אז זיא וועט קענען דעקען איהרע טעגליכע אויסגאבען פון איהרע איינענע איינקינפטע. נאך אין דער זעלבער נאכט האט זיא זיך אריבערגעצויגען אהין און האט פערנאנדערגעפאקט איהרע קאסטענס מיט א פרייליכען געזאנג, ווייל גלייך וויא זיא האט דערזעהן דאס קליינע הייזעל מיט'ן רויטען דאך, האט זיא געזאגט צו זיך אליין:

— איך ווייס שוין, דא וועל איך פערברענגען גליקליכע טעג!

א זייגער ניין איז צו איהר געקומען וויליאם, און זיא האט איהם אויסגעוויזען יעדען ווינקעל פון הויז. און האט איהם געפיהרט אין גארטען באַטשע עס איז געוועזען דונקעל.

קום אין גארטען, דארטען זיינען פאראן מאלינעס, בלומען און מיר דוכט, אז איך האב אפילו געזעהן ריבעלאך, האט זיא געזאגט מיט שטאָלץ.

וויליאם האט קיין זאך ניט געזעהן, נאר ער איז געוועזען גליקליך מיט איהר גליק. ווען זיי זיינען צוגעגאנגען צום עק גארטען, האט זיא איהם געוויזען אן עפענונג אין פארקען.

— דורך דאנען, האט זיא געזאגט ערנסט, וועסטו דארפען קומען צו מיר; איך וויל ניט, אז דיא שכנים ארום זאלען דיך זעהן.

דאן האט זיא געוואלט זעהן, צו דיא עפנונג איז גרויס גענוג, אז ער זאל קענען דורכגעהן און האט איהם געבעטען, ער זאל שוין מאכען א פראָבע, וואס ער האט געטהאן מיט פערגניגען. דיא געליעבטע זיינען שוין לאנג ניט געוועזען אזוי גליקליך. מאגדאלע איז געוועזען גערעכט. אין דעם פלאץ האט איהר ערוואַרט פרייד, רוהע און עהרע. זשאקס בילד איז געבליבען פערשלאסען אין זייער פריהערדיגער וואוינונג אין פאריז און מיט איהם זיינען דארטען פערבליבען אלע ערינערונגען פון דער טוידטער פערגאנגענהייט. [illegible] האט זיך געפיהלט אזוי גרינג, אזוי גוט,

אַז צייטענווייז האט איהר אויסגעוויזען, אז זיא האט נאָר וואָס פערלאָזען דעם פּאַנסיאָן.

דיא הויפּט פריידע איהרע איז געווען, וואס זיא האט זיך געפיהלט אונטער איהר אייגענעם דאך און זיא פלעגט מיט א קינדערשע צופריעדענהייט ארויסריידען דיא ווערטער: „מיין הויז, מיין גארטען," זיא האט זיך געפיהלט שטאָלץ מיט איהרווירטשאפט, האט געפיהרט איהרע רעכנונגען און האט זיך געקלאָגט, ווען פוטער און אייער זיינען געווארען טהייערער. און זיא איז געווען העכסט גליקליך ווען וויליאם האט אָנגענומען איהר איינלאדונג צו קומען צו איהר צו מיטאג. אין אזעלכע טעג האט זיא איהם ניט ערלויבט צו ברענגען מיט זיך פרוכטען פון שלאָס.

ענדליך האט זיא נעקענט ליעב האבען וויליאמען, וויא איהר גלייכען. ביז איצט האט זיא אם מייסטען געליטען פון געדאנק, וואס זיא לעבט וויא א פרוי, וועלכע ווערט אויסגעהאלטען פון א מאנספערזאן. איצט האט זיא זיך בעפרייט פון דעם געפיהל און זיא פלעגט איהם בעגעגענען מיט א גליקליכען שמייכעל.

וויליאם האט זיך ניט געקענט אבוואונדערן, וואס ער ההט אין מאגדאלען געפונען נייע אייגענשאפטען, וועלכע ער האט פריהער ניט בעמערקט. פריהער איז זיא געווען אונטער זיין דאך, איצט איז ער געווען אונטער איהרען און דיעזער אונטערשיעד האט פערקניפּט און פערפעסטיגט זייער גליק. ער האט זיך דא געפיהלט וועניגער היימיש, וויא אין זייער וואוינונג אין פאריז. און דאס האט ביי איהם ארויסגערופען מעהר דאנקבארקייט פאר מאגדאלען׳ס קוסען.

ער פלעגט קומען צו איהר דורך פעלדער און לאָנקעס און איז געווען גליקליך זיא א אינגעל, וואס אנטלויפט פון שולע. ווען ער פלעגט באגעגענען א פויער האט ער זיך געמאכט, וויא ער זוכט קרייטעכער אין בלומען. ער פלעגט זיך פער׳גנב׳ענען דורך דער עפנונג אין פארקען און איז בעגריסט געווארען פון מאגדאלען מיט א קוס ווען זייערע צוזאמענקינפטע זאלען זיין פרייער, וואלטען זיי פערלארען פיקייבט דעם רייץ פאר זיי; אזוי אבער זיינען זייא געוועןביידע גליקליך און האבען געשיינט צו פערגעסען אין גאנצען דיא מאנאטען, וואס זיי האבען צוזאמען פערבראכט אין פאריז און זיי האט אויסגעוויזען, וויא זיי וואלטען זיך ערסט נעכטען בעקענט. מאגדאלען איז איצט געווארען גאר אן אנדער פרוי. זיא האט איהם איצט אויפגענומען מיט א פּאַרזיכטיגקייט פון א דאמע, וואס האט שטארק מורא פאר איהר רעפּוטאציאָן, פאר איהר נאמען. ער איז ניט געווען קיין איינוואוינער פון איהר הויז, אנדערן א גאסט, און קיין זאך זיינע האט ניט געטאָרט בלייבען אין הויז.

אזוי איז אריבער דער גאנצער זומער. זיא האט זיך בעזעצט אין דעם הייזעל

אין מאנאט אפריל; זיא האט סיין זאך ניט נעוואוסט פון דעם לעבען אויפ'ן לאנד און יעדע זאך האט איהר דא פערשאפט פערגניגען אויף יעדען טריט און שריט. זיא האט צום ערסטען מאל געזעהן, וויא בוימער צובלאזען זיך, וויא זיי בעדעקען זיך מיט בליהונג און דערנאך מיט פרוכטען און וויא דיא פרוכטען ווערען צייטיג, און האט אויף דעם נעקוקט מיט א גליקליכען פערוואונדערטען שמייכעל.

ווען זיא איז אנגעקומען זיינען דיא בוימער געווען נאך נאקעט. דיא פעלדער זיינען געווען פערטרונקען פון דיא ווינטערדיגע רעגענס. דאן איז דיא זון געווארען הייסער און דיא בלעטלאך אויף דיא בוימער גרעסער און מאגדאלען אליין געזינטער און רוהיגער. זיא פלעגט ארומשפאצירען מייל[ע]נווייז יעדען טאג און האט אפילו ניט געדענקט צו ווערען מיעד. געוואוינליך פלעגט זיא בעגעגענען ווילי[א]מען אין א קליין וועלד'ל, וואו עס איז דורכגעלאפען א קליין טייכעל, דאס זעלבע טייכעל, וואו וויליאם פלעגט כאפ'ן פיש, ווען ער איז נאך געווען א יונגער אינגעל. מאגדאלען און וויליאם פלעגען געהן צוזאמען האנד אין האנד, וויא צוויי קינדער. ווען מאגדא-לען פלעגט זאגען, אז איהר איז קאלט, פלעגען זיי ארוים אין פעלד, וואס האט זיך געצויגען אזוי ווייט, ביז דאס אויג האט געקענט זעהן: זיא האט געזאגט, אז דיא ברענענדיגע שטראהלען פון דער זון גיעבען איהר קרעפטען. נאר וויליאם האט דיא היץ ניט געקענט פערטראגען און האט דערפון געליטען. און ווען זיא האט געזעהן, אז ער אטהעמט שווער האט זיא איהם צוריקגעפיהרט צום ברעג פון דעם קליינעם טייכעל, וואו זיי האבען געהאט זייער ליעבלינגס-פלאץ. דער פלאץ איז געווען זעהר א שעהנער. פון א פעלזען האט ארויסגעשטראמט א קלארער קוואל וואסער און ביז אויבען איז דער פעלזען געווען בעדעקט מיט בלעטער פון וויין-טרוי-בען, דורך וועלכען דאס וואסער האט דורכגעשטראמט. ווען זיי זיינען געזעסען דא און צוגעהערט זיך צום גערויש, וואס דאס וואסער האט געמאכט ביים פאלען אויף דיא בלעטער, האט זיי בעהערשט א געפיהל פון שלאף און עווינקייט.

מאגדאלען פלעגט שטענדיג מיטנעהמען מיט זיך פרוכטען און צווינגען איהם ער זאל מיט איהר צוזאמען עסען. וויליאם האט שטארק בעוואונדערט איהר שענ-הייט, מיט יעדען טאג איז זיא געווארען שעהנער, וויא א בלום אויף דער זון. דיא פרישע לופט האט איהר אין גאנצען איבערגעענדערט, איהר האט אויסגעוויזען, אז זיא איז נאר העכער געווארען; איהר הויט איז אביסעל פערברענט געווארען פון דער זון, נאר דאך האט זיא ניט פערלארען איהר דורכזיכטיגקייט און איהרע פראכטפאלע האר האט זיא געטראגען אין א פערפלאכטענעם צאפ איבער דער פלייצע.

וויליאם האט זיך קיין מאל ניט געקענט זאט אָנקוקען אויף איהר רוהיגע און איידעלע געזיכט; זייער ליעבע איז געווען א צאַרטע און איידעלע, אחן גראָבע געפיהלען.

ווען זיי פלעגען ניט געהן שפּאַצירען אין וועלד'ל, האבען זיי גענומען א קאַרעטע און זיינען געפאהרען ווייט, ווייט אין דער אומגעגענד. דאן פלעגען זיי די קאַרעטע ערגעץ אבשטעלען און געהן צו פוס, אליין ניט וויסענדיג וואהין.

צייטענווייז פלעגען זיי פערלירען דעם וועג און האבען א לאַנגע צייט געדארפט נאכפרעגען, וואו צו געהן.

מאַנדאַלען האט זעהר ליעב געהאט בהמות און עופות. זיא האט געקענט אבשטעהן שטונדענווייז נעבען א הוהן מיט קליינע הינדעלאך און צוקוקען זיך צו זיי. זיא פלעגט געהן אין שטאל צו גלעטען דיא קוה, און ווען וויליאם וואלט פון איהר ניט געלאכט, וואלט זיא שטענדיג מיטגעשלעפּט עפּעס א לעבעדיג בעשע־פענים מיט זיך אין שטאדט אריין.

נאך א ליידענשאפט האט זיא געהאט צו קינדער. אזוי גיך וויא זיא האט דערזעהן א קינד שפּיעלען זיך ביי דער טהיר, פלעגט זיא בלייבען שטעהן און ניט קענען אברייסען דיא אויגען פון איהם. דאן האט איהר ניט געארט, צו דאס קינד איז געווען שמוציג צו ניט און איז צו איהם צוגעגאנגען און גענומען איהם אויף דיא הענד. זיא פלעגט רופען וויליאמען, ער זאל זעהן, וויא שעהן דאס קינד איז.

דער הערבסט איז געקומען מיט זיינע פינסטערע וואָלקען איבערן טונקעלען הימעל. דער ווינד איז געווען שאַרף און קאַלט, אויפ'ן גאנצען לאַנד איז וויא אָנגע־פאלען א שלאָף. דיא געליעבטע האבען געמאכט נאך א שפּאַציר צום וועלדעל. זייער ליעבלינגס־פּלאַץ האט איצטער אויסגעזעהן טרויריג און פערלאזען, געלע בלעטער זיינען געלעגען אויסגעשפּרייט אויף דער ערד וויא א טעפּיך, דיא בוימער זיינען געשטאנען נאַקעט און אויסגעצויגען, און דאס קליין טייבעל איז געווען שמוציג פון רעגען.

וויליאם האט געפיהלט, אז זייערע לאַנגע שפּאצירס מוזען זיך ענדיגען. עס קומט אן דער ווינטער; און ער האט מיט טרויער געטראכט פון דעם פערגאַנגע־נעם גליקליכען זומער און געקוקט אויף מאַנדאַלען, וועלכע איז געלעגען אויף דיא אָבגעפאַלענע בלעטער און האט געבראָכען דיא צווייגלאך.

מיט א נאכט פריהער האט ער זיך בעשלאָסען חתונה צו האבען מיט מאַנ־דאַלען. דער געדאַנק צו געהן מיט איהר אונגעזאמט צו דער חופּה איז איהם אריין אין קאָפּ, ווען ער האט געזעהן, וויא זיא האט זיך געשפּיעלט מיט א קינד. ער

האט זיך פּלוצים דערמאנט, אז ווען זיא זאל בּיי דיא איצטיגע אומשטענדען ווערען א מוטער, וועט דאס קינד טראָגען אויף זיך דעם זעלבען פלעק, וואס ער האט געטראָגען.

אויסער דעם, זיינען געווען נאך אורזאכען, וואס האבען איהם געטריבען צו דיזען ענטשלוס ער האט זיך פערליעבט אין דער ערסטער פרוי, וואס ער האט בעגעגענט און וויא ער האט אמאל געזאגט זשאק'ן, וועט ער ניט אויפהערען צו ליעבען איין פרוי זיין גאנץ לעבען, און ער האט געציטערט פאר'ן געדאנק, אז ער קען איהר נאך פערלירען. און וויא אזוי האט ער איהר געקענט צובינדען צו זיך, אויב ניט דורך א חתונה? ער האט געוואלט פיהלען, אז דיא שטורמס פון לעבען זאלען איהם ניט אנריהרען און ער זאל קענען זאגען צו זיך: איך בין אויף א זיכער־רען פלאץ, און קיין שטורם קען מיך ניט ריהרען. דיא חתונה וועט מאכען געזעצ־ליך זיינע פערהעלטניסע צו איהר וועלכע ער האט שוין אזוי אויך גערעכענט פאר אייביגע.

ער האט מורא געהאט פאר'ן קומענדען ווינטער, אליין אין דעם גרויסען שלאָס. וויא אזוי וועט ער געהן אין רעגען און בלאָטע און קלאפּען בּיי איהר דיא טהיר. וועט דען ניט זיין בעסער צו וואוינען מיט איהר אונטער איין דאך? זיי וועלען פערברענגען דיא דונקעלע מאנאטען בּיי א ווארעמען אייוועז, און ווען פריה־לינג וועט קומען וועלען זיי ביידע ארויסקריכען פון דער איינזאמקייט.

אויך האט ער איהר געוואלט ווייזען מיט'ן פארשלאג וועגען חתונה, וויא הויך ער שטעלט איהר און שעצט איהר.

דאך האט איהם א פערבארגענער שרעק צוריקגעהאלטען. ער האט שוין מאָנאטען־לאנג געלעבט בלויז מיט דער געגענווארט, יעדע שטונדע האט איהם ביז איצט געבּראכט א נייע פרייד. א קוק טהוענדיג אין דער צוקונפט, איז ער גע־וואָרען אונרוהיג. ער האט זיך אליין ניט געקענט אבגעבען א רעכנונג אין דיזער אונרוהיגקייט, פיליכט האט איהם געשראקען דיא פערבינדונג מיט א פרוי, וועמעס פערגאנגענהייט איז פאר איהם געווען פינסטער.

ער איז מיט איהר געקומען צום קוואל אין וואלד צו זאגען איהר זיין פּלאַן וועגען דער חתונה, נאר דיא ביימער זיינען געווען אזוי נאקעט, דער הימעל אזוי גרוי, אז ער איז געבליבען זיצען שטום און ציטערנדיג פון דעם קאלטען ווינד. מאגדאלען האט אויך געפיהלט א קעלט, זיא האט ארומגעבונדען דאס האלז מיט א טיכעל און בעהאלטען דיא פיס אונטער'ן קלייד.

צוריק געהענדיג א היים, האט איהר וויליאם געזאגט, וואס בּיי איהם איז

אויפ׳ן הארצען. זיין שטימע האט געציטערט און זיין מינע איז געווען פון איינעם, וואס בעט א טובה.

מאנדאלען האט איהם אויסגעהערט פערוואונדערט. און ווען ער האט געענ־דיגט רעדען האט זיא געזאגט:

— פאר וואס געפעלט דיר ניט צו לעבען אזוי, וויא מיר האבען געלעבט ביז איצט; איך בעקלאג זיך ניט און פיהל זיך גאנץ גליקליך; מיר קענען ניט ליעב האבען איינער דעם צווייטען מעהר, ווען מיר וועלען זיין פערהייראט. פיליכט וועט עס נאך שטערן אונזער גליק.

און ווען וויליאם האט געעפענט דאס מויל צו ענטפערן געגען דעם, האט זיא איהם ניט געלאזט און ווייטער געזאגט:

— ניין, איך וועל דאס ניט דערלאזען; דער געדאנס ווענען חתונה שרעקט מיך!

זיא האט דאבײ א שמייכעל געטהאן, אום ווייכער צו מאכען איהר ענטזא־גונג. דא איז אליין געווען איבערראשט פון דעם טאן, מיט וועלכען זיא האט ארויסגערעדט דיא ווערטער.

וויליאמ׳ס פארשלאג האט אויף איהר געמאכט א זעלטזאמען איינדרוק: איהר האט אויסגעוויזען, אז ער האט איהר געבעטען ווענען א זאך, וואס איז אונ־מעגליך צו טהאן און איהר קול, איהר טאן איז דאריבער געווען פון א פערהיי־ראטע פרוי, וועמען דער ליעבהאבער בעט, אז זיא זאל פערגעסען איהרע פליכטען.

נאר ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס איהרע ווערטער האבען איהם פערוואונ־דערט, האט ער זיין פארשלאג ניט צוריקגעצויגען און גערעדט ווייטער.

— איך בין א יתום און האב קיינעם ניט אויף דער ברייטער און ווייטער וועלט אויסער דיך. זאג זיך ניט אב פון מיין ביטע, וויל דאס וועט פאר מיר היי־סען, אז דער הימעל האט נאך ניט אויפגעהערט צו פערפאלגען מיך. איך ווע־זיין געצוואונגען צו זאגען צו זיך אליין, אז דוא ליעבסט מיך ניט גענוג, צו מאכען מיין גליק זיכער. און ווען דוא זאלסט נאר וויסען, וואס דיין ליעבע איז פאר מיר! אין דיינע ארמען האב איך פערגעסען אלע מיינע ליידען און איך קען דיך אנדערש ניט אבדאנקען, סיידען איך זאל דיר אבגעבען אלץ וואס איך האב נאר דאס אלץ האט קיין שום ווערטה ניט אין פערגלייך מיט דיא גליקליכע שטונדען, וואס דוא האסט מיר געגעבען און וועסט מיר געבען. אונזער חתונה וועט אונזער ליעבע ניט גרעסער מאכען, דאס איז אונמעגליך. נאר דאס וועט אונז ערלויבען צו ליעבען

איינער דעם צווייטען אָפען און מיר וועלען זיך פאר קיינעם ניט דארפען שטערן. וויא זיס וועט אונזער לעבען זיין! אה מאַנדאַלען, נעהם אן מיין פארשלאַג.

זיא האט איהם אויסגעהערט מיט אונגעדולד, אויף איהרע ליפען האט געשפיעלט א זעלטזאמער שמייכעל. ווען וויליאם האט זיין הארץ אויסגעגאסען האט ער דעם קאָפּ אָבגעקעהרט אן א זייט, אום צו בעהאלטען זיין ערגעגונג. זיא האט ניט געענטפערט גלייך דאן האט זיא געזאגט מיט א שטילען און מעלאַנכאָלישען קול:

— דוא קענסט דאך זיכער ניט חתונה האבען מיט א פרוי, פון וועלכע דוא ווייסט קיין זאך ניט! איך מוז דיר דערצעהלען, ווער איך בין, וואס איך בין און איך האב געטהאן, איידער איך האב דיך דערקענט.

וויליאם האט געשווינד ארויפגעלעגט זיין האנד אויף איהרע ליפען.

— ש ש ש! האט ער אויסגעשריען מיט שרעק, איך וויל פון קיין זאך ניט וויסען, איך ווייס נאר, אז דוא ביזט שטענדיג געווען א בעסערע פרויענצימער, אלס איך א מאנספערזאן. איך ליעב דיך, און דאס איז פאר מיר גענוג. דוא האסט א שטארקען ווילען, דיא פערגאנגענהייט איז טוידט און דיא צוקונפט איז אין גאנצען אונזערע.

מאַנדאַלען איז געווען אזוי געריהרט, אז זיא האט א היבשע ווילע ניט געקענטריידען, ענדליך האט זיא צו איהם געזאגט מיט א ווייכען קול:

— דוא ביזט א קינד, וויליאם, און איך מוז דיר ערקלערן: דוא ביזט רייך און יונג, און דער טאָג וועט געוויס קומען, ווען דוא וועסט מיר אויפוואַרפען פאר וואָס איך בין איינגעגאנגען אויף דיין האסטיגען, אונבעדענקטען פארשלאג. איך בין ניט מעהר וויא אן ארים מיידעל, נאר איך וויל זיך אבהיטען. איך וויל ניט און קען ניט דערלאזען, אז דוא זאלסט דארפען א מאל זאָגען אדער פיהלען, אז דיין ווייב איז ניט מעהר, וויא אן אינטריגאַנטין. דוא זעהסט, איך בין אָפענהערציג און איך מוז דיר זאָגען, וואס מיר ליעגט אויף דער צונג: דוא וועסט מיר זאָגען, נאכדעם וויא איך וועל ווערען דיין פרוי, אז דוא האסט בעדארפט חתונה האבען מיט א מיידעל, וואס האט א גרויסען נדן און וועלכע דוא וואלסט געקענט מעהר רעספעקטירען.

ווען מאַנדאַלען וואלט וועלען צוגעבען איהם מעהר היץ, האט זיא קיין בעסערען מיטעל ניט בעדארפט וויא דיא ווערטער. ער איז געווען געריהרט, טראָץ דעם וואס ער האט געפיהלט א קינדערשען כעס און ער האט זיך אליין געגעבען ראָט, אז ער וועט ענדליך זיעגען איבער איהר האַרטנעקיגקייט.

— דוא קענסט מיך נים, מאנדאלען, און דוא בלוטינגסט מיין הערץ מיט דיינע ווערטער. צו וואס זאגסטו מיר דיא אלע זאכען און רעדסט מיט מיר וויא מיט א קינד? און אויב איך בין נאך דיין מיינונג א קינד, דארפסטו געוויס קיין מורא נים האבען פאר מיר.

ער האט מיט איהר ווייטער גערעדט און געבעטען איהר, זיא זאל איינגעהן אויף זיין ביטע. מאנדאלען האט זיך גאך אלץ נים געוועזן ענטשלאסען; זיא איז געוועזן געריהרט פון זיין שטימע, אין וועלכער האט זיך געהערט אזא הכנעה, אזא אונטערוווירפינקייט, אין דער צייט ווען ער האט איהר אנגעבאטען זיא זאל ווערען זיין געזעצליכע פרוי.

מאנדאלען האט פיר קיין פאל נישט געוואלט נאכגעבען און וויליאם האט איהר געמוזט זאגען אז זיא איז פריי צו טהאן וואס זיא וויל.

— פריי? האט זיא ווידערהאלט מיט א זעלטזאמען טאן — פריי? יא, איך בין פריי.

— אויב אזוי, האט וויליאם פארטגעזעצט, פאר וואס זאלען מיר ריידען פון דער פערגאנגענהייט. אויב דוא האסט געהאט א ליעבע אין דיין לעבען, איז שוין יענע ליעבע טוידט און אונז זאל דוכטען, אז איך האב התנה מיט אן אלמנה.

דיעזע ווערטער האבען מאנדאלען א ריס געטהאן אין הארצען. אין איהר געזיכט האבען זיך גענומען בייטען דיא קאלירן און איהרע אויגען האבען זיך אנגע־פילט מיט א בליק פון מורא און קלעמענים.

— לאמיר געהן, האט זיא געזאגט, עס איז שוין שפעט, און איך וועל דיר געבען ענטפער מארגען.

זיי זיינען געגאנגען מיט לאנגזאמע טריט א היים; דער הימעל איז געווארען שווארץ וויא טינט, און דער ווינד האט געפייפט צווישען דיא בוימער. ווען וויליאם האט גענומען פון איהר אבשיעד, האט ער איהר ארומגענומען שטיל אהן ווערטער און האט איהר מעהר קיין זאך נים געהאט צו זאגען.

מאנדאלען האט דיא נאכט נים געקענט איינשלאפען און האט בעטראכט דעם פארשלאג פון איהר געליעבטען פון אלע זייטען. דער פארשלאג האט זעהר געשמייכעלט איהר שטאלץ, ווייל איהר איז ביז איצט גאר נים אריין אין קאפ דער געדאנק, און ווען זיא האט זיך איצט פארגעשטעלט דאס רוהיג און בכבודיגע לע־בען, וואס וויליאם שלאגט איהר פאר, האט זיא זיך געוואונדערט, וויא אזוי האט זיא זיך געקענט אבזאגען פון אזא גליק און זיא האט זיך פאר זיך אליין געשעמט,

פאר וואס זיא איז געוועזן אזוי הארט און גרויזאם זיא האט אליין געפרעגט ביי זיך פאר וואס האט זיא זיך געוואלט אבזאגען פון א פערבינדונג וואס זיא האט גע־דארפט אננעהמען מיט דאנקבארקייט און אונטערווירפיגקייט. פאר וואס האט זיא מורא ? פאר וואס זאל זיא זיך ניט אנכאפען אן דיזען אונערווארטעטען גליק ? זיא האט גרינג געקענט ענטפער'ן אויף דיזע אלע פראגען און האט גוט געוואוסט, אז דיא עראינערונגען וועגען זשאקען האבען איהר ניט געלאזט אנכאפען זיך אין דיזען ליק. נאר זשאק איז טוידט און זיא איז מיט קיין זאך ניט פערפליכטעט צו איהם.

יא, זיא וועט חתנה האבען מיט וויליאמען און דיזע הייראט מיט'ן לעבעדי־ען וועט איהר גיכער מאכען פערגניגען אַן דעם טוידטען.

זיא איז איינגעשלאפען, ווען עס האט שוין אנגעהויבען צו טאגען און איהר האט זיך געחלומ'ט, אז איהר דערטרונקענער ליעבהאבער האט זיך אבגעריסען פון עם דעק פון דעם ים און איז צוריקגעקומען, אום ארויסצורייסען איהר פון איהר מאנס אומארמונג.

ווען וויליאם איז געקומען צו איהר מיט א שטארק קלאפענדען הארצען אין דער פריה, האט מען איהם געזאגט, אז מאגדאלען שלאפט נאך. ער האט געווארט א היבשע צייט און ווען זיא איז ענדליך ערשינען, האט זיא זיך אווארף געטהאן צו איהם אויפען האלז מיט א ליידענשאפטליכען געוויין און האט געזאגט:

— איך בין דיינע, טהו מיט מיר וואס דוא ווילסט!

דאס גאנצע נאכמיטאג איז וויליאם געוועזן פערנומען מיט געוויסע פארמאַ־ליטעטען, וועלכע ער האט געדארפט בעזארגען צוליעב דער חתונה, און אין דעם עבען אבענד האט ער געזאגט זשענעוויוו'ן, אז ער האט חתונה מיט א דאמע, וואס וואוינט אין דער געגענד.

דיא אלטע פרוי האט אויף איהם א שארפען קוק געטהאן.

— איך דענק אז דוא טהוסט זעהר גוט, האט זיא געענטפערט.

ער האט גלייך פערשטאנען, אז זיא וויים דיא גאנצע ווארהייט. שכנים האַ־בען געזעהן מאגדאלען און מען האט געזעהן, וויא ער פלעגט צו איהר אריינקומען און מען האט איהר בערעדט. אין זשענעוויוו'ס ווערטער זיינען געוועזן נאך אן אור־זאכע אז ער זאל צואיילען מיט דער חתונה.

דיא ביידע געליעבטע האבען חתונה געהאט כמעט אין געהיים אנהויב ווינ־טער ! א פינף־זעקס מענשען, וואס זיינען געוועזן מעהר נייגיריגע, אין וועטייל זיינען זיי געקומען צום קלויסטער זעהן, וויא דאס יונגע פאָר איז ארוים פון קלויסטער און אריינגעשטיגען אין קארעטע.

VII.

דיא פיער יאהר נאך דער חתונה, וואס זיי האבען פערבראכט אין שלאָס, זיינען געווען גליקליכע.

דאס ערסטע יאהר האבען זיי געדע:קט פון א רייזע; זיי האבען געוואלט פאהרען אין איטאליען, אין דייטשלאנד, נאר יעדעס מאל ווען זיי זיינען שוין געווען צוגעקליבען צו דער רייזע, האבען זיי זיך פון דאס ניי בעטראכט:

צו וואס זאלען זיי פאהרען זוכען גליק, ווען זיי האבען עס?

זיי זיינען אפילו איין מאל ניט געווען אין פאריז און האבען געדענקט, אז דיא איינזאמקייט בעשיצט זיי פון אלע אונגליקען און צרות פון דיזער וועלט.

ווילאם איז געווען אונבעשרייבליך גליקליך, זיין הייראט האט ערפילט אלע זיינע האפנונגען, זיין לעבען איז געווען פאָלקאם רוהיג, און ער האט געדענקט אהן מורא פון דער צוקונפט, וועלכע וועט געווים זיין אזוי פול מיט גליקליכע טעג, אזוי וויא דיא געגענווארט. זיין איינציגער וואונש איז געווען צו פיהרען אזא לעבען ביז'ן טויט.

מאנדאלען האט זיך אויך אבגערוהט. ענדליך האט זיא געקענט פערגעסען דיא פערגאנגענהייט, זיא האט געטהיילט דעם מאנס פערמעגען אהן געוויסענסביסע, ווייל זיא איז איצט געווען זיין אמת'ע פרוי.

דיא איינזאמקייט פון דעם אָבגעלאָזטען שלאָס איז איהר געווען זעהר גע־פעלען; זיא האט ניט געוואלט, אז ווילאם זאל מאכען אירגענד וועלכע פערבעסע־רונגען אדער בענייערונגען אין שלאָס. אלע צימערן, אויסער יענע אין וועלכע זיי האבען געלעבט, זיינען געשטאנען פערשלאסען.

אין דיא פיער יאהר נאך זייער הייראט האבען זיי קיין מאל ניט בעטראטען דיא טרעפ, וואס האבען געפיהרט אין דיא אויבערסטע צימערן. דיא לעדיגקייט ארום האט איהר געשיינט צו אבצואווענדען איהר נאך מעהר פון דער וועלט. אבענד־צייט ווען דיא לאמפען האבען געברענט אין דעם גרויסען סאלאָן האט זיא געק־ליבען פערגניגונגען פון דעם געפיהל, אז קיין פרעמדער קען צו איהר ניט איינדרינגען, זיא האט זיך עראינערט אן דיא רוישיגע און לארעמדיגע אבענדען אין זשאק'ס צימער; זיא האט געהערט דיא קלאפעריי פון דיא קארטען איבערן פלאסטער און האט געזעהן דיא שיינענדע לאנטערנעס פון גאס, זיא האט זיך ווידער א מאל געפונען אין צימער, וואס איז געווען פול מיט'ן רויך פון טאבאק. זיא האט זיך א צאפעל געטהאן און האט ווידער ערוואכט צו דער ווירקליכקייט, צו דעם

דיסען און רוהיגען לעבען אין דיזען סאלאָן. וויא גוט איז אזא לעבען נאכדעם וואס זיא האט איבערגעלעבט. און זיא פלעגט אויסשטרעקען איהרע הענר צו וויליאמען, אזוי וויא זיא וואלט איהם וועלען בעדאנקען. ער האט איהר צוריקגעקעהרט איהר אכטונג פאר זיך זעלבסט; ער איז געוועזען איהר רעטער.

ווינטער איז אוועק; זיי האבען דיא אלע ווינטערדיגע טעג פערבראכט אין סאלאָן נעבען ווארעמען קאמין, און ווען דער פריהלינג איז געקומען, זיינען זיי ארויס אין פארק, פיהרענדיג גראדע אזא איינזאמען לעבען. וויליאם האט בעסער ליעב געהאט דעם ווינטער און דעם ווארעמען קאמין, נאר מאגדאלען האט ליעב געהאט דיא זון, און האט אָפט געשלעפט איהר מאַן איבער דיא לאָנקעס, וויא א מאל. זיי האבען ווידער א מאל בעזוכט צוזאמען דעם קוואל אין וועלדיל, וועל־כען זיי האבען אזוי ליעב געהאט לעצטען זומער. נאר אם מייסטען האבען זיי ליעב געהאט צו געהן צו דעם קליינעם הייזעל, וואו מאגדאלען האט פריהער געוואוינט. באלד נאך דער חתונה האבען זיי דאס הייזעל אבגעקויפט, ווייל זיי האבען ניט געקענט אריבערטראגען דעם געדאנק, אז אן אנדערער וועט דאָרטען וואוינען. ווען דאס וועטער איז געוועזען שעהן פלעגען זיי דאָרטען פערבלייבען לאַנגע שטונדען און אין צייטענווייז נעכטיגען.

וויליאם פלעגט אָפט זאָגען, אז אויב זיי וועט עפעס טרעפען אן אונגליק וועלען זיי זיך אריבערציהען אהער אין דיזען הייזעל ביז זיי וועלען עס פערגעסען און ווידער קומען צו זיך.

א יאהר נאך דער חתונה האבען זיי געהאט א גרויסע שמחה, מאגדאלען האט געבארען א טאָכטער. וויליאם האט געקוקט אויפ'ן קינד, וויא אויף א ליעבע מתנה פון גאָט. דיא קליינע לוסי האט פערטריבען זייער גאנצע איינזאמקייט; מאגדאלען וויא שטארק זיא איז געוועזען, האט איהר ניט געקענט זיינען און האט אויסגעקליבען פאר אן אמע דיא זעלבע פרוי, וואס האט איהר בעדיענט, ווען זיא האט געוואוינט אין שטיבעלע. ווען לוסי איז עלטער געווארען האבען זיי ער־לויבט דיא אמע צו נעהמען איהר מיט זיך אין איהר פארם און האלטען איהר דאָרטען וואכען־לאנג. און זיי פלעגען קומען יעדען נאכמיטאג בעזוכען איהר. וויליאם פלעגט נעהמען דאס קינד צו זיך אויף דיא קניע, און מאגדאלען פלעגט זיך צוקוקען מיט פערגניגען. דיא מוטערשאפט האט אויסגעגלייכט אלע קרומהיי־טען אין איהר כאראקטער, איהרע בעוועגונגען זיינען געווארען צארטער און דיא שארפקייט, וואס האט זיך אָפט ארויסגעוויזען אין איהר רעדען און מאנערען, איז פערשוואונדען געווארען.

אין מאנדאלען'ס שמייכלענדע געזיכט האט וויליאם געפונען א קוואל פון קראפט. דער געזעץ וואס הערשט אין אלע פעו איינינונגען אז דער שטארקערער בעפעהלט איבער דעם שוואכערן, האט דא מאנדאלען אויך געהערשט איבער זיין נאטור און ער האט זיך איהר אונטערגעגעבען.

ער פלעגט צו איהר אפט זאגען מיט א שמייכעל:

— אה, מאנדאלען, דוא האסט געדארפט געבארען ווערען א מאנספערזאן!

זיא איז אפט געווען זעהר אונרוהיג און צוקלעמט פון דער מאכט, וואס זיא האט ניט ווילענדיג געקריגען איבער איהם. דיא מאכט האט זיא געקריגען ניט אזוי דורך דיא שטארקייט פון איהר ווילען, וויא דורך דיא שטארקייט פון איהר כאראקטער.

דאס קינד איז געווען א גרויסע פרייד פאר זיי ביידען און איז געווען שטענדיג מיט זיי.

בעזוכער האבען זיי געהאט זעהר ווייניג, ווייל זיי האבען ניט געליעבט קיין נייע געזיכטער. דיא פערזאנען וואס זיי האבען געזעהן אם מייסטען זיינען געווע הערר ריע און זיין פרוי, וועלכע האבען פערבראכט זייערע ווינטערס אין פאריז או זייערע זומערס אין וועטיל. הערר ריע איז געווען אין דיא פערגאנגענע יאהרען דער נאהענסטער פריינד פון וויליאם'ס פאטער און איז געווען א שעהנער אלטער מאן, מיט אן אריסטאקראטישען אויסזעהן; זיין שמייכעל איז געווען פול מיט סארקאזם און זיינע אויגען שארף און קלוג. ער איז כמעט אין גאנצען געווען טויב, נאר דערפאר האט ער געזעהן זעהר גוט, אבער דאס האבען געוואוסט נאר זייניע נאהענסטע בעקאנטע. ווען ער פלעגט אריינקומען אין א צימער, פלעגט ער בליי בען זיצען אין א פאטעל מיט פערמאכטע ליפען און האלב פערמאכטע אויגען, נאר ניט איין מינע, ניט איין בעוועגונג פון דיא וואס האבען זיך געפונען ארום איהם איז פון איהם ניט ענטגאנגען, פערשוואונדען. עס האט איהם שטארק אמוזירט צו לייענען דיא פערבארגענסטע געדאנקען אויף דיא געזיכטער פון דיא פערזאנען, וועלכע האבען פון איהם געדענקט אזוי פיעל, וויא פון דעם פאטעל אין וועלכען ער איז געזעסען.

ווען צוויי פערזאנען האבען גערעדט אין זיין געגענוואַרט, האט ער זיי בעט ראכט, וויא צוויי חיות, וואס קריצען מיט דיא צייהנער איינע געגען דיא אנדערע און ער האט מיט זיך געטראכט, וועלכע פון זיי וועט אויפעסען דיא צווייטע. ער האט פעראכטעט דיא מענשהייט.

זעהר ערביטערט פון זיין טויבקייט, פלעגט ער זאגען, עז ער דיינקט נאס,

וואס ער קען נים הערען. זיין שטאלץ און קאלטע נעזיכט האט פראטעסטירט גע־נען דער צוהיצטקייט און ערדעגונג, וואס ער האט געזעהן ארום זיך.

דאָך האט ער געפיהלט א געוויסען אינטערעס צו דער יונגער פאמיליע אין שלאָס. נאר דאס איז געווען מעהר א נייגירדע אלס אינטערעס. ווען ער איז געקר־מען צו זיי אין שלאָס, האט ער בעטראכט וויליאמען מיט גרויס מיטלייד. ער האט געזעהן. אז ער לאט זעהר ליעב מאגדאלען און האט געקוקט אויף דעם, וויא אויף דיא גרעסטע נארעשקייט. נאר אזוי וויא זיינע יונגע פריינד האבען ווייניג גערעדט און ווייניג מינעס געמאכט, האבען זיי איהם געשיינט צו זיין פיעל קלינער, וויא אנדערע מענשען, וואס ער האט בעגעגענט. אָם טייסטע האט ער בעאבאכטעט און נאכגעקוקט זיין אייגענע פרוי.

העלען ריע, זיין פרוי, וועלכע פלעגט אפט קומען מיט איהם אין שלאָס איז געווען אלט א יאהר פיערציג און איז געווען א בלאָנדינע. צו איהר גרויסען שרעק האט זיא אנגעהויבען ווערען פעט; יעדע מינע איהרע איז געווען אפעקטירט, גע־מאכט, דאַ האט זיא פערגלאָצט דיא אויגען צום הימעל מיט א טיעפער ליידענשאפט און דא האט זיא זיי ארונטערגעלאזט צו דער ערד מיט א הערצרייסענדער טרוי־ערקייט.

זיא איז געווען אין שטענדיגען קאמפף מיט'ן קומענדען עלטער; זיא האט זיך געפודערט, געפארבט, איינגעצויגען אין קארסעטען, וואס האבען איהר געמאכט דעם טוידט, אום אויסצוזעהן יונגער. דאס אלץ איז געווען זעהר נארעש, אבער נים דאס ערגסטע. זיא האט אנגענומען דיא מינע פון אן אונגליקליכער און האט זיך געקלאגט אז מען פערשטעהט איהר נים און מען שעצט איהר נים נאָך איהר ווערטה. זיא האט זיך נים אויפגעהערט צו קלאגען אויף איהרע עלטערן, פאר וואס זיי הא־בען איהר חתנה געמאכט פאר א מאן, וואס איז צוויי מאל עלטער פון איהר.

אין אמת'ן האט זיא זיך א פאָר מאל געטרייסט. זיא האט ליעב געהאט דאס געזעלשאפט פון זעהר יונגע מענער, וועלכע זוכען ארומצודרעהן זיך ארום אן אלטער פרוי, ווייל דאס גיט זיי צו מעהר רעספעקט, מעהר געוויכט

אין איהר מאנ'ס אויגען איז זיא געווען נים מעהר, וויא א קליינע שלעכטע מא־שינקע; ער האט מיט איהר חתונה געהאט אין א מאמענט, ווען ער האט זיך גע־פיהלט זעהר לאנגוויילינ און מיט א וואָך שפעטער האט ער שטארק חרטה געהאט אויף זיין נארעשקייט, נאר דאס סטודיום פון דיא אורוהיגע געזיכטס־ציעגע פון ריעזער קאקעטקע אין איהם קיין מאל נים נמאס געווארען. ער האט שטענדיג גע־זוכט דעם פערבארגענעם שרייפעלע, וואס האט געזעצט אין בעוועגונג דיא אויגען

און דיא ליפען פון דיזער מאשינקע. דאס בלייכע און אונרוהיגע געזיכט געדיכט בעדעקט מיט פודער האט איהם געשיינט טרויריג און לעבערליך צו דער זעלבער צייט. קוקענדיג אויף איהר האט ער זיך אלץ מעהר איבערציינט, אז דיא מענשהייט בעשטעהט פון דומע און נארישע לאלקעס (פופען).

הערען האט זיך געפיהלט אין דער אנוועזענהייט פון איהר מאן זעהר רוהיג און האט גערופען איהרע יונגע ליעב־אבער מיט דיא צערטליכסטע נעמען, זיינענדיג זיכער, אז דער מאן קען דאס ניט הערען; נאר ער האט געלייענט דיא ווערטער א יף איהרע ליפען. ער האט זיך קיין מאל ניט געוואונדערט, ווען דיא אלטע געזיכטער אין זיין סאלאן האבען זיך פערביטען מיט נייע. ער פלעגט זיי בעגריסען מיט א ביטערן שמייכעל, מיט א סארקאזם און פ עגט זיי איידעל פרעגען, וואס שטודירען זיי.

— מיר האבען ליעב קינדער, פלעגט ער אפט זאגען, און ער פלעגט זיך בעקלאגען, וואס דיא יונגע לייט זיינען אזוי עגאאיסטיש נעגען דיא אלטער, מיינענדיג דאביי א שטאך צו טהאן זיין ווייב, אז זיא איז שוין אלט.

ער האט געקליבען פערגניגען פון זיין ווייבס נארעשקייט, וואס זיא גלויבט, אז ער וויים ניט, וואס הינטער זיינע פלייצעס טהוט זיך, און ער פלעגט מיט־רעדען יעהר איידעל, אבער מיט אזעלכע צווייד־יטיגע ווערטער, וואס נאר ער אליין האט פערשטאנען דעם ריכטיגען מיין פון זיי.

ווען ער איז געקומען דאס ערסטע מאל מיט א בעזוך אין שלאס נאך ווילי־אמ׳ס חתונה, האט הערען מיט זיך מיטגעבראכט איהר לעצטען געליעבטען, א יונגען מאן פון וועטייל, מיט׳ן נאמען טיבור ואלאר. דער יונגער מאן האט זיך שטארק געשעמט מיט זיין פאמיליען־נאמען. ער איז געוועזען דער זוהן פון אן אויפגעקומענעם גביר און זעהר נאוה׳דיג. זיין לעבען אין וועטייל האט ער בעטראכט אלס אן אבקומענים און האט געברענט מיט א באנער צו פאהרען נאך פאריז. ער איז געוועזען זעהר לוסטיג און פארטיג אויף יעדע קליינליכע לומפעריי, וואס זאל זיך נאר בעצאהלען. ער איז געוועזען איינער פון יענע לומפען, וואס זאגען צו זיך, אז זיי מוזען אבען זייערע עטליכע מיליאן און דערגרייכען זייער ציעל.

ווען הערען האט געמאכט דעם יונגען מאן פאר איהר געליעבטען, האט זיא געדענקט, אז ער איז אונוויסענד און אונשולדיג. נאר דא האט זיא געהאט א טעות, ווייל זיא האט באלד אין איהם געפונען איהר הערר. ער האט געוואלט, אז זיא זאל איהם העלפען אריינגעהן אין דער העבערער געזעלשאפט און האט איהר דאריבער ערלויבט צו דענקען, אז ער איז פערליעבט אין איהר.

זיא האט איהם פארנעשטעלט אין שלאס פאר וויליאמען און מאנדאלען און ער האט דיא בעקאנטשאפט נערעכענט פאר'ן ערסטען שריט אויף דעם נעזעל־שאפטליכען לייטער. ער איז נענאננעז מיט וויליאמען אין איין שולע, און איז נעווען איינער פון זיינע ערגסטע פערפאלגער, נאר צייט וויליאם איז נעווארען דער העדר אין שלאס, האט ער שטארק חרטה נעהאט אויף דעם

איידער ער האט זיך בעקענט מיט העלען, זיינען אלע זיינע בעמיהונגען דורכ־צודרינגען אין שלאס נעווען אומזיסט, און וויליאם האט קוים נעענטפערט אויף זיין פערנייגונג, ווען זיי האבען זיך בענענענט. איצט, ווען העלען האט איהם נעבראכט אין שלאס, האט ער זיך נעוויזען זעהר אונטערווירפיג און נעזוכט צו ווערען דארטען היימיש, אום צו קענען דאס אויסנוצען און אריינטרעטען אין דעם אדעל פון דער געגענד.

ניט מאנדאלען, און ניט וויליאמען איז נעווען נעפעהלען זיין אריינרייסען זיך אין שלאס, און ווען ער האט זיך נעווענדט צו וויליאמען אלס צו זיין „פריינד" האט איהם יענער נעוואלט ארויסווארפען, און דיא איינציגע זאך וואס איהם האט אפ־נעהאלטען איז נעווען דיא מורא פאר שלעכטע ציננער, וואס ווערען בערעדען זיין פאטער'ס אלטען פריינד אזוי גוט וויא איהם אליין, און דאריבער האבען זיי זיין אנוועזענהייט איבערנעטראגען אזוי גוט, וויא זיי האבען נעקענט.

איין מאל אין וואך פלעגען דיא דריי קומען פערברעננען א אבענד אין שלאס, דער מאן איז נעגאננען פאראויס און דיא פרוי מיט'ן געליעבטען הינטער איהם דאן פלעגען זיי צוזאמען ארויסנעהן אין פארק, וואו העלען פלעגט אנהוי־בען צו מאכען חנ'דלאך צום יונגען מאן, און דער מאן האט זיך נעזעצט פון דער־ווייטענס אין א ווינקעל, וואו ער האט נעקענט בעאבאכטען זייער יעדע בעוועגונג. ער האט פון דער ערסטער מינוט פערשטאנען דעם יונגען מאנ'ס קליינליכען און גרויזאמען באראקטער און ער האט רוהיג אבנעווארט דעם טאג און דיא שטונדע, ווען זיין ווייב וועט דערפיהלען דיא נענעל פון דעם יונגען טייוועל און וועט זיך ווענדען צו איהם, ער זאל איהר שיצען. און דער אלטער האט ביטער נעשמייכעלט טרוימענדיג פון דיזער אונערווארטעטער און ניט נעזוכטער ראכע.

מאנדאלען האט נעוואוסט פיעל מעהר פון העלענ'ס לעבען, וויא יענע האט נעקענט דענקען, און האט נעקוקט אויף איהר מיט פערוואונדערונג און האט זיך נעפרעגט, צו איז דיזע פרוי אן אויסנאהמע, וואס זיא קען האבען אזא קופערנעם שטערן? מאנדאלען איז נעווען בעשאפען נאר פון אן אנדער סארט מאטריאל; אמת זיא האט אליין נעטראטען אין א בלאטע, נאר דאס איז נעווען ניט ווילענדיג

און זיא האט שוין לאנג חרטה נעהאט אויף דעם. איהר שטאָלץ, איהר זעלבסט־אכטונג האבען געליטען, ווען אנדערע האבען איהר ניט רעספעקטירט, און זיא האט ניט געקענט פערשטעהן, וויא אזוי קען א פרוי פרייוויליג נארען דעם מאן און אויסשטעהן דיא אלע פייניגונגען, וואס קומען דערמיט. איהר אָפענע נאטור וואלט קיין מאל ניט געקענט אריבערטראגען א לעבען פון פאלשקייט און שאנדע. קוקענדיג אויף העלענ׳ס געזיכט, האט מאגדאלען געזאגט צו זיך אליין: „ווען איך זאל זיין אויף איהר אָרט, וואלט איך בעגאנגען זעלבסט־מאָרד“.

אזוי האט אנגעהאלטען פיער זומערס. טיבור׳ס פאטער האט איהם ניט ערלויבט צו פערלאזען וועטייל און בעזעצען זיך אין פאריז, וויא ער האט געדענקט צו טהאן, און דאס וואס ער האט ניט געקענט אויסנוצען איהר הילף אריינצורייסען זיך אין דער הויכע געזעלשאפט אין פאריז, האט ביי איהם ארויסגערופען א האס צו איהר.

א מאל האט ער זיך מיט איהר שטארק צוקריגט און איז ארויס פון הויז, נאכהער וויא ער האט איהר שטארק בעליידיגט. ער וואלט זיך פיליכט מעהר ניט צוריקגעקעהרט צו איהר, ווען זיין פאָטער זאל פלוצים ניט שטארבען און ער זאל ניט ווערען א הערר פאר זיך. מיט צוויי וואָכען שפעטער איז ער געפאהרען אין פאריז מיט דעם זעלבען צוג, מיט וועלכען העלען איז געפאהרען, און איז געוועזען מעהר צערטליך צו איהר וויא אימער, און ריע האט זיי ביידען בעאבאכטעט מיט זיין שטענדיגען סארקאסטישען שמייכעלע.

דיא לאנגע ווינטערדיגע אבענדען האבען מאגדאלען און וויליאם פערבראכט אליין מיט זשענעוויוו. זיי זיינען זיך מיט איהר בעגאנגען, וויא מיט זייער גלייכען, זיא האט מיט זיי געגעסען ביי איין טיש און געוואוינט אין דיא זעלבע צימערן. זיא איז שוין אלט געוועזען באקד ניינציג יאהר, נאר זיא האט זיך נאך געהאלטען שטייף וויא שטענדיג. איהר כאראקטער איז פון עלטער ניט ווייבער געווארען און איהי איטנעבכייכטע און צוקנייטשטע געזיכט, מיט דער שארפער נאז און איינ־געזונקענע אויגען האבען איהר געגעבען דעם אויסזעהן פון א מאסקע.

ווען איהר טעגליכע ארבייט האט זיך געענדיגט, פלעגט זיא אריינקומען צום יונגען פאר פאלק און עפענען איהר ביבעל מיט׳ן אייזערנעם בונד און זעצען זיך פאר׳ן ליכט און לייענען אין דער הויך שטעלען פון ביבעל און קאפיטלאך תהלים. זיא פלעגט אזוי לייענען שטונדען־לאנג און האט זיך נאר איבערגעריסען ביים אי־בערמישען דיא בלעטער.

פון איהר טרויערינגען קול האט מען געקענט דערקענען, אז זיא זאגט תהלים נאך א טוידטען און דאס צימער איז געוועזן פול מיט איהרע טוידטע קלאנגען.

פון צייט צו צייט פלעגט איבער מאנדאלען איבערגעהן א שוידער, ווען זיא פלעגט כאפען עפעס אן אבגעריסענע פראזע. זשענעוויוו פלעגט אויסקלייבען דיא שרעקליכסטע פלעצער פון דער ביבעל, בלוטיגע און שוידערהאפטע ערצעהלונגען, וועלכע האבען איהר געשיינט צו ערגערען. איהר קול פלעגט ווערען אן אויסגעגאסענער צארן אונטער דעם איינפלוס פון איהר אייגענעם לייענען; זיא האט געקליבען פערנניגען פון דעם ברויזענדען כעס פון דעם שרעקליכען גאט, וואס איז בעוואוסט אונטער אידען אונטער דעם נאמען „יוד היי וואוו היי", דער גאט פון דיא נביאים, דער איינציגער גאט אין וועלכען זיא האט געגלויבט. זיא האט זיך פארגעשטעלט וויא ער צערשמעטערט דיא ערד מיט אונערבארעמדיגען ווילען, וויא ער שטראפט מיט דעם זעלביגען גרויזאמען צארן דיא שולדיגע וויא דיא אונשולדיגע א ץ איינס. זיא האט געלייענט דיא שרעקליכע ווערטער לאנגזאם, קייענדיג זיי מיט'ן פולען מויל, וויא זיי וואלטען געוועזן דיא געשמאקסטע בלינצעס.

איהר גרויסע ביבעל האט איהר געוויזען, וויא דאס פאלק ישראל ליגט ציטערענדיג און פלאטערענדיג פאר דיא פיס פון דעם שטרייגגען ריכטער; זיא האט מיט איהר לייב געפיהלט דעם ציטערניס. וואס האט געטרייסעלט דיא אידען, און אויף איהרע אקסלען האט זיא געפיהלט דיא הייסע פונקען, וואס האבען געברענט סדום און עמורה. זיא האט גע'משפט דיא וועלט, אזוי וויא איהר גאט האט עס געטהאן. איהר שרעקליכער אונערבארעמער פאנאטיזמוס האט ניט געוואוסט פון פערגעבונג פאר דיא זינדיגע. נידערשלאגען, ברענען, בראטען דיא זינדיגע איז ביי איהר געוועזן א הייליגע פליכט. גאט איז אין איהרע אויגען געוועזן ניט מעהר, וויא א הענקער, וויא א תליון, וועלכער האט אויף זיך גענומען דיא שליחות, דיא מיסיאן צו בעשטראפען דיא ניט-פרומע וועלט.

דיזע הארטהערציגקייט האט ארויסגעבראכט מאנדאלען פון זיך; זיא פלעגט ווערען בלייך ביי דער עראינערונג, אז א יאהר פון איהר לעבען נויטהיגט זיך אין פערגעבונג. זיא האט געדענקט, אז איהר זינד איז איהר שוין פערגעבען געווארען, אז וויליאם האט איהרע זינד ריין געמאכט מיט זיין ליעבע און אכטונג, און איצט אין מיטען פון איהר רוהע האט זיא געהערט דיזע אונערבארעמליכע ווערטער פון שטראף. איז גאט קיין מאל ניט מוחל דיא פעהלערן, וואס מען מאכט? וועט איבער איהר קאפ שטענדיג הענגען וויא א בלאנקע שווערד דיא זינד פון איהר יוגענד? איז איהר תשובה, איהר חרטה ווייניג און איהר שטראף וועט נאך ערסט קומען?

דיזע געדאנקען האבען צושטערט דיא רוהע פון איהר לעבען, און זיא האט ווידער געטראכט וועגען דער צוקונפט מיט מורא און פערצווייפלונג. דער הימעל, וואס זשענעוויוו האט איהר געוויזען, איז פאר איהר געוועזען וויא א פאלטער־צימער, פון וואנען עס האבען זיך געהערט הערצרייסענדע געשרייען און דער גערוך פון פערשמאליעטע פלייש.

אין פאנסיאן האט מען איהר פארגעשטעלט דעם גן־עדן וויא א קאנדיטער־סקע (קאנפעקשאנערי), וואו שעהנע ראזעדיגע און ווייסע מלאכים טהיילען אויס ניסע און שמאקהאפטע נאשערייען. שפעטער, ווען זיא איז עלטער געווארען, האט זיא געקוקט אויף דעם, וויא אויף א קינדערשע פארשטעלונג. איצט האט זיך ביי איהר דער הימעל פארגעשטעלט וויא א געריכט־הויז און אבוואהל זיא האט אויף דעם געקוקט וויא אויף איהרע אמאליגע קינדערשע פארשטעלונגען פון גן־עדן, דאך האבען דיא שרעקליכע בילדער, וואס דער צומישטער מארך פון דער פאנא־טישער פרוי האט ביי איהר ארויסגערופען, איהר זעהר בעאונרוהיגט און געצוואונ־גען איהר צו דענקען פון דאס ניי פון דער פערגאנגענהייט.

זיא האט גוט געזעהן, אז ווען זשענעוויוו וועט א מאל אויסגעפונען איהר זינד, וועט זיא איהר פעראורטהיילען צו יענע שרעקליכע שטראפען, פון וועלכע זיא האט אזוי געקליבען פערגניגען. צייטענווייז האט מאגדאלען אויסגעוויזען, אז זשע־נעוויוו קוקט אויף איהר מיט א זעלטזאמען פערדאכט, און זיא פלעגט בעגאסען ווערען מיט א רויטקייט און אבקעהרען זיך פון איהר מיט אן איינגעפאלענעם הארצען.

זיא האט ניט געגלויבט אין גאט, דאך האט זיא געגלויבט אין זיין מאכט און אין זיין דורשט צו נעהמען נקמה. און איהר האט אויסגעוויזען אז א גייסט וואנ־דערט ארום איבערן שלאס דיא גאנצע נאכט און דעקלאמירט יענע קאפיטלאך תהילים, וואס א זינדיגער דארף זאגען, אום אויסצובעטען א תשובה.

ווען זיא איז געוועזען אליין מיט וויליאמען, פלעגט זיא איהם אפט דערצעהלען פון דיא שרעקען, וואס דיא פאנאטישע זשענעוויוו וועקט אויף אין איהר.

— איך בין א קינד, פלעגט זיא זאגען מיט א געצוואונגענעם שמייכעל, און זשענעוויוו האט טיף היינפ שרעקליך איבערגעשראקען. זיא האט געמורמעלט אזעל־כע שרעקליכע ווערטער, אז א גרויל איז מיר איבערגעגאנגען איבער אלע גליעדער. קענסטו איהר ניט בעטען, אז זיא זאל לייענען אנדערע שטעלען פון דער ביבעל, וואס זאלען ניט זיין א זעלכע שרעקליכע.

— גיין, ניין; האט וויליאם געענטפערט לאכענדיג, דאס וועט איהר נאר

ארייפרענגען אין כעס, זיא דענקט אז זיא ראטעוועט אב אונזערע נשמות דערמיט, וואס זיא צווינגט אונז צו הערען איהר לייענען. דאך וועל איך איהר מארגען בע-טען, אז זיא זאל לייענען אביסעל שטילער.

מאגדאלען איז געזעסען אויפ'ן ראנד פון בעט, קוקענדיג אויף איין פונקט, און פאר איהרע אויגען האבען געשוואומען דיא שרעקליכע ערשיינונגען, וואס דיא פאנאטישע פרוי האט ביי איהר ארויסגערופען. איהרע ליפען האבען געציטערט.

— זיא האט גערעדט פון בלוט און ראבע, האט זיא געזאגט צו וויליאמען. זיא האט אין זיך ניט א טראָפען גוטסקייט, וואס מען געפינט ביי עלטערע מענשען וויא קען זיא זיין אזוי הארט, ווען זיא וואוינט מיט אונז צוזאמען און זעהט אונזער גליק? איך זאג דיר, אז צייטענווייז זענענט זיך מיר דיא נשמה מיט'ן קערפער, ווען איך הער איהר שרעקליכען לייענען.

וויליאם האט זיך ווידער צולאכט.

— מיין ארימע מאגדאלען, האט ער געזאגט, ארומנעהמענדיג איהר; דוא ביזט היינט אבענד זעהר נערוועז, געה שלאפען און זעה זיסע חלומות. זשענעוויוו איז ווירקליך האלב פעררי֗קט און דוא ביזט זעהר ניט קלוג, וואס דוא קימערסט זיך פון א זאך, וואס זיא טהוט אדער זאגט. מיט מיר איז געווען דאס זעלבע: ווען איך פלעג זעהן, וויא זיא עפענט דיא אלטע ביבעל, פלעגט מיר איבערגעהן א שוי-דער. נאר היינט הארט עס מיר ניט און איך וועל דיר זאגען דיא וואהרהייט, אז איך האב ליעב צו צוהערען זיך צו איהר אומעדיגען קול.

— מיר וואלט עס אפשר אויך געפעלען געווען, ווען איך זאל זיך ניט צוהע-רען צו דיא ווערטער, נאר איך קען ניט אויסהאלטען פון דיא פערברעכען און שטראפען, וואס זיא לייענט.

— זשענעוויוו איז זעהר אן איבערגעבענע פרוי, האט וויליאם געענטפערט, זיא בעזייטיגט פון אונז פיעל אונאנגענעהמליכקייטען. זיא איז געווען ביי מיין גע-בורט און ביי מיין פאטער'ס געבורט. שטעל זיך פאר, זיא איז שוין אלט נייעציג יאָהר און זיא איז נאך אזוי שטארק. זעה, ליעב איהר, וויל זיא איז אן אלטע טרייע דיענערין.

מאגדאלען האט ניט געהערט, וואס ער רעדט; זיא איז געווען פערזונקען אין איהרע געדאנקען. פלוצים האט זיא אויסגערופען:

— זאג מיר, איז גאָט קיין מאל ניט מוחל קיין זינד?

וויליאם איז געווען פערוואונדערט און געריהרט פון דער פראגע און האט

איהר געזוכט צו בערוהיגען. ער האט איהר נעפרעגט, פאר וואס צווייפעלט זיא אין זיין גרויסער ווארהייט?

מאנדאלען האט ניט געענטפערט גלייך, זיא האט נאר א מורמעל געטהאן;

— זשענעוויוו זאגט, אז אזא זאך וויא פערגעבונג איז ניטא.

אזעלכע סצענען זיינען צווישען זיי פארגעקומען זעהר אָפט, און דאס איז גע־ווען דיא איינציגע זאך, וואס האט בעאונרוהיגט זייער פריעדליכען לעבען אין דיא ערסטע פאר יאָהר נאך זייער חתונה. נאר עס האט געפאדערט א גרעסערער קלאפ וויא זשענעוויוו'ס קלאָגען אום ארויסצוברענגען זייער לעבען פון זיין געוואוינ־ליכען און פריעדליכען גאנג.

ווען העלען און טיבורס זיינען אוועק אין פאריז איז געווען אנהויב פון פינפ־טען יאָהר נאך וויליאמס און מאנדאלען'ס חתונה. דיא לעצטע האבען פרייער אבגעאטהעמט פון זייער אוועקפאהרען. אנפאנגס האבען זיי געטראכט צו פאהרען אין פאריז אויף א פאר מאנאט, דערנאך האבען זיי זייער רייזע אבגעלעגט, וויא זיי פלעגען עס טהאן שטענדיג און זיי זיינען ווידער פערבליבען אין שלאס און גע־פיהרט זייער רוהיגעס און צופריעדען לעבען, וועלכעס זיי האבען געהאָפט ועט אימער אזוי רוהיג זיין.

VIII.

אין מיטען יאנואר האט וויליאם געמוזט פאהרען אין נאנטעס ווענען זעהר א געטהיגען געשעפט. ער האט אנגעזאגט מאנדאלען, אז פאר האלבע נאכט וועט ער ניט קומען. נאך מיטאג איז מאנדאלען געזעסען אין סאלאָן מיט זשענעוויוו, וועלכע האט געלייענט איהר ביבעל, אויסקלייבענדיג פערשיעדענע שטעלען. דיא פאנאטישע פרוי האט דעם נייען טעסטאמענט קיין מאל ניט געלייענט, נאר איצט האט זיא גראדע אויפגעמישט דיא געשיכטע פון דער זינדיגע מאגדאלען, וועלכע שמירט מיט זאלב דעם קריסטאס פיס, און ער זאגט איהר, אז איהר זינד איז פערגעבען און זאל געהן בשלום.

דיא קלאנגען פון איהר לייענען האבען אנגעפיהלט דאס צימער און גראדע היינט האט זיא געלייענט מיט א פיעל ווייכערען טאָן:

„איהרע זינד וועלכע זיינען גרויס, זיינען איהר פערגעבען ווייל זיא האט אוהם שטארק געליעבט. און ער האט געזאגט צו דער פרוי: דיין גלויבען האט דיך גע־רעטעט; געה מיט שלום".

מאנדאלען האט געטראכט פון איהר זינדיגע פערגאנגענהייט. זיא האט אוועקגעלעגט אן א זייט איהר בוך וואס זיא האט געהאלטען און האט זיך צוגע-הערט מיט אויסגעשטעלטע אויערען. איהר האט געדוכט, אז דאס רעדט זיא פון איהר, פון איהר זינד און פון איהרע טרערען, און האט ארויסגעלאזט א שטארקען זיפץ, ווען זיא האט געהערט דיא לעצטע ווערטער. זיא איז אויך געריינינגט דורך איהר ליעבע אזוי וויא יענע מאנדאלען, וועמעס נאמען זיא טראגט. און דיזע ווער-טער איז דיא תשובה וואס איהר איז געגעבען געווארען. שטענדיג ווען זיא פלעגט הערען זשענעוויוו'ס קול, פלעגט איהר דוכטען, אז פון דיא פינסטערע ווינקלען פון דעם גרויסען צימער הערט זיא דראהענדע שטימען, איצט אבער האט איהר גע-דוכט, אז זיא הערט צארטע שטימען, וואס אטהעמען מיט פערגעבונג. ביי דיא לעצטע ווערטער האבען זיך געוויזען אין איהרע אויגען טרערען פון דאנקבארקייט און פרייד, זיא האט ניט געקענט איינהאלטען דיא ערעגונג וואס זיא האט געפיהלט.

— דאס איז זעהר שעהן, זשענעוויוו, האט מאנדאלען געזאגט. מיך פרייט, וואס איהר האט עס היינט געלייענט.

דיא פאנאטישע פרוי האט אויפגעהויבען דעם קאפ און האט אויף איהר א שטארקען קוק געטהאן. עס האט איהר געשיינט צו פערדריסען, וואס זיא האט געלייענט א ווייכע שטעלע פון דעם טעסטאמענט און וואס דאס איז מאנדאלע: געפעלען געווארען.

— מיר געפעלט עס פיעל בעסער, וויא דיא גרויזאמע שטעלען, וואס איהר לייענט שטענדיג, האט מאנדאלען געזאגט ווייטער. פערגעבונג איז זיס צו שענקען און זיס צו ערהאלטען.

זשענעוויוו'ס אויגען האבען זיך אנגעצונדען מיט א פינסטערן פייער. זיא האט זיך אויפגעהויבען און האט מיט א קלאפ צוגעמאכט איהר ביבעל און האט געזאגט מיט איהר שטרענגער שטימע:

— גאָט, דער פאטער וועט איהר קיין מאל ניט פערגעבען!

דיזע שרעקליכע ווערטער פול מיט פאנאטיזם, דיזע גאטעס לעסטערונג, וואס האט אבגעשלאגען און פערניכטעט יעדע גוטסקייט האבען אריינגעבלאזען ביי מאנדאלען א קעלט אין הארצען. איהר האט געשיינט, אז א שטיק בליי איז אראבגעפאלען אויף דיא אקסלען און האט איהר צוגעבויגען ביז צו דער ערד. זשענעוויוו האט איהר צוריק געשטויסען אין אבגרונד, פון וועלכען זיא איז שיער

נים אנטלאָפען. דער הימעל האט נים פאר איהר קיין פערגעבונג. א מאמענט איז זיא געװען אין פערצװייפלונג.

דאן האט זיא זיך װידער אויסגעגלייכט.

„פאר װאס זאל איך צװייפלען, האט זיא געזאגט צו זיך. דיזע פרוי איז משוגע".

איהר האט אנגעכאפט א פאָרגעפיהל פון א קומענדען אונגליק. זיא האט זיך אונרוהיג ארומגעקוקט.

דער פייער אין קאמין האט געקנאקט, דער לאָמפ האט געװארפען א װייכע, העלע ליכט ארום טיש און ארום האט אלץ געשיינט צו זיין רוהיג, נאר מאגדאלען האט געפיהלט מיט א הארצװייהטאג. אז א געפאהר איז נאר נאהענט.

זשענעװיװ איז צוגעגאנגען צום פענסטער.

— אט איז װיליאם! האט זיא אויסגעשריען.

א שיין פון א ליכט איז געפאלען אויפ'ן פענסטער און עס האט זיך געהערט דער גערויש פון רעדער. מאגדאלען האט פריהער מיט אונגעדולד געװארט אויף איהר מאן און איצט איז זיא געבליבען זיצען אויף אן אָרט: אנשטאט צו לויפען בעגעגענען איהם. איהר הארץ האט געקלאפט גיך מיט א זעלטזאמע אונרוהיגקייט.

װיליאם איז אריינגעלאפען. ער איז געװען זעהר עררעגט, אבער װיא ער האט געשיינט איז ער געװען זעהר צופרידען. ער האט א װארף געטהאן זיין הוט אויף א טיש, האט דעם מאנטעל אװעקגעשליידערט אויף א שטוהל און געזאגט צו מאג־דאלען אהן אטהעם:

— טרעף װעמען האב איך געזעהן אין נאנטעס?

האלב א צושראקענע פון זיין פריװיליכקייט, איז מאגדאלען געבליעבען זיצען אויף איהר אָרט און האט נאר געשאקעלט מיט'ן קאָפּ.

— טרעף, איז ער צו איהר צוגעשטאנען, טרעף!

— װיא קען איך טרעפען, מיר האבען נים א זעלכע פריינד, װאס זייער בע־געגענים װעט דיך אזוי פרייען.

— אט דא האסטו א טעות. איך האב געזעהן א פריינד, דעם טהייערסטען, דעם בעסטען פריינד.

— א פריינד? האט זיא לאנגזאם איבערגעפרעגט.

װיליאם האט זיך לעננער נים געקענט איינהאלטען: ער האט אנגעכאפט זיין פרוי פאר ביידע הענד.

— איך האב געפונען זשאק'ן נאך א מאל! האט ער ארויסגעשריען אויסער זיך פון שמחה.

מאנדאלען איז געבליבען זיצען ווי א פארשטיינערטע, זי האט ניט גערירט מיט קיין גליעד, זי האט ניט ארויסגעלאזט קיין קלאנג, נאר איהר געזיכט האט זיך בעדעקט מיט א טוידטע בלייכקייט.

— דאס איז ניט אמת, האט זיא ענדליך ארויסגערעדט, זשאק איז טוידט.

— ניין, ער איז ניט טוידט, האט וויליאם געזאגט. דער רעפארט וועגען זיין טוידט איז געווען פאלש; איך וועל עס דיר שפעטער דערצעהלען. ווען איך האב איהם דערזעהן אין נאנטעס, האב איך זיך פאר איהם דערשראקען.

וויליאם האט זיך צולאכט מיט'ן געלעכטער פון א גליקליך קינד. ער האט אבגעלאזט מאנדאלען'ס הענד און זיי זיינען געבליבען ליגען אויף איהרע קניע וויא אבגעשטארבענע. זיא איז געווען וויא צערשמעטערט פון דיעזען אונערווארטעטען קלאפ. זיא האט געוואלט אנטלויפען, נאר זיא האט זיך ניט געקענט ריהרען פון ארט. אין איהרע אויערן האבען געקלונגען זשענעוויוס ווערטער:

„גאט דער פאטער וואלט איהר קיין מאל ניט פערגעבען!"

זשענעוויוו איז געווען גערעכט: גאט דער פאטער פערגיבט קיין מאל ניט.

זיא אליין איז אויך געווען גערעכט, ווען איהר האט אלע מאל אויסגערוכט, אז די שאטענס אין דיא ווינקלען זיינען אונבעוואוסטע אונגליקען, וואס ווארטען אויף איהר און ווילען אויף איהר ארויפשפרינגען. זיא האט געקוקט אויף דיא ווענד מיט פערלאפענע אויגען. איהר האט געדוכט, אז זיא געפינט זיך ערגעץ אין א פרעמדען פלאץ, און איצט ווען דער ווילדער שרעק האט איהר געדרונגען דורך דעם מארך, האט איהר געשראקען דאס שטילקייט פון דיא צימערן. זיא האט א קעהר געטהאן דעם קאפ אין זשענעוויוו'ס זייט און געזאגט צו זיך אליין:

— דיא פרוי איז א מכשפה, זיא האט זשאק'ן צוריקגעבראכט פון טיעפען אבגרונד, אום צו שטעלען איהם צווישען איהר און איהר מאן.

וויליאם איז געווען אזוי פערבלענדט פון שמחה, אז ער האט ניט בעמערקט דיא אויפרעגונג פון זיין פרוי. ער איז צוגעגאנגען צו זשענעוויוו און האט איהר געפרעגט:

— איז דאס בלויע צימער אין ארדנונג?

— קומט זשאק מארגען? האט זשענעוויוו געפרעגט.

ביי דיזע פראגע איז מאנדאלען אויפגעשפרונגען און האט זיך אנגעכאפט אן רוקען פון שטוהל, אום זיא זאל ניט פאלען, און האט געזאגט האסטיג:

— מארגען קומט ער? פאר וואס? ניין, ער וועט נים קומען. ער האט וויליאמען געזעהן אין נאכטעס און דאס איז גענוג ער איז ווארשיינליך אויך אין פאריז, ער האט דארטען זיינע געשעפטען, זעהן וועמען ער דארף....

זיא האט זיך אבגעהאקט, נים וויסענדיג וואס ווייטער צו זאגען.

וויליאם האט זיך צוראבט אויפ'ן קול.

— זשאק איז שוין דא! האט ער געזאגט. אין א רגע ארום וועט ער אנקומען וואס האסטו געדענקט, אז איך וועל איהם אבלאזען. ער איז א ווילע געבליבען שטעהן נעבען פערד. דאס ארימע פערד האט זיך פערוואונדעט. דער וועג איז שרעקליך, און דיא נאכט איז אזוי פינסטער, אז מען קען דיא אויגען ארויסנעהמען.

ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער, האט עס געעפענט און א רוף געטהאן:

— מאך עס אביסעל גיכער, זשאק!

א שטימע פון דרויסען האט געענטפערט

— איך קום גלייך.

דיזע שטימע האט איהר א זעץ געטהאן וויא א קול פון אן הארמאט גלייך אויף דער ברוסט. זיא איז אראבגעזונקען אין איהר שטוהל מיט א הייזעריגען בייזער. וויא גליקליך וואלט זיא איצט געוועזען אנידערפאלען א טויטע!

וואס וועט זיא זאגען, ווען זשאק וועט אריינקומען? וויא וועט זיא זיך געפינען צווישען דיא צוויי מענער, צווישען איהר איצטיגען מאן און אמאליגען ליעבהאבער. זיא איז געווארען פערריקט, טראכטענדיג פון דער פארשטעהענדער בזיונות. זיא וועט ווערען א פערברענטע פון שאנדע, זיא וועט זיך נים וויסען וואו הינצוטהאן זיך פון חרפה, וועהרענד וויליאם און זשאק וועלען זיך פון איהר אבווענדען מיט אונצופריעדענהייט.

— אין איין סעקונדע ארום וועט ער זיין אין דיזען צימער! האט זיא געזאגט צו זיך, ווידערהאלענדיג עטליכע מאל איהר מאנ'ס ווערטער. זיא האט אויסגעשטעלט איהרע אויגען צו דער טהיר און אין דיא פאר סעקונדען וואס זיינען אריבער האט זיא איבערגעלעבט א גאנץ לעבען פון יסורים.

וויליאם איז געגאנגען אויף און אב איבער'ן צימער.

ענדליך האט ער בעמערקט איהר בלייכקייט.

— וואס איז דיר געווארען? האט ער געפרעגט צושראקען.

— איך ווייס נים, האט זיא געשטאמעלט. איך האב זיך געפיהלט שלעכט דעם גאנצען אבענד.

מיט א גוואלדיגע אנשטרענגונג האט זיא זיך אויפגעהויבען פון איהר שטוהל

און האט צונויפגעזאמעלט איהר גאנצע ענערגיע. זיא וועט אנטלויפען און אויף אזא אויפן וועט זיא זיך ארויסמאכען פון אן ערקערונג.

— איך וועל געהן זיך אבּרוהען, האט זיא געזאגט מיט א שוואכען קול, מאטערענדיג זיך אומזיסט צו רעדען שטייף, דיין פריינד וועט אונז פערהאלטען ביז שפּעט אין דער נאכט און איך נויטהיג זיך אין רוה. דער קאפּ ווערט מיר צופּלאצט.

וויליאם האט דעם גאנצען וועג א היים געברענט מיט אונגעדולד פארצושטעלען זיין פריינד פאר זיין ווייב און צוזאמענברענגען געזיכט צו געזיכט דיא בּיידע פּערזאָנען, וואס ער האט אזוי שטארק געליעבּט, און איהם איז איצט געוועזען זעהר אונאנגענעהם זיין ווייב'ס פלעצליכע ניט-גוטקייט. ער האט דעם גאנצען וועג שרעקליך געטריבּען דאס פערד אום צו קומען וואס גיכער א היים און האט בּעשלאסען צו מאכען א שטיקעל קאמעדיע, ער וועט זשאק'ן פארשטעלען אלס א פרעמדען און דאן וועט ער האבּען א בּיסעל פערגניגען, ווען מאגדאלען וועט אויסגעפינען דעם אמת'ן נאָמען פון דעם אונבּעקאנטען. זיין הארץ איז געוועזען איבּערפיהלט מיט גליק, וואס נאך קען ער פערלאנגען פון שיקזאל, ווען ער האט זיין ווייב און זיין בּעסטען פריינד?

ער האט געבּעטען מאגדאלען, זיא זאל פערבּלייבּען. פאר איהר איז געוועזען א שווערע זאך צו ווארטען בּיז מארגען, נאר זיא האט אויסגעזעהן אזוי קראנק אז ער האט איהר געמוזט ערלויבּען צו געהן צו זיך אין צימער. זיא האט געהאלטען בּיים אריבּערטרעטען דעם שוועל פון טהיר, וואס האט געפיהרט צום קאָרידאָר, נאר זיא האט דערהערט א טריט. זיא האט זיך מיט שרעק א וואָרף געטהאָן צוריק און איז פערשוואונדען דורך א צווייטע טהיר, וועלכע זיא האט קוים געהאט צייט צו פערמאכען, ווען זשאַס איז אריינגעקומען.

— דיין פערד האט זיך שטארק צוקאַלעטשעט, האט ער געזאגט צו וויליאַמען. איך דענק, אז דוא וועסט עס מוזען טוידטען.

און בּיי דיא ווערטער האט ער נייגיעריג גענומען קוקען ארום צימער, ווערענדיג אויסגעפינען, וואס פאר א מין פרוי זיין פריינד האט געקריגען.

וויליאַם האט פערשטאנען זיין פריינד'ס שטילען בּליק.

— מיין ווייב פיהלט זיך ניט גוט, האט ער געזאגט, דוא וועסט איהר זעהן מארגען.

דאן האט ער זיך געווענדט צו זשענעוויוו, וואס איז דיא גאנצע צייט פערבּליבּען אין צימער, און האט צו איהר געזאגט:

— זעהט, איך בעט אייך, אז דאס בלויע צימער זאל זיין אין ארדנונג. ושאק מוז זיין גוט אויסגעמאטערט.

דיא אלטע פרוי האט געזעהן מאנדאלענ׳ס וואקסענדע ערגענונג און האט איהר מיט שטוינענדער נייגיערדע נאכגעקוקט דיא גאנצע צייט און איז צוליעב דעם ניט ארויס פון צימער.

איהר אינקוויזיציאנער גייסט האט שוין לאנג דערשמעקט מאנדאלענ׳ס געשיכטע. דיזע שעהנע בעשעפענים, האט זיא געטראכט ווענען מאנדאלען, מיט איהר ווייסע הוים, מיט איהרע רויטע ליפעלאך, מיט איהר גאלד פארבינע האר איז דיא ארבייט פון דעם ניט-גוטען און ער האט איהר אראבגעשיקט צו פערפיהרען מענשען. דיא פאנאטישע פרוי, ניט קוקענדיג אויף דעם. וואס זיא האט געהאט געהאלטען געמאלטע בילדער, צלמים און חרפים אין שטוב, האט זיא געהאט ביי זיך אין צימער א בילד פון דעם הייליגען אנטאני׳ס נסיון; דאס בילד מיט דיא טייפלישע איינגעשאפטען איז איהר געווען געפעלען און צופעליג איז איינע פון דיא פערפיהרערינס געווען עהנליך צו מאנדאלען. דיזע עהנליכקייט האט אזוי געווירקט אויף זשענעוויו׳ס פאנטאזיע, אז זיא האט פון דער ערסטער מינוט גענומען קוקען אויף מאנדאלען, וויא אויף א פערפיהרערישע פרוי.

ווען ביי זשאק׳ס נאמען האט זיך אזוי זאנדערבאר געענדערט מאנדאלענ׳ס געזיכט, איז זשענעוויו געווען איבערציינגט, אז דאס איז דער ניט גוטער, וואס זיצט אין איהר, רופט ארויס אין איהר דיא קראמפהאפטע מינעס און דאס צוקען פון איהר געזיכט, און זיא וואלט זיך ניט וואונדערן איין האר, ווען דיזע שעהנע פרויענצימער וואלט אין דער רגע פערוואנדעלט געווארען איהר אין דיא אויגען אין א שלאנג; און זיא האט בעשלאסען צו האלטען אויף איהר אן אויג און גוט אכטונג געבען, צו זיא וויל ניט צוריקברענגען דעם שטן, וועלכער איז שוין פערשוואונדען געווארען פון שלאס מיט׳ן גראפ׳ס נשמה.

זיא האט געהאלטען ביים ארויסגעהן, ווען זשאק האט איהר אנגענומען פאר דיא הענד און האט זיך ענטשולדיגט, פאר וואס ער האט איהר ניט בעמערקט גלייך ביי זיין אריינקומען אין צימער. ער האט איהר געמאכט א קאמפלימענט, אז זיא זעהט איצט אוים פיעל אינגער, וויא ער האט איהר געזעהן דאס לעצטע מאל און איהם איז זאגאר געלונגען ארויסצורופען א שמייכעל אויף איהרע בלייכע ליפען.

IX.

ווען זשענעוויוו איז ארויסגעגאנגען צו ברענגען אין ארדנונג דאס בלויע צימער, האבען זיך דיא צוויי פריינד געזעצט פארן קאמין, וואו דאס פייער האט געהאלטען ביים אויסגעהן.

— דוא ביזט זעהר שלעפעריג, האט וויליאם געזאגט, איך וויים דאס גאנץ גוט און וועל דיך לאנג ניט פערהאלטען; דיין צימער וועט באלד זיין פארטיג. אה, זשאק, וויא גוט עס איז צו זעהן דיך ווידער דא! לאמיר נאך א ווילע פלוידערן דא נעבען קאמין, וואו מיר פלעגען זיך א מאל ווארעמען, ווען מיר פלעגען קומען האלב דערפראַרענע פון כאפ'ן פיש.

זשאק האט געשמייכעלט. זיי האבען גערעדט פון דער פערגאנגענהייט, פון דער געגענווארט און פון דער צוקונפט, און האבען ארויסגערופען זעהר אלטע ער-אינערונגען און האפנונגען.

אויפ'ן וועג, פאהרענדיג פון נאנטעס א היים, האט וויליאם ערפאהרען פון זיין פריינד, וויא אזוי ער האט זיך ארויסגעראטעוועט, ווען דיא שיף איז אונ-טערגעגאנגען. נאר איצט האט ער איהם געמאכט דערצעהלען ווידער א מאל דיא גאנצע געשיכטע.

פון דער אונטערגעגאנגענער שיף האבען זיך געראטעוועט צוויי מענשען און איינער פון די צוויי איז געוועזן זשאק. זיי איז געלונגען צו כאפען א קליינע שיפעל פון דיא וואס געפינען זיך אויפ'ן שיף. זיי וואלטען געשטארבען פון הונגער, ווען דער ווינד וואלט זיי ניט צוגעטריבען צום ברעג און ארויסגעשליידערט אהין פון דעם שליידער זיינען ביי איהם צובראָכען געווארען א פאָר ריפען און ער איז געהאנגען צווישען טוידט און לעבען עטליכע חדשים. ווען ער איז געזונד געווארען האט ער פאָרטגעזעצט זיין רייזע נאך קאכין-כינא, וואו ער האט אָנגענומען זיין שטעלע. איין מאל האט ער געשריבען צו זיין פעטער און האט אריינגעלעגט א בריעף פאר וויל-יאמען און האט דעם פעטער געבעטען, ער זאל דעם בריעף אבשיקען, נאר זיין פעטער איז דאמאלס געוועזן טוידט און דער בריעף צו וויליאמען איז פערלארען געווארען. מעהר האט ער ניט געשריבען, וויל וויא יערער טהעטיגער מענש האט ער געהאט א שרעק פאר טינט און פעדער. ער האט זיין פריינד ניט פערגעסען, נאר ער האט דאס שרייבען אבגעלעגט פון טאג צו טאג און נאכהער האט ער זיך בעדענקט, אז ער וועט האבען צייט צו דערצעהלען איהם דיא וואונדערליכע בעגעבענהייטען, ווען ער וועט זיך צוריקקעהרען אין פראנקרייך.

אין קאביך־בינא האט ער בעקומען דיא נאכריכט, אז זיין פעטער האט איהם געמאכט פאר זיין יורש, נאר ער האט דיא נייעס אָנגענומען גלייכגילטיג; נאר אין א צייט ארום, ווען זיין שטעלע האט איהם דערעסען, האט ער רעזיגנירט און צו ריקגעקעהרט זיך א היים צו פערלעבען זיין געלד אין פראנקרייך.

ער איז ערסט נעכטען אבענד אנגעקומען אין ברעסט מיט דער שיף און האט געדענקט צו פערבלייבען נאר איין טאג אין וועטייל, ווייל ער האט געדארפט וואס גיכער קומען אין טולאָן, וואו איינער פון זיינע קאמעראדען איז ערסט אָנגעקומען און האט געהאלטען ביים שטארבען.

דיזע איינצעלהייטען האבען אזוי געוואונדערט וויליאמען, וויא א מעשה פון „טויזענד און איין נאכט.״ ער האט קוים געקענט גלויבען, אז אזוי פיעל זאכען האבען געקענט פאסירען אין אזא קורצער צייט. זיין רוהיגע און שטילע נאטור איז געוועזען צושראָקען פון אזוי פיעל בעגעבענהייטען.

— דאס איז אונמעגליך, האט וויליאם געזאגט שוין צום צוואנציגסטען מאל, וואס דענקסטו, אז דוא וועסט דא מעהר ניט פערבלייבען וויא איין טאג? בלייב כאָטש א וואָך!

— אונמעגליך, האט זשאק געענטפערט; איך מוז מאָרגען פאהרען צו מיין שטארבענדען פריינד אין טולאָן.

— נאר דוא וועסט דאך באלד צוריקקומען?

— געוויס, אין א מאנאט אדער פיליכט אין א וואָך צווי ארום.

— און דוא וועסט שוין מעהר קיין מאל פון דאנען ניט אוועקפאהרען?

— איך וועל מיט דיר פערבלייבען אזוי לאנג, וויא דוא וועסט וועלען, אפילו דעם גאנצען זומער; נאר מארגען אבענד מוז איך נעהמען דעם צוג נאך טולאָן. איך וועל מיט דיר פערבלייבען א גאנצען טאָג און דוא וועסט מיט מיר קענען טהאָן, וואס דוא ווילסט.

וויליאם האט געשיינט ניט צו הערען. ער איז געוועזען וויא פערזונקען אין א חלום או. האט פון זיין פריינד ניט אר. בגעלאזען זיינע צערטליכע בליקען.

— הער מיך אויס, זשאק, האט ער ענדליך געזאגט. איך האב געהאט א טרוים, וואס דוא קענסט פערווירקליכען. בלייב וואוינען מיט אונז, איך וועל הייר סען ברענגען אין ארדנונג דיא איבריגע צימערען פון שלאָס, וואס שטעהן איצט לעדיג. מאך זיך היימיש ביי אונז, דוא וועסט אונז ברענגען פריילינקייט און מיר וועלען דיר געבען רוהה און גליק, איך און מיין פרוי וועלען זיין דיין ברודער און שוועסטער.

זשאק האט איהם אויסגעהערט מיט א שמייכעל.

— דוא האסט נאך מיך ניט גוט אנגעקוקט, האט ער געזאגט ענדליך און געהמענדיג דעם לאמפ אין האנד האט ער עס געהאלטען נעהענטער צו געזיכט.

דאס געזיכט האט זיך שטארק געענדערט; דיא לופט פון ים און דיא זון האבען איהם פערגרעבט און פערברענט, אפילו זיינע געזיכסט-ציעגע זיינען פערגרעבט געווארען פון דעם הארטען לעבען, וואס ער האט געפיהרט. ער האט איצט אויסגעוויזען העכער און ברייטער, זיינע הענד גרעסער; דיא איידעלקייט און צארטקייט פון דיא יונגע יאהרען זיינען איצט אין גאנצען פערשוואונדען געווארען. ער האט געגעסען, געלאכט, געטרונקען און געפיהרט דאס לעבען פון א גליקליכע חיה ביז זיין הארץ איז געווארען שטום און ער האט נאר פערשטאנען קערפערליכע פערגניגענס. ער איז זאגאר געוועזן גוטמוטהיג וויא שטענדיג אבער ער האט ניט געקענט פערשטעהן פריינדשאפט, אזוי וויא וויליאם האט פערשטאנען.

דאס לעבען, וויא ער האט עס פערשטאנען, בעשטעהט ניט פון פאזיטיווע, גרייפבארע פערגניגענס; ער האט ניט געוועלט האבען קיינע פערבינדונגען, און זיין וואונש איז געוועזן צו וואנדערן איבער דער וועלט, וואו דאס הארץ וועט איהם ציהען און זיצען ביי דעם בעסט געדעקטען טיש מיט דער שעהנסטער פרוי.

וויליאם, וואס האט איהם נאר איצט גוט אנגעקוקט, האט זיך געוואונדערט וואס זיין פריינד זעהט אוים פיעל עלטער וויא ער האט ערווארט און אזוי דיק. ער האט אנטקעגען איהם אויסגעזעהן, וויא א שוואכעס אינגעלע.

— אלזא? האט וויליאם געפרעגט אונרוהיג, פאראויסזעהענדיג, וואס דער חבר וועט ענטפערן. איך זעה דיך איצט.

— און דוא ציהסט צוריק דיין פארשלאג? ניין! ניין! האט זשאק געזאגט מיט א הויכען געלעכטער. איך וואלט געשטארבען פון אפאפלעקסיע אין איין יאהר צייט אין דיין געליעבטער רוהע.

— דוא האסט א טעות, דיר וואלט דא געוועזן זעהר גוט.

— וואס פאר א קינד דוא ביזט! דענקסטו, אז דיין גליק וואלט געוועזן מיין גליק? דיזע הויז וואלט געווארען מיין קבר און איך וואלט זיך געפיהלט זעהר אומעדיג אין דיא גרויסע צימערן. נאר איבער'ן זומער וואלט איך וועלען פערברענגען דא מיט דיר. דיא קעלט וועט מיך אוועקטרייבען אין פאריז, ווייל איך וויל זיך ניט בעגראבען דא אונטערן שניי.

זיין הויכער קול און געראוישפאלע פרייליכקייט האט זעהר געשמערצט וויליאמען, וועלכער האט געזעהן, אז זיין חלום ווערט פערשוואונדען.

— און וואס דענקסטו צו טהאָן אין פּאריז? האט ער געפרעגט.

— איך ווייס ניט, האט זשאק געענטפערט. ווארשיינליך גאר נים. איך האב גענוג געארבייט און איצט ווען מיין פעטער האט מיר איבערגעלאזט א ירושה, וויל איך לעבען, וויא מיר וועט זיך געלוסטען: עסען, טרינקען, געפינען אנגענעהמע פריינד.

און ער האט זיך ווידער צולאכט.

וויליאם האט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— דאָך וועסטו ניט זיין גליקליך, האט ער געזאגט. ווען איך זאל זיין אויף דיין אָרט, וואלט איך חתונה געהאט און געבראכט מיין ווייב אהער. שטעל זיך פאר, וואס פאר א רוהיג און זיס לעבען דוא וואלסט דא געפיהרט. פאָלג מיך און טהו וויא איך בעט דיך און קום אהער.

דער געדאנק וועגען חתונה האבען און לעבען דא אין איינזאמקייט האט דעם געוועזענעם דאָקטאָר אויסגעוויזען זעהר לעבערליך.

— אח, וואס פאר א קינד דוא ביזט! האט זשאק אויסגערופען. דוא דענקסט, אז אלע מענער זיינען אזוי וויא דוא. מיין טהייערער פריינד, ווען איך זאל חתונה האבען, וואלט איך אין אכט טעג ארום אפשר געשלאגען מיין ווייב און דאָך בין איך נאך אלעמען ניט אזא שלעכטער מענש. דוא שעצסט זעהר דיא פרויען און איך בעטראכט זיי נאר וויא אן אנגענעהמען צייט-פערטרייב. איך פערזיכערע דיך, אז ווען איך זאל חתונה האבען און פערשליסען זיך דא מיט מיין ווייב וואָלט איך איהר הערצליך בעדויערט.

וויליאם האט א ציה געטהאָן מיט דיא אקסלען.

— דוא מאָלסט א בילד פון זיך אסך שווארצער וויא דוא ביזט, האט ער געזאגט. דוא וואלסט זעהר געליעבט דיין פרוי. דוא דארפסט ניט לאָבען פון דעם, וואס דוא רופסט מיין איבערטריבענע אכטונג פאר פרויען. עס וואלט געוועזען פיעל בעסער פאר דיר, ווען דוא זאלסט האבען דאס זעלבע געפיהל. א מאַן דארף ליעבען איין פרוי און לעבען מיט איהר ביז דער טוידט טיילט זיי.

— איך געדענק, אז איך האב שוין פון דיר א מאל געהערט דיא פראזע, נאך מיט יאָהרען צוריק, האט זשאק געזאגט. יא, דוא האסט זיך ניט געענדערט און געבליבען דער זעלבער וואס געוועזען. חתונה שרעקט מיך אב, איך האב זיך שטענדיג אבגעהיט פון אן ערנסטע פערבינדונג, נאר דוא מיין טהייערער מאַנק..

זשאק האט זיך א רגע אבגעשטעלט און דאן פארטגעזעצט מיט זיין פרייליכען און פערגרעבטען קול.

— ביזטו גליקליך מיט דיין ווייב ?

וויליאם האט געפיהלט א פערגניגען פון דער פראגע, ווייל איצט זיינען ביי איהם ארויסגעשוואומען אלע זיסע ערזיננערונגען פון דיא פיער גליקליכע יאהר.

— גליקליך ? האט ער ווידערהאלט זיין פריינד'ס פראגע, יא, איך בין גליקליך. דיא שטילקייט און רוה, וואס ווארפען אן א שרעק אויף דיך, האבען אונז איינגעוויגט אין א זיסען חלום, פון וועלכען מיר וועלען קיין מאל ניט ערוואכען: אין דעם, מיין פריינד, בין איך זיכער.

זשאק האט אויף איהם געקוקט מיט פערוואונדערונג. ער האט איהם געוואלט פרעגען עפעס וועגען זיין ווייב.

— איז זיא א שעהנע ? האט ער געפרעגט.

— איך ווייס ניט, האט ער געזאגט. איך ליעב איהר און דאס איז גענוג. דוא וועסט מארגען אליין קענען אורטהיילען׳

— האסטו זיך בעקאנט מיט איהר דא אין וועטייל ?

— ניין, אין פאריז. מיר זיינען פריהער געוועזן געליעבטע און דערנאך האב איך מיט איהר חתונה געהאט.

זשאק'ן האט אויסגעוויזען, אז ער האט בעמערקט אין זיין פריינד'ס שטימע עפעס א צומישטקייט. ער האט באלד פערשטאנען דיא גאנצע געשיכטע. ער האט זיך אויפגעהויבען, איז א פאר מאל געגאנגען איבער'ן צימער אויף און אב און דאן האט ער זיך געשטעלט אנטקעגען זיין פריינד און געזאגט ערנסט ·

איך האב קיין שום רעכט ניט צו פרעגען דיר פראגען, דאך וועסטו מיערלויבען צו זאגען דיר א פאר ווערטער. דוא ביזט זעהר פרעמד אין דער וועלט און דוא האסט צוליעב דעם געמאכט א גרויסען פעהלער. אזעלכע חתונות וויא דיינע קענען א מאל זיין זעהר אנגענעהם פאר א קורצע צייט, נאר זיי ענדיגען זיך שטענדיג שלעכט.

וויליאם איז אויפגעשפרונגען און האט געזאגט מיט ווארעמקייט.

— ש ש ש ! דוא דארפסט עס ניט זאגען. דוא טארסט וועגען אונז ניט אורטהיילען פון דיא אנדערע חתונות וואס דוא האסט געזעהן. ווען דוא וועסט קענען מיין ווייב, וועסטו חרטה האבען אויף דיינע רייד, און דוא וועסט זעהן, אז דוא האסט געהאט א טעות.

— איך האב שוין חרטה, אז דוא ווילסט. עס קען זיין, אז איך קוק צו פינסטער אויף דער וועלט, נאר איך האב דיר געזאגט, וואס איך דענק. עס איז

צו שפעט דיר צו געבען עצות, דאך קען דיר ניט שאדען, וואס איך האב דיר געוואָרענט.

א שמערצליכע שטילקייט איז איינגעטראָטען און איז איבערגעריסען געווארען, ווען זשענעוויוו איז אריינגעקומען און געמעלדעט, אז דאס בלויע צימער איז פערטיג פאר׳ן גאסט.

וויליאם האט געזאגט מיט א פריינדליכען שמייכעל:

— קום, זשאק, איך וועל דיר ווייזען דיין צימער. מארגען וועסטו זעהן מיין ווייב און קינד. איך וועל דיך איבערציינגען, אז דוא ביזט ניט גערעכט, און דער טאג וועט נאך קומען, ווען דוא וועסט זיך בעגראבען אין דיזען אלטען שלאָס.

ווען דיא יונגע לייט זיינען צוגעגאנגען צו דיא טרעפ, האט זיך זשאק אומגעווענדעט און גענומען זיין פריינד׳ס האנד און מיט א ווארעמען דרוק האט ער געזאגט זעהר ערנסט:

— דוא דארפסט ניט לעגען קיין שטארקע געוויכט אויף מיינע ווערטער. איך וויל נאר דיין גליק. דוא ביזט גליקליך, אין דעם בין איך זיכער.

— יא, איך בין גליקליך, יעדער איז דא גליקליך, האט וויליאם געענטפערט. א גוטע נאכט און האב פרייליכע חלומות.

מיט דיא לעצטע ווערטער איז וויליאם אריין אין עסס-צימער און צו זיין גרויסער פערוואונדערונג האט ער דערזעהן מאגדאלען שטעהן אין מיטען צימער. זיא איז געבליבען וויא צוגעשמידט צום באָדען. ווען זיא האט ביי זשאק׳ס אריינקומען דערהערט דיא שטימע, וואס האט איהר דורכגעדרונגען ביז צום הארצען. זיא האט געקענט יעדען טאָן, יעדע בעוועגונג, יעדען ריהר מיט דער האנד, יעדען מאך מיט׳ן קאָפּ. דיא וואנד, וואס האט זיי געשיידעט, האט פאר איהר ניט עקזיסטירט, ער איז געשטאנען פאר איהרע אויגען. דיא נאהענטקייט פון דיזען מענשען האט ביי איהר ארויסגערופען א שארפען ווייהטאָג, דאך האט זיא פאר איהר געהאט א געוויסען רייץ. מיט א פערבארגענעם שרעק האט זיא געפיהלט, אז עס ציהט איהר צו איהם, אז זיין נאהענטקייט פערשאפט איהר פערגניגען. זיא האט אבגעשטעלט און א קוק געטהאן דורך דער שליסעל-לאָך אין טהיר און דיא מאָמענטען וואס זיא איז געשטאנען ביי דער טהיר האבען איהר געשיינט פאר אן עווינקייט. זיא האט געפיהלט אז דיא כחות פערלאזען איהר און זיא פאלט באלד אין אונמאכט, און איהר איז איבערגעלאפען א געדאנק, אז ווען זיא וועט איצט א פאל טהאן און זיי וועלען אריינלויפען, וועט זיא שטארבען פאר שאנדע.

זשאק'ס נעווּרסטע פּראָזען האבען איהר נעשטאָכען אין דער צעהנטען ריפּ און זיא האט אנגעהויבען צו וויינען, דערשטיקענדיג איהר כליפּען, אום זיי זאלען ניט דערהערען. איהר מאַנ'ס צוטרויליכקייט צו איהר, זיינע פּראָעקטען, אז זשאק זאל מיט זיי פערבלייבען, האבען איהר כמעט דער'הרנ'עט. דאך האט זיא קוים געהערט זיין שטימע; אין איהרע אויערן האבען נאר געקלונגען דיא טענער פון זשאק'ס שטימע.

ווען דיא צוויי פריינד האבען זיך געלאזט געהן צו דיא טרעפּ, האט זיא איבער זיך געמאכט איבערמענשליכע אנשטרענגונגען צו פערלאזען דאס צימער. נאך אלעם דעם, וואס זיא האט געהערט, איז איהר געוואָרען קלאר, אז זיא טאר אפילו ניט ווארטען ביז מאָרגען. איהר עהרליכע נאטור האט רעבעלירט געגען דעם. איהרע האר האבען זיך צולאָזט איבער איהרע אקסלען, איהר געזיכט איז געווען בלייך וויא דער טויט. איהרע אויגען זיינען געוואָרען נאך א מאל אזוי גרויס און איהר מויל האט זיך קראמפּהאפט פערקרימט.

וויליאם איז געוואָרען פערוואונדערט, דערזעהענדיג איהר אין עסס-צימער; נאר זיין פערוואונדערונג האט זיך פערוואנדעלט אין שרעק, ווען ער האט דערזעהן איהר געזיכט.

— וואס איז געשעהן, מאגדאלען? האט ער אויסגערופען מיט שרעק, צולויפענדיג צו איהר. איך האב געמיינט אז דוא שלאָפסט שוין?

זיא האט געוויזען מיט'ן פינגער אויפ'ן סאלאָן און געזאגט מיט א שטילען קול:

— ניין, איך בין געווען דאָרטען.

זיא איז צוגעגאנגען צו וויליאמען, האט איהם ארויפגעלעגט ביידע הענד אויף דיא אָקסלען, און קוקענדיג איהם גלייך אין דיא אויגען, האט זיא געזאגט קורץ:

— איז זשאק דיין פריינד?

— יא, האט ער געענטפערט פערוואונדערט פון דער זעלטזאמער פראגע. איך האב דיר שוין לאנג געזאגט, און דערצעהלט דיר, וויא שטארק אונזער פריינד-שאפט איז. זשאק איז מיין ברודער, און איך וויל, אז דוא זאלסט איהם ליעבען, וויא א שוועסטער.

— דוא ווילסט, אז ער זאל בלייבען וואוינען מיט אונז צוזאמען, ניט וואהר?

— יא, האט וויליאם געענטפערט, און איך האָף, אז מיר וועלען דאס אויס-פיהרען, און דאן וועל איך ניט האבען, וואס נאך צו ווינשען. ווען מיר זיינען געווען קינדער, האבען מיר געשוואָרען, אז יעדע זאך, וואס מיר וועלען האבען, וועלען מיר זיך טהיילען.

— אזוי; דאס האט איהר געשווארען! האט מאנדאלען געזאגט, און איהר מאנ׳ס אונשולדינע ווערטער האבען איהר א ריס געטהאן אין הארצען.

וואס האט זיא געקענט זאגען! איהרע ליפען זיינען געוועזן פארטריקענט און זיא האט ניט געקענט ארויסרעדען א ווארט. אין דיזען מאמענט איז זשענעוויוו אריינגעקומען אין צימער, נאר דער מאן און ווייב האבען איהר ניט בעמערקט. זיא האט געזעהן זייער ערדענונג און האט זיך אנידערגעשטעלט שטילערהייד אין שאַטען, קוקענדיג אויף זיי מיט פינקעלדינע און שארפע אויגען. איהרע ליפען האבע זיך שטום בעוועגט, וויא זיי וואלטען ארויסגערעדט עפעס א צויבער־שפרוך.

— צו וואס פרעגסטו מיך דיזע אלע פראגען? האט וויליאם ענדליך גע־פרעגט אביסעל בעאונרוהיגט פון זיין ווייב׳ס זעלטזאמע האלטונג.

מאנדאלען האט ניט געענטפערט גלייך. זיא האט זיך נאך שווערער אנגע־שפארט מיט איהרעביידע הענד אן דעם מאנ׳ס אקסלען און האט איהם טיעפע אריינגעקוקט אין דיא אויגען.

זיא האט געהאפט, אז ער וועט לייענען דיא ווארהייט אין איהרע אויגען און זיא וועט פערשפארען ערקלערן איהם, וואס אין איהר קומט פאָר.

— איך האב געקענט זשאק׳ן אין פאריז, האט זיא ענדליך ארויסגערעד זעהר לאנגזאם.

— אזוי! ווירקליך? האט וויליאם אויסגעשריען. פאר וואס האסטו עס מיר פריהער ניט געזאגט? דוא האסט מיך כמעט וויא דערשראקען. אויב אזוי איז ער אן אלטער בעקאנטער, און ווייטער גאר ניט! דענקסטו, אז איך וועל זיך שעמען מיט דיר? ער ווייס אונזער געשיכטע, און אויב ער ווייסט ניט קלאר, שטויסט ער זיך אויף דעם.

דאס בלינדע צוטרויען פון איהר מאן האט איהר געפיינעגט אזוי שטארק אז זיא האט עס ניט געקענט אויסהאלטען. פאר וואס וויל ער ניט פערשטעהן ניט קענענדיג בעהערשען איהר כעס, האט זיא אויסגעשריען:

— הער מיך אויס, דוא האסט מיך געבעטען, איך זאל מיט דיר קיין מאל ניט רעדען פון דער פערגאנגענהייט. איך האב דיר געפאלגט און האב איהר כמעט פערגעסען, נאר דיא פערגעסענהייט האט זיך צוריקגעקעהרט צום לעבען און זיא צערשמעטערט מיך. און איך בין געוועזן דא אזוי גליקליך!

איהר שטימע אין איצט געווארען ליידענשאפטליך, היציג, פייעריג.

— איך קען לאנג ניט שווייגען; איך מח דיר זאגען, אום דוא זאלסט ניט ער׳אוען, אז זשאק זאל מיך דערזעהן. איצטער פארשטעהסטו שוין?..

וויליאם איז שאקלענדיג זיך צונעקראָכען צו א שטוהל, וועלכער איז געשטאַנען נעבען קאמין. איהם האט אויסגעוויזען, אז יעמאנד האט איהם א זעץ געטהאן אין קאָפּ אריין; ער האט געציטערט און איהם האט געקלאפּט א צאָהן אין א צאָהן.

— וואס פאר אן אונגליק! וואס פאר אן אונגליק! האט ער געשטאמעלט.

ער האט צוזאמענגעלעגט דיא הענד, וויא צו א געבעט. זיינע אויגען זיינען געווען אויסגעגלאָצט, זיינע ליפּען ווייס אן אויסגעצויגען. ער האט געשיינט צו בעטען דעם הימעל, אז ער זאל געשיצט ווערען פון דיזען צערשמעטערנדען שמערץ. ער איז געווען מעהר צושראָקען, וויא עס האט געשיינט, אלס צאָרניג. ער איז געווען אין דעם זעלבען צושטאנד, וויא ער פלעגט זיין אין זיין קינדהייט, ווען ער פלעגט זיך בעהאלטען אין א ווינקעל פון דער גרויזאמער פערפאלגונג פון זיינע חברים. ער האט נים געהאט קיינע פּאָרווירפע צו מאכען און האט נאר געקוקט אויף זיין ווייב מיט זיינע קינדערשע אויגען, וואס זיינען געווען פול מיט שרעק און וואונדער.

מאגדאלען האט בעססער געוואלט, אז ער זאל איהר א שלייערער טהאָן אין דער ערד. זיין אונטערגעבונג צום שיקזאל, זיין מקבל באהבה זיין אזא שרעקליכען קלאָפּ, איז פאר איהר געווען מעהר, וויא זיא האט געקענט אריבערטראגען. זיא האט זיך א ווארף געטהאן צו זיינע פיס און האט געבעטען.

— זיי מיר מוחל!.. אה, וויליאם, נאָט איז אונבארעמהערציג! זשענעוויוו איז געווען גערעכט; ער איז א בייזער גאָט און איז קיין מאל נים מוחל קיין זינד! איך האב איהר נים געגלויבט; איך האב געדענקט, אז צייטענווייז לאָזט ער זיך איבערבעטען און וועט אננעהמען מיין תשובה. איך האב צו זיך אליין געזאגט, אז מיין פערגאנגענהייט איז טויד און איך קען לעבען אין רוה. מיין פערגאנגענהייט איז געווען דיזער מאן, וועלכען דער ים האט איינגעשלונגען; ער און מיין שאנדע זיינען געווען בעגראבען אין דעם אבגרונד פון ים און זיי זיינען אויף אייביג פערשוואונדען. נאר אך! ער איז צוריקגעקומען פון דער טיפענים פון ים מיט א געלעכטער! דאס שיקזאל האט איהם ארויסגעווארפען אויפ'ן ברעג און האט איהם געשיקט אהער, אז ער זאל אונז פערשטערן, אוועקרויבען ביי אונז אונזער גליק.

— דוא זעהסט וויליאם! האט זיא ווייטער געזאגט. ער איז געווען טויד, און דאך לעבט ער. דאס איז נים געווען גאָט, וואס האט איהם צוריקגעגעבען דאס לעבען — דאס איז געווען דאס שיקזאל, וואס האט איהם געשיקט אהער מיך צו שטראָפען! וואס פאר א פערברעכען זיינען מירביידע בעגאנגען? מיר האבען גע-

ליעבט איינער דעם צווייטען, מיר זיינען מאַן און ווייב, מיר פיהרען א רוהיג לעבען און טהוען קיינעם קיין שלעכטס ניט. מיר זיינען געוועזן זעהר גליקליך און גאָט ער־לויבט ניט זיינע בעשעפעניסען צו זיין גליקליך. איך לעסטער גאָט מיט מיינע ווערטער, וויליאם, נאר איך רייד אויס דאס הארץ און מיר ווערט דערפון גרינגער דיא פערגאַנגענהייט און א פערברעכען ווערען קיין מאל ניט פערשוואונדען, זשע־נעוויוו איז געווען גערעכט.

— אַן אונגליק! אַן אונגליק! האט וויליאם ווידערהאָלט.

— דוא געדענקסט, אז איך האב ניט געוואָלט אננעהמען דיין פאַרשלאַג חתונה צו האבען מיט דיר, ווען דוא האסט מיר יענעם טרויעריגען אבענד געבע־טען ביי דעם שמוציגען טייכעל, וואס איז א מאל געווען קלאַר וויא קריסטאַל; אַן איננערליכע שטימע אין מיר האט מיך געוואָרענט, אז איך זאל זיך ניט פערלאָזען אויף גאָט׳ס רחמנות. איך האב צו זיך אליין געזאגט, אז עס איז בעסער, מיר זאלען בלייבען, וויא מיר זיינען, אז מיר ליעבען איינער דעם צווייטען איז דאָס גענוג. אפשר אז מיר וועלען חתונה האבען, וועלען מיר זיך אזוי שטארק ניט ליע־בען. נאר דוא האסט זיך געהאלטען ביי דאס דייניגע, און האסט צו מיר גערעדט פון א ליעבע, וועלכע מיר זאלען ניט מורא האבען צו וויזען פאר דער גאנצער וועלט. דיינע ווערטער זיינען געווען זיס און איך האב געטרוימט פון א היים פון א פערגרעסערטע צערטליכקייט או מעהר אבטונג. אך! פאר וואס האב איך זיך נעלאזט איבעררעדען? פאר וואס ה ב איך זיך ניט צוגעהערט צו יענער נעהיימ־ניספאָלער, ווארנענדער שטימע?

— איך האב געדענקט, האט זיא פאָרטגעזעצט, אז ווען איך וועל ניט חתונה האבען מיט דיר, וועל איך דיר דערעסען מיט דער צייט און דוא וועסט מיך פער־טרייבען און איך וועל ווערען ניט בעסער וויא דיא גאסען־מיידלאך פון פאריז. יא מיין פריינד, איך בין געווען זעהר שוואך.

— אַן אונגליק! אַן אונגליק! האט וויליאם ניט אויפגעהערט צו ווידערהאָלען.

— יא, איך בין געווען שוואך און פייג, נאר איך וויל, אז דוא זאלסט מיין פערשטעהן; איך בין געווען מיעד און איך האב געדאַרפט רוה. איך מיין ניט צו זאגען, אז איך בין געווען לייטישער פון יענע מיידלאך, איך בין נאר געווען שטאַר־צער, און ווען דוא האסט מיר געגעבען דיין נאמען, האב איך געמיינט, אז איך בין דיין געוואשען פון יעדען פלעק; נאר וויא איך זעה, וואשען זיך דיא פלעקען קיין מאל ניט אב. אויב דוא געדענקסט, האב איך זיך ניט ענטשלאסען באלד אנצו־נעהמען דיין פאַרשלאַג, איך האב א גאנצע נאכט געקעמפפט מיט זיך אליין, און

בין געקומען צום שלום, אז איך דארף זיך אבזאגען פון דיין פארשלאג, נאר ווען איך האב דיך דערזעהן, האב איך ניט געהאט דעם מוטה דאס צו טהאָן. זשאק איז מיר יענע נאכט געקומען צו חלום און האט מיר געזאגט, אז איך בין זיינע אויף אויביג אין ער וועט זיין אויף אונזער חתונה, נאר איך האב זיך געזאגט, אז איך בין פריי און איצט האסטו אורזאכען מיך צו האסען.

— אן אונגליק! אן אונגליק.

— פיער יאהר בין איך געוועזן גליקליך, האט זיא ווייטער גערעדט. ווען איך האב געהאלטען אונזער קינד אין מיינע ארמען, האב איך גאר פערגעסען, וואס פאר א פרוי איך בין געוועזן. מיר האט אויסגעוויזען, אז איך בין שטענדיג געוועזן אזוי וויא איצט. וואס פאר א צערטליכקייט האב איך פון דיר אוועקגע׳גנב׳עט איך זאג גע׳גנב׳עט, ווייל דיין ליעבע, דיין אכטונג, דיא קוסען פון מיין קינד זיינען געוועזן גע׳גנב׳עט, זיי האבען מיר ניט געקומט, איך האב אויף זייא ניט געהאט קיין שום רעכט. וויא אזוי האב איך געקענט וויסען, אז דאס שיקזאל מאכט פון מיר נאר א שפיעלכעל, אז ער וועט ביי מיר אויסרייסען מיין גליק, וואס איך האב ניט פערדיענט? איך האב געדענקט, אז אזוי וועט זיין אויביג און איצט איז פון דעם אלעם געווארען אש און שטויב! דאס איז ניט מעהר וויא גערעכטיגקייט, ווילִיאם! איך בין א נידריגע, פערשמוצטע בעשעפעניס, נאר דוא, ווילִיאם, זאלסט דערפון ניט ליידען. איך וועל אוועקגעהן און דוא וועסט פון מיך קיין מאל מעהר ניט הערען.

זיא איז געלעגען אויף דער ערד און האט קאנוואולסיוו געשלוכצעט. דיא פערצווייפלונג פון דיזער פרוי, וואס האט פערלארען איהר שטענדיגע ענערגיע פון דעם פלעצליכען קלאפ, איז געוועזן פערמישט מיט א פינסטערן צאָרן. זיא האט געזוכט צו זיין אונטערווירפיג, נאר אין הארצען האט זיא רעבעלירט גענען דעם שיקזאל. זיא האט געהאט נאר איין צערטליכען געדאנקען — איהר מיטלייד צו ווילִיאמען איז געוועזן זעהר טיעף. וועהרענד זיא האט גערעדט מיט געבראכענע ווערטער, וויא א פרוי וואס ליגט אין היץ ביים שטארבען, האט זיא ניט אראבגענומען דיא אויגען פון איהר מאן און האט איהם מיט איהר בליק געבעטען, אז זיא זאל רעדען.

נאר ווילִיאם איז געזעסען מיט׳ן קאָפּ אננעשפארט אן דער האנד און האט געהאלטען אין איין זאגען: וויא אן אידיאָט וואס האט מעהר ניט געפונען קיין ווערטער.

— אן אונגליק! אן אונגליק.

אין דער ווירקליכקייט האט ער קוים פערשטאנען, פון וואס ער ליידעט, און דאס ווארט וואס ער האט אזוי פיעל מאל ווידערהאלט, האט פאר איהם פערלארען יעדע בעדייטונג.

ווען זיין פרוי האט אויפגעהערט צו רעדען, האט ער געשיינט צו וואונדערן זיך, פאר וואס איז געווארען שטיל. ער האט אויפגעהויבען דעם קאפ און האט זיך דערמאנט.

— דוא האסט געוואוסט, אז זשאק איז געווען מיין פריינד!

— איך האב געוואוסט אלץ! האט זיא געענטפערט אונגעדולדיג. דוא געדענקסט, וויא דוא ביזט געקומען א היים אין אונזער פאריזער וואוינונג מיט דער נאכריכט, אז דיין פריינד איז געשטארבען? גראדע מיט א מינוט פריהער האב איך געפונען זיין בילד אין דעם אלבום. נאט איז מיין עדות, אז איך בין געווען פערטיג צו אנטלויפען אין עק וועלט, אום צו פערשפארען דיר דעם ווייהטאג פון ערפאהרען, אז דיין פריינד איז געווען מיין געליעבטער, נאר ווען איך האב זיך דערוואוסט, פון דיין מויל, אז דער מאן איז טוידט און ער וועט זיך קיין מאל ניט שטעלען צווישען אונז, האב איך ניט געהאט דעם מוטה און קוראזש אוועקצרווארפען אלץ, וואס איז מיר געווען אזוי טהייער. איך האב ניט געהאט דעם מוטה צו פערלאזען דיך. פון יענעם טאג אן איז מיין לעבען געווען פאלש; איך וואלט געשוויגען אויביג. דוא זעהסט, אז איך האב זעהר א פערדארבענע הארץ?

זיא האט זיך אבגעשטעלט און האט איינגעהאלטען דעם אטהעם, אום זיך צו צוהערען. אויף איהר געזיכט האט זיך אבגעטונקט א שרעק.

— הער! האט זיא זיכער אן אטהעם געטהאן וויא ארויסגערעדט, דאס קומט זשאק!

ווילאם האט זיך צוגעהערט אהן אטהעם. ביידע זיינען געווען פערטויבט פון דעם האסטיגען קלאפען פון זייערע אייגענע הערצער. מען האט געקענט דענקען, זעהענדיג וויא זיי שטעהן אזוי צושראקען און הערען, אזוי וויא זיי זיינען געוואהר געווארען, אז א מערדער האט זיך פערשטופט אין א פינסטערן ווינקעל פון קארידאר און ער קען יעדע מינוט ארויסשפרינגען מיט א מעסער אין האנד און ארויפווארפען זיך אויף זיי.

ווילאם האט געציטערט זאגאר מעהר וויא מאגדאלען, ווייל איצט ווען ער האט געוואוסט דיא װארהייט, האט ער ניט געקענט פערטראגען דעם געדאנק, אז ער זאל זיך איצט בעגעגענען געזיכט צו געזיכט מיט זשאק'ן.

ער האט זיך צוגעהערט א מינוט לענגער און דאן האט ער זיינע אויגען גע־ווענדעט צו מאגדאלען, וועלכע איז געלעגען אויסגעצויגען אויפ׳ן בארען, האלב פער־הילט מיט איהרע צולאזטע האר. זיין גאנצעס וועזען האט געבעטען, מען זאל איהם טרייסטען אין זיין אונגליק. און ער האט זיך אראבגעלאזט אויף דיא קניע נעבען איהר, האט אויפגעהויבען איהרע הענד און האט זיי פערדעקט אויף זיין האלז. זיי האבען צוזאמען געוויינט, האלטענדיג פעסט איינער דעם צווייטען און האבען אין דער מינוט געפיהלט, אז דיזע אומארמונג איז אזוי שטארק, אז זשאק וועט זיי ניט קענען צושיידען.

וויליאם האט געוויינט וויא א קינד, מיטן געזיכט אנגעשפארט אן איהר שולטער. זיינע טרערען האבען געשיינט צו זאגען, אז ער פערצייהעט איהר.

—דוא ביזט ניט שולדיג, האט ער געמורמעלט, דאס איז בלויז געווען א צופאל און איך האב דיך דאך ליעב. רעד ניט פון שיידען זיך.

זיינע ליפען האבען נאך צוגעגעבען:

— טרייסט זיך, מיין טהייערע. איך וועל ניט אויסהאלטען אויב דוא וועסט מיך פערלאזען, ווייל פאר מיר איז צו שווער אריבערצוטראגען מיין פעק ל צרות.

מאגדאלען האט גוט געהערט דיזע ווערטער. איהר הארץ איז געווען פול מיט מיטלייד צו זיין איידעלע זעעלע, וואס איז איצט אזוי פיעל אויסגעשטאנען. אויסער דעם, איז פאר איהר געוועזן זעהר זיס דיזע שטילע פערצייהונג. זיא האט איהם ביסלאכווייז בערוהיגט און דאן געזאגט מיט א ווייכען קול:

— עס איז שוין באלד צוויי א זייגער. מיר קענען ניט ווארטען ביז „ער“ וועט אויפשטעהן. וואס זאלען מיר טהאן?

וויליאם האט געקוקט אויף איהר, נאר אין זיין געזיכט האט זיך געזעהן אזוי וועניג ענטשלאסענהייט, אז זיא האט פערשטאנען, דאס פון איהם קען זיא קיין עצ ת ניט ערווארטען.

— ווען מיר זאלען איהם דערצעהלען דיא גאנצע ווארהייט, וועט ער אוועק־פאהרען און לאזען אונז צורוה, האט זיא געזאגט, געה גלייך אריין צו איהם און דערצעהל איהם.

— ניין, ניין, ניט איצט, האט ער געשטאמעלט. שפעטער, שפעטער, אויב מיר וועלען זיך אנדערש ניט קענען בעגעהן.

— זאל איך געהן צו איהם און דערצעהלען איהם?

— דוא!

וויליאם האט אויסגערעדט דאס ווארט צושראקען און ערשטוינט. מאגדאלען

האט געמאכט דעם פּאַרשלאג, ווייל דערצו האט איהר געטריבען איהר אָפענע און בראווע נאטור. נאר ער האט עס ניט פערשטאנען און איהם האט א שטאָך גע־טהאן און הארצען פון אייפערזוכט און זיין איידעלקייט איז געווארען פערוואונדעט פון דעם געדאנק, אז זיא קען זיך זעהן אונטער וועלכע ניט איז אומשטענדע מיט איהר אלטען ליעבהאבער.

— אלזא וואס זאל מען טהאן?

ער האט גלייך ניט געענטפערט. איהם האט ווייטער אויסגעוויזען, אז ער האט געהערט טרים איבער דיא טרעפ, און ער האט זיך צוגעהערט. דער געדאנק, אז זשאק געפינט זיך אונטער זיין דאך, האט איהם געפייניגט. פאר וואס זאל ער בעסער ניט אוועקלויפען, איידער צו מאכען ערקלערונגען? יעדען מאל ווען ער איז געוועזען אין א קלעגליכען צושטאנד איז זיין ערסטער געדאנק געוועזען צו זוכען א פער־בארגענעם פלאץ און טרייסטען זיך אין איינזאמקייט מיט זיינע רוהיגע טרוימען.

— לאמיר אוועקגעהן, האט ער געזאגט מיט א שטילען קול. איך קען איצט ניט פערטראגען מעהר. ער פאהרט אב מאָרגען און פאר א גאנצען מאנאט וועלען מיר איהם ניט זעהן מעהר.

אזא מין אנטלויפען איז געוועזען עקעלהאפט פאר מאגדאלענ'ס בראווע נאטור. זיא האט געזעהן, אז דאס איז נאר קאלטע רפואות און דאס וועט זיי ניט ערלעזען פון צוקונפטיגע שטערונגען.

— עס איז פיעל גלייכער צו מאכען איצט אן ענדע, האט זיא געזאגט.

— ניין, ניין, קום איצט אוועק, האט ער געשטאמעלט. מיר וועלען איצט געהן צו אונזער קליין הייזעל און אבווארטען, ביז ער וועט אבפאָהרען. אויב ווער פון אונז זאל איהם זעהן נאך א מאל, וואלט איך געפיהלט, אז יעדע האפנונג פון א צוקונפטיגען גליק איז פערלארען.

מאגדאלען האט זיך אונטערגעגעבען; זיא איז געוועזען אין גאנצען צערשמע־טערט און האט געפיהלט, אז ווילאם איז נאך מעהר דערשלאגען און דארום האט זיא ניט געוואגט צו פאָדערן פון איהם, אז ער זאל טהאן עפּעס הערא‏ישעס, העלדיש'עס.

זאל זיין אזוי, האט זיא געזאגט, לאמיר געהן.

זיי האבען זיך ארומגעקוקט, דאס פייער אין קאמין איז אויסגעגאנגען, דער לאמפּ האט געהאלטען ביים פערלאָשען ווערען, דאס צימער, וואו זייא האבען פער־בראכט אזוי פיעל גליקליכע אבענדען, האט זיי אויסגעוויזען דונקעל און טרויריג. אין דרויסען האט דער ווינד שטארק געבלאזען און עס האט זיי געשיינט, אזוי ווי

דער ווינטערדיגער שטורם האט דורכגעבראזט דורכ'ן צימער און האט מיטגענומען מיט זיך דיא גאנצע פרייד און דיא גאנצע רוה פון דעם אלטען וואוינונג.

ביים ארויסגעהן פון צימער האבען זיי זיך א צאפעל געטהאן פאר שרעק, דערזעהנדיג זשענעוויוו'ן שטעהן אין א ווינקעל.

אין דעם פערלויף פון דער גאנצער פערצווייפעלטער סצענע, וואס זיא האט צוגעזעהן, האט זיך ביי איהר ניט גערירט קיין מוסקעל ניט אין געזיכט און ניט אין קערפער. זיא איז דיא גאנצע צייט געשטאנען אויסגעצויגען און שטייף און האט זיך פערגעניגט פון דיזע טרערען און בליטען. מאגדאלענ'ס געשטענדניס האט פאר איהר געעפענט א גאנצע וועלט פון באנגערען, חרטה, פרייד און לייד. זיא האט צו זיך געזאגט, אז דיא מענשען, וואס שפיעלען זיך מיט פייער, פערדינען כשר. אז זיי זאלען זיך אויביג בראטען אין פייער. איהר שרעק איז געוועזען פערמישט מיט א געוויסער נייגירדע, דיא נייגירדע פון א פרוי, וואס איז געעלטערט געווארען אין דיא צרות פון לעבען, אהנע צו פערזוכען דיא פרייד פון דעם לעבען. פיליכט האט זיא א קורצע ווייל מקנא געוועזען מאגדאלענען דיא ביטערע פערגעניגענס פון זינד און דיא העלישע פייערען, וואס האבען געברענט אין מאגדאלענ'ס ברוסט. אזוי! הייסט עס, אז זיא האט געהאט רעכט, ווען זיא האט געדענקט, אז דיזע בעשעפעניס איז געשיקט געווארען פון זיין שווארצע מאיעסטעט אליין. נאט האט איהר ערלויבט ארומצואוואנדערען איבער דער ערד און צו זוכען אומצוברענגען נשמות זיא האט געקוקט אויף איהר, וויא זיא האט זיך געקרימט אויפן באדען, וויא זיא וואלט געקוקט אויף א שלאנג, וואס קריכט אין שטויב אויפ'ן גרויסען וועג. דיא טרערען, וואס זיא האט פערגאסען, זיינען געוועזען נאך דער מיינונג פון דער אלטער פרוי, טרערען פון צארן, פאר וואס מען האט פון איהר אראבגעריסען דיא מאסקע.

„אויסגעלאסענע! פערפיהרערקע!" האט זיא געמורמעלט, זעהענדיג דעם וואלד בראנזענע האר, וואס האט זיך צולאזט איבער איהר קערפער.

ווען מאגדאלען איז צוגעקומען צו דער טהיר איז זשענעוויוו געשווינד אבגעשפרונגען אהינטער, אום זיא זאל איהר ניט בעריהרען.

— „אויסגעלאסענע!" האט זיא דורכגעזייט דורך איהרע צייהנער. דער גהנום האט דיך ארויסגעשפייט, אום דוא זאלסט פערפיהרען דעם היילינגען מיט דיינע רויטע ליפען און ווייסע הויט. דוא ביזט שעהן און געזונד, ווייל דוא האסט זיך געהאדעוועט אויף בלוט, נאר דיך וועט איינגעהמען א מיתה משונה, און דוא וועסט בעגראבען ווערען אונטער א פליים.

נ ט מאגדאלען אין ניט ווילאם האבען געקענט הערן אלץ, וואס זיא האט

נעזאגט. זיי האבען נאר נעקענט כאפען א ווארט דא און דארטען און האבען גע־מיינט, אז דאס איז א געבעט צו פערטרייבען דיא ניט־גוטע, ווימענדיג, אז זיא גלויבט, אז דיא ניט־גוטע יאגען זיך דא ארום אין שלאס. דאך זיינען זיי געווען זעהר פערוואונדערט און בעאונרוהיגט, ווען זייא האבען זיא דא דערזעהן, דען זיי האבען געדענקט, אז אויסער זיי שלאפען ישוין אלע אין שלאס.

זיא האט מסתמא געהערט אלץ און וויליאם האט איהר געוואלט זאגען, אז דאס זאל בלייבען א סוד, א סעקרעט, ווען זיא איז צוגעקומען נעהענטער און האט נעזאגט מיט איהר געוואוינליכען שטייפען קול:

— וואס זאל איך זאגען דיין פריינד? זאל איך איהם דערצעהלען פון דיין שאנדע?

— זיי שטיל, משוגענע פרוי! האט וויליאם אויסגעשריען מיט כעס.

— זיא איז נערעכט, האט געזאגט מאנדאלען, מיר מוזען ערקלערען איהם דיא אורזאכע פון אונזער אבוועזענהיים.

— זיא קען זאגען, וואס זיא וויל, האט וויליאם געזאגט. איך וויים ניט וואס צו זאגען איהם און מיר ארט עס ניט. דוא קענסט זאגען, אז א פלעצליכער טוידט פון א קרוב האט אונז געצוואונגען צו פערלאזען דיא הויז אין מיטען נאכט.

זשענעוויוו האט אויף איהם א קוק געטהאן טרויעריג.

— יא, מיין קינד, איך וועל פאר דיר זאגען א ליגען, נאר מיין ליגען וועט דיך ניט אבראטעווען פון דיא יסורים, וואס דוא גרייטסט אן פאר זיך: גיב אכטונג דער גהינם עפענט זיין מויל אונטער דיינע פים. איך זעה דעם אבגרונד, און אויב דוא וועסט לעבען מיט דיזער פרוי, וועסטו נעווים געהן כף הקלע.

— שווייג! דוא ביזט פעררוקט! האט אויסגעשריען וויליאם.

מאנדאלען האט זיך א צאפעל געטהאן, בעגעגענדיג דיא פלאמענדע אויגען פון דער פאנאטישער פרוי?

— ניין, זיא איז ניט משוגע, האט מאנדאלען א מורמעל געטהאן און דיר וועט זיין אזוי וואויל, אז דוא וועסט פאלגען איהרע ווערטער. לאז מיר געהן אליין, וויליאם. דוא הערסט, וויא אין דרויסען בלאזט דער ווינד? דאס איז א ווארנונג פון גאט, אז דוא זאלסט ניט טהייכען מיין שאנדע. איך געה אליין.

— ניין, איך וועל דיר ניט לאזען געהן אליין, האט וויליאם געענטפערט מיט אן אונטערוואַרטעטע ענערגיע. אויב אונז איז בעשערט צו ליידען, וועלען מיר ליידען צוזאמען. נאר דיא האפנונג איז נאך ניט פערלארען און אונזער זינד וועט פערגע־בען ווערען.

דאן האט זיך פלוצים דערהערט זשענעוויוו'ס קול ווי א טוידטען-גלאָס:

— גאָט דער פאָטער פערגיט קיין מאל ניט קיין זינד!

דיזע ווערטער האבען פערפראָרען די מאַרך פון איהרע ביינער. זי האט שוין זיי געהערט פון זשענעוויוו'ס מויל פאר זשאק'ס אנקומען און זיי האבען דאַמאלס געקלונגען אין איהרע אויערען ווי א שלעכטע פראָפעצייאונג, ווי א שלעכטע נבואה און איצט ווען זי האט געזוכט רוה האבען זיי נאָך א ערגערען איינדרוק געמאכט אויף איהר. די כחות האבען איהר פערלאָזט און זי האט זיך אנגעשפּארט אן איהר מאנ'ס ארם.

— דו הערסט? האט זי קוים ארויסגערעדט, גאָט פערגיט קיין מאל ניט מיר וועלען אונזער שטראָף ניט אויסמיידען.

— הער ניט וואס דיזע פרוי רעדט, האט וויליאם געזאגט, אוועקפיהרענדיג איהר. זי רעדט פאלש, גאָט איז א גוטער און איז מוחל דיא, וואס טהוען תשובה.

זי האט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— קיין מאל ניט! האט זי געמורמעלט. קיין מאל ניט!

זיי זיינען ארויס פון הויז. זיי האבען קוים פערשטאנען, אז זייער אנטלויפען איז נארעש. נאר דער קלאפּ איז געוועזען אזוי אונערוואַרטעט, אז פון שרעק האבען זיי ניט געוואוסט וואס צו טהאָן און האבען געפאלגט דעם ערסטען געפיהל צו בעהאלטען זיך אזוי ווי פערוואונדעטע חיות. זיי זיינען ניט געוועזען פעהיג צו דענקען און האבען זייער הויז איבערגעלאזען פאר זשאק'ן און זיינען אליין אנטלאָפען.

X.

די נאכט איז געוועזען שווארץ ווי טינט. די קעלט איז ניט געוועזען אזוי גרויס, נאר עס איז געוועזען דעמפּיג און שניידענד. דער ווינד האט געבלאָזען און געפייפט צווישען די ביימער פון פּארק.

וויליאם און מאגדאלען זיינען געגאנגען האנד אין האנד אנטקעגען דעם ווינד ווען זיי זיינען ארויס פון צווישען די ביימער, האבען זיי זיך ביידע מיט א מאל אומגעקעהרט און א קוק געטהאָן אויפ'ן שלאס. זיי האבען ביידע געוואלט זיך איבערצייגען, אז די פענסטער פון זשאק'ס צימער איז פינסטער און אז ער שלאָפט שוין. זיי האבען נאר געזעהן די פינסטערניס פון דער נאכט. זיי האבען גוט געוואוסט דעם וועג צו זייער הייזעל, דאך האט זיי גענומען א גוטע האלבע שטונדע, ביז זיי האבען געמאכט די קורצע שטרעקע, אזוי פינסטער איז געוועזען, אויפ'ן וועג האט זיי אנגעכאפּט א רעגען און זיי זיינען דורכגעווייקט געווארען בּיזן

לייב און האבען געציטערט פון קעלט, ווען זיי זיינען ענדליך אנגעקומען אין זייער הייזעל.

זיי האבען מיט שוועריגקייטען אנגעצונדען א ליכט און זיינען ארויפגעגאנגען אויף דיא טרעפ. וואס האבען געפיהרט צו זייער שלאף־צימער, וואו זיי האבען שטענדיג געהאט אנגעגרייט האָלץ אין קאמין צו מאכען א פייער. ווען זיי האבען געעפענט דיא טהיר פון דיזען צימער, זיינען זיי געבליבען שטעהן פערוואונדערט. זיי האבען פערגעסען מיט א טאָג פריהער צו פערמאכען דיא פענסטער און דער רעגען האט יעדע זאך נאס געמאכט. דער ווינטער האט זיך פערקליבען אין זייער געליעבטער וואוינונג. דיא ווענד, דיא פאָטעלען, אפילו דאס האָלץ אין קאמין איז געווען דורכגענעצט.

וויליאם איז ארונטער אונטען און האט ארויפגעבראכט טרוקענע האָלץ, און ווען דאס פייער האט אנגעהויבען צו קנאקען אין קאמין, האבען דיא אנטלאפענע געדענקט, אז זיי וועלען אויך אין גיכען צוריק געפינען זייער רוה.

אין שאפע זיינען שטענדיג געהאנגען קליידער און זיי האבען זיך איבערגע־טהאן און געזעצט זיך אנטקעגען פייער, נאר זיי האבען זיך נים געקענט ענטשלי־סען צו געהן אין בעט.

דער זייגער האט געשלאגען פיער.

— איך וועל שלאָפען אין דיזען פאָטעל, האט געזאגט וויליאם. דוא מוזט זיין זעהר מיעד, געה שלאָפען, מיין קינד.

זיא האט א שאָקעל געטהאן מיט'ן קאָפּ, און אין צימער איז ווידער שטיל געווארען.

דער שטורם אין דרויסען האט נים אויפגעהערט. דער ווינד האט געפייפט, וויא א ווילדע בעסטיע אין דיא פענסטער און אין קוימען. עס האט אויסגעוויזען אזוי וויא א גאנצע באנדע ווילדע וועלף האבען אטאקירט דאס הייזעל. נאך יעדער אטאקע, נאך יעדען אָנפאל האבען געציטערט דיא שוואכע ווענד פון דעם הייזעל. דאן איז געקומען דער רעגען און האט אביסעל איינגעשטילט דעם ווינד, קלאפענדיג אין דאך, וויא אין א פויק צו א בעגרעבענים־מארש.

מאגדאלען האט זיך פערוואונדערט ארומגעקוקט. איז דאס געווען זייער בעקוועמע בעהעלטנים, זייער טהייערע היים? עס האט זיי געשיינט, אז אפילו דאס מעבעל האט זיך אומגעביטען, אז דאס הייזעל אליין איז געווען עפעס אן אנ־דערע. וויליאם האט אמאל געזאגט, אז אויב זיי וועט טרעפען אן אונגליק, וועלען זיי זיך בעהאלטען אין דיזען הייזעל, נאר איצט ווען דאס אונגליק איז געקומען, און

זיי האבען אבגעזוכט דיזע בעהעלטניס, האבען זיי נאר געפונען דעם שאטען פון זייער ליעבע, און זיי זיינען געוועז צומישט, צוטהומעלט פון דעם געגענווערטיגען שרעק און פון א שארפע בענקעניס נאך דער טוידטער פערגאנגענהייט.

זיי זיינען געוועז צו פיעל אויסגעמאטערט גייסטיג און פהיזיש, אז זיי זאלען קענען אויסרעדען איין איינציג ווארט.

מאגדאלען האט זיך איינגעהילט אין איהר לאנגע שטובינע קלייד פון בלויען וואלל. דיא פלאמען האבען געווארפען א זעלטזאמע ליכט אויף איהר געזיכט, וואס איז טהייכוויז געוועז אין שאטען, און אויף איהרע האר, וואס זיינען דורכגע־נעצט און פערפלאנטעט געווארען אין רעגען און וואס זיינען געלעגען אין שווערע מאסען פוןביידע זייטען געזיכט. איהרע אויגען זיינען געוועזען פערוואלקענט און טרויעריג, איהרע ליפען בלייך און צוזאמענגעפרעסט.

וויליאם האט איהר אנגעקוקט מיט אן אונרוהיגען ערשטוינען. דיזע בעשע־פענים איז גאר ניט געוועז עהנליך צו יענער פרוי, וועלכע ער האט ליעב געהאט מיט אזא צוטרויען. ביז איצט איז איהם קיין מאל ניט אריין דער געדאנק, אז ער איז ניט אללעס פאר איהר, אז ער הערשט ניט מיט איהר גאנצען הארצען. איצט האט א שרעקליכער צווייפעל געזאגט זיין הארץ. פיליכט האט זיא דיא גאנצע צייט געטראכט פון יענע אלטע קוסען, וועלכע האבען נאך ניט צייט געהאט אב־צוקיהלען זיך? וויא אלע נערוועזע און איידעלע נאטורען איז געוועזען זעהר לייכט צו מאכען איהם אייפערזיכטיג. זיין פאנטאזיע האט איהם יעצט געמאלט שרעקליכע זאכען. אם מייסטען האט איהם ניט געלאזט רוהען דער געדאנק, וואס מאגדא־לענ'ס ערסטער געליעבטער איז געוועזען זשאק, זיין פריינד, זיין ברודער. דאס האט ביי איהם גערויבט דיא מעגליכקייט לאגיש צו דענקען. ער האט פערגעבען זשאק'ן נאר ער האט געטראכט פון איהם מיט שרעק, וויא פון א מענשען, וועלכער האט איהם ניט ווילענדיג געמאכט א טוידטליכע יואונד. ווענען מאגדאלען האט ער איצט גאר ניט געטראכט, זיא איז איצט געוועזען טוידט פאר איהם. אין קאפ האט זיך ביי איהם צופלאנטערט דיא ווירקליכקייט און איהם האט אויסגעוויזען, אז זיא איז זשאק'ס ווייב און ער האט אויף איהר קיין רעכט ניט.

איצט האט ער ניט וועמען ליעב צו האבען, זיין גליק איז צערשמעטערט געווארען. אלע ליידען פון זיין גאנץ לעבען האבען זיך צוריקגעקעהרט צו איהם. ער האט רערפיהלט זשענעוויווו'ס אטהעם איבער זיין וויגעל, ער האט זיך געזעהן אלס קינד, פערפאלגט פון אלעמען, מיט א צובראכענעם הארצען, ער האט זיך

דערמאנט אן דעם פאטער'ס זעלבסט־מארד. וויא אזוי האט ער דאס געקענט א מאל נארעש גלויבען, אז גאט קען צו איהם זיין בארעמהערציג?

דיא גאנצע צייט איז מאגדאלען געזעסען פערזונקען אין איהרע געדאנקען. ווילאם האט זיך געפרעגט, פון וואס קען זיא טראכטען. זעהר מעגליך, אז פון ושאקין און ער האט אומזיסט געזוכט צו כאפען עפעס אן אויסדרוק אויף איהר קאלטען געזיכט. נאר ער האט געהאט א טעות, מאגדאלען האט פון קיין זאך ניט געטראכט. זיא איז געווען האלב איינגעשלאפען מיט אפענע אויגען.

דער מאן און ווייב זיינען אזוי אבגעזעסען ביז עם האט אנגעהויבען צו טא־גען. זיי האבען ניט ארויסגערעדט קיין איינציג ווארט, דיא פענסטער האבען זיך בענאסען מיט א בלויע גראהקייט און דאס צימער האט זיך אנגעהויבען אנצופילען מיט א געלבען ליכט.

ווילאם איז צוגעגאנגען צום פענסטער. דער רעגען און ווינד האבען אויפגע־הערט, דיא לאנקעס זיינען געווען פערשוואומען מיט וואסער און דער הימעל האט געהאט א כמארען, בלאטיגען קאליר.

דיזע שטונדע איז אימער זעהר אומעדיג און איצט האט ער זיך געפיהלט נאך מעהר טרויעריג. ער איז געווען צובראכען קערפערליך און גייסטיג און א שווידער איז איהם איבערגעגאנגען איבער'ן לייב פון קעלט. מאגדאלען האט אויך געציטערט אזוי וויא ער און זיא איז אויך צוגעגאנגען צום פענסטער און האט גע־זאגט אין דער שטיל:

— וויא שמוציג עס זעהט איצט אויס!

— יא, דיא גאנצע נאכט האט גענאסען, האט ווילאם געענטפערט, אליין ניט וויסענדיג, וואס ער זאגט.

נאך א קורצען שטילשווייגען האט זיא ווידער געזאגט:

— דוא זעהסט, דער ווינד האט צובראכען דארטען דעם בוים און האט גע־מאכט א חורבן צווישען דיא שעהנע בלומען. עס זעהט אויס וויא א בית עולם.

— דאס האט דער רעגען געמאכט, האט ער געענטפערט.

זיי האבען אבגעלאזט דיא פארהאנגען, ווייל זיי האבען ניט געקענט ארי־בערטראגען דעם טרויעריגען אויסזעהן און זיינען צוריקגעגאנגען צום קאמין. קיין מאל האט דאס צימער ניט אויסגעזעהן אזוי אומעדיג וויא איצט. זיי האט פער־באפט ביים הארצען, ווייל זיי האבען אנגעהויבען צו פערשטעהן, אז דיא אומעדיג־קייט קומט ניט פון דעם בלייבען שיין פון דעם פריהמארגען. דיא מעלאנכאלישע

צוקוקט האט ביטער געמאכט די געגענווארט און פערגיפטעט די גאנצע זיס־ קייט פון זייער פערגאנגענהייט. יעדער פון זיי האט געזאגט צו זיך:

„מיר האבען געטהאן ניט גוט, וואס מיר זיינען געקומען אהער; מיר האבען געדארפט זוכען א בעהעלטניס ערגעץ אין א נייעז פלאץ, וואו דער גייסט פון אונ־ זער פריהערדיגער ליעבע זאל אונז ניט פערפאלגען אויף שריט און טריט. אויב דיזע שטונדען, וואו מיר זיצען איצט, זיינען ניט אזוי בעקוועם, ווי א מאל, איז דאס אונזער אייגענער שולד, ווייל מיר אליין זיינען געווארען פערפראדענע און יעדע זאך אין אונז איז קאלט און מוידמ".

איצט אבער איז דער נעבעל פערשוואונדען פון וויליאמ'ס אויגען און ער האט אנגעהויבען צו זעהן די זאכען ארום זיך, ווי זיי זיינען געווען אין דער ווירקליכקייט. די שלעכטע געדאנקען און קראנקע עדשיינונגען פון דער נאכט זיינען פערשוואונדען. מאגדאלען איז ווידער געווארען זיין ווייב, זיא האט איהם ליעב און ער איז געווען פערטיג צו קעמפפען מיט יעדען איינעם, וואס וועט איהר וועלען רויבען פון איהם, אום זיא זאל ניט בעלאנגען צו קיינעם אויסער צו איהם אליין.

עס איז קיין שום פראגע ניט, אז ער האט נאך געליטען, נאר דער ערסטער קלאפ איז שוין געווען פאראיבער, און מיט זיין לייכטען כאראקטער האט ער שוין אנגעהויבען צו דענקען, אז דאס איז גאר ניט אזוי שרעקליך, ווי איהם האט עס אויסגעוויזען.

נאר וואס אנבעלאנגט מאגדאלען, איז מיט איהר געווען אנדערש. זיא האט געפרובט נאך א מאל ארויסרופען איהרע האפנונגען, נאר איהר אנשטרענגונג איז געווען אומזיסט. דער שוואכער שמייכעל איהרער האט דערמאנט אן דעם שמיי־ כעל פון א שטערבענדער פרוי, וואס פיהלט שוין דעם קאלטען אטהעם פון דעם טוידט אויף איהר געזיכט.

זיי האבען פערבראכט א סהייל פון דעם פריהמארגען ביים קאמין און גע־ רעדט פון פערשיעדענע זאכען, אבער זיי האבען אויסגעמיידעט צו בעריהרען זייערע וואונדען, איבערלאזענדיג דאס אויף אן אנדער צייט. פלוצים איז וויליאמען אריין א געדאנק אין קאפ. כעצטען אבענד איז לוסי'ס אמע געקומען אין שלאס און האט געבעטען, מען זאל איהר לאזען נעהמען דאס קינד צו זיך אויף דער פארם, ווייל היינט וועט זיא באקען ברויט און דאס קינד האט זעהר ליעב צו צוקוקען זיך, ווי מען מאכט אויס דאס ברויט. וויליאם איז געווען זיכער, אז זיא איז נאך דארטען און איהם האט זיך שטארק פערגלוסט צו זעהן איהר און האלטען איהר נעבען זיך

און נעבען מאַנדאַלען. אין זיין פערצווייפלונג האט ער פערגעסען אן זיין קינד, און איצט האט ער זיך דערפרייט, דערמאנענדיג זיך אן דיזען לעבעדיגען בונד צווישען זיי ביידען. איז דאס ניט א בעשטעטיגונג, אז זייער בונד איז אן אייביגער? דעם קינד'ס שמייכעלע ועט פערטרייבען דעם וויהטאָג פון זייערע הערצער און ועט זיי איבערציינגען, אז קיין אירדישע מאכט קען זיי ניט שיידען.

— מאַנדאַלען, האט וויליאם געזאגט, דוא קענסט געהן אין דער פאַרם נאָך קוזיין. זיא וואלט געקענט פערברענגען דעם טאָג מיט אונז.

מאַנדאַלען האט פערשטאנען, וואס ער מיינט מיט דעם, זיא האט אויך פערגעסען אן דעם קינד און דער נאָמען פון איהר טאָכטער האט ביי איהר ערוועקט א פרייד אין הארצען.

— דוא ביזט גערעכט האט זיא געענטפערט. אויסער דעם קענען מיר דאָך ניט זיצען א גאנצען טאָג אהן עסען. מיר וועלען פריהשטאָקען מילך און אייער.

זיא האט זיך צולאכט, אזוי וויא עמיצער וואלט איהר פארגע'שלאגען צו געהן אויף א פיקניק.

„איך בין גערעטעט!" האט זיא געטראכט.

מיט צוויי מינוט שפעטער איז זיא שוין געוועזן איינגעוויקעלט אין א שאל און איז געשווינד געגאנגען צו דער פאַרם. וועהרענד איהר אבוועזענהייט, האט וויליאם צוגערוקט א קליין טישעל צום קאַמין און האט עס פערשפרייט מיט א ווייסע טישטוך. דיזע פארבערייטונגען צו א פריהשטאָק פאר צוויי'ען, האט איהם דערמאנט אן יענע גליקליכע טעג, ווען זיא האט דא געוואוינט און ער פלעגט קומען צו איהר צו גאסט. דאס צימער האט מיט א מאָל בעקומען זיין אמאליגען אויסזעהן; דא איז געוועזן ווארעם און בעקוועם און ער האט פערגעסען דיא בלאָטע אין דרויסען און האט צו זיך געזאגט, אז זיי וועלען פערברענגען אן אנגענעהמען טאָג. דיא גרויע וואָלקען האבען געהאט אין זיינע אויגען א בעזאנדערען רייץ.

מאַנדאַלען האט זיך געזאמט א היבשע צייט און ווען זיא האט זיך צוריקגעקעהרט, איז איהר וויליאם געגאנגען אנטקעגנע און האט איהר געהאלפען ארויפטראגען דאס קערבעלע מיט עסענוואַרג, וואס זיא האט געבראכט. דיא קליינע לוסי האט מיט זיך געטראגען א לעפעשקע (קאָרזש, קוכען), האלטענדיג שטייף מיט ביידע הענטלאך ביי דער ברוסט. לוסי איז אלט געוועזן דריי און האלב יאָהר און איז געוועזן גרויס פאר איהרע יאהרען. איהרע שטייפע, פולע גלידער האבען געוויזען אז זיא האט געגאסען פיעל פרייע לופט און איז פאלקאם געזונד. זיא איז געוועזן שעהן וויא איהר מוטער, איהר שמייכעל איז אויך געוועזן דער מוטער'ס און

האט אביסעל וויבער געמאכט איהר געזיכט, וואס האט אויסגעזעהן צו שטרענג פאר איהרע יאָהרען. זיא איז געוועזען זעהר קלוג און האט ניט אויפגעהערט צו רעדען, שטענדיג אזעלכע פראגען, וואס האבען זעהר אמוזירט דיא עלטערן.

ווען זיא האט דערזעהן דעם פאָטער, האט זיא צו איהם אויסגערופען:

— נעהם מיך אויף דיא הענד!

זיא האט קיין לוסט נעהאט צו פערלירען איהר קוכען און האט ניט גערוואגט ארויפצושטייגען אויף דיא טרעפ אהן דיא הילף פון דיא פארענצען. וויליאם האט איהר אויפגעהויבען אויפ'ן אקסעל און דיא בעריהרונג פון איהרע קליינע הענטלאך און זיינע האָר האט געוואָרעמט זיין הארצען.

— שטעל זיך פאָר, וויליאם, האט מאגדאלען געזאגט, ווען איך בין אנגעקומען אין פארק, איז נאך דיא קליינע פוילערקע געלעגען אין בעט. זיא האט זיך דארטען געקליבען בראָטען עפעל און זיא האט מיך געצוואונגען, איך זאל מיט זיך נעהמען צוויי עפעל און פערזיכערען איהר, אז דיא עפעל וועט מען קענען דא בראָטען.

— נאר בראָטען וועל איך זיי אליין, האט זיך לוסי ארייגעמישט. איך ווייס וויא צו טהאָן.

וויא נאר וויליאם האט איהר אראָבגעלאָזט אויפ'ן באָדען, איז לוסי גלייך צוגעלאָפען צו איהר מוטער'ס קעשענע, פון וואנען זיא האט ארויסגעשלעפט דיא צוויי עפעל. דאן האט זיא זיי אנגעשטאכען מיט'ן שפיץ פון א מעסער און איז צוגעגאנגען צום קאמין, האט זיך געשטעלט אויף דיא קניע אנטקעגען פייער מיט זעהר אן ערנסטען געזיכט. זיא האט אבגעשארט דיא אש און אנידערגעלעגט דיא עפעל אויף דיא ציגעל. האבענדיג גע'פטר'ט אזא וויכטיגע ארבייט, איז זיא אבגעטראטען אביסעל ווייטער פון אייוועז און האט ניט אראבגעלאזט דיא אויגען פון דעם עפעל, האלטענדיג איהר קוכען אויף דיא קניע.

וויליאם און מאגדאלען האבען איהר נאכגעקוקט מיט א שמייכעל. דיא וויכטיגע מינע פון א שטארק בעשעפטיגטע בעל הבית'טע, וואס זיא האט געמאכט, האט זיי שטארק אמוזירט. קוקענדיג אויף איהר, האבען זיי ווידער גענומען האָפען, אז זייער צוקונפט קען נאך זיין אונשולדיג און ריין. אין קינד איז געלעגען זייער גאנצע צוקונפטיגע גליק.

זיי האבען זיך געזעצט צום טיש און געגעסען מיט א גוטען אפעטיט. זיי האבען איצט געקריגען מוטה צו רעדען אפילו פון מאָרגען, פון זייער צוקונפט, פון דער צייט ווען זייער טאכטער וועט חתונה האבען און דיא עראינערונגען וועגען

ישאק'ן זיינען פערטריבען געווארען ביים ערשיינען פון דיזען קינד.

— דיינע עפעל ווערען פערברענט, האט מאנדאלען געזאגט מיט א געלעכטער.

— ניין, זיי וועלען ניט פערברענט ווערען, האט לוסי געענטפערט רוהיג. איך וועל איצט אנוואריעמען מיין קוכען.

ביי דיזע ווערטער האט זיא געווענדעט איהר געזיכט צו דער מוטער. איהר געזיכט האט אנגענומען אן ערנסטע און וויכטיגע מינע, און זיא האט אויסגעזעהן דערפון פיעל עלטער. ווען זיא האט ניט געשמייכעלט, האט זיא געהאלטען איהרע ליפען צוזאמענגעפרעסט, מיט אנגערוקטע ברעמען.

וויליאם האט פון איהר ניט אראבגעלאזט קיין אויג. פלוצים האט ער זיך א צאפעל געטאן און האט איהר אנגעהויבען צו בעטראכטען מיט א וואקסענדען שרעק.

— וואס איז דער מעהר? האט מאנדאלען געפרעגט אונרוהיג.

— גאר ניט, האט ער געענטפערט און האט ניט אראבגעלאזט די אויגען פון לוסין. אין דער זעלבער צייט האט ער א רוק געטהאן דעם שטוהל אהינטער אזוי וויא ער וואלט וועלען אנטלויפען פון א בייזע ערשיינונג.

זיין געזיכט האט אויסגעדרוקט א טיעפען ליידען. ער האט געמאכט א קליינע מעכאנישע בעוועגונג מיט דער האנד, אזוי וויא ער וואלט וועלען אוועק טרייבען דאס קינד.

מאנדאלען איז א דערשראקענע געווארען פון זיין בלייכקייט און האט ניט פערשטאנען, וואס אזוינס אין איהם פלוצים געשעהן. זיא איז צו איהם צוגעגאנגען און אנידערגעזעצט זיך אויפ'ן הענטעל פון זיין פאטעל.

— זאג מיר, האט זיא געפרעגט אונרוהיג, וואס איז דיר פלוצים געווארען? ערסט מיט א מינוט פריהער האבען מיר ביידע געלאכט און איך האב שוין אנגעהויבען צו גלויבען, אז פאר אינז הויבט זיך אן א נייע לעבען. זאג מיר איך בעט דיך, וואס פאר א שלעכטער געדאנק איז דיר אריין אין קאפ. זאג, איך וועל דיך אויסהיילען, דוא מוזט זיין גליקליך.

ער האט א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ און האט געציטערט מיט אלע גלידער.

— גיב א קוק אויף לוסין, האט ער געזאגט מיט א שטילען און הייזעריגען מורמעל, וויא מורא האבענדיג, אז עמיצער זאל איהם ניט הערען.

דאס קינד איז נאך אלץ געזעסען אויף דער ערד און האט געהאלטען, דעם פובען אויף א גאפעל אנטקעגען פייער אזוי נאהענט, וויא דיא היץ און איהר קורצע

הענט'ל האט ערלויבט. איהרע ליפען זיינען געווען צוזאמענגעפרעסט און איהרע ברעמען צוזאמענגעצויגען.

— אלזא? האט געזאגט מאגדאלען.

— זעהסטו דען נים? האט וויליאם געענטפערט מיט א טאָן, וואס איז אלץ געווארען אונרוהיגער.

— איך זעה גאר נים.

וויליאם האט בעהאלטען זיין געזיכט אין דיא הענד און האט אויסגעשריען מיט פלעצליכען וויהטאג;

— קענסטו דען נים זעהן איהר עהנליכקייט אויף זשאק'ן?

מאגדאלען האט זיך א צאפעל געטהאן. איהרע אויפגעריסענע אויגען זיינען צוגעשמידט צו לוסי'ס געזיכט און האבען געבליצט מיט א ווילדע אונרוהיגקייט.

וויליאם איז געווען געברכעט. לוסי איז געווען עהנליך צו זשאק'ן, דיא עהנליכקייט האט זיך שרעקליך געווארפען אין דיא אויגען. איבערהויפט דאמאלס, ווען זיא האט צוגעצויגען איהרע ברעמען. דאך האט מאגדאלען נים געוואלט עס צוגעבען וויליאמען.

— דוא האסט א טעות, האט זיא געענטפערט. לוסי איז זעהר עהנליך צו מיר. וויא וואלטען מיר דאס פריהער נים בעמערקט, ווען אזא עהנליכקייט וואלט עקזעסטירט?

זיא האט נים אנגערופען זשאק'ן מיט'ן נאמען, זיא האט עס נים געקענט ברענגען פאר איהרע ליפען, נאר זיא האט געציטערט פון קאפ ביז דיא פיס

— ניין, איך האב קיין טעות נים, האט וויליאם זיך אנגערופען, און דוא זעהסט עס אזוי גוט, וויא איך. און ווען זיא וועט עלטער ווערען וועט זיא זיין א לעבעדיגער בילד פון איהם. איך האב קיין מאל נים געזעהן, אז זיא זאל אזוי צו־זאמענדריקען דיא ברעמען. גאט אין הימעל! ווער איך נים פערריררט?

ער האט זיך אנגעבאפט מיטביידע הענד פאר'ן צאפ. גרויסע טראפען שוויים זיינען ארויסגעטראטען אויפ'ן שטערן. מאגדאלען האט נים געוואגט ארויס־רעדען א ווארט. זיא איז נאך אלץ געזעסען אנגעשפארט אויף דיין אקסעל און האט דיא אויגען נים אראבגענומען פון לוסין. דאס קינד איז נאך אלץ געווען פערנומען מיט איהר ארבייט ביים פייער, דיא עפעל האבען זיך פיין געבראטען און דער קוכען האט בעקומען א פיינעם ברוינעם קאליר.

— דוא האסט געליעבט יענעם מאן דיא גאנצע צייט, האט וויליאם געזאגט.

— ניין, ניין ? האט מאנדאלען אויסגעשריען. מאך מיך ניט ערגער, וויא איך בין.

— לוסי איז עהנליך צו איהם, האט ער געענטפערט אהן רחמנות.

— ווייה איז מיר ! האט מאנדאלען אויסגעשריען, פערברעכענדיג מיט דיא הענד. וואס פאר א ביטערער מזל מיינער איז ! יעדע זאך האט זיך וויא אנגערעדט צו רואינירען מיך.

נאר אומזיסט איז געווען איהר שווערען. זיא האט געזעהן מיט פערצווייפ־לונג, אז זיא וועט איהם קיין מאָל ניט קענען איבערציינען אין דער װארהייט פון איהרע ווערטער. ער האט בעשולדיגט אפילו איהרע געדאנקען, און איהר איינציגע פערטהיידיגונג געגען דיזע אלע בעשולדיגונגען האבען נאר געקענט זיין שבועות און ווערטער.

א פאר מינוט זיינען זיי ביידע געזעסען שטיל.

— מיינע עפעל זיינען פערטיג ! מיינע עפעל זיינען פערטיג ! האט לוסי אויסגעשריען אויסער זיך פאר פרייד.

זיא איז געזעסען א פאר מינוט און האט בעטראכט איהרע עפעל און איהר קוכען, דאן איז זיא אויפגעשפרונגען און האט אנגעהויבען צו פאטשען מיט דיא הענטלאך פאר פרייד. זיא האט ארונטערגענומען א טעלער פון טיש און האט געוואלט ארויפלייגען אויף איהם דיא עפעל, נאר זיי זיינען געווען צו הייס, און זיא זיך צוריק געמוזט זעצען אופ׳ן טעפפיך און עססען זיי מיט דיא אויגען, בעריהרענ־דיג זיי פון צייט צו צייט מיט׳ן שפיץ פון איהר פינגער. ווען דיא עפעל האבען זיך ענדליך אביסעל אבגעקיהלט, איז ביי איהר געווארען א קאמפף צווישען דעם לוסט צו נאשען און: ליעבע צו דיא עלטערן. ענדליך האט דאס לעצטע געפיהל נאזיעגט און זיא איז צוגעלאָפען מיט׳ן טעלער צום פאטער.

— ווילסטו אן עפעל, פאפא ? האט זיא געפרעגט מיט א ניט שטייפען קול, אין וועלכען עס האט זיך וויא געהערט א געבעט, אז ער זאל זיך אבזאגען פון דעם כבוד.

דיא גאנצע צייט וואס זיא איז געווען בעשעפטיגט ביים פייער מיט א מינע פון א פערשמאיעטע בעל הבית׳טע, האט זיא איין מאל ניט א קוק געטהאָן אין איהר פאטער׳ס זייט. נאר ווען זיא האט איהם איצט דערזעהן, וויא ער שאָקעלט זיך אין זיין פאָטעל, מיט דיא הענד פערשטעלט איבער׳ן געזיכט, האט זיא דיא עפעל אנידערגעשטעלט אויפ׳ן באדען און האט אנגעשפארט ביידע הענד אן זיינע קניע.

— וואס וויינסטו? האט זיא געזאגט. ביזטו געווען שלעכט?

זיא האט זיך געשטעלט אויף דיא שפּיץ פינגער, מאטערענדיג זיך צודערג־רייכען דעם פּאַטער'ס געזיכט. דיא פערזארגטקייט פון איהר פּאַטער און מוטער האט איהר האלב דערשראקען און זיא האט ניט געוואוסט, וואס זיא זאל טהאָן, צו זאל זיא לאכען, צו זאל זיא וויינען.

א מינוט איז זיא געשטאנען שטיל, איהר קינדערש פּנימעל האט אויסגעד־ריקט מיטלייד אין אלע איהרע ציענע. ענדליך האט זיא אויסגעשטרעקטביידע הענטלאך און האט געזאגט:

— נעהם מיך, טהייערער.

מיט'ן וואָרט „טהייערער" האט זיא שטענדיג אדרעסירט דעם פּאטער, און ביי דיזען וואָרט האט ער איצט אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

„וויא עהנליך זיא איז צו זשאק'ן!"

ער האט געפיהלט, וויא איהרע הענטלאך ברענען זיינע קניע; ער האט גע־וואלט, אז זיא זאל אוועקגעהן, ווייל ער האט לעננער ניט געקענט אריבערטראָגען איהר אנוועזענהייט. נאר דיא קליינע לוסי האט געהאט איהר אייגענעם פּראָיעקט; יא האט געוואלט ארומנעהמען איהם ארום האלז און טרייסטען איהם. אויסער דעם, איז זיא שוין איצט געווען צושראקען אין דערווירקליכקייט, און האט גע־וואלט, אז ער זאל איהר נעהמען אויף דיא הענד.

— נעהם מיך, טהייערער! נעהם מיך, טהייערער! האט זיא געבעטען.

נאר זעהענדיג, אז ער ריהרט זיך ניט, האט זיא עס אליין געוואלט טהאן און האט זיך אנגעשפּארט מיט ביידע עלענבויגענס אן איהם, אום ארויפצוקריכען צו איהם אויף דיא קניע. נאר וויליאם האט לעננער ניט געקענט אויסהאלטען און האט איהר א שטופּ געטהאָן פון זיך אזוי שטארק, אז זיא האט א פאל געטהאן אן דער ערד און אבגעקלאפּט זיך מיט'ן רוקען אן באָדען.

אנפאנגס האט זיא ניט געוויינט: זיא איז געווען צו פערוואונדערט, און איז געבליבען ליגען אויפ'ן באָדען מיט'ן געזיכט ארויף, דיא ליפּען צוזאמענגעפּרעסט און דיא ברעמען אנגערוקט, וואס האט איהר געמאכט אזוי עהנליך צו זשאק'ן.

מאנדאלען איז צו איהר צוגעלאָפען און האט דערזעהן, אז נאך איין האר האט זיא געקענט אבשלאגען זיך אן טיש און צושפּאלטען דעם קאָפּ.

— אה, וויליאם! דוא ביזט גרויזאם! שלאג מיך, אויב דוא ווילסט, נאר ווי גוט צו דיזער קליינער בעשעפענים.

זיא האט אויפגעהויבען לוסי'ן, האט איהר צוגעדריקט צום הארצען, און דאס

קינד האט זיך שטארק צואויינט. זיא איז ניט געווען בעשעדיגט, נאָר עס איז געווען גענוג ארויסצואווייזען איהר מיטלייד, אז זיא זאל קענען פערגיסען טייכען טרערען.

מאַנדאַלען האט איהר געקוסט און געהאלזט און האט איהר געטרייסט, אז זיא איז ניט בעשעדיגט און האט איהר געזוכט איינצונעהמען מיט אלערליי צערטליכקייט.

וויליאם איז געווען דערשראָקען פון שאנדע פאר זיין ברוטאַלימעט.

„איז דאס מעגליך, אז ער איז אזוי נידריג געפאלען! ער איז גרויזאם צו קינדער, ער איז ברוטאל צו זיין אייגען פלייש און בלוט" האט ער געטראַכט. ער האט אַ ציטער געטהאן, דערזעהענדיג, וויא נאהענט לוסי'ס קעפּעל איז געווען צום טיש און האט זיך גערופען „מערדער". דאָך האט איהם שטארק אויפגעבראכט ווען ער האט געזעהן, וויא מאַנדאַלען גלעט און קוסט דאס קינד. ער האט זיך געפרעגט, צו מאַנדאַלען דענקט פון דער עהנליכקייט ווערהרענד זיא קוסט דאס קינד. אין גאנצען צובראָכען פון דיזען לעצטען געדאנק, איז ער שאָקלענדיג זיך צו־געגאנגען צום בעט, האט זיך אַ וואָרף געטהאָן אין בעט און איז ענדליך איינגעשלאָפען.

ווען ער האט זיך אויפגעכאפּט איז שוין געווען נאכט. דיא ערסטע פאר סע־קונדען האט ער ניט פערשטאנען דיא בעדייטונג פון דער שוואכקייט, וואס ער האט געפיהלט אין קאָפּ און אין אלע גליעדער, נאר באלד האט ער זיך דערמאנט און זיינע ליידען האבען זיך איהם צוריקגעקעהרט אין אן אנדער פאָרם. דער שאר־פער וויהטאג איז אריבער און איצט האט ער געפיהלט א טעמפּע פערצווייפלונג. אין צימער איז קיין ליכט ניט געווען אנגעצונדען, נאר דער פייער פון אייוועז האט געוואָרפען א ליכט אויף'ן צימער. ער האט געזעהן, וויא מאַנדאַלען זיצט אנגעבויר־גען אין א גרויסען שטוהל און קוקט מיט גרויסע, אויסגעשטעלטע אויגען אויף'ן פייער. לוסי האט זיך אין צימער ניט געזעהן, דיא מוטער האט איהר צוריק אבגע־פיהרט אין פארם, נאר וויליאם האט ניט געפרעגט, וואו זיא איז, ער האט גע־שיינט צו פערגעסען אין גאנצען אן זיין עקזיסטענץ.

— וויא שפּעט איז עס?

— אכט א זייגער, האט מאַנדאַלען געענטפערט מיט א רוהיגען קול.

א וויילע איז געווען שטיל.

— ביזטו געשלאָפען, האט וויליאם ווידער געפרעגט.

— א וויילע.

סאנדראלען האט געשלאפען פּילייכט א מינוט פינף. זיא האט אין גאנצען פערלארען דעם מוטה. זיא האט איינגעזעהן, אז עס איז אומזיסט צו פיהרען א סאמפּף געגען דעם שיקזאל.

— איך קען זיך נאר נעהמען דאס לעבען, האט זיא ווידער און אבער געזאגט צו זיך און האט געפונען א טרייסט אין דעם.

וויליאם איז צוגעגאנגען צום פענסטער. דער שטורם איז אריבער. זשאק איז שוין ווארשיינליך אוועקגעפאהרען, ווייל דער אונטערסטער שטאק איז געווען בעלויכטען.

ער האט זיך אבגעקעהרט פון פענסטער און איז צוגעגאנגען צו זיין ווייב, וועלכע איז נאך אלץ געזעסען אנטקעגען דעם פייער פון קאמין, א ווייל האט ער זיך געשלאגען מיט דער דעה און דאן האט ער געזאגט קורץ:

— מיר פאהרען אב נאך פאריז אויף א מאָנאט.

איהר האט דאס גאר ניט געוואונדערט, זיא האט אפילו קיין קוק ניט געטהאן אויף איהם.

— אין א שטונדע ארום פאהרען מיר ארויס, האט ער ווידער געזאגט.

— גוט, האט זיא געענטפערט.

וואס מאכט איהר אויס, צו זיי וועלען פאהרען אין פאריז אדער צו זיי וועלען פערבלייבען אין וועטייל? וועט איהר וואונדען ניט בלוטען, וואו זיי וועלען זיין? זיא האט פערשטאנען, אז וויליאם זוכט אויסצומיידען א בעגעגעניס מיט לוסי'ן פאר א געוויסע צייט, און זיא האט געטראכט, אז ער איז גערעכט.

ווען דער מאן און ווייב האבען פערמאכט דיא טהיר פון זייער קליין הייזעל, האבען זיי דאס געטהאן ניט אהן א וויהטאג אין הארצען. זיי זיינען נאך דעם ערסטען קלאפּ געלאפען אהער צו זוכען דיא רוה פון אמאָליגע טעג און זיינען איצט פון דאנען ארויסגעגאנגען נאך מעהר דערשלאגען און מיט א גרעסערע פערצווייפלונג וויא פריהער. אלע עראינערונגען פון דיא גליקליכע טעג זיינען איצט פערפלעקט געווארען און זיי וועלען שוין מעהר דא ניט פערברענגען קיין גליקליכען טאג. און זיי האבען זיך ווידער געפרעגט פון וואנען האט זיך דאס גענומען דאס אונגליק אויף זייער קאפּ?

אין שלאָס האבען זיי אויסגעפונען, אז זשאק איז אבגעפאהרען ערסט מיט א האלבע שטונדע צוריק. זיי האבען צוגעביסען אין גרויס איילעניש. דיא געריכטען, וואס מען האט זיי דערלאנגט זיינען צוריק אראבגענומען געווארען פון טיש ניט גערירט. זשענעוויוו האט גאר ניט גערעדט, זיא האט נאר געקוקט אויף סאנדראלען

מיט א שטרענגען בליק. ארום ניין אזייגער האט ווליאם געהייסען שפאנען א קאַרעטע. מיט'ן אייזענבאהן האבען זיי שוין ניט געקענט פאָהרען, ווייל עס איז שווער געווען צו שפּעט און אין קאָפּ איז איהם איינגעפאַלען צו פאהרען אין פּאריז א קארעטע, דענקענדיג, אז דער איינזאמער וועג וועט אביסעל אפּקיהלען זייערע געפיהלען. אין א פּאר מינוט ארום זיינען זיי שוין געווען אין וועג, וואס האט געפיהרט נאך נאַנטעס.

XI.

עס איז געווען זעהר קאַלט. דער ווינד האט פערטריבען די וואלקענס און עס האט אנגעהויבען צו פרירען. די לבנה איז געווען א קיילעכדיגע און האט בעלויכטען דעם הימעל מיט א בלוילּיכע שאַטירונג, וויא פון פּאַלירטען שטאהל. די פּעלדער האבען זיך געצויגען ווייט, ווייט צום האָריזאָנט און יעדע זאַך האט זיך קלאָר ארויסגעזעהן.

די קארעטע האט געהאט פּלאַץ פּאר צוויי מענשען, זיא איז געווען מיט א לעדערנע ביידי'ל: וואס מען האט געקענט אויפשטעלען. ער האט איהר געקויפט ספּעציעל פּאר מאַגדאלען, אום צו פאהרען איבערן לאנד, און פיעל גליקליכע שפּאַצירם האבען זיי געמאכט אין דיזער קארעטע! איצט אבער האבען זיך די רעדער געקייקעלט מיט א מאָנאָטאָנע, אונפאַרעמדרינגע בעוועגונג און דאס פּאר פאָלק אין קארעטע האבען געהערט, וויא דאס פערד האט געקלאַפּט מיט די אייזערנע פּאָד'ן קאָוועס (הופאייזענס) איבער דער איינגעפראָרענער ערד. די לאַנטערנעס פון ביידע זייטען קארעטע האבען געוואָרפען א געלבע ליכט.

ווליאם און מאגדאלען האבען פערדעקט די פים ביז איבער די קניע מיט א גרויער דעקע. פון ציים צו ציים האט ער ארויסגערעדט א וואָרט צום פערד, וועהרענד מאַגדאלען איז געזעסען איינגעוויקעלט אין פּעלץ, מיט די הענד אונטער דער דעק און האט געשיינט צו שלאפען. נאר זיא איז ניט געשלאפען און האט איבערגעטראכט אלץ, וואס האט פּאסירט מיט זיי דעם לעצטען טאג און נאכט. פון וואנען האט זיך דאס צו איהר גענומען אזא שוואַכקייט! ווען זיא וואלט נור בעדענקט, וואס זיא טהוט, וואלט אלץ געווארען רעכט. נאר זיא האט פערלארען דעם קאָפּ.

געוויס איז זשאק געווען די אורזאכע, פאר וואס זיא האט זיך אזוי פערלאָרען, נאר זיא האט זשאק'ן ניט ליעב און זיא האט ניט געקענט פערשטעהן, פּאר וואס דאס זיין ערשיינען געמאכט אויף איהר אזא איינדרוק.

פּצענדיג אנגעשפּארט מיט'ן רוקען אין דער קארעטע. האט זיא לאנג ניט געקענט טראכטען איבער דיא פּראגען. זיא איז געוועזען צו אויסגעמאטערט. אויב אין קאפּ ביי איהר האבען זיך געדרעהט דיא פּראגען, איז דאס געוועזען ווייל זיא האט זיך ניט געקענט העלפען, און זיי זיינען אליין געקראכען אין מארך. זיא וואלט פיליכט איינגעשלאפען ווען דיא קעלט וואלט איהר ניט געביסען און געזיכט. זיא האט זיך איצט געפיהלט אביסעל רוהיגער.

וויליאם האט געדענקט, אז זיא שלאפט. ער איז געוועזען צופריעדען, וואס דיא קאלטע לופט פערטרייבט אביסעל זיין פיבערישע היץ. ער האט געטראכט פון דעם, וואס זשאק האט איהם געבראכט: געזאגט. אז זיין חתונה איז געווסן א פעהלער. נאר אין דער ווירקליכקייט האט איהם זיין חתונה ניט באנג געטהאן, אפילו איצט ניט. דיא איינציגע זאך, וואס ער האט בערייעט, איז געוועזען, פאר וואס האט ער זיך ניט ארויסגעוויזען מעהר צערטליך, מעהר פריינדליך צו זיין וויב אין דיא לעצטע ביטערע שטונדען: בּיסלאבּוויז האט זיך זיין צוואווייהטאגטע הארץ בערוהיגט. נייע האפנונגען האבען זיך דארטען געגומען שטויסען. ער וועט אבזוכען ערגעץ א שטי־לען איינזאמען ארט און וועט דארטען לעבען מיט זיין וויב אין רוה.

זיין דורשט נאך רוה איז שארפער געווארען און זיין ענטשלאסענהייט איינ־צוהאלטען מאגדאלען פאר זיך, איז געווארען אזוי גרויס, אז ער איז געוועזען פעהיג צו בּעגעהן יעדע נארעשקייט.

דיא רייזענדער זיינען שוין געוועזען ניט ווייט פון נאנטעס. ווען זיי זיינען פער־ביינעפאהרען א הויז, וואס איז געשטאנען כמעט אויפ'ן וועג, האט א הונד א ביל געטהאן זעהר מעלאנכאליש. מאגדאלען האט זיך א צאפּעל געטהאן.

— דוא ביזט געשלאפען? האט וויליאם געפרעגט.

—יא, האט זיא געענטפערט, ווייל זיא האט געזעהן, אז איהר לאנגער שטיל־שווייגען איז געווארען אויפפאלענד אין וויליאמס אויגען. איך האב געדרעמעלט און דער הונד האט מיך אויפגעוועקט. וויא זיינען מיר איצט?

ער האט אנגעצייגט אויף דיא דעבער, וואס זיינען געוועזען בעלויכטען פון דעם שיין פון דער לבנה און האט געזאגט:

— דאס איז נאנטעס.

ער האט א טרייב געטהאן דאס פערד. אין דיזען מאמענט איז א פרוי ארויפגעלאפען אויפ'ן וועג און האט זיך געגומען יאגען נאך דער קארעטע. ווען זיא האט דיא קארעטע אנגעיאגט, האט זיא זיך אנגעכאפּט אן א לאנטערנע און אי־

עלאפען פאזע וואָגען. זיא האט עפעס געזאגט, נאר דער געריש פון דיא רעדער האט פערטויבט איהרע ווערטער.

— דאס מוז זיין א בעטלערין, האט מאנדאלען געזאגט, ארויסקוקענדיג פון דער קארעטע, ווערענד וויליאם האט איהר א ווארף געטהאן א פינף פראנק שטיק. דיא פרוי האט דאס געלד א כאפּ געטהאָן, אבער זיא האט ניט אויפגע־הערט נאכצולויפען נאך דער קארעטע.

ווען מאנדאלען האט זיך ארויסגעבויגען פון דער קארעטע האט דיא פרוי געזעהן איהר געזיכט און האט ארויסגעלאזט א פערשטיקטען געשריי. זיא האט אויף איהר נאך אלץ געקוקט מיט זעלטזאמע דורכדרינגליכקייט.

— אוועק פון דאנען! האט וויליאם אויסגעשריען זעהענדיג, וויא מאנדאלען שוידערט אונטער דיא שארפע בליקע! פון דער בעטלערין.

— ווען דיא בעטלערין האט אבגעלאזט דיא קארעטע, האט ער זיך געווענדעט צו מאנדאלען און האט איהר גענומען בערוהיגען.

— אה, איך בין ניט צושראָקען, האט מאנדאלען געזאגט, ציטערנדיג פון קאָפּ ביז דיא פיס. נאר פאר וואס האט זיא אזוי געקוקט אויף מיך? דאס טיכעל האט אוהר פערדעקט א האלבע געזיכט און איך האב איהר גוט ניט געקענט זעהן. זיא איז געוועזן אן אלטע, ניט אמת?

—יא, האט וויליאם געענטפערט. זיא איז געוועזן אן אלטע און איז ווארשיינ־ליך דיא זעלבע פרוי, פון וועלכע איך האב שוין געהערט. זיא איז אוועק אין פאריז זיינענדיג נאך א יונג מיידעל און איז אראָבגעקומען צוריק אהער האלב משוגע.

— וויא אלט האט זיא געקענט זיין?

— איך קען דיר ריכטיג ניט זאָגען. דוא דענקסט, אז זיא האט אונז דער־קענט? זיא האט נאר געוואלט א נדבה.

מאנדאלען האט ניט געענטפערט. זיא האט געפיהלט אן אונרוהיגקייט פון דער בעטלערקעס זעלטזאמען בליק און האט זיך ניט געקענט בעפרייען פון דעם איינדרוק. זיא האט ארויסגעקוקט פון דער קארעטע און האט געזעהן, אז דיא בעטלערין לויפט זיי נאך. דאס האט אויף איהר אנגעווארפען א שרעק, נאר זיא האט מורא געהאט צו זאָגען עפעס וועגען דעם צו איהר מאן. דיא קארעטע איז איצט געפלויגען איבער דיא גאסען פון נאנטעס, וויליאמען איז איצט איינגעפאלען אין קאָפּ, אז עס וועט זיין בעסער איבערצונעכטיגען דיא נאכט אין נאנטעס, ווייל דער זייגער איז נאך ערסט עלף און אין פאריז וועלען זיי ניט אנקומען ביז אין דער פריה. דיא לאנגע רייזע האט איהם אביסעל אבגעמאטערט. אויסער דעם, האט

ער געוואלט אבשטעלען זיך מיט מאנדאלען אין א פלאץ, וואו די זיינע נאך קיין מאל ניט געווען, אום קיינע בעקאנטע עראינערונגען פון דער פערגאנגענהייט זאלען ניט שטערן זייער רוה. זיי וועלען זיך אבשטעלען ביי דער ערסטער איינפאהר הויז און נעהמען א צימער, וואס זיי האבען נאך קיין מאל ניט געזעהן. פיללייכט וועלען דיא טרוימען פון דער פערגאנגענהייט אויפהערען נאכצויאגען זיי.

— וואלט ניט געווען בעסער אבצושטעלען זיך דא און איבערנעכטיגען דיא נאכט, האט וויליאם געפרעגט. דוא מוזט זיין זעהר מיעד, און אין דער פריה וועלען מיר ארויספאהרען אין פאריז.

זיא האט זיך צוגעהערט מיט אן איינגעהאלטענעם אטהעם צו דער בעטלערינ'ס ליפען און איז גערן איינגעגאנגען אויף וויליאמ'ס פארשלאג.

— יא, האט זיא געענטפערט, לאמיר בלייבען נעכטיגען דא, איך בין זעהר שלעפעריג.

וויליאם האט א ווייל געטראכט און האט זיך דערמאנט, אז אין עק שטאדט געפינט זיך א גרויסער איינפאהר־הויז, וואו זיי וועלען זיכער געפינען א צימער. דיזע איינפאהר־הויז האט געהאט א מאל א גרויסען נאמען ביי דיא רייזענדער, איידער דער אייזענבאהן איז געבויט געווארען און איז אין דיא גוטע יאהרען געווען געפאקט מיט אורחים. איצט אבער איז זיא דאס רוב געווען לעדיג, ווייל דיא רייזענדער, דיא שטענדיגע אורחים פון דער איינפאהר־הויז, זיינען איצט פערפאהרען אין א האטעל, וואס איז אויסגעבויט געווארען נעבען וואקזאל אויף א פאריזער אופן מיט גרויסע שפיגלען און זיינערס. וויליאמען אבער איז מעהר געפעלען געווען דיא אלטע איינפאהר־הויז און ער איז פערפאהרען אהין. א גארסאן, א משרת, האט פאר איהם געעפענט דעם טהויער און וויליאם איז ארויסגעשפרונגען פון דער קארעטע און האט אליין ארייגעפיהרט דיא פערד אין הויף. דער גארסאן איז אוועק נאך א ליכט און נאך א שליסעל פון א צימער, און מאגדאלען איז ארויס פון דער קארעטע, זיינענדיג שוין אין הויף. זיא האט א קוק געטהאן ארום זיך און איהר האט אויסגעוויזען; אז זיא האט שוין געזעהן דעם פלאץ פריהער. יא, דער פלאץ קומט איהר אויס וויא בעקאנט. דיא שטיינ פאר טייבעלאך, געפארבט אין רויטען, נעבען וועלכע זיא איז איצט געשטאנען, האט זיא שוין א מאל געזעהן. נאר איהר מיעדינקייט און איהר צושראקענהייט האבען פערטומעלט איהר געדעכטניס. דיזע שווארצע וואנד פון דער הויז, וואס זיינען איצט געווען בעלויכטען פון דער לבנה, האבען איהר געשיינט פרעמד און זעלטזאם טרויעריג. נאך אלעמען האט איהר אויסגעוויזען בעקאנט בלויז דיא טהירעל פון דער טויבען־שטיינ און זיא האט

וטנגען דעם געקענט טראכטען בלויז איין מינוט, ביז דער דיענער האט זיך צוריק געקעהרט מיט א ליכט, און דאן האט זיא וועגען דעם מעהר ניט געדענקט.

דער דיענער האט זיי גענומען פיהרען צו זייער צימער דורך געדרייטע גיינג, ענטשולדיגענדיג זיך, אז ווען זיי וואלטען אריינגעקומען דורך דער אנדער זייט, וואלטען זיי אריין אין זייער צימער לייכט דורך דעם הויפט גאנג.

ענדליך האט ער געעפענט א טהיר און האט געפונען פאר נעטהיג ווייטער זיך צו ענטשולדיגען.

דיא פענסטער פון דיזען צימער קומען ארויס אין הויף אריין, האט דער דיענער זיך פערענטפערט, נאר דיזעס צימער איז געוועזן גרויס און דער הערר האט אויסגעזעהן אזוי מיעד אלענפאלס איז דאס בעט זעהר א גוטע.

— דאס צימער איז גאנץ בעקוועם, האט וויליאם געזאגט, נאר הייצט איין אין אייווען עס איז זעהר קאלט.

דער דיענער האט זיך געשטעלט אויף דיא קניע צו מאכען א פייער, און מאגדאלען האט דערווייל אראבגעצויגען איהר מאנטעל און הוט. ווען דער דיענער האט זיך אויפגעהויבען, האט ער ערסט בעמערקט מאגדאלענ'ס געזיכט און זיינע אויגען האבען אויסגעדריקט א פערוואונדערונג. נאר באלד האט ער פון איהר ארונטערגענומען דיא אויגען און האט א קוק געטהאן אויף וויליאמען.

— גיב אכטונג אויף מיין פערד, האט וויליאם צו איהם געזאגט. איך וועל באלד ארונטערגעהן צו איהם געוואהר ווערן.

דאס צימער, אין וועלכען זיי האבען זיך איצט געפונען, איז געוועזן גרויס און פיערעקיג, און וויא אלע צימערן פון דיזען סארט איז דיא אויסשטאטונג געוועזן ארים און אלט. דיא טאפעטען אבגעריסען, דער סופיט אין שפאלטען און יעדע זאך איז דא געוועזן אבגעקראכען, אבגעבלאקירט. וויליאמען איז דאס צימער, ניט געפעלען געוועזן, ער האט געהאפט צו קריגען א בעקוועמערען, נאר עס איז געוועזן צו שפעט איבערצובייטען דיזעס צימער און ווידער האבען זיי דא נאר געדארפט פערבלייבען עטליכע שטונדען. אויסער דעם, וועט זיי קיינער ניט בעאונרוהיגען.

טרייסטענדיג זיך מיט דיזען גדאנק, איז ער צוגעגאנגען צו מאגדאלען און האט זיך איבער איהר אנגעבויגען.

— ביזטו נאך אלץ אזוי מיעד, טהייערע? האט ער געפרעגט, זעהענדיג, וויא זיא קוקט אזוי שטאר אויף דיא פלאמען.

— ניין, האט זיא געענטפערט, מיר איז זעהר קאלט, איבערהויפט אין דיא פים.

זיא האט נאך אלץ געציטערט, זיא האט ניט געקענט פערטרייבען דעם גע־דאנק וועגען דער פרוי, וואס זיי האבען בעגעגענט אויפ'ן וועג.

— איך האב מורא, אז דוא וועסט מיך ניט דאנקען, פאר וואס איך האב דיך געבראכט אהער, האט וויליאם געזאגט. נאר מיר וועלען מארגען אין דער פריה אבפאהרען פון דאנען. נאך אלעמען איז דאס ציטער ניט זעהר שלעכט און איך ליעב דיא איינזאמקייט.

זיא האט געשיינט ניט צו הערען וואס ער זאגט און האט געמורמעלט:

— דיא פרוי ווארפט אן אויף מיך א שרעק, זיא קוקט אויף מיך אזוי זעלטזאם.

— וואס פאר א קינד דוא ביזט! האט ער אויסגעשריען. פריהער האסטו מורא געהאט פאר זשענעוויוו און איצט שרעקסטו זיך פאר א בעטלערין. דוא ביזט פריהער ניט געוועזען אזא פייגלינג. דיא פרוי שלאפט שוין ווארשיינליך ערגעץ אין א ווינקעל נעבען וועג.

— דוא האסט א טעות, וויליאם; זיא איז אונז נאכגעלאפען און איך דיינק, אז זיא איז אריין אין איינפאהר־הויז אין דער זעלבער צייט, וואס מיר.

— עס קען זיין, אז זיא האט געבעטען, מען זאל איהר לאזען שלאפען אין שטאל. א, מאגדאלען שלאג ארויס פון קאפ דיא נארעשקייטען און האב נאר אין זינען, אז מיר זיינען איצט ווייט פון אלץ, וואס האט אונז בעאונרוהיגט.

ביי דיא ווערטער האט ער איהר אויפגעהויבען פון שטוהל און האט איהר ארומגענומען. נאר זיא איז געבליבען לעבלאז און טרויעריג אין זיינע ארמען און האט ניט ארויסגעלאזט איהרע אונרוהיגע אויגען פון דיא ברענענדע שטיקער האלץ.

— איך פיהל זיך דא זעהר גוט, האט וויליאם פארטגעזעצט. דא איז שטיל און רוהיג, וויא אין א קלויסטער. פיהלסטו זיך ניט גרינגער, זייט דוא ביזט אריין אין דעם ציטער?

— מיר שיינט, האט מאגדאלען א מורמעל געטהאן, אז איך האב שוין ער־געץ געזעהן אזא הויף און אזא טויבען־שטיין. נאר איך קען זיך ניט דערמאנען וועו, ווייל דאס האט געדארפט זיין זעהר לאנג צוריק.

— דוא ביזט פערשלאפען, מאגדאלען, האט וויליאם געזאגט מיט א שמיי־כעל. דאס ציטער איז זעהר אן אומעטיגעס, נאר פאר אונז איז דאס זעהר גוט, ווייל עס האט ניט פאר אונז קיינע עראינערונגען. מיין געדאנק צו פערפאהרען

אחער איז געוועזען ווידער א נוסער, און איך האָף, אז מאָרגען וועלען מיר זיך פיהלען ווידער גליקליך.

זיא האט טרויעריג א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— איך ווייס ניט, וואס דאס איז, האט זיא געזאגט, נאר איך פיהל עפּעס א זעלטזאמע אונרוהיגקייט, אזוי וויא אונז וואלט געדראָהעט א שרעקליכע אונגליק.

— וואס שרעקסטו זיך? האט ער געזאגט און געקוסט איהר צערטליך. ביזטו דען ניט איצט אין מיינע ארמען? קיינער קען איצט ניט קומען צו בטאונרר היגען דיך. איך בין גליקליך שוין פון דעם איין געדאנקען, וואס קיינער ווייס ניט, אז מיר זיינען דא, וואס ניט קיין פיינד און ניט קיין פריינד קען אנקלאפּען צו אונז אין טהיר. איך דענק, אז איך וואלט זיך געפיהלט גליקליך אין א וויסטעניס. איך האב דערפון געטרוימט אלס קינד און ווען איך פלעג אוועק ווייט, ווייט אין דיא פעלדער, וואו קיין מענשליך אויג האט מיך ניט געזעהן, האט זיך מיין הארץ אנגעפיהלט מיט טרויער און פרייד. איצט בין איך דא מיט דיר, מיין טהייערע, אליין אזוי וויא איך פלעג אמאל זיין מיט דיא פעלדער. ווילסטו ניט א שמייכעל טהאָן צו מיר נאך א מאָל, מאגדאלען?

זיא האט טרויעריג א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און האט מיט דער האנד א פיהר געטהאָן איבער'ן שטערן, וויא זיא וואלט מיט דעם וועלען פערטרייבען איהר אונרוהיגקייט.

ווילאם האט ווייטער גערעדט.

— איך האב געדענקט, אז אין פּאריז וועט אונז זיין גרינגער אריבערצוטראָגען אונזערע צרות, נאר דיזע איינזאמקייט האט מיך בערוהיגט און איך קען אלץ פערגעסען און פערגעבען. קיינער קוקט ניט איצט אויף מיך, קיינער וועט ניט לאָכען און ניט שפּעטען, וואס דוא רעגיערסט איבער מיך. וואס ארט אונז דיא פערגאנגענהייט? לאמיר פערגעסען דיא גאנצע וועלט, לאמיר דענקען, אז מיר האבען ניט קיין פריינד און קיין קינד. איך בין דיינער, מאגדאלען און דוא ביזט מיינע.

ער איז געווארען אלץ לעבעדיגער וואס מעהר ער האט גערעדט, און זיין שטימע האט אנגענומען א בעטענדען טאָן. ער האט איצט איבערגעלעבט איינע פון יענע מאָמענטען, וואס קומען אויף א מענשען נאר א פּאָר מאָל אין לעבען; דאס איז א מאָמענט, ווען מען גיסט אויס דאס גאנצע הארץ, נאכדעם וויא מען איז געווען א לאנגע צייט פערשלאָסען אין זיך.

מאגדאלען איז אונבעמערקט פאר זיך אליין בערוהיגט געווארען פון איהר

מאַל'ס שטילען קול און פון דיין צערטליכע אוטאַרסונג. איהרע גרויע אויגען האבען פערלאָרען זייער אונרוהיגען בליק און איהרע ליפּען האבען זיך געעפענט און בעקר מען מעהר פארב. זיא האט ניט געשמייכעלט, נאר דיא ערנסטקייט פון זיין ליעבע האט איהר געטרייסט. זיא האט אויפגעהערט צו קוקען אויפ'ן פייער און האט זיך אביסעל א קעהר געטהאן צו איהר מאַן.

ער האט ווייטער גערעדט:

— אויב דיא ווילסט, מאגדאַלען, וועלען מיר זיך אוועקלאָזען אין א רייזע אין פרעמדע לענדער. איך דענק, אז אונזער ליעבע וועט דערפון פערשטארקט ווערען. ווען מיר וועלען זיך געפינען צווישען פרעמדע מענשען, וועלען מיר זיך נאָך מעהר צובינדען איינער צום צווייטען. איך טרוים וועגען אזא גלות, מיין טהייערע, א גלות מיט דיר צוזאמען.

מאנדאַלען האט א שוואכען שמייכעל געטהאן, האט איהם ארומגענומען מיט איין האנד און געקוקט אויף איהם מיט ליעבע.

— דוא ביזט א קינד, האט זיא געזאגט, דיין רייזע וואלט זיך געענדיגט אין איין וואָך. פאר וואס דענקסטו ניט צו מאַכען אזא וואָגען, וויא דיא ציגיינער האַבען פאר זייערע רייזעס?

זיא האט זיך צולאַכט מיט א צערטליכען געלעכטער; ער וואלט פיליכט אין כעס געוואָרען, ווען זיא זאל איהם דערביי ניט א קוש טהאָן. ער האט א שאָסעל געטהאָן מיטן קאָפּ.

— יא, איך בין א קינד, האט ער געזאגט, נאר דיא ציגיינערשע וואגען זיינען נאר ניט אזוי שלעכט. דיא ציגיינער זיינען א גליקליך פאָלק און פערברענגען זייער לעבען אונטער דיא העלע שטראַהלען פון דער זון און אין ריינער לופט. ווען איך בין געגאנגען אין שולע, האב איך זיי זעהר אָפט בעאָבאכטעט, וויא זיי קאָכען זייער עסען און וויא זיי לעבען. זיי האבען מיר אויסגעוויזען זעהר זאנדערבאַר. דאָך ווען מען האט מיך בעהאנדעלט שלעכט אין שולע, פלעג איך זאגען צו זיך אליין: „נאָך א מאל אז מען וועט מיך אזוי בעהאנדלען, וועל איך געהן צו די ציגיינער און בע-טען זיי, אז זיי זאלען מיך נעהמען מיט זיך." נאר איך האב קיין מאל ניט געהאט דערצו דעם מוטה.

מאגדאַלען האט ווידער א שמייכעל געטהאן.

יא, מאגדאַלען, איך בין געוועזען א זעלטזאמעס קינד און האב געהאט זעהר טרויריגע קינדהייט.

מאגדאלען האט איהם דערביי א קוש געטהאן און האט צו זיך אליין געזאגט, אז זי וועט איהם ליעב האבען אזוי ווי ער פערדיענט עס.

וויליאם האט ווייטער גערעדט:

— איך האב געלעבט א דאפעלטען לעבען; ביים טאג צווישען מיינע חברים, די פערפאלגער, און ביי נאכט אין מיין בעט, ווען איך בין געוועזען פריי צו טרוימען פון בערג, פון טאהלען, פון אן אינזעל אין מיטען טייך, און גלויב מיך, מאגדאלען, אז דיא פלעצער עקזיסטירען און איך וועל זוכען מיט דיר יענע גליקליכע געגענדען. לאך ניט, מאגדאלען.

נאר מאגדאלען האט אפילו ניט געדענקט צו לאכען, זי האט איהם ווי־דער ארומגענומען און א קוש געטאהן. טרעהרען זיינען געשטאנען אין איהרע אויגען. „אך, ווי ער ליבט איהר און וואס פאר אצערטליכע הערץ ער בעזיצט?"

— קינד, קינד! האט זיא נאך א מאהל געזאגט. מיר קענען ניט פער־ווירקליכען אונזערע טרוימען, נאר מיר קענען ליעבען איינער דעם צווייטען.

— און פאר וואס קענען מיר ניט טאהן וויא איך וויל? האט וויליאם געפרעגט.

זי האט א שמייכעל געטאהן.

— ווייל מיר קענען ניט לעבען אין לופט־שלעסער, מיין געליבטער פאעט. דאס גליק מוז זיך געפינען אין אונז אליין און עס איז גאנץ אומזיסט צו געהן זוכען. איך זעה, אז דו האסט אנגעהויבען צו פערגעסען, וואס אונז איז געשען אין דיא לעצטע שטונדען און איך וועל עס אויך פערגעסען, און מיר וועלען נאך האבען פיל גליקליכע טעג. דיינע ווערטער האבען מיר גרינגער געמאכט דאס הארץ; די מורא פאר'ן קומענדען אונגליק איז פערשוואונדען. איך האב זיך דערוואַרעמט און מיר האבען זיך צוזאמענגערעדט, און אין מיר האט אויפגעלעבט א האפנונג.

— יא, מאגדאלען, דוא מוזט האפען, האט וויליאם געזאגט, דערפרייט פון איהרע ווערטער. דוא זעהסט, מיר האבען זיך זעהר ליעב, און קיין זאך קען אונז איצט ניט שיידען.

— קיין זאך, האט מאגדאלען געענטפערט ווייך. מיר קענען צוריק־קעהרען נאך וועטייל אָדער פאהרען נאך פאריז: אונזער ליעבע וועט מיט אונז מיטגעהן. ליעב מיך אזוי וויא איצט, און מיר וועלען אומעדום האבען רוה. איך בין דיינע, אין גאנצען דיינע.

ביים איהרע לעצטע ווערטער האט דער זייגער אנגעהויבען צו שלאגען.

— עס איז שוין האלבע נאכט, האט זיא געזאגט, אויב מיר ווילען ארויס־פאהרען פריה, מוזען מיר שוין געהן שלאפען.

— איך וויל אויף א רגע ארראבגעהן אין שטאל זעהן צום פערד. דוא האסט דאך קיין מורא ניט אליין צו בלייבען אין צימער.

מורא! פאר וואס? איך בין ניט קיין שרעקענדיגע, האט זיא געענטפערט. עס קען זיין, אז איך וועל שוין שלאפען, ווען דוא וועסט צוריקקומען. נאר מאך דאס ניבער.

זיא האט איהם א קוס געטהאן און ער איז אוועקגעגאנגען, לאזענדיג דעם שליסעל אין טהיר.

מאגדאלען איז געבליבען שטעהן אליין. זיא האט געקוקט אויפ'ן פייער מיט א שוואכען שמייכעל. איהר הארץ איז פול געוועזן מיט דיא נייע האפנונגען, וואס איהר מאן האט אין איהר אויפגעוועקט. זיא האט נאך דאס צימער נאר ניט גע־זעהן, וויל ביים ארייגעהן איז זיא גלייך צוגעגאנגען צום פייער. איצט האט זיא זיך ארומגעקוקט און געזוכט מיט דיא אויגען דאס געפעק, וואס דער דיענער האט ארייגעטראגען. פלוצים האט זיך אומגעקעהרט איהר אונרוהיגקייט, זיא האט אליין ניט געוואוסט, פון וואנען דער שרעק איז צו איהר געקומען. זיא האט א צי־טער געטהאן פון קאפ ביז אין דיא פיס און האט געפיהלט דעם זעלבען עקעל, וואס זיא האט געהאט ביים ארייגפאהרען אין הויף פון איינפאהר־הויז. דאס צימער איז איהר פלוצים פארגעקומען בעקאנט. זיא האט זיך געוואלט איינרעדען, אז דאס איז ניט וואהר. ענדליך האט זיא דערזעהן איהר האנד־בייטעל, וואס איז געלעגען נעבען גלעזערנעם זייגער אויפ'ן קאמין. דערזעהעדיג דעם זייגער, איז זיא געווארען בלייך, וויא דער טוידט און איז געבליבען שטעהן צוגעשמידט צו דעם באדען,

איהר פערדאכט איז געוועזן א ריכטיגער און דאס הארץ האט איהר געשרא־קען ניט אומזיסט. דיא איינפאהר־הויז איז איהר געוועזן בעקאנט, אויך דאס צימער. פיעל מאל האט זיא זיך געשיפט אין א שיפעל מיט זשאק'ן און א מאל האבען זיי פערבראכט א נאכט אין דיזען צימער, ווען זיא האט זיך געפיהלט ניט גוט פון שי־פען זיך.

דער זייגער האט ביי איהר אויפגערופט יעדער צווייפעל. אזעלבע זייגערס בעגעגענט מען זעלטען און זיא געדענקט, וויא זיא האט געלאכט מיט זשאק'ן, ווען זיי האבען איהם דערזעהן. מאגדאלען האט איצט געקוקט אויפ'ן זייגער, וויא אויף א פיינד, וואס האלט א שרעקליכען וואפען נעגען איהר.

זיא האט א בלאז געטהאן דאס ליכט און האט געטומען געהן איבערן צימער

און ארומקוקען עס. יעדע שטיק מעבעל, יעדער פּארטרעט, ביז דעם קלענסטען גע־נענשטאנד האט איהר דערמאנט אן דער פערגאנגענהייט. איהרע קרעפטען האבען איהר פלוצים פערלאזען און האט ביידע הענד צונעדריקט צום שטערן.

„וועט זיא אין ערגעץ ניט געפינען קיין רוה?״ האט זיא זיך געפרעגט.

איהר מאן האט איהר צופעליג געבראכט אהער און אויך דא פערפאלגט איהר זשאק. און זיא איז געוועז אזוי נארעש צו גלויבען און האפען, אז זיא קען נאך האבען גליקליכע טעג!

זיא האט עס געדארפט פריהער פערשטעהן, ווען זיי זיינען אריינגעפאהרען אין הויף. וואס קען זיא איצט זאגען וויליאמען, ווען ער וועט אריינקומען, דיזען גוטען מאן, וועמעס צערטליכע ווערטער האבען איהר איצט אזוי געריהרט? וועט זיא האבען דעם קוראזש אויסצושרייען: „פיהר מיך אוועק פון דאנען! איך קען דא ניט בלייבען! איך בין שוין דא א מאל געוועז מיט מיין ערסטען געליעבטען!״

זיא האט אויסגעשטרעקט דיא אויערען צו הארכען אויב ער קומט ניט. און האט געציטערט פון דעם געדאנקען, וויא אזוי וועט זיא איהם בעגעגנען.

איהר האט אויסגעוויזען, אז עמיצער איז אונטער דער טהיר. א שוואכער קלאפּ האט זיך דערהערט.

— העריין! האט זיא געזאגט מעכאניש, ניט וויסענדיג אפילו וואס זיא זאגט.

דיא טהיר האט זיך געעפענט און פאר איהר איז געשטאנען זשאק.

XII.

ווען זשאק איז אויפגעשטאנען אין דער פריה אין שלאָס, איז ער געוועזען זעהר פערוואונדערט, ווען ער האט זיך דערוואוסט פון זשענעוויוו, אז וויליאם און זיין ווייב האבען געמוזט פלוצים אבפאהרען אין מיטען נאכט. איהם איז קיין פערדאכט טא[illegible] [illegible] פון אזא [illegible]

— זעהר גוט, האט ער געזאגט, איך וועל זעהן מיינע טייבעלאך, ווען איך וועל פאהרען צוריק.

דעם טאג האט ער פערבראכט זעהר אומעדיג און האט ניט בעגעגנט קיין בעקאנטען אין וועטייל. ערסט פארנאכט גראדע א פאר מינוט איידער דער דיליזשאנס האט געדארפט דורכפאהרען, האט ער בעגעגנט אן אלטען בעקאנטען, וועלכער האט זיך גענומען דערצעהלען איהם דיא איינצעלהייטען פון זיין אנקעל׳ס

טוידס. דערווייל איז דער דיליזשאַנס דורכגעפאָהרען און זשאַק האט פערבראַכט א גאַנצע שטונדע אין זוכען א קאַרעטע. און ווען ער איז ענדליך אנגעקומען אין נאַנטעס, האט ער אויסגעפונען, אז זיין צוג איז מיט א מינוט פריהער אבגעגאַנגען פון דאָרטען.

ער איז געווען שרעקליך אויפגעבראַכט, גאר ער האט זיך ווידער אביסעל בערוהיגט, ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז ער קען נאך כאַפּען זיין צוג אין פּאַריז, ווען ער זאל אַרויספאָהרען פון נאַנטעס גאַנץ פריה.

ער איז פערפאָהרען אויף איבער נאכט אין דער אלטער איינפאָהר-הויז, וואו ער איז שוין איינינע מאָל געשטאַנען און דיא דיענער האבען איהם דערקענט. דער דיענער וואס האט איהם געוויזען זיין צימער, האט איהם דערמאַנט אן דער צייט ווען ער איז איינגעשטאַנען דא מיט מאַנדאַלען און האט איהם געזאָגט מיט'ן היי-מישען טאָן פון א הויז-משרת, אז זיא איז געווען אזא גוטע, וויא א שעהנע, ווייל זיא פלעגט איהם איבער לאָזען א גוטע מתנה.

עס איז געווען א זיינער צעהן ביי נאַכט, ווען זשאַק איז אנגעקומען אין איינ-פאָהר הויז. ער איז געזעסען ביז א זיינער עלף ביים פייער און האט געגרויבערט. פּלוצים האט ער דערהערט א שטיקען קלאַפּ אין טהיר. דאס איז געווען דער דיע-נער. ער האט עפּעס געשטאַמעלט, אז דערר הער זאל איהם פערצייהען פאר זיין אריינקומען, אז ער מיינט מיט דעם קיין שלעכטס ניט, און ער דענקט, אז דער הערר וועט וועלען עפּעס הערען וועגען א געוויסע פּערזאָן.

זשאַק האט איהם אונגעדולדיג געהייסען, ער זאל רעדען דייטליכער. דאן האט איהם דער דיענער דערצעהלט, אז מאַנדאַלען איז איצט אנגעקומען מיט א יונגען מאן און ער האט זיי אבגעפיהרט אין נומער זיבען, וואס דער הערר גע-דענקט וואהרשיינליך.

זשאַק'ס איידעלקייט איז ניט געווען צארט גענוג, אז ער זאל זיך געפינען בעליידיגט פון אזא אונגעבעטענעם פערטרויען, און ער האט זיך אפילו ניט גע-שעמט צו פרעגען, אויב מאַנדאַלען איז נאך אזוי שעהן, וויא זיא איז געווען, אין האט גע'אָנט, אז איהר נאַהענטקייט וועט איהם ניט שטערן צו שלאָפען רוהיג.

נאר דאס איז ניט געווען אמת. נאָכ'ן דיענער'ס אוועקגעהן האט ער אנגע-הויבען צו טראַכטען פון זיין אלטער ליעבע. זיא איז געווען דיא איינציגע פרוי, וועלכער ער איז געבליעבען טריי א גאַנץ יאָהר. אמת, ער האט נאך איהר ניט געבענקט שטאַרק, נאר ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז זיא איז אזוי נאַהענט פון איהם, האט זיך איהם פערגלוסט צו זעהן איהר. נאר ער האט איהר געוואָלט זעהן

אזוי, אז ראס זאל איהר ניט ערנידרינגען אין דיא אויגען פון דעם יונגען מאן, מיט וועלכען זיא איז אהער פערפאהרען. אז זיא קען זיין פערהייראט, איז איהם אפילו אין קאָפּ ניט אריין. ווען אזא געדאנק זאל איהם אריין אין קאָפּ, וואלט ער זיך צולאכט, דערמאנענדיג זיך, וויא זיא פלעגט זיצען צווישען זיינע חברים, וועלכע האבען געראויכערט פּיפּקעס (לולקעס).

זיין צימער האט זיך געפונען אין עק קאָרידאָר, דריי טהירען פון נומער זיבען ער האט אויפגעעפענט אביסעל דיא טהיר און האט זיך גענומען צוהערען. אין נומער זיבען איז געווען שטיל, און זשאק האט פערלארען דיא האפנונג צו זעהן איהר פאר זיין אבפאהרען. פּלוצים האט ער דערהערט, וויא איהר טהיר האט זיך געעפענט; ער האט שטוואס ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ און האט דערזעהן, וויא א יונגער מאן איז פון דארטען ארויס און האט זיך געלאזט געהן ארונטער דיא טרעפּ.

„אזוי וויא דער הערר איז ניטא אין דער היים, קען מען דער מאדאם מאכען א בעזוך,“ האט זשאק צו זיך געזאגט מיט א געלעכטער.

און ער איז צוגעגאנגען צו מאנדאלען׳ס טהיר און האט אנגעקלאפּט.

ביי זיין ערשיינען איז מאנדאלען אויפגעשפּרונגען. זיא איז ניט געווען פערוואונדערט, ווייל זיא האט איהם כמעט ערווארטעט צייט זיא האט דערקענט דאס צימער, האבען איהר דיא עראינערונגען אזוי איבערוועלטיגט, אזוי ארומגענומען איהר מיט אזא מעכטיגע האנד, אז איהר האט אויסגעוויזען גאנץ נאטירליך, אז ער זאל דא ערשיינען. זיא האט זיך ניט געפרעגט, וויא אזוי האט ער געוואוסט, אז זיא איז דא. זיא האט נור געפיהלט, אז זיא ווערט פערגליווערט, פערוואנדעלט אין א שטיק אייז, און איז געבליבען שטעהן שטייף וויא א דערפראָרענע, מיט איהרע אויגען געריכטעט אויף איהם און האט געווארט, אז ער זאל רעדען פריהער.

— יא, דאס איז קיין אנדערע, וויא מאנדאלען, האט ער געזאגט מיט א שטילען קול.

ער האט א שמייכעל געטהאָן און ווייטער געזאגט:

— דער דיענער האט א גוטען זכרון. דוא געדענקסט איהם נאך, ניט וואהר? ער האט אונז בעדיענט, ווען מיר זיינען דא געווען צוזאמען. איצט האט ער דיך דערקענט און איז מיר געקומען זאגען. און איך בין איצט אריין צו דריקען דיר נאך א מאָל דיא האנד.

ער איז צו איהר צוגעגאנגען מיט אן אויסגעשטרעקטער האנד און מיט א פריינדליכען שמייכעל אויף דיא ליפּען.

— ניין, ניין, האט זיא געמורמעלט.

איהר ענטפער האט איהם געשיינט צו וואונדערן, נאר ער האט פארטוג־ זעצט מיט א שמייכעל.

— דוא ווילסט מיר ניט געבען דיא האנד — פאר וואס? איך בין צו דיר געקומען וויא אן אלטער פריינד און ווייטער גאר ניט. ווער איז דיין קאמפאניאן? ניט ראאול?

דאס איז געוועזן דער נאמען פון דעם סטודענט, וואס איז מיט איהר א היים געגאנגען, נאכדעם וויא זיא האט בעגלייט זשאק'ן.

דאס האט איהר שטארק בעליידיגט.

„זאל איך איהם זאגען אלץ?" האט זיא זיך געפרעגט. איהר כאראקטער איז געוועזן אן אפענער, ניט קיין בעהאלטענער און זיא האט איהם געוואלט דער־ צעהלען אלץ, נאר זשאק האט ווידער אנגעהויבען פרייליך:

— דוא ענטפערסט מיר ניט? דאס גיט דיר קרעדיט. ווער האט אויסגעק־ ליבען דיזעס צימער? דוא? דוא האסט נאך ניט פערגעסען דיזעס צימער? אה, מיין קינד! יענע פרייע, פרייליכע טעג זיינען שוין פאראיבער. דוא ווייסט, אז עס איז ניט געוועזן פריינדליך פון צו ברענגען דיין פריינד אין דיזען צימער!

ער האט זיך צולאכט, און מאגדאלען האט אויף איהם געקוקט מיט נארעשע אויגען.

— איך בין ניט זעהר אייטעל, האט ער פארטגעזעצט און איך דענק ניט אפילו איין מינוט, אז דוא האסט מיך ליעב. דאך וואלט איך ניט וועלען זיין אויף דיין פריינד'ס פלאץ. פאר וואס רעדסטו ניט? ביזטו בייז אויף מיר.

— ניין, האט זיא געמורמעלט שוואך און האט זיך געהאלטען ביים קאמין, אז זיא זאל ניט פאלען.

זיא האט געפיהלט, אז איצט וועט זיא ניט האבען דעם קוראזש צו זאגען, ווער איהר קאמפאניאן איז, נאכהער וויא זשאק האט פון איהם געלאכט, און ער איז געוועזן ברוטאל גענוג צו דענקען, אז זיא האט אבזיכטליך, אומיסטען אויסגעק־ ליבען דיזעס צימער! איהר האט געדוכט, אז מיט דעם פערדאכט האט ער איהר צוריק אריינגעווארפען אין דער בלאטע פון וועלכער זיא וועט קיין מאל ניט קענען ריין וואשען זיך. זיא האט איהם ניט געקענט ערקלערן, אז זיא איז דא אריינגעפא־ לען בלויז דורך א צופאל. זיין אנוועזענהייט האט ביי איהר אוועקגערויבט איהר גאנצע קראפט.

זשאק האט געקענט בעגרייפען דיא געדאנקען, וואס האבען איהר געמאכט בלייך און שווידערן. אוהם האט אויסגעוויזען, אז זיא האט מורא, אז ער זאל דא

ניט ווארטען, ביז איהר קאמפאניאן וועט קימען און זאל ניט מאכען מיט איהם עפעס א סצענע.

— וואס שוידערסטו אזוי? האט ער געזאגט. איך האב דיר געזאגט, אז איך בין נאר אריין געקומען אלס גוטער פריינד. וויא נאר איך וועל דערהערען טריט, וועל איך אוועקגעהן.

ער איז צוגעגאנגען צו דער טהיר און דאן צוריקגעקעהרט. נאר מאגדאלענ איז געבליבען, וויא פריהער. ער האט ניט איינגעזעהן קיין ברוטאליטעט אין זיין זעהן זיך מיט איהר.

— דוא ווייסט, האט ער געזאגט, אז שיער האבען מיך אויפגעפרע־סען דיא פיש פון ים? נאר איך בין צוריקגעקומען אין פאריז א לעבעדינער און איצט דערצעהל מיר, וויא האסטו דורכגעלעבט דיא צייט?

אזוי, האט זיא געענטפערט שוואך.

איהרע קרעפטען האבען איהר פערלאזען; זיא האט אויסגעהערט וואס ער רעדט און געענטפערט מעכאניש, אהנע צו וויסען, וואס זיא טהוט. דער געדאנק, אז דער מאן קען אנקומען יעדע מינוט, איז איהר נאר אין קאפ ניט אריין.

— האסטו מיר גאר ניט צו דערצעהלען? האט ער ווידער געפרעגט פער־װאונדערט. נאט געדעכטער! וויא קאלט דוא בעגעגענסט מיך! האסטו „איהם" דען ליעב?

— יא.

— דאס איז זעהר גוט. איך האס דיא מענשען, וואס האבען לעדיגע הערצער. וויא לאנג ביסטו מיט איהם צוזאמען?

— פינף יאהר.

— צום שווארצען יאהר! דא איז א פיינע געשיכטע. קען איך איהם?

זיא איז געווארען בלייכער, וויא פריהער. אויף איהר געזיכט האט זיך בעווי־זען אן אויסדרוק פון שרעקליכע ליידען. זשאק'ן האט אויסגעוויזען, אז ער הערט דעם ליעבהאבערס טריט.

— שוידער ניט אזוי, קינד! האט ער געזאגט. איך וועל פערשוואונדען ווע־רען, איידער ער וועט ארויף קומען. איז ער דען א פרעמדער? דיא חברה, וואס מיר האבען געקענט אין יענע יאהרען זיינען געוועזען פיינע יונגען. געדענקסטו נאך דיא פרעהליכע טעג, וואס מיר האבען אלע פערבראכט צוזאמען. מיר ליגען נאך ביז איצט אין מאגען דיא גרויסע טעלער ערדבעערען, וואס מיר האבען געגעסען אין

אונזערע שפאצירס אויפ'ן לאנד! נאר איידער איך נעה אוועק, וואלט איך וועלען וויסען דעם נאמען פון דיין פריינד,

מאנדאלען האט געמאכט א בעטענדען בעוועגונג, אז ער זאל צו איהר ניט צושטעהן מיט דער פראגע, נאר ער האט פארטגעזעצט;

— פאר וואס זאלסטו מיר ניט דערצעהלען דעם אמת? פאר וואס זאלסטו דענקען, אז דאס וועט מיך ערגער; אין לעבען קען אלץ פאסירען. נאר דא האסט געמאכט א פעהלער צו נעהמען דאס אזוי טראגיש און רעכענען מיך פאר דיין פריינד. דוא ביזט דאך א מאל געווען אזא פרייליכע און גרינג-הערציגע!

ער האט זיך בעסער צוגעקוקט צו איהר און איז געווען ערשטוינט פון איהר צייטינע שעהנהייט.

— דא ביזט פיעל שעהנער איצט, אלס איך האב דיך איבערגעלאזט, האט ער געזאגט. דיינע האר זיינען קיין מאל אזוי שעהן ניט געווען און דער קאליר פון דיין געזיכט איז הימליש. קום, גיב מיר איין קוס, איידער איך פערלאז דאס צימער,

מאנדאלען האט אבגעשטופט זיינע הענד.

— איך בעט דיך, ריהר מיך ניט אן, האט זיא געזאגט מיט א שוואכער קריינקליכער שטימע.

זשאק איז געווארען געריהרט פון דער פערצווייפלונג, וואס האט זיך געהערט אין איהר טאן. ער איז געווארען ערנסט. ער האט געפיהלט, אז ער איז ניט ווי· סענדיג געווען ברוטאל צו איהר. ער איז צוגעגאנגען צו דער טהיר אהן ווערטער און ראַרט געבליבען שטעהן.

— דוא ביזט גערעכט, מאנדאלען, האט ער געזאגט. איך בין א נאר און האב געטהאן ניט גוט, וואס איך בין אהער אריינגעקומען. דוא דארפסט מיך פערצייהען פאר מיין שמייכלען און איך פערצייהע דיך פאר דיין קאלטקייט. נאר איך האב מורא, אז דוא האסט ניט קיין הערץ און ניט קיין זכרון. אויב דוא האסט ליעב דיזען מאן, האסטו ניט בעדארפט בלייבען אין דיזען צימער מיט איהם

ער האט גערעדט אין א שטילען ערנסטען טאן, וועהרענד זיא האט זיך קוים איינגעהאלטען פון וויינען.

— איך בין א פראקטישער מענש, האט ער ווידער געזאגט, נאר צו דער זעלבער צייט האב איך ליעב, אז מען איז איידעל, דעליקאט, און יעדע זאך אין דיזען צימער רעדט צו מיר וועגען דיר, מאנדאלען.

ער האט זיך ארומגעקוקט איבערן צימער און איז ווידער צוגעגאנגען מיט אן אויסגעשטרעקטע האנד.

— איך נעה, האט ער געזאגט.

מאגדאלען האט א ציטער געטהאן. ער האט א ציה געטהאן מיט דיא אקסלען, האט זיך א דריי געטהאן אויפ'ן אבזאץ און איז ארויסגעגאנגען מיט'ן גע־דאנק, אז זיא איז א גרויסער נאר. דאס געפיהל פון חרטה, וואס האט זיך פריהער אויפגעהויבען ביי איהם אין הארצען, איז יעצט פערשלאגען געווארען פון כעס, פאר וואס זיא האט איהם אפילו ניט געוואלט א דריק טהאן דיא האנד.

ווען מאגדאלען איז געבליבען אליין האט זיא זיך גענומען ארומדרייען ארום צימער, וויא א צומישטע. זיא האט איהם געוואלט רופען צוריק און זאגען, אז זיא האט חתונה געהאט מיט וויליאמען. איצט ווען ער איז שוין ניט געשטאנען פאר איהרע אויגען, האט זיא פלוצים געקרינגען מוטה. זיא האט ניט געדענקט צו העלפען דערמיט איהר מאן און מאכען זיכער פאר איהם א רוהיגע צוקונפט. איצט האט זיא נאר געטראכט פון זיך. איהר אלטען געליעבטענ'ס שפעטישע האלטונג און זיין פעראכטונג האט איהר אין גאנצען ארויסגעבראכט פון זיך און האט איהם געוואלט וויזען, אז זיא איז א ריינע און ערענטליכע פרוי, און ער דארף איהר רעספעקטירען. איהר פערוואונדעטער שטאלץ האט איהר געוויזען, יעדע זאך אין א פאלשען ליכט, און זיא האט זיך שוין מעהר ניט געפרעגט, וואס וועט זיא זאגען וויליאמען, ווען ער וועט אריינקומען.

פלוצים האט דיא טהיר, וואס זשאק האט געלאזען האלב אפען, געגעבען א קנאק. מאגדאלען האט זיך אומגעקוקט, דענקענדיג, אז דאס איז איהר מאן, און אנשטאט איהם האט זיא דערזעהן דיא בעטלערין, וואס איז נאכגעלאפען נאך זייער קארעטע ביז דער איינפאהר־הויז. דיא בעטלערין איז צוגעגאנגען צו איהר און האט איהר גענומען בעקוקען מיט אן ערנסטע מינע.

— איך האב קיין טעות ניט געהאט, האט זיא געזאגט לאנגזאם. איך האב דיך דערקענט, מאגדאלען, צוואר דיין געזיכט איז געוועזען אין שאטען, געדענקסטו מיך.

מאגדאלען האט זיך א צאפעל געטהאן, ערבליקענדיג דאס געזיכט.

— יא, איך געדענק דיך, לואיזע, האט מאגדאלען געענטפערט מיט א קאל־טער שטימע, וואס האט געוויזען, אז זיא האלט קוים איין איהר צארן.

דיא ערשיינונג פון דיזער פרוי איז געוועזען דער לעצטער קלאפ, אום איהר ארויסצוברענגען אין גאנצען פון זיך. לואיזע איז געוועזען דיא פערזאן, וואס האט איהר מיטגענומען צו בעזוכען איהר קינד אין דעם טאג ווען זשאק איז אבגעפאהר־רען פון פאריז צווישען דיא בעקאנטע האט מען איהר גערופען „גרין און געל“,

דאס האט זיא נעהאט צו פערדאנקען דעם קאליר פון איהר געזיכט, וואס איז איהר געקומען פון שארפע געטרענק. זשאק האט דאמאלס נאר ניט געהאט געגען איהר ארומגעהן מיט „גרין און געל”, ווייל גראדע דאמאלס האט זיא אנגעהויבען צו בעסערען זיך און פיהרען א שטאט. דיא געבורט פון איהר קינד האט איהר ווייבער געמאכט, נאר דאס האט ניט אנגעהאלטען לאנג; מאנדאלען האט איהר געזעהן איין מאל שכור, און זיא האט עס קיין מאל ניט פערגעסען.

„גרין און געל” איז, וויא עס שיינט, געזונקען אלץ נידריגער און נידריגער. זיא איז ניט געווען עלטער וויא דרייסיג יאהר, נאר אויסגעזעהן האט זיא איבער פופציג. שכרות האט פערקרימט יעדען צוג אין איהר געזיכט. דיא אויגען זיינען געווען פערלאפען מיט בלוט און וואסעריג. זיא האט געציטערט פון קאפ ביז דיא פיס: דער בראנפען האט אויפגעגעסען איהר גאנצע איינגעווייט. איהר געזיכט. איינגעוויקעלט אין אן אלטע טוך, האט אויסגעזעהן נארעש און שטומפ.

— יא, איך קען אייך, האט זיא געזאגט צו דיא אבגעריסענע בעטלערין. וואס ווילט איהר?

לואיזע האט אויף איהר א קוק געטהאן מיט אונרוהיגע אויגען און האט זיך אידיאָטיש צולאכט.

— יא, איהר קענט מיך, אבער איהר פערררייסט אביסעל דיא נאז, ווייל איהר טראגט א זיידען קלייד און איך ניט. נאר דיא וועלט איז א רעדיל, וואס דרייט זיך: מארגען קענט איהר זיין אין דער זעלבער לאגע, און וועלבער איך געפין זיך היינט.

יעדע זילבע האט געשניטען מאנדאלען וויא מיט א מעסער. זיא האט גע־טראכט, אז דיא פרוי איז גערעכט און זיא קען נאך פאלען אזוי נידריג, וויא זיא.

— איהר האט א טעות, האט מאנדאלען אויסגעשריען מיט צאָרן. איך בין פערהייראטעט, געהט אייך אוועק און לאזט מיך אליין.

— איהר האט מזל, האט דיא פרוי געענטפערט. ווען איך האב אייך דער־זעהן אין קארעטע, האב איך געטראכט, אז איהר האט מסתמא פערדרייט דעם קאָפּ עפעס א מיליאָנער. איז דער הערר וואס האט מיר א וואָרף געטהאן דיא פינף־פראנק שטיק, אייער מאן?

מאנדאלען האט געליטען אונבעשרייבליך. „געל און גרין” האט אנגעהויבען צו זוכען ביי זיך אין קעשענע.

— אך, האט זיא געזאגט, איך עראינער זיך איצט, מיין קאָפּ איז ניט זעהר שטארק און דוא צומישט מיר מיט דיין שטאָלצע מינע. איך האב געוואלט

האבען מיט דיר א שטיקעל שמועס און דערמאנען דיא אלטע צייטען. איך בין צופריעדען, וואס דוא ביזט גליקליך.

זיא האט זיך אנידערגעזעצט מיט אזא היימישקייט, וואס איז שטארק ניט געפעלען געווארען מאנדאלען.

— דוא זעהסט, האט זיא פארטגעזעצט, איך בין שטענדיג געווען א שלים־מזל. איך בין געווען זעהר קראנק אין פאריז. זיי האבען געזאגט אז איך האב צו־פיעל געטרונקען שארפע געטרענקע. מיין קאפ איז געווען לעדיג, און מיין קערפער האט געציטערט וויא א בלאט. קוק אויף מיינע הענד, זעהסט, וויא זיי ציטערן. איך האב געהערט אין האספיטאל, וויא דיא דאקטוירים האבען געזאגט אז איך וועל לאנג ניט לעבען און איך האב דאריבער געבעטען, אז זיי זאלען מיך ארויס־לאזען פון דארטען. איך האב געוואלט צוריקקעהרען זיך צום דארף, וואו איך בין געבוירען געווארען, עס איז ניט ווייט פון דאנען.

זיא האט זיך אבגעשטעלט, אום אבצוכאפען דעם אטהעם. זיא האט נאר געקענט אויסרעדען א פאר ווערטער מיט א מאל.

— איך בין געגאנגען זעהן מיין פאטער, נאר מען האט מיר געזאגט, אז ער איז שוין געשטארבען. דאן האב איך געדענקט, אז איך וועל געהן צוריק אין פאריז נאר דיא דארפס־לייט זיינען גוטע מענשען, זיי גיבען מיר עסען און איך האב זיך בעטראכט, אז דא איז ניט ערגער וויא אין פאריז, טראץ דעם וואס דיא קינדער ווארפען אויף מיר צייטענווייז מיט שטיינער.

איהר שטימע איז געווארען שוואכער. מאנדאלען האט זיך ניט געקענט בעשליסען צו הייסען איהר ארויסגעהן.

— נאך אלעמען, האב איך געלעבט א גוטען טאג, האט געזאגט „גרין און געל". דוא ביזט מיר געפעלען, וויל דוא ביזט געווען א גוטע. נאר איין מאל בין איך שטארק אין כעס געווארען אויף דיר, ווען איך האב געדענקט, אז דוא גע־פעלסט מעהר וויא איך.

מאנדאלען איז שטארק בלייך געווארען. דיא עראינערונגען, וואס דיזע בעט־לערין האט ביי איהר ארויסגערופען, האבען איהר געשטיקט.

— וואס איז געווארען מיט דיין געליעבטען? האט „גרין און געל" פארטגע־זעצט. דער הויכער יונג, פיער.... ניין, דוכט זיך, ער האט געהייסען זשאק. נאר איך מוז דיר זאגען איין זאך: ווייסטו, אז ער האט זיך א מאל צו מיר צוגעפוצט? דיך ארט עס ניט, ניט וואהר?

מאנדאלען האט לעננער ניט נעקענט אויסהאלטען. איהר שטימע האט גע־
ציטערט פון כעס, ווען זיא האט געענטפערט:

— איך האב דיר געזאגט, אז איך בין פערהייראטעט. געה אוועק, זאג איך
דיר, געה אוועק!

לאיזע האט זיך דערשראקען. זיא איז אויפגעשפרונגען, שארענדיג מיט דיא
פיס, וויא זיא פלעגט עס טהאן, ווען דיא קינדער פלעגען אויף איהר ווארפען מיט
שטיינער אין דיא פעלדער.

— פאר וואס טרייבסטו מיך? האט זיא געשטאמעלט.

— געה אוועק! האט מאנדאלען ווידערהאלט. איך בין פערהייראטעט און
האב א טאכטער.

— איך האב אויך א טאכטער; אדער איך האב געהאט; איך האב פער־
פעהלט צו בעצאהלען דער אמע און מען האט איהר פון מיר צוגענומען.

מאנדאלען איז צוגעגאנגען צו איהר און גענומען איהר טרייבען צו דער טהיר.

— איך זעה ניט איין, האט „גרין און געל“ אויסגעשריען מיט כעס, פאר
וואס דוא דארפסט פעראכטען דיא יעניגע, וואס האבען וועניגער מזל וויא דוא!
דוא ביזט אזא פרינצעסען וויא איך, און ווען דיין מאן זאל מיך בעגעגענען פריהער,
וואלט איך פיליייכט געטראגען זיידענע קליידער, און דוא וואלסט געלאפען בארוועס
אין דיא גאסען.

אין דיזען מאמענט האט מאנדאלען דערהערט וויליאמ'ס טריט. זיא האט
אנגעכאפט לאיזען פאר דער האנד און אריינגעשלעפט איהר אין מיטען צימער.

— איהר זייט גערעכט, אט קומט מיין מאן און זאגט איהם דאס אלץ!

ווען וויליאם איז אריינגעקומען האט ער זיך שטארק פערוואונדערט צו טרע־
פען אין צימער דיא בעטלערין און א ווארף געטהאן א פראגענדען בליק אויף זיין
פרוי. מאנדאלען איז געשטאנען קאלט און ענטשלאסען, אהן א רוישונג אין געזיכט
און אהן א צומישטקייט אויפ'ן שטערן. זיא איז געווען פערטיג צום קאמפף.

— דאס איז איינע פון מיינע אלטע הברת'עס, האט זיא געזאגט מיט א
קורצען און שארפען קול. זיא איז געקומען אונטערהאלטען זיך מיט מיר. ווילסטו
איהר ניט איינלאדען צו אונז אין שלאס?

דיזע ווערטער האבען שטארק וויה געטהאן דעם יונגען מאן. ער האט גע־
וואוסט פון איהר טאן, אז זייער רוה איז ווידער אין געפאהר. א טיעפער שמערץ
האט זיך אבגעשטונקט אויף זיין צערטליבען געזיכט. ער איז צוגעגאנגען צו לאיזע און
האט צו איהר געזאגט מיט א ערנסטער שטימע:

— האט איהר געקענט מאגדאלען?

— יא, מיין הערר, נאר איך האב ניט בעדארפט קומען אהער היינט ביינאכט און וואלט ניט געקומען, ווען איך וואלט פערשטאנען פריהער.

— ווילט איהר געלד?

— ניין מיין הער, איך דאנק אייך, האט זיא געזאגט, מאכענדיג א מעלאָ־דראמאטישע מינע ביים אבזאגען זיך.

ווען זיא האט פערמאכט דיא טהיר, זיינען מאן און ווייב געבליבען שטעהן שטום. יעדער האט מורא געהאט ארויסצורעדען א ווארט דער ערסטער, אום ניט צו פערוואונדען דעם צווייטען. וויליאם האט געווארט מיט פערצווייפלונג. ער האט איהר איבערגעלאזט א רוהיגע און צופרידענע אין דער האפנונג פון א גליקליכע צוקונפט און איצט, ווען ער איז צוריקגעקומען, האט ער איהר געטראפען ערדעגט און אונרוהיג. ער איז געווארען נאך מעהר אונרוהיג, ווייל ער האט ניט געוואוסט דיא אורזאכע דערפון. נאר זיא איז געווען צו אויפגעבראכט פון דיא לעצטע צוויי סצענעס, אז איהר מאנ׳ס צערטליכער בליק זאל איהר בערוהיגען. זיא האט זיך איצט ניט געקימערט אום זיינע ליידען. זיא האט איהם געוואלט ארויסזאגען אלץ, וואס ביי איהר האט זיך אנגעקליבען אויפ׳ן הארצען. איהר האט זיך געגלוסט צו זאגען צו איהם: „אויב איך בין אזא אויסווארף, אויב פאר מיר איז ניטא קיין פער־געבונג און מען דארף מיך טרעטען מיט דיא פיס, וועל איך זיין אזוי שלעכט, וויא מען וויל מיך מאכען.“

זיא האט דיא ערסטע אנגעהויבען צו רעדען.

— מיר זיינען צוויי פייגלינגע, האט זיא פלוצים געזאגט.

— איך פערשטעה דיך ניט, האט וויליאם געענטפערט.

זיא האט א שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ מיט פעראכטונג.

— מיר האבען ניט בעדארפט אנטלויפען, וויא צוויי פערברעכער. מיר האָבען זיך געדארפט פיהלען שטארק אין אונזער פינף יאָהריגער ליעבע. נאר איצט איז צו שפעט. מיר זיינען בעזיעגט; אונזער רוה איז טויט.

וויליאם איז געווען ענטשלאסען אויסצוגעפינען, וואס איז געשעהן אין זיין אבוועזענהייט. ער האט איהר געשטעלט דיא פראגע, אויף וועלכער זיא האט געענטפערט:

— קענסטו ניט פערשטעהן, אז דיזע ארימע געפאלענע האט צו מיר צוריק־געבראכט דיא גאנצע פערגאנגענהייט, וועלכע איך האב זיך געמאטערט מיט אלע קרעפטען צו פערגעסען.

— נאר זיא איז דאך שוין אוועקגעגאנגען; בערוהיג זיך. צווישען דיר און יענע בעשעפענים ליגט א טיעפער אבגרונד און איהר האט ניט איינע מיט דער אנדערער וואס צו טהאן, צווישען אייך איז ניטא קיין געמיינזאמעס.

— קיין געמיינזאמעס? האט מאגדאלען געזאגט, ציהענדיג מיט דיא אקסלען זיא האט מיר ערסט געזאגט, אז ביי היינטיגען טאג האב איך געקענט ארומגעהן א בארפוסע איבער דיא פאריזער גאסען, ווען דוא וואלסט מיך ניט ארויסגעצויגען פון דעם זומפ.

— ש ש! רעד ניט אזעלכע ווערטער, מיין טהייערע, דאס טהוט אונז ביי־דען וויה.

נאר מאגדאלען איז ערדעגט געווארען פון דער ביטערקייט פון איהרע איי־גענע ווערטער.

— איך האב געזעהן זשאק'ן, האט זיא געזאגט.

וויליאם האט אויף איהר א קוק געטהאן צומישט.

— ער איז געווען דא אין צימער, האט זיא ווייטער גערעדט.

וויליאם האט זיך אנגעכאפט אן טיש, אום ניט צו פאלען.

— זשאק איז ניטא, האט ער געזאגט.

— ער געפינט זיך אין דער איינפאהר־הויז, אין שכנות מיט אונז, האט זיא געזאגט. איך האב איהם געזעהן, זאג איך דיר.

— איז דיזער מאן אומעדום? האט וויליאם אויסגעשריען מיט כעס און מורא.

— וואס דען האסטו געוואלט — טוידטען דיא פערגאנגענהייט? האט מאג־דאלען געזאגט מיט פערצווייפלונג. דיזעס צימער האט דיר געשיינט צו זיין א גוטער בעהעלטנים־פלאץ, וואו קיינער קען זיך ניט שטעלען צווישען אונז ביידען. דוא האסט מיר געזאגט, אז מיר זיינען דא אליין. נאר, אך! דיא שאטענס און דיא שטילקייט פון דיזען צימער זיינען געווען ליגנער, און אין דיזען פלאץ, וואו מיר האבען נאר געדענקט צו פערבלייבען א פאר שטונדען, האט אויף אונז גע־ווארט שמערץ און ערנידערונג.

וויליאם האט זיך צוגעהערט צו איהרע ווערטער, ניט דענקענדיג צו איבער־רייסען איהר.

— און איך, האט זיא פארטגעזעצט, בין געווען נארעש גענוג צו גלויבען, אז עס זיינען פאראן אין דער וועלט פלעצער, וואו מען קען געפינען פערגעסענהייט וואוהין מיר זאלען ניט קויפען, וועט מיך מיין שאנדע בעגעגענען און בעגריסען.

דער קלענסטער אטהעם איז נענוג צו עפענען אויף דאס נײ מײנע וואונדען. מיר זיינען פערפאלגט איבעראל אזוי וויא פערוואונדעטע חיות און וועלכע, וויא זיי, ער־נעץ אוועקשטארבען אין א נראבען.

— דאס איז אונזער איינענע שולד, האט זיא פארטגעזעצט נאך הייסער. מיר האבען קיין מאל ניט געדארפט אנטלויפען פון דער היים. דוא געדענקסט, אז איך האב דיר געזאגט דיא זעלבע נאכט, ווען יענער מאן איז צו אונז געקומען, אז דיא ערגעלונגען וועלען אונז קיין רוה ניט געבען, און דיזע ערגעלונגען זיינען נאכגעלאפען נאך אונזער שפור, אזוי וויא בלוט-הינד. איך האב געהערט זייער ווילדען בילען הינטער זיך און איך פיהל אין דיזען מאמענט, וויא זיי רייסען מיין לייב אין שטיקער.

ארויסלאזענדיג א שארפען געשריי, האט זיא צונעפרעסט ביידע הענד צו איהר ברוסט, אזוי וויא זיא וואלט ווירקליך געפיהלט זייערע שארפע צייהנער.

וויליאם איז געווען ערמיטעדעט פון ליידען. זיין ווייב'ס גרויזאמע ווערטער האבען אין איהם דערוועקט א שטויגענדע אונגעדולד. ער האט זיך געוואונשען, אז ער זאל געפינען מוטה צו הייסען איהר שווייגען, נאר אנשטאט צו בעפעהלען איהר האט ער איהר געבעטען.

— קום, מיין געליעבטע. מיר קענען אוועקפאהרען ווייטער.

מאגדאלען האט זיך אין דער הויף צולאכט. זיא האט פערבראכען מיט דיא הענד, טרערען זיינען גערונען איבער איהרע בלייכע באקען.

— דענקסטו, אז איך האב אזוי פיעל קרעפטען צו קענען יעדע מינוט פא־לען און אויפהויבען זיך. און בלייבען ביים פערשטאנד? ניין! איך מוז האבען רוה, אז ניט נעה איך אראב פון זינען.

וויליאם האט איהר אנגענומען פאר ביידע הענד און געהאלטען זיי צוואר פעסט אבער צערטליך.

— האב מיטלייד מיט מיר, האט ער געזאגט. זעהסטו דען ניט, אז דוא טויטעסט מיך? זאל זיך שוין ענדיגען דיא גרויזאמע סצענע. מארגען וועלען מיר בעסער קענען רעדען וועגען דעם. דוא ביזט זעהר מיעד, טהייערע. לעג זיך אנידער און פרוב אנשלאפען צו ווערען.

זיין האפנונג האט איהם פערלאזען, נאר ער האט געוואונשען צו האבען פינסטערקייט און שטילקייט.

— איך קען ניט פערבלייבען אין דיזען צימער! האט מאגדאלען פלוצים

אויסגעשריען. קענסטו דען ניט פערשטעהן, אז איך בין שוין דא אמאל געוועזען מיט זשאק'ן!

דער נאָמען זשאק האט איהר דערמאנט אן זיין בעזוך אין דיזען צימער.

— מיט א פאר מינוט צוריק איז ער דא געוועזען און האט פון מיר געלאכט און האט מיך בעליידיגט. אין זיינע אויגען בין איך ניט מעהר, וויא א דירנע. איך האב איהם געוואלט זאָגען דיא ווארהייט, נאר איך האב ניט געקיגנט. און ווייסטו ווארום? וויל דיזער מאן האט גערענקט, אז איך בין געוועזען אים שטאנדע דיך צו ברענגען אין דיזען צימער, וויל איך בין שוין דא א מאָל געוועזען מיט איהם.

וויליאם האט זיך ניט גערירט.

— יא, איך קען און ווייס זעהר גוט דיזעס צימער, האט מאגדאלען געזאגט נאך א קורצער פויזע. זיא איז לאנגזאם צוגעגאנגען ביז'ן מיטען צימער און האט גענומען קוקען אויף דיא וואנד מיט שרעקליכע אויסגעגלאָצטע אויגען.

וויליאם האט איהר נאכגעקוקט און דאס בלוט האט איהם גענומען קיהלען אין דיא אדערן פון איהר אויסדרוק.

— דוא שרעקסט מיך, מאגדאלען! האט ער אויסגערופען. קוק ניט אזוי אויף דיא וואנד.

— דיא וואנד זיינען מיר גוט בעקאנט, צו גוט, האט זיא געמורמעלט. אח, וויא מיר קלאפט אין קאפ. דוא מוזט מיך פערצייהען, איך ווייס ניט, וואס איך רעד נאך דיא פערגאנגענהייט קוועלט מיך. אח, עראינערונגען איז א שרעקליכע זאך! אח, העלף מיר פערגעסען דיא פערגאנגענהייט אויב דוא ליעבסט מיך.

א ים מיט שמערצען איז געלעגען אין איהר טאָן.

— איך וועל שטארבען, האט זיא געזאגט, און אויב איך מוז לעבען, וועל איך פערלירען מיין זכרון, מיין קאפ; זאל זיין וואס עס וויל, נאר איך וויל, אז מיין מארך זאל זיך אויסרייניגען פון אלע עראינערונגען. פערצייהע, וויליאם, איך קען ניט שווייגען.

זיא האט זיך צו איהם געווענדט מיט אזא פערצווייפלונג אין איהר פערקריסטען געזיכט, אז ער האט ווירקליך געמיינט, אז זיא נעהט אראב פון זינען.

— מאגדאלען, האט ער געזאגט צערטליך, מאגדאלען! און ער האט צו איהר אויסגעשטרעקט זיינע ארמען.

נאר זיא האט איהם ניט געהערט, זיא איז געשטאנען נעבען דער וואנד אנטקעגען קאמין.

— איך טאר מעהר ניט טראכטען, האט זיא געמורמעלט, ווייל דענקען איז שרעקליך און דערצו דענס איך אויפ'ן קול. איך קען דא יעדע זאך אין דיזען צימער.

דאס פלעצליכע ערשיינען פון זשאק און דיא פיבערישע ערדעגונג פון דיא לעצטע עטליכע שטונדען האבען ארויסגערופען אין איהר מארך א זאנדערבארע ווירקונג, האבען געמאכט איהרע חושים צו אדבייטען אין א זאנדערבארען וועג.

זיא האט פערגעסען דיא אנוועזענהייט פון איהר מאן און ווייטער געלעבט אין דער פערגאנגענהייט. איהר פולס, וואס האט שטענדיג געקלאפט אזוי רוהיג, האט איצט געהיצט, וויא אין פיעבער. יעדע קלייניגקייט, וואס איהרע אויגען האבען בעגעגענט האט איהר פערארזאכט א שרעקליכען פיין און אבגעשוואכט איהרע גייסטיגע קרעפטען. זיא האט ארויסגערעדט אלע איהרע איינדריקע אין דער הויך, אויפ'ן קול, גראדע וויא זיא וואלט זיך געפונען אליין אין צימער.

דאס פייער האט געווארפען א רויטע ליכט אויף דיא ווענד. וויליאמ'ס שאַטען אויפ'ן סופיט איז געוועזען שווארץ און גרויס. מאגדאלען אין איהר ברוינע קלייד און איהרע גאלדענע האר איז ארומגעגאנגען איבערן צימער און האט בעקוקט דיא בילדער, וואס זיינען געהאנגען אויף דיא ווענד און האבען פארגעשטעלט אן אונאונגליקליכע מיפאָלאָגיישע ליעבע.

— דא דארף זיין אכט בילדער, האט זיא טרוימעריש געזאגט. איך האב זיי געצעהלט מיט זשאק'ן. איך בין געשטאנען אויף א שטוהל און האב געלייענט דיא אויפשריפטען אויף יעדען בילד. ער האט געלאכט פון דיא גרייזען, וואס האבען זיך געפונען אין דיא אויפשריפטען און פון דער גאנצער לעגענדע. אט איז דער שפאלט אין וואנד און דאָרטען איז דאס בילד, וואס שטעלט פאר דיא שרעקליכע ענדע. דער געליעבטער געפינט דיא געליעבטע באָרען זיך אין בלוט. ער דענקט אז א לויב האט איהר פערצוקט און ער ערמארדעט זיך אליין. איך האב געזאגט, אז איך וואלט וועלען שטארבען גראדע אויף אזא אופן. „וואס וואלסטו געטהאן, ווען דוא זאלסט מיך געפינען א טוידטע?" האב איך געפרעגט זשאק'ן. ער איז צו מיר צוגעגאנגען לאַכענדיג און האט מיך א קוס געטהאן אין דיא ליפען. „איך וואלט דיך א קוס געטהאן און דוא וואלסט ווידער לעבעדיג געווארען."

וויליאם איז צו איהר צוגעשפרונגען מיט א שרעקליכען צאָרן, האט איהר אנגעכאפט פאר ביידע הענד און אוועקגעשלעפט איהר אין מיטן צימער.

— זיי שטיל! האט ער אויסגעשריען, זיי שטיל! האסטו פערגעסען אז איך געפין זיך אין דיזען צימער! אה, מאגדאלען, וויא קענסטו זיין אזוי גרויזאם?

נאר זיא האט זיך אויסגעריסען פון זיינע הענד און איז צוגעלאפען צום פענסטער און אבגעשארט דעם פארהאנג.

— יא, פון דעם פענסטער קען מען ארויסקוקען אויפ'ן הויף. איך בין געשטאנען מיט זשאק'ן און געקוקט אויף דיא טייבעלאך, וויא זייא האבען געפיקט זייערע פעדערלאך, ביז זיי זיינען פערשוואונדען געווארען איינער נאכ'ן צווייטען. זייער ווארקען (גירען) האט געקלונגען זיס און צערטליך. פון דעם שטאל האט זיך געהערט דאס הירזשען פון דיא פערד. זשאק איז געגאנגען הין און צוריק איבער'ן צימער, רויכענדיג. איך האב איהם גערופען, ער זאל צוגעהן צו מיר און זעהן דיא היהנער, וואס זיינען געוועזן פול אין הויף און וואס זיינען נאכגעלאפען נאך איין הוהן, וואס האט געטראגען א ווארם מיט'ן שנאבעל. ער האט זיך איבער מיר אנגעבויגען, האט מיך גערופען נארעלע און געקוסט אין באק.

— שווייג, מאגדאלען! שווייג! זאל איך ניט הערן נאך א ווארט פון דיר!

— ווארט א ווילע, האט זיא געזאגט. איך האב דא עפעס אנגעשריבען.

זיא איז צוגעגאנגען צום טיש און האט אויפמערקזאם גענומען קוקען אויף איהם.

— אט איז עס טאקע: „איך האב ליעב זשאק'ן.“

— זיא געהט אראב פון זינען! האט וויליאם א מורמעל געטהאן. זיין ליעבע און שטאלץ זיינען געוועזן שרעקליך בעליידיגט, און ניט קוקענדיג אויף זיין גוטע נאטור, האט ער געקריגען א לוסט אנצוכאפען איהר ביים האלז און צווינגען איהר צו שווייגען.

זיינע פויסטען זיינען געוועזן צוזאמענגעדריקט, און אויב ער האט זיי ניט בע[illegible]ט, איז נאר געוועזן דארום, וואס ער האט זיך נאך געקענט בעהערשען אויף אזוי [illegible]יעל. נאר ווען זיא האט איבערגעלייענט אויפ'ן טיש איהר אמאליגע אויפשריפט „איך ליעב זשאק'ן“ איז ער געווען פערטיג נידערצושליידערן איהר אויפ'ן באדען.

מאגדאלען, ניט האבענדיג פערלארען אין גאנצען איהרע געפיהלען, האט זיך געשווינד א קעהר געטהאן צו איהם.

— יא, שלאג מיך! האט זיא אויסגעשריען. איך וויל דוא זאלסט מיך שלאגען!

עס איז זעהר מעגליך, אז ווען זיא זאל זיך ניט אומווענדען צו איהם, וואלט איהר וויליאם א שליידער געטהאן צום באדען. נאר ווען מאגדאלענ'ס אויגען האבען זיך בעגעגענט מיט זיינע, און ער האט דערזעהן איהר שעהנע און איידעלע געזיכט, האט ער זיך א ציה געטהאן צוריק אין שרעקליכער פערצווייפלונג.

זיא האט אויסגעבראָכען אין א געוויין, און דיא טרערען האבען אביסעל אבגעקיהלט איהר צוהיצטע מארך. ווען זיא זאל קענען אויסוויינען זיך פריהער, וואלט זיא גאר ניט געווען גערעדט. איצט, ווען דיא הייסע טרערען האבען זיך נעקייקעלט פון איהרע אויגען, האט זיא בעגריפען, וואס זיא האט געטהאן און וויא גרויזאם זיא איז געווען צו וויליאַמען. איהר האט אויסגעוויזען, אזוי וויא זיא וואלט ערוואכט פון א שרעקליכען חלום, אין וועלכען זיא האט אויסדערצעהלט אלץ, וואס עס האט זיך געמאָלט אין איהר צומישטער מארך. זיא האט זיך געוואונדערט אויף זיך אליין. זיא האט קיין מאָל ניט געקענט צוריקציהען איהרע איינענע ווערטער; איהר מאן וועט דיא ווערטער קיין מאָל ניט פערגעסען און זיי וועלען אימער שטעהן צווישען איהם און איהר. דערשראָקען פון דעם געדאנק, אז זיא האט אהן א שום אורזאכע אויסרערצעהלט, וואס עס איז געווען פערבארגען ביי איהר טיעף אין הארצען, איז זיא צוגעגאנגען צו איהר מאַן מיט אויסגעשטרעקטע, פערבראָכענע הענד. ער האט זיך אראָבגעלאָזען אויף א שטוהל און בעהאלטען זיין געזיכט אין זיינע ביידע הענד.

— דוא ליידסט, האט זיא געשטאמעלט. איך האב געזאגט אזעלכע זאכען, וואס האבען דורכגעשטאָכען דיין הארץ! איך וויים ניט פאר וואס איך האב דיר דאס אלץ געזאגט. איך בין ניט גרויזאם. א מאָל בין איך ווערט געווען צו זיין דיינע און מיר זיינען געווען גליקליך... איך האב דיך געליעבט... איך האב דיך נאך ליעב. איך דארף ניט וואגען צו זאגען עס דיר, וויל איך וויים, אז דוא וועסט מיר ניט גלויבען. דיא פערגאנגענהייט האט מיך בעטויבט און איך וואלט געפּלאצט, ווען איך זאל ניט רעדען.

ער האט ניט געענטפערט; ער איז געווען אין גאנצען צערשמעטערט.

– איך זעה, אז אלץ איז געענדיגט צווישען אונז. מיר פערבלייבט נאר צו שטארבען.

וויליאַם האט אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— דער טוידט איז זיס, האט ער געמורמעלט, נאר נאך ניט איצט.

ער האט א קוק געטהאן אויף זיין ווייב און האט דערפיהלט א נייען וויהטאג ביים געדאנק פון שיידען זיך מיט איהר.

— זיי עהרליך! האט זיא אויסגעשריען. האב קיין מורא ניט צו פערוואונדען מיך. איך האב דיך געשטאָכען מיט דער וואהרהייט אהן מיטלייד. זאג מיר, ווען דוא זאלסט מיך איצט א קוס טהאן, וועט דיר ניט אויסדוכטען, אז עמיצער שטעהט צווישען אונז ביידען?

ער האט נעשווינען.

— דוא זעהסט, האט זיא פארטגעזעצט, און איך בין געוועזן גערעכט. מען קען ניט אנטלויפען. איך וויל ניט בעגעגענען אויסגעלאסענע, אבגעריסענע בעשע־פעניסען, וואס זאלען צו מיר רעדען, וויא צו א בעקאנטער. איך וויל ניט איינ־שטעלען זיך. איך וויל ניט ריזיקירען צו בעגעגענען אלטע ערינערונגען אין דער ערסטער איינפאהר־הויז, וואו איך וועל פערפאהרען. ניין, איך וויל עס ניט.

זיא האט זיך ווילד ארומגעקוקט, וויא זיא וואלט געזוכט מיט דיא אויגען עפּעס א זאך, מיט וועלכער זיא זאר קענען נעהמען זיך דאס לעבען. ווליאם האט איהר נאכגעקוקט. ווען זיא זאל פּרובען נעהמען זיך דאס לעבען אין דיזען מאמענט, וואלט ער אפילו ניט אויפגעהויבען א פינגער, אום אבצוהאלטען איהר.

זיא האט זיך פּלוצים דערמאנט אן איהר קינד און זיא האט זיך א קעהר צו איהר מאן.

— הער מיך אויס, האט זיא געזאגט אין דער גיך. דוא וועסט מיר שווערען, אז דוא וועסט מיר קיין מאל ניט שטערען צו שטארבען, ווען אונזער לעבען וועט ווערען אונערטרעגליך.

ער האט צוגעשטימט און כאפענדיג זיין הוט. האט ער צו איהר געזאגט:

— קום!

— ווילסטו ניט פערבלייבען דא ביז מארגען? האט זיא געפרעגט.

— ניין, האט ער געענטפערט מיט א ציטער.

זיי האבען צוזאמענגענומען זייערע זאכען און האבען זיך צום לעצטען מאל ארומגעקוקט איבערן צימער. דאס פייער אין אויווען איז אויסגעגאנגען; דער זיינער האט שוואך אבגעשיינט אין שאטען. דיא בילדער אויף דיא ווענד האבען אויסגע־זעהן וויא שווארצע פלעקען. און דאס פּאר פאָלק האט צו זיך אליין געזאגט, אז אין צימער זיינען זיי אריינגעטראָטען פול מיט האפנונג און געהען ארויס פון דאנען פול מיט פערצווייפלונג.

אין קארידאָר זיינען זיי פערביינעגאנגען זשאק'ס מהיר מיט שיואכע טריט, אום זיי זאלען איהם ניט אויפוועקען. ווען זיי זיינען אריין אין הויף, האבען זיי גע־מוזט אויפוועקען דעם דיענער. עס איז שוין געוועזן צוויי א זייגער, און ער איז גע־ווען בייז פאר וואס מען האט איהם אויפגעוועקט. באלד אבער איז איהם ארויף א געדאנק, אז ביים פּאר פאָלק האט געמוזט פּארקומען א סקאנדאל און דאס האט איהם פרייליך געמאכט. און ווען זיי האבען זיך אריינגעזעצט אין קארעטע, האט ער זיי נאכגעשריען:

— א גליקליכע רייזע, מאדאם מאנדעלען!

מאַנדאַלען האט אנגעהויבען צו וויינען אין דער שטיל. ווילאַם האט אבגע־
לאזט דיא לייטשעס און דאס פערד האט זיי אליין אוועקגעפיהרט אין וועטייל. זיי
האבען שוין נים געדענקט פון פאַריז און האבען צוריקגעקעהרט א היים, וויא
טוידטליך פערוואונדעטע חיות שלעפען זיך אין זייערע לעבער אום ארויסצולאזען
דאָרטען זייער לעצטען אטהעם.

XIII.

אין שלאָס וויא עס האט געשיינט איז דאס לעבען געגאַנגען וויא פריהער.
מאַן און ווייב האבען זיך ווידער איינגעשלאסען אין דער וואַרעמקייט און שטילקייט
פון זייער גרויסען סאַלאָן, נאר זייער איינזאמקייט האט פערלארען דיא זיסקייט און
רוהיגקייט פון א מאָל. צווישען זיך האבען זיי נאר גערעדט פון געוואוינליכע זאכען
דעם קריזיס, וואס זיי זיינען אויסגעשטאנען אין דער איינפאַהר־הויז, האט זיי אב־
געשוואכט גייסטיג און פהיזיש. ווען א שמערצליכע עראינערונג איז זיי ארויפגעקו־
מען אויפ׳ן געדאנקען, פלעגען זיי זאגען צו זיך אליין, אז זיי האבען נאך צייט און
זשאַק וועט ערסט קומען אין א מאָנאט ארום. און זיי האבען געזוכט צו דענקע
נאר וועגען קליינינקייטען, וויא צום ביישפיעל וועגען וועטער, וואס פאר א מיטאָג
וועלען זיי האבען און וויא דאס פייער ברענט אי אייוועז. זיי וואלטען גערן פערב־
ראַכט אזוי דאס גאַנצע לעבען, נאר זייער בעטויבונג האט לאנג נים אנגעהאלטען,
דיא מינדסטע זאך האט זיי פערורזאכט גרויסע שמערצען.

זשענעוויוו האט געטהאָן אלץ וואס זיא האט געקענט צו פייניגען זיי, און
דאס איז געווען זיא, וואס האט ביי זיי ווידער ארויסגערופען דעם שמערץ. דיא
אַלטע פאַנאטישע פרוי איז געווען אונערבארעמליך צו דער זינדיגער.

זיא האט מאַנדאַלען קיין מאָל נים ליעב געהאט און איצט האט זיא איהר
געהאַסט, נאר איהר האַס איז געווען אויסגעמישט מיט מורא, זיא האט שטענדיג
אנגענומען אזא פאזיציאָן, וויא זיא האלט זיך אין איין פערטהיידיגען אנטקעגען דעם
שליח פון דעם טייפעל. זיא איז געבליבען וואוינען מיט זיי אזוי וויא פריהער און
האט געגעסען מיט זיי און פערבראַכט דיא אבענדען אין סאַלאָן. נאר איהר האל־
טונג איז געווען א שטענדיגער פראָטעסט.

זיא האט געטהאָן איהר בעסטעס ארויסצואווייזען מאַנדאַלען, וויא זיא פער־
אכטעט איהר. ווען מאַנדאַלען פלעגט עפּעס אנריהרען, פלעגט זיא זיך אבקעהרען
פון דעם מיט עקעל, ארויסווייזענדיג דערמיט, אז מאַנדאַלען האט עס פעראונריי־
ניגט מיט איהר בעריהרען. זיא פלעגט יעדען אבענד לייענען פון דער ביבעל דיא
שרעקליכסטע פלעצער און פון צייט צו צייט פלעגט זיא זיך אריינשטעלען איהרע

איינענע בעטראכטונגען און דראָהען מיט דיא שרעקליכסטע פּייניגונגען דער זינ־דינגע, וועלכע זיא האט ניט אנגערופען מיט'ן נאמען, אבער זיא האט דאבייא ניט אראבגענומען איהרע אויגען פון מאגדאלען און האט דערמיט געגעבען קלאר צו פערשטעהן, וועמען זיא מיינט. זיא האט בעשריבען דעם גהנם מיט דיא שרעקליכסטע פארבען, קעסלען מיט קאָכעדיגען בוימאויל, טייוואלים וואס האלטען דיא זינדיגע איבערן פייער און בראָטען זיי, א פייערדיגער רעגען וואס הערט ניט אויף צו גיסען אויף דיא קעפּ פון דיא רשעים. זיא פלעגט ענדיגען איהר לייענען מיט א תפלה צו גאָט, אז ער זאל ניט איבערלאזען אויף דער ערד ניט איין זינדיגען און זאל זיך גיך אברעכענען מיט דיא רשעים.

מאגדאלען האט געזוכט ניט צו הערען נאר דיא שטענדיגע ווערטער זיינען געקראָכען אין איהרע אויערען געגען איהר ווילען. מאגדאלען האט א מאָל נאָר קיין גלויבען ניט געהאט, נאר איצט איז זיא געווארען אבערגלויביש. אין געוויסע שווערע מאמענטען האט זיא מיט'ן גאנצען הארצען געגלויבט, אז דער גהנם מיט אלע זיינע שרעקען עקזיסטירט אין דער ווירקליכקייט. עס פלעגט איהר צייטענווייז דוכטען, אז אויב זיא וועט שטארבען ביי נאכט, וועט זיא זיך אין דער פריה אויפ־כאפּען אין ברענענדיגע קאָלך־אייוועז. דיא פאנאטישע פרוי האט געריהרט איהר מאָרך.

נאר ניט אלע מאָל האט מאגדאלען אזוי געדולדיג אריבערגעטראגען זשענער־וויזו'ס בעליידיגונגען, און צייטענווייז ווען דיא אלטע פרוי האט אבגעשטופּט אין א זייט דאס ברויט, וואס איהר ווירטהין האט אנגעריהרט, האט מאגדאלען געזאגט צו זיך, אז זיא וועט עס לעננער ניט דולדען; זיא איז דא דיא ווירטהין און וועט זיך ניט אונטערוואַרפען צו דיא קאפּריזען פון א פערריקטע פרוי.

— פערלאזט דיא הויז! האט זיא געשריען. געהט גלייך אוועק!

און אזוי וויא וויליאם האט זיך ניט אריינגעמישט, האט זיא זיך געווענדט צו איהם.

— פאר וואס זאלסטו ניט זעהן, אז מען זאל פאר דיין ווייב האבען רעס־פּעקט? שיק אוועק דיזע פרוי, אויב ביי דיר איז נאר פערבליבען עפּעס ליעבע צו מיר.

זשענעוויוו האט א זעלטזאמען שמייכעל געטהאָן און אוועקשטעלענדיג זיך גלייך אויסגעצויגען, קוקענדיג גלייך מאגדאלען אין דיא אויגען, האט זיא געזאגט מיט איהר לעבעדיגען קול:

— ער ווייס, אז איך בעליידיג קיינעם ניט. פאר וואס צינדסט דוא זיך אזוי אן? דאס איז גאָט וואס רעדט דורך מיר.

זיא האט געהאלטען דיא ביבעל, וועהרענד זיא האט גערעדט און איהר גע־דיכט האט געשטראהלט פון א העלישען פערגניגען.

— דאס איז שטענדיג אזוי, האט זיא פארטגעזעצט. דער שולדיגער טרעט מיט דיא פיס דעם אונשולדיגען. עס וואלט געוויס געווען א פיינע זאך פאר דיר ארויסצוויאָגען מיך פון דער הויז, וואו איך האב אבגעלעבט דרייסיג יאָהר, ארויס־געיאָגט ווערען פון דיר, וואס איז אריינגעקומען אהער און מיטגעבראכט נאר טרע־רען און זינד. קוק אויף מיך! איך בין שוין כמעט אלט הונדערט יאהר, איך האב אלע מיינע יאהרען פערבראכט אין ארבייט און אין תפילות. ווען איך קוק זיך אום אויף מיין פעקיל יאהרען, געפין איך נים איין זאך, פאר וואס איך זאל זיך קענען מאכען פארווירפע. און פון וואנען ביזטו אראבגעקומען? ווער ביזטו, אז איך זאל פאר דיר בויגען מיין קאָפּ? דוא ביזט יונג, נאר דוא ביזט פערדארבען איך קען דיך ריכטען אבער נים פאלגען.

זיא האט ארויסגערעדט דיא ווערטער מיט א פאָלשטענדיגער איבערציינונג, און יעדעס ווארט האט געשטאכען מאַגדאַלען אין צעהנטען ריפּ.

— דוא זאלסט דיא הויז פערלאזען, האט מאגדאלען געזאגט. בין איך דען נים דא דיא הערין אין הויז?

- ניין, איך וועל דיא הויז נים פערלאזען, האט זשענעוויוו געענטפערט. גאָט האט מיר אנגעוויזען דעם פלאץ, אז איך זאל אכטונג געבען אויף מיין זוהן וויליאמען. איך וועל בלייבען דא, ביז איך וועל איהם רעטען פון דיינע צויבערייען, און וועל זעהן, וויא דוא ווערסט צערשמעטערט פון גאָט'ס צאָרן.

דיזער שטעכענדיגער קול, דיזע שרעקליכע ווערטער זיינען געווען מעהר וויא זיא האט געקענט פערטראגען און האט זיך א וואָרף געטהאָן אין איהר פאָטעל און האט אויסגעבראכען אין א גרויס געוויין.

— זעהט איהר דען נים, אז איהר טוידטעט מיך מיט אייערע שטענדיגע פערפאלגונגען? האט זיא געיאָמערט. ווילט איהר אז איך זאל בערייהען מיינע זינד?

— תשובה איז אומזיסט, גאָט איז קיין מאל נים מוחל, האט זשענעוויוו געענטפערט.

— אויב אזוי, לאזט מיך אין רוה, איך וויל מעהר נים הערען און וויסען פון אייער גאָט און אייער טייוועל איהר קענט בלייבען אונטער דעם דאך, אבער קומט נים אין דיזען צימער. איך האב געבעטען פון אייער לייענים נים געקענט איינשלאפען.

זשענעוויוו האט א שמייכעל געטהאן מיט א מינע פון גרויסע צופרידענהייט.

— נים איך האב דיר נים געלאזם שלאפען, נאר דאם איז געווען דער מיי־וועל, וואס זיצט אין דיר און וואס הויבט דיך אן צו מאטערען אזוי ניך, וויא דוא לעשט אוים דאס ליכט.

— איהר זיים פעררינקט ! האט מאגדאלען אויסגעשריען. צום גליק בין איך נים קיין שרעקעדיגע.

— נאר אין דיר זיצט א נים-גוטער, האט געענטפערט דיא פאנאטישע פרוי מיט אן איבערציינטען טאָן. קוק אויף דיינע הענד אין דיזען מאמענט ! דוא זעהסט נים, וויא זיי ציטערן ? דער שטן זיצט אין זיי, דער שטן !

זיא האט ארויסגעלאזט א געשריי און האט זיך א ציה געטהאָן א הינטער, אזוי וויא זיא וואלט דערזעהן א ווילדע חיה. מאגדאלען האט א קוק געטהאָן אויף איהרע הענד, וואס האבען אין דער ווירקליכקייט קראמפּהאפט געציטערט. זיא האט נים געענטפערט, נאר זיא האט געטראכט מיט זיך אליין:

„זשענעוויוו איז גערעכט, נים זיא שרעקט דאס מיך, דאס איז מיין אייגע־נער שולד."

נאָכדעם האט מאגדאלען אויפגעגעבען דעם קאמפף און האט געמוזט נאכ־געבען, אז זשענעוויוו זאל בלייבען. און ענדליך האט מאגדאלען אנגעהויבען צו זעהן אין זשאק'ן דעם דעמאָן, וואס זשענעוויוו האט געזאגט, אז ער זיצט אין איהר.

„איך מוז זיין נידערטרעכטיג, פלעגט זיא צו זיך זאָגען, ווען דיזע פרוי בעט־ראכט מיך וויא אן אונריינע חיה, ווענעס קאָפּ זיא וואלט גערן צערשמעטערט מיט'ן אָבסאץ פון איהר שוך."

און מאגדאלען האט אנגעהויבען צו קוקען אויף זיך אליין מיט האס. איהר האט אויסגעוויזען, אז איהר פערלדינע הוים פערדעקט עפעס א שרעקליבע בעסטיע דער רעליגיעזער וואהנזין פון דער פאנאטישע פרוי האט אויף איהר געמאכט אזא שרעקליכען איינפלוס, אז זיא פלעגט זיצען שטונדען לאנג און צוהערען זיך צום טייוועל אין איהר ברוסט.

וויליאם האט איהר נים געקענט פערטהיידיגען פון דער פאנאטישער פרוי, ווייל ער האט געקוקט אויף זשענעוויוו וויא אויף א בעגייסטערטע פראָפעטין (נביאה). דאך האט ער פון גאנצען הארצען געוואונשען, אז זיא זאל זיך אריבער־ציהען אין איהר שטיבעל ביים ענדע פארק, נאר ער האט דאס נים געוואגט צו זאָגען איהר, ווייל זיא האט געווינט דאס ווינעל פון זיין פאָטער און זיין אייגענע. און ווען זיא פלעגט זיך קריעגען מיט מאגדאלען, פלעגט ער אנטלויפען; נאר זיי פלעגען איהם שטענדיג כאפען, און מאגדאלען האט איהם אויפגעווארפען פאר

וואס ער ערלויבט זאשנעוויה׳ן צו זידלען איהר, און זשענעוויוו האט איהם געזאגט אז ער נעהמט מיט אפענע אויגען אין גהנם אריין דערמיט, וואס ער לעבט מיט אזא זינדיגע, וויא זיין ווייב איז. ער פלעגט נאר קענען בעטען זיי ביידען, אז זיי זאלען שווייגען און ניט מאכען זיין לעבען אזוי ביטער.

ווען ער פלעגט זיי זעהן צוזאמען, האט ער שטענדיג ערווארט א סצענע און ער איז דיא גאנצע צייט געווען אין איין מורא און ציטערניס. זשענעוויוו האט זיך אריינגענומען אין קאפּ, אז אויף איהר ליגט דיא פליכט ארויסצורייסען איהם פון מאנדאלען׳ס הענד און זיא האט מיט אלע קרעפטען געשטרעבט צו דעם ציעל.

— הער, מיין זוהן, פלעגט זיא זאגען צו איהם. פאר וואס קומסטו ניט אריין אין מיין צימער צו בעטען גאָט, וויא דוא פלעגסט עס טהאן, ווען דוא ביזט געווען א קליין קינד. דוא וועסט מיר נאכזאגען דיא תפילות, וויא דוא פלעגסט עס טהאן דאמאלס און גאָט וועט דיך בעהיטען פון דיא שרעקען פון דער נאכט.

וויליאם האט זיך געמאכט, ניט הערענדיג, און דאן האט זיא איהם דייטלי־כער ערקלערט, וואס זיא וויל.

— דוא קענסט נאך ראטעווען זיך פון דעם שטן׳ס הענד, האט זיא געזאגט צו איהם, אויב דוא וועסט ווידערהאלען דריי מאל דיא ווערטער, וואס איך וועל דיר אויסלערנען דיא ווערטער זאלסטו זאגען, ליגענדיג אנגעשפארט אויפ׳ן אקסעל פון יענער בעשעפעניס.

מאנדאלען איז געווען אנוועזענד, ווען זשענעוויוו האט דאס גערעדט, און זיא האט זיך צוגעהערט צו דיא ווערטער פון דער וואהנזיניגער פרוי, מיט א טעמפּען ווייהטאָג אין הארצען.

דאן האט זשענעוויוו געזאגט דיא ווערטער, וועלכע האבען געדארפט פער־וואנדלען מאנדאלען אין א בארג אש און שטויב.

— „ארויסגעלאסענע טאכטער פון גהנם. קעהר זיך צוריק צו דיא פלאמען, פון וועלכע דוא ביזט געקומען מיט דער אבזיכט צו פערנארען מענער אין דיין נעץ אום זיי זאלען נעהן כף־הקלע. זאל דיין הויט ווערען שווארץ און פערוואקסען זאלסטו ווערען מיט דיינע רויטע האר איבערן גאנצען לייב וויא א ווילדע בעסטיע. קעהר זיך אום צוריק, פון וואנען דוא ביזט געקומען. אין דעם נאמען פון גאָט הייס איך דיר, אז דוא זאלסט אוועק פון דאנען!“

דיזען שפרוך האט זיא ווארשיינליך געמאכט אליין: מען האט עס געדארפט זאגען דריי מאל מיט געוויסע קאבאליסטישע צייכענס, און נאכ׳ן דריטען מאל האט דיא שעהנע בעשעפעניס געדארפט פערוואנדעלט ווערען אין א בארג אש.

דיזער זעלטזאמער צוזאמענמיש פון רעליגיאָן און צויבערייִ האבען געמאכט אין גאנצען פערגעסען דעם מאן און ווייב אויף וואס פאר א וועלט זיי זיינען. מאנ־דאלען׳ס פערשטאנד איז צייטענווייז אין גאנצען פערדונקעלט געווארען אונטער דיא שרעקליכע גייסטיגע קלעפּ, וואס זיא האט נעקריגען פון דער אלטער פרוי. דער שלאס איז אנגעפילט געווארען מיט איהרע שפּרוכען, און גאנץ אָפט פלעגט זיא דורך דיא גאנצע נעכט זאָגען תהלים.

אויסער זשענעוויוו איז געוועזען נאך א געגענשטאנד, וואס האט זיי פערביטערט דאס לעבען. דיא קליינע לוסי איז מיט יערען טאג געווארען עהנליכער צו זשאק׳ן. איהר אָמע האט איצט נעקריגען א פּלאץ אין וועטייל, און לוסי איז דיא גאנצע צייט געבליבען אין דער היים. ווילִיאם האט ניט געוואגט צו זאגען, אז ער האט פאר איהר מורא, נאר ער פלעגט אויסמיידען צו דענקען וועגען איהר. לוסי פלעגט זיך ניט שפּיעלען וויא אנדערע קינדער; זיא פלעגט זיצען שטונדען־לאנג שטיל און פערטראכט. זיא האט מיט׳ן שארפען אינסטינקט פון א קינד דערפיהלט, אז מען ליעבט איהר ניט, וויא פריהער און דאס האט איהר געמאכט טרויעריג. מאנדאלען האט בעמערקט, אז ווילִיאם האט פיינד גערויש און האט אזוי אָפט געהייסען לוסי׳ן צו זיין שטיל, אז דאס קינד איז געווארען שרעקעדיג און האט אנגעהובען ארומצו־געהן מיט שטילע און פאָרזיכטיגע טריט. איהר ליעבלינגס פּלאץ איז געוועזען נעבען פייער, וואו זיא פלעגט זיך צוזאמענדרייען און האלטען איהרע פּיסלאך אין דיא הענד. צייטענווייז האט זיא געקוקט אויף איהר פאטער מיט אזעלכע אויגען, וויא זיא וואלט איהם וועלען פרעגען, פאר וואס ער האט איהר מעהר ניט ליעב. אין דיזע מאָמענטען איז זיא געוועזען אזוי עהנליך צו זשאק׳ן, אז ווילִיאם האט אויף איהר ניט געקענט א קוק טהאן.

זיא האט דאן אויסגעזעהן אזוי אלט, אזוי קלוג, אז ווילִיאם האט פערגעסען איהרע יאהרען, און איהם האט געדאכט, אז זיא פערשטעהט דיא גאנצע מעלאנ־כאָלישע געשיכטע און האט כמעט ערוואַרטעט, אז זיא וועט מיט איהם פערציהען א רייד וועגען איהר עהנליכקייט צו זשאק׳ן.

צייטענווייז פלעגט לוסי מעהר וויא קוקען אויף איהר פאטער. זיא פלעגט צו איהם צוגעהן און אויסשטרעקען איהרע הענטלאך מיט דיא ווערטער:

— נעהם מיך! נעהם מיך!

זיא האט ניט געקענט איבערטראגען איהר אבגעזונדערטקייט און האט זיך געגעטהיגט אין ליעבע, אין קושען און גלעטען. ווען ווילִיאם האט זיך ניט אונ־טערגעגעבען צו איהר בעטען, פלעגט זיא זיך איינשפּארען מיט ליידענשאפטליכען

כעס, און ווען דער פאטער האט זיך ארויסגעריסען פון איהרע קלײנע הענטלאך, איז זיא געלאפען מיט א געוויין צו דער מוטער. מאגדאלען האט געליטען פאר איהר קינד, נאר זיא האט ניט געוואגט צו נעהמען איהר אויף דיא הענד און גלעטען איהר, אום ניט צו ערגערען דעם מאן. נאר ווען דאס קינד איז צו איהר צוגעלאפען מיט א געוויין, האט זיא זיך ניט געקענט העלפען און האט גענומען דאס קינד אויף דיא הענד און האט מיט קושען אבגעווישט דעם קינדס טרערען.

א מאל ווען דער פאטער האט לוסי'ן גראב אבגעשטופט, איז זיא צוגעלאפען מיט א געוויין צו דער מוטער.

— דער פאפא האט מיך א זעץ געטהאן! האט זיא געיאמערט. איך האב איהם ניט ליעב!

וויליאם איז איהר נאכגעגאנגען, בערייהענדיג זיין ברוטאליטעט.

— זעה, טהייערע, אט איז דער פאטער, האט מאגדאלען געזאגט צו איהר. ער וועט דיך א קוש טהאן, אויב דו וועסט זיין גוט.

נאר לוסי האט מיט שרעק איינגעגראבען איהר געזיכט אין דער מוטערס אקסעל.

דיא אנוועזענהייט פון דעם קינד איז געווען פאר'ן פאטער און מוטער א שטענדיגע, אונאויפהערליכע אבקומעניס. עס האט זיי אויסגעוויזען, אזוי וויא זשאק אליין וואלט מיט זיי דא געווען. וויליאם האט נאך אלץ ליעב געהאט זיין קינד און פלעגט זיך אפט ווענדען צו איהר, אום צו נעהמען איהר אויף דיא הענד, נאר דערזעהענדיג אויף איהר געזיכט דעם אויסדרוק, וואס איז געווען אזוי עהנליך צו זשאק'ס, פלעגט ער זיך פון איהר אבווענדען,

— „איך האב ניט קיין ווייב און איך האב ניט קיין קינד, פלעגט ער זאגען צו זיך אליין. וויא עס שיינט האט זשאק זיי ביידען."

איין אבענד איז לוסי אנשלאפען געווארען אויפ'ן טעפיך נעבען פייער. איהר שלאף איז געווען אן אונרוהיגער און מאגדאלען האט איהר גענומען אויף דיא הענד, אום צו לעגען איהר אין בעט. ביים אויפהויבען איהר, האט זיא בעמערקט, אז דאס קינד האט היץ און זיא האט זיך ענטשלאסען ניט אבצוטרעטען פון איהר דיא גאנצע נאכט. זיא האט געהייסען אריינטראגען דאס קינדערשע בעטעל אין איהר צימער און איז געזעסען נעבען איהר דיא גאנצע נאכט און אבגעהיט איהר. וויליאם האט בעאבאכטעט זיין ווייב, ווען זיא איז געזעסען אנגעבויגען איבערן קינד און איהם האט געדוכט, אז דאס איז א חלום.

אין דער פריה האט דער דאקטאר געמעלדעט, אז דאס קינד האט א שאר־לאך פיעבער. זיא האט אין גאנצען פערגעסען און וויליאם׳ס עקזיסטענץ, אזוי פער־זארגט איז זיא געווען פון דעם קינד׳ס קראנקהייט, וועהרענד וויליאם האט זיך דיא גאנצע צייט געפלאגט מיט׳ן פינסטערן געדאנקען: צו זיא זארגט ניט אזוי שטארק וועגען קינד, ווייל עס איז עהנליך צו זשאק׳ן?

אמאל ווען ער איז געבליבען אין סאלאָן אליין, האט ער זיך געפרעגט, וויא וואלט ער זיך געפיהלט, ווען זיין ווייב זאל איצט אריינקומען און זאָגען איהם, אז זייער קינד איז טוידט? און זיין גאנצעס וועזען האט אויסגעשריען, אז ער וואלט בעגעגענט דיזע נאכריכט וויא א גרויסע ערלייכטערונג. ער האט א שוידער גע־טהאן און געפרעגט זיך אליין, אויב ער איז ניט קיין מערדער? היינט ווינשט ער אז זיין קינד זאל שטארבען און מארגען וועט ער עס פיליכט אליין ערמארדען.

זשענעוויוו האט נאך פערגרעסערט זיינע שמערצען. דעם ערסטען טאָג, וואס לוסי איז קראנק געווארען, איז זיא אריין אין צימער פון דער קראנקער און האט נביאות געזאגט, אז זיא וועט שטארבען און גאָט וועט איהר צונעהמען פאר דיא זינד פון דיא עלטערן. זיא האט געוואלט העלפען מאנדאלען, נאר זיא האט ניט אויפגעהערט איהרע דראָהונגען. ענדליך האט איהר מאנדאלען געהייסען פערלאזען דאס צימער. איצט האט זיך זשענעוויוו גענומען צו וויליאמען און האט איהם פערפאלגט אויף שריט און טריט מיט גאָט׳ס צאָרן און מיט׳ן גהנם. ער פלעגט פון איהר אנטלויפען אזוי גיך וויא ער האט געקענט, נאר ער האט זיך ניט געהאט וואו הינצוטהאָן. ער איז אריין אין צימער פון דער קראנקער און באלד ארויס און ווידער אריין און האט געוואנדערט איבער דיא קארידאָרען, פון וואנען ער האט געקענט הערען, וויא דאס קינד רופט איהם.

— פאפאָ! פאפאָ!

דריי וואכען לאנג האט זיך ביי זיי יעדע מינוט געביטען פערצווייפלונג און האָפנונג. ענדליך האט דער דאקטאר געזאָגט צו דער מוטער, אז זיא קען האָפען.

דיא קראנקהייט האט געדויערט לאנג און וויליאם האט איצט געהאט א נייע בעאונרוהיגונג. ער האט בעמערקט אין מאנדאלען א מינע, וואס האט איהם דער־מאנט אן זשאק׳ן, און ער האט איצט אנגעהויבען צו שטודירען זיין ווייב. איהר יעדען קעהר און ריהר און יעדען אויסדרוק, און ער איז באלד געקומען צום שלוס, אז אן איהר האט זיך אנגעקלעבט פיעל פון זיין „איך“, פון זיין פערזענליכקייט, פון זיין אינדיווידואליטעט. דיזע עגטדעקונג איז פאר איהם געווען א גרויסער קלאפ.

דיא ענטדעקונג איז געווען א ריכטיגע, ווייל מאנדאלען איז אין פיעל הינזיכטען געווען עהנליך צו זשאק. זיא האט געברויכט זיינע פראזען. און איהר געלעבטער איז געווען אן אבשפּיגלונג פון זיינעם. פאר א געוויסע צייט איז דיא עהנליכקייט פערשוואונדען געווארען, נאר צייט ער האט זיך צוריקגעקעהרט, איז ער ניט ארויס פון איהר זינען און דיא עהנליכקייט האט זיך צו איהר צוריקגעקעהרט מיט מעהר שטארקייט.

וויליאם איז אָפט א פערציטערטער געווארען פון א געוויסען טאָן אין איהר שטימע, און ער האט זיך ארומגעקוקט. וויא ער וואלט ערווארטעט צו בעגעגענען מיט דיא אויגען זיין אלטען פריינד. ער האט געפיהלט אזוי וויא דיא מארך ווערט איהם געריהרט. ניט נאר דאס קינד איז געווען א לעבעדיג בילד פון זיין חבר, זאנדערן זיין ווייב האט צו איהם גענומען רעדען מיט זיין טאָן און זיינע תנועות. מאנדאלען האט זיך געענדערט, איהר מוטערליכע רוהיגקייט, זארגלאזיגקייט פון איהר געזיכט איז פערשוואונדען געווארען. זיא האט פערלארען אין גאנצען איהר זיסען און רוהיגען חן, דעם חן פון א ווייב און א מוטער.

א מאָל ביי נאכט האט ער דערהערט, וויא זיין ווייב האט ארויסגעלאזט א שטיקען זיפץ און עטליכע ווערטער פון שלאָף. ער האט זיך צוגעהערט: „זשאק!" האט זיא געזאגט: „זשאק!" ער איז געשווינד ארויסגעשפּרונגען און האט איהר מיט דער האנד גענומען וועקען פאר'ן אקסעל.

— מאנדאלען! שטעה אויף! שטעה אויף!

גלייך וויא איהרע אויגען זיינען געפאלען אויף וויליאמען, האט זיא פערשטאנען, וואס דא איז געווען. ער האט אויף איהר געקוקט מיט א טיעפע פעראכטונג. זיא האט אויסגעבראכען אין א געוויין. אין דיזען מאמענט האבען א פאר פּסוקים פון תהלים דערגרייכט צו זיי. דאס האט געזונגען זשענעוויוו איבער זיי און דיא ווערטער האבען זיך אהאבגעקייקעלט פון דיא טרעפּ ביז צו זייער צימער. דאס איז ניט געווען קיין צופאל, נאר היינטיגע נאכט האט איהר קול געקלונגען אזוי, וויא ער וואלט פערקינדיקט עפּעס אן אונגליק. מאנדאלען האט זיך צוגעהערט און האט געציטערט פון קאָפּ ביז דיא פיס. עס האט איהר געשיינט, וויא א לויה געהט דורך דיא קארידארען פון שלאָס. זיא האט אומגעקעהרט דעם קאָפּ און א קוק געטהאן אויף איהר מאן; ער איז געלעגען מיט ביידע הענד פערבראכען אונטערן קאָפּ און האט געקוקט אויפ'ן סופיט (צימערדעקע). מאנדאלען האט צו זיך געזאגט, אז זשענעוויוו'ס תהלים זאגען איז נאר צו דערמאנען וויליאמען וועגען דער שפּרוך, דאס זיא האט איהם געלערנט, אז ער זאל פערשילטען זיין ווייב. און איהר האט

ארסנעדוכט, אז ער וועט זיך באלד אַנשפּארען אן איהר אקסעל, וועט מאכען די די קאבאַליסטישע צייכענס און וועט אנהויבען: „דוא, קינד פון גיהנום...."

ווער ווייס! פיללייכט וועט זיא פערוואנדעלט ווערען אין א בארג אש און שטויב. א קינדערשער שרעק האט איהר אנגעכאפּט און איז צונעקראָכען צום בעט און געלעגט זיך נאר אויפ'ן ראנד. די צייהנער האבען ביי איהר געקלאפּט און זיא האט זיך יעדע מינוט געשראָקען, אז אט געהט ווילאם צו צו איהר און מאכט די קאבאַליסטישע צייכענס. דאס וואס ער ליגט מיט אפענע אויגען, ווייזט, אז ער ווארט נאר, ביז זיא וועט איינשלאפען. דיזע ציטערנים האט איהר געהאלטען די גאנצע נאכט. אויסער דעם האט זיא מורא געהאט איינצושלאפען, אום זיא זאל נים ארויסברענגען ווידער א מאל זשאק'ס נאמען אויף איהרע ליפּען.

נאך דער נאכט האבען מאן און ווייב ביי א שטומער איינשטימונג. אהנע צו זאגען איינער דעם צווייטען א ווארט. פערנומען בעזונדערע צימערן, וואס איז גע־ווען טהאטזיכליך א מין שיידען זיך. צייט זשאק'ס ערשיינען, האבען זיי ביסלאכווייז, ביסלאכווייז גענומען זיך צו דעם שיידען, נאר זעלטזאמער פון אלץ איז דאס, וואס איצט האבען זיי איינער דעם צווייטען ליעב געהאט מעהר וויא פריהער. צווישען זיי האט זיך געלעגט אן אבגרונד, אבער דאס האט זיי נים געשטערט צו שטעהן פון ביידע זייטען און בעוואונדערן איינער דעם צווייטען פון דערווייטענס.

זיי האבען געזעהן, אז זיי זיינען שוין נים לעננער צוויי קערפּערס און איין זעעלע, נאר זיי האבען געפיהלט אן אונגעהייערען אן ביטערן פערגניגען, וואס זיי זיינען דאך אינטער איין דאך.

ביז איצט האבען זיי אויסגעמיטען צו רעדען, וואס זאלען זיי טהאן, ווען זשאק וועט קומען צוריק. זיי האבען אבגעלעגט דאס רעדען וועגען דעם פון איין טאג אויפ'ן צווייטען, נאר וואס מעהר טעג זיינען אריבער, האבען זיי זיך אלץ מעהר געשראָקען פאר דעם פאַרשטעהענדען געשפּרעך, און ווען עס איז געקומען ענדע מאָנאט, זיינען זייערע ליידען געווארען אונערטרעגליך. זיי האבען אזוי ווייט פער־לארען די ענערגיע, דעם קוראזש און מוטה, אז זיי האבען מורא געהאט אפילו ארויסצורעדען זייערע שרעקען איינער פארן צווייטען און אויף אזא אופן האבען זיי אפילו נים געקענט אויסרעדען איינער פאר'ן צווייטען דאס הארץ און פיעל ווענינ רוהיגער ווערן. ביי יעדען קלונג פון גלעק'ל האט זיך ביי זיי געזעגענט די נשמה מיט'ן קערפּער. ענדליך האבען זיי בעקומען אין די לעצטע טעג פון מאָנאט פּעב־רואר א בריעף פון זשאק'ן, וואו ער האט זיי געשריבען, אז זיין פריינד איז געשטאָר־

בען און אז ער האט בעגעגענט א שעהנע ווידווע און איז איהר נאכגעפאהרען אין ניצצע, וואו ער וועט פילייכט פערבלייבען נאך א מאָנאט.

וויליאם האָט דעם בריעף דערלאנגט מאגדאלען און האט איהר געהיט, וועהרענד זיא האט איהם געלייענט. דיא איינציגע זאך, וואס ער האט בעמערקט, איז געווען וויא איהרע ליפען האבען געציטערט.

איצט האבען מאן און ווייב ארויסגעלאזט א לאנגען זיפץ פון ערלייכטערונג. נאר דאס לעבען אין שלאָס איז געווארען אונערטרעגליך. איין פריהמארגען, ווען זיי זיינען ארומגעגאנגען אין פארק, האבען זיי דערזעהן דיא בעטלערינ׳ם גע־זיכט. זיא האט זיי נאכגעקוקט דורך דיא שטאנקעטקעס פון דעם פארקאן. ווארשיינליך איז זיא צופעליג געקומען אהער, נאר זיא האט דערקענט מאגדאלען, ווייל זיא האט אנגעהויבען צו זינגען א ליעדעל, וואס זיי פלעגען אמאל זינגען ביידע, וועהרענד זיי האבען זיך צוריקגעקעהרט פון זייערע פריילינע שפאצירס א היים:

ער וואר א רייבער, דער פאשא.

זיין נאמען וואר מוסטאפא.

טרא־לא־לא, טרא־לא־לא.

דאס טרא־לא־לא פלעגען זיי ענדיגען מיט א ווילדען געלעכטער. מאגדאלען און וויליאם זיינען געשווינד אוועק פון פארק און אריין אין הויז, און פון דאן אן האט מאגדאלען ניט געקענט אריין אין פארק, אז זיא זאל ניט בעגעגענען מיט דיא אויגען דיא בעטלעריין, וועלכע האט געהאלטען אין איין ארומוואנדערן ארום פארק, און זינגען דאס ליעדעל וועגען דעם רייבען פאשא. יעדעס מאל וואס מאגדאלען האט איהר דערזעהן פון פענסטער, האט זיא א שוידער געטהאָן. איהר האט אויסגעוויזען, וויא דער גייסט פון איהר פריהערדיגער לעבען וואנדערט דא ארום.

זיא האט געטראכט ווענדען זיך צו דער פאליציי, אז מען זאל פערטרייבען פון דאנען דיא וואהנזיניגע פרוי, נאר זיא האט מורא געהאט, אז דערפון זאל ניט ארויסקומען עפעס א סקאנדאל און האט בעסער בעשלאסען צו ווייכען פון דיא פענסטער.

און איצט האבען מאן און ווייב פערשטאנען, אז אין שלאס קענען זיי לענגער ניט פערבלייבען און עס איז צייט, אז זיי זאלען אוועקפאהרען אין פאריז, וואו זיי וועלען ניט הערען דיא בעטלערינס געזאנג און זשענעוויוו׳ס לייענים און אויך וועלען זיי בעפרייען זיך פון דער אנוועזענהייט פון זייער מאכטער. זיי האבען נאך א וואך צוויי אדער דריי ביז זשאק וועט צוריקקעהרען פון ניצצע, און גלייך וויא לוסי איז פאלקאם געזונד געווארען, זיינען זיי אוועקגעפאהרען אין פאריז.

XIV.

פינף יאהר איז וויליאמס הויז אין פאריז געשטאנען לעדיג; וויליאם האט דיא הויז ניט פערדונגען, ווייל ער האט זיך גע֗ריכט צו פאהרען יעדען זומער אין פאריז.

נאך זיין חתונה האט ער די הויז איבערגעגעבען צו א טרייען און אלטען דיע־נער פון דעם שלאס, אז ער זאל אויף איהר אכטונג געבען, און ווען וויליאם און מאגדאלען זיינען איצט אנגעקומען, האבען זיי דיא הויז געפונען אין דער בעסטער ארדנונג. דעם גאנצען וועג האט זיך וויליאם ניט געקענט בעפרייען פון א פייני־גענדען געדאנק, אז ער וועט דארטען געפינען זשאקים בילד ביי זיך אין צימער און אזויא איז דאס ווירקליך געווען. ער איז אריין אין הויז דער ערסטער און האט נאך צייט געהאט ארונטערצוכאפען דאס בילד פון דער וואנד און בעהאלטען עס, איי־דער מאגדאלען איז אריינגעקומען.

וויליאם און מאגדאלען האבען ניט גערעכענט צו פיהרען דא אן איינזאמעס לעבען. נאך דעם גרויסען שלאס, האט זייא דאס הייזעל אין פאריז אויסגעזעהן זעהר קליין און זייא האבען בעשלאסען צו בעזוכען געזעלשאפט. דעם זעלבען טאג זיינען זיי אוועק צו די דע־ריעס, וועמעס האטעל האט זיך געפונען אין זייער נאכ־בארשאפט, נאר זיי האבען זיי ניט געטראפען אין דער היים. נאר אבענד־צייט זיי־נען דיא ריעס געקומען צו זייא צוזמען מיט טיבורס. דער אלטער האט אויסגעזעהן זעהר שלעכט, דאך האט ער זיך געהאלטען שטאלץ און סארקאסטיש ווי אימער. טיבורס האט אויסגעזעהן בייז און אין א שלעכטע לוינע.

וואס אנבעלאנגט צו העלען האט זיא זיך אזויא געענדערט אז מאגדאלען האט שיער ניט אויסגעשריען פון פערוואונדערונג, ווען זי האט איהר דערזעהן. זיא האט אין גאנצען אוועקגעווארפען דיא פארב מיט די פודער און האט אויסגעזעהן וויא א טרויעריגע אלטע פרויא מיט גרויע האר.

דער שטענדיגער געברויך פון קאסמעטיקעס, פון פארב און פודער, האט עס געמאכט און האט ארויסגערופען רויטע פלעקען אויף איהר געזיכט. איהרע אויגען זיינען געווען האלב פערדעקט מיט איהרע שווערע ברעמען און דיא ליפען זיינען געווען בלייך און צודארט. עס האט אויסגעזעהען, אזוי ווי זי האט פלוצים ארונטער געריסען דיא מאסקע, וואס האט פריהער פערדעקט איהר געזיכט. העלען איז איצט אלט געווען פינף און פיערציג יאהר, נאר זיא האט אויסגעזעהן וויא פון זעכציג. זיא האט אויך אוועקגעווארפען איהרע קאקעטישע גראציעס און איז איצט געווען נער־וועז און שרעקעדיג.

ביי זייער אריינקומען האט זיך טיבורס א ווארף געטהאן צו וויליאמען מיט זיין איבערטריבענעם ענטהוזיאזמוס, אז אזוי וויא העלען איז ניט געווען פלינק גענוג ארויסצולאזען זיין ארם פון איהרען און ער האט זיך צוליעב דעם פערפלאנטערט אן איהר שלעפע, האט ער איהר א לייכטען שטויס געטהאָן פון זיך און א ווארף געטהאן אויף איהר א בליק, אז זיא האט זיך צונעקוועטשט צו דער וואנד מיט אן אויסדרוק פון שרעק אויף איהר געזיכט.

איהר מאן האט גאנץ גוט געזעהן דיא קליינע סצענע. נאד פון וייגע ליפען איז ניט פערשוואונדען דער פריינדליכער שמייכעל און ער האט זיך געמאכט ניט זעהענדיג.

וויליאם האט אוועקגערופען טיבורס'ן אין צווייטען צימער, אום צו רויבען וויל איהם האט געטהאן לייד צו קוקען אויף העלען.

ווען דיא דאמען זיינען געבליבען אליין מיט'ן הערר דע־ריע, האט העלען גע־זאגט צו מאנדאלען מיט א ביטרען טאָן:

— איך האב פאר איהם (טיבורס'ן) געטהאן וואס איך האב געקענט, נאר ער קוקט אויף מיר ניט מעהר,, וויא אויף א מיטעל, דורך וועלכען ער קען דער־גרייכען צו זיין ציעל.

אין דער זעלבע צייט האט טיבורס געזאגט צו וויליאמען אין צווייטען צימער:

— איך האב קיין ערפאָלג ניט.

טיבורס האט גוט געוואוסט, אז העלען האט געטהאן יעדע זאך, וואס זיא האט געקענט, אום איהם צו העלפען, נאר דאס האט איהם ניט גערידהרט, וויל עס איז גאר ניט ארויסגעקומען פון איהר טהאן. טיבורס אבער האט ניט געוואוסט, אז דער אלטער, דער ריע, צושטערט אין דער שטיל אלע פלענער, איבער וועלכע זיין ווייב ארבייט אזוי שווער. דאס איז געווען דאס בעסטע מיטעל אַנצורייצען דיא דיא געליעבטע איינעם קעגען צווייטען, און ער האט געהאט דערפון פיעל פערגניגען. טיבורס האט איצט אנגעהויבען צו גלויבען, אז העלען קען פאר איהם גאר ניט טהאן, און דאס האט איהם געמאכט הארט און גרויזאם צו איהר. ער האט איצט אָפען געזאגט וויליאמען, אז ער וויל זיך מיט איהר אין גאנצען צוריימען.

וויליאם האט זיך צוגעהערט מיט עקעל צו זיינע רייד. וויא וועניג ער האט ניט געקוקט אויף דיא וועלט, האט ער דאָך איהם געזעהן דורך און דורך. אויב העלענען וואלט געקוננען ארויפצושלעפען איהם אויפ'ן געזעלשאפטליכען לייטער, וואלט דיא וועלט געקוקט אויף טיבורס'ן מיט אכטונג, אזוי אבער לאכט מען פון איהם און מען קוקט אויף איהם, וויא אויף א ווערקצייג פון אן אלטער פרוי.

וויליאם האט נעזאגט אז ער טהוט גאנץ גוט, וואס ער וויל זיך צורייסען מיט העלען און ער, וויליאם, וועט זעהן פאראינטערעסירען זיין פאטערס א פריינד אין טיבורס'ן.

ווען דיא געסט האבען געדארפט אוועקפאהרען, האט דער אלטער דע־ריע שטארק געלויבט טיבורס'ן און האט בעמערקט, אז פון טויזענד יונגע לייט איז ער דער איינציגער, וואס האט אזוי רעספעקט צו עלטער און גרויע האר, און האט איהם דארום געבעטען, ער זאל געהן נאך א קארעטע, ווייל עס האט שטארק גערעגענט

טיבורס איז צוריקגעקומען פון נאס דורכגענעצט און בעשמוצט. דער אלטער האט איהם געבעטען ער זאל איהם העלפען אריינשטייגען אין קארעטע און האט איהם נאכדעם צוריקגעשיקט נאכ'ן וויב, וואס איז געשטאנען אונטערן באלקאן.

מאנדאלען האט גוט געזעהן, אז אזעלכע געסט, וויא דיא, וועלען ניט פער־טרייבען זייערע טרויריגע געדאנקען. זייער הויז איז געווען צו קליין, אום אויפצונע־מען געסט ביי זיך, און זיי האבען זיך בעשלאסען צו פערברענגען יעדע נאכט ערגעץ אין א סאלאן, וואו מענשען קומען זיך צוזאמען און שמייכלען: איינער צום צווייטען ביז האלבע נאכט.

דע־ריע האט זיי פארגעשטעלט אין א צעהן פארנעהמע הייזער, וואו מען האט מיט פרייד אויפגענומען וויליאמען און זיין פרוי, וואס האבען געטראגען אזא הויכע טיטעל. זיי האבען יעדען אבענד געהאט וואו צו פערברענגען און האבען זעלטען גע־זעהן איינער דעם צווייטען אונטער פיער אויגען.

דיא לעדיגקייט פון זייער לעבען איז זיי אנפאנגס זעהר געפעלען געווארען. זיי האבען ווענינ געזארגט, וואו זיי פערברענגען דעם אבענד, אלע סאלאנען האבען ביי זיי געהאט איין פנים. מאנדאלען פלעגט זיך זיצען אויף א זאפע מיט'ן שמייכעל פון א פרוי, וואס האט קיין געדאנק ניט אין קאפ. אויב מוזיק האט געשפיעלט, האט זיא דיא אויגען ניט אראבגענומען פון דער פיאנע, נאר זיא האט קיין זאך ניט גע־הערט. אויב מען האט געטאנצט, האט זיא געטאנצט מיט יעדען איינעם און האט ניט געוואוסט מיט וועמען זיא טאנצט און וויא זעהט ער אויס. אזוי לאנג וויא זיא האט זיך געפונען צווישען מענשען אין גערויש און ליכט, איז זיא געווען צופריעדען. וויליאם האט פערבראכט גאנצע אבענדען ערגעץ נעבען א פענסטער און האט בע־טראכט דיא ווייסע אקסלען פון דיא פרויען און וויא זיי געהן פערקעכט, אדער ער האט זיך צוגעקוקט, ווען מען שפיעלט אין קארטען. און האט דאביי געמאכט א מינע, אז ער איז פעראינטערעסירט אין דעם, ער האט שטענדיג געהאסט געזעל־

שאפּט און האט זיך איצט אריינגעלאזט אין דעם, אום צו פערגעסען אויף א פּאָר שטונדען זיין ווייב. און יעדען אבענד פלעגען זיי פאהרען א היים פון דיא בעלער מעהר פרעמד איינער צום צווייטען, וויא זיי זיינען ארויסגעפאהרען פון דער היים.

מאַנדאַלען האט פערבראכט דיא טעג אין גערויש פון דעם פּאַריזער לעבען, האט בעזוכט דיא מאגאזינען, מאָדיסטקעס און האט אנגעהויבען צו קליידען זיך נאך דער לעצטער מאָדע. זיא איז געווארען בעפריינדעט מיט א פריילינבער פרוי פון דער מאָדעוועלט. יענע האט ניט לאנג פערלאזט דעם קלויסטער, וואו זיא האט זיך ערצויגען, נאר זיא האט ארויס געוויזען אזוי פיעל לוסט און קענטשאפט אין רואַנירען דעם מאנ׳ס פערמעגען, אזוי וויא זיא וואלט געווען א קאָקעטקע פון דער העכסטער קלאסע. דיזע פרוי האט מיטגענומען מאגדאלען אין אלע קלויסטערס צו הערען דיא פּריסטער, וואס זיינען דאמאלס געווען אין דער מאָדע. פון דאָרטען פלעגען זיי פאהרען אויף דעם בולאָנער וואלד צו בעטראכטען דיא קליידער פון דיא גרויסארטיגע קאָקעטקעס (דירנען).

וויליאם, פון זיין זייט האט געפיהרט א לעבען פון א רייכען מאן, וואס האט שוין זיינע יאהרען אבגעלעבט. ער האט געפריהשטאקט אין א קאפע-הויז, איז ארויסגעפאהרען נאך האלבען טאג שפּאצירען און האט זיך געמאטערט צו געפינען א אינטערעס אין דיא געשפרעכען פון זיין קלוב.

אזוי איז אריבער א גאנצער מאָנאט און זיי איז ביידען שרעקליך נמאס געווארען. זיי זיינען ניט ערצויגען געווארען אין געזעלשאפט און האבען ניט געקענט ערווערבען יענע געשליפענע גלייכגילטיגקייט, וואס ערלויבט א פערהייראטעטע פּאר צו לעבען זייט ביי זייט וויא פרעמדע. דיא פינף יאהר וואס זיי האבען פערבראכט אין איינזאמקייט און ליעבע. אפילו דיא שמערצען, וואס זיי האבען פערזאורזאכט איינער דעם צווייטען, האבען ניט ערלויבט אזא לעבען. אומזיסט האבען זיי געוואלט צו שיידען זייערע פריידען און ליידען—זייער לעבען איז געווען איינס און האט זיך ניט געלאזט צו טהיילען.

זייערע אלטע שמערצען האבען זיך צוריקגעקעהרט מיט מעהר קראַפט. דאס נייע לעבען האט זיי נאר צוגעצווינגען אויף איין מינוט. נאר אזוי גיך וויא זיי האבען זיך צוגעוואוינט צו דעם, איז דיא וועלט פערשוואונדען פון זיי, און זיי האבען ווידער געזעהן איינער דעם צווייטען. דאָך האבען זיי פאָרטגעזעצט זייערע בעזוכען אין דיא סאַלאָנען. אלץ, וואס זיי האבען געזעהן, איז געווען פערוויקעלט, וויא אין א נעבעל. דיא מוזיק האט געקלונגען אין זייערע אויערען וויא א יאַמער-געשריי. דיא

נעפּודערטע געזיכטער האבען אויסגעזעהן אין זייערע אויגען וויא פערוויינטע און אין געלעכטער האבען זיי נאר געהערט א שמערץ.

דאס איז געווען א מעלאנכאליע. דאך האבען זיי נוט געקענט אורטהיילען וועגען דיא, וואס זיינען געווען ארום זיי.

מיט׳ן טהעאטער איז געווען דאס זעלבע; זיי האבען דארטען בלויז געזעהן דיא דעקאראציאנען און געהערט וויא דיא אקטיארען האבען ארויסגערעדט דיא אויסגעלערנטע ווערטער מעכאניש, אזוי וויא זיי וואלטען געווען מאשינען.

אין איין מאנאט האבען זיי אויסגעהערט אלע רכילות פון דער געזעלשאפט, וויא דער אין דער מאן איז דער געליעבטער פון דער און דער פרוי, וויא יענער בעגעהט זיך שלעכט מיט זיין פרוי, און ז. וו. דאס האט זיי שטארק פערוואונדערט. וויא קען מען ליעבען אזוי נידערטרעכטיג? פאר וואס זיינען זיי, וויליאם און מאגדאלען, אזוי אונגליקליך פון דעם איינעם שאטען פון דיא פערגאנגענהייט. זיינען זיי בעסער און געפיהלפאלער פון דער גאנצער וועלט?

זיי האבען דערפיהלט א גרויסע פעראכטונג צו אלע יענע פערזאנען, וואס זיינען געווען פיל שולדיגער פון זיי און האבען זיך דאך געפיהלט גליקליך

אומזיסט האבען זיי געוואלט צו פעראינטערעסירען זיך מיט פרעמדע. מאגדאלען איז דאן געווען בליהענד־שעהן און ארום איהר האבען זיך שטענדיג ארומגעדרעהט פיינע העררן, נאר זיי האבען אלע אויסגעוויזען לעכערליך אין איהרע אויגען, וויליאם, פון זיין זייט, האט אויך געקוקט מיט עקעל אויף דיא פרויען ארום.

אין דיא ווירקליכקייט זיינען וויליאם און מאגדאלען געווען שטארק צוגעבונדען איינער צום צווייטען, האבען זיי דאך געפיהלט דיא צערטליכקייט אין הארצען. זיי האבען געהערט איינער צום צווייטען, און יעדער שריט, וואס זיי האבען געמאכט צי שיידען זיך, האט נאך גרעסער געמאכט זייערע שמערצען.

א מאנאט צייט איז קוים אריבער און זיי האבען זיך אבגעזאגט פון געזעלשאפט און זיי האבען זיך ווידער איינגעשפּארט אין זייער קליין הייזעל אין דער בולאנער גאס.

וויליאם האט פריהער פיעל מאל געזאגט, אז מאגדאלען איז דער מאן אין זייער ווירטהשאפט און ער איז דער שוואכערער און פאלגט איהר, וואס זיא זאגט. אין דער ווירקליכקייט האט דאס זעלבע נאטור־געזעץ, וואס האט געצוואונגען מאגדאלען נאכצואהמען זשאק׳ן, געצוואונגען וויליאמען נאכצואהמען מאגדאלען׳ס שטימע און איהרע בעוועגונגען. ער האט דאס איצט בעמערקט און האט מיט שרעק געזאגט, אז ער איז א שקלאף פון א שקלאף.

— אח! האט מאַנדאַלען געטראַכט, קוקענדיג אויף איהם פון צייט צו צייט מיט א זעלטזאַמען אויסדרוק. ווען ער זאל נאך זיין עטוואס מעהר ענערגיש, דאן וואלטען מיר געווען גערעטעט. ווען ער זאל איבער מיר בעפעהלען און הערשען מיט קלעפּ און מיט דראהונגען, וואלט נאך אלץ געווען גוט. מיר דוכט, אז איך וואלט געליטען ווייניגער, ווען ער זאל מיך איין מאל איבערראשען מיט זיין שטאַרקייט.

וויליאַם האט געלעזען דיזע געדאנקען אין מאַנדאַלען׳ס אויגען און האט אנערקענט, אז ווען ער זאל זיך ווייזען שטארקער וואלט ער זיך געקענט צווינגען צו פערגעסען. אנשטאט צו זיצען און שוידערן מיט איהר, האט ער בעדארפט בלייבען רוהיג און צווינגען איהר, זיא זאל אויך זיין רוהיג.

ווען דיזע נייע געדאנקען זיינען וויליאַמען אריין אין קאָפּ, האט ער זיך אנגעהויבען ארויפצוואַרפען אויף זיך דיא גאנצע שולד פון זייער אונגליק און ער איז נאך מעהר געווארען פערצווייפעלט.

זשאַק׳ס שווייגען האט זיי געשראָקען. זיי האבען מורא געהאט, פיליכט איז ער שוין אין פּאַריז, דערווייל איז זיי זייער איינענע הויז אזוי נמאס געווארען וויא דיא פרעמדע סאלאָנען און זיי האבען זיך בעשלאסען צו פאהרען צוריק א היים, ניט ווייל זיי האבען ערווארטעט צו זיין דארטען גליקליכער און ניט גראדע דערפאר וואס זיי האבען מורא געהאט פאר זשאַק׳ן, דען ער האט אין שלאָס אויך געקענט טרעפען, נאר דערפאר וואס זיי האבען געוואלט אומבייטען דיא סצענע און האבען געהאָפט, אז דערפון וועט זיי ווערען אביסעל לייכטער.

דעם אבענד פאר זייער אבפאהרען זיינען זיי געגאנגען צו דיא דע־רייעס, זיי האבען זיי שוין א צייט ניט געזעהן. דער דיענער האט זיי געזאגט, אז דער הערר איז געפעהרליך קראנק און דער דאָקטאָר זאָגט, אז עס איז שוין ניטא קיין האָפנונג, אז ער זאל געזונד ווערען

זיי האבען שוין געוואלט אוועקגעהן, ווען א צווייטער דיענער איז ארונטערגעגאנגען און געמעלדעט, אז מען בעט זיי ארויפצוגעהן אויבען. ווען וויליאם און מאַנדאַלען זיינען אריין אין דעם צימער פון דעם קראנקען, האבען זיי דערזעהן, וויא טיבורס איז געשטאנען ביים צופוסען פון בעט און העלען איז געזעסען ניט ווייט אויף א בייַנקעל. ביידע זיינען געווען שטארק ערגעגט; דעם שטערבענדעס אויגען האבען געוואנדעלט פון איינעם צום צווייטען מיט זיין געוואוינליכען סארקאסטישען אויסדרוק.

— מיך פרייט זעהר צו זעהן אייך, האט דער שטערבענדער געזאגט, רייכענ־דיג וויליאמען זיין האנד, און זעגענען זיך מיט אייך. איך וועל אייך שוין מעהר ניט קענען בעזוכען אין „שלאס.

אין זיין שטימע האט זיך ניט געהערט, אז דאס זאל איהם זעהר באנג־טהאן א היבשע צייט איז געווען שטיל, ענדליך האט דע־ריע ווידער געזאגט צו זיינע געסט:

— ווען איהר זייט אריינגעקומען, האב איך געהאלטען אין איינארדענען מיינע געשעפטען. איהר זייט ניט קיין פרעמדער און איך קען רעדען ווייטער אונ־געשטערט. איך האב ערסט געזאגט אונזער גוטען פריינד טיבורס, אז איך האב איהם געמאכט פאר מיין יורש מיט דער בעדינגונג, אז ער זאל חתונה האבען מיט מיין ארימער העלען....

זיין שטימע האט זיך פלוצים איבערגעריסען. ער איז געשטארבען אזוי וויא ער האט געלעבט; סארקאסטיש, מיט א שפעטישען שמייכעל אויפ'ן געזיכט און אונבארעמהערציג.

זיינע לעצטע שטונדען האט ער פערבראכט אין אויסזוכען א מיטעל, וויא צו פייניגען דיא צווי זינדיגע נשמות, וואס האבען איהם גענארט אויף דער וועלט־ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז טיבורס איז זעהר גייציג און וועט ניט ארויסלא־זען דאס פערמעגען פון דיא הענד, וואס פאר א פרייז ער זאל דערפאר ניט דאר־פען צאהלען, און אז העלען איז ניט קלוג גענוג, אז זיא זאל ניט איינוויליגען אויף אזא זאך. זיי וועלען געווים חתונה האבען און וועלען איינער דעם צווייטען בעקר־מען דאס לעבען.

וויליאם און מאגדאלען האבען זעהר וועניג פערשטאנען פון דער דראמא, וואס האט זיך דא פאר זיי אבגעשפיעלט, נאר זיי זיינען אוועקגעגאנגען אזוי גיך, וויא זיי האבען נאר געקענט. טיבורס האט זיי בעגלייט ביז דער דרויסען טהיר, און געדענקענדיג וואס ער האט וויליאמען געזאגט ווענען העלען, האט ער דאס איצט געוואלט ווייטער מאכען.

— איך בין געווען זעהר אונגערעכט נעגען דער ארימער, האט ער געזאגט. זיא האט שטארק געליטען פון איהר מאנ'ס קראנקהייט, און מיין היילינע פליכט וועט זיין אבצוהיטען איהר, וויא דער ווילען איז געווען פון דעם פערשטארבענעם.

דערמאנענדיג זיך, אז ער האט שוין געזאגט צו פיעל, האט ער זיך פלוצים געווענדעט צו וויליאמען:

— איך האב היינט בעגעגענט אייערען אן אלטען פריינד.

מאנדאלען איז בלייך געווארען.

— ווער איז ער? האט וויליאם געפרעגט אונרוהיג.

— זשאק בערטיע, האט געענטפערט טיבורס. איהר געדענקט איהם, אהן צווייפעל, יענער גרויסער יונג, וואס איז געווען אין שולע אייער פערטהיידיגער. ער איז איצט זעהר רייך און איז ערסט מיט צעהן טעג צוריק געקומען פון איטאליען.

וויליאם און מאנדאלען האבען געשוויגען. אין קארידאר איז געווען צו פינס־טער, אז ער זאל קענען זעהן זייערע געזיכטער.

— ער איז א נארעשער יונג, האט ער גערעדט ווייטער, און איך בין זיכער, אז אין דריי יאהר ארום וועט איהם קיין סו ניט בלייבען פון זיין אנקעל'ס ירושה. ער האט מיך מיטגענומען אין זיינע צימערן, זיי זיינען אויסגעפוצט מיט'ן גרעסטען לוקסוס.

ער האט זיך צולאכט מיט דער פעראכטונג פון א מענשען, וואס האט ניט אבגעטהאן קיין נארעשקייט אין זיין לעבען.

— מיר האבען גערעדט פון אייך, האט טיבורס ווייטער געזאגט, פערהאל־טענדיג וויליאמען, וועלכער האט שוין געוואלט געהן. מיר האבען גערעדט פון אייך און איך האב איהם געגעבען אייער אדרעס, ער וועט מארגען צו אייך קומען מיט א בעזוך.

— אדיע! האט וויליאם אויסגערופען, עפענענדיג דיא טהיר און ארויסלוי־פענדיג אין גאס.

מאנדאלען וואס איז פערבליבען א מינוט לענגער אין קארידאר האט גענר־מען ביי טיבורס'ן זשאק'ס אדרעס און איז נאכגעגאנגען איהר מאן. אין גאס האט זיא גענומען זיין ארם און זיי זיינען שווייגענד אוועק אהיים.

אין דער היים האבען זיי געפונען א בריעף פון זשענעוויוו. זיא האט זיי גע־מעלדעט, אז לוסי איז פלוצים ווידער קראנק געווארען און זיא בעט זיי אז זיי זא־לען אזוי גיך וויא מעגליך צוריקקומען.

אויף מארגען אין דער פריה ווען זיי זיינען אנגעקומען צום באהנהאף, האט מאנדאלען פלוצים געמאכט, אז זיא האט פערגעסען א פעקיל אין דער היים. זעהענדיג, וויא אונרוהיג זיא איז, האט וויליאם איהר געזאגט, אז מען וועט דאס פעקיל אבשיקען נאר אויב זיא וויל, וועט ער אליין אריבערפאהרען און ברענגען, וויל עס איז נאך פאראן צייט, ביז דער צוג וועט אבגעהן. נאר זיא האט דערפון ניט געוואלט הערען.

ווען דער לעצטער קלונג האט זיך דערהערט, האט זיא געשווינד ארויסגענר־ מען איהר האנד פון וויליאמ׳ס האנד און האט איהם געהייסען פאהרען אליין און זיא וועט קומען מיט׳ן צווייטען צוג.

עס איז געווען א פרישער, שעהנער פריה מארגען אין מאנאט אפריל. די לופט איז געווען פריש און שמעקעדיג. מאנדאלען האט זיך געלאזט געהן אויף דער זייט גאס, וואס איז געווען בעלויכטען פון דער זון, זיא האט איצט געוואוסט, וואס זיא האט צו טהאן. געכטען ביי נאכט ווען טיבורס האט זיי געזאגט, אז זשאק וועט קומען בעזוכען זיי, האט זיך צו איהר צוריקגעקעהרט איהר גאנצע ענערגיע.

זיא האט זיך ענטשלאסען צו געהן צו זשאק׳ן און האט צו זיך געזאגט:

„איך וועל איהם זאגען דיא גאנצע וואהרהייט און בעטען איהם, ער זאל אונז לאזען אין רוה; אויב ער וועט מיר שווערען, אז ער וועט קיין מאל מעהר ניט זוכען צו זעהן אונז, וועל איך איהם נאך א מאל בעטראכטען, וויא א טוידטען. מיין מאן וועט דאס מיר קיין מאל ניט ערלויבען צו טהאן, ער איז צו שוואך א.ט.וו. איינצוזעהן, וויא נויטהיג אזא שריט איז. נאר שפעטער ווען ער וועט זיך בערוהי־ גען, וועל איך איהם דאס זאגען און ער וועט פערשטעהן, אז איך ה.אב געהאנ־ דעלט זעהר גוט.“

זיא האט געטראכט איבער דעם פלאן דיא גאנצע פאריגע נאכט און האט אויסגערעכענט אלע איינציעלהייטען; זיא האט נאך איצט געהאט גענוג צייט, וויל עס איז געווען צו פריה צו געהן צו זשאק׳ן. זיא איז שוין יאהרען־לאנג ניט געווען אליין אין גאס און צופוס, און זיא איז געגאנגען זעהר לאנגזאם און האט אריינגע־ קוקט אין דיא פענסטער. איהר איז אויסגעקומען פערבייצוגעהן א בלומען־מארק, זיא האט געקוקט אויף דיא רייכע, שמעקעדיגע בלומען און האט געטראכט, וויא זיא וועט אנקלאפען אין זשאק׳ס טהיר, וויא זיא וועט איהם זאגען, אז זיא א ז וויליאמ׳ס ווייב און דאן וועט זיא צוריקקעהרען אין וועטייל, וואו זיא וועט ווידער א מאל פיהרען א גליקליך לעבען מיט איהר מאן. ביסלעבווייז האט זיא אנגעהוי־ בען צו טרוימען פון איהר צוקונפט. זשאק׳ס בילד האט זיך ביסלעבווייז צוזאמענ־ געגאסען מיט וויליאמ׳ס און זיא האט זיך דערמאנט אן אפריל־טאג, וואס זיא האט פערבראכט מיט זשאק׳ן לאנד און וויא א שטורם האט איהר פער־ כאפט מיט וויליאמ׳ן אויף דעם זעלבען פלאץ אין א געוויסע צייט ארום. עס האט איהר געפרייט, וואס דיא ערינערונגען פון יענער צייט האבען ביי איהר ניט ארויסגערופען קיין שום שמערצען. פלוצים האט זיא א קוק געטהאן אויפ׳ן זייגער

און האט דערזעהן, אז עס איז שוין א פיערטעל צו צוועלף און זיא דארף זיך אפּי-סעל צואיילען.

אביסעל צומישט פון איהרע טרוימען און פון דעם פערפיום פון דיא בלומען האט זיא זיך גיך געלאזט געהן צו זשאק'ס וואוינונג, פערגעסענדיג אין גאנצען דיא ווערטער, וואס זיא האט אזוי זארגפעלטיג צוגעגרייט. זיא איז געגאנגען מיט גיכע טריט, וויא איהר וואלט געטריבען עפּעס אן אונבעוואוסטע קראפט.

זיא איז לייכט ארויפגעלאפען אויף דיא טרעפּ און האט אנגעקלאפּט אין טהיר.

— דאס ביזטו, מיין קינד? האט זשאק אויסגעשריען מיט פרייד, עפענענדיג דאס טהיר און דערזעהענדיג איהר. איך האב ווירקליך ניט ערווארטעט צו זעהן דיך.

ער האט פערמאכט דיא טהיר הינטער איהר און האט איהר דורכגעפיהרט דורך א צוויי דריי רייך-מעבלירטע צימערן. זיא איז איהם שווייגענד נאכגעגאנגען. ענדליך האט ער זיך צו איהר אומגעווענדט און אנגענומען איהר פאר ביידע הענד:

— וויא איך זעה, ווילסטו זיך מיט מיר איבערבעטען, האט ער געזאגט. דוא ביזט שוין מיהר ניט אין כעס אויף מיר, וויא דאמאלס אין גארטען. נאר וויא האסטו אויסגעפונען מיין אדרעס? נאר פריהער לאמיר פערזיגלען אונזער פריעדען.

און נאך איידער זיא האט פערשטאנען, וואס ער וויל טהאן, האט ער איהר א קוש געטהאן מיט א געלעכטער אויף דיא ליפּען.

מאגדאלען איז געבליבען שטעהן וויא א פערשטיינערטע. זיא האט ניט ארויסגערעדט קיין ווארט, זיא האט אפילו ניט צוגענומען איהרע הענד, זיא האט געדענקט, וויא דורך א חלום, אז זיא איז געקומען אהער. צו זאגען דיזען מאן, אז זיא איז זיין פריינד'ס ווייב.

ער האט איהר נאך אמאל א קוש געטהאן. זיא האט א ציטער געטהאן פון קאפּ ביז דיא פיס, האט זיך אויסגעריסען פון זיינע הענד און וויא אן אונטערגע-שאכטענע האט זיא זיך וואנקענדיג געלאזט צו דער טהיר.

— ווילסטו היינט ניט פערבלייבען מיט מיר? האט ער איהר געפרעגט נאכ-געהענדיג.

— ניין, האט זיא געענטפערט נערוועז. איך האב קיין צייט ניט; זיי ווארטען אויף מיר.

זשאק איז צו איהר ניט צוגעשטאנען, נאר ער איז איהר נאכגעגאנגען ביז דיא טרעפּ און האט איהר געפרעגט:

— קענסטו ניט פאהרען מיט מיר עפּעס אויף א טאָג אייפּ'ן לאנד?

זיא האט איהם א קוק געטהאן גלייך אין דיא אויגען און איז מיט א ווילדען סאך מיט דער האנד ארומטערגעלאפען פון דיא טרעפּ און איז פערשוואונדען געווארען. זיא האט ניט פערבראכט קיין פולע פינף מינוט אין זשאק'ס צימער.

ווען זיא איז ארונטער אין גאס, איז זיא געגאנגען אהן אן אטהעם, ניט ווי־סענדיג וואוהין און נאך וואס. זיא האט וויא פריהער געקוקט אין דיא פענסטער פון דיא מאגאזינען, נאר זיא האט קיין זאך ניט בעמערקט. זיא האט געמוזט האבען א זעלטזאמען אויסדרוק אויפ'ן געזיכט, וויל פערבייגעהער האבען זיך אבגעשטעלט און האבען איהר נאכגעקוקט

— וואס פאר א מין פרוי בין איך! האט זיא געזאגט צו זיך אליין. איך בין געגאנגען זאָגען דיזען מאן דיא ווארהייט, וואס האט מיך געדארפט אויפהויבען אין זיינע אויגען, נאר אזוי גיך וויא איך האב דערהערט זיין שטימע און דערפיהלט דיא בעריהרונג פון זיינע הענד, האט מיך מיין קראפט פערלאזען און האב ניט געקענט רעדען.

— עס איז וואהר, האט זיא פארטגעזעצט מיט א וואקסענדער ערעגונג; זשענעוויוו איז גערעכט, אין מיר זיצט א ניט גוטער.

זיא האט ארומגעוואנדערט ביי א שטונדע צייט. פּלוצים האט זיא זיך אבגעשטעלט. זיא האט זיך דערמאנט אן דער צוקונפט, אן דיא קומענדע טעג, און זיא האט אויפגעהויבען דעם קאָפּ. איהרע פּים האבען איהר נאך א מאָל געבראכט אין בלומען־מארק. זיא האט געזעהן דיא זעלבע בלומען, נאר וויא וואכעדיג האבען זי איצט אויסגעזעהן אין איהרע אויגען. זיא איז נאך א מאָל דורכגעגאנגען דעם מארק און האט געזאגט צו זיך אליין:

— איך קען לענגער ניט לעבען, איך וויל ניט לעבען! דאס מוז נעהמען א ענדע!

זיא האט זיך געלאזט געהן צו זייער הויז אין דער בולאָנער גאס. מיט א פּאר טעג פריהער האט זיא דערזעהן אין א שופלאַד א גרויסען מעסער. איצט האט זיא זיך דערמאנט אן דעם מעסער. דער שארפער קלינגעל איז געשטאנען פאר איהרע אויגען און האט איהר געצווינגען צו זייער הייזעל.

נאר פּלוצים איז איהר אריין אין קאָפּ, אז אזא מין טוידט וועט וויליאמען פערשאפען אן אומזיסטען שמערץ; און ווידער האט זיא פריהער געוואלט זעהן וויליאמען און זאָגען איהם, פאר וואס זיא וויל בעגעהן זעלבסט־מארד.

זיא האט זיך געלאזט געהן צום באהנהאף און האט גראדע געטראפען א צוג נאך נאנטעס.

ווערענד זיא איז געזעסען אין וואגאן, האט איהר פערפאלגט איין געדאנק

— איך וועל זיך נעהמען דאס לעבען אין שלאס, נאר פריהער מוז איך איבערציינגען וויליאמען, אז איך מוז דאס טהאן.

דיא רעגולארע בעוועגונג פון דעם צוג האט פערשטומפפט איהרע נערווען, און דיא רעדער האבען געשיינט צו זינגען:

— טוידט זיך! טוידט זיך!

אין נאנטעס האט זיא גענומען דעם דיליזשאנס און האט זיצענדיג ארויסגעקוקט פון פענסטער. דיא פעלדער און דיא הייזער, וואס זיינען איהר געווען אזוי בעקאנט, האבען צו איהר געמורמעלט דיא זעלבע שרעקליכע ווערטער:

— טוידט זיך! טוידט זיך!

אין וועטייל איז זיא ארויס פון דעם דיליזשאנס און האט זיך געלאזט געהן איבער דיא פעלדער צום שלאס. דער אבענד איז געווען א פיינער. געהענדיג מיט שנעלע טריט איבערן שמאלען וועגיל, האט זיא פ־וצים דערהערט טריט, וואס זיינען איהר געקומען אנטקעגען, און א קוויטשעדיג קול האט מיט א מאל אנגעהויבען צו זינגען:

עס וואר א רייכער פאשא
זיין נאמען וואר מוסטאפא
טרא־לא־לא—טרא־לא־לא

דאס איז געווען איהר אמאליגע חברתע, דיא איצטיגע האלב־פערריקטע בעטלערין. איהר געזאנג האט געקלונגען אומעדיג און שפעטיש אין דיזער רוהיגער שטונדע, וויא דאס געלעכטער פון א וואהנזיניגע פרוי, וואס ברעכט פלוצים אויס אין טרערען.

מאנדאלען איז געבליבען שטעהן, וויא צוגעשמידט צו דער ערד. דיא עראנערונגען, וואס דאס ליעד האט ביי איהר ארויסגערופען, האט איהר געשטאכען וויא מיט א טעמפען שפיז. זיא האט געהערט, וויא „געל און גרין" קומט צו צו איהר אלץ נעהענטער און נעהענטער און זיא וועט ניט קענען אויסמיידען א בעגעגענים מיט איהר. זיא האט נאך א מאל דערהערט דאס ליעדעל, און וויא טויזענד דעמאנען, רוחות, וואלטען איהר געיאגט, האט זיא אריבערגעקלעטערט איבערן פלייט און האט זיך געלאזט לויפען איבער דיא לאנקעס.

ענדליך איז זיא אנגעקומען אין שלאס. צו איהר גרויסער פערוואונדערונג

אין דער פאַרענט פון הויז געווען פינסטער און נאר פון דעם פענסטער פון דער לאַבאַראַטאָריע האט זיך געזעהן א רויטער שיין. דאס איז געווען דאס ערסטע מאָל, וואס זיא האט געזעהן יענע פענסטער בעלויכטען און זיא האט זיך א צאפעל געטהאן פון דעם אונגעוואוינליכען אנבליק.

XV.

אין שלאָס האט איהר ערוואַרט א נייער קלאפּ; לוסי איז דעם טאג גע־שטארבען.

זיא האט שוין געהאלטען ביים שטארבען. ווען דער פאטער איז אנגעקומען און זיא האט איהם ניט דערקענט. זיא האט געשיינט צו קעמפּפען מיט א זאך, וואס נאר זיא אליין האט געזעהן. וויליאם האט זיך געשטעלט ביי איהר בעט אויף דיא קניע אין טיעפען קומער און ער האט ניט אויפגעהערט זיך אליין צו בעשולדי־גען, אז ער איז זיך מיט איהר בענאנגען זעהר שלעכט. אויף א מינוט איז לוסי גע־קומען צו זיך און זיא האט זיך ארומגעקוקט מיט איהר זיסען קינדערשען שמייכעל, אזוי וויא זיא וואלט זיך איצט אויפגעכאפּט פון שלאָף.

נעהם מיך! נעהם מיך! האט זיא געבעטען און אויסגעשטרעקטביידע הענט־לאך צום פאטער.

וויליאם האט זיך צו איהר אנגעבויגען, אום צו דריקען איהר צו זיין ברוסט, האפענדיג, אז ער וועט איהר נאך ניט פערלירען. נאר זיא איז שוין געווען טוידט. ער האט איהר צוריקגעלעגט אין איהר קליין בעטעל און שטעלענדיג זיך פאר איהר אויף דיא קניע, ה..ט ער איהר בעאבאכטעט מיט שטומען שרעק. ניט איין טרער האט זיך בעוויזען אין זיינע אויגען, וואס וואלט איהם ערלייכטערן. דיא קליינע ציע־נע אויף זיין טאכטערס געזיכט האבען זיך פערשטייפט, און האט ווידער בעקומען יענע עהנליכקייט, וואס האט איהם אזוי בעאונרוהיגט דיא לעצטע צייט און וואס האט איהר געשיידט פון איהר. ער האט געפּרובט בעטען מיט דיא ליפען צו גאט, נאר פיהלענדיג, אז דיא מארך ריהרט זיך איהם, האט ער איבערגעלאזט און צימע־ דיא אלטע זשענעוויוו און איז אליין ארויסגעגאנגען.

וויא מאגדאלען איז אריין אין פאַרהויז, האט איהר דאס הארץ גלייך געזאגט, אז עפּעס אן אונגליק איז געשעהן.

דיא הויז האט אויסגעזעהן וויא ליידיג. פון אויבען האט זיא דערהערט שענעוויוו׳ס תהלים־זאגען וויא צו א קבורה. זיא איז נאכגעגאנגען נאך דעם קלאנג און איז אריין אין צימער, וואו לוסי איז געלעגען און וואו זשענעוויוו האט געזאגט דיא קאפּיטלאך

תהלים. מאנדאלען איז געבליבען שטעהן אויפ'ן שוועל. איין ליכט האט שוואך בע־ לייכטעט דאס צימער. דעם גאנצען טאג איז דאס קינד ניט ארויס פון איהר זינען און איצט האט זיא ניט געפיהלט קיין שמערץ, ווען זיא האט איהר געפונען טוידט. איצט שטעהט איין הינדערניס ווייניגער אין איהר וועג. איצט קען זיא בעגעהן זעלבסט-מארד און ניט מורא האבען, אז דאס קינד וועט זיך נייטהיגען אין איהר. זיא איז געשטאנען ביים צופוסען פון דעם נידריגען בעטיל, און וועהרענד זיא האט געקוקט אויף דאס קליינע בעשעפניס, וויא זיא איז דא געלעגען אזוי קאלט און פערגליווערט, האט זיא געזאגט צו זיך, אז אין א פאר שטונדען ארום, וועט זיא אויך זיין אזוי.

דיא זיכערהייט, אז אין א שטונדע צו צווי וועט זיא זיין אזוי טוידט, האט איהר ניט געלאזט פיהלען דעם פערלוסט פון קינד. זיא האט זיך אנגעבויגען, אום צו געבען איהר טאכטער נאך א קוש. נאר זיא האט בעמערקט דיא עהנליכקייט, וואס האט פערטריבען וויליאמען פון צימער און זיא האט זיך א ציה געטהאן מיט א צאפעל א הינטער.

זשענעוויוו האט אין דער מינוט אויפגעהערט צו זאגען איהרע תפילות און האט בעמערקט, וויא מאנדאלען האט זיך א צאפעל געטהאן. זיא האט אויף מאנ־ דאלען א שארפען קוק געטהאן און געזאגט לאנגזאם:

— „גאט שטראפט דיא קינדער פון דיא שולדיגע. ער רעכענט זיך מיט דיא זינדיגע ביז דעם דריטען און פיערטען דור און פערגיבט ניט קיין זינד!“

מאנדאלען האט פלוצים דערפיהלט א שרעקליכען כעס צו דיזער פרוי, וועל־ כע זיא האט בעגעגענט אויף יעדער שריט.

— וואס קוקט איהר אזוי אויף מיך! האט זיא אויסגעשריען. בין איך אזא פערזעהענים? איך האב פערגעסען, אז איך וועל אייך דא טרעפען! איך האב גע־ דארפט געדענקען, אז איהר ווארט שוין אויף מיר אויפ'ן שוועל פון מיין היים מיט אן אויפגעהויבענעם פינגער. אונבארמהערציג וויא דאס שיקזאל. איהר זייט דאס שיקזאל!

דיא אויגען פון דער פאנאטישער פרוי האבען געגליהט. זיא האט אויסגערו־ פען מיט א ווילדער פרייד, מיט א מין פראפעטישער היץ:

— דיא שטונדע איז געקומען! דיא שטונדע איז געקומען!

— יא, דיא שטונדע איז געקומען, האט איהר מאנדאלען איבערגעריסען. איך בין מיעד געווארען ליידענדיג. איך נעהם אן מיין שטראף.... ניין, איך רוף איהר אליין ארויס. נאר ניט איהר האט רעכט צו אורטהיילען מיך. איהר זייט קיין מאל

ניט געפאלען.... איהר האט קיין מאל ניט געליעבט. איהר קענט ניט פעראור־טהיילען וועגען פערזוכונג (נסיונות) פון אנדערע. קענט איהר מיר געבען טרייסט?

— ניין, ניט איך, האט געענטפערט דיא אלטע: דיינע טרערען מוזען פליסען און דוא מוזט קוסען דיא האנד, וואס שלאגט דיך.

— קענט איהר צווינגען וויליאמען, ער זאל מיך ווידער ליעב האבען? קענט איהר צוריקברענגען דיא רוה אין אונזערע הערצער? קענט איהר מיר צוזאגען, אז איך וועל זיין דיא איינציגע צו ליידען, ווען איך וועל אונטערבויגען דעם קאפ אונטער דעם רוט?

— ניין, אויב וויליאם ליידט, איז דאס איהם אזוי בעשערט פון הימעל. ער איז אויך שולדיג און גאט וויים וועמען ער שלאגט.

מאגדאלען האט זיך פון איהר אבגעווענדט מיט א שטאלצער בעוועגונג:

— אויב אזוי, האט זיא אויסגעשריען, אויב איהר קענט מיר ניט העלפען, פאר וואס פלאגט איהר מיך? איך קען זיך אליין משפט'ן און פעראורטהיילען אהן אייער הילף.

זיא האט זיך פלוצים אבגעהאלטען, דערשרעקענדיג זיך אליין, וואס זיא האט זיך פערגעסען און איז ארוים פון זיך אין דער היילינגער אנוועזענהייט פון דעם טויד־טען קינד. זיא איז געשטאנען און האט געקוקט מיט א בענקעניס נאך דער רוה, וואס איז געווען אויסגעגאסען איבער דעם טוידטען געשטאלט פון דעם קינד. זיא האט דערפיהלט אן אונבעקאנטען וואונש צו ערפאהרען, אויב דיא קאלטקייט און שטייפקייט קומט גלייך נאכ'ן טוידט.

— אין וועלכע שטונדע איז זיא געשטארבען? האט זיא געפרעגט.

—גראדע ווען דער זיינער האט געשלאגען צוועלף, האט זשענעוויוו געענטפערט

מאגדאלען האט זיך א צאפעל געטהאן, דערמאנענדיג זיך, אז זיא האט געהערט דעם זייגער שלאגען צוועלף, גראדע דאן, ווען ער האט געהאלטען איהרע הענד אין זיינע. זשענעוויוו איז געווען גערעכט, איהרע זינד האבען דער'הרג'עט איהר קינד.

דיזער צופאל, וואס איהר קינד איז גראדע געשטארבען אין דעם מאָמענט ווען זשאק האט איהר געהאלטען פאר דיא הענד, האט איהר א ריס געטהאן אין אין הארצען- זיא האט זיך אנגעהויבען צו פרעגען דיא פראגע, פאר וואס איז זיא אזוי גיך געקומען א היים; עפעס האט זיא געוואלט טהאן, נאר איהר מארך איז געווען אזוי צומישט, אז זיא האט זיך ניט געקענט דערמאנען, און זיא האט זיך איבערגעפרעגט נאך א מאל און נאך א מאל. פלוצים האט זיא זיך דערמאנט.

— איך ווייס שוין, האט זיא געמורמעלט. איך בין געסומען זעהן וויליאמען און דאן אבזוענענען זיך מיט'ן לעבען.

— וואו איז מיין מאן? האט זיא געפרעגט ביי זשענעוויוו.

דיא אלטע פרוי האט נאר שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ אויף א ציינען, אז זיא ווייסט ניט.

מאגדאלען האט זיך דערטאנט אן דעם רויטען שיין אין פענסטער פון דער לאבאראטאריע און איז גיך ארויפגעלאפען איבער דיא טרעפ אין יענעם צימער.

וויליאם איז געווען דארטען. ביז פארנאכט האט ער ארומגעוואנדעלט איבערן פארק. ער האט געפיהלט, אז ער מוז ערגעץ געפונען א פלאץ, וואו קיינער וועט איהם ניט שטערן און ארויסנעהמענדיג דעם שליסעל פון בעהאלטענעם פלאץ האט ער געעפענט דיא טהיר פון דעם צימער, וואו זיין פאטער איז בעגאנגען זעלבסט-מארד. דאס צימער האט אויסגעזעהן נאך אומעדיגער און אבגעלאזטער וויא דאמאלס. קיין מענש האט פון יענעם טאג אן ניט אריבערגעטראטען דעם שוועל פון דער לאבאראטאריע. א שטויב פון פינף יאהר האט זיך דא אנגעזאמעלט אויף אלע געגענשטענדע, וואס האבען זיך דא געפונען. דיא שפינען האבען פערשפרייט זייער שפין-וועבס פון וואנד צו וואנד, און דיא לופט איז דא געווען שווער און פערפעסטעט.

וויליאם האט אנידערגעשטעלט דאס ליכט אויפ'ן טיש און האט א ציטער געטהאן, דערזעהענדיג נעבען זיינע פיס דעם שווארצען פלעקען פון זיין פאטער'ס פערטריקענטעם בלוט. ער האט אנגעפאנגען צו צוהערען זיך. עפעס וויא א פערבארגענע שטימע האט צו איהם גערופען און געווארענט איהם, אז דער גרעסטער שלאג וועט איהם טרעפען אויף דיזען פלאץ.

דאס צימער, וואס איז געשטאנען לעדיג פינף יאהר, האט געשיינט צו ווארטען אויף איהם, און האט איהם בעגריסט, וויא א לאנגערווארטעטען אפפער. וויליאם איז געשטאנען און האט זיך דערמאנט זיין גאנצען פריהערדיגען און ביטערען לעבען. ער האט ווידער איבערגעלעבט זיינע קינדערשע שרעקען מיט זשענעוויוו זיינע איינזאמע און טרויעריגע יאהרען אין דער שולע און דיא לעצטע שרעקליכע מאנאטען. אלץ האט געשיינט צו טרייבען איהם צו א סוף, וואס איז שוין געווען נאר נאהענט.

ער איז דא געשטאנען א האלבע שטונדע צייט, ווען ער האט דערהערט טריט. דאס איז געגאנגען מאגדאלען. זיא איז נאך געווען אנגעטהאן אין איהרע רייזע קליידער און האט נאך ניט אראבגענומען איהר הוט און האנד-שוה. זיא איז

דא נאך קיין מאָל ניט געוועו, נאר זיא האט גוט געוואוסט דיא געשיכטע פון דעם צימער. ווען זיא האט איצט דערזעהן, וויא אונריין דא איז, האט זיא א שוואכען שמייכעל געטהאן. דער פּלאַץ איז א גאנץ גוטער פאר איהר צו שטארבען.

— איך מוז דיר זאָגען א פּאָר ווערטער, האט זיא געזאגט צו וויליאמען מיט א קלארער, שטייפער און קאַלטער שטימע.

איהר ערדעגונג איז אין גאנצען פערשוואונדען געווארען דעם קאָפּ האט זיא געהאלטען הויך, אויפגעהויבען, דיא אויגען זיינען געוועזן קלאָר און זיא האט גיכער אויסגעזעהן וויא א ריכטער אלס א פעראורטהייקטע.

— מיט א פּאָר מאָנאטען צוריק, האט זיא געזאגט, האב איך פון דיר גע־בעטען א געפאלען און דוא האסט מיר פערשפּראכען צו טהאָן עס. איך האב דיר געבעטען, אז דוא זאלסט מיר ערלויבען צו מאכען אן ענדע מיט מיין לעבען, ווען דער טאָג וועט קומען, ווען אונזער לעבען וועט ווערען אונערטרעגליך. יענער טאָג איז געקומען.

וויליאם האט געשוויגען.

— דוא זעהסט צו וואס פאר א שטופע מיר זיינען ענדליך געקומען. מיר האבען שוין כמעט ניט, וואו צו זיין. וואו מיר זיינען ניט געוועזן איז פאר אונז גע־ווארען איינג: אונזער הייזעל אין פארם, אונזער הויז און פּאריז, אונזער סאלאָן דא און איצט דאס צימער, וואו אונזער טאכטער איז געשטארבען, — אין דיא אלע קענען מיר שוין לענגער ניט בלייבען. איצט געפינען מיר זיך אין דיזע פערשטויב־טע פיער ווענד און דאס איז דער פאסענדסטער פּלאַץ פאר אונז. ווען מיר זאלען פערלאָזען דאס צימער, וועלען מיר פערזינקען אין א לעבען, וואס וועט זיין א שאנדע פאר דיא פינף גליקליכע יאהר, וואס מיר האבען פערבראכט צוזאמען? זאָג איך ניט ריכטיג?

— ריכטיג, האט וויליאם געענטפערט.

— יעדעס ווארט, יעדער בליק מאכט אין אונז נייע וואונדען און עפענט אלטע. דוא ליעבסט מיך נאך, וויליאם? נאר דוא ביזט אייפערזיכטיג. איז דאס ניט וואהר?

— דאס איז וואהר.

— עס איז אונמעגליך פאר אונז צו לעבען צוזאמען. מיין שלאָף איז געש־טערט פון טרוימען ווענען אן אנדערען איך רוף צו איהם פון שלאָף, איז דאס ניט וואהר?

— דאס איז וואהר.

וויליאם האט געענטפערט וויא אין עבא, וויא אין אבקלאנג. דיא רוהיגע און שטאָלצע האלטונג פון זיין פרוי האט אין איהם ערוועקט זיין גאנצע שטאָלץ, וואס איז ביז איצט געשלאָפען אין זיין נאטור. ער איז שוין מעהר ניט געווען שוואך.

— עס איז וואהר, האט מאַנדאלען געזאָגט ביטער, אז מיר קענען ניט פיה־רען אזא לעבען, וויא מיר האבען געזעהן מענשען פיהרען אין פאריז: דוא אין איין ווינקעל פון הויז און איך אין א צווייטען. איז דיר געפעלען אזא לעבען?

— ניין, האט וויליאם אויסגעשריען. איך ליעב דיך פון דעם גאנצען הארצען מיר קענען אזא לעבען ניט פיהרען, מיר מוזען זיין איינער פאר'ן צווייטען אלץ אין דער וועלט, מיר מוזען ליעבען אדער שטארבען.

— זעהר גוט! אויב אזוי איז אלץ געענדיגט. דאס איז דער קאָנישער שלוס.

— יא, אלץ איז געענדיגט, האט וויליאם געענטפערט לאנגזאם.

מאנדאלען האט א ווײלע נאכגעדענקט, צו זיא האט געזאגט אלץ, וואס זיא האט געדענקט צו זאָגען. זיא האט איהם געוואלט דערווייזען, אז אלע האָפנונגען זיינען געשטארבען און קיין מיטעל איז ניט פערבליבען.

— איך האב געוואלט נעהמען זיך דאס לעבען יענע נאכט אין איינפאהר־הויז, און נאר דער געדאנק װעגען לוסי'ן האט מיך אבגעהאלטען. נאר איצט איז לוסי טוידט, און קיין זאך שטערט מיר ניט. געדענקסטו, וואס דוא האסט מיר צוגעזאגט?

— יא, האט וויליאם געענטפערט. מיר וועלען שטארבען צוזאמען.

זיא האט א קוק געטהאָן אויף איהם צושראקען און פערוואונדערט:

— וואס רעדסטו, וויליאם? האט זיא אויסגעשריען. דוא דארפסט ניט שטארבען, דאס איז מיר גאָר אין געדאנקען ניט אריין. איך וויל ניט טראגען אויף זיך דעם לאסט פון דיזען אומזיסטען פערברעכען.

— וואס האסטו געמיינט, אז איך וועל דא בלייבען צו טראגען אליין דיא ליידען?

— פאר וואס רעדסטו פון ליידען? האסטו דען מורא צו בלייבען אליין?

— דוא וועסט ניט שטארבען אליין.

— איך בעט דיך, וויליאם, פערגרעסער ניט מיינע ליידען, נאך מיין טוידט וועסטו געפינען נייע פריידען.

וויליאם האט פערלארען זיין קאלטע רוהינקייט.

— וואס וועל איך טהאָן אהן דיר! האט ער אויסגערופען. דוא טראכסט ניט אליין דיא שולד פון אונזער אונגליק. מיין שוואכקייט האט פיעל צו טהאָן מיט

רעם. דו ווייסט ניט, וואס איך קען נאך אבטהאן, ווען איך וויל ניט האבען די הילף פון דיין שטארקען כאראקטער.

מאגדאלען האט געוואוסט, אז ער זאגט די ריינע ווארהייט.

— לאמיר נאך אבווארטען אביסעל, האט ער געזאגט.

— אבווארטען! אויף וואס וועלען מיר ווארטען? און וואס וועט ארויסקר מען פון דעם ווארטען? איז דען ניט אלעס געענדיגט? האסטו דען אליין עס ניט געזאגט?

ביי די ווערטער האט זי זיך פון איהם אבגעווענדעט, און זי האט צום ערסטען מאל דערזעהן די שאפע מיט דעם אלטען גראפ'ס פלעשעלעך גיפט. געהענדיג אויף די טרעפ אהער, האט זי זיך בעשלאסען ארויסצוווארפען זיך פון פענסטער. נאר ביים אנבליק פון דעם ווארט „גיפט" איז איהר א נייער געדאנק אריין אין קאפ.

זי איז צוגעלאפען צו דער שאפע.

— מאגדאלען! מאגדאלען! האט וויליאם אויסגעשריען צו־ראקען.

זי האט צובראכען דאס גלאז פון דער שאפע און האט ארויסגעכאפט דאס ערסטע פלעשעל, וואס איז איהר געקומען צו דער האנד.

— דו וועסט דאס ניט טרינקען, האט וויליאם אויסגעשריען, אנכאפענדיג איהר ביי דער האנד.

זי האט זיך געפרובט ארויסרייסען פון איהם, אבער דאס איז געווען אומזיסט.

— איך האב דיר געוואלט פערשפארען דעם לעצטען וועהטאג, האט זי געזאגט, נאר דו צווינגסט מיך צו זיין ברוטאל. ציים איך האב דיך געזעהן דאס לעצטע מאל אין פאריז, האבען זשאק'ס ליפען בעריהרט מיינע. איך וועל דיך קיין מאל מעהר ניט קענען קוסען, וויליאם.

וויליאם האט אוועקגעטהאן איהרע הענד און איז לאנגזאם אבגעטראטען פו איהר, ניט אראבלאזענדיג פון איהר זיינע ווילדע אויגען.

— אה, דו זעהסט? האט זי אויסגערופען מיט אן אונגעוועהנליכען שמייכעל; דו זעהסט, אז איך בין ניט ווערטה אז די ערד זאל מיך טראגען.

ער איז צוגעגאנגען ביז צו דער וואנד און אנשפארענדיג זיך אן איהר, האט ער ניט אראבגעלאזט די אויגען פון זיין פרוי.

זי האט אויפגעהויבען דאס פלעשעל, אום ער זאל קענען בעסער זעהן.

— יעה, וויליאם, איך וועל דאס טרינקען און דזא וועסט מיך ניט אב־האלטען.

ער האט זיך א צאפעל געטהאן: זיינע צייהנער האבען געקלאפט, ער איז געוועזן וויא בעצויבערט פון דער סצענע.

מאנדאלען האט לאנגזאם אויסגעטרונקען דעם גיפט פון פלעשעל.

דעו גיפט האש געווירקט מאָמענטאל וויא א בליץ. זיא האט זיך א ווארף געטהאן מיט'ן געזיכט צו דער ערד. איהרע רויט נאַקדערנע האָר האבען זיך צולאזט און האבען איהר בעדעקט וויא א ים בלוט.

וויליאם האט געזעהן יעדע איינצעלהייט פון דער סצענע. וואס מעהר זיא האט געטרונקען, איז ער אלץ נידריגער און נידריגער געזונקען צו דער ערד, ביז ער האט זיך צוזאמענגעדרייט אויפ'ן באָדען. איהם האט אויסגעוויזען, אז צוזאמען מיט'ן פלעשעל האט זיך אויסגעלעדיגט זיין מארך. ער איז געזעסען שטום און גע־קוקט דורך דיא פיסלאך פון דעם טיש אויפ'ן קערפער פון זיין ווייב. דאן האט ער רויסגעלאזט א ווילדען וואהנזיניגען געלעכטער. ער האט ווילד אנגעהויבען צו לויפען איבערן צימער, שפרינגענדיג פון צייט צו צייט איבערן קערפער פון זיין פרוי.

אין דיזען מאמענט האט זיך זשענעוויוו בעוויזען אין טהיר. זיא איז געשטא־נען אונבעוועגט און שטייף וויא דאס שיקזאל. זיא האט ארומגעקוקט דאס צימער. דער־זעהענדיג דעם טוידשען קערפער פון מאנדאלען און דעם וואהנזיניגען וויליאמען וואס איז געשפרונגען איבערן קערפער און האט געלאכט מיט א ווילדען געלעכ־טער, האט זיא רוהיג געזאגט מיט איהר הארטער פאנאטישער שטימע:

— ניין, גאָט דער פאָטער איז קיין מאל ניט מוחל!

ע נ ד ע.